STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09689

FUNKEN UN FLAMEN

Yitzhak Kahn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הילע און אותיות געצייכנט

פון אהרן גורוויטש

יצחק קאהאן

יצחק קאַהאַן

פֿונקען און פלאַמען

פֿען־צייכענונגען, עסייען און מאָנאָגראַפֿיעס

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער באַטייליקונג
פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן קאָמיטעט

מעלבורן, 1964

Itzchock Kahn
"FUNKEN UN FLAMEN"
(Sparks and Flames)

Copyright 1964 by I. Kahn, Melbourne, Australia

Printed by E. H. Gibbs & Sons, 19 Niagara Lane,
Melbourne, Australia

חנהן און שמואלן —

מיט ליבשאַפט

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין משפחה ע״ה —

מיינע אומגעבראַכטע עלטערן און שוועסטערס: מיין פאָטער ר׳ חיים דוב ב״ר שמואל הכהן, שו״ב פון אָסטראָלענקע, דער ירא שמים און תלמיד חכם; מיין מוטער חיהביילע בת ר׳ מאיר; און מיינע יונגערע שוועסטערס פייגעלע און רייזעלע קאַהאַן — אומגעקומען דורך די רוצחים אין מאַלטשאַד, דעם 15־טן יולי 1942. זייער ליכטיקן אָנדענק, וואָס לעבט אין מיין געמיט און זכרון — געווידמעט.

פון מחבר

עטלעכע אָפּהאַנדלונגען פון דעם בוך זענען געווען טעמעס פון מײַנע פּאָרלעזונגען אין „קדימה" (מעלבורן) און אין „פאָלקס־צענטער" (סידנעי) ביי געלעגנהייטן פון אָפּצייכענען אַ יאָרצייט אָדער אַ געבוירן־טאָג פון די שרייבער (לייוויק, דוב־נאָוו, העמינגוועי); און טאַקע בעת די פּאָרלעזונגען האָט אַ גרופּע פרײַנד גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו, אַז מײַנע עסייען און מאָנאָגראַפיעס זאָלן דערשייַנען אין בוך־פאָרם. איך פאַרשפּאָר דאָ איבערצוגעבן די פרייד מײַנע בעת אָט דעם וואַרעמען אָפּרוף.

וואָס אַ שרייבער לעבט איבער בעת ער שרײַבט פאַרן שופלאָד קען קיין זייטיקער מענטש נישט פילן. אין שופלאָד זענען די בעסטע אַרבעטן און שאַפונגען נאָר שטומע קינדער און דעם צער זייערן קען נאָר זייער אייגענע מאַמע פילן... ווען אַ מאַנוסקריפּט דערזעט די ליכטיקע שיין און ווערט אַרומגענומען מיט צוויי טאָוולען, ערשט דאַן ווערט עס רעדעוודיק... פון שמות ווערט אַ בוך און אויב עס איז אַ גאָר ווערטפולער מאַטעריאַל — ווערט עס אַ ספר צום לייענען און לערנען.

*

„אַ מענטש ווערט וואַקלדיק אויב ער פאַראַנקערט נישט צו עפּעס וואָס האָט אַ יסוד". זינט דעם חורבן האָט כמעט יעדער לעבן־געבליבענער ייד געשפּירט ווי ער וואָלט אַוועקגעשוואומען אויף אַ ברעט נאָך אַ שיפבראָך ערגעץ־וואו אין דער וועלט... אָבער אויך אין דער פאַרוואָגלטקייט און אָפּגעריסנקייט פון זײַן שורש האָט אַ יידישער ייד געפילט, אַז ער וואָלט פאַרלוירן געגאַנגען — אפילו ביים ניצול ווערן פון פיזישן אומקום — אויב ער וואָלט נישט געהאַט כסדר פאַר די

אויגן די אַלטע היים, איר חלום און וואָרצלדיקייט, וואָס האָט אויפגעבליצט מיט אַ באַזונדער ליכט נאָכן אימהדיקן קאַטאַקליזם.

*

איך האָב דעם קריג אויסגעמיטן אַ דאַנק מיין עמיגרירן קיין אויסטראַליע סוף 1937. טראָץ דעם האָב איך אויך געשפּירט, אַז מען קען פאַרלוירן גיין אין די נייע וואוין־לענדער, אויב די אַלטע היים וואָלט נישט געשטאַנען אין הינטערגרונט פון מיין גייסטיקער וועלט, אויב מען זוכט נישט צוריק צו פאַרקניפּן די איבערגעריסענע פעדים.

מיין היים אין פּוילן האָב איך פאַרלאָזט אַלס יונגער מענטש, מיט אַ סך נאָסטאַלגישע זכרונות און מיט דער ספּעציפישער לירישקייט צו די געדענקטע שיינקייטן פון אונדזערעווירקלעכע אָדער אידעאַליזירטע קינדער־ און יוגנט־יאָרן אין דער אַלטער היים. יענע היים איז געבליבן טיף אין מיין געמיט און זכרון און איז אין דער נייער וועלט געוואָרן מיין אָנשפּאַר און צובונד צו אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן און צו אַלע דערהויבענע שטרעבונגען פון אונדזער יידישן לעבן.

אין מיין יוגנט בין איך געצויגן געוואָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען, אָנהויבנדיק פון דער שטרענג־רעליגיעזער, חסידיש־אָרטאָדאָקסישער היים פון מיינע עלטערן ע״ה, און שפּעטער די סעקולערע, נאַציאָנאַל־וועלטלעכע סביבה מיט דער יידיש־סאָציאַליסטישער מיליע, וועלכע האָבן אויסגעברייטערט מיינע גייסטיקע האָריזאָנטן און פאַראינטערעסירונגען. ליטעראַטור און קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען זענען פון מיין פריסטער יוגנט געשטאַנען אין צענטער פון מיין גייסטיקער וועלט. עס פלעגט מיך פאַרכאַפּן דאָס קינסטלערישע וואָרט־בילד און פּאָעטישער פלאַם — „אַ פלאַם דאָס וואָרט, דאָס האַרץ פון דיכטער ברענט״ (א. לעיעלעס).

*

אין מעלבורן, במשך די אַלע יאָרן זינט איך בין דאָ אָנגעקומען, האָב איך בכתב און בעל־פּה געפּרואווט אַריינדרינגען אין דעם מהות, סטיל און גייסט פון אונדזער יידישער ליטעראַטור און פון די גרויסע מייסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

פון מחבר

איך האָב געזוכט די גייסטיקע וויטאַמינען פאַר אונדזער נאָך־מלחמהדיקן יידישן לעבן, וואָס היילט זיך פון אַ טויזנט וואונדן בכל תפוצות ישראל.

אין מיינע עסייען און פאָרלעזונגען האָב איך געפּרוּווט אויסטייטשן דעם היינט אין ליכט פון געשיכטלעכע דערפאַרונגען; אין ליכט פון דער יידישער און וועלט־ליטעראַטור — געזוכט אַן ענטפער אויף אונדזערע פראַגן, ספקות און פּסיכישע ריסן...

איך האָב אין די ווערק פון אונדזערע גרויסע קינסטלער־מיטצייטלער (פּאַסטערנאַק, העמינגוועי, שאָו) געזוכט דאָס בילד פון אונדזער עפּאָכע, פון דעם היינטצייטיקן מענטש מיט זיינע אָפּענע און פאַרבאָרגענע וואונדן; פון דעם יחיד, ווי אַ סימבאָל, ווען ער ווערט טיפּיש און זיין גורל איז ענלעך צו אַ שיכט, קלאַס אָדער אפילו אַן עפּאָכע; און צום יחיד, ווי אַן אינדיווידועלער ספּעציפישער פאַל. דערביי האָב איך געהאַט פאַרן אויג דעם זאָג פון אַלבערט קאַמי: „מיר זענען אַלע ספּעציפישע פאַלן. מיר אַלע אַפּעלירן קעגן עפּעס. יעדער פון אונדז וויל דורכאויס אויפווייזן, אַז ער איז אומשולדיק, אפילו ווען ער דאַרף צוליב דעם באַשולדיקן די גאַנצע מענטשלעכע ראַסע, און אפילו דעם הימל גופא"...

*

איך האָב אין שפּיגל פון דער ליטעראַטור בולטער געזען דעם אַלט־נייעם געראַנגל צווישן די העלדן פון שווערד און העלדן פון גייסט. עס האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט, אַז דאָס איבערגעבן זיך דער פיזישער קראַפט איז געווען די פּאַטאַלע שוואַכקייט פון דער געצנדינערישער וועלט (און ווי זעט עס אויס אין דער היינטיקער וועלט?...).

די ווערק אויף ביבלישע און געשיכטלעכע מאָטיוון האָבן תמיד געהאַט פאַר מיר אַ באַזונדערע צוציאונגס־קראַפט. ביי די גרויסע מייסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור האָב איך געפונען דאָס פייער וואָס האָט געבראַכט דעם שיין פון ווייטע האָריזאָנטן. איך האָב אָפּגעקליבן פון זייער שאַפן די ווערק וועלכע אָטעמען מיט פולע לונגען די היסטאָרישע לופט און זענען מזווג דעם עבר מיטן היינט. דורך עפּישע און לירישע שילדערונגען

דערפילן מיר דעם לעבעדיקן פולס פון אונדזער געשיכטע, איר סוגעסטיע און שטימונג, איר לעגענדע אוןווירקלעכקייט. און ווער עס פרואווט זיך אָפּרייסן פון איר, זאָגט צו אים דער ענגלי־שער פּאָעט בלעיק: „וואַרפסט זאַמד צום ווינט און דער ווינט בלאָזט עס צוריק אויף דיר" — עס קומט צוריק צום שטאַם...

*

אין מיין אַריינפיר האָב איך געשריבן, אַז דאָס בוך איז איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען, אָבער צוליב טעכנישע סיבות האָב איך דעם דריטן טייל נישט געקענט אַריינגעבן אין בוך.

עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז דאָס אַרויסגעבן אַ יידיש בוך איז אין דער גאַנצער וועלט פאַרבונדן מיט נסים. עס איז אָבער דאָך אַן אונטערשיד פון אַ ניו־יאָרק אָדער תל־אביב, וואו עס עקזיסטירן יידישע פאַרלאַגן — געזעלשאַפטלעכע אָדער פּריוואַטע — ביז אַ מעלבורן, וואו דאָס אַלץ איז נישט בנמצא. דערפאַר קומט דאָ אַן מיט אומגעהויערע מי און שוועריקייטן אַרויסצוגעבן אַ יידיש בוך.

נישט מיט קיין לייכט געמיט האָב איך דעם דריטן אָפּטייל — פון וועלכן איך האָב נאָך פריער אַרויסגענומען, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, אייניקע גרעסערע אַרבעטן — צוריק אַריינגעלייגט אין מיין שופלאָד. איך האָב צוליב טעכנישע סיבות געמוזט זיך באַנוגענען מיט די צוויי אָפּטיילונגען, וואָס נעמען אַרום פולע 400 דרוק־זייטן. די אַרבעטן פון דריטן טייל, האָף איך, וועלן צוזאַמען מיט אַנדערע געדרוקט ווערן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. נאַטירלעך, אויב עס וועלן נאָר זיין באַדינגונגען...

*

איך וויל דאָ אויסדריקן מיין האַרציקסטן דאַנק דעם גע־זעלשאַפטלעכן קאָמיטעט — און יעדן איינצלנעם פריינד פון אים באַזונדער — פאַר דעם גוט־אָרגאַניזירטן און ענערגישן פאַרפאַרקויף פונעם בוך, וואָס אַ דאַנק דעם איז מעגלעך געוואָרן זיין דערשיינען. איך וויל אויך דאַנקען דעם פריינד אהרן גורוויטש פאַר זיין הערלעכער, קינסטלעריש־געצייכנטער הילף.

די אַלע פריינד — מיין האַרציקסטן יישר־כוח!

מעלבורן, יוני, 1964.

אינהאַלט

אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — 13

ערשטער טייל

אויף ביבלישע און היסטאָרישע מאָטיוון

פון תנ"ך־פונקען — אַ גרויסער פלאַם — — — — — — — 21
טאָמאַס מאַנס „יוסף און זיינע ברידער" — — — — — — 38
העלדן פון שווערד און העלדן פון גייסט — — — — — 73
לעאָ פויכטוואַנגערס „יאָזעפוס פלאַוויוס" — — — — — 94
היסטאָרישע ראָמאַנען — היינטצייטיקע פּראָבלעמען — 118
דער ניגון פון דער יידישער געשיכטע — — — — — 143

צווייטער טייל

מאָנאָגראַפיעס און עסייען

באָריס פּאַסטערנאַק — דער גרויסער שווייגער פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור — — — — — — — 174
וואַלטער ראַטענוי — דער סימבאָל פון אַ טראַגישן דור — 242
ערנעסט העמינגוועי — דער דיכטער פון דער „פאַרלוירענער גענעראַציע" — — — — — — — 287
די עקזאַלטירטע, עקזאָטישע יידישקייט פון בענדזשאַמין ד'איזראַעלי — — — — — — — — — — — 262
פאַרוואָס איז סטעפאַן צווייג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד?... — 321
דאָס געוויין פון געשענדעטן מענטש — — — — — 340
דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו — דער פּרעטענדענט אויף שעקספּירס טראָן — — — — — — — — — 360
„האַמלעט" — אַ דראַמע פון אונדזער צייט — — — — — 392

אריינפיר

„פונקען און פלאַמען" — דער נאָמען פון דעם בוך איז אַן אָנדייט אויף די ביבלישע און געשיכטלעכע פונקען, וועלכע זענען אין דער קוזשניע פון קינסטלערישן שאַפן פאַנאַנדער־געבלאָזן געוואָרן אין פלאַמען. עס איז אויך מרמז, אַז די צענד־ליקער ווערק, וועלכע ווערן באַהאַנדלט אין דעם בוך פאַר־מאָגן פונקען און פלאַמען פון אַ פאַרשידענער גרויס און אפילו די ווערק, וואָס האָבן אין זייער גאַנצקייט נישט קיין גאָר גרויסן קינסטלערישן פלאַם, פאַרמאָגן אויך גאָר שטאַרקע פונקען; קאַפּיטלען און זייטלעך וועלכע לייכטן און וואַרעמען און — אין געוויסע ערטער — צעפלאַקערן זיי זיך אין פלאַמען.

מיר טרעפן זיך נישט איין מאָל מיט ווערק, וואו איינצלנע קאַפּיטלען זענען פאַר זיך גופא קונסט־שאַפונגען. און ווידער אַנדערע קאַפּיטלען, וואָס פאַרמאָגן נאָר אַ קינסטלערישן בלוט־טראָפּן צום באַפאַרבן... לאָמיר אויך נישט פאַרגעסן, אַז נישט אַלע לייענער — און קריטיקער — נעמען אויף אַ ווערק אויף איין און דעם זעלבן אופן. מען דערציילט פון אַ מוסרניק, וועלכער איז אַוועק קיין דייטשלאַנד צו הערן לעקציעס וועגן פילאָזאָפיע און פסיכאָלאָגיע. ער איז צוריקגעפאָרן אַן אַנ־טוישטער: „דאָרט פאַרנעמט מען זיך מיט קלייניקייטן" — האָט ער דערציילט זיינע חברים...

* * *

דאָס בוך באַשטייט פון דריי טיילן. אין ערשטן אָפּטייל — אויסשליסלעכע אָפּהאַנדלונגען אויף ביבלישע און היסטאָרישע מאָטיוון. איך הויב אָן, בכוונה, מיט די קלאַסישע ווערק פון וועלט־באַוואוסטע קינסטלער, וועלכע האָבן פון געציילטע, פאַר־זיגלטע פונקען אין חומש געשאַפן ריזיקע פלאַמען, וואָס

וועלן — אַזוי דאַכט זיך מיר — קיינמאָל נישט ווערן אויס־געלאָשן.

ריכאַרד בער האָפמאַנס טיף־סימבאָלישע און גרויס־פּאָע־טישע דראַמע יעקבס חלום איז היינט אַזוי צאַפּלדיק־אַקטועל, ווי זי איז געווען מיט 45 יאָר צוריק בעת איר פּרעמיערע אין ווינער בורג־טעאַטער (1918). אָט די דראַמע געהער צום איי־זערנעם רעפּערטואַר פון „הבימה" אין ישראל, און איז אויך גע־שפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרק און אין וואַרשע, און ביז היט־לערס קומען צו דער מאַכט — געהערט צום קלאַסישן רעפּער־טואַר פון דער פּרייער צענטראַל־אייראָפּעאישער בינע. און אפילו נאָכן קריג האָט דער פירנדיקער ליטעראַרישער זשורנאַל אין שטאָקהאָלם („די נייע רונדשוי") געשריבן, אַז בער־האָפּ־מאַנס דראַמעס אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט — און פאַר די יידן גופא — דעם אוניקום־זין פון ישראלס געשיכטלעכער ראָל...

טאָמאַס מאַנס יוסף־ביכער זענען טעמאַטיש און דיכטע־ריש אַ סיאַמער צווילינג פון „יעקבס חלום". זיי אַנטפּלעקן פאַר אונדז אויף אַ דיכטערישן, גרויסצוגיקן אופן די זוכענישן און דערגרייכונגען פון די ביבלישע אבות; די ציוויליזאַציע פון זייער אור־אַלטער וועלט און די פאַרגעשריטענע עגיפּטישע ציוויליזאַציע מיט אירע קולטן און מיטאָסן. פון די טיפסטע טיפענישן האָט דער דיכטער אַרויסגעהויבן אַ פילפאַרביקע, באַפּעלקערטע וועלט פונעם בראשית מיט דער אַנטשטייאונג פון אַלע געשטאַלטיקונגען: רעליגיע, פּאָעזיע, ליבע און פילאָזאָפיע — צום אָנהויב פון אַלע איבערלעבונגען ביים וויגעלע פון דער געשיכטע.

דער קינסטלער פירט אונדז אַוועק צו די וואָרצלען פון דער ציוויליזאַציע צו דעם באַגינען פון זכרון און באַוואוסטזיין, ווען די אַספּיראַציעס פונעם מענטש און די מיסטעריע פון אוני־ווערס האָבן באַקומען זייער פאַרקערפּערונג אין סימבאָל, מיטאָס און לעגענדע... דער דיכטער פאָלגט נאָך דעם חומש בראשית צו אילוסטרירן דעם אומאויפהערלעכן גראַנגל אין דער וועלט אויסצובעסערן אַלע געשטאַלטיקונגען, און אין דער ערשטער ריי — דעם מענטש! דערציילט דאָך דער חומש, אַז ווי נאָר גאָט האָט אים באַשאַפן האָט ער באַלד איינגעזען דעם דורכ־פאַל און אַ מבול געבראַכט... און פון דעם מבול אָן איז אונ־

אַ ר יי נ פ י ר

דזער פיל־טויזנטיאָריקע געשיכטע פאַרנומען מיט אויסבעסערן דעם מענטש. הגם מיט אַ גאַנץ קליינעם דערפאָלג...

טאָמאָס מאַן האָט אין דעם ריזיקן וואָלקנקראַצער, וואָס ער רופט אָן יוסף און זיינע ברידער, געלאָזט אָפּהילכן זיין גלויבן און רוף: „זאָלסט אפילו אין דער טראַגישסטער צייט קיין מאָל נישט פאַרלירן דעם גלויבן אין מענטש!” פון די איבער צוויי טויזנט זייטן פונעם ווערק לויכט אַרויס דעם דיכטערס אני־מאמין, אַז אפילו דער פאַרדאַרבנסטער צווישן אונדז האָט אויך אין די 24 שעה פון מעת־לעת אַ מאָמענט, ווען עס כאַפּט אים אַרום אַ בענקשאַפט נאָך שענערס און בעסערס און ער זוכט דאַן אַ וועג צו גאָט...

* * *

פון די ביבלישע און פרע־היסטאָרישע — צו שפּעטערדיקע געשיכטלעכע עטאַפּן, קינסטלעריש געשטאַלטיקט אין די ווערק פון משה שמיר, לעאָ פויכטוואַנגער און יוסף אָפּאַטאָשו, וועמענס היסטאָרישע ראָמאַנען זענען באַזירט אויף גרויסע דראַמאַטישע תקופות אין דער יידישער געשיכטע און אָנגעלאָדן מיט טיפער שפּאַנונג.

„אויב מיר קענען זען אין די סטיליזירטע באַשעפענישן (פון די ווערק) מענטשן פון פלייש און בלוט, באַווייזט עס דעם כוח פון קינסטלערישער יצירה” — זאָגט פויכטוואַנגער וועגן די געשטאַלטן, וועלכע יאָזעפוס האָט געשילדערט אין זיין געשיכטע. די דאָזיקע באַצייכענונג איז דאָך אַזוי צוגעפּאַסט פאַר פויכטוואַנגערן גופא, ווי פאַר יעדן עכטן קינסטלער.

אין מלך בשר ודם („דער קעניג פון בלוט און פלייש”), פון משה שמיר, אין פויכטוואַנגערס יאָזעפוס־ביכער און אין אָפּאַטאָשוס ר׳ עקיבא און בר־כוכבא, זענען קינסטלעריש געפורעמט געוואָרן פונדאַמענטאַלע עלעמענטן און מאָטיוון פונעם יידישן מענטש און קאָלעקטיוו. די גרויסע דראַמאַטיש־אָנגעלאָדענע חשמונאים־תקופה; די טראַגישע עפּאָכע בעתן חורבן בית־שני (אויפן פאָן פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין די דעמאָלטיקע דריי וועלט־מעטראָפּאָליעס, ירושלים, רוים און אַלעקסאַנדריע), דער לעצטער אויפשטאַנד קעגן רוים — אַלע דריי גורלדיקע פעריאָדן אין דער יידישער געשיכטע זענען

ברייט אויסגענוצט געוואָרן פון די אויבן דערמאָנטע קינסטלער אויף אַ גרויסצוגיקן דיכטערישן אופן. זיי האָבן אין דער געשיכטלעכער קאַנווע אַריינגעוועבט אַלט־נייע פּראָבלעמען, אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, אויסערלעכע מלחמות און אינערלעכע שלאַכטן (פון דער מענטשלעכער נשמה), כאַראַקטער און גורל, זייער שייכות אין ליכט פון אַן אַלטן, בולטן היסטאָרישן לעבנס־שטייגער; די פונדאַמענטאַלע מאָטיוון און אינסטינקטן, וועלכע באַוועגן די האַנדלונגען פונעם מענטש.

געשעענישן און וויזיעס, רעאַליזם און סימבאָליק און די פולע גאַמע טרייב־קרעפטן וועלכע האָבן באַווירקט דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע און דעם יידישן מענטש — האָבן באַקומען אַ קינסטלערישן תיקון אין די היסטאָרישע ראָמאַנען. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז אין די ווערק אַנטפּלעקט זיך דעם שרייבערס פּערזענלעכקייט און זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן.

די ערשטע אָפּטייל — אויף ביבלישע און היסטאָרישע מאָטיוון — שליסט זיך מיט אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם לעבן און שאַפן פון גרויסן יידישן היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, פון וועמענס ווערק עס זינגט אַרויס דער ניגון פון דעם געשיכטלעכן גאַנג פונעם יידישן פאָלק.

דובנאָוו געהער צו די געציילטע וואונדער־קינדער, וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן פון זיך איידער עס האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט די בלוטיקע האַק.

אויף אַ קאָנדענסירטן אופן צייכן איך דעם היסטאָריקערס חבלי־לידה ביז ער האָט געפונען זיין וועג צו זיך און צו זיין גרויסן געשיכטלעכן בנין. ביים שרייבן וועגן אים, וועגן זיינע זוכענישן, בלאָנדזשענישן און אַנטדעקונגען, זיין סטיל און טעמפּעראַמענט, איז אויף מיינע ליפּן געוואָרן אַ תפילה, אַז אונדזער יוגנט זאָל עס לייענען און דערפילן דעם הייסן אָטעם פון זיין וואָרט און איבערצייגונגס־קראַפט. זאָלן יידישע עלטערן פאַרלייענען פאַר זייערע קינדער דובנאָווס פלאַמיקע ווערטער, וועלכע טראָגן אַזאַ נאַציאָנאַל־עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג און זענען באַהויכט מיט אַזוי פיל מענטשלעכער ווירדע און נאַציאָנאַלן שטאָלץ, ווען ער רעדט וועגן דער אויפהאַלטונג פון דער אייגענער קולטור.

אַ ר ײַ נ פ י ר

„עס דאַרפֿן רויט ווערן פֿאַר בושה די וואָס וואָגן צו זאָגן, אַז דער וועטעראַן פֿון געשיכטע, פֿאַר וועמענס אויגן ס'איז דורכ־געגאַנגען גאַנץ אייראָפּע פֿון באַרבאַריי ביז ציוויליזאַציע, דער וועלכער האָט פֿאַרבייגייענדיק אַ וואָרף געטאָן דער מענטשהייט צוויי רעליגיעס און זיך ווייטער געגאַנגען שטאָלץ זײַן אייגענעם וועג, אַז דאָס דאָזיקע פֿאָלק מוז פֿאַרלירן זײַן אינדיווידואַליטעט און זיך אַסימילירן מיט פֿעלקער פֿון אַ יונגערער און ווייניקער אויסגעפֿרוווטער קולטור".

אין צווייטן אָפּטייל נעם איך אַרײַן גרעסערע אַרבעטן מײַ־נע — מאָנאָגראַפֿיעס און עסייען — וועגן אַ ריי באַדייטנדיקע קינסטלער פֿון דער וועלט־ליטעראַטור, אײַנשליסלעך די נאָבעל־לאַורעאַטן ערנעסט העמינגוועי און באָריס פּאַסטערנאַק.

אין דעם טייל זענען פֿאַרטראַטן קינסטלערישע פּערזענ־לעכקייטן פֿון יידישן אָפּשטאַם, סיי די וועלכע האָבן זיך גע־ראַנגלט מיט זייער יידיש בלוט (וואַלטער ראַטענוי), אָדער פֿאַרקערט, די עקזאַלטירטע, ביז גאָר עקזאָטישע יידישקייט פֿון אַן אָפּגעשמדטן ייד — בענדזשאַמין ד'איזראַעלי (לאָרד ביקאָנס־פֿילד); דער יידישער מאָטיוו אין דער טראַגעדיע סטעפֿאַן צווייג, וועמענס זעלבסטמאָרד ס'איז פֿאַרבליבן אַ מיסטעריע.

מיר האָבן אַ גרויסע יידישע חורבן־ליטעראַטור. פֿון די נישט־יידישע שרײַבער, גלויב איך, האָט נאָר איין קינסטלער, רעמאַרק, געשאַפֿן אַ טיף־גראַבנדיקן חורבן־בוך, וואָס איז אַן אוניקום אין דער נישט־יידישער (און לאָמיר צוגעבן: אויך יידי־שער) חורבן־ליטעראַטור. דאָס בוך איז אַ פֿונק פֿון לעבן איז אַ קינסטלערישער דאָקומענט לדור דורות פֿון דעם לעבן אין אַ דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער יידישער לייענער ווערט ביים לייענען אַ מיטשאַפֿער צום בוך אַרײַנטראָגנדיק אין אים זײַנע אייגענע טרערן...

עס איז תמיד צו דער צייט צו שרײַבן וועגן וויליאַם שעקס־פּיר און באַזונדער היי־יאָר, ווען עס פֿאַלט אויס זײַן פֿיר־הונ־דערטסטער געבוירן־טאָג. מײַן אַרבעט וועגן האַמלעט אין אונדזער צייט איז פֿאַר מיר געווען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אָפּ־צוצייכענען די אומשטערבלעכע דראַמע פֿון גרעסטן דראַמאַ־טורג פֿון אַלע צייטן, אויף וועמען דער שטויב פֿון צייט האָט נישט קיין שליטה.

בערנאַרד שאָו — דער פּרעטענדענט אויף שעקספּירס טראָן אין אונדזער צייט — האָט בשעתו אויפגערודערט אַ וועלט. זיינע ווערק האָבן בלתי־ספק מיטגעהאָלפן איינצוברעכן מויערן. זיי זענען ווי אַ טאַנק דורכגעגאַנגען איבערן רוקן פון אַ דורות־דיקן קאָנווענציאָנעלן לעבנס־שטייגער מיט זיינע אמתן און באַגריפן.

אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן בערנאַרד שאָוס לעבן און שאַפן האָב איך נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג די אַקצעפּטירטע הנחה, אַז יעדער שרייבער און יעטוועדע שאַפונג טראָגט אין זיך די מאָס און וואָג, לויט וועלכער עס קען ווערן אָפּגעשאַצט.

אין די שאַפונגען פון גרויסע קינסטלער, פון אַ שעקספּיר־קאַליבער אָדער פּאַסטערנאַק, איז פאַראַן די גראַנדיעזקייט און מיסטעריע פון גאַנצן באַשאַף, וואָס פאַרכאַפּט אונדזער אָטעם און באַהויכט אונדזער לעבן און מעשים. ווי האָט געשריבן די ענגלישע דיכטערין עליזאַבעט באַרעט בראַונינג: „די גאַנצע ערד איז פול מיט הימל, און יעדעס געוויינלעכע דאָרן־ביימעלע פלאַמט מיט גאָט, נאָר בלויז דער וואָס דערזעט טוט אויס די שיך"...

* * *

די באַהאַנדלטע שרייבער פון די צוויי אָפּטיילונגען האָבן געשאַפן אין פאַרשידענע שפּראַכן און זענען פאַרן רוב יידישע לייענער נישט צוטריטלעך אין אָריגינאַל נאָר אין איבערזעצונגען. עס וואָלט געווען אַ פאַלשע וואָג און מאָס אויב מען זאָל מעסטן און וועגן די קינסטלערישע קוואַליטעטן פון אַ ווערק לויט דער איבערזעצונג... באַזונדערס איז דאָס חל אויף פּאָעטישע ווערק, און טאָקע, לאָמיר אָנרופן אַזאַ פּאָעט, ווי פּאַסטערנאַק, וועמענס דיכטונג (פּאָעזיע און פּראָזע) וואָרצלט טיף אינעם רוסישן לשון מיט אַלע זיינע קלאַנג־אַסאָציאַציעס און מוזיק פונעם וואָרט.

דער נישט־לאַנג־פאַרשטאָרבענער, באַוואוסטער אַמעריקאַנער פּאָעט ראָבערט פראָסט האָט אַמאָל באַמערקט אַז „פּאָעזיע איז עפּעס וואָס מען קען נישט איבערזעצן"; און ווירקלעך ווייסט מען דאָך, אַז די געשיכטע פון איבערזעצונגען האָט הינטער זיך אַ גאַנץ היפּשן בית־עולם, וואו עס ליגן באַגראָבן גרויסע פּאָע־

טישע ווערק. (מען קען צוגעבן: אויך גרויסע פּראָזע־ווערק...) זעלטן ווער האָט באַוויזן אַרויסצוקומען בשלום ביים איבער־זעצן קינסטלערישע גרויסע ווערק. די זעלטענע אויסנאַמען האָבן נישט איבערגעזעצט, נאָר איבערגעדיכטעט. און דאָס האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געקענט טאָן נאָר אַזעלכע איבערזעצער, וועלכע זענען אַליין גרויסע דיכטער.

דאָך האָבן מיר פיל קינסטלערישע ווערק (אין איבערזע־צונגען) אין וועלכע עס איז נאָך זייער פיל עשירות געבליבן. דערמאָנט עס מיר אין דעם ענטפער, וואָס דער בראַזיליאַנער מאָלער פאַרטינער, האָט געגעבן ווען מען האָט אים געפרעגט וואָס פאַר א פאַרגעניגן קען ער שוין מ'שטיינס געזאָגט האָבן פון לייענען שעקספּירן אויף פּאָרטוגעזיש...

— מיינע פריינט — האָט ער זיי געענטפערט — שעקספּיר אין איבערזעצונג איז ווי א מיליאָנער, וועלכער האָט פארלוירן געלט, אָבער איז נאָך אַלץ פארבליבן אַן עושר גדול...

נאָך דעם, וואָס דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן איז אפשר נויטיק צוצוגעבן, אז אין א געוויסער מאָס איז דאָך אָפּהענגיק וואָס איינער זוכט אין א בוך און אין ליטעראַטור בכלל. פאַר אייניקע איז ליטעראַטור א כמו־רעליגיע, פאַר אַנדערע — א פילאָזאָפיע און זיי געפינען אויס — ווי דער אויבנדערמאָנטער מוסרניק — אז „דאָרט פאַרנעמט מען זיך מיט קלייניקייטן"... אַנדערע זוכן גאָר פסיכאָטעראַפּיע, סאָציאָלאָגיע — אַלצדינג א חוץ קונסט. דאָס אַלץ האָט פיל צו זאָגן ביים אויפנעמען, פאַר־דייען און הנאה האָבן פון קונסט.

* * *

אין דריטן טייל: שרייבער און ווערק באַמי איך זיך צו געבן א ריי פּראָפיל־צייכענונגען פון יידישע שרייבער; לייוויקס אָרט אין דער יידישער דיכטונג, זיינע עקידות און ראַנגלענישן, דער לײדיקער אָרט וואָס איז פאַרבליבן נאָך זיין טויט. (געשריבן צו זיין ערשטער יאָרצייט) פען־צייכענונגען פון יוסף אָפּאַטאָשו, שמואל ניגער, אברהם רייזען. יעדער פון זיי — א מייל־צייכן איך גאַנג פון אונדזער ליטעראַטור, א נאָמען וואָס האָט אַזוי פיל געמיינט פאַר אונדזער שעפערישקייט און ווערט היינט קוים דערמאָנט...

דער קדוש־פּאָעט ישראל שטערן — וועגן אים זענען ביי מיר פאַרבליבן א ריי דעראינערונגען, פערזענלעכע און אינטימע (איך שרייב וועגן זיי אויספירלעכער אין אַסטראַלענקער „יזכור־בוך״). מיין קורצע עסיי איז פאַרטראַכט ווי א בלימל פון זיינס א בן־עיר אויף זיין אומבאַקאַנטן קבר.

אברהם סוצקעווער: בכתב און בעל־פה איז אַן אָפּצייכענונג פון זיין באַזוך אין מעלבורן, און להבדיל מהחיים, י. י. טרונק און זיין זיבן בענדער־ווערק „פוילן״ — זיין אייגנאַרטיקער ניגון פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, וועלכן טרונק האָט געשטעלט אַ מאָנומענטאַלע מצבה — איז אַ מאָנונג און דערמאָנונג פאַר אונדז — דעם לעצטן דור פוילישע יידן.

אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן „פוילן״ האָב איך בעתן שרייבן געפילט, ווי איך רעד זיך דורך מיט מיין פאָטער ז״ל, מיט מיינע פאָטערס און זיידעס וועלכע איך טראָג אין מיין בלוט...

* * *

ביכער, ווערטפולע, עפּענען אויף טירן און פענצטער צו דער וועלט, צום מענטש, צו דער אייגענער נשמה... זיי נעמען אונדז אריין ווי א שותף צו די איבערלעבענישן, (רעאַלע און וויזיאָנערישע) און דערפאַרונגען פון אַנדערע מענטשן... מיינע אייגענע אויגן זענען נישט גענוג פאַר מיר און אַפילו ווען מען זעט דורך די אויגן פון פיל אַנדערע — איז נאָך אַלץ נישט גע־נוג: עס העלפט אָבער אויסצוברייטערן אונדזערע האָריזאָנטן. מיר זאָלן זען אויך מיט אַנדערע אויגן, פילן מיט אַנדערע הער־צער, מיטחלומען דעם אַנדערנס פאַנטאַזיעס און וויזיעס — ווי א צוגאָב צו די אייגענע. דער וואָס איז צופרידן מיט זיין איי־גענער באַגרענעצטקייט — זיצט אין א תפיסה...

* * *

„פונקען און פלאַמען״ איז מיין ערשטלינג. ווי דער שטיי־גער זענען די געבורטס־ווייען אין אַזאַ פאַל שווערער, ווי ביי די וויטערדיקע געבורטן... איך האָב פאַר דעם בוך אָפּגעקליבן פון מיינע מאַנוסקריפּטן נאָר די, וועלכע איך האָב וואָס פריער גע־וואָלט זען אונטער צוויי טאָוולען און זיי איבערגעבן צו די לייענער.

ערשטער טייל
אויף ביבלישע און היסטאָרישע מאָטיוון

פון תנ"ך־פונקען — א גרויסער פלאַם
(וועגן ריכאַרד בער האָפמאַנס „יעקבס חלום")

„אין תנ"ך איז דאָך פון דער מעשה געבליבן נאָר א וואונק, א פּרט. די מעשה איז דאָך געווען גרעסער, דער פלאַם פון דער צייט איז געווען גרעסער ווי דער פונק, וואָס איז פאַרזיגלט געווען אין ספר. דאַרף מען מיט דער אייגענער פאַנטאַזיע, מיט אינטואיציע, מיטן געפיל — צו יענער צייט, צו יענעם פלאַם אַרויסכישופן מער דאָס גאַנצע, דאָס פולע".

דוד איגנאַטאָוו.

במשך פון פיל יאָרהונדערטער האָבן סקולפּטאָרן, מאָלער, פּאָעטן און קאָמפּאָזיטאָרן זיך געראַנגלט מיט ביבלישע מאָטיוון און אויסגעפורעמט פון זיי אומשטערבלעכע קונסט־ווערק. פון פונקען האָבן זיי אַרויסגעכישופט א גרויסן פלאַם, וואָס ברענט, ווי א נר־תמיד.

צו דער קאַטעגאָריע קינסטלער געהער דער גרויסער יידיש־עסטרייכישער דיכטער ריכאַרד בער האָפמאַן. זיין דראַמע „יעקבס חלום" געהער צו די פּערל פון דער וועלט־ליטעראַטור. און הגם דער דיכטער האָט זי פאַרטראַכט ווי א פּרעליוד צו א טרילאָגיע, פאַרמאָגט זי אָבער די קינסטלערישע קראַפט און יחוס־עצמה פון אַ זעלבסטשטענדיקער דראַמע, וואו פאָרם און אינהאַלט, נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע מאָטיוון גיסן זיך האַר־מאָניש צונויף אין שלימות פון גרויסער דיכטונג.

בער האָפמאַן האָט גענומען פון חומש בראשית אַ וואונק, א פונק, א פּרט, וואָס איז אים נאָענט צום האַרצן און עס אריינ־גענומען אין זיין געדאַנקען־וועלט צו דערטראַכטן און אויספילן

מיט קינסטלערישער פאָרשטעלונגס־קראַפט; צו פאַרבינדן עס מיט צייטפראַגן פון ייד און וועלט — די געשיכטלעכע ראָל פון „ישראל בין העמים!"... מיט אַן אַדלער־פלי און דיכטערי־שער פאַנטאַזיע, האָט דער פּאָעט דערנענטערט יענעם ווייטן, לעגענדאַרן, ביבלישן בראשית צו אונדזער צייט און אַרויסגע־בראַכט אונדזער נאַציאָנאַלע דראַמע אויפן פאָן פון דעם אור־אַלטן געראַנגל צווישן יעקבן און עשיון...

*

דער אָנהויב פון דער דראַמע שפּילט זיך אָפּ אין יצחק'ס הויז אין באר שבע. עשיו'ס ווייבער, בשמת און אָהאָליבאַמאַ, האָבן זיך אָקאָרשט דערוואוסט, אַז רבקה האָט אַרויסגענאַרט די „ברכה" פאַר יעקבן און זיי אײַלן זיך אָנצוזאָגן זייער מאַן וועגן דעם שווינדל. עשיו, אַן אויפגערעגטער באַגעגנט דער מאַמען. ער פרעגט איר מיט צאָרן:

— ביסט אַזוי פרעמד צו מיר — — צי בין איך נישט דײַן פליייש און בלוט. פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי פײַנט?

רבקה ענטפערט אים רואיק אַז די פרעמדשאַפט צווישן זיי ביידע איז נישט קיין נייע, און וואָס שייך די „ברכה" — דאַרף ער זיך אויך נישט קאַכן, ווייל זי איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אים:

— דו, מײַן אדום, ביסט צופרידן ווען דו האָסט עסן און טרינקען און פרויען, צו וואָס טויג דיר די ברכה?... דײַן לייב איז בייטאָג דורכגעפּאַרעט מיטן שווייס פון בעסטיעס; ביינאַכט — מיטן זאַלב פון פרעמדע פרויען. דײַן בלוט־קרובהשאַפט איז איצט מיט חיתי און אמורי.

זי פּרואווט אים אײַנגעמען מיט זיסע רייד וועגן דעם ער־דישן גליק וואָס בליט פאַר אים אומעטום:

— „די פּי, דאָס הויז, דער פאַרם, דער ברונעם, די פעל־דער — אַלץ איז דײַנס!... קיין זאַך פאַר דײַן ברודער, קיין זאַך פאַרן פאָטער... (און מוטער). דײַן ברודער וועט זײַן ווייט פון דיר, דײַן פאָטער טויט, דו — דער האַר! — איז וואָס־זשע נאָך קענסטו פאַרלאַנגען?"

עשיו: — „די ברכה!"

ער באַגנוגנט זיך אָבער נישט מיטן אַרויסזאָגן דאָס וואָרט, נאָר פאָדערט — דראָענדיק, — די מאַמע זאָל אַנולירן דאָס גע־

שעענע... רבקה דערשפּירט די סכּנה פאַר יעקבס לעבן. אָבער, גלויבנדיק, אַז זי האָט געהאַנדלט ריכטיק ביים אויסנאַרן די „ברכה" — ווייל נאָר יעקב קען זיין דער טרעגער פון דעם גייסט און פון דעם גורל, וואָס איז באַשטימט פאַר די „זרע אברהם" — דערקלערט זי עשיון גאַנץ קאַטעגאָריש: אַפילו זי זאָל וועלן האָט זי אויך נישט קיין קראַפט עפּעס צו ענדערן פון דעם, וואָס איז געשען און — „געבענטשט זאָל זיין גאָט" וואָס די „ברכה" בלייבט ביי יעקבן. עס איז פונקט ווי אַ שטראָם און שטראָמען פליסן נישט צוריק... „די ברכה פליסט... זי נעמט זיך אָן, שפּראָצט אַרויס און וואַקסט אין יעקבן".

עשיו: „זי איז מיין ברכה. אויב זי וועט וואַקסן אין יעקבן, וועל איך זי אויסגראָבן מיט אַ רידל — צוזאַמען מיטן וואָרצל!"

די גאַנצע סצענקע איז אָנגעלאָדן נישט נאָר מיט דראַ־מאַטישער שפּאַנונג נאָר אויך מיט אַנונגען, מיט אינטואיטיווע שפּירונגען און געשיכטלעכע פאַראויסזעאונגען.

יעקב און עשיו — צוויי באַזונדערע וועלטן! פון ערשטן וועלן אַרויסקומען דיכטער, גייסט־מענטשן געטריבן פון אינער־לעכן אומרו, פון העכערע וויזיעס, פון צווייפלען, זוכן און גלויבן, פון שטרעבן אַראָפּצוציען דעם הימל אויף דער ערד...

פון גאָר אַן אַנדער מענטאַליטעט איז עשיו. ער שטייט מיט ביידע פיס אויף דער ערד און שפּרודלט מיט פיזישער גבורה. אַ העלד פון פייל און בויגן — די ווילדסטע חיות ווערן דורך זיין פייל לייכט פאַרצוקט! ער וועט צונויפזאַמלען פיל מאַטעריעלע גיטער, אימפּעריעס אויפשטעלן, אַרמייען פירן, אין שלאַכטן גיין — תמיד לעבן מיט דער שווערד און פון זיין רויב געניסן...

רבקה האַלט נישט, אַז איר בכור עשיו איז חלילה אַ וואַלד־גזלן, אַן אויסוואורף. ער איז נאָר פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן... ער איז כּולו ערדיש, גשמיותדיק און זיין אידעאַל איז — גראָבע עולם־הזהדיקייט. זי טייטשט — ריכטיק — אויס, אַז אברהמס גייסטיקע ירושה איז נישט געמיינט פאַרן פיזישן בכור, נאָר פאַרן גייסטיקן. דאָס צונעמען דעריבער פון עשיון די „ברכה" איז פאַרבונדן מיט איר טיפער דערקענטעניש פון איר בכור, פון זיין דרך און לעבנס־צוגאַנג.

יצחק איז בלינד זעט ער נישט, וואָס עס טוט זיך אָפּ ביי אים אין הויז... וואָס ווייסט ער וועגן זיינע געטשנדינערישע

שנורן? דעם שלאָפן טאָטן אימפּאָנירן די פעסטע הענט פון עשיון, זייער שפּראָצנדיקע גבורה. אָבער וואָס ווייסט ער פון יונגערן זון, וועלכער — „גייט אַרום פול מיט טונקעלע פראַגן, מיט מיסטעריעס" הערנדיק אַרום זיך — און אין זיך — ספקות, חלומות, בענקשאַפטן און די באַפעלערישע שטימען פון זיינע אבות ?

כדי הנאה צו האָבן פון זיין לעבן, האָט עשיו אַוועקגע־שטופּט זיין גאָט ערגעץ אין א וויטן ווינקל, ער זאָל אים נישט דערגיין די יאָרן... אָבער יעקב ראַנגלט זיך מיט גאָט יעדן טאָג, אומצופרידן מיט זיך, מיט דער וועלט, וועלכע ער וויל טאָג־טעגלעך אויסבעסערן, זי זאָל אַנטשפּרעכן זיין אידעאַל פון „לתקן עולם במלכות שדי". ער גייט נישט אויף יאַגד, הרגעט נישט, ווערט בלאַס פון יעדן בעל־חיס ליידן. זאַפּט אַריין אין זיך יעדן קרעכץ און פּיין. טאָ וואָר־זשע איז מער באַרופן צו זיין דער טרעגער פון דער „ברכה"?...

מיט נביאישער פּאַראויסזעאונג און שפּירונג, האָט רבקה ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם עול פון דער „ברכה" (פאַר איר טרע־גער), א יאָך וואָס נאָר יעקב וועט אים קענען אויסטראָגן!... דעריבער האָט זי נישט מורא געהאַט צו האַנדלען אַזוי דע־צידירנדיק און זאָגן מיט אַזאַ זיכערקייט (אויף יעקבס צווייפלען צי דער פאָטער וועט נישט דערקענען דעם שווינדל און אים פאַרשעלטן דערפאַר) — „אויף מיר דיין קללה!"... זי האָט נישט מורא געהאַט פאַר דעם „הקול קול יעקב", ווייל ווי נאָר די אבות וועלן דערהערן אָט די שטימע וועלן זיי באַלד דערקענען דעם לעגיטימען יורש פון בית־אברהם און — דורך יצחקס מויל — געבן אים די „ברכה".

עשיו באַגעגנט יעקבן...

בער האָפמאַן האָט גענומען אַן אַנדער חומש־פונק — די באַגעגעניש פון ביידע ברידער נאָך דער „ברכה" — און פון דעם געשאַפן א פלאַמיקע סצענקע, אָנגעלאָדן מיט טיפער סימ־באָליק און שיינקייט פון גרויסער דיכטונג, וואָס רייסט מיט דעם לייענער (און בינע־צושויער) מיט די אויפשטורעמדיקע גייסטרייכע מחשבות, עסטעטישע פיינקייטן און טיפע געפילן.

יעקב איז געבליבן אַליין נאָכן באַפרייען זיין געטרייען קנעכט אינדיבאַל. עס באַווייזט זיך עשיו, וועלכער האָט זינט דער „ברכה״ געלויערט אויפן ברודער. ענדלעך האָט ער אים גע־כאַפּט! ער הויבט אָן צו פּראָוואָצירן מיט א מעסער — דורך א טויט־קאַמף צו „דערליידיקן״ זיין געליטענע עוולה... יעקב בלייבט אָבער רואיק, ווי ער וואָלט גאָר נישט בדעה געהאַט צו פאַרטיידיקן זיך. זיין קאַלטבלוטיקייט רעגט נאָך מער אויף עשיון, אָבער אין דער רגע ווען ער וואַרפט זיך מיט רציחה אויף יעקבן דערפילט ער, ווי עפּעס א געהיימע קראַפט האַלט אים אָפּ... א פאַלנדיק קוועלכל אין טאָל קלינגט אָפּ אין זיינע אויערן, ווי די שטים פון א פרוי אָדער קינד. ווען ער פרעגט יעקבן צי עמיצער געפינט זיך דאָ, ענטפערט אים דער לעצטער, אז קיינער, א חוץ די נאַכט, דער ווינט, דער ברודער און אפשר — דער מאַמעס תפילה וואָס באַגלייט אים כסדר.

ביים וואָרט „מאַמע״ ווערט עשיו אָנגעצונדן. פון טיפער אויפרעגונג לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף די קני:

— איך קני שוין פאַר דיר!

— ניין, — ענטפערט אים יעקב. (ער לאָזט זיך אויך אַראָפּ אויף די קני) — מיר ביידע, ברודער מיינער, קניען דאָ אין דער פינצטער. עס פליסט אין אונדז ביידע דאָס זעלבע בלוט, דער זעלבער אויפציטער פאַר דעם נאָמענלאָזן, דורך וועלכן מיר זע־נען דאָ צונויפגעפירט געוואָרן...

— האָסטו מורא פאַר אים? — איך אויך!

זיי שמועסן וועגן נאָמענלאָזן (גאָט), צי האָט עמיצער גע־זען און גערעדט מיט אים. און יעקב דערציילט אים, אז דער זיידע (אברהם) האָט גערעדט מיט אים און ער האָט אים אויפן הר־המוריה צוגעזאָגט:

— „אַלע פעלקער וועלן זיך בענטשן מיט דיין זוימען״ — דורך אונדז האָט ער אַלע געבענטשט.

— אונדז? — פרעגט עשיו, — מיך האָט גאָט פאַרשטויסן.

מיט גוטע רייד נעמט יעקב איין דעם ברודער. ער רימט זיינע מעלות, זייענדיק באַשאָנקען מיט אַזאַ געזונטן לעבנס־לוסט — די גאַנצע וועלט איז פאַר אים אָפן! יעדן פרימאָרגן קען ער גיין אויף יאַגד פון וועלכן ער האָט אַזאַ פאַרגעניגן בעת „איך

לעב איבער די פּיין פון יעדן איינציקן פון זיין באַשאַף" — טאָ ווען איז בעסער, ווער איז דער פאַרשטויסענער?...

ווען עשיו האַלט זיך ווייטער ביי ס'זייניקע, אַז יעקב איז דער אויסדערוויילטער, שפּרינגט דער לעצטער אויף:

— „אויסדערוויילט! — צו וואָס?... צי מיינט אויסדער־ווילט — נישט האָבן קיין שלאָף אָן חלומות ביינאַכט — ביי־טאָג האָבן וויזיעס, הערן שטימען אַרום זיך... אויסדערוויילט אַלע ליידנדע זאָלן מיך רופן, זיך קלאָגן פאַר מיר, אפילו דער שטומער בליק פון דער גוססדיקער חיה זאָל מיך פרעגן: פאַר־וואָס? — דערוואַרטנדיק איך זאָל געבן אַן ענטפער, ווי איך וואָלט געווען ער, וועלכער האָט מיך און אַלע זאַכן באַשאַפן".

עשיו נעמט זיך אַזוי שטאַרק איבער מיט יעקבס רייד, אַז ער לייגט אים פאָר זיי זאָלן ביידע אַנטלויפן ערגעץ־ווייט, וואו דער דאָזיקער (יעקבס) גאָט האָט נישט קיין שליטה...

— קום יעקבל!... פאַרלאָז דאָס לאַנד לאָז אים איבער זיין ברכה... אַנטלויף פון דאָזיקן גאָט.

יעקב קען אָבער נישט טאָן וואָס עשיו.

— אַנטלויפן פון אים? פאַרקערט,איך וועל אים גיין אַנט־קעגן, איך בין אים נויטיק אַזוי ווי איך בין און דו ביסט אים נויטיק אַנדערש... נאָר דערפאַר, וואָס דו ביסט אדום קען איך זיין יעקב...

בער האָפמאַן האָט דאָ אָנגערירט דעם עצם שורש פון זיין נאַציאָנאַלן אני־מאמין, וואָס איז הימל־ווייט פון אתה־בחרתני־דיקן אולטראַ־נאַציאָנאַליזם (און דער אויסגעריבענער קלישע פון דער „יודאַאיסטישער מיסיאָן").

ביידע ברידער, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר קעגנזעצלעכע עלעמענטן, זענען א נויטווענדיקייט אין דעם סדר־העולם. עשיו — דער פּראַקטישער, דערפאָלגרייכער טיפּ, דער שטאָלצער פּיאָ־נער פון מלכים, וועלכער נעמט פונעם לעבן וואָס עס לאָזט זיך נאָר (אָן א פּריק פון געוויסן) — איז אַן אָרגאַנישער באַ־שטאַנד־טייל פונעם אוניווערס, ווי זיין אומפּראַקטישער ברודער, דער מיסטישער טרוימער, דער שטענדיקער זוכער און צווייפ־לער — יעקב.

נישטאָ קיין אתה־בחרתנו־פאָלק! יעטוועדעס פאָלק מאַכט דורך זיין געשיכטלעכע דערפאַרונג, וואָס זיין נאַציאָנאַלע אינ־

דיווידואַליטעט און גורל האָבן פאַר אים צוגעטיילט. דער דיכטער זינגט אויס זיין געזאַנג פאַרן פאַן־הומאַניזם! אַלע באַשעפענישן זענען גלייך פאַר גאָט און דאַרפן לעבן אין הסכם מיט זייער אייגנאַרטיקן מהות. יעדער יחיד און פאָלק איז אויסדערוויילט געוואָרן דורך געשיכטע (און גורל) דורכצומאַכן זיין וועג אין אָרביט און צו לעבן לויט זיין נאַטור. יעקב קען נישט לעבן ווי עשיו, ווייל ער איז אַנדערש אין זיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין (לויט אונדזער היינטיקער טערמינאָלאָגיע). פּונקט ווי די שטערן אין הימל, אַזוי האָט יעדער זיין באַשטימטן אָרט אין אוניווערס. זיין מהות און פונקציע איז באַשטימט דורך דער אַנדערשקייט פון זיין מענטאַליטעט, דורך די קייקעלעך פון זיין בלוט, דורך דעם וואָס איז אים אייגן לויט זיין נאַטור.

דער דיכטער הויבט אַרויס די נאַציאָנאַלע אַנדערשקייט פון יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אָט אין יענעם בראשית פון דער פּאַטריאַרכאַלער תקופה. שוין דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די שייד־ליניעס פון פעלקער, די אויספורעמונג פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און היסטאָרישן גורל, און דורך די פייערן פון גרויסע שטרייטן און יסורים איז אויסגעשמידט געוואָרן דער נאַציאָנאַלער טיפּ פון ישראל.

יעקב, דער פאָרגייער פון אונדזער געשיכטלעכן וועג, האָט „פּריווילעגיע" גענומען אויף זיך דעם „יידישן פּעקל". אָט די פּריווילעגיע איז אָבער געווען אַ געשיכטלעך־געצוואונגענע, אַ גורלדיק געגעבענע — „דערפאַר וואָס דו ביסט אדום, בין איך געצוואונגען צו זיין יעקב". עס איז אַ געצוואונגענע „אויס־דערוויילטקייט", וואָס איז נישט באַשאָנקען מיט קיינע פּריווי־לעגיעס...

דאָס אַלץ ווערט דורך פּרעכטיקע פּאָעטישע מעטאַפאָרן רעפלעקטירט אין „יעקבס חלום". (די גאַנצע דראַמע איז ווי יעקבס לייטער, וואָס שטייט פעסט אויף דער ערד און מיט זיין שפּיץ גרייכט ער צו די הימלען...); פון די רעאַליסטישע שיל־דערונגען אין די ערשטע סצענקעס, גייט דער דיכטער — צום סוף פון דער דראַמע — איבער צו די טיף־סימבאָלישע און אַנדער־וועלטיקע עלעמענטן. די סצענקעס שטייגן כסדר דראַ־מאַטיש און דערגרייכן דעם קולמינאַציע־פּונקט אין דעם מלאכים־געראַנגל פאַר יעקבס נשמה...

פונקען און פלאַמען

*

אין חומש בראשית ווערט דערציילט:

„אַ מאַן האָט זיך געראַנגלט מיט אים ביז דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען. און אז ער האָט געזען אַז ער קען אים נישט בייקומען, האָט ער אָנגערירט דאָס לעפל פון זיין דיך, און דאָס לעפל פון יעקבס דיך איז אויסגעלענקט געוואָרן אין זיין ראַנגלען זיך מיט אים. האָט ער געזאָגט: לאָז מיך אַוועק וואָרום דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט: איך וועל דיך נישט אַוועקלאָזן, סיידן וועסט מיך בענטשן. האָט ער צו אים געזאָגט: ווי איז דיין נאָמען? האָט ער געזאָגט: יעקב. האָט ער געזאָגט: נישט מער זאָל יעקב גערופן ווערן דיין נאָמען, נייערט ישראל, וואָרום האָסט געשטריטן מיט גאָט און מיט מענטשן און ביסט בייגעקומען".

(בראשית, לב 25־03 — יהואש).

פון די פאָר פסוקים האָט בער־האָפמאַן געשאַפן א וואונדערבאַרע דראַמאַטיש־אויפשטורעמדיקע סצענקע, וואָס בילדעט א הויכפונקט אין דער פּאָעמע. די ווירקונג פון די פּאָעטישע מעטאַפאָרן און טיפער סימבאָליק שטייגט כסדר אין דעם געראַנגל און שטרייט צווישן די מלאכים. אין פייער פון אָט דעם געראַנגל לויכט אויף די פּאָעטישע וויזיע, וואָס דער מלאך מיכאל אַנטפּלעקט פאַר יעקבן בנוגע דער צוקונפט פון זיינע קינדער, וועלכע וועלן זיין דער באַראָמעטער פון גלויבן, האָפענונג און ליידן.

*

יעקב האָט דערזען די מלאכים און ער פרעגט זיי:

— „זייט איר צוליב מיר געקומען פון אויבן?"

— „יאָ", — ענטפערן זיי, און הערן בעת מעשה נישט אויף צו זינגען שירה פאַרן באַשעפער. אָבער צווישן די מלאכים געפינט זיך איינער אַ בונטאַר, סמאל, אַן אָפּגעוואָרפענער פון גאָט! ער האַלט כסדר אין איין קריטיקירן און אויפווייזן אויף דער נישט־פּערפעקטער וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפן.

יעקב האָט באַמערקט, ווי ער האַלט זיך פון דער ווייטנס

פון די אַנדערע מלאכים (גבריאל, מיכאל און אוריאל) און ער פרעגט אים:

— „ביסטו נישט איינער פון זיי? — דיינע ליפּן אַזוי ליבלעך, דאָך וויזן זיי נישט קיין פרייד... איך קען אויך נישט זען דיינע פליגלען".

סמאל, וועלכער קען נישט פאַרטראָגן די לויב־געזאַנגען פון די ליכטיקע מלאכים האַלט זיך אין איין דורכוועטלען מיט זיי. ער זאָגט:

„איך גיי נישט פאַרשווכען, איך קען אָבער אויך נישט לויבן ווי איר... אייערע לויב־געזאַנגען ווערן דערטרונקען אין די געשרייען און ליידן — ביזן עק פון זיין וועלט — — — אויב ליידן זענען נאָר א שטראָף, טאָ רופט אָן די שולד, צוליב וועלכער ער שיקט (די שטראָף) צו די ניי־געבוירענע... איר זינגט פאַר זיין גוטסקייט און שטאַרקער מאַכט... צי האָט ער געשאַפן דעם כדור־הארץ פאַר זיין פאַרגעניגן? — — לויבט דעם ערד־קיילעך וואָס ער האָט געמאכט — און שלעכט געמאַכט!"...

אוריאל צו יעקבן: „ווענד אָפּ דיין פּנים פון אים. ער איז פאַרשטויסן געוואָרן".

סמאל: „האָט גאָט געדאַרפט מיך אָפּוואַרפן — זיין אייביקן שאָטן?"

יעקב: „ווער בין איך כ'זאָל זיך שטעלן קעגן אייך?... אין ליידן און שטאָלץ האָב איך דורכגעמאַכט מיין יוגנט, וואַרטנדיק, דערוואַרטנדיק זיין — אייער צוקומען צו מיר נאָענט... איך האָב באַקומען פון פאָטערס האַנט א מתנה — די פעט פון דער ערד, דעם טוי פון הימל, דעם קאָרן און ווייַן... רופט אדומען, גיט עס אים — באַגליקט אים!... מיך באַפרייט! איך וויל אויסלעבן מיין צייט אָן פראַגן..."

די ליכטיקע מלאכים פּרוּוון צו באַרואיקן יעקבן. זיי אַנטפּלעקן פאַר אים זיין הערלעכע צוקונפט:

— שבטים וועלן פון אים אַרויסקומען — א גאַנץ פאָלק! דער ים וועט זיך שפּאַלטן, דאָס פאָלק זאָל קענען דורכגיין, מלאכים וועלן אים אַנטקעגן קומען... זיי ווילן ער זאָל זיך פרייען מיט דער צוקונפט־מוזיק, וואָס דערוואַרט אים און די בני־ישראל.

אָבער יעקב ענטפערט זיי:

„קען איך זיך פרייען ווען אַלע — מענטש, בעסטיע און שטיין — ליידן; זיי קומען צו מיר — — זיי בעטן אַן ענטפער: — — פאַרוואָס האָט ער אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד פּיין, יסורים... אַליין האָט ער זיך פאַרקליבן אין די ווייטסטע הימלען און אויסדערוויילט מיין זאָמען פאַר אַ פלאַנץ צו בליען און וואַקסן... גאָט! דאָ שטיי איך! אויב איך האָב געזינדיקט — באַשטראָף מיך! דאָס וואָס דו האָסט צוגעזאָגט — (די אבות) נעם צוריק! איך באַפריי דיך גאָט פון דיין שבועה. (צו אברהמען).

מיכאל: „אויף מיינע ליפּן האָט גאָט ארויפגעלייגט די־אָ ווערטער: די מעכטיקע מלכים ביי די ברעגעס פון ים וועלן אונטערגיין, מצרים וועט פאַרשווונדן, בבל וועט פאַלן! נאָר דו, אייביק פאָלק — וועסט וואַנדערן. דער אייביקער וואַנדערער פון זיין אייביקער וועלט".

סמאל: „נעם עס נישט אָן, אַקצעפּטיר נישט!"

מיכאל: „אַט די אַלע פעלקער — — וועלן אין שטויב פאַרוואַנדלט ווערן, נאָר דו וועסט אויסהאַלטן! — א טויזנט טויטן שטאַרבן — און טויזנט מאָל וועסטו פון טויט אויפשטיין".

סמאל: „די אַנדערע וועלן אויך אויסהאַלטן, זיי וועלן נאָר ענדערן זייערע נעמען... דאָס בלוט פון עלטערע פעלקער וועט אויסגעמישט ווערן מיטן יונגערן, רייכערן און מער גליקלעכערן בלוט... זיי קענען פאַרגעסן זייער גורל, אָבער נישט — דו! ביסט דאָך אַזוי געוויסנהאַפטיק צו דעם, וואָס עס געשעט מיט דיר".

מיכאל: „גאָט האָט דיך אויסדערוויילט צו זיין אַן עדות פון זיינע וואונדער און צו פראָקלאַמירן זיי ביז דעם ווייטסטן לאַנד און אינדזל... דו וועסט עפענען אויגן, וואָס זענען בלינד, וועסט ווערן די פאָן פון גלויבן, ליידן און בטחון. דער אייביקער פאַקל וואָס גאָט האָט אָנגעצונדן צו פאַרשפּרייטן זיין פלאַם אויף אַלע וועגן..."

סמאל: (סאַרקאַסטיש) „דו וועסט ווערן! איך וועל דיר זאָגן וואָס דו וועסט ווערן: זיי (די מלאכים) זאָגן דיר נישט קיין ליגן! מענטשן וועלן זיך בויגן פאַר דיין וואָרט. זיי וועלן אָבער צעבלוטיקן דאָס מויל וואָס האָט עס אַרויסגעזאָגט. עס איז אמת, אַז דו וועסט וואַנדערן, אָבער רו? — קיינמאָל! און א היים? —

אַ וואָרט אָן באַדייטונג פאַר דיר... פון דיין פאָלק וועלן אַלע רויבן, זינדיקן קעגן דיר? — ווען וועט עס נישט דערלויבט זיין? די ערד אונטער דיינע פיס — אייזן, און דער הימל איבערן קאָפּ — מעש... איז דען דאָ אויף דער וועלט אַזאַ חרפה און באַליידיקונג וואָס זאָל דיר זיין אומבאַקאַנט?... זיי וועלן דיר שפּייען אין פּנים אַריין...״

יעקב: „ניין! ניין!״

סמאל: „זיי וועלן עס טאָן! יעדעס פאָלק, צו וועלכן דו וועסט זיך דערנענטערן, וועט דיר אויסברענען ווי אַ קענסער — ביזן וואָרצל! דער באַליבטסטער, דער אויסדערוויילטסטער, (ביי גאָט) — דער אַממיינסטן פאַרהאַסטער ביי אַלע פעלקער, געהאַסט מער, ווי די גיפטיקסטע פלאַנצונג, אָדער מטורפדיקע בעסטיע... זיי וועלן דיך אויסראָטן; אַרויסרייסן אַפילו דאָס נאָך־נישט־געבוירן קינד פונעם מוטערס אינגעווייד... — אַזאַ איז דיין „ברכה״!... — — — — —

יעקב, אַ פאַרצווייפלטער, ווענדט זיך צו די אַנדערע מלאַ־כים: — „ענטפערט אים! לאָזט מיך נישט איבער מיט דעם!״...

סמאל: „זענען דען מיינע ווערטער נישט קיין אמתדיקע?... עס האָט אים נישט געקלעקט קיין כוחות צו באַשאַפן אַ בעסערע וועלט.... ער אַליין שווידערט אויף פון די פּייניקונגען וועלכע ער האָט באַשאַפן... ער דאַרף דיך, דיין וואַנדערן — אייביק אים געטריי — בכדי צו פּראָקלאַמירן זיין אומשולד, אַז אַלע ליידן זענען נאָר אַ שטראָף... ביסט זיין קרבן און ער דאַרף דיך האָבן פאַר אַן עדות אויף וועלכן ער קאָן אָנווייזן אַז מ׳קען אים נישט איבערקויפן... אַן עדות, וועלכער וועט אים תמיד לויבן אַלס גערעכטן — אַפילו ווען ער וועט דיך לאָזן אָפּגיין אין בלוט, וועסטו אַלץ האָפן, אַז דער נסיון וועט שוין זיין דער לעצטער!... — באַפריי זיך פון אים!...״

יעקב: „איך קען נישט איבעררייסן מיט אים!... איך האָב אים ליב אַזוי ווי ער איז, מיט זיין אכזריות און רחמים... איך בין זיינער און וועל אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן — — צי האָסטו אים יאָ פאַרלאָזן?... איך בין נישט פאַרנאַרט פון דער הבטחה און שרעק זיך אויך נישט פאַר דעם יאָך און די גרוילן... טיף אין מיר — דאָרט וואו דאָס וואָרט דרינגט נישט אַריין — ליגט דאָס וואָס דיר איז פרעמד: גלויבן, צוטרוי, גליק... (ער

וועגדט זיך תפילהדיק צו גאָט) — דיינע שליחים שוויגן — וועל איך רעדן! איך וועל דיך נישט לאָזן אַליין. וואָס מיט מיר זאָל נישט געשען — מיין גורל וועט אָפּשפּיגלען תמיד דיין ווייטן גורל... דיינע שליחים שוויגן — רעד־זשע דו, וואָס האָט מיך אויסדערוויילט — וועלכן איך האָב אויסדערוויילט! זאָג זיי, כאָטש מיר האָבן זיך געקריגט, געדראָט און געצאָרנט — דו און איך וועלן תמיד זיין צוגעבונדן איינער צום צווייטן... — — דריי הייליקע שטראָמען — גערודלד, שטאָלץ און גבורה — פליסן תמיד דורך מיין בלוט... אויב דו ביסט שולדיק — וועל איך צוזאַמען מיט דיר טראָגן אָט די שולד. אויף מיינע פּלייצעס לייג זי אַרויף״...

סמאל: „טראַכסט טאַקע, אַז ער איז שטאָלץ? — זיי פאַר־זיכטיק! ער וועט עס אַקצעפּטירן און אַרויפלייגן אַזאַ לאַסט אויף דיינע פּלייצעס אַז דיין קאַרק וועט פּלאַצן! קיין רחמים און מיט־לייד וועט ער דיר נישט אַרויסווייזן״.

גבריאל, מיכאל און אוריאל שרייען אויס: — „דו זאָגסט ליגן!״

אָבער פון ערגעץ ווייט הערט זיך אַן איידעלע, געטלעכע שטימע:

„סמאלס וואָרט איז אמתדיק. צוליב מיינעטוועגן וועסטו דאַרפן אויסשטיין אומדערהערטע יסורים און דורך די פּייני־קונגען וויסן, אַז איך האָב דיך קיינמאָל נישט אַוועקגעוואָרפן!... ווען אַנדערע קניען, בעטנדיק ביי מיר, שענק איך זיי, ווי א האָר צו זיין קנעכט. אָבער, ווען דו ביסט פאַר דיין פאָטער — שטיי! — פאָדער דיין רעכט! איך וויל זיין פאַרשולדיקט צו דיר — צו קענען אויפהויבן דיר איבער אַנדערע״...

עס הויבט אָן טאָגן. יעקב פאַרזונקען אין שלאָף ליגט אין די אָרעמס פון די ליכטיקע מלאכים. גבריאל זאָגט אים, אַז ער האָט די נאַכט מיט גאָט געשטריטן און גאָט האָט באַפוילן ער זאָל אָט־די נאַכט געדענקען ביים גיין — זען — הערן — ישראַ־אל.

יעקב איז פון זיין שטרייט אויפגעשטאַנען א געשטאַרק־טער. ער האָט זיין נשמה אַרויסגעראַטעוועט פון סמאלס פייערן און איז גרייט צו העלפן טראָגן גאָטס יאָך — די וועלט, כסדר מיטצושאַפן און איר פאַרפולקאָמען. ער איז מתפלל:

„האַר! דײַן ווילן, וואָס דו וועסט פריער, אָדער שפּעטער אַרויפלייגן (אויף מיר) — וועל איך טראָגן נישט ווי א לאַסט — נאָר ווי אַ קרוין! אויב דו האָסט אויסדערווײַלט מײַן בלוט צו זײַן אַ פאַקל, וואָס זאָל פלאַמען אויף אַלע וועלט־וועגן — זאָל קיינער וואָס וועט אַרויס פון מײַן בלוט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן!״...

דער באַפרייטער קנעכט, אינדיבאַל, האָט אים דערזען און אויסגערופן: „יעקב! יעקב!״

— „ניין, נישט יעקב, — ענטפערט ער אים, — עס קומט צו דיר דער וואָס האָט זיך מיט גאָט געראַנגלט, ישראַ־אל״.

*

איך האָב ציטירט, אין אַ פרייער איבערזעצונג, אייניקע פון די הערלעכע, פּאָעטישע, אויפשטורעמדיקע פערזן פון בער־האָפמאַנס ביבלישער און היינטצײַטיקער דראַמע! — פּאָעטישע וויזיעס און בילדער, וועלכע זענען אָנגעלאָדן מיט סימבאָליק און טראַגיק פון קאָסמישן פאַרנעם (די סיבה און די נויטווענקייט פון פּײַן און לײַדן אויף דער וועלט) און דעם זין פון אונדזער נאַציאָנאַלן מהות. ווען דער מלאך חזרט איבער גאָטס הבטחה צו אברהם (וועגן דער פּעטס פון דער ערד און דעם טוי פון די הימלען, א.א.וו.) — וואַרפט יעקב אָפּ אָט דעם רכוש! נאָר עשיו קען זיך מיט דעם פילן גליקלעך, אָבער נישט יעקב:

— „איך דאַרף נישט קיין דאָמיניעס, ווייסט דען נישט גאָט וועגן דעם? מיינט ער ווירקלעך אז איך בין מקנא מצרים, בבל און אַנדערע אימפּעריעס? איך בין אַפילו נישט מקנא די געבענטשטקייט פון אײַך מלאכים״.

יעקב זוכט אַן ענטפער אויף אַלע נאָגנדיקע פראַגן. ער וויל ווירקן ווי גאָטס שליח, אַראָפּצוברענגען געטלעכקייט, דערנענטערן דעם הימל צום ערדישן לעבן, אַרײַנפירן דעם עטישן פּרינציפּ, וואָס זוכט העכערע שלימות און יושר... ער איז גרייט דערפאַר באַצאָלן דעם העכסטן פּרייז! (פון מסירת נפש פאַר — קידוש השם). ער וואַרפט אָפּ סמאַלס קאָנצעפּציע, אַז גאָט האָט באַשאַפן א שלעכטע וועלט. ניין, די וועלט איז כסדר אין פּראָצעס פון עוואָלוציע, פון נידעריקע צו העכערע פאָרמען, און דער פּראָצעס פאָדערט פון יעדן איינעם אונטערצושטעלן אַ

פלייצע, מיטצוהעלפן, מיטצושאַפן. יעקב נעמט אָן די ראָל ווי אַ געשיכטלעכן גורל, פון וועלכן ער קען זיך נישט באַזייטיקן: „זאָל דאָס זיין מיין גורל. איך קען זיך פון אים נישט אָפּזאָגן".

די „ברכה" (און דער יאָך פון איר), וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך יעקבן אין בית אל, איז געוואָרן די פאָן פון יידישן גורל. אָבער סמאָלס ווערטער זענען געווען נביאותדיקע! מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז דער דיכטער האָט זיי (וואָרשיינ־לעך) אַרויסגעבראַכט נאָכן גרויסן חורבן אונדזערן... אָבער, ניין! די דראַמע איז געשריבן געוואָרן אין 1915. שוין דאַן האָט האָפמאַן געהאַט די מאַקאַברישע זעאונג פון אונדזער פאַרטילי־קונג בימי היטלער... איך שטעל זיך פאָר, אַז דער גרויסער דיכטער האָט סמאָלס תוכחה דערשפּירט נאָך איידער עמיצער האָט געקאָנט פאָרן מויל אַרויסברענגען אַזאַ שוידערלעכע פּערס־פּעקטיוו פאַר די בני־ישראל... — — — —

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָט מען די דייטשע יידן דערלויבט צו זען טעאַטער־פאָרשטעלונגען נאָר מיט יידישע אַרטיסטן. צו יענער צייט האָט מען אין בערלין אָפּט געשפּילט „יעקבס חלום" און די דייטשע יידן האָבן מיט אַ געשפּאַנטן אָטעם זיך צוגעהערט צו די גליענדיקע פערזן!... צי האָבן זיי דאַן אויפגענומען דעם מהות פון בער־האָפמאַנס נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין, וואָס זינגט אַרויס פון זיין דיכטונג? זענען זיי דורכ־געדרונגען געוואָרן מיט זיין געדאַנק, אַז אַ ייד איז מען נישט סתם לויטן געבורט און מעטריקע, נאָר דורך באַהעפטונג און אַקטיווע מעשים פאַרן יידישן לעבן און שאַפן? אפשר האָט אַ טייל פון זיי דערזען דאַן די גייסטיקע פאַרבלאָנדזשענישן פון איבער הונדערט יאָר יידישער עמאַנציפּאַציע אין דייטשלאַנד, מיט איר אַסימילאַציע און שמד־באַוועגונג...

*

אין „יעקבס חלום" האָט דער דיכטער געשילדערט אויפן פאָן פון ביבלישן חומש־מיטאָס. אומדירעקט איז אויך אָנגעוויזן איוב, פאַוסט און פיל אַנדערע מיטאָס־העלדן, וועלכע ווערן תמיד אויפסניי געבוירן אין גרויסער דיכטונג אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ער האָט אַרויסגעהויבן אייביקע אוניווערסאַלע פּראָבלעמען

(דעם באַשעפערס שולד אפילו קעגן דעם קלענסטן אינזעקט) און דעם אוניווערסאַלן גייסט פאַרקניפּט מיטן נאַציאָנאַלן.

אויך דער פּראָבלעם פון יחיד און כלל: צי קען דער יחיד זיך איזאָלירן פון דער וועלט דורך אָפּוואַרפן אחריות פאַר דעם וואָס עקזיסטירט? און איצט די ראָל פון ישׂראל בין העמים: אויסצוטייטשן דעם עטישן פּרינציפּ פון געטלעכקייט צו דער וועלט און די וועלט — צו גאָט. די אומפּערפעקטקייט פון אָט דער וועלט וועט זיך אין דער ערשטער ריי אָפּרופן אויף איר סייסמאָגראַף, וואָס איז סענסיטיוו, צו דערפילן יעדער סאָציאַל־פּאָליטישע ערד־ציטערניש און קאָנוואולסיע... דאָס איז נישט קיין פּריווילעגיע ראָל, נאָר אַ געשיכטלעכער גורל — אַ היסטאָריש געגעבענע! — אַ גרופּע — אַ פאָלק וועט וואַנדערן איבער דער ערד און ווערן דער באַראָמעטער פון גלויבן, ליידן און בטחון—.

יעקב קען נישט לעבן, ווי עשׂיו. ער נויטיקט זיך אין גאָט, אין אַ זין, און אין העכערן תכלית פונעם לעבן. אָבער גאָט נויטיקט זיך נישט ווייניקער אין יעקבן — דעם אייביקן זוכער, צווייפלער און טרעגער פון גאָטס וואָרט! און ווען די קינדער פון יעקבן וועלן מיד ווערן פון דער ראָל, (און פון די פרישע ליידן וואָס בייטשט זיי יעדעס מאָל אויפסניי אַן אַנדער עמלק) און וועלן זיך וועלן פאַרשיכורן מיט עשׂיוס גשמיותדיקע אַמביציעס און גיטער — וועלן אויפשטיין פון פאָלק — גייסטיקע פירער: משה, ישעיהו, ירמיהו און אַנדערע — וועלכע מאָנען און דערמאָנען, פאָדערן און פּראָקלאַמירן די גייסטיקע שליחות, וואָס די אבות האָבן אַרויפגעלייגט אויף די געבוירענע פון יעקבס בלוט...

דער דיכטער גלויבט, אַז די אָבות, אונדזערע אַלע פאָרגייער — העלפן אונדז אויספורעמען די איינשטעלונג (און די רעאַגירונג) צו דער וועלט און צו אונדזער עקזיסטענץ. „מיר דערפילן די פאַרלאַנגען (און האָפענונגען) פון אונדזערע פאָרגייער״, זאָגט בער־האָפמאַן אין זיין פּרעכטיקער פאָעמע „אַ וויג־ליד פאַר מרים״. מיר זענען אָבער גלייכצייטיק די שפּיכלער פאַר די חלומות און מחשבות פון אונדזערע נאָכפאָלגער. ביי אַלע אונטערשיידן פון דורות און תקופות, ציט זיך אַן איינהייטלעכע קאָנטיניואיטעט פון עקזיסטענץ. די דערפאַרונג און נסיונות פון

אונדזערע אבות רעדן אַרויס פון אונדזער שטים. און די דאָזיקע שטים האָט פון ביבלישן באַגינען געזונגען וועגן הומאַניזאַציע, געזונגען פון אַ העכערער מאָראַל וואָס וועט אַריינברענגען אַ האַרמאָניע צווישן גייסט און מאַטעריע, אָבער ביז דאָס וועט דערגרייכט ווערן, וועט די וועלט פול זיין מיט נסיונות און שטרייטן...

*

„יעקבס חלום” איז דורכן דיכטער פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ פּרעליוד צו אַ ציקל דראַמען א. נ. די „געשיכטע פון דוד המלך”. ער האָט פּראָיעקטירט צו שאַפן אַ טרילאָגיע, וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס לעבן פון לעגענדאַרן יידישן קעניג, ווי אַ סימבאָלישער אויסדרוק פון אַלע סתירותדיקע עלעמענטן און אויסדרוקן פון דער יידישער פאָלקס־נשמה.

פון אָט דער טרילאָגיע איז נאָר דערשינען דער ערשטער באַנד (דער „יינגער דוד”). דער דיכטער שילדערט דודס ראַנגלענישן צווישן צוויי לאָיאַליטעטן. (זיין שבועה צו די פלישתים און געטריישאַפט צום אייגענעם פאָלק) און ווען ער גייט שוין איבערנעמען פון שאָולן די קרוין, זעט ער איין, אַז ער וועט מוזן מקריב זיין זייער אַ סך פון זייער פּערזענלעכן לעבן אויפן מזבח פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אַ פאַרצווייפלטער (ער האָט דאַן פאַרלוירן זיין געליבטע פרוי) פרעגט ער זיין פאַרגייערין רות —

„וואָס וועט פון מיר איצטער ווערן?” און רות ענטפערט אים: —

„דאָס וואָס וועט פון אונדז אַלעמען ווערן — ערד. אפשר אַ ליד, וואָס וועט שנעל פאַרשווינדן... אָבער ביז דאַן, דוד, מוסטו, פונקט, ווי גאָטס שטערן דורכמאַכן און פאַרענדיקן דיין באַשטימטן קרייז. נישט מער־אייביק, און נישט מער צייטווייליק ווי זיי...”

דאָס איז דעם דיכטערס ענטפער — צי אַ יחיד דאַרף זיך אָפּזאָגן פון פּערזענלעכן גליק לטובת הכלל?

*

ריכאַרד בער האָפמאַן איז מיט „יעקבס חלום” נישט געגאַנגען קאָנקורירן מיטן חומש־כראָניקער. ער האָט אים נאָר דער־

גאַנצט מיט פּאָעטישער עלאָקווענץ און נביאישן פּאַטאָס. ער האָט די לאַקאָנישע פּסוקים פון חומש געגעבן זיין פּאָעטישע אינ־טערפּרעטאַציע. מיט אַ טיפן אָטעם האָט ער אויסגעטייטשט די מיטאָס־קאָנצעפּציעס, די אנונגען און וויזיעס, די חלומות און שטרייטן פון די אָבות. ער האָט די לעגענדאַרע ביבל־געשטאַלט פון יעקבן אויסגעפורעמט אין אַן היינטצייטיקער דראַמאַטישער פיגור און אַזוי — די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק, ווי אַ צאַפּלדיק אַקטועלע!

ער האָט פון די פּאַרזיגלטע פּונקען אין ספר אַרויסגע־כישופט דאָס פולע, דאָס גאַנצע. די טיף־פּאָעטישע בילדער שפּיגלען אָפּ און באַלייכטן פון אינעווייניק נישט נאָר די אורעלטערן פון אונדזער פּאָלק (אין יענעם בראשית), נאָר אויך די געשיכטלעכע פּוס־טריט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

דורכן עבר האָט דער דיכטער אָפּגעשפּיגלט דעם היינט, פּונקט, ווי ער האָט דורך דודס מויל אַרויסגעבראַכט זיין עמפּע־רונג קעגן די עקסצעסן פון אולטראַ־נאַציאָנאַליזם און מאַני־פעסטירט זיין גלויבן אין אַ פּאַן־הומאַניזם, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע פעלקער פון דער וועלט — אַן אויפגאַבע אין וועלכער דאָס יידישע פּאָלק דאַרף דערפילן אַ פּיאָנערן־ראָל.

ווען דער נאַציזם איז געקומען צו דער מאַכט האָט אַן אַנדער גרויסער קינסטלער — טאָמאַס מאַן, גענומען אויספורע־מען פון די חומשדיקע יעקב און יוסף־געשיכטעס דעם גרעסטן ראָמאַן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. בער האָפמאַן האָט זיין ביבלישע מעלאָדיע אויסגעזונגען אין פערזן (פון אַ דראַמאַטי־שער פּאָעמע) און מאַן — אין אַ פּראָזע־ווערק, (וואָס נעמט אַרום איבער צוויי טויזנט זייטן) וועלכע איך גיי אַנאַליזירן אין דער וויטערדיקער אָפּהאַנדלונג.

טאָמאס מאַנס „יוסף און זיינע ברידער“

„פאַראַן אַ זאַך וואָס מען זאָגט דערויף:
זע, דאָס איז אַ נייעס;
איז עס שוין געווען אין אַלטע צייטן,
וואָס זענען געווען פאַר אונדז — — —
ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון“.

(קהלת — יידיש: יהואש)

ביבלישע מאָטיוון און געשטאַלטן (ווי געשיכטלעכע) ווערן קינסטלעריש געפורעמט מען זאָל זיי זען אין אַ ניי ליכט. אַזוי איז אויך מיט מיטאָס־העלדן, וועלכע העלפן צו קריסטאַליזירן, באַפּרוכפּערן אונדזער פאַרשטעלונגס־קראַפט, מחשבה און געפיל. נישט זעלטן שאַפן זיי אַ בריק פון גייסטיקער אייניקייט צווישן ווייטן עבר מיטן היינט. (און מאָרגן) אַרויסברענגענדיק דורך זיי אַן היינטיקן טייטש און זין.

יעדער מיטאָס איז אַמאָל געווען אַ תורה־שבעל־פה. ערשט שפּעטער איז ער געוואָרן אַ תורה שבכתב און איז אַריין אין דער ליטעראַטור. (ס׳רוב אין דער פּאָעזיע). דער מיטאָס ציט דאָך זיין יחוס־בריוו פון די אוראַלטע, פרע־היסטאָרישע לעגענדעס, וועלכע זענען לויט די אויסטייטשונגען פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע פאַרבונדן מיטן אונטערבאַוואוסטזיין פון פאָלק און מיטן גערעאַנגל פון מענטשלעכן געדאַנק זיך צו קאָנקרעטיזירן.

דער מענטש האָט זיך אַליין געוואָלט פאַרשטיין: דער־קענען דעם זין פון זיין עקזיסטענץ און דעם כאָאָס, וואָס האָט אים כסדר באַדראָט. אין דער דאָזיקער אומזיכערקייט פון עקזיסטענץ (און כדי צו קאָנען באַווירקן דאָס לעבן) האָט דער מיטאָס געווירקט אין דער ספערע פון אַרויסרופן וואונדער, פון

מעטאַפיזישע כוחות — אויסער דעם מענטש; און פון כוחות אינעם מענטש צו טאָן גוטס, אָדער, שלעכטס.

דער מיטאָס איז אין אַ געוויסער מאָס אַן אָפּשפּיגלונג פון היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע זענען צוליב פילמאָליקן איבערדערציייל פאַרגרעסערט געוואָרן מיט כל־ערליי גוזמאָות און אריינגענומען אין זיך פאַנטאַסטישע דערשיינונגען פון מעטאַפיזישן, רעליגיעזן, און שטאַטלעכן כאַראַקטער; שייכות,ן פון יחיד, שבט און ראַסע מיט זייערע קולטן און רעליגיעס און אויך אומבאַגרייפלעכע נאַטור־פענאָמענס.

אומאָפּהענגיק אָבער פון יחוס־בריוו און אָפּשטאַם, העלפט אונדז דער מיטאָס (און פאָלקלאָר) צו באַנעמען די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

פּראָמעטעאוס, פאַוסט, אָדער דער שטן פאַרקערפּערן אייביקע שאלות און ספקות פונעם מענטש, ווייל מיטאָס איז די פילאָזאָפיע (און פאָלקס־חכמה) נישט בלויז פון פרע־היסטאָרישן, נאָר אויך פון היינטצייטיקן. עס איז דער סינטעז פון אַלטע און נייע עלעמענטן פון דער עקזיסטענץ און פאַרמאָגט אַ באַזונדער ציציאונגס־קראַפט פאַרן מאָדערנעם מענטש. און ווען דער גרויסער דיכטער און דענקער — געטע האָט אויפגעהויבן דעם נאָגנדיקן היינטצייטיקן פּראָבלעם: „צי מוז אינטעלעקטועלע פאָרשונג און באַהערשונג פון דער נאַטור באַצאָלט ווערן מיט זעלבסט־פאַרניכטונג?" — האָט ער עס קינסטלעריש געשטאַלטיקט דורך אַ מיטאָס־העלד...

*

טאָמאַס מאַן האָט אין די שילדערונגען און געשטאַלטן פון חומש־מיטאָס געזוכט צו פאַרקערפּערן די שאלות ותשובות פון אונדזער תקופה. ער האָט געזוכט צו פאַרשיטן דעם תהום צווישן מיטאָס־טיפּ און איזאָלירטן יחיד; אַריבערצוואַרפן אַ בריק צווישן היסטאָריש־לעגענדאַרן און היינטצייטיקן רעאַליזם; צו מאַכן היימיש און נענטער דעם פאַרנעפּלטן, וויטן עבר מיט זיינע לעגענדאַרע העלדן, מיר זאָלן זיי זען לעבן זיך און ממש זיי קאָנען אָנטאַפּן מיט דער האַנט. מאַן האָט אין דער עברים־געשיכטע געזען דעם יסוד פון דער מעריבדיקער ציוויליזאַציע. די חומש־אבות זענען געווען די ראשונים פון אונדזער קולטור־

טראַדיציע. זיי האָבן פאַרזייט דעם קאָנפליקט צווישן גייסט און לעבן, צווישן די הימלישע עלעמענטן אינעם מענטש, וועלכע ציען אים אַראָפּ... און די געטלעכע עלעמענטן (דער צלם אלוהים) וואָס רייסן אים אין דער הויך...

דער דיכטער האָט אין דער קאָסמאָלאָגישער פּאָעזיע געזען דעם תוך און יסוד: —

„האָמערס פּאָעמען זענען פאַר די גריכן געווען מער ווי אַן אַלטע געשיכטע פון פאָלקס־מיטאָס און געטלעכן אָנהויב. זיין פּאָעמע איז געווען דער יסוד פון דער קלאַסישער ציוויליזאַציע און קונסט".

נאָך מער אָבער ווי אין האָמערס פּאָעמען זעט מאַן אין דער אבות־געשיכטע פון בראשית דעם פונדאַמענט פון אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע: — „וואָס איז דען מיטאָס, פרעגט ער, אויב נישט נאָכפאָלגונג און דערמאָנונג?... מיטאָס איז טראַדיציע — דער עבר מיטן הווה און עתיד צוזאַמענגענומען".

*

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַלץ מיט אברהמען, וועלכער האָט געמאַכט אַ טאָפּלטע אַנטדעקונג: די אַנטדעקונג פון געטלעכקייט און די וויזיע פון הומאַניזם. אברהם איז געווען דער ערשטער נאָן־קאָנפאָרמיסט. ער האָט נישט געוואָלט אַקצעפּטירן די איבערפלעכלעכע (פאַלשע) אמתן פון זיין סביבה. ער האָט געזוכט אַ טיפערן זין און אינהאַלט פאַר זיין פּערזענלעך לעבן, וואָס ער זאָל קאָנען איבערלאָזן אַלס ירושה פאַר די קומענדיקע דורות.

אַלעמען פון זיין דור (און סביבה) האָט די ערדישע געטלעכקייט צופרידנגעשטעלט: די ערד איז די מוטער פון אַלץ. זי ברענגט אַרויס פרוכטן און פּרעזערווירט לעבן. די געטער פון כנען און אמורי זענען געווען קאָנקרעטע זאַכן, נאָענט און ערדיש, אָבער איין אברהם האָט זיך צו זיי נישט געקאָנט בוקן: „אויב קניען צום נידעריקסטן און נאָענטסטן — שוין בעסער אין גאַנצן נישט!..." ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל, צוערשט געטראַכט וועגן דער זון, וואָלקנס, שטורעם, דונער און בליץ; אָבער, פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען נישט די סיבה ראשונה, נאָר דערפילן אַ באַשטימטע פונקציע אינעם אוניווערס: „זיי זע־

נען נישט בעסער פון אים, אפשר נאָך ווייניקער, כאָטש זיי זענען איבער אים און מעכטיקער פון אים".

דער עמיגראַנט פון אור כשדים האָט קיינעם נישט גע־וואָלט דינען נאָר דעם העכסטן... „דאָס איז ווירקלעך געווען דער אָנהויב פון אַלץ... פונעם אינדיווידועלן לעבן — — פון באַפרייען זיך פסיכיש פון אַלץ, וואָס איז ווייניקער ווי די אַלהעכסטע מאַכט".

צוגלייך מיט דער אַלהעכסטער גאָט־אידיי איז אַנטשטאַנען ביי אים דער הומאַניסטישער פּרינציפּ: דער העכסטער פונקט אין וועלט־רוים און גלייכצייטיק דער נאָענטסטער!... דער וויטסטער און דער נאָענטסטער!... גאָט ווערט אַ פּאַטער מיט וועמען אברהם טענהט זיך אויס, מאַנט גערעכטיקייט (לגבי סדום).

אברהם איז אַן אומרואיקער זוכער פון אמת. ער פאַרקער־פּערט דעם פאָרשערישן, מענטשלעכן גייסט, וואָס זוכט דאָס פאַרבאָרגענע — דעם סוד פון מענטש און לעבן; און פון יענעם בראשית איז ער דער אור־פאָטער פון די אַלע גייסט־מענטשן, וועלכע זוכן די וואָר פון לעבן. זיין עמפינדלעכער אויער כאַפּט אויף אָט די אַלע קלאַנגען, וואָס קומען פון העכערע ספערן -- „אָפט האָט מיר אויסגעזען ווי די וועלט וואָלט פול געווען מיט הויכע קלאַנגען".

ער ווערט דורכגעדרינגען מיט דער מיסטעריע פון גאַנצן באַשאַף און זעט אין זיינע חזיונות דעם באַשעפער, וועלכער האָט זיך נתגלה געווען, צוגעזאָגט, און געבענטשט אים מיט אַ גרוי־סער צוקונפט...

די הבטחה און די ברכה

„און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען: (נאָכן אָפּשייד פון לוטן) — „הויב אויף דיינע אויגן און קוק פון דעם אָרט, וואו דו ביסט, קיין צפון און קיין דרום, קיין מזרח און קיין מערב, וואָרום דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס דו זעסט, וועל איך געבן צו דיר און צו דיין זאָמען אויף אייביק".

(בראשית י"ג 15־14 — יהואש)

אברהם האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דער געטלעכער שטים,

וואָס האָט גערעדט צו אים, און זייענדיק פיל שטאַרקער, ווי זיינע אייגענע גייסטיקע כוחות, האָט זי אים געגעבן מאַכט איבער זיך און אַנדערע. ער ווערט דער פירער און וועגווייזער, — דער אויסדערווײלטער — פון וועמענס זוימען עס וועלן אַרויסקומען צאָלרייכע דורות, — „ווי די שטערן פון הימל און אַזוי ווי דער זאַמד אויפן ברעג ים".

דער דיכטער גייט נאָך געטריי דעם חומש־טעקסט, וועלכן ער פאַרטיפט, פאַרטײַטשט און אילומינירט היינטצייטיק: „דער בונד מיט אברהמען — שרייבט מאַן — איז געווען דער צענט־ראַלער מיטאָס פון דער מענטשהייט, דער וויכטיקסטער פאַקט פון אַ דערשיינונג, וואָס איז פריער קיינמאָל נישט געווען".

*

אברהמס גאָט־אידיי, זיין גייסטיקע ירושה, גייט איבער צו יצחקן, וועלכער וועט עס דאַרפן איבערגעבן צו זיינע קינדער — עד סוף הדורות. אָבער עשיוס בכורה (פון געבורט) גיט יצחקן (לויט טאָמאָס מאַן) נישט קיין רו! דאָס האַרץ טוט אים ווי צו־זעענדיק די אויפפירונג פון זיינע כנעניש שנירן:

„דעריבער האָט ער זיך געקלאָגט אויף זיינע אויגן — וועלכע ער האָט בכיוון פאַרמאַכט — ער זאָל נישט זען, וואָס עס קומט פאָר ביי אים אין הויז". ער האָט געבענקט נאָך דער בלינדקייט, כדי דורך דעם זאָל זיין בכור פאַרלירן די „ברכה".

ווי מיר זעען, גיט מאַן דאָ גאָר אַן אַנדער אינטערפּרעטאַ־ציע וועגן יצחקס בלינדקייט... דער לייענער וועט קאָנען דורכ־פירן אַ פאַרגלייך צווישן בער־האָפמאַנס און טאָמאָס מאַנס צוגאַנג צו דער געשיכטע פון דער „ברכה" און די קאָנסעקווענצן... ביידע קינסטלער האָבן, אומדירעקט, געפּרוּווט געבן אַן ענטפער צו סאָרען קורקעגאַארד, וועלכער האָט געהאַט געשטעלט זיין באַ־רימטע פראַגע: (אַרום דעם שווינדל ביי דער „ברכה"). „צי האָט דאָס טעאָלאָגישע ציטווייליק דאַן פאַרהאַנגען דאָס עטישע?"... (עס וועט, אגב, נויטיק זיין דאָ צו באַמערקן, אַז מאַן האָט דעם מיטאָס פון דער „ברכה" געצייכנט אין פּראָפיל, עפּיזאָדיש, אַזוי־נאָר־דורכגייענדיק, אָן דעם ברייטן האָריזאָנט, פּאָעטישער שיינ־קייט און פילאָזאָפישער טיפקייט, וואָס ריכאַרד בער־האָפמאַן האָט געגעבן אין „יעקבס חלום").

*

די צעטנראַלע אַקס אַרום וועלכער עס באַוועגן זיך טאָ־מאַס מאַנס יוסף־ביכער איז אברהמס גייסטיקע ירושה, וואָס יעקב האָט פון יצחקן באַקומען, וועלכע ער האָט שפּעטער געוואָלט איבערגעבן צו זיין ליבלינג־זון — יוסף. דורך אָט די פיר דורות (פון אברהם ביז יוספן) האָט זיך געוועבט די גאָט־אידיי און ביי יעדן איינעם פון זיי האָט עס דורכגעמאַכט אַ וויטערדיקע עוואָ־לוציע. אין זיין אייגענעם פּערזאָן האָט יעדערער פון זיי באַ־זונדער אַנטדעקט די געטלעכקייט, דעם באַוואוסטזיין און געפיל פון מענטשלעכן גורל. זיי האָבן דורך דער אַנטדעקטער גאָט־אידיי זיך אַליין דיסציפּלינירט, באַקעמפט די מאָראַלישע פאַר־דאָרבנקייט (און געטשן־קולט) און דורך דעם געהאָלפן צום נצחון פון גייסט איבערן חומר. דורך דער עוואָלוציע (אָדער: רעוואָלוציע קעגן זייער צייט) איז דאָס בית־אברהם געוואַקסן און געוואָרן אַ מעכטיקער כוח פאַר דער מענטשלעכער געשיכטע. (עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז איינער פון די פּוילישע רבייאים, וואָס האָט, וואַרשיינלעך, נישט געלייענט טאָמאַס מאַנען, האָט אויף אַ חסידישן אופן אויסגעטייטשט — ענלעך ווי מאַן — הלמאי עס ווערט אין „שמונה־עשרה" ביי יעדן איינעם פון די אבות דערמאָנט „אלוהי").

*

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, גיט אַנדרעי זשיד אַזאַ זאָג וועגן זיין שאַפונגס־פּראָצעס: „איך האָב פאַרטראַכט צו שרייבן אַן אויספאַנטאַזירטע געשיכטע פון מענטשן, פון אַ פאָלק מיט מלחמות, רעוואָלוציעס, טיפּישע געשעענישן מיט ענדערונגען פון אַדמיניסטראַציעס... איך האָב געוואָלט דערפינדן העלדן, מלוכה־מענער, מאָנאַרכן, קינסטלער און קינסטלערישע טראַ־דיציעס — — דאָס אַלץ צוליב וואָס פאַר אַ ציל? — כדי צו באַווייזן, אַז די געשיכטע פונעם מענטש האָט געקאָנט זיין אַנדערש. אונדזערע אייגנשאַפטן, מאָראַל, מנהגים, געשמאַק און אורטיילן — דער גאַנצער סטאַנדאַרט פון שיינקייט (און ווערטן) האָט געקאָנט זיין אַנדערש. דאָך, וואָלט אַלץ איינס, דער הומאַ־ניזם פון דער מענטשהייט פאַרבליבן דער זעלבער".

שאַך־שפּילער פּרוּוון אַמאָל צוריקצושטעלן געוויסע צוגן

און אויספּרואוון, צי ביי געוויסע ענדערונגען (אין אַ גאַנג) וואָלט אַרויסגעקומען אַ בעסערער רעזולטאַט. עס איז באַקאַנט דער זאָג, אַז ווען קלעאָפּאַטראַ וואָלט געהאַט אַן אַנדער נאָז וואָלט די געשיכטע פון דער מענטשהייט אַוועק אויף אַנדערע וועגן... אין דערווירקלעכקייט ווערט דער געשיכטלעכער גאַנג באַווירקט פון גאָר אַנדערע פאַקטאָרן, ווי קלעאָפּאַטרעס נאָז...

די מיסטעריעס פון מענטשלעכן גורל — דאָס איז נישט חל בלויז אויף יחידים — לאָזן זיך ווייט־נישט על פּי שכל דער־קלערן. דער מענטש קאָן נישט תמיד געבן אַ ראַציאָנעלע אויפ־קלערונג פאַר זיינע האַנדלונגען און רעאַגירונגען. דער קינסטלער מוז אָבער אויסגעפינען די פּסיכאָלאָגישע סיבות פון די גע־שעענישן און האַנדלונגען פון זיינע העלדן.

טאָמאַס מאַן האָט אין זיין מיטאָלאָגישן ראָמאַן, (אַזוי באַ־צייכנט ער די פיר בענדער „יוסף און זיינע ברידער") געפּרואווט פאַרבינדן פּסיכאָלאָגיע מיט מיטאָלאָגיע און דורך דעם סינטעז צוקומען צום עצם שורש פון אונדזער ציוויליזאַציע, פעלקער און קולטור־קאַמף. אין דעם לאַנגן שפּאַן פון דער מענטשלעכער געשיכטע זעט אַ מאַן אַ טיפן ברונעם אָן אַ דנאָ. ער פּרואווט גאָר־נישט צו זוכן וועלכן ס'איז גרונט. ער האָט נאָר אַראָפּגעטויכט אין דער טיף פון אַ עטלעכע טויזנט יאָר — צו דער פּאַטריאַר־כאַלער אבות־תקופה, כדי צו באַווייזן, אַז דער חומש־העלד איז אין זיינע ראַנגלענישן און פּראָבלעמען ענלעך צום היינטצייטיקן מענטש, (הגם עס טיילט זיי אָפּ אַ דיסטאַנץ פון יאָרטויזנטער.)

דער עגיפּטישער יוסף, האָט זיך שטאַרק אונטערשיידעט פון דעם יוסף אין יעקבס הויז — ער האָט פאַר דער צייט באַקומען נייע דערפאַרונגען און לעבנס־רייפקייט; ער האָט פיל דורכגעלעבט, אָבער אין עיקר־זאַכן איז ער פאַרבליבן דערזעל־בער. זיין אידענטיפיקאַציע צו די אמתן פון זיינע אבות איז גע־בליבן טראָץ אַלע זיינע אומוואַנדלונגען. אין דעם זין ווענדט מאַן אָן די יוסף־געשיכטעס צו דער היינטיקער געשיכטע. די אַלטע חכמה זאָל באַלייכטן די פינצטערניש פון אונדזער לעבן; די אַלטע צויבער־געשיכטע באַנייען און רעפּראָדוצירן מיט אַ מאָדערנער פּראָזע־טעכניק, נעמענדיק פון „בראשית" (און גלייכצייטיק אים געבן) אַן היינטצייטיקן זין.

דער פרעליוד

דער ערשטער באַנד פון די יוסף־ביכער איז פּאַקטיש דער אַנטראָפּאָלאָגישער פרעליוד פון דער טעטראַלאָגיע. דער מחבר שילדערט דעם יינגן יוסף, אַן אָפּגעזונדערטער פון זיינע ברידער — פּאַסטוכער; אַ טרוימער, וועלכער חלומט זיינע חלומות אין די לבנה־נעכט, שטייענדיק ביים ברונעם.

בעת איינער פון אָט־די טרוימערישע לבנה־נעכט, קומט אַרויס דער פּאַטער, יעקב, און שמועסנדיק מיט אים וועגן העכערע ענינים, פּאַראורטיילט יעקב די מצרים, וועלכע דינען צו די טויטע און צו חיות; און אויך אין כנען איז נישט בעסער מיט דעם מולך־קולט און זנות־ריטואַל, די טעמפּל־פּראָסטיטוּ־ציע, וואָס גייט־אָן אין די שטעט אַרום מיטללענדישן ים, די געהייליקטע באַביליאַנער פרויען צו אישטאַר... און אַזוי צייכנ־דיק רעטראָספּעקטיוו, גייט דער מחבר צוריק און צוריק — אין זיינע שילדערונגען און מאָלערייען — ביז עס קומט אויס, אַז ער פאַרענדיקט דעם ערשטן באַנד — אין צייט — מיט אַכט יאָר פריער, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן...

כאָטש דער נאָמען איז „יוסף און זיינע ברידער" — דאָך פאַרנעמט אַ צענטראַלן אָרט די מאַסיווע, יעקב־געשטאַלט — געטריי דעם טעקסט פון חומש.

יעקב, אַ מענטש מיט טיפן וויסן, אַ קלוגער מענטש, אַ נביא, אַ זוכער און געפינער פון גאָט, אַ פרינץ צווישן פרינצן. אָבער אין קעגנזאַץ צו זיי — וווינט ער נישט, ווי אַ תושב אין אַ שטאָט, אָדער אין אַ הויז געבויט פון שטיין און האָלץ. ער פירט אַ נע־ונד־לעבן, וואַנדערט אַרום און וואוינט אין געצעלטן אויסער די שטעט.

אַ ריי סיבות זענען גורם זיין נאָמאַדיש לעבן: דאָס אַנטלויפן — צוליב עשיון — צו לבנען און שפּעטער פון אים; די גע־שיכטע מיט דינהן (און שכם) צוליב וועלכער ער מוז זיך אָפּ־טראָגן וואָס שנעלער מיט זיין הויז־געזונט... אָבער די הויפּט־סיבה פון זיינע וואַנדערונגען איז — לויטן מחבר — נישט איינ־בירגערן זיך מיט די שכנים פון די שטעט און איבערנעמען זייער שטייגער. ער האָט בכיוון זיך נישט אָפּגעשטעלט וואוינען לאַנג

אויף איין אָרט, זיין משפחה זאָל נישט נאָכקאָפּירן דעם „ככל הגויים".

הגם דער מחבר האַלט זיך אין זיין שילדערן שטרענג ביים ביבלישן טעקסט, דאָך, מאַכט ער אין אַ ריי ערטער קאָרעקטיוון: „איך האָב אויסגעפּאַרשט ליד און דערציילונג — שרייבט מאַן — און אויסגעפונען, אַז זיי זענען נישט פּרעציז". דאָס זענען אָבער קליניקייטן אין פאַרגלייך צום עיקר — אַרויסצוברענגען דאָס גרויסע און פולע פון יעקבס פאַנטאַסטיש לעבן. קודם־כל זיינע גרויסע צוויי ליבעס — צו גאָט און צו — רחלען.

טאָמאַס מאַן האָט מיט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן געמאָלן די יעקב־רחל־ליבע — די עלטסטע כראָניק באַשרייבונג פון אַ שידוך, וואָס איז פאַרבונדן מיט ליבע פונעם ערשטן בליק... (און נישט מיט פליכטן פאַר דער מלוכה אָדער פאָלק...)

דער גרויסער פּראָזע־מייסטער האָט מיט אַ דין־פאַרשניצטן בלייער געצייכנט דאָס באַחנטע און שיינע, יינגע מיידל, וועלכע האָט מיט אירע שוואַרצע רחל־אויגן יעקבן אַזוי פאַרכישופט... אָבער דער אייפערזיכטיקער גאָט האָט אים באַשטראָפט: — „ווייל אַ מענטש קאָן נישט, גלייכצייטיק, פירן צוויי ליבעס אומ־באַשטראָפט!" מיט רחלס טויט ענדיקט זיך דער ערשטער באַנד. די שילדערונג פון איר טויט איז אַן־און־פאַר־זיך דיכטונג פון הויכער מדרגה. דער לייענער נעמט אַריין אין זיך אַ טרויער־מעלאָדיע, וואָס זינגט זיך אַרייך אין געמיט מיט איר עלעגיע און לירישער זיסקייט... און די דאָזיקע מעלאָדיע גייט נאָך דעם לייענער לאַנג־נאָך נאָכן פאַרמאַכן דאָס בוך...

דער מחבר האָט אין דעם באַנד געגעבן לאַנגע שילדערונ־גען פון שטייגער־לעבן אין לבנס פּאַראַפיע, די עקספּלאָאַטאַ־ציע פון יעקבן און זיין קאָמבינאַציע מיט די געפּלעקטע שעפּסן... לויטן חומש, — אָבער אויסגעפּילט אַלע שפּאַרונקעס און אַלץ צוזאַמען שאַפט אַ בילד מיט פאַרנעם, מיט פאַרבן און קלאַנגען פון אַ קינסטלערישער קאָמפּאָזיציע. פאַרן לייענער אַנטפּלעקט זיך אַן אומגעהויערע אַלטערטימלעכע וועלט מיט איר אייגנאַר־טיקער, פּרימיטיווער ציוויליזאַציע. דער מחבר נעמט דעם לייע־נער ביי דער האַנט און פירט אים אויף אַנטראָפּאָלאָגישע עקס־קורסיעס.

זעלטן ווער — פון גרויסע קינסטלער — איז צוגעגאַנגען

צום טיפן עבר באַוואָפנט מיט אַרכעאָלאָגישער און אַנטראָפּאָלאָ־גישער וויסנשאַפט — אין אַזאַ ברייטן פאַרנעם! — ווי טאָמאַס מאַן. און האַנט־ביי־האַנט מיטן וויסנשאַפטלעכן פאָרשער איז געגאַנגען — מאַן דער קינסטלער, וועלכער האָט מיט דיכטע־רישער אינטואיציע „קאָנטאַקטירט" יענע, ווייטע, אור־אַלטע וועלט. רעטראָספּעקטיוו, האָט ער אין דער יעקב־געשיכטע איינ־געשלאָסן די וועלט־געשיכטע, אַריינגעמענדיק די חומש־מעשיות און די צייטלאָזע מיטאָלאָגיעס פון פאַרשידענע קוואַלן. מיט דיכטערישער העל־זעעדיקייט און וויסנשאַפטלעכער פּרעציזקייט איז ער נאָכגעגאַנגען די פוס־טריט פון בראשית, טיילמאָל, זיך באַנוצט מיטן מעטאָד פון אַ פּאַלאעאָנטאָלאָגיסט, וועלכער רע־קאָנסטרואירט אַ גאַנצן בעל־חי אויפן סמך פון אַן איינצלנעם אויסגעגראָבענעם ביין...

דער מחבר האָט זיך באַנוצט מיט פילאָזאָפישער ספּעקו־לאַציע און וויסנשאַפטלעכער מעטאָדיק, מיט פּסיכאָלאָגיע און מיטאָלאָגיע, פרוידיזם און אַרכעאָלאָגיע און אַלע מאָטיוון אַריינ־געוועבט אין אַ מולטי־קאָלירטן מאָזאיק. אין דעם איז פאַראַן נייקייט און פרישקייט פון באַהאַנדלען געשיכטלעכע פּראָצעסן און געשטאַלטן; פון אויסזוכן די גייסט־מענטשן פון יענער צייט, וועלכע האָבן אַליין נישט געוואוסט, אַז זיי מאַכן געשיכטע און וועלן פאַרנעמען אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין דעם גיגאַנטישן היס־טאָרישן פּלאַן...

אין געוויסע ערטער איז זיך דער מחבר מיישב מיטן לייע־נער צי ער זאָל אַזוי אָדער אַנדערש שילדערן די געשעענישן. דאָס איז וואַרשיינלעך אַ שרייבערישער טריק... פּונקט ווי ער טוט — ערגעץ—אינעם ווערק — אַ זאָג צום לייענער, אַז ער קאָן שוין נישט דערוואַרטן אייגנטלעך קיין שפּאַנונג, ווייל מיר אַלע ווייסן דאָך פון פאָרויס, אויף אויסעווייניק, וואָס עס האָט פּאַ־סירט מיט די חומש־העלדן... אָבער פאַקטיש דערוואַרט מען ביי יעדן זייטל עפּעס נייעס. דערציילט דאָך טאָמאַס מאַן, אַז דער סעקרעטאַר זיינער האָט צו אים אַ זאָג געטאָן: (נאָכן איבער־שרייבן דעם ערשטן באַנד) — „איצט ווייסן מיר כאָטש ווי אַזוי דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען". דאָס מערקווירדיקע באַשטייט אין דעם, וואָס עס איז דאָך אַלץ אַזוי נישט געשען! דער רעאַליזם אינעם ווערק איז דאָך שפּיל און אילוזיע, דיכטערישע פאַנטאַזיע,

וואָס האָט מיט דער גבורה פון אַלע שפּראַך־מיטלען געשאַפן — אַ רעאַליסטישע אַטמאָספער. דער מחבר מאַכט אונדז גלויבן, אַז עס איז טאַקע פּונקט אַזוי געשען, ווי ער שילדערט. דאָס שאַפן אַ לעבעדיקע רעאַליטעט — דורך שפּיל און פאַנטאַזיע (אין רוב מנין־ובנין פונעם ווערק) אין דעם אַנטפּלעקט זיך דער שעפערישער כוח פונעם גרויסן מייסטער.

טאָמאַס מאַן האָט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען מיטאָס־העלדן און פרע־היסטאָרישע לעגענדע אין לעבעדיקער קעגנוואַרט. און פּונקט ווי מאַרקאָ פּאָלאָ, האָט פון זײַנע ווייטע, אומבאַקאַנטע, באַרייזטע געגנטן געבראַכט אַהיים אויסטערלישע געשיכטעס, אַזוי האָט אויך מאַן געבראַכט אין זײַן ווערק אַ פאַרשידנאַרטיקע, באַפעלקערטע אור־אַלטע וועלט.

אין דער דאָזיקער וועלט איז שוין פאַרגעקומען דער אַנהויב פונעם קאָנפליקט צווישן גייסט און פלייש. יעקב האָט דאָס גייסטיקע געשטעלט העכער פון מאַטעריעלן. ער האָט שוין פאַרקערפּערט דאַן דעם אומרו פון גייסט און דעם זוכער פון אומטײַלבאַרע אמתן. — „ווי וואָלטן מיר געווען אין דער וועלט — האָט ער געזאָגט צו יוספן — ווען מיר וואָלטן זיך פאַרלאָזט אויף האַלבע אמתן און האַלבע מאָסן? „דער אמת איז אומטײַל־באַר. פאַרגלײַכונגען, אונטערשיידן פירן צו אייגהייטלעכקייט — צו דעם אחד. — פאַרגלײַכונגען פירן צו אונטערשיידן, וואָס מאַכן אומרואיק דעם גייסט. אומרואיקייט פירט צו סורפּריזן, סורפּריזן צו באַוואונדערונג, באַוואונדערונג — צו בענקשאַפט, צו קעגנזײַטיקן אויסטויש און אייגהייט".

*

ווען אַ קינסטלער גייט איבערשאַפן אַ מיטאָס־געשיכטע, שטייט ער פאַר אַ גרויסן נסיון נישט געשטרויכלט צו ווערן דורך אַ פּרוּוו צו ראַציאָנאַליזירן מיטאָלאָגישע פּאַסירונגען אין רעאַ־ליסטישע טערמינען.

אַפילו דער ראַציאָנאַליסטישער לייענער פאַרשטייט אויפ־צונעמען אידייען, וואָס זענען פאַרקערפּערט אין די אַלטע מיטאָס־געשיכטעס, ווייסנדיק, אַז דער מיטאָס איז באַקליידט מיט מעטאַ־פיזישע — און פאַר אים — אומגלויבלעכע בגדים — שיילט ער

אַרויס דעם קערן פון לבוש — פון דער לעגענדאַרער שאָלעכץ און אַטמאָספער.

אין פּאָעזיע גיט זיך דער דיכטער לייכטער אַן עצה. פיל שווערער איז אין ראָמאַן, וואו דער מחבר מוז שאַפן אַ רעאַליס־טישע אַטמאָספער פון אַ טאָג־טעגלעכן לעבן. מיטן דאָזיקן נסיון האָבן זיך געראַנגלט אַ ריי מייסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור, און מיר ווייסן, אַז סערוואַנטעס האָט באַנוצט דאָס אַבסורדאַלע בכדי אויף אַזאַ אופן אַריבערצושפּרינגען פונעם סובלימירטן צום נאַטוראַליסטישן. דער עלעמענט פון סאַטירע און פּאַראָדיע האָט אים אין „דאָן קיכאָט״ פאַרהיט נישט געשטרויכלט צו ווערן. (דורך ראַציאָנאַליזירן.)

אין מאַנס עפּיק איז קענטיק דעם מחברס שוועריקייטן צו שאַפן אַ לעבעדיקע אַטמאָספער אין דעם לעבנס־אופן פון זיינע העלדן. די רעאַליסטישע אַטמאָספער, וואָס ער האָט געשאַפן אַרום די אַנטיקוואַרע געשיכטעס איז אין געוויסע ערטער — אַ געקינצלטע. עס איז אים דאָרט שווער געווען — אויפן האַרטן באָדן פון אַנטראָפּאָלאָגיע און אַרכעאָלאָגיע — אַריינצוברענגען די טאָג־טעגלעכע אַטמאָספער, וואָס מיר קענען... ווי געזאָגט, איז עס קענטיק נאָר אין געוויסע שטעלן, ווייל אין גרעסטן טייל האָט ער יאָ קינסטלעריש מצליח־געווען! אין פיל שילדערונגען ווערן האַרמאָניש צונויפגעגאָסן פאַרבן און מוזיקאַלישע קלאַנגען וועלכע קומען פון פאַרשידענע ספערן מיט דער רעאַליסטישער אַטמאָספער פון טאָג־טעגלעכן לעבן. און אויב אפילו די לעגענ־דאַרע, ביבלישע העלדן זענען אפשר אונדז נישט אַזוי היימיש און פּויליש־שטעטלדיק, ווי איציק מאַנגערס חומש־געשטאַלטן, זענען זיי אָבער דאָך נאָענט צו אונדזערע באַגריפן.

*

געטע דערציילט אין זיינע מעמואַרן, („דיכטונג און וואַר־הייט״) ווי אַזוי ער האָט אַמאָל דיקטירט די יוסף־געשיכטע צו זיינס אַ פריינד, באַמערקנדיק, אַז די נאַטירלעכע חומש־באַשריי־בונג איז זייער אָנגענעם. עס זעט נאָר אויס צו זיין צו־קורץ „און עס גלוסט זיך דורכצופירן זי אין אַלע פּרטים״.

ביים שרייבן די שורות איז געטע דאַן אַלט געווען אַ זעכציק יאָר און האָט שוין די אידיי נישט רעאַליזירט. דורכגעפירט האָט

עס אָבער זיין גרויסער פאַרערער — טאָמאַס מאַן; און ביים לייע־נען זיין יוסף־עפּאָס, האָט מען דעם געפיל, אַז ער האָט געפּרואווט — ווי געטע אין „פאַוסט" — צו שאַפן אַ צוויבער־אָפּערע פון דער מענטשהייטס טראַגעדיע און האָט דאָס צאַרטע און לירישע צו־זאַמענגעגאָסן מיטן קאָסמישן.

ווי באַקאַנט, האָט געטע באַצייכנט זיין „פאַוסט": — די דאָ־זיקע זייער ערנסטע לצנות" — שאַפנדיק פון „ערנסטן לצנות" — אַ קרוין־ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. אויך מאַן האָט זיין מיטאָלאָגישן ראָמאַן אָנגערופן — „אַ שפּיל מיט ווערטער", שאַפנדיק פון אַ „ווערטער־שפּיל" דעם גרעסטן ראָמאַן פון אונ־דזער יאָרהונדערט. (אַזוי האָבן אַ ריי קריטיקער עס באַצייכנט.)

אַז מען וויל — איז יעדער ליטעראַריש ווערק „אַ שפּיל מיט ווערטער" אָבער מיט איין באַדינג, אַז דער שפּילעוודיקער גייסט זאָל זיך נישט פאַרגעסן אין שפּילן, נאָר זיך פאַרנעמען מיט מענטש און — גאָט־פּראָבלעמען. (אין ברייטסטן זין פון וואָרט.)

צו דעם „שפּיל פון ווערטער" דאַרף צוגערעכנט ווערן די שפּיל פון ציפער־סימבאָליזם, וואָס איז, ווי מאַן, צעזייט אין די יוסף־ביכער. לאָמיר דאָ דערמאָנען דעם ליטעראַטור־קריטיקער טשאַרלס ניידער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דעם מאַגישן ציפער זיבן וואָס חזרט זיך כסדר איבער אינעם ווערק.

... „ציפער־סימבאָליזם, באַמערקט ניידער, איז אַזוי אַלט, ווי שפּראַך און גייט צוריק צום פּרימיטיוון מענטש".

מיר האָבן היינט־צו־טאָג דריי קוואַלן פון ציפער־סימבאָ־ליזם: די פּרימיטיווע; די אַסטראָלאָגישע און די פּיטאַגאָרישע. די פּרימיטיווע איז פאַרבונדן מיט אַזאַ קאָנצעפּציע. למשל, דער ציפער 20 מיינט אַ מענטש (צו 10 פינגער אין די פיס און הענט).

דער באַביליאָנישער אַסטראָלאָגיע־סיסטעם באַזירט זיך אויף ציפערן פון וועלכע עס ווערן גענומען די ראַטאַציעס און קאָנסטעלאַציעס פון די הימלישע קערפּערס.

די פּיטאַגאָרישע ציפערן־טעאָריע שטיצט זיך אויפן שייכות פון איין ציפער צו אַ צווייטן.

געוויסע פונדאַמענטאַלע ציפערן האָבן אַ פּאַראַלעלן זין אין אַלע קולטורן, צ. ב.: איינס — מיינט איינקייט, צוויי — צע־

טיילונג און אַנטיטעזע; דריי — גייסטיקייט; (קריסטלעכע דריי — אייניקייט), פיר — פיר ווינקלען און פיר ווינטן פון דער וועלט א.א.וו.

זיבן — אַ באַליבטער ציפער אין אַסטראָלאָגיע און אין דער ביבל. („שבעת ימי־המשתה", זיבן וואונדער פון דער וועלט, זיבן טעג פון דער וואָך, א.א.וו.)

אין די יוסף־ביכער האָט דער ציפער זיבן אַ מאַגישן זין:

יעקב האָט געדינט צוויי מאָל צו 7 יאָר צוליב רחלען; זיבן מאָל זיך געבוקט פאַר עשיון; יוסף האָט געלערנט וועגן די 7 פּלאַנעטן און זייערע זיבן קרייזן; ער דינט פּוטיפרן זיבן יאָר; די זיבן פעטע און זיבן מאָגערע קי א.א.וו.

איך האָב דאָ דערמאָנט נאָר אַ קליינעם ברוכטייל פון דעם סימבאָלישן ציפער 7 וועלכע ניידער האָט אַרויסגעהויבן פון יוסף־עפּאָס. זיי שאַפן אַ געוועב אין דעם מאָזאַאיק־סימבאָליזם וואָס באַגלייט דעם גרויסן ראָמאַן.

*

דער הויפּט־העלד — יוסף, פאַרנעמט דעם רוב בנין פון דער טעטראַלאָגיע. מיר געדענקען פון חומש אַז ער איז געווען שיין, (רחלס זון!) אָבער מאַן האָט אים באַשאַנקען מיט אַן אויסטערלישער שיינקייט און ליכטיקייט — פון אַלע זונען צו־זאַמענגענומען! — שיינע קינדער, זאָגט מאַן, זענען די ליבלינגען פון ליכט. ליכט איז שיינקייט, וויסן און ליבשאַפט.

לאָמיר דאָ באַמערקן, אַז יוסף איז אַ העלד נישט נאָר אין חומש־פאָלקלאָר נאָר אויך אינעם פאָלקלאָר פון די באַביליאַנער, כנענים, מצרים, און אַנד. מאַן האָט מיט אַ ברייטער האַנט גענו־מען פון אַלע מקורות און יוספן מזכה געווען מיט אַזאַ פאַרבי־קער פולקייט און אַלזייטיקייט „אַז עס פּלאַצן אַזש די נעט פון דער טראַדיציאָנעלער חומש־געשיכטע".

יוסף איז עלעגאַנט און אינטעליגענט. ער איז אַ דיכטער, אַ טרוימער אין פּרווידיסטישן זין, פאַרשנדיק זיין אונטערבאַ־וואוסטזיין, וואָס איז אים מרמז אויף אַ גרויסער צוקונפט. באַלד ביי דער ערשטער באַקאַנשאַפט מיט אים זעען מיר זיין „פלירטעווען" מיט דער לבנה־געטין — ער האָט בכלל ליב „אַריינצו־שטעקן זיין נאָז" אין די געטער־ליבעס... אָבער דאָס וואָלט אים

קיין אומגליק נישט געבראַכט, ווען ער וואָלט נישט אַרויסגע־וויזן אַזאַ גאווה־שטאָלץ מיט זיין אינטעלעקטועלער העכערקייט איבער די ברידער. אָט דער סנאָביזם שאַפט ביי אים די איינ־רעדעניש, אַז אַלע וועלן זיך קומען בוקן צו אים און יעדער איינער וועט אים מער ליב האָבן ווי זיך אַליין...

צוליב זיין אינטעלעקטועלער אַראָגאַנץ רופט ער אַרויס אַ וואָלף פון וואַלד — די פאַרסמטע שנאה פון זיינע ברידער, זיי נעמען אין אים נקמה דורך צערייסן זיין געשטרייפט העמדל — די „כתונת־פסים" — דער סימבאָל פון זיין גאווה־קאָמפּלעקס און טאַטנס פאַוואָריטיזם. די ברידער וואַרפן יוספן אַריין אין גרוב פון וועלכן ער ווערט געראַטעוועט און מגולגל קיין מצרים.

זיין מפּלה ניכטערט אים אויס אַביסל פון זיין גאווה. ער ווערט דורך די געשעענישן באַרייכערט מיט חכמה און לעבנס־דערפאַרונג — באַנעמענדיק זיין פריערדיקע זינד פון וועלן זיך איזאָלירן פון פּשוטן עמך־מענטש. ער הויבט אָן צו זוכן אַ סינטעז פון העכערן אינטעלעקט און זיין עגאָ — מיט די אינטערעסן פון כלל און מענטשלעכער פּשטות — און אויך נישט אַרויס־צולאָזן פון אויג די פּרימיטיווע אינסטינקטן און אימפּולסן. ער געהער אָבער צו די מענטשן וועלכע הערן זיך נישט אויף צו שפּילן מיט פייער, אפילו נאָכן אָפּבריען זיך די פינגער... זיין צווייטע מפּלה איז דעריבער אומפאַרמיידלעך.

דער מחבר האָט אין דער קאָנסטרוקציע פון ווערק אַריינ־גענומען — און ברייט אויסגענוצט — נישט נאָר זיין גרויסע ערודיציע אין פּסיכאָלאָגיע, פרוידיסטישן פּסיכאָ־אַנאַליז, אַנט־ראָפּאָלאָגיע און מיטאָלאָגיע, נאָר אויך אויסגעבויט אַ ריי (היפּ־אָטעטישע) הנחות מיט זייערע סיבות און אומפאַרמיידלעכע פּועל־יוצאס. „יעדער איינער קען (אָדער ער מיינט אַזוי) די יוסף־געשיכטע, זאָגט מאַן. זי איז איבערדערציילט געוואָרן דורך פאַרשידענע מעדיומס און ווערסיעס. (אָפט צופעליקע מיט לויזע עקן). אָט די געשיכטע איז אָבער רייך אין סימבאָליק און רמזים מיט ציל־באַוואוסטע אָנווייזונגען".

דער דיכטער האָט דאָ אין זיין „מיטאָלאָגישן ראָמאַן" פאַר־קניפּט אַלע לויזע עקן. גענומען רוישטאָף פון אַלערליי קוועלן און פון דעם אויסגעפורעמט אַ היסטאָרישע, פולבלוטיקע קינסט־לערישע פערזענלעכקייט, וועלכע פאַרקערפּערט אין איין פער־

זאָן דעם ייד און דעם העלענער: א טיפּ, וואָס איז פּיזיש און מאָראַליש געזונט — להיפּוך צו אַלע אַנדערע העלדן — גייסט־מענטשן — פון זיינע פריערדיקע ווערק.

יוסף איז א רעפּרעזענטאַטיווער טיפּ. אָבער אויך די עלף ברידער זיינע ווערן דורכן מחבר געשילדערט אַלס רעפּרעזענטאַנטן, נישט נאָר פון באַזונדערע שבטים, נאָר אויך פון פאַרשידענע כאַראַקטערן. פון קאַרגע פּראָפיל־שטריכן אינעם חומש האָט דער דיכטער געשאַפן — לעבעדיקע טיפּן פון פאַרשידנאַרטיקע פאָלקס־מענטשן, וועלכע מען דאַרף פאַרשטיין און מוחל זיין. אַפילו זייערע ברוטאַליטעטן לגבי יוספן דאַרפן אויך נישט געמומען ווערן אויבנאויפיק. יוסף — דעם „טאַטנס זונדל" האָט געקענט ארויסברענגען פון געדולד זיינע ברידער אפילו, ווען זיי וואָלטן געווען צדיקים...

יוסף אין מצרים

דאָס נייע לאַנד מיט איר קונסט, שיינקייט און פאַרגעשרי־טענער ציוויליזאַציע פון איין זייט, און די קולטן — פון דער צווייטער, ווערט פאַר יוספן דער שווערסטער נסיון אין זיין לעבן. ער מוז כסדר שטיין אויף דער וואַך נישט צו פאַרגעסן ווער ער איז, און פון וועלכער שטוב ער קומט — ער זאָל קענען איינהאַלטן זיין אידענטיפיקאַציע.

יוסף האָט נישט געטיילט זיין פאָטערס פוריטאַניזם און זיין שרעק פאַר דער אויסגעלאַסנקייט און קולט פון חיות און פייגל אין מצרים. ער ווייס, אַז דאָס לעבן ליגט נישט בלויז טיף אין גייסט, נאָר אויך אין פלייש, אין די אַלע סענסועלע פאַרגעניגנס... אָבער פרעמד איז אים דאָס זאָרגן פאַר די טויטע מער ווי פאַר די לעבעדיקע...

ער זאָגט צו די עגיפּטיאַנער: — „אייערע טויטע זענען געטער און אייערע געטער זענען טויטע. איר הויבט דאָך גאָר נישט אָן צו וויסן פונעם לעבעדיקן גאָט!" אמת, די עגיפּטישע קולטור איז אויף אַ העכערן ניוואָ, ווי די אין די כנענישע שטעט. זי באַשטייט פון אַ מאַטעריאַליסטישער גייסטיקייט, אָבער זי איז אין תוך א קולטור פון טויט, פון גיגאַנטישע קברים־פּיראַמידן. די קולטור־טראַדיציעס, וואָס ער האָט מיטגענומען פון פאָטערס

הויז בונטעווען אים קעגן די מצרישע געטער, וואָס שטאַרבן און ווערן צוריק געבוירן... ער קען נישט דאָס אַלץ אַקצעפּטירן, וואָס ער זעט אין דעם „מאַלפּע־לאַנד". און די אויסגעלאַסנקייט לויערט אויפן יונגן שיינעם בחור!... דער פּליט פון בית־יעקב מוז כסדר לעבן, ווי אין קריגס־גרייטקייט צוליב דעם שווערסטן שונא — פון אַלע פריערדיקע — מיט וועלכע זיינע אבות האָבן געקעמפט. צי וועט ער, אָבער, האָבן אין זיך גענוג מאָראַלישע פעסטקייט זיך קעגנצושטעלן די געפאַרפולע, שווערע נסיונות?...

— איך וואונדער זיך, — זאָגט טאָמאַס מאַן, — צי דער געפיל־פולער מענטש איז אַן אַרויספאָדערונג צו זיין גורל; צי פאַראַכטעט ער טאַקע באַוואוסטזיניק א לעבן פון פרידן און רו אויסקלויבנדיק צו לעבן אין אַן אַלאַרם־צושטאַנד מיט אַ שווערד הענגען איבער אים?"

— פאַרוואָס האָבן די עברים אויסגעקליבן דעם וועג פון וואַנדערן? — אָנהויבנדיק פון אברהם ביז יעקב און יוסף, האָט יעדער פון זיי פאַרלאָזט די היים פון זיינע אבות, זוכנדיק א נייעם מקום מנוחה אונטער פרעמדע, וויטע הימלען?

דער דיכטער גלויבט, אַז „די אויסגעוואָרצלטע און היימלאָזע פאַרקערפּערן דעם אומרו פון דער מענטשהייט". זייער גורל וואַקסט אַרויס פון זייער נאַטור און זייער נאַטור פון זייער גורל. גייסטיקער אומרו שאַפט אינעם מענטש די שטרעבונג נאָך ענדערונג. דער נע־ונד פון די עברים סימבאָליזירט גייסטיקע פערמענטירונג. און דער אויטאָר אַליין אידענטיפיצירט זיך מיט דעם פערמענט פון די עברים: „בין איך דען נישט באַשאַנקען געוואָרן מיט א הארץ, וואָס ווייסט נישט פון קיין רו?" — פרעגט טאָמאַס מאַן אין פּרעליוד פון די יוסף־ביכער...

פּוטיפרס ווייב...

אין חומש ווערט דערציילט: „זיין האַרס ווייב האָט געוואָרפן אירע אויגן אויף יוספן און געזאָגט: „קום ליג מיט מיר"...

טאָמאַס מאַן גלויבט, אַז דער חומש האָט זי באַוואוסט, דערציילנדיק וועגן איר נאָר דאָס אויבנדערמאָנטע: „דאָס איז דאָך שוין געווען דער עפּילאָג פון א לאַנגער ליבע־געשיכטע וואָס איז שוין צו לאַקאָניש איבערגעגעבן געוואָרן פון חומש־

כראָניקער״. דער מחבר האַלט, אַז דאָס מאַכן פון פוטיפרס ווייב (זי הייסט אין ראָמאַן: מוט־עם־ענעט. פאַרקירצט — עני) אַ „לייכטע פרוי״ וואָלט געווען פאַלש פאַר דער געשיכטע... ער פאַרלאָזט זיך — אין דעם פאַל — גאַנץ ווייניק אויף דער חומש־ווערסיע, נאָר האָט צונויפגעקליבן אַלע שפּעטערדיקע ווער־סיעס פון קאָראַן און די זיבעצן פּערסישע לידער, און אויך דזשאַסמיס לירישע שילדערונג — בכלל אַלץ, וואָס איז פאַראַן — אין ליד, צייכנונג און דערציילונג — וועגן דער־אָ יוסף־עני ליבע.

דער אויטאָר איז צוגעגאַנגען צום באַנד „יוסף אין מצרים״ באַוואָפנט מיט דער טיפסטער ערודיציע אין דער עגיפּטאָלאָגיע. ער מאָלט — ווי אַן הינטערגרונט און ראַם פאַרן הויפּט־העלד — אַ מולטי־קאָלירטן לייוונט פון דער עגיפּטישער קולטור און ציוויליזאַציע.

פוטיפר איז געצייכנט, ווי איינער פון די אינטעלעקטועלסטע פיגורן אין ראָמאַן. ווי אַ פיש אין וואַסער שווימט ער אַרום אין ים פון פילאָזאָפיע און עסטעטיק. ער איז אַ קינסטלער־עסטעט, אַ העלענער — אַ פאָר טויזנט יאָר פאַרן אויפקום פון העלעניזם.

זיינע געשפּרעכן מיט יוספן שימערירן מיט אַלע קאָלירן פון שייַנגייסטעריי; צוויי קינסטלער האָט דער גורל צוזאַמענגע־פירט — „און ווי האָט דען אַנדערש געקענט זיין מיט יוספס קאַריערע?״ ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז דער יונגער קינסטלער, דענקער און טרוימער זאָל באַשטימט ווערן אַלס פאַרוואַלטער.

פוטיפר איז אַ קאַסטראַט און פאַרהייראַט צו אַ פרוי פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע, און פון די געשפּרעכן, וואָס עס פירן פוטיפרס טאַטע־מאַמע (זיי זענען גלייכצייטיק ברודער און שוועסטער) דערוויסן מיר זיך פונעם לעבנס־שטייגער אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, פון די אינטריגעס און הויף־פּאָליטיק; און אַז די עלטערן האָבן זייער זון קינדווייז קאַסטרירט — צו הייליקן אים צום גאָט־פּרעה.

יוסף קומט ביי מאַנען נישט אַרויס אַזוי פויגלדיק... ער איז שולדיק אין דער צערייצטער לײדנשאַפט פון זיין האַרנטע, פון קעגנשטעלן זיך אירע תאוות ערשט אין דער לעצטער מי־נוט, ווען דער פלאַם האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר קאָנטראָל און

ס'איז געשען דאָס, וואָס דער חומש דערציילט... איז זי אַליין שולדיק אין דעם? פאַרוואָס האָט ער נישט געפּרוּווט אויסמיידן אָט דעם פייער איידער ס'איז געוואָרן צו שפּעט?... יוסף טראָגט די גרעסטע שולד אין זיין שפּילן זיך מיט פייער, אין זיין זעלבסט־אָפּנאַרעריי, אז ער וועט זיך די פינגער נישט אָפּבריען.

— „אונדזער פעאיקייט זיך אַליין אָפּצונאַרן, — זאָגט מאַן, — פירט אָפט אין א בלינדן געסל, אָן קיין דורכגאַנג". א מענטש קלויבט זיך באַוואוסטזיניק נישט אויס דאָס אומבאַקאַנטע, וואָס דער גורל האָט צוגעגרייט און נישט תמיד האָט ער די מעג־לעכקייט אַליין עס צו באַשטימען... אָבער, אינערלעכע אַלאַרם־גלאָקן וואָרענען אים — גאַנץ אָפט — וועגן א געפאַר וואָס רוקט זיך אָן. דער מחבר האָט אַזאַ אַלאַרם־גלאָק פּערזאָניפיצירט אינעם קאַרליקל, בעז־עם־כעוו.

ער איז דער יצר־טוב, וואָס וויל יוספן פירן אויפן דרך הישר, וואָרענענדיק אים ערב יעדן געפאַר. דער צווייטער קאַר־ליקל — דודו — א באַדינער פון פּוטיפרס גאַרדעראָבע — פאַר־קערפּערט דעם שטן, וועלכער דערפירט יוספן (ביים צווייטן מאָל) אין גרוב אריין... (די צוויי קאַרליקלעך געהערן, אגב, צו די גלענצנדסטע געשטאַלטן פון מחברס שעפערישער פאַנטאַזיע — אָנצורופן נאָר צוויי פון א גרעסערער צאָל — וועלכע ער האָט אריינגעפירט אין ווערק).

פון די פיר בענדער איז פאַקטיש נאָר דער דריטער — דער אייגנטלעכער ראָמאַן־טייל. דער דיכטער מאָלט גרויס־מייסטעריש דעם פאַרלויף פון דער אומגליקלעכער ליבע. ער פּסיכאָלאָגירט איבערן עראָטישן אינהאַלט, סטיליזירנדיק אים דורך דעם מיטאָס: — ליבע, — זאָגט דער אויטאָר, — איז א קראַנקהייט, ווי געוויסע אַנדערע קראַנקהייטן, אויף וועלכע דער מענטשלעכער קערפּער איז אויסגעשטעלט. עס איז „ווי שוואַנ־גערשאַפט און קינדער־געבוירן — און פונקט, ווי זיי — נישט אָן געפאַרן"...

ביי דער געלעגנהייט מעדיטירט דער מחבר — ער טוט עס אָפט און זייער גערן — וועגן טערמין „האַר" און „האַרין", אַז דאָס לעצטע מיינט אויך — א מענלעכן כאַראַקטער. רעדנדיק וועגן מתנות (צווישן געליבטע) באַמערקט מאַן אַזוי: „טראָגסטו מיין מתנה — ביסטו מיינער!", עפּעס ווי א פּרימיטיווער אימ־

פולס צו ברענגען קרבנות צו דעם וועמען מען פאַרגעטערט, אונטערקויפן אים מיט כּאַבאַר... די גאַר־פּיקאַנטע מתּנה איז דער חופּה־קידושין־רינג... דער וואָס גיט, און דער נעמער, ווייסן געניי, וואָס זיי ווילן: „א רינגל באַדייט א זעבאַרע פאַרבינדונג פון אַן אומזעבאַרער קייט".

כאַראַקטעריסטיש איז דעם מחברס זאָג, אַז נישט נאָר דער טערמין שיינקייט איז פעמיניסטיש נאָר אויך כּישוף. „דאָס איז דאָס אומגעזעצלעך־פאַרפירערישע אויפגעהויבן צו אַן איבער־געטריבענער הויך"... אַלס באַווייז: „צי האָט דען ווער אַמאָל געהערט פון מענער מכשפים? — זיי האָבן קיינמאָל נישט עק־זיסטירט! דאַקעגן ווייסט מען וועגן מכשפות".

אויך אין ליבע איז כּישוף דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר. דאָס ציט זיך שוין א מעשה פון טויזנטער יאָרן. (פון רחלס און פּוטיפרס ווייבס צייטן), הגם „ס׳רוב פון אונדז באַטראַכטן זיך אין יעדער ראָל — ווי מיר וואָלטן עס אליין די ערשטע גע־מאַכט, אַליין דערפינדן און געפורעמט, מאַכנדיק זיך פאַרגעסן אין די פאָרגייער".

איך האָב — ביי דער געלעגנהייט פון דער ליבע־שפּיל — אָנגעוויזן אויף מעדיטאַציעס אינעם ראָמאַן, צו אילוסטרירן, ווי אַזוי דער מחבר פאַרקניפּט מיטאָס, ליבע מיט פילאָזאָפירונגען. די ליבע פון פּוטיפרס ווייב גיט דעם אויטאָר א ברייט פעלד אויסצונוצן אַלע פאָלקלאָר־קוואַלן, וועלכע האָבן געגעבן יניקה אָט דער ליבע־שפּיל.

מאַן מאָלט אויף אַ ברייטער קאַנווע, אַ פאַנטאַסטישן באַנ־קעט, איינגעאָרדנט דורך פּוטיפרס ווייב בכדי אויפצודעקן פאַר אַלע איר פאַרבלוטיקט האַרץ... דער מחבר מאַכט אונדז גלויבן אין דער היסטאָרישקייט פון דעם באַנקעט „וואָס איז פון חומש אַרויסגעפאַלן צוליב זיין לאַקאָנישן ביבל־סטיל".

— פאָלקלאָר, ליד און דערציילונג — זענען פול מיט דעם באַנקעט — אויסגעזונגען אין פאַרשידענע ווערסיעס. אָבער אַלע גיבן אָן אלס סיבה עניס ליבע־קראַנקהייט. — „אָט די קראַנק־הייט, — באַמערקט דער אויטאָר, — געפינט זיך אין אַלע צויי־בער־מעשיות וועגן יונגע פּרינצעסינס מיט זייערע אומגליקלעכע ליבעס. די גרעסטע דאָקטוירים ווערן אויסגעשטעלט צום נאַר, ווען זיי טרעפן נישט צו — מיט זייער דיאַגנאָז — די סיבות..."

דאָס האָט זיך איבערגעחזרט מיט עניס קראַנקהייט, וועגן וועל־כער עס זינגען אויס דעם סוד — ליד און דערציילונג.

מיט א פיינעם סובטעלן הומאָר האָט דער גרויסער פּראָזע־מייסטער געצייכנט דעם באַנקעט, מאַלנדיק, ווי די געסט צע־שניידן זיך די פינגער קוקנדיק אויף יוספן ביים אָנפילן זייערע בעכערס... („איר האָט אים בלויז געזען א סעקונדע, זאָגט זי צו די געסט, און שוין אָפּגעגאַנגען אין בלוט... און איך זע אים יעדן טאָג... קענט איר שוין פאַרשטיין מיין צעבלוטיקט האַרץ...)

יוסף האָט דערזען — צו שפּעט! — ווי אַזוי זיין צוויבער־קראַפט ווערט דורכן גורל כסדר אויסגענוצט אין צעשטערע־רישן זין. עני זעט יוספס שולד אין זיינע רחל־אויגן, אין זיינע גאָלדענע אַקסלען — „אַ יונגער גאָט אין אַ מענטשלעכער גע־שטאַלט". אָבער ער גופא פילט, אַז ער איז נישט נאָר א גאָט, נאָר אַפילו נישט קיין פולקאָמער מענטש!... אין זיין בלינדקייט צום לעבן גיסט ער כסדר־צו אויל צום פייער. ער האָט געגלויבט — אין זיין יוגנט — אז ער איז באַשאַנקען געוואָרן מיט חן און ברכה צופרידנצושטעלן גאָט און מענטש. דאָס האָט דערפירט צו זיין גרויסהאַלטעריי און צו דער קנאה־שנאה, וואָס האָט אים אין גרוב אַריינגעוואָרפן — א שטראָף פאַר זיין גרויסער זינד!

אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך געבעטן ביי עניין זי זאָל אים אָפּלאָזן: — „זינד איז ביי אונדז פאַרבאָטן און פאַר־שאָלטן... עס האָט אַן אַלטע געשיכטע פון חוהן מיט דער שלאַנג... נאָר מיר — פון בית־אברהם — ווייסן וואָס זינד איז. מיר און גאָט, וועלכערליידט מיט אונדז צוזאַמען פאַר אונדזערע זינד".

אין אַן אַנדער וואַריאַציע האָט זיך ביי יוספן איבערגעחזרט די אַלטע געשיכטע מיט חוהן. דאַן איז אין גן־עדן־פּלאַץ פאַר־געקומען א קאָנפראָנטאַציע צווישן נאַקעטקייט און וויסן, וואָס האָט דערפירט צום פונאַנדערטייל צווישן גוטס און שלעכטס. איצט האָט זיך זינד צוריק מאַניפעסטירט אין געשטאַלט פון פּוטיפרס פרוי. יוספס צניעות איז געשטאַנען אין צענטער פון א דועל צווישן עגיפּטישן גאָט אַמון און יעקבס אל־אלוהים. אין דער סאַמע לעצטער מינוט האָט זיך צו אים באַוויזן די גע־שטאַלט פונעם פאָטער, וועלכער האָט אים געוואָרנט פאַר די קאָנסעקווענצן פון זינד...

יוסף האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז דער גאָט פון אברהם

שטעלט אויס זיינע קינדער צו גרויסע נסיונות, צו גייסטיקע שטרייטן און גרייטקייט צו דינען: — „אַט דעם גאָט פון בית־אברהם דאַרף מען נישט בלויז זוכן צו פאַרשטיין, נאָר יעדער איינער מוז תמיד זיין גרייט אויף זיין רוף!". ווען פּוטיפרס ווייב האָט אָנגעכאַפּט זיין מאַנטל — האָט יוסף דערהערט דעם רוף פון גאָט...

חלומות...

יוסף איז צום צווייטן מאָל אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין א גרוב — דאָס מאָל איז ער פון אים ארויס אדאנק זיין אויס־טייטשן פרעהס חלום. — אָבער ווי אזוי, — פרעגט מאַן, — איז יוספן געקומען אויפן געדאַנק, אזוי און נישט אַנדערש, אויס־צוטייטשן דעם חלום? דער מחבר זוכט אַן ענטפער אין פּסיכאָ־לאָגיע. יעדער מענטש איז לויט זיין נאַטור דער אויסטייטשער פון זיין אייגענעם חלום. דאָס לעבן איז פאַרבונדן מיט טונקעלע אַנונגען, פאַרגעפילן, אינטואיטיווע פאָראויסזעאונגען, וועלכע דאָס לעבן פירט אדורך נישט גאָר פּרעציז... צו ערשט קומט די אויסטייטשונג און נאָכדעם דער טרוים: „ווען איך האָב, — זאָגט יוסף, — אויסגעטייטשט פרעהן זיין חלום, איז דאָס פאַר מיר גופא, קודם־כל געווען די אינטערפּרעטאַציע פון גאָטס צילן, זיין פירן אונדזער געשיכטע אין וועלכער מיר נעמען אָנ־טייל. אָבער די געשיכטע איז נאָר אזוי פיל אָפּהענגיק פון אונדז אויף וויפיל מיר קענען אין איר אריינגעבן אונדזער חכמה, צו פירן אונדזער לעבן אין א פיינערער פאָרם און מער פולקאָם".

טאָמאַס מאַן נעמט נישט אָן דעם נוסח פון דער טראַדיציע, אַז די פּעטע און מאָגערע זיבן יאָר האָבן זיך אין דער ווירק־לעכקייט פונקט אזוי באַלאַנסירט, ווי אין חלום: „דורך א קריי־טיש אויג, זעט מען, אַז דאָס לעבן איז קיינמאָל נישט כולו פעט אָדער אינגאַנצן מאָגער..." לעבן און רעאַליטעט פאַרמאָגן א געוויסע אומאָפּהענגיקייט פון באַוועגונג. דער חלום באַקומט נישט קיין בוכשטעבלעכע נאָר א פרייע איבערזעצונג... דער טרוים איז אָפט א רעזולטאַט פון דער אינטערפּרעטאַציע: „ווי אַנדערש וואָלט א מענטש געקענט טאָקע וויסן, ווען די אויס־טייטשונג פון זיין חלום איז פאַלש?"

דער מחבר האַלט, אַז ס'איז פאַלש צו באַטראַכטן דעם חלום, ווי א פרייע דאַמיניע, אין וועלכער דאָס פאַרבאָטענע קומט אַרויס אָפן, אומפאַרשעמט — „דאָס וואָס איז אומבאַקאַנט דעם באַוואוסטזיין — ווייס אויך נישט דער חלום".

איך וויל זיך לענגער נישט אָפּשטעלן דאָ אויף די פיל־צאָליקע מעדיטאַציעס פון מחבר (און אַריינטייטשונגען) ווי אַזוי עס האָט יוספן אויפן וועג, — פון גרוב צו פּרעהן — א בלייז־געטאָן די פּעטע און מאָגערע יאָרן אַלס אינטערפּרעטאַציע פון קעניגס חלום. איך האַלט פאַר וויכטיקער דעם פּאָרטרעט, וואָס מאַן צייכנט וועגן פּרעהן.

דער מחבר איז איבערצייגט, אַז דאָס איז דער געשיכט־לעכער אמענהאָטעפּ דער פערטער, דער ערשטער אידעאַליס־טישער מלך אין דער וועלט, וועלכער האָט געלעבט אין 14־טן יאָרהונדערט פאַר אונדזער ערע. פאַר די מצרים איז ער געווען א זון־גאָט, אָבער אַליין איז ער גראָדע געווען א גאָט־זוכנדיקער קעניג, א גרויסער רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר און וויזיאָנער — א מין יונגער העלעניסט. אין זיין קעניגלעכן פּאַלאַץ האָבן זיך קאָנפראָנטירט קולטורן און קולטן פון פאַרשיידענע מיטללענדי־שע שטעט און שבטים. שוין אין זיין צייט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף אָפּצוטיילן רעליגיע פון וועלטלעכן לעבן — און אַז אַלץ פון אונדזער היינטצייטיק לעבן איז אַן איבערחזרונג פון אַמאָל — דאָס איז דאָך דער הויפּט־מאָטיוו פון מאַנס יוסף־ביכער! דער דיכטער זוכט — אומדירעקט — צו קאָנפראָנטירן דעם ווייטן עבר מיטן היינט, צו זען זייער בשותפותדיקייט.

דער צוזאַמענטרעף פון יוספן מיט פּרעהן: — צוויי גרויסע גייסטער, דער גאָט־זוכנדיקער מלך און דער געטלעך־קלוגער זון פון ישראל, איז פאַרביק געשילדערט און מיט א גרויסן פאַר־נעם. פון איין זייטל חומש האָט דער דיכטער געשאַפן אַ הונ־דערט זייטן זייער אינטערעסאַנטע — און באַלערנדיקע — פי־לאָזאָפישע געשפּרעכן, אַריינפלעכטנדיק אין זיי די העברעאישע, עגיפּטישע, באַבילאָנישע, גריכישע און אנדערע וועלט־מיטאָ־לאָגיעס. — „איך בין נישט קיין מענטש פון מלחמה, האָט יוסף — צווישן אנדערן — דערקלערט דעם קעניג... מיינע אבות האָבן זיך פאַרנומען מיט זוכן און דינען נאָר דעם העכסטן... געטריבן פון אומרו, פון אַן אינערלעכן אומבאַפרידיקטן רוף — קענסט

עס אָנרופן שטאָלץ — דער שטאָלץ פון מענטשן צו דינען דעם העכסטן".

יוסף אַקצענטירט פאַרן קעניג דעם גייסטיקן עלעמענט פונעם לעבן, וואָס איז דער קוואַל פון אמת, שיינקייט און ליכט. פון אים אַנטפּלעקט זיך און שיינט אַרויס די העכסטע געטלעכקייט: — "כאָטש דו קענסט נישט זען מיינע קייטן, דאָך טראָג איך זיי!" — רופט יוסף פאַטעטיש אויס. ער דערציילט פרעהן פון זיינע דערפאַרונגען אין זיין פאָטערס הויז און די איבערלעבונגען שפּעטער: "איך בין געשטאָרבן דורך פיל טויטן און אויפגעשטאַנען יעדעס מאָל צו א ניי לעבן". יוסף האָט דערפאַרן, אז די ליבלינגען פון די מוזעס ווערן פארטריבן אין מדבר... זיי באַקומען זייער געצעלט אין גרוב און זייער ברויט איז חושך און ביטער...

גאָר פּיקאַנט איז די פאַטעטישע דערקלערונג פון מחבר, אַז: "דער אומבאקאַנטער געשפּרעך צווישן יוספן און פרעהן איז איצט — אינעם ראָמאַן — געוואָרן רעקאָנסטרואירט פון אָנהויב ביזן סוף. אלע מאָמענטן זענען איצט איינמאָל פאַר־אלעמאָל פּינקטלעך פאַרפיקסירט געוואָרן"... — איז דאָס א שרייבערישער טריק?...

גאַנץ ערנסט טרעט דער מחבר אַרויס קעגן די ביבל־קריטיקער, וועלכע פרעגן־אָפּ א ריי חומש־שילדערונגען, באשר, זיי זענען פאַרפיקסירט געוואָרן אין שפּעטערדיקע צייטן...

— "די וואָס זאָגן, אז יעקבס רעדע צו זיינע קינדער (פאַר זיין פּטירה) איז געמאַכט געוואָרן דורך א שפּעטערדיקן כראָניקער (נאָך יהושועס צייטן) און דאַרף דעריבער באַטראַכט ווערן, ווי א "נביא" נאָך דער געשעעניש — זענען לחלוטין אומגערעכט! און דאָס, נישט נאָר דערפאַר, וואָס מיר קענען הערן מיט אונדזערע אויערן יעקבס ווערטער, נאָר בעיקר דערפאַר, וואָס א "נבואה" נאָך דער געשעעניש איז תמיד זייער פּינקטלעך... לאחר המעשה איז זייער לייכט צו זיין א נביא... און יעקבס טעותים זענען דער בעסטער באַווייז, אז זיין רעדע איז געהאַלטן געוואָרן טאַקע אין יענער צייט און נישט שפּעטער... און לאָמיר געדענקען, זאָגט דער מחבר, אז גורל און צוקונפט לאָזן זיך איבער אַ פרייע האַנט. דעריבער: קען עס יאָ און נישט געשען..."

יוסף דער צושטעלער

דאָס איז דער נאָמען פון לעצטן באַנד. (ווען יוסף שטייגט הויך און ווערט שני־למלך).

יוסף דער דיכטער און טרוימער דערפילט, אז ער האָט פון דער השגחה באַקומען א גרויסע שליחות — צו ווערן דער באַשפייזער פון דער וועלט. זיינע דערפאַרונגען און פאַסירונגען זענען, הייסט עס, געווען באַשטימטע און צוגעגרייטע פון א העכערן פלאַן — „יעדער מענטש, זאָגט דער מחבר, דאַרף וויסן און גלויבן, אז גאָט האָט ספּעציעלע פּלענער פאַר אים. פאַראַן מענטשן — גיט ער צו — וועלכע זענען פול מיט צווייפל אין זייערע אייגענע כוחות און באַציִען זיך מיט אומגלויבן אין זייער אויסדערוויילטקייט; און ווידער אַנדערע, וואָס נעמען אויף נאַטירלעך, מיט אָדער אָן ענִיוּות, זייער אויסדערוויילטקייט, ווי דאָס וואָלט ווירקלעך באַשטימט געוואָרן פון די מוזעס". צו דער לעצטער גרופּע האָט געהערט יוסף, וועלכער איז שוין אין זיין לעצטן אויפשטייג נישט מער דער סימבאָל פון קינסטלערס אַראָגאַנץ, פון גאווה קעגן זיינע אייגענע ברידער, און פון הונדערטער אַנדערע נאַרישקייטן, באַגאַנגען אין זיין יוגנטלעכער גאווה.

לאָמיר דאָ אונטערשטרייכן, אַז דאָס וואָס טאָמאַס מאַן האָט נישט באַוויזן צו דערגרייכן ביי די העלדן פון זיינע פריערדיקע ווערק — קינסטלער און סוחר — האָט ער עס דערגרייכט אינעם יוסף־העלד. עס איז כדאי אָבער צו באַמערקן, אז ער האָט געשריבן די יוסף־ביכער בעת רוזוועלטס „ניו־דיל"־רעפאָרם, און יוספס פאַרטיילונג פון דער תבואה, זיין באַזאָרגן די אָרעמע מיט שפּייז, זיי זאָלן צוליבן הונגער זיך נישט פאַרקויפן צו די רייכע — זיין גראַנדיעזער אַגראַר־רעפאָרם האָט גאָר א נאָענטן שייכות צו רוזוועלטס „ניו־דיל"־פּאָליטיק. עס איז חומש־כראָניק און היינטצייטיקייט ווי אַ באַווייז פאַר דער איבערחזרונג פון דער געשיכטע.

דער מחבר גיט א רעאַליסטיש־פּרטימדיקע באַשרייבונג פון יוספס גרויסער באַשפּייזונגס־אַקציע בעת דעם הונגער. ער דראַמאַטיזירט סיי די געשעענישן, ווי אויך די האַנדלונגען פון די אַלע אָנטיילנעמער. דאָ און דאָרט ווערט אַקצענטירט דער

געדאַנק, אַז דער גאַנצער הונגער איז געווען א טייל פון געט־לעכן פּלאַן די יעקב־משפּחה זאָל צוריק צעמענטירט ווערן — דורך באַזעצן זיך אין גושן.

דער דיכטער גייט נאָך געטריי דעם חומש־טעקסט; אַז די איבערחזרונגען אין בראשית (און אין טאָמאַס מאַנס ווערק) האָבן א טיפערן זין צו אילוסטרירן און באַטאָנען די געשיכט־לעכע איבערחזרונגען.

וואָרום די מעשה פון אברהם מיט שרהן (אין מצרים) חזרט זיך איבער מיט יצחקן און רבקהן. יעקבס ליבע צו רחלען, און עניס — צו יוספן. דער יצחק־ישמעאל־קאָנפליקט, און יעקב מיט עשיון. ברודער־שנאה און ברודער־מאָרד — פון קינען ציט זיך עס ביזן היינטיקן טאָג אין פאַרשידענע נוסחאות, ביי געענ־דערטע געשיכטלעכע דעקאָראַציעס און גרים... די סיבות — דער אופן פון שפּילן, און די פּראָבלעמאַטיק — ביי אַלע ענדע־רונגען אין דער געשיכטע — בלייבן די זעלבע. דאָס אַמאָליקע קומט צוריק אין אַן אַנדער פאָרם. און דאָס איז אייגנטלעך דער זין פון מיטאָס!

די אויפבינדונג פון קנויל...

אַלע קאָנפליקטן און קנוילן ווערן אויפגעלייזט און אויפ־געבונדן אינעם לעצטן באַנד. (פערט בוך). דער דיכטער דער־פירט צו אַ האַרמאָניע אַלע פּרינציפּן, וואָס האָבן זיך פריער געקריגט און צוזאַמענגעשטויסן. ער וויל נישט איבערלאָזן קיין צויטן, בפרט אַרום דעם גרויסן קאָנפליקט — וועגן יורש פון דער „ברכה". יעקב זאָגט צו יוספן: „גאָט האָט צעריסן דיין ‚כתונת פסים'. ער האָט דיר געגעבן און צוריקגענומען די ‚ברכה'. גאָט האָט דיך אַרויסגעהויבן איבער דיינע ברידער נאָך אין חלום (וועלכן איך האָב אין מיין האַרצן געטוליעט), ער האָט דיך אויפגעהויבן אין וועלטלעכקייט, אָבער נישט אין זין פון דער ‚ברכה' פון גייסטיקער ירושה"...

דאָס איז יעקבס שטילע טראַגעדיע! אין די צוואַנציק יאָר טרויער נאָכן זון, האָט ער פיל געלערנט און דורכגעוויטיקט. אוודאי האָט ער געגאַרט, אז רחלס זון זאָל ווערן זיין גייסטיקער יורש: „מיין האַרץ ליבט דיך און וועט דיך אייביק ליבן... ביסט

רחלס זון און איך האָב איר ליב געהאַט מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה... אָבער זאַכן קומען נישט פאַר לויט די געפילן און ווייכקייט פון האַרצן..."

יעקב האָט לסוף געמוזט איינזען, אַז יוסף איז נישט ראוי צו זיין דער גייסטיקער יורש. און פאַרוואָס? — ווייל יוספס לעבן איז געווען „שפּיל און שפּילן" — נישט גענוג ערנסט צו זיין דער טרעגער און רעטער פון אַ פאָלק און פון דער מענטשהייט.

יוספס זינד, איז לויט מאַנען, די זינד פון דעם קינסטלער, וועלכער האַלט זיך פון דערוווייטנס פון זיינע ברידער און פאַר־נעמט זיך נאָר מיט זיין עגאָ. זיין אַריסטאָקראַטישע גרויסהאַל־טונג האָט אים צוויי מאָל פאַרמשפּט צו פאַלן אין גרוב; ער האָט פון לעבן באַקומען אַ ביטערע לעקציע. און דאָס איז דער פּסק פון טאָמאַס מאַן קעגן די קינסטלער, וועלכע האַלטן זיך פון דער ווייטנס פון פאָלק, אַנשטאָט צו לערנען און אויסטייטשן זיינע חלומות.

יוסף פאַרקערפּערט דעם קינסטלער, וואָס האָט באַקומען צופיל גלאָריפיקאַציע (און מאַכט!) דורך דעם האָט ער פאַר־לוירן זיין אייגנטלעכע פונקציע — צו זיין דער גייסטיקער מנהיג הדור.

ווען יעקב בענטשט יוספן, זאָגט ער צו אים: „...ער (גאָט) ליבט דיך און גלייכצייטיק פאַרלייקנט ער דיר די ירושה... דו וועסט זיין דער בכור און פירער פון ערדישע זאַכן, אָבער נישט פון גייסטיקע". יוסף איז שוין גענוג רייף צו פאַרשטיין די סיבות פון ווערן אָפּגעוואָרפן. די „ברכה", די גאָט־אידייע, די מאָראַל־ענערגיע, האָט זיך געקרייצט מיט זיינע חלומות. נאָך זיין צווייטן איבערגעבורט, אַרויסקומענדיק פון גרוב, איז זיין גייסטיקע אָראַגאַנץ שוין פאַרשוואונדן. זיין איבערבעטן זיך מיט די ברי־דער איז אַן אויפריכטיקע און אַ פולשטענדיקע — דער קינסט־לער (יוסף) האָט איצט שוין אַלע זיינע טאַלאַנטן געשטעלט אין רשות פון כלל.

ווען די ברידער האָבן מורא געהאַט, אַז נאָכן פאָטערס טויט וועט יוסף זיך מיט זיי אָפּרעכענען, דערקלערט ער זיי: „אַ מענטש וואָס נוצט אויס זיין מאַכט — נאָר דערפאַר ווייל ער

האָט זי — איז חסר־דעה; און אויב ער איז עס נאָך נישט היינט, וועט ער עס ווערן מאָרגן״.

יוסף וואַרפֿט אָפּ פון זיך דעם מינדסטן חשד פון נקמה־געפילן לגבי די ברידער. ער אַקצענטירט זיין אייגענע שולד, וואָס האָט פּראָוואָצירט זיי: „צי האָט איר דען נישט געהערט פון אונדזער פאָטערס מויל, אַז מיין לעבן איז תמיד געווען אַ שפּיל? איך אַליין בין שולדיק אין דעם, ווייסנדיק צו גוט, וואָס עס ווערט געשפּילט... דאָס גאַנצע לעבן איז אַ שפּיל — גאָטס שפּיל — אין וועלכער דער פאָטער אַליין איז אויך געווען...״

אויך יעקב גופא זאָגט (אין עפּילאָג): „נאָך אַלעמען איז דאָס געווען אַ הייליקע שפּיל. איינער קען לייכט זיין אין געשיכטע און אַליין פון דעם נישט וויסן. אפשר האָט אַלץ אַזוי געדאַרפט זיין״.

די בני־ישראל זענען פאַר טאָמאַס מאַן סימבאָלן פון דעם עוואָלוציע־פּראָצעס אין דער געשיכטע. יעדער פון זיי האָט געהאַט די אַמביציע צו לעבן אינעם ליכט, וואָס די השגחה האָט באַשטימט פאַר אים. „אַמביציע איז אפשר נישט דאָס פּאַסיקע וואָרט, ווייל — עס איז דאָך געווען אַן אַמביציע לשם־שמים און דאָס פאַרדינט אַ העכערן נאָמען״. דער עיקר איז אָבער די וויזיע און קריטישע באַציאונג, וואָס די אבות האָבן אַרויסגעוויזן צו איינגעפונדעוועטע דערשיינונגען און זאַכן. זייער „נאָן־קאָנפאָר־מיזם״ און אומרואיקער גייסט פון פאָרשן און זוכן האָט געלייגט דעם יסוד פאַרן מאָדערנעם קריטישן געדאַנק פון אונדזער וויסנשאַפט.

די תמר־געשיכטע...

מיר קענען אַלע די פאַבולע וועגן אָט דער מערקווירדיקער פרוי תמר, לויט דער באַשרייבונג אין חומש. טאָמאַס מאַן גיט איר אָפּ אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ אין זיין ווערק. ער שילדערט איר, די כּנענית, ווי זי איז תמיד געווען נעבן יעקבן, געלערנט פון אים זיין גאָט־אידייע און זיין גלויבן אין דער הבטחה און „ברכה״. איר פאַנטאַזיע האָט זיך פון דעם שטאַרק צעצונדן און איר לעבנס־אַמביציע איז געוואָרן צו שפּילן אַ הויפּט־ראָל אין

דער געשיכטע — אין גרויס־פּאַרמאַסטענעם פּלאַן פון די בני־ישראל.

צוערשט האָט זי געוואָלט אַרײַן אין דער וועלט־געשיכטע דורך דער הויפּט־טיר. ווען דער פּלאַן איז צעשטערט געוואָרן נאָכן טויט פון אירע צוויי מענער — יהודהס זין — און דעם דריטן זון האָט דער שווער אָפּגעשלעפּט, האָט זי זיך אײַנגעבויגן און אַרײַנגעשטופּט זיך אין דער געשיכטע דורכן — פענצטער. עס איז בײַ איר נישט געווען, זאָגט דער מחבר, אַן ענין פון קליינלעכער אַמביציע, נאָר פון וויזיע און שטרעבונג נישט צו בלײַבן אין דער זײַט פון דער וועלט־געשיכטע: „יעדער איינער האָט אַן אָרט אין דער געשיכטע פון דער וועלט. שוין דער פאַקט פון געבוירן ווערן איז א צושטייער פון א קורצערן שפּאַן אין דעם גרויסן וועלט־שפּאַן פונעם לעבנס־פּראָצעס״.

נאָך דער באַטאָנונג, מעדיטירט דער אויטאָר וועגן די פון אונדז, וועלכע באַוועגן זיך אין דער פּעריפעריע, אַוועקגערוקט ווײַט פונעם צענטער, און געהערן נישט צו די גלאַנציקע, דראַמאַטישע פּערסאָנאַזשן פון דער וועלט־געשיכטע און מאַכן שלום מיט דעם. (תמר האָט נישט געוואָלט אַקצעפּטירן איר בלײַבן אין שאָטן ערגעץ אומבאַמערקט. פאַר יעדן פּרײַז האָט זי דעצידירט, מוז זי אַרײַנבאַקומען זיך אין דער ספערע פון דער הבטחה).

אָבער, וואָס איז מכוח יהודהס ראָל אין דער תמר־געשיכטע? פאַרוואָס איז גראַד אים געקומען די ברכה? צוליב וועלכע מעשים־טובים?

— ווייל יהודה, — שרײַבט מאַן, — איז דער מענטש פון געוויסן. דער זינדיקער און דער רעליגיעזער; דער שקלאַף צו דער תאווה, און דער מאָראַליש־געפּייניקטער, וועלכער פילט זיך שטאַרק געפאַלן נאָך יעדער באַגאַנגענער זינד. (דאָס שטערט אים נישט— ווי יעדן זינדיקן — צו זײַן שטאַרק פילבאַר צו די זינד פון אַנדערע... זײַן רעאַגירן קעגן תמרן, ווען ער האָט געהערט, אַז זי האָט פאַרשוואַנגערט דורך זנות...).

מיט א שטאַרקער איבערצײַגונגס־קראַפט פון דיכטערישן וואָרט, האָט מאַן אַרויסגעבראַכט די פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון. פאַרוואָס גראַד יהודה — מיט זײַן שולד־געפיל און מאַטערנדיקן געוויסן — ווערט דער טרעגער פון דער „ברכה״.

נאָכדעם ווי עס איז אָפּגעפאַלן דער פיזישער בכור (צוליב דער מעשה בלעה) און שמעון און לוי, (צוליב זייער שכם־וואַנדאַליזם) — איז די ריי געקומען אויף יהודהן, דעם וויכטיקסטן פון אלע ברידער, דער וועלכער איז דורכגעברענט געוואָרן אין אַלע זינד־פייערן, פון וועלכע דאָס לעבן האָט אַנדערע געשוינט. ער, וואָס איז באַקאַנט מיט זינד און שולד־געפיל, איז ראוי צו זיין דער אויסדערוויילטער „דער לייב מיט אויגן פון א הירש", דער לעגענדאַרער פאָרגייער פון דוד המלך און משיח בן־דוד, דער וועמענס נאָמען א גאַנץ פאָלק וועט טראָגן.

געוויסן איז איינע פון די גרעסטע ווערטן — אויב נישט די סאַמע גרעסטע! — פון הומאַניזם. עס איז אייגן נאָר די, וועלכע קענען פייניקן זייער האַרץ און באַוואוסטזיין צו ליידן פון געוויסנס ביסן. דערמיט האָט זיך יהודה אַרויסגעהויבן איבער זיינע ברידער — דאָס איז מאַנס פּסיכאָ־אַנאַליטישער אויספיר.

*

דער דיכטער האָט אין די יוסף־ביכער אָפּגעגעבן א באַדייטנדיקן אָרט זיינע פילאָזאָפישע און פּסיכאָלאָגיש־אַנאַליטישע געדאַנקען. ער האָט צונויפגעוועבט דאָס אַרכאַאישע מיטן מאָדערנעם און געלאָזן פאַרן לייענער, ער זאָל אַליין אַרויסשיילן פון פּרימיטיוון מיטאָס דעם אינעווייניקסטן סימבאָלישן קערן.

איך האָב פריער דערמאָנט, אז דער מחבר האָט זיין רוישטאָף גענומען פון אומעטום. ער האָט זיך באַנוצט מיט מדרשים און אין א ריי שטעלן מיט דעם אבן־עזרא. פון די מדרש־אגדתות האָט ער גענומען אַשרס טאָכטער סירה, וועלכע זאָגט אָן יעקבן, אז יוסף לעבט. דערביי האָט מאַן פאַר דער גרויסער בשורה־געשעעניש אַריינגעפלאָכטן א ליד, דורך וועלכן סירה זינגט אויס די פריידיקע אָנזאָגונג. יעקבס באַגעגעניש מיטן באַליבטן זון איז געשילדערט אין צאַרטע, לירישע טענער, באַהויכט מיט שטאַרקן פּאַטאָס. יהודהס שטאַרקע רעדע, ווען בנימין איז דורך יוספן פאַרהאַלטן געוואָרן, איז דראַמאַטיש זייער שטאַרק אין דער טראַדיציאָנעלער חומש־פאָרם, ספּעציעל די מעלאָדישקייט פון יוספס שפּיל מיטן בעכער. אין די — ווי אין פיל אנדערע שילדערונגען — איז מאַן אין זיין בעסטער פאָרם פון גרויסער פּראָזע־קונסט.

יוסף — א זעלבסט־פּאָרטרעט...

עס איז שוין נישט איינמאָל געשטעלט געוואָרן די פראגע: צי איז טאַקע דער קינסטלער א זעער און נביא? צי דערשפּירט ער מיט זיין זעקסטן חוש, פריער פאַר אַנדערע, די אָנקומענדי־קע געשעענישן און זייער כאַראַקטער?

צו אָט די אויבנדערמאָנטע פראַגן וועל איך צוגעבן נאָך איינע: — צי האָט טאָמאַס מאַן אויסגעקליבן די חומש־מיטאָסן און יוסף־געשיכטעס אין זיין טעטראַלאָגיע צוליב פּערזענלעכע סיבות?

עס איז נישט פאַראַן קיין שום ספק, אַז דער דיכטער פון די יוסף־ביכער האָט געפילט אַן אינערלעכע שייכות צווישן פאַבל און לעבן. דער נמשל פון די יוסף־געשיכטעס איז די הנהגה פון די שווערע נסיונות און טראַגישע שטרויכלונגען (ביזן גרוב אַריינפאַלן) פונעם קינסטלער ביז ער דערגרייכט זיין דערפאָלג.

פונקט ווי יוסף האָט געדאַרפט דורכמאַכן זיין געפאַרפולן געראַנגל און שווערע ליידן ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן זיין אויפשטייג, אַזוי האָט אויך טאָמאַס מאַן דורכגעלעבט אין זיין דערפאַרונג אַלס קינסטלער.

יוסף איז — לויטן שטאַנדפונקט פון זיינע ברידער — גע־ווען דעקאַדענט: אין פעלד האָט ער נישט געאַרבעט, קיין פאַס־טוך נישט געוואָלט זיין, נאָר זיך אַרומגעדרייט א פוסט־און־פּאַסטניק מיט זיינע טרוימען און חלומות. יוסף — דער אידעאַ־לער הויפּט־העלד פון מיטאָלאָגישן ראָמאַן, פּערזאָניפיצירט דעם קינסטלער מאַן, זיינע נסיונות. זיין היימלאָזיקייט אין דער היינ־טיקער געזעלשאַפט; זיינע ספקות אינעם ווערט פון אינטעלעקט; זיין צווייפל אין דיכטערס שייבגייסטעריי, (סימבאָליזירט אין דעם פאַקט, וואָס יוסף באַקומט נישט די „ברכה").

ווי יוסף, אַזוי האָט זיך טאָמאַס מאַן אָפּגעקערט פון זיין בירגערלעכער סביבה און פאַמיליע, געליטן צוליב דעם שולד־געפילן. דער פּאָעט, דער קינסטלער־אינטעלעקטואַל מיט זיינע נייגונגען און עסטעטישע באַדערפענישן רופט אַרויס צו זיך אומצוטרוי, ביטול אָדער אפילו שנאה ביי די זייער פּראַקטישע און טויגלעכע אין דער האַנדלס־וועלט.

יוספס פיינקייטן פון לשון: זיינע געשפּרעכן און חלומות,

וואָס דינען נישט דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישקייט. זיין שפּראַך — די שפּראַך פון גייסט. פון זוכן געטלעכקייט, דער העכערער תכלית פון אונדזער עקזיסטענץ — רופט אַרויס שנאה און ווערט אויסגעחוזקט פון זיינע ברידער... ער ווערט פאַרשטויסן! — זיין ליבשאַפט צו דעם גייסטיקן — פּאַסט זיך נישט אַריין אינעם שעפּסן־לאַנד... ער מוז אַוועק (ריכטיקער: ער ווערט פאַרקויפט — אין זין פון גורל: איינס און דאָס זעלבע) אין אַן אַנדער לאַנד, וואו מען וועט אים אנערקענען און אָפּשאַצן, וואו ער וועט שטייגן הויך און ווערן דער באַשפייזער פון אַלע — נאָך אַ באַווייז, אז דער נביא אין אייגענעם לאַנד ווערט גרינגגעשעצט...

יוספס צוויי גריבער זענען אויך דאָ — אַלעגאָריש — אין טאָמאַס מאַנס לעבן. פאַרן ערשטן וועלט־קריג איז ער אַריינגעפאַלן אינעם זומפּ פון די יונקער־מיליטאַריסטן און גלאָריפיצירט דאָס פּרייסנטום. ער האָט זיך אָבער באַצייטנס אויפגעהויבן פונעם גרוב און געפונען זיין וועג צום הומאַניזם, און ווי א קינסטלער — זיין לאָיאַליטעט צו דער אידייע פון גייסט. (כדאי דאָ צו דערמאָנען דעם גרויסן שטרייט, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען צווישן ביידע ברידער — טאָמאַס און היינריך מאַן — וועגן דער ראָל און שליחות פונעם דיכטער. היינריך איז געווען דער ראש־המדבר פון הומאַניזם און דעמאָקראַטיע אין איראָפּע. טאָמאַס מאַן — פון פּרייסישן נאַציאָנאַליזם. שפּעטער האָט ער איינגעזען זיינע בלאָנדזשענישן און געשלאָסן א בונד מיטן הומאַניזם, וועמען ער האָט געווידמעט זיין גלענצנדע פּען).

יוסף און זיין מחבר — ביידע זענען קינסטלער, הגם דער ערשטער מער פּרימיטיוו און נאַאיוו. ביידע ווערן געטריבן דורך די זעלבע אימפּולסן. יוסף גלויבט אין גאָט, אַז ער האָט פון אים באַקומען א העכערע שליחות און איז דער ליבלינג פון גייסט. מאַן, דער מער ראַפינירטער און קאָמפּליצירטער קינסטלער, גלויבט אין זיין דיכטערישער מיסיע. אַפילו דער מיטאָס־קאָנפליקט צווישן גייסט און לעבן איז אויטאָביאָגראַפיש. דער מחבר האָט אין יוספן געזוכט זיין זעלבסט־פּאָרטרעט, זיין קינסטלעריש־אינטעלעקטועלע אידענטיפיקאַציע.

ווען מאַן האָט געשריבן זיינע יוסף־ביכער, איז ער — ווי זיין העלד — געווען א פּליט, א פאַריאָגטער פון זיינע ברידער

און לאנד (דייטשלאנד). דער ביבלישער יוסף האָט פאַר זיין היינטצייטיקן מחבר נישט געלעבט בלויז לעגענדאַריש, היסטאָריש, נאָר געלעבט און געווירקט אין די גייסט־מענטשן פון אונדזער תקופה. אין מיטאָלאָגישן זין איז דער היינט־סובסטאַנץ געוועזן אינעם עבר און וועט אויך זיין אינעם עתיד. דאָס וואָס איז געשען אַמאָל איז נאָך נישט אַריבער. וויפיל מיר זאָלן נישט זאָגן: עס איז געווען — איז עס נאָך אויך היינט דאָ אין אונדזער עקזיסטענץ, נאָר אַנדערש פאַרשלייערט. דער קינסטלער פּרואווט, לויט זיינע כוחות, פאַנאַנדערשיפרירן דעם מיטאָס — דער לבוש פון מיסטעריע — מיר זאָלן קענען זען די טיפע, צייטלאָזע געשיכטע. צייטלאָז, ווייל עס רעפלעקטירט אונדזערע צייט־ספּאַזמען און שפּיגל פון געשיכטע.

„איך האָב דערציילט — שרייבט מאַן — פון בראשית, ווען אַלץ איז געווען צום ערשטן מאָל. דאַן איז דאָס געווען ניי און האָט צוגעצויגן, אָבער היינט, נאָך יאָר־טויזנטער געשיכטע, צי קען עס בלייבן ניי און פריש?"

יאָ — ענטפערן טאָמאָס מאַנס יוסף־ביכער. דער קינסטלער קען אויספורעמען היסטאָריש־לעגענדאַרע געשטאַלטן, מיר זאָלן זיי זען „צום ערשטן מאָל". און כאָטש מיר ווייסן, אז פיל פון די געשילדערטע געשעענישן און געשטאַלטן זענען נאָר פּאָעטישע וויזיעס, ווירקן זיי אָבער מיט זייער קינסטלערישער, לעבעדיקער טראַנספאָרמאַציע, מיט דעם רוח־החיים, וואָס דער באַשאַפער האָט אַריינגעגעבן אין זיין שאַפונג.

טאָמאַס מאַן האָט פון בראשית אַרויסגעהויבן די צייטלאָזע עלעמענטן פון ליבע און קנאה־שנאה: דורך אימאַזש און רעפלעקס האָט דער דיכטער פּראָזשעקטירט דעם דורכגעגאַנגענעם וועג פון דער מענטשהייט. די עוואָלוציע איז א פּאַמעלעכדיקע, די שייד־ליניע — א פּליסיקע.

א וויכטיקע ראָל שפּילט דער יחיד, וועלכער שפּרייט אויס זיין ווירקונג אויך מחוץ די גרענעצן פון זיין לאַנד און צייט. דער מחבר פירט צוריק דעם היינטיקן, אומרואיקן יחיד און רופט אים צו אידענטיפיצירן זיך אין די היסטאָרישע און לעגענדאַרע פּראָטאָטיפּן און אזוי אַרום אַנאַליזירן און צוריק באַשטעטיקן די קאָנצעפּציע פון דער מענטשהייט.

פון טיפן עבר־ברונעם האָט ער אַרויסגעשעפּט די טונקע־לע וויזיעס פון אינדיווידועלן און סאָציאַלן, סוביעקטיוון און אָביעקטיוון, שאַפנדיק א מאָדערנעם צוגאָב צום חומש־בראשית. דער „צוגאָב" איז א גאַנץ וואָגיקער. פון א פופציק זייטן חומש האָט מאַן רעקאָנסטרואירט איבער צוויי טויזנט זייטן. (ווען מיר זאָלן צורעכענען צום חומש־שטאָף אַלע אַנדערע אָריענטאַלישע מקורות, וועט אַלץ צוזאַמען קוים זיין א הונדערט זייטן) און פון דעם האָט ער אויסגעבויט א בעלעטריסטישן וואָלקנקראַצער, וואָס איז לויט דער מיינונג פון א ריי קריטיקער, די קרוין פון זיין שאַפונג, דער גרעסטער ראָמאַן פון צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט.

צו שרייבן א ראָמאַן און אויסגראָבן דעם געבורט פון יש־ראל — פונעם יידישן גייסט און זיין איינפלוס אויף דער מערב־ציוויליזאַציע — בעתן אויפמאַרש פון היטלעריזם, איז — לויט מאַנס אויסדרוק — „געווען פונקט צו דער צייט, ווייל עס האָט אויסגעזען אזוי נישט צו דער צייט..."

*

אין טשעכאָווס א דערציילונג איז פאַראַן א בילד, ווי אַ העלד, א לערער, שטייט פאַרן פאָרטרעט פון רוימישן פילאָזאָף און סטאָיקער סענעקאַ און האַלט פאַר אים אַזאַ רעדע:

„דו האָסט געפּרעדיקט געדולד, ביסט געווען קלוג, ווייט־זיכטיק. צי האָסטו אָבער אין דיין צייט געקענט פאָראויסזען, אַז אַכצן הונדערט יאָר נאָך דיין טויט וועלן מענטשן אויפנע־מען דאָס לעבן מיט פוסטע הערצער און זיי וועלן זיין גלייכ־גילטיק צו גוטס און שלעכטס; זיי וועלן זיין אויסגעטריקנט פון יעדן טראָפּן זאַפט פון גייסטיקער גבורה און וועלן דעריבער אַקצעפּטירן די קלעפּ... אונטערגעבנדיק זיך דער שקלאַפעריי אָן א טראָפּן בושה?..."

טאָמאַס מאַן האָט זיך דער שקלאַפעריי נישט אונטערגע־געבן! ווען דער נאַצישער רעקטאָר פון באָן האָט געמאָלדן טאָ־מאַס מאַנען, אַז זיין נאָמען ווערט אויסגעשטראָכן פון די ערן־דאָקטוירים, האָט אים מאַן אַזוי געענטפערט: „איך וואָלט נישט געקאָנט לעבן און אַרבעטן, איך וואָלט דערשטיקט געוואָרן און נישט געקאָנט רייניקן מיין האַרץ, אויב איך וואָלט נישט געגעבן

אַן אויסדרוק מיין פּאַראַכטונג און פּראָטעסט צו דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר אין דער היים...״

ווי זיגמונד פרויד, האָט ער געגלויבט, אז די שטימע פון אינטעלעקט איז א שטילע, אָבער זי רוט נישט — סוף־כל־סוף מוז זי דערהערט ווערן. ער האָט אין דעם צייט־באַרבאַריזם געזען א פאַזע אין דעם אייביקן שוי־שפּיל פונעם מענטשלעכן גורל, א צייכן־פּאָסטן אין דעם גרויסן געשיכטלעכן שפּאַן. דער דיכטער, וועלכער האָט אין זיינע פריערדיקע ווערק באַזונגען דאָס קרענקלעכע און טויטלעכע (זיינע העלדן — פּאַציענטן פון סאַנאַטאָריעס, ווי האַנס קאָסטראָפּ), האָט זיך דאָ געשטעלט מיטן פּנים צום לעבן. ער איז געוואָרן א קעמפער פאַרן פּאַן־הומאַניזם און מענטשן־ליבע.

„געוועזן אַמאָל א צייט — האָט ער געשריבן — ווען מען האָט געקאָנט אונטערשיידן צווישן דעם ריין־עסטעטישן, ריין־פילאָזאָפישן, רעליגיעזן, פּאָליטישן, סאָציאַלן און דערקלערן, אז מיר זענען פאר איינעם און נישט פאַרן אַנדערן. היינט מוזן מיר זיין פּאַראינטערעסירט אין דעם גאַנצן אָדער אין גאָרנישט... מיר לעבן פּאַקטיש אין א גייסטיקער איינִיקייט מיט קאָלעקטיווער אחריות. די וועלט וויל ווערן א גאַנצע...״

אין „יוסף און זיינע ברידער״ האָט מאַן געזוכט אָט די גייסטיקע איינִיקייט פון דער וועלט, — פון ווייטן אַמאָל מיטן היינט און מאָרגן. ער האָט אַרויסגעהויבן פון טיפן עבר די גייסט־מענטשן מיט וועלכע מיר קענען זיך אידענטיפיצירן, מענטשן וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דער ברוטאַליטעט פון זייער צייט.

דער דיכטער האָט אין דעם ווערק פאַרקערפּערט די שטים פון דער מענטשהייט און א דאנק דעם עס פאַרוואַנדלט אין וועלט־ליטעראַטור.

העלדן פון שווערד און העלדן פון גייסט

(וועגן משה שמירס „מלך בשר ודם")

אין לויף פון דורות...

אַסימילאַציע אינעם יידישן לעבן איז אַזוי אַלט, ווי די יידישע געשיכטע.

פון אָנפאַנג — בעת דעם נאַציאָנאַלן בראשית — האָט דער פרימיטיוו־יידישער מענטש נאָכקאָפירט די שכנישע געצנ־דינסט און דעם קולט מיט די סעקסועלע אָרגיעס, וואָס האָבן אַפּעלירט צו זיינע אינסטינקטן. די אַגיטאַטאָרן פון געצנדינע־רישן לעבנס־שטייגער — די נביאי־השקר — זענען מיט די שאַרפסטע מיטלען באַקעמפט געוואָרן מצד די נביאי־האמת, וועלכע האָבן געשטרעבט, אַז די אויספורעמונג פון דער נאַ־ציאָנאַל־יידישער אינדיווידואַליטעט זאָל זיך שטיצן אויף די יסודות פון עטישער דערהויבנקייט, מאָראַלישער ריינקייט, באַהויכט דורך אמת, צדק און יושר.

אָט דער קאַמף קעגן דער געצנדינערישער אַסימילאַציע האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון פערטן יאָרהונדערט, (פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), ווען די פּלאָג האָט זיך באַוויזן אין אַ ניי געשטאַלט — העלעניזם.

עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ יידיש־העלעניסטישע באַ־וועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען רייכע יידן, כהנים און אַנדערע מיוחסים, מיט אַ ריי פירער פון דער יידישער אינטעליגענץ בראש, וועלכע האָבן זיך פאַרמאַסטן איבערצופלאַנצן אין יהודה דעם גריכישן לעבנס־שטייגער, אַדאַפּטירן גריכישע נעמען, מנהגים א.א.וו. — דאָס מאָל האָט זיך אַריינגעריסן אין לאַנד נישט דער גראָבער, גשמיותדיקער געצנדינסט, נאָר די איינ־

פלוסן פון דער גריכישער קולטור און פון אירע פילאָזאָפישע קלאַסיקער.

דער יידישער העלעניזם האָט אין זיין פּראָפּאַגאַנדע זיך באַנוצט מיט דעם אַרגומענט פון יידישער קולטור־עקספּאַנסיע, פון פאַרשפּרייטן דעם יידישן מאָנאָטעאיזם און דעראָבערן פאַר אים די געצנדינערישע וועלט. און ווירקלעך איז דאָס געווען אַ שטאַרקער אַרגומענט.

צו יענער צייט האָט דער עכאָ פון דער יידישער רעליגיע שטאַרק אָפּגעקלונגען אין אַלעקסאַנדריע, ווי אין רוים. די עמ־פינדלעכע גריכן און רוימער, וואָס זענען געקומען אין באַרי־רונג מיט דער יידישער וועלט, זענען באַווירקט געוואָרן פון דעם העכערן עטישן אמת — דער הויפּט־קוואַל פון יידישן מאָנאָטעאיזם. די געבילדעטע געצנדינער זענען שטאַרק באַ־איינדרוקט געוואָרן פון דער ריינקייט פון יידישן פאַמיליע־לעבן, פון דעם שבת־קודש־גייסט, ווי בכלל פון דער גאַנצער סטרוקטור פונעם יידישן שטייגער.

די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה, וואָס האָט אַנט־פּלעקט פאַר די געבילדעטע העלענער די מאָראַל פון דער יידי־שער רעליגיע — האָט צוגעהאָלפן דעם דינאַמיש־גייסטיקן פּראָצעס, וואָס האָט פערמענטירט אין דער געצנדינערישער וועלט און פאַרזייט די זוימען פון מאָנאָטעאיזם.

די גייסטיקע פירער פון יידישן העלעניזם האָבן דעריבער געגלויבט, אַז זיי טוען אַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע אַרבעט פון אַ היסטאָרישן כאַראַקטער — דערפילנדיק די שליחות און וויזיע פון די נביאים — צו פאַרוואַנדלען די יידישע רעליגיע אין אַן אוניווערסאַלער, און דאָס יידישע פאָלק — אין אַ וועלט־פאָלק. אויפן סמך פון אָט דעם גלויבן, האָבן זיי מיט אייפער געקעמפט פאַר זייער שיטה, באַנוצנדיק זיך נישט בלויז מיט פּראָפּאַגאַנ־דע־מיטלען, נאָר אויך מיטן כוח פון מאַכט. זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיט קיין שום זאַך — אַפילו צו בעטן הילף ביי אויסערלעכע שונאים! — אַבי צו שטאַרקן זייערע פּאָזיציעס און פאַרנעמען אַ דאָמינירנדיקן אָרט אינעם יידישן לעבן.

די סאָציאַלע פּאָזיציע פון די יידישע העלעניסטן איז צייטנווייז געווען — צוליב געלט, יחוס און אויסערלעכע פאַק־טאָרן — גאָר אַ שטאַרקע. זיי האָבן געהאַט דאַן דעם כוח אָנ־

צואוואַרפן זייער ווילן דער מערהייט פון פאָלק און איינפירן אויפן אָרט פון נאַציאָנאַל־יידישן — א גריכישן לעבנס־שטייגער, אויפצובויען אין יהודה גריכישע שטעט און נאָכקאָפּירן דעם וועג פון „נהיה ככל הגויים״.

דער קאַמף קעגן זיי האָט צייטנווייז אָנגענומען גאָר שאַרפע פאָרמען. אָנהויבנדיק פון די (אמתע) נביאים, אנשי כנסת הגדולה, ביז שפּעטער די פרושים, וועלכע האָבן באַטראַכט די יידישע העלעניסטן, ווי אַ פרעמדן עלעמענט, וועלכער גראָבט אונטער דעם יסוד פון דער נאַציאָנאַלער יידישער אינדיווידואַליטעט אינעווייניק, בעת דער שונא לויערט פון אויסנווייניק. דער אויספיר קעגן די טרעגער פון פרעמדן גייסט אין יהודה איז געווען: שטעלן זיי מחוץ למחנה, איזאָלירן זיי און זייערע איינפלוסן פונעם פאָלקס לעבן, באַקעמפן זייערע פּאָזיציעס און איינפירונגען מיט דער גאַנצער קראַפט פון רעליגיעזן געזעץ!

אָט דער קולטור־קאַמף פאַר דער נשמה פונעם פאָלק האָט זיך געצויגן הונדערטער יאָרן און דערגרייכט אַ קולמינאַציע־פּונקט בעת דער הערשאַפט פון מלך ינאי (יונתן) אלכסנדר.

אַ פּאָליטישע אָדער גייסטיקע נאַציע?

די עפּאָכע פון אָט דעם חשמונאישן מלך ווערט באַטראַכט אַלס איינע פון די שטורמישסטע אין יהודה. א חוץ די מלחמות מיט די שכנישע מלוכות, וואָס האָבן אונטער ינאיס הערשאַפט, כמעט נישט אויפגעהערט, איז אויך געפירט געוואָרן אַ ביטערע, אינערלעכע מלחמה צווישן די צוויי הויפּט־פּאַרטייען — די צדוקים און די פרושים. די ערשטע האָט אויסגענוצט דעם מלוכהשן און כהן־גדולשן אַפּאַראַט צו רעגירן איבערן פאָלק און איינפירן אין לאַנד אָט דעם שטייגער און קולטור, וואָס איז געגאַנגען אונטער דער מאַרקע פון העלעניזם.

דער געראַנגל האָט זיך געפירט אַרום די הויפּט־פּרינציפּן: א) א פּאָליטישע אָדער גייסטיקע נאַציע? — צי דאַרף יהודה זיין אַ טעאָקראַטישע אָדער וועלטלעכע מלוכה? ב) ווי אַזוי זאָל זיין די באַציאונג פון יהודה צו די שכנים? — אויסערלעכע דעראָבערונגען אָדער אינערלעכע פאַרטיידיקונג? ג) דער

קולטור־שטרייט פאַר דער נשמה פון פאָלק — די העלעניס־טישע אָדער יודאַאיסטישע קולטור?

די פרושים זענען אַרויסגעטרעטן קעגן אויסערלעכע דע־ראָבערונגס־מלחמות, און נאָך מער — קעגן דער העלעניס־טישער קולטור. זיי האָבן דאָס לעצטע באַטראַכט אַלס שעד־לעכן, פרעמדן אָרגאַניזם פאַרן יידישן גייסט, אַז די תורה פון די גריכישע פילאָזאָפן פירט נישט דעם מענטש אין דער הויך — אַ שטאַפּל אַרויף צום הומאַניזם, נאָר אין דער נידער, און דעם גריכישן פּאַטאַליזם פון בלינד נאָכגיין די פינצטערע כו־חות — אַלס שעדלעכע לערע פאַרן יידישן מענטש.

אויף דער ליניע פון די פרושים איז געווען נישט די העלדישקייט פון שווערד, נאָר פון גייסט, און די שטרעבונג צו פאַרבינדן רעליגיע מיט שטאַט, פּאָליטיק מיט מאָראַל — גע־שטיצט אויף די יסודות פון דער תורה.

אויפן פאָן פון דעם היסטאָרישן דועל צווישן ביידע פאַר־טייען, בעת דער הערשאַפט פון גרויסן חשמונאישן קעניג ינאי, האָט משה שמיר געצייכנט זיין היסטאָריש ווערק „מלך בשר ודם״. („דער קעניג פון בלוט און פלייש״), וואָס האָט אַרויס־גערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי די לייענער און דער קריטיק.

*

דער יונגער ישראל־שרייבער און סאַבראַ, משה שמיר, האָט אין זיין היסטאָרישן ראָמאַן געשטאַלטיקט צייט־פראַגן, וועלכע ער האָט געצייכנט אויף אַ ברייטן לייוונט. אויפן סמך פון אגדתות אין תלמוד און פון געשיכטלעכע מאַטעריאַלן פון יענער עפּאָכע, האָט שמיר געפורעמט יידישע און אַלגעמיינע וועלטלעכע פּראָבלעמען — די יהודה־קולטור און די קולטור פון די שכנישע פעלקער — זוכנדיק אין דער פּראָבלעמאַטיק (און טעמאַטיק) אַ היינטצייטיקן יידישן טייטש און אינהאַלט.

ווי אַן הינטערגרונט צו ינאיס קומען צו דער מאַכט, גיט דער אויטאָר אַ פּלאַסטיש בילד פון די חשמונאישע פּאַלאַץ־אינטריגעס, דעם מלך הורקנוס און זיינע פיר זין; שפיכת־דם און ברודער־מאָרד (אין קעניגלעכן הויף); דאָס קומען צום טראָן (נאָך הורקנוסן) פון פּאַטאַלאָגישן אַריסטבלוס, וועלכער האָט

אויף אַזאַ מאַקאַברישן אופן אומגעבראַכט זיין ברודער, דעם העלדיש־זיגרייכן אַרמיי־פירער — אנטוגונוס.

אין געוויסע מאָמענטן פון שילדערן ברודער־מאָרד אין דער קעניגלעכער פאַמיליע, קומט אויפן געדאַנק שעקספירס „ריטשאַרד דער דריטער" — הגם דער לעצטער איז נישט גע־ווען אַזאַ פסיכאָפאַט, ווי אַריסטבלוס, און זיין אויסמאָרדן די קעניגלעכע פאַמיליע איז געפּלאַנט געוואָרן גאַנץ קאַלטבלוטיק און ראַפינירט...

שמירס פראַפיל־פּאָרטרעט פון וואַנזיניקן אריסטבלוס אין טאָג פון זיין טויט איז געמאָלן אין שטאַרקע, בונטע פאַרבן. דאָס אַרויסרופן צו זיך אין פּאַלאַץ דעם ברודער אנטוגונוס: — „אריסטבלוס האָט שמייכלענדיק געשמועסט מיטן ברודער וועגן דער אַרמיי, מלוכה, און געהיים באַפוילן אים צו דערמאָרדן, ווי נאָר ער וועט פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ..." די פאַראָרדנונג אומ־צוברענגען זיין אייגענער פרוי, די קעניגין שלומית, און זיינע צוויי ברידער אין פעסטונג, ינאי און אבשלום, — „עפּעס, ווי ער וואָלט געוואָלט אומברענגען די גאַנצע וועלט צוזאַמען מיט זיך".

ווי יעדן מערדער, וועלכן עס ציט צו זען דעם אָרט פון זיין פאַרברעכן אַזוי איז אויך אַריסטבלוס צוגעקומען פאַרנאַכט — „און אין זיין ברודערס בלוט האָט זיין האַרץ געפּלאַצט און אויסגעשפּיגן דעם לעצטן פונק פון לעבן — געשטאָרבן אויפן ברוק ווי אַ הונט"...

ביים לייענען דוכט זיך, אַז דער מחבר באַשרייבט נישט אַ חשמונאישן קעניג, נאָר אַ מזרח־דעספּאָט פון אונדזער צייט... צי האָט דער מחבר אונדז געוואָלט באַווייזן ווי אַזוי די גע־שיכטע חזרט זיך איבער? אַז דער מיטאָס פון קינס מאָרד ווערט כמעט אין יעדן דור באַנייט דורך אַזאַ אָדער אַנדערן וואַנזיניקן הערשער?...

ינאי המלך

ינאי אלכסנדר איז די צענטראַלע פיגור אינעם ווערק. ער איז שטאַרק אַמביציעז און גלויבט אין זיינע כוחות. אידעאיש און גייסטיק געהערט ער צום צדוקישן לאַגער, אָבער ער וויל

נישט אָפּשטויסן פון זיך די פרושים אונטער וועלכע עס שטייט די מערהייט פון פאָלק. ער רעווידירט די פּאָליטיק פון זיין פאָטער (הורקנוס), וועלכער האָט אין די לעצטע יאָרן זיינע פאַרפאָלגט די פרושים־פירער און זיי באַזייטיקט פון סנהדרין. זיין חתונה האָבן מיט דער קעניגין שלומית (שלום־ציון) איז לכתחילה א פּאָליטישער שידוך, אַריבערצוציען אויף זיין זייט איר ברודער, דעם פרושים־פירער, שמעון בן שטח.

ינאי גלויבט גאָר שטאַרק אין דעם כוח פון דער שווערד — פון זיין שווערד! ער איז פאַרשיכורט פון זיינע דעראָבע־רונגס־אַמביציעס און זעט זיך — וויזיאָנעריש — אין דער ראָל פון א וועלט־הערשער, וועלכער האָט יודעאַ געמאַכט פאַר אַ וועלט־מאַכט און זיין פאָלק — פאַר אַ גרויס פאָלק. אין זיינע חלומות הערט ער, ווי אַלט און יונג בענטשן זיין נאָמען און רופן אים „ינאי דער גרויסער"...

ינאי פאַרמאָגט א שטאַרקן ווילנס־קראַפט און ער גלויבט, אַז מיט זיין שטאַרקן ווילן — און מיט כוח! — וועט ער איינ־נעמען די וועלט. ווייל דורך קראַפט קען יעדער איינער — יחיד און פאָלק — ווערן דער אַרכיטעקט פון זיין אייגענעם גורל. ער איז קלוג, אָבער עס פעלט אים לעבנס־דערפאַרונג, אָט די חכמה ודעת צו וויסן, אַז גורל איז טיפער און שטאַרקער פון קראַפט און לאָזט זיך מיטן כוח פון שווערד נישט באַצווינגען... זיין אוממיטלבאַרער ציל איז צו באַצווינגען און באַהערשן די שכנישע מלוכות. ער האָט דערביי א הויכע אידיי — מגייר־זיין די געצנדינער און מיט גוטן אָדער בייזן הערשן איבערן אייגענעם פאָלק. ער וויל פּרובירן צוערשט מיט גוטן, און אויב עס וועט זיך נישט איינגעבן, וועט ער ווייזן, ווער עס האָט די מאַכט אין דער האַנט...

אין די ערשטע יאָרן פון זיין הערשאַפט זוכט ער — דורך כיטרע מיטלען — אַריינצונעמען אַלץ און אַלעמען אין זיינע הענט: די צדוקים און די פרושים, די חכמים און דעם סנהדרין, די כהנים — און אַליין ווערן דער כהן־גדול! — די אוצרות פון בית־המקדש (וואָס זענען אים אַזוי שטאַרק נויטיק אויף צו פירן מלחמות).

ער פרואווט לאַווירן, ווי א געניטער פּאָליטיקער, אויף רעכטס און אויף לינקס, צו באַלאַנסירן די אַמביציעס פון די

צדוקים, לעגאַליזירט ער די פּרושים־באַוועגונג, לאָזט אריין זייערע עטלעכע פאַרשטייער אין צדוקים־קאָנטראָלירטן סנ־הדרין. אַלע זיינע פּלענער און אויסרעכענונגען צילן צו איין זאַך — נישט צו האָבן קיין אָפּאָזיציע קעגן זיך און זיינע אַוואַנ־טוריסטישע, קאָסטבאַרע קריגס־צוגרייטונגען און מלחמות.

די פּרושים־פירער באַציען זיך נישט איינהייטלעך צו דעם קעניגס „אַפּיזמענט"־פּאָליטיק. דער טעמפּעראַמענטפולער יהודה בן טבאי האַלט ינאַין פאַר אַ שונא פון פאָלק, אַ פאַרדאָרבענעם מענטש, א רשע פון וועמען מען קען נאָר דערוואַרטן טיראַניע, רציחה און בלוט־פאַרגיסונג:

„ער (ינאי) איז פול מיט גאווה... א קצב, פאַראינטערעסירט נאָר אין זיין אייגן נוצן". בן־טבאי גלויבט, אז דעם מלכס פריינטלעך פּנים צו די חכמים, איז נאָר אַ קאָמבינאַציע אַרויס־צוקריגן זייער שטיצע און הילף כדי ער זאָל זיך קענען באַ־פעסטיקן אויפן טראָן. און „ווי נאָר ער וועט זיך פילן זיכער אויפן זאָטל, וועט ער זיי אָפּוואָרפן און פאַרניכטן ביזן שורש". דעריבער — שאַרפע אָפּאָזיציע!

קעגן דער טאַקטיק זענען אַ ריי פון די פּרושים־פירער מיט שמעון בן שטח בראש, וואָס האַלטן אז מען דאַרף אויס־נוצן די מעגלעכקייטן פון לעגאַליטעט, וועלכע האָבן געעפנט א טירעלע. אמת, דערווייל, איז די עפענונג נישט מער ווי דאָס אויג פון א נאָדל — דאַרף מען עס אויסברייטערן עס זאָל ווערן א מעכטיקער טויער. די פאַרטריבענע חכמים זאָלן צוריקקומען און צוזאַמען קעמפן פאַר אַן אמתן סנהדרין.

דערמאָנט אונדז נישט אָט דער שטרייט די דיסקוסיעס אין רוסלאַנד נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, ווען די סאָציאַליסטישע פראַקציעס האָבן דיסקוטירט זייער באַציאונג צום באָלשעוויזם? (און אין די שפּעטערדיקע יאָרן — לגבי די האַלב־פאַשיסטישע רעזשימען).

אמתע חכמה איז אין דערקענען דאָס אומפאַרמיידלעכע און פּאָטענציעלע. ינאַיס שפּעטערדיקע האַנדלונגען וועלן באַ־שטעטיקן ווער עס איז גערעכט געווען... אָבער לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג.

ינאי וויל באַלד ביי זיין קומען צו דער מאַכט נישט לעבן אויף די לאָרבער־קרענץ פון זיינע חשמונאישע פאָרגייער. זיי

זענען פאַר אים נאָר שטאַפּלען אויף זיין לייטער צו וועלט־דעראָבערונג. ער חלומט באַלד אין זיין אַנהויב אויסצובורייטערן די גרענעצן, איינצונעמען אַלע ירדן־שטעט. ער וויזיאָנירט זיין הערשאַפט איבער א גרויסער אימפעריע... די קעניגין שלומית פּרוּווט אים אויסניכטערן פון מלחמה־שיכרות: „סך־הכל זעקסט מאַנאַטן, ווי דו ביסט אַרויף אויפן טראָן, זאָגט זי צו אים, און זוכסט שוין אויסצואווייקן דאָס לאַנד אין בלוט. צי האָט דאָס פאָלק אָן דעם ווייניק געליטן? אָן דער שווערד האָסטו ווייניק וואָס צו טאָן?”... אירע אַרגומענטן זענען נישט בכוח צו ענדערן זיינע גרויסצוגיקע אמביציעס. (זיינע אמביציעס און האַנדלונגען פליסן דאָך אַרויס פון זיין נאַטור! און די אויפגאַבע פון שרייבער איז צו באַגרינדן זיי פּסיכאָלאָגיש און — ווי ווייט מעגלעך — אויך לאָגיש.)

„מען דאַרף דאָס לאַנד פאַרפעסטיקן — ענטפערט איר ינאי — מען מוז פאַרזיכערן די גרענעצן. א קליין לאַנד איז שוואַך און איז אויסגעשטעלט אויף די אַפּעטיטן פון די שטאַרקערע שכנים”.

דאַכט זיך, אַז מיר האָבן אַט די ווערטער געהערט נישט איין מאָל צווישן ביידע וועלט־מלחמות און אוודאי איז אונדז גוט באַקאַנט דער צוגאָב: „...יעדער שפּאַן טעריטאָריע קומט מיר מיט רעכט. וואָס איך וויל נאָר איז, אַז מיין קראַפט זאָל שטימען מיט מיין רעכט...”

שפּראַך איז א שליסל צו דער פּערזענלעכקייט. וועגן דעם ווייסט זייער גוט שמיר, און ער נוצט עס אויס צו באַלייכטן פון אינעווייניק זיין הויפּט־העלד. (ער פּרוּווט עס אויך לגבי די אַנדערע העלדן).

ווען ינאי רעדט מיט שמעון בן שטח, זוכט ער אַנדערע איבערצייגונגס־אַרגומענטן און אידיאָמאַטישן לשון, ווי מיט זיין פרוי שלומית: „זאָגט נישט די תורה, — זאָגט ינאי צו אים, — איך האָב אויסגעקליבן ישראל... און וואו איז גאָטס הבטחה צו די זרע אברהם?...”

אָבער שמעון ענטפערט אים: „דער וואָס לעבט פון שווערד וועט אומקומען דורך דער שווערד. גאָט האָט אויסגעווילט ישראל נישט צו פּריווילעגיעס, נאָר צו טראָגן דעם יאָך פון אחריות... געדענקסטו, ווי זכריהו האָט געוואָרנט דעם קעניג,

ער זאָל קומען מיט צדק און גאולה און רעדן שלום צו די פעל־קער. — — צי ווילסטו גיין אין די טריט פון די, וועלכע האָבן זיך געווידמעט דעם נוצן פון ישראל, אָדער פון די, וואָס זענען אַוועק אויף די וועגן פון ברוטאַלער קראַפט?״

דאָס פּראָבלעם פון מלחמה און שלום איז פאַר משה שמיר נישט קיין געשיכטלעכע פראַגע — הגם דער ראָמאַן איז א היס־טאָרישער. דער סאבראַ־שרייבער באַהאַנדלט דאָ — דורך דער פריזמע פון געשיכטע — אַן אַנגעווייטיקטן, היינטצייטיקן יש־ראל־פּראָבלעם. ער פּרואווט דורכפירן א פּאַראַלעל צווישן אַן אַגרעסיוון און פאַרטיידיקונגס־קריג. ער זאָגט דורך אבשלומען: „די געשריבענע געשיכטע איז אויסגעווייקט אין בלוט פון אַלע זייטן. און דאָס איז דאָך די עפּאָפּייע פון גאולה, וואָס גאָט האָט געשאָנקען אונדזערע אבות... איז דען ווייניק בלוט פאַרגאָסן געוואָרן אין די מכבייאישע מלחמות?״..

שמעון בן שטח: „קען מען דען עס פאַרגלייכן מיטן היינט? איז דען דער בית־המקדש באַדראָט? זענען מיר דען היינט אונ־טער א פרעמדן יאָך?״

ינאי האָלט אָבער, אז די מכבייאישע מלחמות צו באַפרייען דאָס לאַנד זענען נאָך נישט אַדורך — „מען מוז אָפּשלאָגן ביי די שכנים יעדן חשק צו באַפאַלן אונדז״... **דעריבער איז יעדער קריג מיט די שכנים — אַ פּרעווענטיווער, אַ זעלבסטפאַרטיידי־קונג אויפן באָדן פון שונא... און די, וועלכע האָבן טענות מוזן געדענקען, אַז די אויסלייזונג פונעם לאַנד איז נישט צוגעטראָגן געוואָרן אויף א זילבערנער טאַץ** — „די גאולה־עפּאָפּייע איז אויסגעווייקט אין בלוט פון אַלע זייטן״ — — —

*

משה שמיר צייכנט זיין הויפּט־העלד אין אַלע זיינע שטי־מונגען און אַנונגען. ער לייכט אים דורך און טייטשט אויס פּסיכאָלאָגיש אַלע ניואַנסן פון זיינע מחשבות, געפילן און גע־מיט־צושטאַנד. ער איז א גרויסער יהודה־פּאַטריאָט און איז מסכים מיט שמעון בן שטח, אַז פון ירושלים איז אַרויס גאָטס לערע צו דער וועלט, די פעלקער זאָלן לעבן לויט די מאָראַלי־שע פּרינציפּן פון אמת וצדק. ינאי האָלט אָבער, אז שמעון איז באַגרענעצט, ווען ער וויל בלויז באַפרידיקן דעם גייסט: „אויך

פאַרגעניגן און פרייד קומט פון גאָט, די פרייד פון עסן און טרינקען, פאַרווײַלונגען, תאוות...״ ער גלויבט אַז ירושלים אַליין האָט א סך צו לערנען פון דער וועלט — פון דער גריכישער וועלט — שיינקייט, חכמה און לעבנס־גענוס. האָט ביי האָנט מיט זיינע אַבסאָלוטע מאַכט־געלוסטן גייען זיינע בלוט־און־פלייש־געלוסטן, זיינע סענסועלע פאַרגעניגנס... דער מחבר באַציט זיך גאַנץ וואַרעם צו ינאיס עולם־הזהדיקייט און הגם ער אַקצענטירט דעם „כי מציון תצא תורה״ ווייסט ער זייער גוט, אַז מיר זענען נישט דער „פופיק פון דער וועלט״... אַנדערש איז אָבער, ווען ער קומט צו צום פּראָבלעם מאַכט און גערעכטיקייט.

שמעון וואָרנט דעם מלך אַז „גערעכטיקייט איז העכער און פריער ווי מאַכט״. מאַכט קען קאָרומפּירן דעם מענטש ווען ער פאַרגעסט זיך, אַז עס איז דאָ עפּעס העכערס איבער אים — „איבערן קעניג איז דאָ דער מלך המלכים״. ינאי: „מיין ווילן איז דער ווילן פון הימל, גאָט האָט דאָ נישט קיין אַנדערן פאַרטרעטער און באַשיצער. דאָס פאָלק האָט נאָר מיין גבורה״.

אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, אויף א באַנקעט זאָגט שמעון צו ינאַין, אַז ער איז „א קעניג פון בלוט און פלייש״. ער דערקלערט אים גאַנץ קאַטעגאָריש אַז „אַבסאָלוטע מאַכט האָט קיינמאָל נישט געמיינט נאָר בלוט און פלייש, אַפילו נישט פאַר די זין און אייניקלעך פון די חשמונאים״.

דער הויפּט־שטרייט צווישן ינאי און שמעון בן־שטח קומט פאַר אַרום דעם הויפּט־פּראָבלעם: צי די שטאַרקייט פון א מלוכה באַזירט זיך אויף פייער און שווערד אָדער אויף גערעכטיקייט? אַרום דעם הויבט דער מחבר אַרויס אַנדערע פּראָבלעמען, ווי דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע, עוולות לגבי דעם אייגענעם פאָלק און צו די באַזיגטע שכנישע פעלקער, טעאָקראַטישע אָדער וועלטלעכע מלוכה, דעם הערשערס מאַכט, און אַנדערע פּראָבלעמען.

ינאיס ברודער, אבשלום, פאַרטיידיקט אייפערדיק דעם קעניגס מאַכט — „אַ הערשער מוז זיין דער בעל־חשבון פון זיין גאַנצן פאָלק. אין יעדן ווינקל איז דאָ קנאה, שנאה, אייפערזוכט... דער הערשער דערפילט זיינע פליכטן פאַר די בירגער״.

און די פראַגע וואָס דער מחבר שטעלט אַוועק וועגן דער

מלוכה: „מלוכה מיינט דאָך: וועלט־מערק, האַנדל, אינדוסטריע, וואַלוטע, שטייערן, אַרמיי, גרענעצן — צי קענען די אַלע זאַכן געפירט ווערן לויט דער טעאָקראַטישער קאָנסטיטוציע פון די פּרושים? — די פראַגע האָט פיל היינטצייטיקע טענער און פּראָבּלעמאַטיק אין דעם שטרייט צווישן דער אָרטאָדאָקסיע און די וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין ישראל.

משה שמיר צייכנט אויף דער קאַנווע פון דער חשמונאַישער תקופה אַזעלכע צייט־פראַגן, ווי: קריג און פרידן, פּאַציפיזם און טעראָר און די טראַגעדיע פון אונדזער דור, ווען די העכסטע אידעאַלן זענען באַשמירט געוואָרן מיט אומשולדיקפאַרגאָסענעם בלוט...

„פאַראַן צייטן, זאָגט שמעון, ווען א מענטש נעמט צו דאָס לעבן פון א צווייטן, ווי א שליח פון גאָט. אָבער, ווי אזוי קען מען אונטערשיידן צווישן א פשוטן מערדער און א שליח פון גאָט?"

דער מחבר אילוסטרירט דעם ענטפער מיט ביבלישע ביישפּילן, ווען אַן אינערלעכע שטימע האָט אויפגעטויכט — דורך עפּעס א סימן — און געוויזן דעם ריכטיקן וועג: „פּנחס הכהן האָט געהרגעט זימרין, שמואל — הגג, און אליהו — די נביאי־הבעל, אָבער ווער פון אונדז קען זאָגן, אז ער איז אַזוי הייליק, ווי פּנחס, א זעער ווי שמואל און א נביא ווי אליהו — צו וויסן גאָטס ווילן?..."

ווען מיר זאָלן די ביישפּילן איבערזעצן אויף אונדזער היינטיקער טערמינאָלאָגיע מיינט עס, אז איין מענטש קען ביים צווייטן צונעמען דאָס לעבן און נישט זיין קיין מערדער, אויב ער טוט עס אין נאָמען פון א געזעלשאַפטלעכן אידעאַל... איז עס טאַקע אזוי פשוט? האָט נישט די שפּאַנישע אינקוויזיציע אין נאָמען פון אַן אידעאַל (צו ראַטעווען זינדיקע נשמות) איינגעפירט דעם „אויטאָ־דאַ־פע? און די רויטע באָלשעוויסטישע אינקוויזיציע — פון סטאַלין־בעריאַ — איז דען נישט געווען אין נאָמען פון אַ אידעאַל?

דער מחבר האָט אפנים אליין אויך געפילט, אז שמעונס תשובות פרעגן מער ווי זיי ענטפערן און דעריבער —אַזויפיל פראַגע־צייכנס... ער גיט אין ראָמאַן א פּאָר גלענצנדע באַשרייבונגען פון מאָרדן צוליב פאַרשידענע סיבות.

ער שילדערט אויספירלעך די גרויזאַמע דראַמע ווען דער שטייער־מאַנער, אַנדראַס בן אַנדראַס, האָט קאַלטבלוטיק דער־מאָרדעט יוסיס פאָטער. דער לייענער ווערט אריינגעצויגן אין דער דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ צווישן קעניג און דעם סנהדרין אַרום דעם משפּט פון אַנדראַס. דער דיקטאַטאָרישער קעניג האָט דעם מערדער גענומען אונטער זיין שוץ און דעם סנהדרין דערנידעריקט... נאָר צוויי גייסטיקע ריזן -- שמעון און יהודה — זענען אַרויסגעטראָטן קעגן קעניג, אַז ער ברעכט דעם אויטאָריטעט פון געזעץ און גערעכטיקייט. די איבעריקע סנהדרין־מיטגלידער — די פּרושים אריינגערעכנט — האָט פאַרפעלט פערזענלעכן מוט צו האַנדלען אין הסכם מיט זייער געוויסן. — ווידעראַמאַל, אַ היינצייטיק בילד פון נאָענט און ווייט... דער מחבר האָט געמאָלן א גלענצנדע ראָם פאַר אָט דעם סנהדרין־בילד, געשאַפן א לעבעדיקע אַטמאָספער, א פול־בלוטיק־רעאַליסטישע, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישן שטאָף און שפּאַנונגס־קראַפט. ער באַגנוגנט זיך אָבער נישט בלויז מיט פּסיכאָלאָגיע, נאָר שטעלט אַוועק דעם פּראָבלעם פון פאַרברעכן און שטראָף: יוסי האָט גענומען דעם געזעץ אין די אייגענע הענט — ער האָט געהרגעט דעם מערדער פון זיין פאָטער, זייענדיק אַן עדות פון דעם סנהדרינס אימפּאָטענץ... — איז יוסי א מערדער?

שמיר שילדערט יוסיס אַנטלויפן אין מדבר נאָכן דער־מאָרדן אַנדראַסן. ער באַשרייבט דאָס לעבן אינעם מדבר פון פאַרשידענע טיפּן, וואָס האָבן דאָרט געזוכט אַ תיקון פאַר דער נשמה. עס זענען דאָרטן אַנטרונען „קרבנות פון גערעכטיקייט", ווי יוסי, און אויך מערדער וועלכע די האַנט פון גערעכטיקייט האָט נישט געקענט דערגרייכן. א טייל פון זיי האָבן געזוכט „תשובה" אויף זייערע זינד: „קומען נישט די מערדערישע אינסטינקטן צוריק ארויס? לייטערן טאָקע ליידן אויס דעם מענטש?" דער מחבר שטעלט אַוועק די פראַגן און לאָזט איבער פאַרן לייענער צו זוכן אַליין אַן ענטפער. ער לייגט אַריין אין שמעונס מויל די ווערטער, אַז ס'איז ווייניק זיך צוצוהערן צו דער שטים פון לאָגיק און איילִיק פּראָקלאַמירן אַן אורטייל. מען דאַרף זיך אויך צוהערן צו דער שטים פון האַרצן, וואָס האָט זיך איר אייגענע לאָגיק און איז פרעמד דעם פאַרשטאַנד.

שמעון בן שטח ראַנגלט זיך מיט זיין אייגענעם געוויסן, ווען זיין שוועסטער האָט — דורך גדדונגענע מערדער — אומגעבראַכט אַן אומשולדיק מיידל, וועלכע די פירער פון דער צדוקים־פּאַרטיי האָבן אונטערגערוקט דעם קעניג אַלס געליבטע — א קעגן־אַקציע קעגן די פּרושים־איינפלוסן דורך דער קעניגין. שלומית האָט עס באַטראַכט ווי א מאָרד „לשם שמים״, אין די אינטערעסן פון פאָלק און לאַנד. אָבער שמעון קוקט אויף דעם אַנדערש: „זינד — זאָגט ער צו דער שוועסטער — קען זיך אָנהויבן פון א פּאָדעם, וואָס איז אַזוי סובטעל ווי שפּינוועבס און צום סוף זיך ענדיקן, ווי א גראָבער שטריק... איינמאָל פאַרגאָסן מענטשלעך בלוט, הויבט דער אַפּעטיט אָן וועון גרעסער. מיטן מאָמענט, ווען דו הויבסט נאָר אָן צו באַרעכטיקן דיין האנדלונג איז שוין נישטאָ קיין סוף...״

דער מחבר האָט אויף דער קאַנווע פון א היסטאָרישן ראָמאַן דורכגעלופטערט דעם פּראָבלעם פון טעראָר „לשם שמים״. ער האָט געהאַט פאַר זיך די דערפאַרונג פון אונדזער טראַגישער תקופה, וועלכע איז אַזוי רייך מיט טרויעריקע ביישפּילן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

צווישן די פּרושים זענען א לענגערע צייט אָנגעגאַנגען דיסקוסיעס ווען זיך קעגנצושטעלן — דורך אַן אויפשטאַנד — ינאיס קריגס־אַוואַנטורעס. (עס דערמאָנט אונדז אין די דיסקוסיעס צווישן די פירער פון דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ערב דעם פעברואַר־אויפשטאַנד).

דאָס קליינע, אַגראַרישע מלכות־יהודה איז דורך ינאיס קריגס־קאַמפּאַניעס אין גאַנצן רואינירט געוואָרן. בעת דער לאַנגער אויסמאַטערנדיקער באַלאַגערונג פון גאַזאַ איז דאָס לאַנד אָפּגעגאַנגען אין בלוט. דער מעסיקער פירער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי (פּרושים) האָט כסדר אָפּגעהאַלטן זיינע עקסטרעמע קאָלעגן פון פריצייטיקע אַרויסטרעטונגען. ער האָט זיך געשפּייזט מיט די אילוזיעס, אַז די דיקטאַטור־טיראַניע קען געמילדערט ווערן דורך פרידלעכע מיטלען. שמעון האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין: „אפשר קען שוין ינאי זיינע דרכים נישט אויסבעסערן — האָט ער געזאָגט צו זיין שוועסטער — אָבער עס איז נישט צו־שפּעט פאַר זיינע זין... פאַר דיר איז

דאָ די מעגלעכקייט צו זיין די מוטער פון די קומענדיקע חשׁ־מונאים״...

יהודה בן טבאי גלויבט נישט אין דער אילוזיע: „אויב ביי דער מאַכט וועט בלייבן דער מערדער און רשע״ — וואָס פאַר א גוטס קען שוין פון דעם אַרויסקומען?

אויך אבשלום, דעם קעניגס ברודער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געטוליעט די האָפענונג שלום צו מאַכן צווישן דעם טראָן און פאָלק, מוז סוף־כל־סוף איינזען, אַז קיין שום דעספּאָט קען נישט אַרויסקריכן פון זיין אייגענער הויט. ווייל ער איז אַליין אַ שקלאַף פון זיינע חיהשע אינסטינקטן און פסיכאָפּאַטיש־קייט... אבשלום האָט אַ שליידער־געטאָן דעם שווערן באַשולדי־קונגס־אַקט צו זיין דעספּאָטישן ברודער:

„וואָס האָסטו געטאָן צום נאָמען פון דעם בית־חשמונאים? — א נאָמען, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרהייליקט און פאַרגעטערט... וואָס האָסטו געמאַכט פון אונדז, (חשמונאים) אַז מיר ווערן איצט געלעסטערט און פאַראַכטעט? יעדער איינער קערט זיך אָפּ פון אונדז... דאָס פאָלק האָט געהאָט א טיפן געפיל פאַרן אויסלייזער און דו האָסט עס רואינירט! דו האָסט חרוב געמאַכט שטעט, דערפער... און דאָס וואָס דו האָסט יאָ געבויט איז געווען נאָר פאַר דיין גאווה און רום...״

דאָס פאָלק האָט פון די חשמונאים דערוואַרט גאולה־ברענגער, אָבער אנשטאט גאולה, האָבן זיי געטראָטן מיט די פיס די בענקשאָפט און דעם טרוים, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן דורך לאַנגע דורות... צי האָט שמיר געשריבן די ווערטער וועגן ינאיס צייטן, אָדער וועגן אונדזערע לעצטע 45 יאָר?

*

די היסטאָרישע קאַנווע פונעם ווערק האָט דעם מחבר געגעבן ברייטע מעגלעכקייטן אַרויסצוהייבן און פורעמען וויזיעס און חלומות פון א צוזאַמענשלוס פון יודאַיזם און העלעניזם — א מין אַליאַנס פון עטיק און חכמה, גבורה און עסטעטיק.

אין ינאיס צייטן איז פאַרגעקומען די מלחמה צווישן דער עגיפּטישער קעניגין קלעאָפּאַטראַ מיט איר זון לאַטורוס פאַר דער קרוין אין מצרים און אויך די ברודער־מלחמה פאַר דער

קרוין אין סיריע צווישן אנטיוכוס דעם 8־טן און אַנטיוכוס דעם 9־טן.

ינאי האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פּאַקט מיט קלעאָ־פּאַטרען זיך באַגעגנט מיט די איינפלוסרייכסטע יידן־העלעניסטן אין עגיפּטן.

שמיר צייכנט צוויי פּאָרטרעטן — דער רייכער פינאַנסיסט דיאָגענעס און קלעאָפּאַטרעס פעלדמאַרשאַל חנינא. ביידע טראָגן זיך אַרום מיט גרויסצוגיקע פּלענער פון א דריי־בונד—מצרים, גריכנלאַנד און יהודה — אַן אַליאַנס וואָס וועט איינגעמען די וועלט:

„יוסף האָט פאַראייניקט ישראלס חכמה און מצרימס עשירות, אַלעקסאַנדער מוקדון האָט צוגעגעבן די שטאַרקייט פון גריכנלאַנד. אויב עס וועט צו דעם צוגעגעבן ווערן די תורה פון יהודה, וועט עס זיין אַן אַליאַנס פון תורה, חכמה, עשירות און גבורה".

די פּלענער זענען אויף דער ליניע פון ינאיס גרויסצוגיקע אַמביציעס: „די תורה איז געגעבן געוואָרן צום נוצן פון אַלע פעלקער" — צי וועלן אָבער די לעצטע זיך צוהערן צו די יידן?... ינאי גלויבט, אַז כדי ירושלים זאָל קענען ווערן אַזוי מעכטיק ווי אַלעקסאַנדריע, מוז זי אויך אָנווענדן אירע מעטאָדן — מאַכט און דאָמינירונג! ער וויל א שטאַרק ירושלים — „צו פּאַרטיי־דיקן די יידן, וואו זיי געפינען זיך נאָר. די יידן אין דער וועלט קענען נישט דערוואַרטן קיין שטיצע פון אַן אַנדער אָרט א חוץ פון ישראל". און דער יידישער העלענער, חנינא, האָט אויך גע־וואָלט האָבן א שטאַרקע מלכות יהודה — צוליב די יידן אין אַלעקסאַנדריע. דאָס איז דער אויספיר, וואָס שמיר האָט — אויפן פאָן פון דער חשמונאים־תקופה — אַרויסגעבראַכט וועגן דער בשותפותדיקייט פון מדינת־ישראל און תפוצות ישראל. דער מחבר האָט אָבער געוואָלט זיין געטריי דעם גייסט פון דער פּרושים־אידעאָלאָגיע און דעריבער זאָגט ער, דורכן מויל פון שמעון בן־שטח אַז אהבת העם איז וויכטיקער ווי אהבת הארץ: „ליב האָבן ישראל איז אפילו וויכטיקער ווי ליב האָבן די תורה". להיפוך צו די אַסימילירטע ינאיס און חנינאס, באַטאָנט שמעון אַז גייסט איז דויערהאַפטיקער ווי די שווערד:

„דאָס פאָלק פון צידון איז אַזוי אַלט, ווי דאָס פאָלק פון ירושלים. עס איז געווען א גרויס, רייך פאָלק און פאַר אונ־דזערע אויגן איז עס געוואָרן פאַגראָמירט און פאַרניכטעט... וואו זענען היינט, פרעגט שמעון, די מלכים פון צידון? — פאַר־געסט נישט, גיט ער צו, וואָס עס איז אויך געשען מיט אַנדערע קעניגרייכן און פעלקער״.

א סאברא, א ישראל־שרייבער, ווי שמיר, האָט דעם פּראָב־לעם מדינת־ישראל באַלויכטן פון פאַרשידענע אַספּעקטן. ער לייגט אַריין אין ינאיס מויל: „די פראַגע בלייבט נאָך אַלץ צי גבורה און אומשולד קענען גיין האַנט ביי האַנט פאַר אַ לענגע־רער צייט״. דער מחבר לאָזט נישט איבער דעם מינדסטן ספק וויפיל האָפענונגען ער לייגט אויפן כוח פון גייסט. נישט דער העלד פון שווערד, דער מעכטיקער ינאי, האָט געקענט בעת דער טרוקעניש אַראָפּברענגען דעם אויסגעבענקטן רעגן, נאָר חוני המעגל, וועלכער פאַרקערפּערט דעם פאָלקס־גייסט. זיין גלויבן און זיין פרייד שאַפט וואונדער: „עפּעס א שלעפּער, אַן אָרעמאַן (חוני המעגל) האָט געבראַכט די ברכה פון רעגן אויף דער וועלט״ — וואָס וועט זיין אויב די פעדער וועט זיין שטאַר־קער ווי די שווערד?״

*

עס איז לעצטנס אַריין אין דער מאָדע דער זאָג: „די גע־שיכטע בלאָפט!...״ אוודאי קען מען אויפווייזן, אַז זי איז דאָ און דאָרטן נישט אָביעקטיוו אָדער פּינקטלעך. אָבער דאָס כאַ־ראַקטעריסטישע וואָס שטעקט אין דעם אויבנדערמאָנטן זאָג איז: געשיכטע קען אפילו ריכטיק נישט געשריבן ווערן, ווייל אין עבר האָבן די כראָניקער, באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסט־זיניק, באַפאַרבט דאָס וואָס זיי האָבן געשריבן.

אבשלום איז דער כראָניקער פון ספר חשמונאים. דער מחבר באַנוצט זיך מיט זיינע ציטאַטן אַלס בריקן צווישן די קאַפּיטלען. אָבער אין איין אָרט פונעם ראָמאַן גיט ער א קריי־טישע אָפּשאַצונג פון אָט דעם כראָניק־ספר, אין פאָרם פון א דיאַלאָג צווישן אבשלום און שמעון בן־שטח. דער לעצטער רוקט אַרויס א טענה, אַז דער ספר חשמונאים דערציילט נאָר די אויפטועון פון מתתיהון און זיינע פינף זין, אָבער נישט וועגן

דער גבורה פון ישראל און די אומגעהויערע קרבנות אויף די בערג און וועגן פון יעדן דאָרף און שטעטל:

„דער ספר מאַכט דעם איינדרוק, זאָגט שמעון, ווי די רעטונג איז געווען אָפּהענגיק פון איין מענטש און זיינע פינף זין".

סאַרקאַסטיש איז דער מחבר אין באַצוג צו דעם נייעם אויפגעשטאַנענעם „אַריסטאָקראַטישן יחוס־קלאַס" — דער געטרייער פאַרבינדעטער און אונטערהאַלטער פון די דעספּאָטישע רעזשימען: „פונקט ווי די ערד איז באַשאַפן געוואָרן צוליב ארץ־ישראל, אַזוי איז דאָס לעצטע באַשאַפן געוואָרן צוליב די כהנים — די כהנים פון בית־צדוק... בית־צדוק איז צוליבן כהן־גדול און דער לעצטער צוליבן רבונו־של־עולם. אַזוי איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן... יעדער פּרואוו צו ענדערן עס, איז אַן אַרויספאָדערונג צו גאָט"...

רעאַליזם און סימבאָליק

משה שמיר האָט אין זיין היסטאָרישן ראָמאַן געשילדערט אין רעאַליסטישע פאַרבן די געשעענישן און העלדן פון דער חשמונאים־תקופה. זיינע געמעלן זענען רעאַליסטישע און סימבאָלישע. די קאָנפליקטן צווישן גייסט און פלייש, יחיד און מאַסע, נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם, טרוים און ווירקלעכקייט, האָט דער מחבר אַרויסגעבראַכט אין פאַרשידענע דימענסיעס. ער האָט מיט שעפערישער פאַנטאַזיע געעפנט די אינעווייניקסטע וועלט פון זיינע העלדן און געוויזן, ווי אַזוי זייערע האַנדלונגען, מחשבות און געפילן וואַקסן אַרויס פון זייערע נאַטורן און נישט נאָר זייער פילאָזאָפיע און לעבנס־געפיל, נאָר אויך זייער לשון וואַקסט אַרויס פון זייער אינערלעכן וועזן. ער האָט אַריינגעפלאָכטן פרעכטיקע נאַטור־שילדערונגען, וואָס זענען צונויפגעוואַקסן מיט דער אַקציע. אויך דער רעגן פאַרנעמט אינעם ווערק א וויכטיקן אָרט. ער רעגירט און באַשטימט די אָדער אַנדערע געשעענישן און האַנדלונגען. (עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן די ראָל, וואָס רעגן שפּילט ביי העמינגוועי און ביי משה שמיר).

מען האָט פאַרגעוואָרפן דעם אויטאָר א צו־פרייע באַציאונג צו די היסטאָרישע העלדן און געשעענישן. אָבער א היס־

טאַרישער ראָמאַן איז נישט קיין בוכשטעבלעכע קאָפּיע פון רע־אַלע העלדן און געשעענישן. די געשיכטלעכע קאַנווע גיט דעם שרייבער פרייע הענט צו פורעמען בעלעטריסטיש טיפּן און גע־שטאַלטן, געשעענישן און האַנדלונגען. דער מחבר האָט דאָך אין דעם ראָמאַן געפּרואווט אָפּשפּיגלען אונדזער עפּאָכע און צייט־פּראַגן אויפן פאָן פון דער יאַנאַי־עפּאָכע. דער עיקר איז דאָך דער לעבעדיקער גייסט, די אַטמאָספער און די פול־בלוטיקע כאַראַק־טעריזאַציע, מיר זאָלן אַריינדרינגען אין די העלדן, מיטלעבן מיט זיי, מיר זאָלן זיי זען און פילן; זייער וואָרט און טאָט, גע־פיל און מחשבה זאָל אַריינדרינגען אין אונדזער געמיט־צו־שטאַנד און אָנצינדן אַ פלעמל. צי האָט דער אויטאָר מצליח גע־ווען? — זיכער נישט אויף פולע הונדערט פּראָצענט.

עס זענען פאַראַן לעכער: אומנויטיקע באַשרייבונגען פון צופעליקע, זייטיקע עפּיזאָדן, וואָס פירן נישט אַרויס צו אַ נאַ־טירלעכן איבערגאַנג. געוויסע שילדערונגען וואָלטן געוואונען אין וואָג, ווען זיי וואָלטן געווען מער קאָנדענסירט און מיטגע־ריסן דעם לייענער מיט זייער אינערלעכן מאַגנעטיזם. אין גע־וויסע שטעלן פאַרליפט דער מחבר מיט פּריצייטיקע דערקלע־רונגען וואָס בלייבן אין דרויסן פון דער לויפנדיקער אַקציע.

טראָץ אָבער די דאָזיקע מינוסן, איז שמירס ראָמאַן אַ גרויס ווערק נישט בלויז אין כמות (550 זייטן), נאָר אויך אין איכות. אַ ווערק וואָס האָט פאַרדינט צו האָבן אַ גרויסן דער־פאָלג. (דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס) ביי די לייענער און ביי די צושויער אויף דער בינע.

איך האָב דערמאָנט שוין אַ ריי צייט־פּראַגן און נישט פון קלענערער באַדייטונג — אויב נישט גרעסערער — זענען איי־ניקע צייטלאָזע פּראָבלעמען פונעם ראָמאַן, מיט וועלכע עס איז פול די וועלט־ליטעראַטור און געשיכטע: מאַכט, זינד, גייסט און לעבן. אָט די הויפּט־פּראָבלעמען — פון ששת ימי בראשית — פאַרקערפּערן מיט זיך די ירידות און עליות, ספקות און גלויבן, קאָמפּלעקסן און אינערלעכע אויפטרייסלונגען, מיט וועלכע עס איז אויסגעפּילט די מענטשלעכע געשיכטע.

נישט פון קיין קלענער באַדייטונג איז די בעלעטריסטישע געשטאַלטיקונג פון מלחמה און שלום, לאַנד און פאָלק (אָדער:

פאָלק און מדינה) און נאָך אַנדערע יידישע און אַלגעמיינע צייט־פּראָגן, וואָס שטייען אין קאָמפּאָזיציאָנעלן צענטער פונעם ראָמאַן; די גלענצנדע כאַראַקטעריזאַציע פון אייניקע הויפּט־פיגורן און פון עפּיזאָדישע געשטאַלטן; שמעון בן־שטח מיט זיין גאַנצער ליכטיקייט און חכמה — „אַ פּאָר גוטע, שמייכלענדיקע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון אומעטום" — זיין שוועסטער, די קעניגין שלומית, אַ פיינע געצייכנטע מאַסקע פון פעמיניזם און מענערישער פאַרהאַרטעוועטקייט. די קאָמפּליצירטע געשטאַלט פון ינאי מלך, די סתירותדיקע עלעמענטן פון זיין נשמה פּסי־כאָאַנאַליזירט דורכן מחבר. ביי זיין גאַנצער ברוטאַלקייט און מאַכט־דורשטיקייט געווינט ער, אין געוויסע מאָמענטן, אַפילו די סימפּאַטיע פון זיינע קעגנער. די כאַראַקטעריזאַציע פון די עקסטרעמע פירער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי (ווי יהודה בן־טבאי) און פון די שפּיצן אין דער צדוקים־פּאַרטיי — לעבעדיקע מאַס־קעס, וועמענס פּולס און לעבנס־ריטם מיר פילן אויף טריט און שריט. עס איז דעם מחבר געלונגען אָפּצושאַפן די מחיצה צווישן אַמאָל און היינט, צו דערהויבן צייט־געשעענישן צו אויסערצייט־לעכע דערשיינונגען — און דאָס איז צו זיין שבח!

יעדער עכטער קינסטלער פאַרמאָגט אַ ניצוץ (רעאַל אָדער פּאָטענציעל) פון יעדן טיפּ מענטש, וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיין שאַפן. און אָט טאַקע פון דעם ניצוץ באַקומט ער אַרויס — דורך זיין שעפערישער פאַנטאַזיע און קינסטלערישער אינטו־איציע — דעם אינערלעכן פּלאַם.

דער אויסברוך פון פאָלקס־אויפשטאַנד קעגן ינאיס טי־ראַניע איז בעלעטריסטיש קרעפטיק געפורעמט. דער צעוויגטער המון (אין בית־המקדש); דער שטורעם־אויסברוך און זיין דראַ־מאַטישע שטייגונג, די אויפפירונג פון די עקסטרעמיסטן און מעסיקע אָנפירער, איז בילדעריש געצייכנט און געקייטלט.

ווי יעדער מחבר, האָט זיך אויך שמיר געראַנגלט מיט די שוועריקייטן אויסצופילן „בריקן" — ליידיקע אָפּשניטן, וואָס זענען אָפּגעטיילט אין צייט. דער מחבר האָט זיך אין דער היינ־זיכט געפונען אין אַ גינסטיקער לאַגע, וואָס זיין ראָמאַן נעמט אַרום, פאַרהעלטנישמעסיק, אַ קורצן פּעריאָד. אָבער אין דעם פּעריאָד האָט ער געפונען די פּראָבלעמאַטיק, מיט וועלכער עס ראַנגלט זיך דער מענטשלעכער געדאַנק שוין יאָר־טויזנטער:

דער געראַנגל צווישן גייסט און פלייש, בוך און שווערד און דער קאַמף קעגן טיראַניע איז א פּערמאַנענטער אין דער געשיכטע.

בעתן פאָלקס־אויפשטאַנד האָט ינאַי אַריינגעפירט אין ירושלים זיין געדונגענע אַרמיי פון פיסידיה און קיליקיה צו דערטרונקען אין בלוט דעם בונט. גאַנצע אָפּטיילונגען האָט ער פאַראָרדנט: „וויפיל חכמים איר וועט נאָר טרעפן, מאָרדעט אויס!... די גאַסן פאַרזייט מיט טויטע! ביי יעדער טיר קרבנות, בלוט אומעטום"... ינאַי האָט געגלויבט, אז מיטן כוח פון שווערד קען ער ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע: „מעג עס אַפילו קאָסטן די לעבנס פון א גאנצן דור, האָט ער צו זיך געזאָגט, אויב זיי וועלן זיך צו מיר נישט צוהערן לעבעדיקערהייט, וועלן זיי זיך צוהערן טויטערהייט"...

פאַרנאַכט האָט ינאַיס דינער, אַנטיפּאַס, געמאָלדן זיין האַר: „זעקס טויזנט טויטע מענער און פרויען... דער אויפשטאַנד איז געענדיקט."

— און די פירער פון פרושים זענען צווישן די טויטע?

— ניין, — האָט געענטפערט אַנטיפּאַס — זיי זענען פאַרשוואונדן.

— אידיאָט! — האָט אויסגעשריגן ינאַי — דער אויפשטאַנד האָט זיך נישט געענדיקט. ער האָט זיך איצט אָנגעהויבן..."

אין ינאַיס אויערן האָבן אָפּגעקלונגען שמעונס ווערטער: „גייסט איז שטאַרקער ווי די שווערד"...

ינאַי פּערזאָניפיצירט דעם טיראַן־הערשער וועלכער מאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס פון דער צייט... יעדער טיראַן וויל פאַרגעסן, אַז ער איז אַ „מלך בשר ודם"... צי האָבן אָבער די דעספּאָטן פון אונדזער דור באַוויזן, פאַרן טויט, צו מאַכן אַזאַ חשבון־הנפש, ווי שמירס ינאַי המלך בעת זיין שווערער קראַנקהייט?...

וואו איז איצט זיין מאַכט און העלדישקייט, האָט ינאַי געטראַכט. — זיינע אַלע געוואַלד־טאַטן, רציחות, בלוט־פאַרגיסונגען, רשעות און מאָרד? און דאָס אַלץ צוליב וואָס? — איז דען דאָ איין פּערזאָן, וואָס זאָל טרויערן איבער זיין אומגליק? — דער געדאַנק, אַז די גאַנצע וועלט האָסט אים איז געווען אפשר דער ביטערסטער! א שטראָף פאַר זיין גאווה און שטאָלץ..."

העלדן פון שווערד און העלדן פון גייסט

*

פון ששת ימי בראשית גייט כסדר אָן די געשיכטלעכע עוואָלוציע — די ווייטערדיקע באהאנדלונג און געראַנגל פונעם מענטש צו אויסבעסערונג. נישט תמיד איז דער עוואָלוציע־פּראָצעס פון מענטשלעכן מין אַ גראַדליניקער און דורכזיכטיקער. צייטנווייז איז ער ווי דער וואוקס פון אַ פלאַנץ: דער פלאַנץ איז בלינד און נאַריש, אָבער ער ווייסט געווינג צו שטופּן זיך אין דער הויך און צו ליכט. ער טוט עס פּנים־אל־פּנים מיט אומצאָליקע שטערונגען...

לעאָ פויכטוואַנגערס „יאָזעפוס פלאַוויוס“

מאָטאָ:

— ווען איך וועל שטיין פאַרן בית־דין של מעלה,
— האָט ר׳ מאיר געזאָגט —
האָב איך נישט מורא צו ווערן געפרעגט
הלמאי כ׳בין נישט געווען ווי אברהם אבינו,
אָדער נישט ווי משה רבינו,
נאָר — פאַרוואָס בין איך
נישט געווען — ר׳ מאיר?...

ליטעראַטור איז דער לאַנגער זכרון פון דער מענטשהייט. אין דעם לאַנגן שפּאַן פון דער מענטשלעכער געשיכטע איז בעל־פה און בכתב פאַרזיגלט געוואָרן מיטאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, ליד און באַלאַדע, טעאָלאָגיע און פסיכאָלאָגיע, פאָלקס־מאָטיוון און אינדיווידועלע שאַפונגען, וואָס האָבן זייער שורש אין די בענקשאַפטן און זוכענישן, בלאָנדזשענישן און אַנטדעקונגען, צווייפל און גלויבן אין לויף פון יאָרטויזנטער.

ליטעראַטור פרוווט אויפצופלאָנטערן דעם קנויל פון כאַאָס און קאָנפליקטן אין דער מענטשלעכער נשמה; צו אַנאַליזירן און באַלייכטן די דיספּראָפּאָרץ צווישן ווילן און מעגלעכקייט, חלום און וואָר, רעאַלער אמת און קינסטלערישער אמת און שטעלן די פראַגע, וועלכע רעאַליטעט איז מער א ווירקלעכע — די פון לעבן, אָדער די פון געמיט און פאַנטאַזיע?

א באַזונדער פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור פאַרנעמט דער ראָמאַן, וואָס וואַרפט א שטאַרקע פאַרפלייץ־ליכט אויף א גרעסערן שטיק פונעם לעבן. דער ראָמאַניסט איזאָלירט א געוויסע עפּאָכע, אַ לעבנס־אָפּשניט מיט זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע, קול־

טורעלע און רעליגיעזע שטרעמונגען, און אויף זייער הינטער־גרונט צייכנט ער אַ גרופּע מענטשן, וועלכע ער פאָלגט נאָך און פּאָרטרעטירט אין פּראָפיל און אַ פאַר — אין זייער פולער גרויס.

דער ראָמאַניסט אין זיין טיפערער באַלייכטונג און אָבסער־ווירונג פון די האַנדלונגען און אויפפירונגען פון זיינע גע־שטאַלטן, אַנטפּלעקט נישט איינמאָל פאַרבאָרגענע מאָנסטערס אין אַזעלכע מענטשן, וואָס זעען אויס, אויבנאויפיק, צו זיין אָרנטלעך, רואיק, אָן וועלכע ס׳איז וואולקאַנישע פּאַסיעס...

דער היסטאָרישער ראָמאַניסט האָט אַן איבערגעוויכט לגבי אַנדערע ראָמאַניסטן, וואָס ער קען טראַנספאָרמירן העלדן פון איין תקופה צו אַ צווייטער און אַזוי אַרום אָפּשאַפן די מחיצה צווישן טויט און לעבן, צווישן פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט. ער נוצט געשיכטלעכע פּאָרטרעטן און געשעענישן, ווייל זיי האָבן קלאָרע אויסגעפורעמטע ליניעס, אַ לעבנס־נוסח פון אַ פּאַרטיקער רעאַליטעט, וועלכע ער קען איבערגיסן און גע־שטאַלטיקן לויט זיין שעפערישער פאַנטאַזיע, געמיט־צושטאַנד און אינטעלעקט. ער פּרואווט אין דעם ליכט פון נעכטן אויס־טייטשן דעם היינט און וויזיאָנירן דעם מאָרגן.

אין אַ געוויסן זין איז דער היסטאָרישער ראָמאַניסט דער נביא, וואָס קוקט צוריק בכדי אַרויסצוהויבן פון עבר אַן אַלט שטיק לעבנס־שטייגער מיט זיינע געשטאַלטן און אידייען אין וועלכע ער זוכט זיך און זיין דור צו לעגיטימירן. און כאָטש די געשילדערטע טיפּן און געשעענישן זענען נישט קיין אויטאָ־ביאָגראַפישע, האָבן זיי דאָך אַ גרויסן שייכות צום שרייבערס איך.

עס איז שוין פיל מאָל באַטאָנט געוואָרן, אַז יעדעס גרויס ווערק איז אַ זעלבסט־פּאָרטרעט פונעם קינסטלער. דאָס מיינט נישט, אַז ער האָט זיך אַליין בוכשטעבלעך רעפּראָדוצירט אָדער קאָפּירט. קונסט אימיטירט נישט דאָס לעבן אין בוכשטעבלעכן זין פונעם וואָרט. דער קינסטלער שאַפט לעבן און ביים שילדערן עס רעפּרעזענטירט ער אויך זיך; זיינע אייגענע פאַרלאַנגען און טרוימען גייען אַריין אין סכום פון באַשריבענעם. זיין איך אַנט־פּלעקט זיך אין דעם אַלגעמיינעם, אָבער באַזונדערן אוניווערס, וואָס ער האָט געשאַפן. זיין וויזיע פון אָט דעם אוניווערס איז

פאַר אים — און נישט נאָר פאַר אים — די רעאַליטעט פון דער וועלט.

עס איז פאַראַן אַ באַשטימטע קרובהשאַפט צווישן קינסט־לער און זיין ווערק, צווישן אַ מענטש און זיין וואָרט, צווישן אַ מענטש און זיין געוויסן.

די דאָזיקע שייכותן מאַניפעסטירן זיך גאָר בולט ביי גרויסע קינסטלערישע פערזענלעכקייטן און אין גרויסער דיכ־טונג. נישט זעלטן אויך אין אַ הויפּט־העלד פון אַ היינטצייטיקן אָדער היסטאָרישן ראָמאַן. מיר וועלן דעריבער איצט פּרואוון זוכן אָט די אַלע אויבנדערמאָנטע עלעמענטן און שייכותן אין לעאָ פויכטוואַנגערס גרויסן, געשיכטלעכן ראָמאַן מיט זיין הויפּט־העלד יאָזעפוס פלאַוויוס.

*

זיין יידישער נאָמען איז געווען יוסף בן מתתיהו, אַ כהן פון ערשטן ראַנג, אַ באַגאַבטער תלמיד פון ר׳ יוחנן בן זכאיס ישיבה, וועלכער האָט נאָך אין זיין יוגנט אַריינגעזאַפּט וויסן פון דער העלעניסטישער קולטור און באַקאַנט געווען מיט אירע קלאַסיקער.

געלעבט האָט ער אין דער שטורמישסטער עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע — די עפּאָכע פון חורבן בית־שני — און דורכגעמאַכט אַ ברויזנדיקן לעבן ווי אַ בונטאַר (קעגן רוים), אַ זעלנער און אַ קאָמאַנדיר; אַ שרייבער, אַ נביא, (פאַר וועספּעס־יאַנען) און איבער אַלעמען — דאָס איז זיין גרויסער זכות! — דער ערשטער יידישער היסטאָריקער. דובנאָוו באַצייכנט אים אַלס דער קינסטלער־היסטאָריקער, וואָס האָט פאַראייביקט די אַלטערטימלעכע געשיכטע פון יידישן פאָלק לויט דעם מעטאָד פון די גריכישע און רוימישע היסטאָריאָגראַפן.

זיינע אָריגינעלע (אַראַמעאישע) ווערק זענען, ווי באַ־וואוסט פאַרלוירן געגאַנגען בעת די מלחמות און אומרוען און נאָר אַ דאַנק די גריכישע איבערזעצונגען פון זיין געשיכטע, דורך די קריסטלעכע פאַרשער, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנ־גען, ווייסן מיר פון דער גרויסער, דראַמאַטישער תקופה אין דער יידישער געשיכטע, אָנהויבנדיק פון אַלעקסאַנדער מוקדון ביזן חורבן בית־שני. אָט די תקופה נעמט אַרום הונדערטער

יאָרן פון גרויסע, גייסטיקע און פּאָליטישע שלאַכטן, דער קול־טור־קאַמף, (צדוקים און פרושים) די איסייער־סעקטע, און בכלל דער גאַנצער שטייגער־לעבן פון יענער צייט.

אונדזערע געשיכטע־פאָרשער האָבן נישט איינמאָל שוין געזוכט אַן ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס איז די געשטאַלט פון יוסף פלאַוויוס לגמרי פאַרשוויגן געוואָרן דורך די חכמי־התלמוד? ווער נאָך, ווי זיי וואָלטן געקענט דערציילן וועגן זיין פערזענלעכקייט און געשיכטלעכער ראָל אין יענער שטורמי־שער צייט? מיט וואָס דערקלערט זיך זייער פולשטענדיק פאַר־שוויגן זיין טעטיקייט און איגנאָרירן זיין נאָמען? איז עס צוליב זיין פּאָליטישער און מיליטערישער טעטיקייט? אָדער אפשר גאָר צוליב זיין דעזערציע אין יודפת און זיין שפּעטערדיקע קאָמפּראָמיס־ליניע לגבי רוים?

עס גלויבט זיך קוים, אַז די חכמים זאָלן אים האָבן דער־פאַר פאַראורטיילט. די תלמידים פון ר׳ יוחנן בן־זכאי האָבן דאָך גאַנץ גוט געוואוסט פון זייער רבינס האַנדלונג און פון זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט וועספּעסיאַנען. (די זעלאָטן האָבן דאַן יעטווידן מין אונטערהאַנדלען מיטן שונא באַטראַכט אַלס נאַ־ציאָנאַלער פאַראַט).

איניקע היסטאָריקער האָבן אַרויסגערוקט דעם געדאַנק, אַז ער איז פאַרשוויגן געוואָרן דורכן תלמוד צוליב זיין וועלט־לעכן גייסט און פלירט מיט דער העלעניסטישער וועלט און קולטור, וואָס איז דורך די חכמים באַטראַכט געוואָרן פאַר שעד־לעך און צעשטעריש לגבי דער שטרענגער גייסטיקער דיס־ציפּלין, וואָס דער תלמוד האָט געשאַפן. (יבנה איז געווען דער יסוד פון אָט דער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין).

וואַרשיינלעך האָבן די חכמי־התלמוד זייער ווייניק אַכט געלייגט אויף יאָזעפוסעס געשיכטלעכע ווערק, ווי בכלל אויף היסטאָריאָגראַפיע. ווי האָט געזאָגט ר׳ שמעון בן גמליאל: „ווען מיר וואָלטן אַלע אונדזערע עינויים פאַרשריבן אין ספר הזכרונות, וואָלטן מיר דאָך קיינמאָל נישט פאַרטיק געוואָרן מיט דער דאָזיקער אַרבעט״...

די באַציאונג צו יאָזעפוסן האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָר־הונדערטער און ער איז כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן ביי יידן. ערשט אין 16־טן יאָרהונדערט איז דערשינען אויף יידיש דער

ספר יוסיפון, אין וועלכן פאַרשידענע לעגענדעס און פאָלקס־מעשיות זענען צוגעגעבן געוואָרן צו די יאָזעפוס־טעקסטן. אָט דער ספר מיט די פאָלקס־מעשיות איז געוואָרן אַ באַליבט בוך פאַר אַלט און יונג אין יעדן יידישן הויז.

*

פון די מאָדערנע יידישע שרייבער האָט י. י. טרונק גע־פּרואווט געבן אין זיינע „היסטאָרישע נאָוועלן" אַ פּראָפיל־בילד פון יאָזעפוסן. ער צייכנט איינעם פון די יידישע, פאַרשלעפּטע שקלאַפן אין רוים, וואָס האָט אויסגעזוכט יאָזעפוסן און זיך מיט אים אָפּגערעכנט פאַר זיין פאַרראַט... דער שקלאַף סימבאַליזירט אין דער דערציילונג דאָס יידישע געוויסן און זכרון, וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן און פאַרגעבן די נאַציאָנאַלע פאַררע־טער... דער מחבר האָט אומדירעקט אונטערגעשטראָכן דעם געדאַנק, אַז קיין שום שולד און פאַרברעכן ווערט נישט פאַר־ווישט, כל־זמן עס זענען פאַרבליבן לעבעדיקע טרעגער פון מענטשלעכן געוויסן.

טרונק האָט אָבער נישט געפּרואווט אפילו זוכן אַ שליסל צו די פּסיכישע קאָנפליקטן פון אָט דער געשיכטלעכער, טראַגי־שער פּערזענלעכקייט, צו פּראָזשעקטירן איר דורך אַ היסטאָ־רישער פּערספּעקטיוו. במילא, האָט זיין פּראָפיל־צייכענונג ווייַ־ניק־וואָס געגעבן.

אַ קינסטלערישן תיקון האָט ערשט יאָזעפוס באַקומען אין דער טרילאָגיע פון יידיש־דייטשישן שריפטשטעלער לעאָ פויכט־וואַנגער, וועלכער האָט אויפן פאָן פון אַ שטיק יידישער גע־שיכטע אין יהודה, אַלעקסאַנדריע און רוים — געמאָלן די פיל־פאַרביקע, קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט פונעם הויפּט־העלד.

דער אויטאָר הויבט אָן מיטן יונגן יוסף בן מתתיהו, וואָס פאָרט קיין רוים מיט אַ מיסיע פון די זעלאָטן, צו העלפן באַ־פרייען דריי אַרעסטירטע אַלטע יידישע פּאַטריאָטן — דאָס איז דער ערשטער שטאָפּל פון זיין גרויסער קאַריערע.

ער שילדערט יוספן און כאַראַקטעריזירט אים, ווי אַ שטאַרק־אַמביציעזן יונגערמאַן, וועלכער גלויבט אין זיינע כוחות צו שטייגן גאָר הויך — די וועלט זאָל אים זען און זיך מיט אים רעכענען. ער פאַרמאָגט ווירקלעך אומגעהויערע פעאיקייטן צו

אַ גרויסער קאַריערע: אינטעליגענץ, אָריענטאַציע, אַ שאַרפע צונג, יידישן און אַלגעמיינעם וויסן, אָן אָפּגעם אויג און אויער פאַר דער וועלט און אַ שטאַרקן ווילנסקראַפט, וואָס וועט זיך נישט איינברעכן פון קיינע מפלות, און אַ כאַראַקטער אָן קיינע סקרופולן, וואָס וועט זיך פאַר קיין שום זאַך נישט אָפּשטעלן צו באַפרידיקן אַמביציעס און אָנגעמערקטע צילן...

יוסף גלויבט גאָר שטאַרק אינעם כוח פון וואָרט — פון זיין וואָרט! — און פאַרגדיק מיט זיין מיסיע קיין רוים, טרוימט ער צו ווערן דער פאַרמיטלער צווישן די יידן און די רוימער — און ביידע האָבן אים נישט געטרויט! — אַריינברענגען דעם יידישן גייסט אין רוים, און די טעכניק פון רוים — אין יהודה.

צו יענער צייט האָט דער פערמענט פונעם יידישן גייסט און מאָנאָטעאיזם געווירקט פון אינעווייניק אין דער היידנישער וועלט. עס האָבן געווירקט צוציענדיקע און אָפּשטויסנדיקע כוחות: די יידישע פאַראורטיילונג פון די געטער־בילדער האָט צערייצט די געבילדעטע היידן, וועלכע האָבן שטאָלצירט מיט זייערע פיל־געטער־קולטן. אימפּאָנירט און צוגעצויגן האָט די צוגעבונדקייט פון דער יידישער פאַמיליע, שבת־רו, און פיל אַנדערע סאָציאַל־עטישע טראַדיציעס. אין קליין־אַזיע, ווי אין די מעטראָפּאָליעס פון אַלעקסאַנדריע און רוים, איז געווען אַ שטאַרקע נייגעריקייט צו דער יידישער רעליגיע, וואָס האָט אַפּעלירט און פאַראינטריגירט דעם געבילדעטן היידנטום.

די גרעסטע מניעה אָנצונעמען די יידישע רעליגיע איז געווען — מילה. פלעגן דעריבער פרויען (אין גרעסערע צאָלן ווי מענער) זיך באַקערן צום מאָנאָטעאיזם און אָפּהיטן די יידישע רעליגיעזע מנהגים.

צוזאַמען מיט פיל אַנדערע, האָט אויך יוסף געגלויבט אַז רוים איז רייף פאַר יעהאָוואַ און איז גרייט אָנצונעמען זיין לערע און געבאָטן. אמת, רוים איז שטאַרקער פון ירושלים דורך איר מאַכט, טעכניק און אייזערנער דיסציפּלין. דערפאַר קיניגט אָבער ירושלים מיט דער קראַפט פון איר מאָראַלישן געזעץ, מיט איר גייסטיק־עטישן פּרינציפּ. אויב רוים וועט וועלן אויפנעמען די חכמה און מיסטעריע פון מזרח און העלפן דער וועלט זיך אָנפילן מיטן יידישן גייסט, וועט דאָס ווירקלעך זיין אַ טאַט פון אַ וועלט־

געשיכטלעכער באַדייטונג, אַ האַרמאָנישע פאַראייניקונג פון מאַכט און גייסט, פּאָליטיק און מאָראַל.

אין רוים האָט זיך יוסף באַקענט מיט די פירער פון דער יידישער קהילה, וואָס האָט דאַן געציילט אַ הונדערט טויזנט יידן. זייער לאַגע איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי גוט, ווי אין יענער צייט. זיי האָבן געהאַט פאַרמעגן, איינפלוסן אויף די וויכטיקסטע שליסל־פּאָזיציעס. זייער השפעה — באַטאָנט פויכט־וואַנגער — וואָלט נאָך געווען פילפאַך גרעסער, ווען זיי וואָלטן מיט זייער מאַכט און עשירות נישט אַרויסגערופן צופיל אומגע־וואונטשענע אויפמערקזאַמקייט צו זיך. יידן האָבן אַרויסגערופן קנאה־שנאה, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק, דאָס רוב, אין דער ליטעראַטור. דער פּאָעט האָראַצע האָט געשאַפן אַן אָפּ־שטויסנדיקע פיגור „אַפּעלאַ" — אַ קאַריקאַטור אויף יידן און זייער רעליגיע. דער גרעסטער רוימישער אַקטיאָר דאַמיטרוס ליבאַנוס (אַ ייד) האָט געשפּילט די ראָל, און צו להכעיס די אַנטיסעמיטן, האָט ער זי איבערגעשטאַלטיקט אין אַ כמו־שיי־לאָק־ראָל, אָפּשפּיגלענדיק נישט דעם וואולגאַרן „אַפּעלאַ"־ייד, נאָר דעם געפּייניקטן ייד, וואָס ווייזט אַרויס זיין פאַראַכטונג צו די פּייניקער און אָפּשפּאָטער.

די אַראָגאַנץ פון די רוימער וועקט אויף אין יוספן שטאָלץ צו זיין היימלאַנד און מעטראָפּאָליע — ירושלים: לאָגיק, טעכניק און דיסציפּלין, מעדיטירט ער, קאָן מען זיך לייכט אויסלערנען, אָבער נישט די קלאָרקייט און הייליקע וויזיאָנערישקייט פון מזרח, וואו גאָט און פאָלק, מענטש און גאָט נויטיקן זיך איינער אין צווייטן. ער וואַנדערט איבער די רוימישע קוואַרטאַלן און זוכט אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט די אָנגעזעענע מלוכה־מע־נער: סענאַטאָרן, יוריסטן, פאַרלעגער און פינאַנסיסטן; צום אַקטיאָר ליבאַנוס און דורך אים — צו דער קעניגין, וואָס האָט סימפּאַטיזירט גאָר שטאַרק מיט דער יידישער רעליגיע.

דער מחבר גרייט צו מיט זיין געניטער האַנט אַלע טרעפּ צו יוספס קאַריערע. ער שפּיגלט אָפּ דאָס אַלטערטימלעכע רוים דורך זיין העלד יוסף. די פעסטע, זיכערע האַנט פונעם קינסט־לער קייטלט די געשעענישן איינס אין צווייטן. דורך פּילצאָליקע פּאַסירונגען, עפּיזאָדן און בילדער ווערט דער הויפּט־העלד פאַרקניפּט אין דער אַקציע. יעדער פּרט ווערט איינגעשלאָסן

אין דער גאַנצקייט און דינאַמיק פון אַ גרויס ווערק — אין דער קוואַליטעט ווי אין דער צאָל זייטן -- וואו עס קלאַפּט אַ שטאַר־קער לעבעדיקער פּולס פון אַ שטיק יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע אין די אַלטערטימלעכע, גרויסע וועלט־מעטראָ־פּאָליעס.

*

דער ערשטער באַנד פון דער יאָזעפוס־טרילאָגיע גיט אַ מולטי־קאָלירטן בילד פונעם לעבן אין יהודה — און ירושלים בפרט — ערב און בעת דעם אויפשטאַנד קעגן רוים. די שילדע־רונגען און בילדער ביים צוגרייטן דעם אויפשטאַנד זענען אָנגעלאָדן מיט עמאָציאָנעלער און דראַמאַטישער שפּאַנונג. דער דיכטער מאָלט שטימונגספולע בילדער, וואָס שניידן זיך אַריין אינעם געמיט־צושטאַנד פון לייענער.

נאָך זיין גרויסן דערפאָלג אין רוים, וואו ער האָט גע־פּועלט די באַפרייאונג פון די דריי יידישע פּאַטריאָטן, קומט יוסף צוריק אין זיין היימשטאָט אין סאַמע ברען פון זעלאָטישער אַגיטאַציע אָנצוהייבן דעם אויפשטאַנד קעגן רוים. פיבערהאַפט ווערט צוגעגרייט די מיליטערישע אָנפירונג אין וועלכער עס שטופּט זיך אויך אַריין יוסף — ווי אַ קאָמאַנדיר אין גליל...

דער כהן־גדול חנן, איז קעגן זיין נאָמינאַציע. ער זאָגט צו ר׳ יוחנן, אַז יוסף „טראַכט נישט וועגן קיין שום זאַך, נאָר וועגן זיין אַמביציע״. דער רבי ענטפערט אים: „מעגלעך, אַז אַ סך יאָרן וועט ער אַרבעטן פאַר זיין אייגענעם נוצן, אָבער צום סוף וועט ער אַרבעטן פאַר אונדז״. דאָס האָט דעצידירט יוספס מיליטערישע קאַריערע.

ער האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון אויפשטאַנד אין גליל. און וואָס עס איז ווייטער געשען, איז יעדן איינעם באַ־קאַנט: בעתן פאַלן פון דער פעסטונג יודפת, איז ער איבער־געלאָפן אין פיינטלעכן לאַגער, אַקצעפּטירט די שענדלעכסטע דערנידערונגען בעת זיין דעזערציע, אַרויסגערופן צו זיך חוזק און באַליידיקונגען מצד די רוימער און ביטערע קללות מצד די יידן.

פויכטוואַנגער גייט נישט פאַרטיידיקן — אָדער אפילו

טיילווייז באַרעכטיקן — יוספס האַנדלונגען. אַ קינסטלער משפּט נישט. ער וויל נאָר אַריינדרינגען אין דער פּסיכיק פון זיינע העלדן און אַרויסברענגען די מאָטיוון און טרייב־קראַפט פון די אָדער אַנדערע האַנדלונגען און איבערלעבונגען. ער פּרוּווט צו אַנטפּלעקן דאָס פאַרבאָרגענע פון אויג, אַרויסצוהויבן דאָס אינטימע און סובטעלע, וואָס האָט נישט קיין דעקונג דורכן מאַכטלאָזן וואָרט, נאָר דורך אַן אימפּולס, וואָס ציט ווי אַ גלעקל און לאָזט זיך נישט דעפינירן... דער מענטש איז דאָך דאָס, וואָס ער מאַכט פון זיך. קודם־כל עקזיסטירט ער, נאַכער דעפינירט ער זיך, אָפט — דורך קעגנזעצלעכע אייגנשאַפטן.

די פּרינצעסין בערעניקע (דעם מלך אגריפּאַס שוועסטער) זאָגט אַזוי צו יוספן: „איך קאָן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי דו האָסט געקאָנט בלייבן לעבן נאָכן פאַלן פון יודפת... אין יהודה איז איצט נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל נישט פאַרשעלטן דעם נאָמען פון יוסף בן מתתיהו".

„מען זאָגט וועגן מיר זיכער פיל הארבע זאַכן, — ענטפערט ער איר, — אַ סך מאָל איז נישט אַזוי שווער צו שטאַרבן ווי צו לעבן. פאַר מיר וואָלט עס זיכער לייכטער געווען... איך בין אָבער געבליבן לעבן, ווייל איך בין אַן אינסטרומענט ביי יעהאָוואַ". אַלזאָ, נישט פּחדנות פאַרן טויט און נישט דער געדאַנק, אַז „ס'איז בעסער צו זיין אַ לעבעדיקער הונט ווי אַ טויטער לייב", האָט אים געפירט צו דעם, וואָס ער האָט געטאָן, נאָר אַן „אינערלעכער רוף", געקומען פון העכערע ספערן...

דובנאָוו גופא באַמערקט אין זיין געשיכטע, אַז יוספס זינד איז באַשטאַנען אין זיין „ניכטערן פּאַטריאָטיזם". ער האָט געגלויבט, אַז יעטוועדער ווייטערדיקער ווידערשטאַנד איז האָפענונגסלאָז און קאָן נאָר דערפירן צו אַ פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע. „וואָס ער האָט נישט באַנומען, — באַטאָנט דובנאָוו, — איז דעם צאָרן־אויפברויז פון אַן אונטערדריקט פאָלק, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון מרידה אפילו ווען עס זענען נישט געווען קיינע אויסזיכטן אויף דערפאָלג". (איך שרייב די־אָ־שורות ערב דעם 20־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און די לעצטע שורות רופן ביי מיר אַרויס פאַראַלעלן און אַסאָציאַציעס...)

*

דאָס ערשטע בוך פון דער יאָזעפוס־טרילאָגיע ווערט פאַרענדיקט מיטן גרויסן חורבן, ווען אויף די ברענענדיקע בית־המקדש־ווענט זענען אַראָפּגעשפּרונגען די העלדישע קעמפער פון ירושלים. זיי האָבן בעסער געוואָלט שטאַרבן אין די פייער־צונגען, ווי זיך אונטערגעבן לעבעדיקערהייט דעם שונא... דער דיכטער שילדערט דעם רוימישן טעראָר און די בלוט־באָד אין ירושלים. ער צייכנט מאַקאַברישע בילדער וואָס רעדן צום יידישן לייענער פון אונדזער דור מיט אַ באַזונדער קראַפט.

דער מחבר שטיצט זיך אויף דעם עדות־זאָגן פון יאָזעפוסן גופא — דער היסטאָריקער און עד־ראיה פון יידישן חורבן — אַז ירושלים איז אַזוי חרוב געוואָרן, אַז „שווער געווען צו גלויבן אַז אויף דעם אָרט זאָל זיך האָבן אַמאָל געפונען אַ מענטשלעכער ישוב". דער זיגרייכער שונא האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום סאַדיזם (אַלץ אָבער נישט קיין פאַרגלייך צום היטלע־ריזם — י. ק.). דער העראָישער ווידערשטאַנד פון די יידן האָט דעם זיגער געקאָסט זייער פיל קרבנות און אויך פאַרצויגן דעם רוימיש־יידישן קריג. דער שונא האָט געזוכט זיין נקמה אין אַ שדים־טאַנץ איבער די יידישע געפאַנגענע.

דער מחבר שילדערט די רוימישע זעלנער און דעם זעלבסטצופרידענעם קאַפּיטאַן פּעדאַנוס, וועלכער האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז די וועלט געהערט צו אים: „יופּיטער האָט זי באַשאַפן ספּעציעל פאַר אים און אָנפאַרטרויט ער זאָל אָפּהיטן רו און אָרדענונג..."

דעם קולמינאַציע־פּונקט פון גרויסן זיג האָט רוים גע־פייערט מיט דער גרויסער פּראָצעסיע — דער מאַרש פון די יידישע שקלאַפן, וועלכע טיטוס האָט פאַרשלעפּט קיין רוים. מיט שטאַרקע פאַרבן מאָלט דער מחבר די מאַקאַברישע פּראָ־צעסיע, מיט וועלכער ער פאַרענדיקט דעם ערשטן באַנד:

„פאַר די רוימער איז דאָס געווען די גרעסטע פרייד! די באַזיגטע — אין קייטן — האָבן דעפילירט פאַר דער קעניגלע־כער לאָזשע, די אַריסטאָקראַטיע, און דעם אומצאָליקן המון. אויף שמעונס קאָפּ האָבן זיי אָנגעטאָן אַ קרוין פון דערנער, אויף זיין האַלדז — אַ צעטל — „שמעון בר־גיורא, דער יידישער

קעניג״; אויפן האַלדז פון צווייטן יידישן גענעראל — „יוחנן גוש־חלב, דער יידישער גענעראַל״...

יאָזעפוס איז געזעסן אין אַ ספּעציעלער לאָזשע, דער איינ־ציקער ייד, וואָס האָט זיך דאָ צוגעקוקט צום חורבן פון זיין פאָלק... ער האָט שוין אויסגעהאַלטן הונגער, דורשט און די שענדלעכסטע דערנידערונגען. אָבער דאָס איז שוין געווען איבער זיינע כוחות: „עס האָבן זיך דערנענטערטביידע פירער פון זיין פאָלק. הינטער זיי איז געגאַנגען דער כהן־גדול אָנגעטאָן אין די הייליקע בגדים, געגאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי אין אַ קאָשמאַר... מען האָט געפירט די כלים פון בית־המקדש און יאָזעפוס האָט זיך דערמאָנט זיין ערשטע באַגעגעניש מיט שמעון בר־גיורא אין בית־המקדש, די באַשטראַלונג וואָס ער האָט דאָן געזען אויף זיין פּנים... ער האָט אין דער לאָזשע שוין נישט געקאָנט מער איינזיצן. זיך אויפגעשטעלט, און מיט אַן איבערמענטשלעכן קול, מיט אַזאַ ברענענדיקער ליידנשאַפט, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט אין זיין לעבן, האָט ער אויסגעשריען „שמע ישראל!״... די געפאַנגענע האָבן אויפגע־הויבן די אויגן און אונטערגעהאַלטן זיין רוף, וואָס האָט מיט זיין אײמהדיקייט פאַרהילכט דעם גאַנצן צירקוס״...

אויפן פאָן פון אָט דעם דראַמאַטיש־עמאָציאָנעלן בילד צייכנט דער אויטאָר יאָזעפוסעס אינערלעכע צעריסנקייט און פאַרלוירנקייט. ער האָט נישט געהערט צו די רוימער און נישט צו די יידן. איינער אַליין איז ער געשטאַנען צווישן ביידע לאַגערן און געזוכט פאַר זיך אַ ווינקל, אַן אָרט פאַר זיין פאַרוואָגלטער נשמה:

„ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שבעה נאָך זיין אומגע־בראַכטן פאָלק און זיך אַוועקגעזעצט שרייבן די געשיכטע פון זיבניעריקן רוימיש־יידישן קריג. עס איז וואָרשיינלעך, האָט ער אָנגעהויבן, אַז שרייבער, וואָס האָבן אַליין נישט געזען און דאָס מיטגעמאַכט וועלן זיך שטיצן אויף נאַרישע און בייזוויליקע קלאַנגען. איך, יוסף בן מתתיהו, וועלכער האָט דאָס אַלץ אַליין דורכגעלעבט וועל איצט דערציילן אָביעקטיוו, ווי אַזוי עס איז געשען און זאָל עס זיין אַ מאָנומענט פאַר מיינע צייט־חברים״.

דובנאָוו האַלט, אַז יאָזעפוס האָט זיינע זינד אויסגעקויפט מיט זיינע געשיכטלעכע ווערק, און באַזונדער מיט זיין פלאַמי־

קער פאַרטיידיקונג פון יודאַאיזם אין זיין ווערק „קעגן אַפּיאָן".
אין דעם פּאָלעמישן בוך האָט יאָזעפוס באַוויזן זיין צוגעבונדנ־
קייט צו די יידיש־רעליגיעזע און עטישע ווערטן, הגם אויך
דאָרט האָט ער נישט אויסבאַהאַלטן זיין דרך־ארץ פאַר די בע־
סערע עלעמענטן פון דער גריכישער קולטור.

פויכטוואַנגער ווייזט אַרויס אין זיין טרילאָגיע אַן ענלעכע
באַציאונג (ווי דובנאָוו) צו זיין הויפּט־העלד. ער וויל אים פאַר־
שטיין ווי אַ קינסטלער. אָבער פאַרשטיין הייסט נאָך נישט באַ־
רעכטיקן. יאָזעפוס האָט געוואָלט זיין גוט מיט די יידן און
מיט די רוימער. ער האָט געוואָלט אין דער זעלבער צייטביידע
זאַכן צוזאַמען. זיין מוח איז געווען צום דינסט פון איינעם און
זיין האַרץ — צום צווייטן. ער האָט אויף זיין אופן געפּרואווט
זוכן אַ לייזונג צווישן רוים און ירושלים. זיין בן־דור, דער יידי־
שער קעניג אגריפּא דער 2־טער האָט זיך אַזוי באַצייכנט: „איך
זע דעם באַרבאַריזם פון איינעם און פאַנאַטיזם פון צווייטן". די
שטורמיש־פּאָליטישע צייט איז אָבער נישט געגאַנגען אויף דער
ליניע פון זיין אידעאָלאָגיע: דער רוימישער לייב האָט נישט גע־
זוכט קיין פאַרשטענדיקונג מיטן שעפּסעלע פון יהודה... און ווען
עס איז געקומען דער גרויסער קאַטאַקליזם און די יידישע שיף
האָט אין דעם שטורעם געהאַלטן ביים אונטערגיין, האָט דער
קאַפּיטאַן — די חכמי ישראל — נישט געטראַכט דאַן וועגן מאַכן
וועלט־געשיכטע, נאָר וועגן אויפהאַלטן די רעשטלעך פון
אונטערגאַנג. דאָס איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג פון ר' גמליאל
דעם צווייטן און זיין פאָרגייער ר' יוחנן בעת ער האָט אויס־
געבעטן יבנה. ער האָט פאַראויסגעזען דעם חורבן אין זיין פולן
פאַרנעם און האָט דעריבער געוואָלט איבערפלאַנצן כאָטש אַ
צווייגל פונעם רייכן ירושלים־בוים...

פויכטוואַנגער שילדערט דעם צוזאַמענטרעף פון גרייז־
גראָען ר' יוחנן מיטן יונגן יאָזעפוסן אין שונאס לאַגער. דער
רבי האָט צו זיין געוועזענעם תלמיד אַזוי געזאָגט:

„אונדזער מלוכה איז חרוב געוואָרן, אָבער נישט מלוכה
האָט אונדז געהאַלטן צוזאַמען. אַנדערע פעלקער האָבן אויך גע־
שאַפן מלוכות, גרעסערע און שטאַרקערע ווי אונדזערע, און
זיי זענען אויך געפאַלן... וואָס איז יאָ דאָס וויכטיקסטע? —
גייסט און קולטור! אַזוי לאַנג ווי מיר היטן עס, האָבן מיר אַ

שטאַרקערן צוזאַמענבונד, אַ פעסטערן באָדן ווי אַ מלוכה קאָן געבן... מיר וועלן אַזוי לאַנג עקזיסטירן, ווי לאַנג מיר וועלן האָבן אַן אייגענע צונג... אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין אַ קול־קול יעקב, וועלן די הענט פון עשיון זיין שוואַך... אונדזער זין פון לעבן? — צו שטרעבן אומאויפהערלעך צו העכערס... וועגן משיחן? — מיר טאָרן קיינמאָל נישט אויפגעבן אונדזער גלויבן אין אים... דאָס איז דער יידישער דרך...״

*

די יאָזעפוס־טרילאָגיע איז אַ היסטאָרישער ראָמאַן. אָבער ווען מיר נעמען אַראָפּ די געשיכטלעכע אַקסעסואַרן זעען מיר אין די העלדן — מיטצייטלער און אין זייערע ראַנגלענישן — אונדזערע אַקטועלע פּראָבלעמען: מדינה און פאָלק, אַנטיסעמי־טיזם, געמישטע חתונות, אָפּגעפרעמדטע קינדער — אַנצורופן נאָר עטלעכע פון די פילצאָליקע צייט־פראַגן און פּראָבלעמען, וועלכע פויכטוואַנגער האָט געפורעמט אין די יאָזעפוס־ביכער.

ביים געשטאַלטיקן די העלדן האָט דער אויטאָר געזוכט אַן ענטפער אויף די פראַגן: צי ווערט דער מענטש געפורעמט דורך דער סביבה אָדער דורך כוחות מחוץ איר קאָנטראָל? צי איז פאַראַן אַ קשר צווישן גורל און כאַראַקטער און במילא, צי טראָגן יחידים און קאָלעקטיוון זייער גורל אין זייער נאַטור, וואָס ציט זיי מיטן כוח פון גראַוויטאַציע אין אַ באַשטימטער לעבנס־ריכטונג? און וואָס איז דאָס בכלל דער מיסטעריעזער טערמין — גורל?... דער מחבר האָט אינעם ווערק דורכגעלויכטן דעם געראַנגל צווישן די קעגנזעצלעכע עלעמענטן אינעם מענטש, די עלעמענטן פון עגאָ, אויסוואָרצלונג און פאַרניכטונג און די עלעמענטן פון ליבשאַפט און ברידערלעכקייט צום מיט־מענטש.

יאָזעפוסעס לעבן איז פול מיט סתירות און אינערלעכע געראַנגלען. פאַרוואָרצלט אין דער יידישער טראַדיציע און רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, האָט ער צו אַלעמענס איבערראַ־שונג חתונה מיט אַ גריכיש־עגיפּטיש מיידל — דאָריאָן, וואָס באַטראַכט איר באַרימטן מאַן ווי אַ באַרבאַר! טראָץ זיין הויכער פּאָזיציע אין קעניגלעכן הויף, זיין בילדונג און קולטור, איז ער פאַר זיין נישט־יידישער פרוי אַן עקזאָטיש, פרעמד געוויקס. און

אַזוי פאַרבלייבט ער ביי איר ביזן סאַמע סוף פון זייער צוזאַמענ־לעבן — ער גט איר אָפּ — אַ פרעמדער, אַן אויסגעוואָרצלטער.

דער מחבר פירט אונדז אַריין אין דאַריאַנס היים־שטאָט — אַלעקסאַנדריע, די מאָדערנסטע און רייכסטע מעטראָפּאָליע אין אַלטערטום. די שטאָט איז געשטאַנען אין צענטער פון דער האַנדלס־וועלט, געשטאַנען אויפן קרייצוועג פון דריי — דאַן דינאַמיש־פולסירנדיקע — קאָנטינענטן. און געשמט האָט זי נישט נאָר מיט איר לוקסוס און פאַרוויילונגען, נאָר אויך מיט איר רייכער העלעניסטישער קולטור (פילאָזאָפן קינסטלער, מע־דיקער, שרייבער און אַנד.) אָבער דאָס פאָלק האָט זיך נאָך געהאַלטן ביים אַלטן מצרים־כישוף און פאַרהייליקט חיות... אָך און ווי איז געווען צו אַ רוימישן זעלנער אויב ער האָט אפילו צופעליק דערהרגעט אַ קאַץ! קיין שום מאַכט און געזעץ האָט אים שוין דאַן נישט געקאָנט ראַטעווען פון טויט...

דער יידישער ישוב אין אַלעקסאַנדריע — אַ האַלבער מיליאָן די גרויס — האָט פאַרנומען דאַן די אָנגעזעענסטע פּאָזיציעס אין פּאָליטישן, ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. דער יידישער מאַגנאַטעאיזם האָט געהאַט א שטאַרקן שטיצפּונקט אין די גרויסע יידישע געלערנטע ווי פילון און אַנדערע. דער גובערנאַטאָר טיבעריוס אַלעקסאַנדער איז געווען פון יידישן אָפּ־שטאַם. דאָס אַלץ האָט געגעבן די יידן מאַכט און השפעה, אָבער אויך געשפייזט די גיפט־מישער פון אַנטיסעמיטיזם. מיר ווערן — אינעם יאָזעפוס־ווערק — ווידער און ווידער דערמאָנט אויף דער פיל־טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון אַנטיסעמיטיזם. אַלעק־סאַנדריע איז געווען דאַן אַ צענטער, וואו עס האָט זיך קאָנ־צענטרירט די באַוועגונג „די ווייסע שיך" (די אָנהענגער האָבן געטראָגן אַזעלכע ספּאָרט־שיך), אָנגעפירט פון אַזעלכע היסטאָ־ריש, טרויעריק־באַרימטע גיפט־פאַרשפּרייטער, ווי מאַלאָ, אַפּיאָן — אָנצורופן נאָר אַ פּאָר. אויפגעהעצט דורך זיי, פלעגט דער המון זיך אַוועקלאָזן אינעם יידישן געגנט מיטן געשריי: „העפּ! העפּ!" („יעראָסאָלימאַ עסט פערדיטאַ" — „ירוש־לים איז פאַרלוירן"). די ליטעראַטור פון אַפּיאָנען האָט „אינ־פאָרמירט" אַז יידן שטאַמען פון מצורעים און זיי דאַוונען — אין קדשי־קדשים — צום קאָפּ פון אַן אייזל... צום רומל האָט אויך נישט געפעלט דער עלילת־דם.

יאָזעפוס האָט אין זיין „קעגן אַפּיאָן"־ווערק שאַרף געענט־פערט די אַנטיסעמיטישע וואָרט־פירער. ער האָט דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישן דער הויכער יידישער עטיק און די „הייליקע פּראָסטיטוציע" („מתנות זונה") פון די היידנישע געטער־קולטן... דאָס בוך האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אויף די גאָט־זוכנדיקע און געבילדעטע היידן, (וועלכע זענע נאָך נישט געווען פאַרסמט פון אַפּיאָנס גיפט) אָבער נישט אויפן אַנאַלפאַבעטישן המון, צו וועמען דאָס בוך איז נישט דערגאַנגען.

פויכטוואַנגער גיט אין דער טרילאָגיע אָפּ אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ אַלעקסאַנדריע און דעם דעמאָלטיקן יידישן גרויסן ישוב. ער באַשולדיקט די יידישע גביראָקראַטיע אין אויפרייסן די אויגן פון די שכנים מיט זייער עשירות, לוקסוס און מאַכט: „אויב אַ ייד איז גליקלעך — שרייבט ער — דאַרף ער דאָס ביסל גליק היטן און נישט מאַכן פון דעם קיין עפנטלעכע אויסשטעלונג... אפילו אין די צייטן, ווען דעם ייד איז דערלויבט צו באַפרידיקן זיינע אַמביציעס איז אויך ראַטזאַמער ער זאָל נישט אַרויסשטעלן פאַר אַנדערע זיין געלט, מאַכט, און איינפלוס... דאָס אַרויס־שטעלן פאַר פרעמדע מוז אַרויסרופן קנאה־שנאה, און מיר זענען צו שוואַך, צו איזאָלירט, נישט מורא צו האָבן פאַר די טרויע־ריקע רעזולטאַטן..."

צום דאָזיקן פּראָבלעם קערט זיך דער מחבר אום אין פאַר־שידענע טיילן פונעם ווערק. אויף איין אָרט גיט ער אַזוי אַ פרעג: „וואָס איז וויכטיקער: האָבן מאַכט, אָדער, ווייזן אַז מען האָט?"...

אָט די באַשולדיקונג האָט פויכטוואַנגער נישט געווענדט בלויז אויפן אַדרעס פון די אַלטערטימלעכע יידן, נאָר אויך — און אפשר בעיקר — צו זיינע מיטצייטלער: — „דער וואָס באַ־שטימט מלכים — זאָגט דער מחבר — איז גרעסער ווי דער מלך... שאול איז געווען דער ערשטער קעניג, אָבער ווייניק רופן זייערע קינדער — שאול. דאַקעגן פיל רופן — שמואל, וועלכער איז געווען גרעסער ווי שאול. און פאַרוואָס? — ווייל דער וואָס טיילט צו מאַכט איז גרעסער, ווי דער וואָס האַלט עס. דער כח, וואָס פירט אָן מיט די געשעענישן (און בלייבט אַליין אין הינ־טערגרונט) איז מער פאַרגייסטיקט, ראַפינירט און באַצויבערט,

ווי די מאַכט וואָס מען שטעלט אַרויס בפרהסיה פאַר די אויגן פון דער וועלט״.

ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צו אָט די געדאַנקען, מוז מען זיך אָבער פאַרטראַכטן אויף דער וואָרענונג פון מחבר: יידן זאָלן אויפהערן צו מאַכן אַן אויסשטעלונג און אויפרייסן די אויגן מיט זייער לוקסוס... אַראָגאַנץ און גראָבהויטיקייט פונעם אויפגעקומענעם אָלרייטניק... דאָס לעצטע רופט דאָך אַרויס נישט בלויז קנאה־שנאה צום געגעבענעם יחיד, נאָר אויך צום פאָלק פון זיין אָפשטאַם. די אַנטיסעמיטן זענען גאַנץ גוט ספע־ציאַליזירט אין אויסזוכן זיין יידישע נאָז און איר אַרויסשטעלן עפנטלעך...

בעתן שרייבן זיינע יאָזעפוס־ביכער האָט פויכטוואַנגער גע־האַט פאַר זיינע אויגן אָט יענע יידן, וואָס האָבן מיט אַראָגאַנץ דווקא זיך געוואָלט אַריינשטופן אין פרעמדע היימען און מיט זייער אויפפירונג אַרויסגערופן א פאַרשאַרפטע צערייצונג. (ווי עס באַקומט זיך, ווען א פרעמדער קערפּער דרינגט אַריין אין אַן אָרגאַניזם): „מיר קענען נישט צווינגען מען זאָל אונדז ליב האָבן — **רופט אויס דער אויטאָר** — אָבער א מער דרך־ארצדיקע באַציאונג קען מען יאָ צו זיך אַרויסרופן, אויב...״ אָט דער „אויב״ איז שוין פאַרבונדן מיט נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און זעלבסטווירדע־אייגנשאַפטן, וואָס עס פעלט ליידער א סך פון אונדז...

איך האָב דערמאָנט נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין: „באַוואוסטזיין באַלייכט דעם אויסנווייניק ווי די גרויסע ליכטער פון אַן אויטאָ. ווען מען נעמט אָט די ליכטער און מען פאַרדרייט זיי אויף אי־נעווייניק, מוז עס פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע...״ (א שאָד, וואָס דער מחבר האָט פון דעם גייסטרייכן פאַרגלייך, פּערזענלעך נישט געמאַכט די געהעריקע אויספירן. אָבער וועגן דעם אַביסל שפּעטער).

מיט דער גאַנצער שאַרפקייט האָט פויכטוואַנגער אַוועק־געשטעלט אין זיין טרילאָגיע דעם פּראָבלעם פון יונגן דור און זיין יידישע דערציאונג. ווי יעדער פאָטער, האָט אויך יאָזעפוס געוואָלט זען אין זיין זון פּאולוס א פאַרפולקאָמונג פון זיך און פון זיינע אידעאַלן. אין דער דערציאונג פון זון האָט ער געהאָפט צו פאַרווירקלעכן זיין סינטעז פון העלעניזם מיט יודאַאיזם. ער

האָט פאַר אים גענומען דעם בעסטן גריכישן לערער, זיין גריכיש זאָל זיין אָן שום אַקצענט... און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? פּאַולוס האָט זיך „באַפרייט" פונעם ביסל יידישקייט־סובסטאַנץ, וואָס ער האָט אין זיינע קינדער־יאָרן אַריינגעזאַפּט אין זיין פאָטערס הויז. דער לערער פּיניס האָט אין זיין תלמיד איינגעפלאַנצט ביטול און פאַראַכטונג צום פאָטערס יודאַאיזם און דאָס האָט גורם געווען ער זאָל בכלל פאַראַכטן דאָס יידישע אין זיין פאָטער. ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אים ווי אויף א „פאַרעינער", איינער פון דעם „פאַרריסענעם" פאָלק, וואָס האָט — לויט זיין לערערס „תורה" — געבראַכט אַזוי פיל צרות אויף דער וועלט...

אָט דאָ ליגט יאָזעפוס הויפּט־טראַגעדיע! עס עגבערט אים דער שפּיזיקער געדאַנק:

„אָט וויל איך פאַרשפּרייטן דעם יידישן גייסט איבער דער גאַנצער וועלט און קען עס אפילו נישט דורכפירן מיט מיין אייגן פלייש און בלוט! צי פירט נישט אַוועק מיין אוניווערסאַליזם פונעם יידישן שטאַם?...

יאָזעפוסן פּלאָגט דאָס געוויסן: אַלץ וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו טאָן האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַן אומגליק... זיין נשמה איז צעבלוטיקט. ער באַקלאָגט זיך פאַר זיין פריינד דעם פאַרלעגער רעגינוס, אַז ער קען מער נישט אַרבעטן, זיינע אויגן זענען פינצטער:

„דו ווייסט דאָך, רעגינוס, אַז יעהאָוואַ איז פאַר מיר נישט קיין נאַציאָנאַלער גאָט, נאָר דער גאָט פון אַלע פעלקער. איך אַליין באַטראַכט זיך נישט בלויז אַלס ייד, נאָר אויך אַלס רוימער און גריך — א וועלט־בירגער — טאָ פאַרוואָס האָט עס מיך אַזוי דערשיטערט, ווען מיין פּאַולוס איז געוואָרן אויס ייד?..."

„גאַנץ פשוט — **ענטפערט אים רעגינוס** — דיין קאָפּ איז איבערגעוואַקסן דיין האַרץ... צו די טיפענישן פון דיין נשמה זענען דיינע פּסאַלמס פאַרן קאָסמאָפּאָליטיזם נישט דערגאַנגען..."
דאָס פינטעלע ייד האָט גובר געווען.

דער מחבר האָט דעם אַסימילאַציע־פּראָבלעם, מיט געמישטע חתונות אַוועקגעשטעלט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט: אָט איז א קינד פון א געמישטער חתונה. א פאָטער א קאָסמאָפּאָליט, וואָס האָט געפּרעדיקט, אַז ייד און נישט־ייד זענען ביי

אים איינס און דאָס זעלבע. דאָס אַלץ איז געווען גוט און פיין ביז עס האָט דערגרייכט זיין אייגענעם זון; א זון, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון פאָטער, פון זיין פאָלק און געוואָרן א פרעמדער... אין פאָטערס האַרץ האָט זיך געעפנט א וואונד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו בלוטיקן...

„איך בין איצט בלינד און זינלאָז — **איז ער זיך מודה פאַר רעגינוסן** — ביים שרייבן מיינע ווערק האָב איך פאַר די אויגן געהאַט די וויזיע פון משה־רבינו און ישעיהון. איצט שטייט א וואָלקן פאַר מיינע אויגן. איך זע גאָרנישט... אויב איך האָב די יידישע געשיכטע נישט געקענט לעבעדיק מאַכן פאַר מיין אייגענעם זון, ווי אַזוי וועל איך דאָס קענען מאַכן פאַר אַנדערע?... אפשר זאָל איך אַוועקפאָרן אין יודעאַ?“

„יאָ, — האָט אים רעגינוס געענטפערט — האָסט צוויי וועגן פאַר זיך. איין וועג, צו ווערן א גריכישער שרייבער, חתונה האָבן מיט א פיינער רוימישער פרוי... דער צווייטער וועג איז צוריק צום פאָלק, צום שטאָם, מיטן פנים צו יודעאַ“...

פויכטוואַנגער האָט אַרויסגערוקט א שלל מיט געדאַנקען, פּראָבלעמען און אידייען, און ס'איז אוממעגלעך אין די ראַמען פון דער אָפּהאַנדלונג זיי ברייטער צו אַנאַליזירן. אין געוויסע שטעלן לאָזט זיך זייער פיל אַריינטייטשן, אָדער פּאָלעמיזירן מיטן געדאַנקען־גאַנג פון אויטאָר. אָבער אַפילו ווען מען איז נישט מסכים מיט געוויסע פאָרמולירונגען, הנחות אָדער אויספירן פון מחבר, רעגט דאָס גרויסע ווערק אָן צו אַ ריי פאַרטראַכטונגען און חשבון הנפש.

דער צווייטער באַנד ווערט פאַרענדיקט מיט יאָזעפוסעס זוכן אַ וועג צוריק אַ היים. נאָך זיין דורכפאַל אַריינצוברענגען דעם יידישן גייסט אין רוים, צו פאַראייניקן מאַכט מיט גייסט, פירט דער מחבר אַוועק דעם הויפט־העלד צוריק קיין יודעאַ...

דיכטונג און וואָר...

„די מענטשן, וועלכע יאָזעפוס האָט באַשריבן אין זיין געשיכטע, באַמערקט פויכטוואַנגער, זענען נישט פון א רעאַלער וועלט. זיי שפילן אויף א בינע, וואָס ער האָט פאַר זיי אויפגעבויט. זיי זענען סטיליזירטע באַשעפענישן פון לופט... און אויב

מיר זעען אין זיי מענטשן פון פלייש און בלוט, וואָס גייען אַרום אויף דער ערד, אָטעמען און לעבן, באַווייזט עס דעם כוח פון דעם קינסטלערס יצירה״.

אָט די ציטאַטע איז אויטאָביאָגראַפיש צוגעשניטן צו דער מאָס פון אַ קינסטלער ווי פויכטוואַנגער. די העלדן פון דער טרילאָגיע זענען סטיליזירטע. (און דאָס איז חל נישט בלויז אויף די פון זיין שעפערישער פאַנטאַזיע, צוגעטראַכטע און וויזיאָנירטע, נאָר אויך אויף די היסטאָריש־רעאַלע פיגורן). דער דיכטער האָט זיי געשאַפן פון לופט און אַריינגעגעבן אין זיי אַ רוח־חיים. די העלדן זענען פול מיט לעבן. מיר זעען זיי און הערן זייער אָטעמען און מיר פילן, אַז עס קלאַפּט נישט בלויז דער פולס פון יחידים, נאָר צוזאַמען מיט זיי — פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו! די העלדן לעבן דאָך נישט בלויז זייער אייגן, פּערזענלעכן לעבן, נאָר אויך דאָס לעבן פון זייערע — און אויך אונדזערע — צייט־מענטשן און עפּאָכע. מיר ווערן אַריינגעצויגן אין דער אַטמאָספער און אין די געשעענישן, וואָס פאַרקייטלען זיך מיט די מענטשן און וואַקסן אַרויס צוזאַמען פונעם באָדן און קלימאַט. יעדער העלד מיט זיין כאַראַקטער און לשון, מיט זיינע סתירות און קאָנפליקטן...

אין דער טרילאָגיע באַגעגענען מיר זיך מיט אַזוי פיל קאָנטראַסטן, טעמפעראַמענטן, לעבנס־שטייגערס און קולטורן. ס׳איז באַקאַנט, אַז געוויסע חיות און פלאַנצונגען דערנערן זיך מיט אַזאַ שטאָף, וואָס אַ מענטש וואָלט זיך מיט דעם געקאָנט פאַרסמען. אויך אין דער מענטשלעכער וועלט קען מען זיך אָנטרעפן מיט אַן ענלעכער דערשיינונג.

פויכטוואַנגער האָט אין זיינע יאָזעפוס־ביכער געשאַפן אַ גאַנצע וועלט מיט פאַרשידענע קאָנטראַסטן און צוזאַמענשטויסן, וואָס קומען פאָר אויפן שלאַכט־פעלד פון דער מענטשלעכער נשמה. דער גרעסטער שלאַכט־פעלד איז אין יאָזעפוסעס האַרץ. ווי עס זאָגט צו אים די אימפּעראַטאָרין פון רוים, לוציאַ:

„אויב איינער באַזיצט פאַרמעגן, מאַכט, זיכערקייט און רו און ער פאַרלאָזט דאָס אַלץ, באַווייזט עס וואָס פאַר אַן אומרואיקע נשמה ער פאַרמאָגט... אַזעלכע שטורמישע גייסטער זענען דורך דעם לאַנגן שפּאַן פון געשיכטע, געטריבן געוואָרן נישט דורך אויסערלעכע געשעענישן, נאָר דורך אַן אינערלעכן נשמה־

פּיבער, אַן אומרו פון גייסטיקער אומבאַפרידיקונג... אַט די העלדן געהערן צו אַ באַזונדער ראַסע פון גייסטיקע אַוואַנטור־ריסטן און זענען צווישן זיך פאַרבונדן דורך אַ געהיימער, גייס־טיקער קרובהשאַפט...״

וויסן מיר גוט, וואָס יאָזעפוס האָט דורכגעמאַכט און דורכ־געפּייניקט בעת זיין שטייגן אויפן לייטער. ער האָט אַמאָל, אין זיין יוגנט געהערט אַן אַלטן שפּרוך פון אַ פאַרגעסענעם כהן: „עס זענען פאַראַן זיבן און זיבעציק, וואָס האָבן דעם אויער פון דער וועלט און איך בין איינער פון זיי״. אַ טייערן פּרייז האָט ער באַצאָלט צו באַקומען „דעם אויער פון דער וועלט״! און ווען ער האָט עס ענדלעך באַקומען, האָט ער ערשט איצט דערזען, ווי פּוסט עס איז זיין נצחון...

*

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז דער היסטאָרישער העלד יוסף בן מתתיהו איז דורך פויכטוואַנגערס פּענדזל שטאַרק סטי־ליזירט געוואָרן. ער האָט אים טראַנספאָרמירט אין אַ טיפּ, אַ סימבאָל פון מענטשלעכע זוכענישן, בלאָנדזשענישן און אַנט־דעקונגען; אַ סימבאָל פון זינקעניש און דערהויבנקייט, צווייפל און גלויבן, פּחד און גבורה, און דורך אַלע זיינע סתירות — אַ סימבאָל פון אַ שטורמיש־אומרואיקן גייסט... זיין וואוקס און אַנטוויקלונג, זיין הויך־שטייגן און זיין טיפער פאַלן איז דורכן אויטאָר שטאַרק דראַמאַטיזירט געוואָרן. ער האָט אים געצייכנט רעאַל און סימבאָליש און אַזוי אויך די ראַם, דער הינטערגרונט, די גאַנצע אַטמאָספער אַרום דעם הויפּט־העלד.

אוודאי זענען פיל געשעענישן פונעם ווערק זייער ווייט פון היסטאָרישער אויטענטישקייט. איז דען בכלל דאָ אַזאַ זאַך, ווי פּרעציזע אויטענטישקייט?

מען דערציילט פון באַוואוסטן פראַנצויזישן היסטאָריקער הענרי פּירען, אַז ער האָט וועגן אויטענטישקייט, איין מאָל מיט זיינע סטודענטן דורכגעפירט אַזאַ עקספּערימענט: ער האָט אַריינ־גערופן אין קלאַס איינעם פון די דינער, וועלכער איז ספּעציעל געווען אָנגעטאָן אין מלבושים פון די שרייענדיקסטע פאַרבן, און געהייסן די סטודענטן זאָלן אים גוט אָבסערווירן און שפּע־טער אָנשרייבן, וואָס זיי האָבן געזען. דער רעזולטאַט איז געווען,

אַז די צוואַנציק סטודענטן האָבן נישט נאָר אָנגעשריבן צוואַנציק פאַרשידנאַרטיקע באַריכטן, נאָר אויך קעגנזעצלעכע. — „דאָ זעט איר די „אויטענטישקייט״ פון רעאַלע פאַקטן״, האָט דער היסטאָריקער געזאָגט.

יעדער קינסטלער האָט זיך זיין אופן פון זען דערשיינונגען און זאַכן און זיי געשטאַלטיקן. ער איז אַ דערפינדער פון אַן אייגענעם דרך און שאַפונגס־פּראָצעס. (דאָס לעצטע איז ביי דורכשניטלעכע נישט בנמצא...) ער איז קינסטלעריש בכוח דאָס אַלטע צו מאַכן פריש און גרין, עס זאָל לעבן פאַר אונדזערע אויגן. דאָס מאַניפעסטירט זיך גאָר בולט אין פויכטוואַנגערס ווערק.

דער אויטאָר האָט מיט אַ זעלטענער קראַפט באַוויזן צו רעסטאַווירן דעם עמאָציאָנעלן און אינטעלעקטועלן קלימאַט פון דער אַלטערטימלעכער וועלט. ער האָט ממש אַרויסגעכיישופט דעם אות און אור פון יענער אַלטער צייט. דעם פּייזאַזש פון מענטשלעכן האַרץ צונויפגעפלאָכטן מיטן נאַטור־פּייזאַזש, און די דונערן פון דער מענטשלעכער נשמה — האָט ביי האָט מיט די דונערן פון די וואַלקנס.

נישט קיין קליינע וואָג צום ווערק גיט צו פויכטוואַנגערס מוזיק פון לשון, וואָס פאַראייניקט פאָרם און אינהאַלט אין האַרמאָנישער שלימות. געוויסע זייטלעך זענען ממש סימפאָניעס פון דיכטונג. פאַראַן זייטלעך וואָס קענען עקזיסטירן אין זייער אייגענעם קינסטלערישן זכות. אַז איינצל זייטל פון אַ בוך קען אַמאָל זיין אַ שלימותדיק קונסט־ווערק. און אַזעלכע זייטלעך פעלן נישט אין דער טרילאָגיע. אוודאי האָבן נישט אַלע קאַפּיטלען פונעם ווערק די זעלבע קינסטלערישע וואָג. אָבער אַפילו די שוואַכסטע פאַרמאָגן דאָ און דאָרט לירישע טענער, שטימונגספולע, עמאָציאָנעלע וויברירונגען אָדער אינטעלעקטועלע אַנלאָדונגען. קיין לויזע צויטן האָט דער מחבר נישט געלאָזט נאָכהענגען...

פויכטוואַנגערס סטיל פאַרמאָגט פשטות באַהויכט מיט עלעגאַנץ. נעבן דאָס טראַגישע באַווייזט זיך אָפט דאָס קאָמישע, איינס אילוסטרירט דאָס צווייטע, און ווי אין לעבן — גייען זיי אָפטמאָל האַנט ביי האַנט.

צווישן עפּישע שילדערונגען אַנטפּלעקט זיך נישט זעלטן אַ פּאָעטישער אויפבליץ, אַנונגען און אָנדייטונג; סימבאָלישע

אַסאָציאַציעס, אַן אינטימער טאָן, אָדער אַ שאַרפזיניקע פּסיכאָ־לאָגישע באַגרינדונג פון אַזאַ אָדער אַנדער געשעעניש. בכלל איז אין דעם ווערק בולט דער גייסט פון אַן אינטערפּרעטירטן קונסט־מעטאָד, וואָס באַדייט, אַז אַ קינסטלערישׁ בוך קען שטיין פּאַראַלעל — אויב עס איז פון אַ הויכער מדרגה — מיט בעטהאָווענס אַ סימפאָניע אָדער מיקל אַנדזשעלאָס אַ בילד.

*

אין דער טרילאָגיע זענען צעזייט פאַרשידענע אַפּאָריזמען, שאַרפזיניקע ווערטלעך און גייסטרייכע מעדיטירונגען. איך וועל ברענגען נאָר אַ פּאָר אילוסטראַציעס:

יאָזעפוס רעדט מיט לוציאַן וועגן יידישן אתה־בחרתניזם און באַמערקט אַז „מיר זענען דאָס זאַלץ פון דער ערד״.

„יאָ — ענטפערט אים לוציאַ — די עגיפּטיאַנער און די גריכן האָבן אויך וועגן זיך אַזאַ מיינונג. נאָר מיר, רוימער, נאַרן זיך נישט. זאָלן אַנדערע זיין דאָס זאַלץ פון דער ערד און מיר וועלן עס נוצן״.

אין די קאַפּיטלען, וואָס שילדערן די וועספּעסיאַן־טיטוס־עפּאָכע — דער רוב פונעם ווערק — שווימט אַרויס די גרויסע ליבע צווישן טיטוסן און דער פּרינצעסין בערעניקע. (ווי אַנדערע העלדן, איז אויך די היסטאָרישע בערעניקע גאָר שטאַרק סטיליזירט געוואָרן אין ראָמאַן).

וועספּעסיאַן הנט געוואָלט פאַרהיטן דעם זון — און דעם רוימישן טראָן פון יידישקעס, פּרוּווט ער צו באַווירקן דעם זון נישט צו טראַכטן ערנסט וועגן בערעניקען; אַז ער דאַרף אויך נישט מורא האָבן פאַר דער נקמה פון יידישן גאָט: „די געטער פון מזרח זענען שוואַך און אַלט. דער אומזעבאַרער גאָט פון ישראל האָט געגעבן זיינע אָנהענגער אויסגעצייכנטע ביכער, אָבער מלחמה האַלטן קען ער נישט, סיידן אויפן וואַסער... אויף דער יבשה איז ער שוואַך... אַז ער האָט זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט דער וועלט — באַלד נאָך דער באַשאַפונג — האָט ער גע־בראַכט אַ מבול... אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט טאָן צו פרעהן איז — דערטרינקען זיין חייל... אונדזערע געטער, — האָט וועס־פּעסיאַן צוגעגעבן, — זענען יונג און נישט אַזוי ראַפינירט...

זיי מאַטערן אונדז נישט מיט אַזוי פיל פאַרבאָטן און מיט געוויסן... סך הכל באַגנוגענען זיי זיך מיט אַ פּאָר אָקסן און חזירים״.

אויף אַ צווייט אָרט: „עס קען דיר נישט שאַטן, אויב דו וועסט צייטנווייז זיך לאָזן מיטרייסן פון יידישקעס און יידישע נביאים. אָבער ווער נישט צו נאָענט מיט זיי״...

און צו יאָזעפוסן: „אין די אויגן פון אייערע פרויען איז דאָ אַ בליק, ווי זיי וואָלטן עפּעס באַהאַלטן אַ גרויסן סוד. וואַרשיינלעך באַהאַלטן זיי גאָרנישט... דאָס זעלבע איז אויך מיט אייער יודעאַ״...

*

אין דעם לעצטן באַנד האָט דער מחבר באַגלייט זיין הויפּט־העלד איבער די וועגן און בערג פון יודעאַ, און צוזאַמענגעפירט אים מיט די פירער פון יבנהער סנהדרין, מיטן נשיא רבן גמליאל דער צווייטער, מיט ר׳ עקיבאַן און אַנדערע חכמים. דער אויטאָר האָט אויף אַ ברייטן לייוונט געמאָלן די גייסטיקע שטרייטן צווישן יבנה־נאַציאָנאַליזם און לודאַ־קאָסמאָפּאָליטיזם און דעם גייסטיקן געפּעכט, וואָס יבנה האָט געפירט מיט דעם פירער פון לודא — אַלישע בן אבויה. (אחר) דער קאַמף קעגן די יידן־קריסטן (מינים) און איבער דעם אַלעם טורעמט די צוגרייטונג צום גרויסן בר־כוכבא־אויפשטאַנד.

וועגן דעם קומט מיר אויס צו שרייבן אויף אַן אַנדער אָרט — אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן אָפּאַטאָשוס ר׳ עקיבא און בר־כוכבא ביכער, וואו איך האָב אַ מעגלעכקייט דורכצופירן אַ ריי פאַרגלייכונגען, ווי אַזוי אָט די שטורמישע עפּאָכע איז געפּורעמט געוואָרן דורך צוויי פאַרשידנאַרטיקע קינסטלער. דאָ וויל איך נאָר צוגעבן אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן פויכטוואַנגערן אין שייכות מיט זיין טרילאָגיע.

פויכטוואַנגער דער קינסטלער האָט מיטגעמאַכט אַלע אומוואַנדלונגען פון זיין הויפּט־העלד. דורך אים רעפּרעזענטירט זיין „איך״, באַגלייט אים אין די שטעט און שטעטלעך פון יהודה, וואו ער האָט אים געהאָלפן זיך שטעלן מיט ביידע פיס אויפן באָדן פונעם יידישן פאָלקס־געראַנגל פאַר קיום. דער אויטאָר האָט יאָזעפוסן אויפגעוועקט פון זיין אַסימילאַטאָריש־קאָסמאָפּאָליטישן חלום און אים צוריקגעבראַכט צום נאַציאָנאַלן באַ־

וואוסטזיין. צי איז אָבער די יאָזעפוס־געשיכטע בלויז אַן אַמאָ־ליקע טראַגעדיע פון דער יידישער אַסימילירטער אינטעלי־גענץ?...

דער העלד יאָזעפוס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון קאָסמאָפּאָ־ליטישן כלאָראָפאָרם, ווייל ער האָט איינגעזען ווי פאַרפירעריש עס איז די אַסימילאַטאָרישע אילוזיע פון איבערוואָרצלען זיך און אַריינוואַקסן אין א פרעמדן באָדן... דער אַלטערטימלעכער אַסימילאַטאָר האָט איינגעזען, אז ער איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, צווישן צוויי וועלטן, געבליבן אַן אָפּגעריסענער צוייג פון אַן אַלטן שטאַמיקן דעמב. ער האָט זיך דעריבער — אין לעצטן טייל פון דער טרילאָגיע — צוריק זיך באַהאָפטן מיט זיין שטאַם, פאָלק און קולטור.

פויכטוואַנגער דער מענטש האָט אָבער נישט באַגלייט פויכטוואַנגערן דעם קינסטלער. ער וואָס האָט אַליין אַמאָל ער־געץ געשריבן, אז בעת די זיידעס אונדזערע האָבן געהאַט אין זיך די קראַפט פון גראָזן בעת א שטורעם — געבויגן זיך, אָבער געבליבן פעסט אינעם באָדן — זענען זייערע אויסגעוואָרצלטע אייניקלעך ביים ערשטן שטורעם־ווינט לייכט אַרויסגעריסן גע־וואָרן פון זייערע פאָזיציעס און געבליבן ערגעץ פאַרטראָגן פון ווינט...

דאָס איז דאָך די טראַגעדיע פון אַ גאַנצן דור — און מער! — אָפּגעפרעמדטע קינדער פון יידישן פאָלק, פון באַגאַבטע יידישע יחידים — שרייבער, קינסטלער און אינטעלעקטועלע, וועלכע האָבן זיך געראַנגלט מיט זייער יידישער אויסגעוואָרצלט־קייט, געבליבן אָפּגעריסן פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע יידי־שע באַוועגונגען און אידעאַלן און נישט געפונען דעם וועג צוריק צום פאָלק.

דאָס וואָס לעאָ פויכטוואַנגער דער מענטש האָט נישט גע־מאַכט דעם קאָנסעקווענטן אויספיר ווי פויכטוואַנגער דער מחבר פון יאָזעפוסן — שפיגלט אָפּ דעם טראַגישן בילד פון דער היינט־צייטיקער יידישער אַסימילאַציע, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן פון פאַלשע פייערלעך אויף פרעמדע וועגן, נישט געפינענדיק אין זיך די כוחות צוריקצוקומען צום יידישן לעבן און שאַפן.

היסטאָרישע ראָמאַנען — היינטצייטיקע פּראָבלעמען

תנא ר׳ עקיבא און זיין עפּאָכע
ביי פויכטוואַנגערן און אַפּאַטאָשון

אין דריטן באַנד פון די יאָזעפוס־ביכער („דער טאָג וועט קומען״) גיט פויכטוואַנגער אַ פּלאַסטיש בילד פונעם גייסטיקן און סאָציאַל־פּאָליטישן קלימאַט אין יהודה ערב און בעת דעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד.

אויף אַ ברייטער קאַנווע מאָלט דער מחבר די גייסטיקע מלחמות צווישן די חכמים, וואָס האָבן — צייטנווייז — אָנגענומען זייער שאַרפע פאָרמען.

נאָכן חורבן בית־שני, ווען דאָס פאָלק האָט פאַרלוירן די אַדמיניסטראַטיווע דיסציפּלין פון מלוכהשן אַפּאַראַט, האָט דער קיום פון פאָלק געקענט פאַרזיכערט ווערן נאָר דורך אַ גייסטיקער דיסציפּלין, וואָס זאָל פאַרטרעטן די מלוכהש־פּאָליטישע.

כדי צו פאַרטיידיקן דאָס שוצלאָזע פאָלק פון אויסערלעכן פיזישן און גייסטיקן דרוק, האָט דער יבנהער סנהדרין גענומען אויפשטעלן שטאַרקע אַרומצוימונגען (סיגים) אַלס שוץ־ווענט איבער דער גייסטיקער און נאַציאָנאַלער טעריטאָריע פונעם יידישן לעבן. אַ נעץ פון שטרענגע דינים האָבן פאַרטראָטן פעסטונג־מויערן. און דער יבנהער סנהדרין (מיטן נשיא בראש) איז געוואָרן דער „היטער פון די מויערן״, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּהיטן די אינערלעכע גאַנצקייט פון חרוב־געוואָרענעם און צעשפּרייטן פאָלק.

צו די אויסערלעכע סכנות איז צוגעקומען אַן אינערלעכע — די „מינים״ (יידן־קריסטן). „דער יידישער אידעאַל פון אַ

משיח א באַפרייער האָט נישט געקענט שלום־מאַכן מיט א משיח א זינד־אויסקויפער" — שרייבט דובנאָוו. די פּראָפּאַ־גאַנדע פון די „מי־נים" האָט אַראָפּגעריסן דעם מאָראַלישן אוי־טאָריטעט פון יבנה און גרינגגעשעצט איר מינדלעכע לערע — תורה שבעל־פּה — אַפּלייקנדיק איר געטלעכקייט און רעליגיע־זע סאַנקציע. דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסער סכנה פון דיסאינטעגראַציע.

קעגנצואווירקן די „מינים"־פּרעדיקער איז אומבאַדינגט נויטיק געווען צו שטאַרקן די מאָראַלישע מאַכט פון יבנה. עס איז געווען אַ לעבנס־נויטווענדיקייט עס זאָל פאַרקניפּט ווערן די אַקומולירטע מינדלעכע לערע פון די חכמים מיט דער גע־שריבענער (תורה שבכתב) און אין דעם האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער תנא ר' עקיבא.

פויכטוואַנגער האָט געשאַפן אַן אינטערעסאַנטן פּאָרטרעט פון ר' עקיבאַן, געצייכנט אין פּראָפיל, אָבער, באַלויכטן פון אינעווייניק דורך אַ שטאַרקן פּראָזשעקטאָריש ליכט.

ער איז געווען א קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט, אַן אוי־ניקום צווישן די חכמים. פון איין זייט זעען מיר אים ווי אַ זייל — אַ צענטראַלע פיגור — אין יבנהער קרייז, און פון דער צווייטער — דער באַגייסטערער און איינער פון די הויפּט־אי־ניציאַטאָרן פון בר־כוכבא־אויפשטאַנד.

פויכטוואַנגער האָט געזוכט פּסיכאָלאָגישע סיבות צו פאַר־ענטפערן די קאָמפּליצירטע פראַגע: (ער פירט צונויף יאָזעפוסן מיט עקיבאַן צו לעזן די רעטעניש) — ווי קומט עס צו דעם שאַרפסטן, לאָגישן קאָפּ פון די חכמים אַזאַ אומשכלדיקע האַנד־לונג צו אַגיטירן פאַרן (לעצטן) אויפשטאַנד? ער פרעגט דעם תנא: „דו ווייסט זייער גוט די כוחות פון רוים און פון יהודה... דער וואָס זאָטלט אַ לייב דאַרף קענען רייטן אויף אים... פאַר־וואָס טוסטו שטיצן די זעלאָטן?"

„איך גלויב אין משהן און די נביאים און נישט אין טראַ־יאַנען און זיינע לעגיאָנען, האָט אים עקיבא געענטפערט. איך האָב פיל געלערנט סיי פון אונדזערע, ווי פון די חכמי האומות, די ראָל פון פאַרשטאַנד. אָבער אין קריטישע מאָמענטן פון לעבן קען נישט לאָגיק דעצידירן — „צי דער טאָג איז שוין געקומען" — נאָר דער אינסטינקט, דער אינערלעכער וויסן,

געפיל און גלויבן... ווייסטו פאַרוואָס איך האָב געשטיצט גמ־ליאלן מ׳זאָל אַריינגעמען דעם „שיר השירים״ אין די הייליקע ספרים? — ווייל עס איז אַ משל, אַ דועט צווישן דעם חתן גאָט און זיין כלה — דאָס פאָלק ישראל.

„יעהאָוואַ — דער חתן — דאַרף קעמפן פאַר זיין כלה — ישראל. ער דאַרף צאָלן אַזוי האַרט און שווער, ווי יעקב האָט געצאָלט פאַר זיין כלה רחלן!... גאָט דאַרף קעמפן פאַר ישראל, געווינען זיין פאָלק, וועלכן ער האָט געגעבן אַזאַ שווערע מיסיע. ישראל וויל עס דערפילן, אָבער אויך יעהאָוואַ מוז דערפילן די באַדינגונגען פון קעגנזייטיקן אָפּמאַך... ער מוז צוריקגעבן ישראלן זיין מאַכט, נישט אָפּלייגן אויף משיחס צייטן, נאָר שוין איצט!... דו, יאָזעפוס מאַכסט עס צו גרינג פאַר אים! דו גיסט אים אַוועק ישראל פאַר אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז... איך בין אַ פּראָסטער פּויער און כ׳באַצי זיך מיט פאַרדאַכט... ווען איך טו אָפּ מיין אַרבעט פאַרלאַנג איך באַצאָלט...״

דער דיכטער האָט אין דער ציטאַטע פאַרקערפּערט — בילדלעך און אָריגינעל — די פּראָטעסטירנדיקע רעליגיעזי־טעט: די הבטחה און די ברכה — איז אַ וועקסל, וואָס מוז באַ־צאָלט ווערן! עס איז אַ קעגנזייטיקער אָפּמאַך פון אונטערשטי־צונג: יעהאָוואַ נויטיקט זיך אין ישראל, נישט ווייניקער, ווי ישראל אין אים. איינער אָן צווייטן קען נישט עקזיסטירן״...

מיר האָבן אָט דעם געדאַנק באַגעגנט אין „יעקבס חלום״. („ווען דו ביסט פאַר דיין פאָטער — שטיי! — פאָדער דיין רעכט!״). יעקבס אוראייניקל — עקיבא, באַטאָנט עס: „איך פאַרלאַנג פון יעהאָוואַן — איך בעט נישט!״

פויכטוואַנגערס ר׳ עקיבאַ דערמאָנט מער (דעם טיפּ) יוחנן פון גוש־חלב, ווי זיין רבין בן זכאי. זיין אָפּשטאַם האָט געפורעמט זיין כאַראַקטער. („איך בין א פּראָסטער פּויער״ — זאָגט ער מיט שטאָלץ). ער איז מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים פאַרוואָרצלט אינעם יהודה־באָדן. געלערנט זיין וויסן און לעבנס־חכמה אויף דעם שווערן, האַרטנעקיקן וועג — דער־פאַרונג! עס איז נישט דער תנא ר׳ עקיבא, וואָס גייט גאַנצע טעג אַרום מיטן טלית און תפילין און לערנט תורה מיט זיינע תלמידים.

פויכטוואַנגער צייכנט נישט דעם פאַרגייסטיקטן תלמיד־

חכם, דעם תּלמודישן זשעני, („עוקר הרים״) וועלכער האָט סיס־טעמאַטיזירט דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל פון דינים און הל־כות און צוזאַמענגעשלאָסן אין אַ גאַנצקייט די מינדלעכע און שריפטלעכע לערע.

זיין עקיבא איז אַ פאַרהאַרטעוועטער (און דיסציפּלינירטער) יהודה־פּאַטריאָט. ער באַציט זיך מיט פאַראַכטונג צו די, וואָס קאַפּיטולירן פאַר רוים. ווען יאָזעפוס קומט אַריין אין זיין הויז, איז ער אים „מקבל־פנים״ מיט אַזאַ זאָג: „איך האָב איצט די געלעגנהייט צו זען אַ פאַררעטער פון דער נאָענט...״ אָבער ביי זיין גאַנצער גראַדליניקייט און ציל־באַוואוסטקייט, ראַנגלט ער זיך מיט נאָגנדע ספקות און אינערלעכער צעריסנקייט אַרום פּראָבלעם פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד...

ר׳ גמליאל כאַראַקטעריזירט זיין יבנה־קאָלעגע אַזוי: „ער ווייסט פונקט ווי איך, אַז אַ נייער אויפשטאַנד וועט זיך ענדיקן אַזוי טראַגיש, ווי דער פריערדיקער... עקיבא האָט אַ שטאַרקן אינטעלעקט, אָבער אַ הייסערע האַרץ... די פראַגע איז: צי וועט זיין שטאַרקער אינטעלעקט נישט קאַפּיטולירן פאַר זיין פיל־מעכטיקער האַרץ?״...

עקיבא האָט אַזוי הייס געגלויבט אין אַבסאָלוטן יושר — ווי אַ יסוד פאַרן קיום פון דער וועלט — אַז ער האָט נישט גע־קענט אַנדערש האַנדלען, ווי ער האָט געטאָן. זיין טעמפּעראַ־מענט און געפילן האָבן געהאַט די בכורה איבער זיין שאַרפער לאָגיק... „דאָס האַרץ האָט זיך איר לאָגיק, וואָס דער פאַרשטאַנד קען נישט פאַרשטיין״. אין לעבנס סכנות, האָט ער געגלויבט, מוז אַ מענטש זיך גוט צוהערן צו דער שטים פון האַרץ... די קאַלטע, אייזערנע לאָגיק האָט אים דיקטירט איין וועג (וואָס האָט געקענט פּענטען די פליגלען פון גרויסן חלום) און דאָס הייסע האַרץ — אַן אַנדער וועג... ער האָט פאַר יעדן פּרייז געוואָלט צוריק זען די פּאָליטישע (און מלוכהשע) ווידערגע־בורט פון זיין פאָלק און דערפאַר אַלץ געשטעלט אין קאָן...

פויכטוואַנגער לאָזט נישט איבער דעם מינדסטן ספק אין עקיבאַס גלויבן, אַז די שעה האָט געשלאָגן פאַר דער לעצטער אַנטשיידונג מיט רוים. — ער האָט געלעבט אַלע זיינע יאָרן מיט דעם חלום, אַז „דער טאָג וועט קומען!״

*

יוסף אָפּאַטאָשוס ר׳ עקיבא איז נישט קיין פּראָפיל־פיגור געזען פון א זייט. ער איז געצייכנט אין זיין פולער ברייט און הויך און פאַרנעמט א צענטראַלן אָרט אינעם קאָמפּאָזיציאָנעלן צענטער פונעם ווערק. ווי א סקולפּטור־בראָנז געשניצט פון אַ געניטער מייסטער־האַנט — טורעמט ער איבער די געשעענישן און האַנדלונגען פון יענער, אומרואיקער צייט.

פאַר אָפּאַטאָשון איז די עקיבא־געשטאַלט — אַ גלענצנדער מאַטעריאַל — אַ באַליביקער טיפּ פאַר כאַראַקטעריזאַציע: אַן אָפּשטאַמיקער פונעם פּראָסטן פאָלק; אָן יחוס, אַן עם־הארץ, אַ פּאַסטוך, וועלכער ווערט דורך זיין שטאַרקער ווילנס־קראַפט צו לערנען יומם־ולילה — תורה, בינה ודעת — טראַנספּאָרמירט אין דעם גרויסן מנהיג־הדור — ר׳ עקיבא.

געטריי זיין גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט אָפּאַטאָשו געזוכט דעם אינדערוואָכנס פון ר׳ עקיבאָן אין זיינע תלמידים: דעם אינדערוואָכנס פון עם־הארץ — ס׳פּראָסטע פאָלק: שענקער, קעמל־טרייבער, קאַראַוואַנען־פירער פערד־יונגען און פויערים. — „געבן דעם עם־הארץ פון ר׳ עקיבאס צייטן, וואָס וועגן אים ווייסן מיר גאָרנישט, ווייסן אַפילו נישט וואָס פאַר אַ לשון ער האָט גערעדט״. (ציטירט פון אָפּאַטאָשוס אַן אויטאָביאָגראַפישן סקיץ אין די „גאָלדענע קייט״).

אָפּאַטאָשו האָט אין דעם סקיץ דערציילט וועגן די אומגעהויערע שוועריקייטן זיינע ביים שרייבן דעם ראָמאַן (ר׳ עקיבא און בר־כוכבא). ער האָט געזוכט אין די רוימישע כראָניקעס — ווייל פון יידישע איז נאָר דאָ עטלעכע קינדערשע לעגענדעס וועגן בר־כוכבאן — און פון „שטיקלעך און ברעקלעך רעסטאַווירן א תקופה״.

*

וואו האָט אָפּאַטאָשו געזוכט דעם פּראָטאָטיפּ פאַר זיין עקיבא־געשטאַלט? — זיכער אין די גרויסע יידן פון פוילן, אפשר דער בנעימותדיקער מלאווער רב, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט זיך אויסצושמועסן מיט פּראָסטן ייד ביי זיך אין בית־דין־שטיבל. (זע זיין דערציילונג „תיקון חצות״).

דער מחבר האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו צייכענען און פורעמען עקיבאס יוגנט. ער ווייזט אים שוין אין דעם עלטער, ווען ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך זיינע שווערסטע לעבנס־יאָרן. און נישט נאָר זיין פּנים האָט דערציילט פון א שווער, דורכגעמאַכטן לעבן, נאָר אויך רחלס (זיין פרוי). „אַזוי פול קנייטשעלעך אונטער די אויגן, אַזוי פיל פעלדלעך אויפן האַלדז — אַזוי דאַרף אויסזען ר' עקיבאס ווייב..."

עקיבאַן גופא האָט דער קינסטלער געמאָלן אין כלערליי פּאָזעס: אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען, און ביחודית, ביי זיך אין אַלקערל; מיט חכמים אַרום דברי־תורה און מיטן פּראָסטן פאָלק ישובניקעס, שמידן, קעמל־טרייבער — מיט יעדן איינעם — א פריינטלעך פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעשיינט „צוויי גרויסע, וואַרעמע, פרעגנדיקע אויגן, וואָס פאַרשטייען דאָס נישט־דערזאָגטע..."

אין נאָרמאַלע רואיקע צייטן וואָלט עקיבא אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין תורה ועבודה, שלייפנדיק און אויסטייטשנדיק יעדן אות פון דער תורה... אָבער די צייט אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז געווען אַזאַ אומרואיקע און פאַרצאָרנטע: — „רוים האָט פאַרזייט רשעות, וואָס האָט זיך צעוואַקסן אין יעדן שטאָט און שטעטל. ס'רשעות איז געלעגן אויף די פעלדער, שטיבער, שייערן, וואו ס'ליגן טרוקן שטרוי — א פונק און די שרפה זאָל אויסברעכן".

אין יודעאַ האָט געברענט דער באָדן אונטער די פיס, באַזונדער אין די צייטן פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן טראַיאַן און אַדריאַן. אין דער לופטן פון לאַנד האָט זיך אַרומגעטראָגן די ידיעה, אַז ירושלים זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין א היידניש־שער קאָלאָניע א. נ. עליאַ־קאַפּיטאָלינאַ. אויפן אָרט פון חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש — אַ טעמפּל פאַר יופּיטער — „דאָס האָט געבראַכט דעם פּאָליטישן פערמענט פון ווידער־אויפגע־לעבטן זעלאָטיזם, וואָס האָט זיך געשטעלט אין איין ריי מיטן גייסטיקן" (דובנאָוו).

די זעלאָטן האָבן געפונען אין עקיבאַן אַ קוואַל פון אינס־פּיראַציע. צוזאַמען מיט זיי האָט ער געגלויבט אַז די שעה האָט געשלאָגן פאַר דער לעצטער אַנטשיידונג מיט רוים... „יידן קריצן מיט די ציין,ביילן מיט די פויסטן און פאַרקוקן... מען

דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן, יידן זאָלן זיך נישט וואַרפן אויף די געצנדינער"... דער געפיל, אַז ס'איז געקומען די אויסגע־בענקטע שעה, דער חלום פון פּאָליטישער באַפרייאונג האָט עקיבאַן געגעבן פליגל... ער איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט אַלע שיכטן פון פאָלק און געוואוסט, אַז אונטערן אַש פון דער לעצטער שרפה (חורבן בית־שני) טליען לעבעדיקע פונקען, וועלכע זענען דורך אַדריאַנס רשעות פאַנאַנדערגעבלאָזן גע־וואָרן אין א גרויסן פלאַם: — ווען רוים גייט אונדז פאַרלענדן מוז מען זיך פאַרטיידיקן! מוז מען ענטפערן מיט דער שפּראַך, וואָס זי פאַרשטייט — די שווערד! צו דעם צוועק ווערן גע־שמידט שווערדן אין יעדן דאָרף און שטעטל. שליחים פאָרן אַרום איבערן לאַנד און מחוץ־לארץ — צו זאַמלען געלט, כּלי־זיין און אנשי־חייל.

דער גייסטיקער מנהיג (פון יהודה) ווערט דער באַגייס־טערער פון דער אונטערערדישער טעטיקייט ערב דעם אויפ־שטאַנד. דער מחבר פּראָזשעקטירט אים אין פאַרשידענע די־מענסיעס. וואָס פאַר אַן איינדרוק ער מאַכט, ווען ער באַווייזט זיך צווישן עולם, וועלכער דערוואַרט פון אים אָנווייזונגען און פירערשאַפט:

„דער הויכער עטוואָס געבויגענער ר' עקיבא איז אַריין מיט אַזאַ ברייטן גוטן־אַוונט, אַז ס'איז ביי אַלעמען ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן. דאָס צעאַקערטע פּנים, די בראָדעוועקעס, די קלוגע אויגן, די צעבאַרשטע ברעמען, דער געפאַלדעוועטער שטערן ביז אין קאַרק אַריין — אַלץ האָט דערציילט פון יידישע ישובים אין בבל, פּרס און אַלעקסאַנדריע, אין קאַרטאָגע און רוים. אין די קנייטשן און די קישעלעך אונטער די אויגן — אַזוי פיל חכמה, אַזוי פיל טרויער..."

אין ר' עקיבאס אויגן האָט דאָס אַנטקעגנשטעלן זיך רוים אויסגעזען גאַנץ פּשוט: ער האָט בעת זיינע נסיעות זיך צונויפ־געטראָפן מיטן יידישן מענטש נישט בלויז אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין סיריע, מצרים, פּאַרטיע, קאַרטאָגע און רוים: געווען איבערצייגט, אַז דער יידישער יחיד איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר גאָט און פאַרן פאָלק. אויב אין קאַרטאָגע געפינט זיך א בר־כּוכבא, פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין אין אַנדערע ער־טער?...

ר׳ עקיבא האָט געטראַכט וועגן דעם נס־דוד: — „דער קליינער דוד איז מיט א קיזל־שטיין בייגעקומען דעם געפּאַנ־צערטן גלית״. אויך די יידישע פּאַטריאָטישע יוגנט איז געווען דורכגעדרונגען מיט אָט דעם גלויבן, „אַז א ייד, וואָס גלויבט נישט אין קיין נסים איז נישט קיין רעאַליסט...״ אָפּאַטאָשו לייגט די־אָ־ווערטער אַריין אין מויל פון זיינס א העלדין אינעם ראָמאַן — מרים: — „שוין יאָרן ווי מיר גרייטן זיך און מיט רוים וועלן מיר זיך קיינמאָל נישט אויסגלייכן. ווען אָבער האָבן יידן זיך יאָ געקאָנט פאַרגלייכן מיט זייערע שונאים? איז דוד געווען צוגעגרייט צו פאַרמעסטן זיך מיט די פלישתים? ניין, איז יהודה המכבי געווען צוגעגרייט זיך צו פאַרמעסטן מיט די גריכן? ניין, ס׳איז דאָך שטענדיק געווען אַ שפּיל פון אַ קליי־נעם דוד מיט א גרויסן גלית און געוואונען האָט דוד...״

דער מחבר גיט אָבער באַלד צו: „האָט טאָקע דוד שטענ־דיק געוואונען?...

*

אָפּאַטאָשו האָט אויך געפּרואווט בעלעטריסטיש צו גע־שטאַלטיקן די גריזשענדיקע ספקות און דעם סקעפּטיציזם פון „ניכטערן פּאַטריאָטיזם״ ביי פיל פון ר׳ עקיבאס צייט־חברים. ער שילדערט די חכמים ר׳ יהושוע בן חנניא, ר׳ מאיר און אַנ־דערע, וועלכע זענען געווען איבערצייגט, אַז ר׳ עקיבאס דרך פירט צו א נייעם חורבן אין יהודה: „רוים איז די שטאַרקסטע מלוכה אין דער וועלט. ווי קענען מיר אַזאַ קליין לאַנד זיך פאַר־מעסטן מיט איר?... — לוינט צוליב א מדינה אַלץ איינשטעלן אין קאָן?״

אויך ר׳ עקיבאַן טאָטשען אָט די זעלבע ספקות. דער מחבר שילדערט די פּיינצטערע מחשבות אין מאָמענטן, ווען ר׳ עקיבא פלעגט זיין מיט זיך אַליין און זיך קורטשען פון פּיין און יסו־רים... ער האָט געוואַרט אויף א נס. רוים זאָל מילדערן דעם קורס, אָפּשאַפן די גזרות קעגן יידישקייט... אָבער ווען דאָס איז נישט מקוים געוואָרן און ער פלעגט זוכן א באַשייד, אַן אויסוועג פון דער פינצטערניש — האָט אים יוחנן דער שמיד פון כפר־חרובא געוויזן די ליכט:

„אויב פאַר מל זיין ווילן די שונאים אונדז אומברענגען,

איז דאָך אויס מיט יידישקייט" — אָט די ווערטער פונעם פאָלקס־מענטש האָבן אים געשטאַרקט, זיי האָבן פאַרטריבן אַלע נאָגנדע ספקות. ער האָט צוריק באַקומען די איבערצייגונגס־קראַפט אָנצושטעקן דעם עולם מיט זיין פלאַמיקן גלויבן אינעם נצחון איבערן שונא: „ווייסט איר פאַרוואָס שבט יהודה איז דער־הויבן געוואָרן צו מלכות? — האָט ער א זאָג געטאָן צום פאַר־זאַמלטן עולם, ווייל שבט יהודה איז שטענדיק גרייט געווען צו שטאַרבן על קידוש־השם".

„ביי יציאת־מצרים, ווען אַלע שבטים האָבן זיך געישובט צי זיי זאָלן אַריינשפרינגען אין ים אַריין האָט דער שבט יהודה דער ערשטער זיך געוואָרפן אין די כוואַליעס... איצט, אַז מיר שטייען פאַר א מלחמת־מצווה דאַרפן אַלע גיין אין דער מלחמה אַריין..."

זיין חבר ר' מאיר, איז קעגן דער נייער מלחמה: „מען טאָר נישט גיין זיך פאַרמעסטן מיט רוים. און ווידער זוכן גאולה דורך מאָרד און שפיכת־דם? — א הייליק פאָלק טאָר נישט זיין ווי אַלע פעלקער". ער דערמאָנט די אייגענע רציחות און בלוט־פאַרגיסונגען (בעת דעם יידיש־רוימישן קריג) — „מלוכה גייט האַנט ביי האַנט מיט קנאה־שנאה, גנבה און גזלה און צוליב דעם זאָל מען שטעלן אין א טויט־געפאַר דאָס לעבן פון גאַנצן פאָלק ישראל?..."

ברוריה (ר' מאירס פרוי) ווענדט אָפּ די אַרגומענטן: „פונקט ווי אַ קינד גייט מיט ווייען און מיט בלוט און פונדעסט־וועגן איז אַ קינד אַ גרויסע פרייד ביי טאַטע־מאַמע... דעריבער גייט דאָס פאָלק מיט די מכבים, מיט יוחנן גוש־חלב און נישט מיטן פאַררעטער יוסף בן־מתתיהו".

איז טאַקע יאָזעפוס געווען א בוגד? — אָפּאַטאָשו האָט. דוכט זיך מיר, געזוכט א געלעגנהייט, ער זאָל קענען אין דעם ראָמאַן פון יענער תקופה, דורכלופטערן די נישט־פאַרענטפער־טע פראַגע וועגן יאָזעפוסעס ראָל... „וואָלט דען געווען בעסער, פרעגט דער מחבר, ווען ער (יאָזעפוס) וואָלט אומגעקומען אין דער פעסטונג יודפת?"

דער אויטאָר גייט אין זיין ספק פיל ווייטער: „יוחנן גוש־חלב און שמעון בר־גיורא האָבן זיך געלאָזט כאַפּן פון שונא,

געוואָרט ביז מען האָט זיי געקעפּט אין רוים, אין דעם טריאומף־צוג, — איז דאָס נישט קיין בגידה?״...

אָפּאַטאָשו גיט נישט קיין קלאָרן ענטפער. ער מעדיטירט נאָר איבער דער אַלטער שטרייט־פראַגע מיט וועלכער מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אין פּויכטוואַנגערס טרילאָגיע. ער פּרוּווט נאָר פורעמען די מיינונגען פון פאַרשידענע צדדים אַרום דעם־אָ ספינקס.

אין דער שילדערונג פון „פונדקא רטיבתא״ ווערט דער נאָמען פון יאָזעפוסן דורכגעלופטערט פון אַן אַנדער אַספּעקט: דער מחבר ברענגט אַרויס דעם געדאַנק אַז ביים חורבן בית־שני זענען נישט אַלע געגאַנגען אין דער מלחמה אַריין. עס האָט זיך געשלאָגן דאָס פּראָסטע פאָלק, פּויערים, אָבער די רייכע און די חכמים זענען געווען קעגן קריג. דעריבער האָט זיך דאָס פאָלק געשלאָגן נאָר מיט די הענט, אָן א קאָפּ, אָן סטראַטעגן און געשולטע מיליטער־פירער: „מען דאַרף זען, האָט יוסטוס טיבעריוס גערעדט פאַר אַ גרופּע, אַז יעדער אָנפירער זאָל זיין אַן איש־מלחמה, נישט עפּעס א רייך זינדל... א יחסן וואָס דרשנט שיין. אַזאַ איינער איז געווען יוסף בן־מתתיהו, נישט ער אַליין איז געווען אַ זעלנער און נישט ער האָט גע־וואוסט ווי אַזוי אויסצונוצן דעם יידישן זעלנער״. אָפּאַטאָשו האָט אפנים איינגעזען, אַז ער איז נישט בכוח — נאָך פּויכט־וואַנגערס גרויסן ווערק — עפּעס מחדש צו זיין אין דעם היסטאָ־רישן וויכוח...

*

מיט צוויי הויפּט־עלעמענטן פון געשיכטלעך־יידישן מהות האָט זיך אָפּאַטאָשו געראַנגלט אין זיין גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור: דעם עלעמענט פון גייסט און קולטור סימבאָלי־זירט געשיכטלעך אין דעם אינטעלעקטועלן טיפּ פון א יוחנן בן־זכאי; און דעם ערדיש־נאַטוראַליסטישן, סימבאָליזירט גע־שיכטלעך אין יוחנן גוש־חלב.

אין אָנהויב האָט אים געצויגן צו די געזונטע, ערדישע יידן פון זיין מוטערס צד. דערפון זיין „ראָמאַן פון א פערד־גנב״ און אנדערע. ערשט שפּעטער האָט אים גענומען ציען צו דער וועלט פון זיין פאָטער, צו די דורות מקובלים, רבנים און

חסידים — צו דער וועלט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך און פון אָנפאַנג — אַלס פּראָטעסט — זיך געבונטעוועט קעגן איר.

אין זיין קינסטלערישער רייפקייט האָט אָפּאַטאָשו געפּורעמט און באַלויכטן, פאַרקערפּערט און אויסגעטייטשט ביידע עלעמענטן — דעם תלמיד־חכם און עם־הארץ — אַלס צוויי זיך־דערגאַנצנדיקע טיילן פונעם פאָלקס־אָרגאַניזם. דער דיכטער האָט קאָנפראָנטירט ביידע יוחננס און זיי באַהאַפטן האַרמאָניש, ווי גוף און נשמה פונעם פאָלקס־אָרגאַניזם.

אויף דער ליניע האָט אָפּאַטאָשו אַרויסגעהויבן — אין זיינע ר׳ עקיבא און בר־כוכבא־ביכער — וואונדערבאַרע געשטאַלטן פון עמי־הארצים און פאָלקס־מענטשן, אדומים־גרים. עמך־מענטשן, (קזעזר, טאבו און אנד.), אָדער אַזעלכע טיפּן, ווי יחזקן פון דער פונדקא, תנחום עם־הארץ, און אַזאַ האַרעפּאַשנער פּריץ ווי אלוקים.

„אַזאַ אליקום איז אַן אָנשפּאַר. ס׳פּנים, די פּלייצעס, די הענט, דאָס רעדן — דאָס איז אַ פעסטונג... און דעם אליקום רופט מען: „עם־הארץ״. — א זידל־וואָרט האָט מען פון דעם וואָרט געמאַכט!... אַז די יידן האָבן איינגענומען כנען איז דער עם־הארץ געווען דער ייד, וואָס האָט באַאַרבעט די ערד... ווען נישט אָט די עם־הארצים וואָלטן עזרא און נחמיה נישט געהאַט צו וועמען צוריקצוקומען...״

אַזאַ קאַפּיטל ווי תנחום עם־הארץ איז אַן־און־פאַר־זיך אַ קונסט־ווערק. אַלע שיינקייטן פונעם פּשוטן, געזונטן עמך־מענטש איז קאָנצענטרירט — ווי אַן עקסטראַקט — אין דעם בעלעטריסטיש־פּילבלוטיקן קאַפּיטל. ביים לייענען איז מיר געקומען אויפן זכרון, אַז אָפּאַטאָשו האָט אַמאָל געשריבן וועגן פּרצן: „ער האָט געוואָלט צוגענגלעך מאַכן פאַרן עם־הארץ די פאַרגאַנגענהייט, איז ער אַוועק אַהין און דאָרט געבליבן א געפאַנגענער״. דאָס איז אויך געשען מיט אָפּאַטאָשון אין זיין שעפערישן גאַנג.

אין אַ דערציילונג (פון בוך „ווען פוילן איז געפאַלן״) שילדערט אָפּאַטאָשו דעם מלאָווער פאַרשוין קיווקע סיבירניק, וועלכער איז „געבליבן אין מיר אויף תמיד״. אָט דער קיווקע גנב האָט אַזוי התלהבותדיק אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון פּרצעס „דריי מתנות״ אַז שפּעטער, ווען מחנות שגצים

האָבן גענומען שלאָגן יידן אויפן מלאָווער מאַרק, האָט קיווקע מיט אַ דרענגל אָפּגעשלאָגן די גוים ביז ער איז אַליין אַוועק־געפאַלן אין אַ טייך בלוט...

אָפּאַטאָשון גייט נישט אין סתם אידעאַליזאַציע פון פּראָס־טאַק, נאָר פון סובלימירן און אַנטפּלעקן דאָס טיף־מענטשלעכע, וואָס שטראַלט אַרויס פון די־אָ פאָלקס־יידן. אין יעדן איינעם פון זיי שטעקט דאָך אַ ברוך־טייל פון גאַנצן פאָלק. וואָס פאַר אַ דען אַנדער כוח האָט — אָן מלוכהשן צוואַנג — געקענט דיקטירן דעם עם־הארץ צו פאַרלאָזן זיין נחלה אין אַרבעטס־טעג און זיך שלעפּן צו אַ דין־תורה, וואָס בית־דין האָט אים גערופן? — „וואָס פאַר אַ כוח האָט אים געבראַכט אין בית־העם אַריין? — די מאַכט וואָס בית־דין האָט פריער געהאַט האָט ביי אים אַדריאַן שוין לאַנג צוגענומען".

„האָבן די ריכטער אין אַטען געהאַט דעם כוח צו רופן פון ספּאַרטאַ צו אַ משפּט? — ניין. ווייל אַטען און ספּאַרטאַ זענען געבליבן שטעט פאַר זיך, זיי האָבן נישט געהאַט דעם כוח פון אַ פאָלק וואָס עס שטעקט אין יעדן ייד".

דער לייענער פילט בחוש אָפּאַטאָשוס הנאה ווען ער פאַר־ברענגט אין דער סביבה פון די פּראָסטע יידן. ער קוועלט פון זייער גבורה, געשיקטקייט און טיפער פאַרוואָרצלטקייט. ביים דיכטער איז עס אַ שטריך וואָס ריזלט אין זיין בלוט. ביי פאַר־שידענע געלעגנהייטן האָט ער דערציילט ווי עס פלעגט אים ציען אין הויז פון זיין פעטער יוסף פערדהענדלער, וועלכער פלעגט „„שוואַרצן" פערד דורך דער מלאָווער גרענעץ... און ביי אים אין הויז — די פערד־יונגען מיט רויטע, צעשמיסענע פּנימער און ידים „וואָס האָבן געשריבן מיט פאַסיקלעך און רינגעלעך..."

*

דער אויסטראַלישער שרייבער העגרי לאָוסאָן האָט אַ פּרעכטיקע דערציילונג („דעם פּי־טרייבערס ווייב"), אין וועל־כער ער שילדערט דעם טויט־געראַנגל פון מענטש און שלאַנג ערגעץ אין די אויסטראַלישע וויסטענישן. לאָוסאָן האָט געמאָלן אַן אומפאַרגעסלעך־שטימונגספולן בילד וואו ער האָט פאַרפּיק־

סירט די טויט־אַנגסטן פון דער איינזאַמער פרוי, באַמערקנדיק דעם טויטלעכן שונא קוקן אויף איר — פון אַ שפּאַרע — מיט זיינע קליינע שפּאַלטן־אייגעלעך... די דראַמאַטישע באַשרייבונג פון אירע טויט־פּחדים און געראַנגל מיטן שלאַנג — ביז זי האָט אים דערהרגעט — שניידט זיך טיף אַריין אין געמיט פונעם לייענער.

אַפּאַטאָשו האָט דעם מאָטיוו געצייכנט אויפן פּייזאַזש פון ארץ־ישראל. מייסטערהאַפט שילדערט ער די דראַמע פון די עטלעכע יידישע רייטער, ווען זיי האָבן באַמערקט דעם גיפטיקן פּתן־שלאַנג און דאָס געוויין פון זייערע פערד, דערזעענדיק זייער מלאך המוות: —

„דער שלאַנג האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, זיך א צי געטאָן אויף צוויי איילן די הויך און גענומען קוקן מיט די שמאָלע שפּעלטעלעך־אויגן, וואָס נעמען־אָפּ ביי מענטש און ביי חיה הענט און פיס... — — דעם שלאַנגס קעצישע אויגן זענען געוואָרן שמעלער. פון די שפּעלטעלעך האָבן זיך געטראָגן גרינע בלעזלעך נעפּל. דער הינטערשטער קערפּער פון שלאַנג האָט זיך גענומען וויקלען ווי א בייגל... א דין שאַרף צינגל, ווי אַ צעעפנט שערל האָט אַ בלענג געטאָן און איז פאַרשוואונדן, איין מאָל און נאָך אַמאָל, ווי ביי דעם שלאַנג אין פּיסק וואָלטן געווען צענדליקער צינגעלעך, אַלע שאַרף, אַלע גרין, און די שפּעלטעלעך־אויגן שרפהנען, ברענען... דער אַרום — שרעק, מורא, פחד — פרעגט און פרעגט: ווער וועט וועמען בייקו־מען?"...

דאָס בילד שטייגט כסדר דראַמאַטיש און דערגרייכט אַ קולמינאַציע־פּונקט ווען דער מענטש שטייט פּנים אל פּנים מיטן גרויזאַמען שונא, ווען דאָס לעבן בלייבט הענגען אויף אַ האָר... — זרקין האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן דרענגל... מענטש שלאַנג האָבן זיך אָנגעקוקט — א רגע, צוויי, דריי — האָבן זיך פאַרמאָסטן — ווער וועמען?... א פערד האָט אויפגעהויבן די אויערן און זיך צעוויינט, די אַנדערע האָבן געענטפערט. דער שלאַנג איז געווען גרייט זיך צו וואַרפן אויפן שונא. זרקין האָט מיטן בליק אָפּגעמאָסטן דעם שטח... דער שלאַנג האָט נישט אויפגעהערט צו בלעזלען מיטן פּיסק און ס׳קעפּל האָט אין די גרינע בלעזלעך אויסגעזען גרעסער. זרקין האָט זיך

קונציק א דריי געטאָן מיטן לינקן האַלבן גוף — מיטן דרענגל אָפּגעמאָסטן דעם שלאַנג איבערן קאָפּ...

דער מחבר פאַרענדיקט דאָס אימהדיקע בילד, וואָס איז בעלעטריסטיש אָנגעלאָדן מיט טיפער דראַמאַטישער שפּאַנונג, מיט פילאָזאָפישער מעדיטאַציע, שילדערנדיק ווי דער מענטש האָט געקוקט אויפן שלאַנג וואָס איז אָקאָרשט געווען אַזוי קריגעריש און אַט: — „די צוויי איילן שלאַנג זענען געפאַלן אויף די קאַלך־שטיינער מיט אַ צאַפּל. דער שלאַנג האָט גענומען איינלויפן, איז געוואָרן פלאַטשיק, ווי אַ בלאָז ווען די לופט נעמט אַרויסרינען... ער איז געלעגן „ווי אַ בינטל צעריסענע שטריק נאָך אַ שטורעם...”

די שטימונג און געפילן ביי אַ בילד פון אומקום (אַפילו פון אַ שונא) ווערט דורכן מחבר וואַריאירט אין אַ ריי שילדערונגען פון טויט, ווען איין מענטש ברענגט אום א צווייטן: — „יהושען איז נאָכגעגאַנגען דאָס צעקרומטע פנים פון רוימישן זעלנער (וועלכן ער האָט דערהרגעט) דער לעצטער בליק ווען די נשמה געזעגנט זיך מיטן גוף...

אַ גרויסער דור — אַ גרויסע תקופה

אין ר' עקיבאס צייטן איז פאָרגעקומען אַ ראַנדעוואו פון א גרויסן דור מיט אַ גרויסער תקופה. די לופט איז פול געווען מיט זוכענישן און אינערלעכע אויפטרייסלונגען. עס האָט געברויזט מיט דינאַמיש־גייסטיקער ענערגיע פון הלכה און אגדתא — מיט דעם חלום פון אויסלייז און באַפרייאונג.

דאָס פאָלק האָט מיטן בר־כוכבא־אויפשטאַנד פאַרבונדן די לעצטע האָפענונג פון אומאָפּהענגיקייט. מען האָט געזוכט מיטלען אויסצומיידן פעלערן פון פריערדיקן אויפשטאַנד. די זעלאָטן האָבן געגלויבט, אַז טיטוס וואָלט פאַר קיין פאַל נישט איינגענומען מיט זעכציק יאָר צוריק ירושלים, ווען דער יידישער זעלנער וואָלט דאַן געווען מער דיסציפּלינירט, געוואָרט, און געפאָלגט באַפעלן — ווען צו שפּרינגען אין פייער אַריין — ווען מיטן קריג וואָלטן אָנגעפירט אַזעלכע אויסגעשולטע מיליטער־לייט און סטראַטעגן ווי בר־כוכבאָ.

אויך ר' עקיבא — דער גייסטיקער מנהיג הדור — האָט

באמונה שלמה געגלויבט, אַז בר־כוכבא איז אַ שליח פון גאָט. אמת, ער האָט נישט אויסגעזען ווי א ייד פון דער בני־ברק־ישיבה — „קען ער זיין א ייד פון די שופטים־צייטן, ווען עס האָבן געלעבט אַזוינע גבורים ווי שמשון".

די צוגרייטונגען צו דער מלחמה קעגן רוים זענען געווען פלאַנירטע — נעמענדיק אין אַכט די פריערדיקע פעלערן — ווען און ווי אַזוי צו באַפאַלן דעם שונא; עס זאָלן אין דער מלחמה אַנטיילנעמען אַלע, וואָס קענען האַלטן אַ שווערד און אַ שפּיז.

„ווי אַ שטאָט, אַ דאָרף, זענען געשמידט געוואָרן שווערדן, פּיקעס, שפּיזן, געהאמערט פּאַנצערס, שטיינהאַקערס האָבן געהאַקט קיזל־שטיין, עס זענען פאָרגעקומען איבונגען גרייט צו זיין צום מלחמה־רוף".

דער מחבר גיט קרעפטיקע באַשרייבונגען פון דער פּייבערהאַפטער צוגרייטונג צום אויפשטאַנד, פון דעם פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם ביי דער יידישער יוגנט און סקעפּטיציזם ביי די עלטערע און מיושבדיקע... ער לעבט אויף די היסטאָרישע אַטמאָספער — „איך בין געזעסן ביים האָדסאָן־ברעג, האָט אָפּאַטאַשו דערציילט, און געהאַט ס'געפיל, אַז כ'שפּאַציר אין דעם כרם דיבנה מיט ר' עקיבאן אויפן ברעג פון ים הגדול" — דאָס פילט מען אין ראָמאַן.

דער דיכטער האָט זיך פאַרמאָסטן צו געשטאַלטיקן אין „ר' עקיבא" דעם יידישן לעבנס־קוק און וועלט־קוק, דעם צוזאַמענשטויס פון יידנטום מיטן „וואולגאַרן העלעניזם", מיט די ערשטע יידן־קריסטן. איז דאָך אין דער זעלבער תקופה פון די אויסערלעכע מלחמות אויך אָנגעגאַנגען אַן אינערלעכע מלחמה. און נישט בלויז דערפאַר, וואָס אַן דעם פּאָליטישן מלוכה־באַדן האָבן גייסטיקע מלחמות פאַרטראָטן פּאָליטישע...

אויף דער היסטאָרישער אַרענע אין יענער צייט האָבן יידנטום, היידנטום און (אויפשפּראָץ) קריסטנטום געפירט אַ שלאַכט פאַר דער געשטאַלטיקונג פון דער צייט, פאַר געבן זין און אינהאַלט דעם מענטש און וועלט.

„ווען פלאַוויוס האָט אָנגענומען יידישקייט האָט עס געהאַלטן דערביי מיר זאָלן געווינען אַ וועלט" — באַמערקט דער מחבר. וועספּעסיאַנס ייִנגערער זון דאָמאַציוס האָט נישט גע־

האָט קיין קינדער — געשוועסטער־קינד קלעמענס וואָלט נאָך דאָמאַציוסעס טויט געוואָרן אימפּעראַטאָר און מיט אים וואָלט רוים געוואָרן יידיש. און מיט רוים די גאַנצע וועלט. וואָס פֿאַר אַ וועלט־איבערקערעניש דאָס וואָלט געווען! אונדזער תורה און פּלאַטאָנס פֿילאָזאָפֿיע!... ר׳ עקיבא האָט דעמאָלט געדרשנט, אַז גאָט איז אין רוים... „מיר, יידן, האָבן אַ גאַנצע וועלט פֿאַרלוירן...״

אָפּאַטאָשו און פֿויכטוואַנגער (דער לעצטער מער קינסט־לעריש) גיבן אין זייערע היסטאָרישע ראָמאַנען אַ בילד פֿון יענער תקופֿה, ווען דאָס געצנדינערישע, מעכטיקע רוים איז געווען אומרואיק, געזוכט אַ גאָט... די געשיכטע אונדזערע איז געשטאַנען אויפֿן קרייץ־וועג און עס האָט געהאַלטן דערביי מיר זאָלן אַ וועלט געווינען...

די געשיכטע האָט זיך אָבער פֿאַרקערעוועט אויף אַנדערע וועגן, אויף דעם וועג פֿון די „מינים״ — פֿון די יידן־קריסטן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין אַרויסשיקן זייערע אַגיטאַטאָרן און אַפּאָסטאָלן קיין רוים און קליין־אַזיע. אָט דער „צופֿאַל״ האָט דעצידירט וואָס מיר, יידן, האָבן די וועלט נישט גע־וואונען...

אַ טייל פֿון די חכמים האָבן געפֿאָדערט „מיר זאָלן אַרויס־שיקן אונדזערע שליחים אין דער וועלט אַריין מיט גאָטס וואָרט״. אָבער יבנה מיט ר׳ גמליאלן בראש זענען געווען קעגן עפֿענען ברייט די טויערן פֿאַר פֿרעמדע עלעמענטן פֿאַרן פּרייז פֿון פֿאַרוואַסערן דעם יודאַאיזם... אין אַ תקופֿה פֿריער האָט יהודה בן־טבאי געענטפֿערט די צדוקים־פּירער אויף זייערע אַרגומענטן פֿון יודאַאיזם־עקספּאַנסיע: — „זענען די איינוואוי־נער פֿון ירושלים אַזוי שלמותדיק, אַז דאָס איינציקע וואָס אונדז בלייבט איבער איז נאָר מגייר זיין די געצנדינער?... אוודאי דאַרף מען זיך פֿאַרשטאַרקן, האָט ער צוגעגעבן, אָבער אינער־לעך און נישט אויסערלעך״. (מ. שמיר — „מלך בשר ודם״).

נישט אַלע חכמים, אַפֿילו אין יבנה, האָבן מסכים געווען מיט ר׳ גמליאלס צוגאַנג. (אָדער יהודה בן־טבאיס). מיר ווייסן נישט — געשיכטלעך — וויפֿיל פֿון זיי עס האָבן זיך געבונ־טעוועט קעגן זיין נאַציאָנאַליסטישער ליניע. צו אונדז איז דאָך נאָר דערגאַנגען דער בונטאַריש־דערשטיקטער געשריי פֿון

אַלישע בן אבויה, („אחר”), וועלכער איז צוליב זיין אָפּאָזיציע צו יבנה אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם...

פויכטוואַנגער לייגט אַריין אין גמליאלס מויל אָט די ווערטער: — „מיינע אָפּאָנענטן פאַרשפּרייטן וועגן מיר, אַז איך האָב פאַרלאָזן דעם אוניווערסאַליזם פון דער תורה. איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געטאָן! איך ווייס נאָר, אַז אין איצטיקן מאָמענט איז אוממעגלעך דעם אוניווערסאַליזם איבערצוזעצן אין דער פּראַקטיק... עס זענען פאַראַן שטעלן אין דער תורה, וואָס קענען דערפילט ווערן צו יעדער צייט און אַנדערע, וואָס קענען נישט”.

דאָס קלערט אָבער נאָך נישט אויף פאַרוואָס די נאַציאָנאַ־ליסטישע ליניע האָט געפאָדערט אַזאַ שטרענגע דיסציפּלין לגבי די אַנדערש־דענקענדיקע חכמים. עס לייגט זיך אויפן שכל דובנאָווס באַמערקונג, אַז גמליאל האָט געהאַלטן: „די גאַנצע נאַציע געפינט זיך נאָכן חורבן אין אַ קריגס־צושטאַנד פון דויערנדן זעלבסט־שוץ”. די נויטן פון נאַציאָנאַלן קיום האָבן געפאָדערט פון יעדן ייד זיך אונטערצוואַרפן די נאַציאָנאַל־גייסטיקע באַגרענעצונגען פון קריגס־צייט. דאָס לערנען אָדער פאַרשפּרייטן העלעניסטישע אידייען („חכמת יוונית”) איז באַ־טראַכט געוואָרן פאַר שעדלעך אין יענער אומרואיקער צייט. דעריבער די אחר־געשיכטע...

פויכטוואַנגער גיט — בעלעטריסטיש — אַ גלענצנדע צייכענונג פון אָט דעם בונטאַר און יבנה־אָפּאָנענט. ער שילדערט אים אַלס זון פון אַ רייכער פאַמיליע פון דער אַלטער כהנישער אַריסטאָקראַטיע. זיין גאונות יונגערהייט האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע רבייאים אין ישיבה. אָבער ער איז נישט געווען צופרידן מיט זייער באַגרענעצטקייט און איז דערי־בער אַוועק קיין לוד, וואָס איז געוואָרן אַ צענטער און אַ זאַמל־פּונקט פאַר די, וואָס האָבן געפלירטעוועט מיטן העלעניזם און קריסטלעכער לערע.

אחר (פויכטוואַנגער רופט אים ינאי) האָט געשטרעבט צו באַהעפטן די שיינקייט פון דער גריכישער קולטור און אירע פילאָזאָפישע אידייען מיט דער לערע פון די „מינים” און ביידע — מיט דער תורה.

יבנה האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ דיסציפּלינאַרער אויס־

פאַרשונג. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען. גמליאל האָט אים דאַן אויסגעשטראָכן פון די חכמים און באַטיטלט אים אַלס אחר (און... חרם.).

פויכטוואַנגער באַנוצט זיך מיט פּסיכאָאַנאַליז און פיל פּסי־כאָלאָגירונגען אין זיין געשטאַלטיקונג פון אחרן. ער לעבט אויף די גאַנצע היסטאָרישע אַטמאָספער אין דער גרויסער מחלוקה צווישן יבנה און לוד (אין אין יבנה גופא). ווי אַ קינסטלער באַ־מיט ער זיך צו זיין נייטראַל צו ביידע צדדים. ער פורעמט בע־לעטריסטיש אויס די אחר־שיטה וואָס האָט געוואָלט אַריינברענ־גען אין די געצעלטן פון ישראל די שיינקייט פון יפת. די ליניע פון פילון אַלעקסאַנדריע, — אָרגאַניש צוזאַמענשליסן העלעניזם מיט תורה־יידישקייט און דעם קאַמף פאַר טאָלעראַנץ (פון אָפּאָ־זיציאָנעלע מיינונגען).

— יידן האָבן קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן איינהייטלעכע גייסטיק־קולטורעלע מאַסע, האָט געטענהט אלישע בן אבויה. מיינונגס־פאַרשידנהייטן האָבן לאַנגע דורות אָנגע־האַלטן אינעם יידישן לעבן. (בית־הלל און בית־שמאי, צדוקים און פרושים, עסייער און אַנד.). פאַרשידענע שיטות און מיינונגען — פון יחידים און פאַרטייען — האָבן באַפרוכפּערט דעם יידישן גייסט — זאָל דאָס איצט דערקלערט ווערן פאַר אומלעגאַל און פאַרברעכן?... — די אָפּאָזיציע האָט בעסער געוואָלט א פרייען גלות, ווי אויפגעבן איר פרייען געדאַנק און זעלבשטענדיקע מיינונג.

יבנה מיט גמליאלן האָבן געזען פאַר זיך איין הויפּט־ציל: אַנטקעגנשטעלן זיך אַלץ, וואָס קען דערפירן דאָס יידישע פאָלק צו אַסימילאַציע, צום אויסמישן זיך מיט די אַרומיקע פעלקער. קאָסמאָפּאָליטיזם און העלעניזם איז באַטראַכט געוואָרן פאַר נאַ־ציאָנאַל־שעדלעך — אין יענעם קריטישן מאָמענט — פאַר נאַ־ציאָנאַלן פאַרראַט! — דעריבער דער פאַרביסענער קאַמף קעגן אחרן און זיינע חברים.

פויכטוואַנגער גיט אַ פאַרביקע באַשרייבונג פון די „מינים" און זייערע פירער „בעלי־מופתים" (יעקב און אַנדערע). דאָס פאַרשטעלן יעזוסן אַלס גאָט־מענטש האָט אַפּעלירט צו די הייד־נישע השגות. דאָס „באַווייזן" מופתים האָט צוגעצויגן די מאַסע צו זייער סעקטע. דאָס אַלץ צוזאַמען מיטן אָפּוואַרפן די שטרענגע

נאַציאָנאַלע דיסציפּלין פון יודאַאיזם — האָט שטאַרק צוגעהאָלפן צום דערפאָלג פון דער קריסטלעכער פּראָפּאַגאַנדע אין דער היידנישער וועלט. אָבער אחר גופא איז אין פויכטוואַנגערס געשטאַלטיקונג פאַרבליבן איינער פון די תנאים — אויך מיטן אויסזען אויסערלעך — ווי איינער פון די חכמים.

אָפּאַטאָשו האָט זיך אויך געראַנגלט צו פורעמען די אחר־פּערזענלעכקייט מיט אַלע אירע סתירות, זוכענישן און לעבנס־ריטם. אלישע־אחר איז ביי אים אַ וואַנדערנדיקער פילאָזאָף, וואָס פאַרט אַרום פון שטאָט צו שטאָט מיט דרשות, האַלט וויכוחים... מיט פרושים רעדט ער ווי א צדוקי, און צווישן געצנדינער פּראָפּאַגירט ער יידישע אידעאַלן, אויפוויזנדיק זיי, אַז די אמתע חכמה געפינט מען נאָר ביי די יידישע נביאים...

„איז ער געווען אַ מין? ווען יאָ וואָלט מאיר פאַרבליבן זיין תלמיד?...״ זיין אויסזען איז אָבער נישט פון קיין ייד: „אַ שאַרף פאַרשפּיצט פּנים, אַן באָרד, אָן וואָנסן, האָבן דערמאָנט אַן עלטערן רוימישן אַקטיאָר״.

להיפוך צו פויכטוואַנגערן, וועלכער האָט געגעבן אַ טיפע אויסמעסטונג אין פאַרשידענע דימענסיעס פון זיין אחר־פּאָרטרעט, איז ער ביי אָפּאַטאָשון געצייכנט אין אַ פּאָר שטריכן — פּראָפיל־מעסיק אָן אַ געהעריקן היסטאָרישן הינטערגרונט. אויך די סעקטע יידן־קריסטן איז ביי אים פראַגמענטאַריש. ער באַשרייבט אַ פּאָר עפּיזאָדן, אייניקע צוזאַמענטרעפן מיט „מינים״ און איבערפלעכלעכע וויכוחים מיט זיי צי משיח איז שוין געקומען: — „ישו איז שוין דערפאַר נישט אונדזער משיח, ווייל ער האָט אונדז נישט אויסגעלייזט פון שונא. א משיח וואָס איז קיין גואל נישט איז קיין משיח נישט״.

אָפּאַטאָשו האָט אינעם ראָמאַן, אַזוי פאַרבייגייענדיק, פאַרטשעפּעט דעם היסטאָרישן דועל צווישן יידנטום און קריסטנטום: — „אָן אמת און אָן צדק איז גלויבן קיין גלויבן נישט און ליבע קיין ליבע נישט. אין דער קריסטלעכער איבערגעטריבענער ליבע ליגט א סך רשעות״... דאָס לעצטע ווייסן מיר — שוין צו גוט! — אויפן סמך פון אונדזער מאַרטיראָלאָגישער דערפאַרונג מיט דער „קריסטלעכער ליבע״ אין משך פון די צוויי טויזנט יאָר... אָבער אָפּאַטאָשו שילדערט דאָך די „מינים״ — די ערשטע יידן־קריסטן. און צו יענער צייט איז נאָך נישט גע־

ווען אונדזער דערפאַרונג... דער שרייבער איז פאַראויסגעלאָפן זיין געשיכטלעכן עקיבא־פּעריאָד...

צאַפּלדיקע אַקטועלקייט...

אַפּאַטאָשו האָט אין זיין היסטאָרישן ראָמאַן פאַרקערפּערט פיל פון אונדזערע צייט־פראַגן. ער האָט אויפן פאָן פון יענער תקופה געצייכנט היינטצייטיקע שאלות ותשובות פונעם יידישן לעבן.

אונטערן קעפּל: „וואָס איז וויכטיקער: מתן־תורה צי יציאת־מצרים" — באַהאַנדלט ער דעם פּראָבלעם פון ישראל און די תפוצות, פאָלק און מדינה.

— פאַר מיר, זאָגט ר' עקיבא, איז מתן־תורה א סך העכער, ווי יציאת מצרים. וואָס וואָלטן מיר געווען אָן מתן־תורה? נאָך א מואבי? נאָך אַן עמוני?... ביזן ערשטן חורבן זענען מיר טאַקע געווען פאַרזונקען אין געצנדינערײַ. נישט צוגעהערט זיך צו די נביאים נאָר צו בעל, וואָס איז געווען דער גאָט פון לאַנד. ערשט אין גלות, אין בבל זענען מיר געוואָרן גאָטס פאָלק וואָס טראָגט אין זיך גאָט און זיין תורה... מיר זענען היינט א וועלט־פאָלק — און מיר זענען דאָס שוין געווען ביים צווייטן חורבן — אָט די צעוואָרפנקייט האָט אונדז געראַטעוועט. אָבער וועלט־פעלקער זענען אויך אונטערגעגאַנגען. דעריבער ליגט אונדזער כוח נישט אין סתם וועלט־פאָלק נאָר אין גאָטס פאָלק... — — - -

„עקיבא איז אָבער אַ יחיד און אַז ס'פאָלק וויל אַ יציאת־אדום בין איך מיטן פאָלק. אַז דאָס וועלט־פאָלק איז אונטער־דריקט... אין אַזאַ סכנה דאַרף מען נישט פרעגן וואָס עס איז וויכטיקער מתן־תורה צי יציאת־מצרים? ביידע זענען וויכטיק! און אַז דאָס לאַנד שטייט אין קאַן דאַרף מען ראַטעווען דאָס לאַנד..."

דער מחבר האָט דאָ אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער ברייט — נישט אַזוי בעלעטריסטיש ווי פּובליציסטיש — מדינת־ישראל און תפוצות, וואָס פאַרנעמען היינט־צו־טאָג א צענטראַלן אָרט אין דעם נאָך־מלחמהדיקן יידישן לעבן. ווען מען האָט אים געפרעגט אַמאָל וועגן זיין באַציאונג צו ארץ־ישראל, האָט ער געענטפערט: „איך לעב שוין אין א״י דריי טויזנט יאָר". אָבער

פונקט ווי אויף זיין ליניע איז אָנגעצייכנט צו פּאַראַייניקןביידע קאָנצעפּציעס — פון יוחנן בן זכאי און יוחנן גוש חלב — אַזוי איז אויך זיין קאָנצעפּציע פון מדינה און תפוצות: „ביידע זענען וויכטיק!"

אויף ווי וויט אַפּאַטאָשו האָט אַריינגענומען אין זיין ווערק היינטצייטיקע אַקטועלע פראַגן קען אילוסטרירט ווערן אַפילו דורך דעם „יורדים"־פּראָבלעם: „יחזק קלאָגט זיך אויף דעם, וואָס דער יונגער דור רייסט זיך אין די געצנדינערישע שטעט"... אויף אַן אַנדער אָרט באַמערקט ער, אַז די יריחוער יוגנט צע־פליט זיך קיין חוץ־לארץ... „פאַרוואָס איז אלימלך מיט זיינע זין געשטראָפט געוואָרן? ווייל, ווען מען האָט זיי געדאַרפט אין ארץ־ישראל זענען זיי אַוועק אין חוץ־לארץ... מען דאַרף מעשים און נישט קיין רייד..."

און אויך וועגן דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע: — „אין די רייכע הייזער שטופּט גריכיש אַרויס אַראַמעאיש. מען דאַוונט אויף גריכיש.. מען נעמט אָן גריכישע נעמען: פון לוי — לוליאַנוס, פנחס — פּאַפּיאַס... אין יהודה איז שוין באַלד גע־וואָרן א חרפה צו האָבן אַ יידישן נאָמען"...

אַפּאַטאָשו האָט געגעבן אייניקע פּראָפיל־פּאָרטרעטן פונעם אַסימילירטן טיפּ און א ריי צייכענונגען פון דער נאַציאָנאַלער יידישער אינטעליגענץ אין דער ר׳ עקיבא־עפּאָכע.

פּאַפּיאַס, מרים, יהושע — מאַסקעס פון א נאַציאָנאַל־באַ־וואוסטזיניקער יידישער יוגנט. זיי זענען מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן דער פרושים־פּאַרטיי, אָבער זיי זענען אויך וועלטלעך, באַזוכן טעאַטער. זייענדיק אויסגעבונדן מיט דער תורה־לערע, קענען זיי אָבער אויך די גריכישע דראַמע און זענען שטאָלץ, אַז אונדזער „איוב־דראַמע קען זיך פאַרגלייכן מיט די טיפסטע פון די גריכישע דראַמעס און קיין שיר־השירים און תהילים האָבן די גריכן נישט געשאַפן..."

דער מחבר שילדערט זייער יידיש־מענטשלעכע ווירדע ביים אַראָפּרייסן אַן אַנטיסעמיטישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין קסריה. ער ברענגט אַרויס אַ דיסקוסיע צווישן די נאַציאָנאַלע און אַסימילירטע יידישע אינטעליגענטן מיט באַקאַנטע אַרגו־מענטן (פון די לעצטע), אַז מיר שטעלן אויף אַ וואַנט צווישן יידן און נישט־יידן אנשטאַט זיך אויסצומישן מיט זיי... דער

מחבר האָט געפּרואווט אַן אַלט־נײַעם פּראָבלעם (אַסימילאַציע) שילדערן אויפן פּאַן פון אַן אַלטערטימלעכער תקופה, אָבער די העלדן זענען קינסטלעריש אַנעמיש. נישט מיר זעען זײ אין בלוט און פלײש, נישט מיר פילן זײער פּולס, און בעת זײערע דיאַלאָגן, דוכט זיך, אַז נישט זײ, נאָר דער מחבר רעדט... „פּאַ־פּיאָסעס רעדן און זײן האַלטן זיך איז געווען עפּעס נישט יידי־שעס". מיר, די לײענער, דאַרפן גלויבן דעם מחבר אויפן וואָרט, ווײל אַליין זעען מיר עס נישט...

אָפּאַטאָשו אַלײן האָט דערצײלט מיט וואָס פאַר אַן אומ־געהויערע שוועריקײטן ער האָט זיך געראַנגלט בײם פורעמען דעם ראָמאַן, ווען ער האָט געמוזט פון שטיקלעך און ברעקלעך רעסטאַווירן אַ תקופה. אָבער דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט יאָ צונויפגעקליבן (אָדער גענומען פון זײן שעפערישער פאַנ־טאַזיע), האָט ער בעלעטריסטיש נישט תמיד געקענט באַלעבן און דעריבער זענען פאַראַן מאָמענטן, ווען מען זעט אין בוך אַבסטראַקציעס און נישט קײן לעבעדיקע געשטאַלטן. אָבער מען דאַרף עס נישט פאַראַלגעמײנערן אויפן גאַנצן ווערק.

איך האָב אין דער אָפּהאַנדלונג אָנגעוויזן אויף אַ גאַלעריע פול־בלוטיקע טיפּן פונעם ראָמאַן און לויט מײן מײנונג געהער דער הויפּט־העלד (ר' עקיבא) צו די געלונגענע פּאָרטרעטן:

— „אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צום פײגנבוים, וואו ר' עקיבא איז געזעסן און גערעדט. אין מיטן רעדן האָט ער זיך גענומען הויבן, געוואָרן העכער און העכער און אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט איז ער מיט אַ קאָפּ העכער געוואָרן פון גאַנצן עולם. ס'ווײסע קאַפּעלע האָט זיך אַ רוק געטאָן איבערן גאָלן קאָפּ. דער של־ראש, דער טלית, די באָרד, וואָס האָט דער־גרײכט ביזן גאַרטל..."

אָט דורך אַזעלכע פּענדזל־שטריכן וואַקסט שטופּנוויַיז אויס דער פולער פּאָרטרעט פון דעם פול־מיט־לעבן, (מיט תורה און חכמה) הדרת־פּנימדיקן גרויסן ייד, וואָס מיר קענען פון דער פּוילישער יידישקײט... פאַר מײנע אויגן שטײען נאָך אָט יענע יידן, וועלכע פלעגן אין מיטן פון זײערע פלאַטערדיקע תורה־רײד זיך הויבן העכער און העכער, פלעגן אַלײן ווערן מיט־געריסן פון אינערלעכן פלאַם און אויך מיטרײסן דעם אַרומיקן עולם.

דער מחבר האָט זיין הויפּט־העלד באַלויכטן מיט אַ שטאַרק ליכט און אים געוויזן אין עטלעכע דימענסיעס: פון דער תלמודישער הויך — דער גרויסער יידישער תלמיד־חכם; דער אוהב לבריות, וואָס האָט אָנגעזאַמלט אין האַרצן אַזוי פיל אוצרות פון גלויבן אין ייד און מענטש, אַז אין מאָמענטן פון צווייפל, האָט ער געקאָנט אַרויסכישופן אַזוי פיל בטחון און אויסדויער, האַרציקייט און אהבת־ישראל...

עקיבא איז אויך אַ טאַטע פון אַ קינד (צפורה) און ער וויל זיין טאָכטער זאָל אויסנעמען ביי מחותנים. ערגעץ־וואו אינעם ראָמאַן, ווען צפורה קלויבט זיך באַזוכן איר חתנס עלטערן, געפעלט עפּעס נישט דעם טאַטן די קלייד, אין וועלכער זי האָט זיך אויסגעפּוצט: „גיי, טאָכטער, טו זיך אָן ס'בלויע, ס'פּאַסט דיר בעסער".

איך וואָלט געקענט אַרויסהויבן צענדליקער שטעלן, אין וועלכע דער מחבר האָט שטריך ביי שטריך אַראָפּגעכאַפּט דאָס פולע און גאַנצע פון עקיבאס בעלעטריסטישן פּאָרטרעט. ער איז אַמבעסטן באַלויכטן (פון אינעווייניק) אינעם ווערק, אַפילו דאָרט, וואו מיר זעען אים נישט אַזוי דייטלעך...

*

ביי אַפּאַטאַשון און ביי פויכטוואַנגערן איז די בר־כוכבא־עפּאָכע געמאָלן אין אַ גרויסן פאַרנעם: אידייען, באַוועגונגען, סעקטעס, („מינים", איסייער) געשטאַלטן און שלאַכטן, זענען אַריינגעוועבט געוואָרן אין דער קאַנווע פון געשיכטלעכן שטאָף.ביידע קינסטלער — איינער מיט מער דערפאַלג, אַ צווייטער מיט ווייניקער — האָבן געשאַפן אַ גאַנצע וועלט און איר באַפעלקערט מיט היסטאָריש־רעאַלע און אויסגעפאַנטאַזירטע פיגורן. זיי האָבן געשטאַלטיקט דעם ראָמאַנטיקער־טיפּ און דעם רעאַליסט, דעם גלויביקן און דעם סקעפּטיקער, דעם צדיק און דעם זינדיקן — און אָפט טאַקע ביידע אין דער זעלבער פּערזאָן... ווי האָט זיך אויסגעדריקט פילון פון אַלעקסאַנדריע: „אין יעדן פון אונדז גייען נאָך צווויי פרויען, די צנועה און די אשת־זנונים..."

ביידע קינסטלער האָבן אָפּגעשפּיגלט זייערע העלדן מיט זייער ליכט און שאָטן, געוויזן אונדז טיפן, וועלכע לעבן לייכט און ראַטעווען זיך מיט לייכטע פּאַסיעס, וואָס זעען אויס ווי

געצעלטן איבערצוגעצטיקן א נאַכט... און אַנדערע, וואָס פאַר־קערפערן מענטשלעכע ווולקאַנען — יעדע מינוט קען זיין אַן אויפרייס...

*

ווען בר־כוכבא גייט קרייציקן די געפאַנגענע רוימער פרעגט אים יהושע מיט צאָרן: „מיר יידן?" און בר־כוכבא ענטפערט אים — יידישלעך — מיט אַ פראַגע: „אָבער אונדז יידן קרייציקט מען?" — דורך געציילטע ווערטער האָט אָפּאַטאָשו אַרויסגע־רופן אַסאָציאַציעס וועגן יידישן געוויסן אין אונדזערע טעג (אין ליכט פון אַ ריי באַקאַנטע געשעענישן...).

בר־כוכבאס נישט־יידישע דרכים, און זיין דיקטאַטאָריש־קייט אין לעצטן פעריאָד פון אויפשטאַנד, האָט עקיבאַן נישט געגעבן קיין רו. ער ראַנגלט זיך מיט זיינע ספקות צי ער מוז אַרויסטרעטן קעגן בר־כוכבאַן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, ווייל: — „קען מען בויען אַ קיום פון אַ פאָלק אויף פאַלשקייט און קאַפּריזן פון אַ יחיד?..." ווידער קעגנשטעלן זיך בר־כוכבאן — ווען מיר האָבן צוויי מלחמות — די אויסערלעכע מיט רוים און אַן אינערלעכע — וואו ייד וועט שלאָגן ייד, ווי ביים חורבן בית־שני..." די היסטאָרישע אַקסעסואַרן זענען דאָ נאָר אַ לבוש פאַר צאַפּלדיקע אַקטועלע שטרייט־פראַגן, וואָס גייען נישט אַראָפּ סיי פון יידישן, ווי פון אַלגעמיינעם סדר־היום...

*

דער „לעצטער קריג" איז פאַרשפּילט געוואָרן... רוים האָט דורכגעפירט א נייעם חורבן מיט פאַרפאָלגונגען און גזירות, וואָס האָבן דערפירט צום רעליגיעזן מאַרטירערטום פערזאָני־פיצירט אין דער באַקאַנטער ימים־נוראימדיקער תפילה עשרה הרוגי מלכות.

אָבער חורבן איז ביי יידן נישט אונטערגאַנג: „חורבן — האָט ר' עקיבא געזאָגט — איז בלויז א סימן אַז די גאולה איז נאָענט..."

מיט טיפע פלאַמיקע שורות פאַרענדיקט אַפּאַטאָשו זיין „בר־כוכבא"־ווערק: „אונדזער משיח איז נישט טויט... און אַז אַ משיח, א בר־כוכבא פאַלט דורך, שטייט אויף א נייער משיח,

אַ נייער בר־כּוכבא... און די משיחים געפינען זיך — — — זייט הונדערטער יאָרן און זיי וועלן זיך ווייטער געפינען...״

דער דיכטער האָט מיט אַלע פיבּערן פון זיין נשמה טיף געגלויבט אַז „ווען אַפילו דער פלאַם־פייער האַלט זין' ביים לעשן איז תמיד דאָ אַ משה אין מצרים, אַן עזראַ אין בבל און פרס און אַ ר' עקיבא... מיר האָבן דאָך שוין נישט איינמאָל געזען, אַז תמיד ווען עס האַלט ביי יציאת־נשמה, ביי גסיסה, ווי עס האָט געהאַלטן ביי אַנטיאָכעס עפיפאַנעס, האָט אין ערגעץ אין אַן עק, אין א פאַרוואָרפן שטעטל, מודיעין, זיך אָנגעצונדן אַ פלעמל און פון פלעמל איז געוואָרן אַ פלאַם וואָס האָט אַרומ־געכאַפּט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און עס צוריק מחיה־מתים געווען״.

עס איז גוט צו הערן פון אַ יידישן שרייבער אין דער היינ־טיקער צייט אָט די טיף־גלויביקע ווערטער. מיר קוקן אַרויף צו די יידישע קינסטלער, צו דער יידישער ליטעראַטור, אַז פון דאָרט זאָל קומען דאָס וואָרט, וואָס זאָל שטאַרקן אונדזער לעבן — אונדזער יידיש לעבן. דאָס וואָרט וואָס זאָל פאַרוואַרפן בריקן איבער די תהומים אונטער אונדזערע פיס...

אָפּאַטאָשו גלויבט אין דעם וואונדער פון אונדזער גע־שיכטלעכן המשך: אַז זיין א ייד — א יידישער שרייבער בפרט — מיינט לעבן מיט די יאָר־טויזנטער פאַר אונדז; מיינט אָפּשאַפן די ווענט וואָס טיילן אָפּ דורות און תקופות. אין זיין היסטאָ־רישן ראָמאַן (און אין פויכטוואַנגערס) האָבן מיר דערזען נאָך נישט פאַרווישט די טריט איבער די יודעאַ־בערג און סטעזשקעס פון ר'עקיבאַן און זיינע מיטצייטלער. דער קינסטלער האָט זיי בעלעטריסטיש סטיליזירט אַלס אונדזערע מיטצייטלער, און זייערע פּראָבלעמען און געראַנגלען — אין היינטצייטיקע, צאַפּל־דיק־אַקטועלע...

דער ניגון פון דער יידישער געשיכטע

(שמעון דובנאָוו — זיין לעבן און שאַפן)

ביים אַריינגאנג אין איינעם פון די בריסעלער היסטאָרישע מוזעאומס געפינט זיך אַזאַ אויפשריפט:

„דערקען די געשיכטע פון דיין פאָלק,
וועסט עס ליב האָבן און שטאָלצירן".

דער קריזיס אין דער יידישער געשיכטע

אין ניינצנטן יאָרהונדערט איז די יידישע געשיכטע אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר איינעם פון אירע גרעסטע נסיונות.

דער נסיון איז געקומען דורך דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע. אָבער די שטויס־קראַפט (פונעם גרויסן גייסטיקן קריזיס) איז געקומען פון דער אינטעלעקטועלער רעוואָלוציע אין אַכצנטן יאָרהונדערט, די א. ג. אויפקלערונגס־עפּאָכע.

די גרויסע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון קאָפּערניק, גאַליליי, ניוטאָן און אַנד. האָבן אַרויסגערופן נייע שיטות פון פילאָזאָפישן ראַציאָנאַליזם און פּאָזיטיוויזם.

די פראַנצויזישע ראַציאָנאַליסטן און פריידענקער, וועלכע האָבן אַזוי פיל בייגעשטייערט ביים צעשטערן די פעסטונג פון מיטלאַלטער, זענען אַוועק אַזוי עקסטרעם אין עקזאַלטירן דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, אַז אַלץ וואָס איז ראַציאָנעל נישט באַגרינדעט געוואָרן, איז אָפּגעזאָגט געוואָרן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט... עס האָט באַדייט, אַז דער מענטש, וואָס האָט באַוויזן צו מאַכן אַזעלכע גרויסע אַנטדעקונגען און דערגרייכונגען מיטן כוח פון פאַרשטאַנד, וועט זיך וואָס ווייטער אין דער צוקונפט,

אַלץ מער פאַרפולקאָמען און וועט פאַרווירקלעכן מלכות־שמים אויף דער ערד.

דער אַבסאָלוטער שכל איז געקרוינט געוואָרן אַלס הויפּט־הערשער און אנערקענטער באַפעל־געבער. אונטער זיין דיק־טאַט האָט זיך אָנגעהויבן אַ גענעראַל־אַטאַקע אויף דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער וועלט־באַנעמונג. אויך די טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע וועלט־אַנשויאונג איז געשטורעמט געוואָרן דורכן ראַציאָנאַליזם און פּאָזיטיוויזם.

ווי אַ פריליגס־טייך ברעכט אויף די ווינטערדיקע אייז־קלאַמערן און פאַרגיסט דעם גאַנצן אַרום, מיטרייסנדיק לעבע־דיקע שטיקער, אַזוי האָט אויך דער באַפרייטער פאַרשטאַנד, וועלכער האָט אויפגעבראָכן די דאָגמאַטיש־קירכלעכע צוואַנגען, געריסן לעבעדיקע שטיקער פון דער רעליגיעזער לערע און טראַדיציע, דערקלערנדיק — מיט שטאָלץ און זעלבסטזיכערקייט — אַז אין דער עפּאָכע פון אויפקלערונג איז מער נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר מעטאַפיזיק, פאַר דעם גלויבן אין איבערנאַטירלעכ־קייט אינעם אוניווערס.

די פאַרשטייער פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע — האָלבאַך, דידעראָ, האָבס און אַנדערע האָבן אָנגעהויבן פאַרליי־קענען די עצם־עקזיסטענץ פון רבונו־של־עולם. אָבער זייער שיטה ציט דאָך נישט צו קיין סך אָנהענגער. דאַקעגן נעמט שטאַרק־אָן — אין די אויפגעקלערטע קרייזן — די נייע פילאָ־זאָפישע שיטה פון דעאיזם, וואָס אנערקענט גאָט, אָבער האַלט, אַז זינט ער האָט באַשאַפן די וועלט — און איר געגעבן די נאַ־טור־געזעצן — מישט ער זיך נישט מער צו איר... דאָס מיינט:

ווי אַ זייגער־מעכאַניזם וואָס באַוועגט זיך דורך די אָנגע־צויגענע ספּרוזשינעס, אַזוי האָט דער רבונו־של־עולם אָנגעצויגן דעם אוניווערס צו באַוועגן זיך לויט (גאָטס) געשאַפענע נאַטור־געזעצן. און פון יענעם גראַנדיעזן טאָג אינעם בראשית פונק־ציאָנירט דער אוניווערס לויט די אייזערנע געזעצן אָן דעם אוי־בערשטנס השגחה...

קלאָר, אַז די מאַטעריאַליסטישע און דעאיסטישע פילאָ־זאָפיע האָט אונטערגעלייגט דינאַמיט אונטער דעם רעליגיעזן בנין... די דעאיסטן מיט וואָלטערן בראש האָבן אין זייערע ווערק אַרויסגעבראַכט נישט נאָר דעם פּראָטעסט פונעם באַפרייטן

פאַרשטאַנד, נאָר אויך פון באַפרייטן מאָראַלישן געפיל — א פּראָטעסט און רעוואָלט קעגן די מעשים תעתועים פון דער קירכע, וועלכע האָט אין נאָמען פון רעליגיע אַדורכגעפירט די שוידערלעכסטע רדיפות (און שחיטות) קעגן אַנדערש־דענקענדיקע... עס איז געווען אַ סטיכישער רעוואָלט קעגן די גייסט־לעכע — און יעזואיטן בפרט — מיט זייער היפּאָקריזיע און מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט אין די קירכע־קעלערן...

בכלל האָבן די דעאיסטן באַטראַכט די גייסטלעכע פאַר אָפּ־נאַרער, די רעליגיעזע צערעמאָניעס און ריטואַל — פאַר טעאַ־טער־שפּילן, וואָס איז אפשר נויטיק פאַר די נידעריקע, פּראָסטע מאַסן, אָבער נישט פאַר די אויפגעקלערטע — פאַר די אינטע־לעקטועלע אַריסטאָקראַטן.

דער עקסטרעמער ראַציאָנאַליזם — פאַרשיכורט פון די נצחונות אין דער נאַטור־וויסנשאַפט — האָט פאַרמאָגט דאַן אַן עקזאַלטירטן גלויבן אין מענטשנס פּראָגרעס, אין דער פּאָ־טענציעלער פּערפעקציע פון דער מענטשהייט און פון גאַנצן קאָסמאָס. די באַגריפן: מענטשהייט, קאָסמאָס האָבן באַקומען א טיפערן זין און אינהאַלט.

פון קאָסמאָס — דער באַגריף קאָסמאָפּאָליטן, וועלט־בירגער — די נייע לוחות פון ראַציאָנאַליסטישן וואָלטער, ווי פונעם ראָמאַנטיקער זשאַן זשאַק רוססאָ:

„מיר זענען נישט מער פראַנצויזן, ענגלענדער אָדער פּרייסן, מיר זענען בירגער פון דער וועלט; מיר געהערן נישט מער צו איין נאַציע, נאָר צו דער גאַנצער וועלט" — איז אויפ־געקריצט געוואָרן אויף די נייע לוחות פון דער קאָסמאָפּאָלי־טישער שיטה. און די דאָזיקע אידעאָלאָגיע, וואָס נעגירט פּאָל־קישקייט — דער וויכטיקסטער רינג, וואָס פאַרבינדט דעם מענטש מיט דער מענטשהייט — האָט פאַרכאַפּט די געבילדעטע און אינטעלעקטועלע פון מערב־אייראָפּע, און פון דאָרט האָט עס זיך איבערגעטראָגן קיין עסטרייך, פּרייסן און ממש פאַר־כישופט די אָקאָרשט עמאַנציפּירטע יידישע אינטעליגענץ.

ווען איינער זיצט יאָרן לאַנג אין אַ טונקעלן צימער און קומט נאָכדעם אַרויס אויף דער מיט זון באַגאָסענער גאַס — פאַרדרייט זיך אים ממש דער קאָפּ צוליבן עקסטרעמען טויש... דאָס האָבן טאַקע איבערגעלעבט די עמאַנציפּירטע יידן, וואָס

האָבן פאַרלאָזן די טונקעלע געטאָ־מויערן, באַקומען פרייהייט, בירגערלעכע רעכט, אַ צוטריט צו דער אייראָפּעאישער קולטור — טאָ מיט וואָס באַצאָלן פאַר די אַלע גוטע זאַכן, אויב נישט מיטן אַדאָפּטירן די נייע קולטור, וואָס האָט זיך גערופן מיט אַזאַ שיינעם נאָמען — אַלמענטשלעכע?...

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער טראַגישער טעות און בלאָנ־דזשעניש פון דער יידישער אַסימילאַציע. ווען דער פּרייס, למשל, האָט זיך דערוואָרבן אייראָפּעאישע בילדונג האָט ער זיך דערפאַר נישט אָפּגעזאָגט פון זיין נאַציאָנאַלן עבר און קול־טור. ער איז פון א דייטש נישט געוואָרן א פראַנצויז.

אַנדערש איז אָבער געשען אינעם יידישן לעבן, ווען די אויפגעקלערטע, געבילדעטע יידישע זין און טעכטער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַלטע ירושה (און נאַציאָ־נאַלע אָנגעהעריקייט) צוליב זייער פאַלשן גלויבן, אַז די יידיש־רעליגיעזע קולטור איז די הויפּט־סיבה פון דער שנאה צו יידן; פון דער פאַרקנעכטונג און דערנידערונג אין געטאָ. (דעריבער: „לאָמיר זיין ווי זיי!” „מיר זענען נישט קיין גלידער פון א יידישער נאַציע נאָר קאָסמאָפּאָליטן”.).

אין זייער פרילינגס־שיכרות און אַסימילאַטארישן כלאָ־ראָפאָרם האָבן זיי נישט באַנומען, אַז קאָסמאָפּאָליטיזם איז נישט קיין סינאָנים פונעם אַלגעמיין־מענטשלעכן (אין דער פּראַק־טיק), ווייל אין דער ווירקלעכקייט מוז דאָס אַלגעמיין־מענטש־לעכע זיך צונויפגיסן מיט דער אָדער אַנדערער נאַציאָנאַלער פאָרם; און אַז מען גייט אַרויס פון איין נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם בלייבט מען נישט הענגען אין דער אַבסטראַקציע קאָסמאָפּאָ־ליטיזם, נאָר מען דרינגט אַריין אין אַן אַנדערן נאַציאָנאַלן קערפּער. דאָס טאַקע האָבן געטאָן די זין און טעכטער פון די יידישע באַנקירן און פאַבריקאַנטן — די יידיש־אַסימילירטע אינטעליגענץ, וואָס האָט אַדאָפּטירט די דייטשע שפּראַך און קולטור, די קריסטלעכע מנהגים, און נאָכהער — די קריסט־לעכע רעליגיע...

אויב ביי אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען געווען באַשיצט מיט דעם פאַנצער פון מלוכה, איינהייטלעכע שפּראַך און קול־טור — האָבן די נייע אויפקלערונגס־אידייען געמונטערט און געשטאַרקט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע כוחות, איז אָבער גאָר

אַנדערש געשען ביי יידן, וואו די אמונה האָט געגאָלטן אַלס דער איינציקער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר, וואָס טיילט אויס דעם ייד פון דער קריסטלעכער סביבה (דאָס נאַציאָנאַלע איז אין לויף פון דער געשיכטע צונויפגעגאָסן געוואָרן מיטן רעליגיעזן).

צוזאַמען מיט דער רעליגיע זענען אויך אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן די נאַציאָנאַלע אידעאַלן. מען האָט פשוט דעזערטירט פון שוואַכערן פאָלק און אַריבערגעלאָפן צום שטאַרקערן. אונטער דעם שלייער פון פראַזן (וועגן קאָסמאָפּאָליטיזם און אַלמענטשלעכקייט) האָט זיך אָפט באַהאַלטן אַ גשמיותדיקע, קאַריעריסטישע אַסימילאַציע; אַן עטישער דעפעקט פון מאָראַליששוואַכע כאַראַקטערן, וואָס ליידן פון אַ מינדערווערטיקייטקאָמפּלעקס און זוכן שוץ ביי די שטאַרקע... דערביי איז אויך פאָרגעקומען אַ פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג: דער פריידענקער וואָלטער האָט געגאָלטן אַלס דער גרעסטער אויטאָריטעט אויך ביי די, וואָס זענען אַריבערגעלאָפן פון איין רעליגיע צו אַ צווייטער... זיינע שאַרפע אַפּאָריזמען האָבן גאָר שטאַרק אויסגענומען ביי די נעכטיקע ישיבה־בחורים, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אויפן חריפותדיקן פילפול...

די געבילדעטע, יידישע, שיינע טעכטער פון דער גבירהאָקראַטיע איז בכלל פרעמד געווען די יידישע קולטור און אירע אוצרות. נישט באַקומענדיק קיין יידישע דערציאונג, האָבן זיי אין יידנטום געזען נאָר אַן אָפּגעשטאַנענעם ריטועלן קולט, און צו דעם — דער אומגעהויערער קאָנטראַסט צווישן לעבנסלוסטיקן (און אויסגעלאַסענעם) בערלין מיט דער צניעות פונעם יידישן לעבנס־שטייגער איז געווען אַ צו גרויסער נסיון נישט פאַרשיכורט צו ווערן מיטן פרילינגס־רויש פון דער צייט...

אין די קונסט־סאַלאָנען פון ראַכעל לעווין, הענריעטע הערץ, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער פּראָצעס פון גייסטיקן קריזיס אין דער יידישער געשיכטע. אין דער קאַריעריסטישער שמד־מגפה האָבן זיך אַנטפּלעקט די טויטלעכע באַצילן פון דער יידיש־אַסימילירטער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער אייגענער נישט־אנערקענטער נאַציע, שפּראַך און קולטור לטובת דער אנערקענטער און הערשנדער... דאָס טראַ־

גישע פון דעם פּראָצעס איז נאָך גרעסער געוואָרן דערמיט וואָס דער „בערלינער מוסטער" איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ אין די זעכציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

*

ווי אין דייטשלאַנד, האָט אויך די יידיש־אַסימילירטע אינטעליגענץ אין רוסלאַנד געהאַט נאָר רעכט־באַוואוסטזיין, אָבער נישט קיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. נאַיווע התפּעלות און הכנעהדיקע התבטלות האָט זיך מאַניפעסטירט אין איר משכּי־לישער מענטאַליטעט. געהאַט האָט זי צוויי אידעאַלן: א) קאַמף קעגן פאַנאַטיזם אויף דער יידישער גאַס; ב) דערגרייכן די בירגערלעכע רעכט, וואָס עס האָבן שוין דאַן געהאַט די יידן אין מערב־אייראָפּע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי אַזוי אַ רוסיש־יידישער אַדוואָקאַט האָט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אַרויסגע־בראַכט דעם אני־מאמין פון זײַן דור, ווי אַזוי צו לייזן די יידן־פראַגע אין רוסלאַנד. ער האָט אין דעם אָרגאַן פון דער רו־סיש־יידישער אינטעליגענץ („דיען") געשריבן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי:

„דאָס רוסישע פאָלק דאַרף אײַנשלינגען די רוסישע יידן, און די יידן דאַרפן אַראָפּוואַרפן פון זיך די (כלומרשטע) נאַציאָ־נאַלע שאָלעכץ, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דורך דורות דערני־דערונג און שקלאַפערײַ".

מיט אַנדערע ווערטער: — יידן דאַרפן זיך רוסיפיצירן און, אַז זיי וועלן שוין ווערן פאָלנע רוסן, וועט שוין במילא פאַר די רוסן פון מאָזעסעס גלויבן קומען פון זיך אַליין ביר־גערלעכע רעכט...

אַזוי האָט אויסגעזען דער פּרצוף פונעם קריכעריש־אַסי־מילאַטאָרישן דור. און אויפן פאָן פון אָט דעם דור מיט זײַן מענטאַליטעט און השגות וויל איך צייכענען דאָס וואונדער־קינד פונעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום — דאָס לעבן און שאַפן פון שמעון דובנאָוו.

זיין שורש

אין די ווייסרוסישע שטעטלעך, ווי איבערן גאַנצן יידישן תחום־המושב אין רוסלאַנד, האָט געלעבט אַ קאָמפּאַקטע יידישע מאַסע — אָרעם אין ברויט, אָבער רייך אין תורה און יראת־שמים. דער אַלטער דורותדיקער רעליגיעזער שטייגער איז געשטאַנען נאָך פעסט, ווי אַ מויער, כאָטש משכילים האָבן גע־פּרוּווט דורכברעכן... די גייסטיקע שטורעם־ווינטן האָבן דאַן נאָך נישט געהאַט קיין צוטריט.

אין איינער פון אָט די שטעטלעך — מסטיסלאַוול — איז אין 1860 געבוירן געוואָרן שמעון דובנאָוו.

ער האָט געשטאַמט פון גרויסן רבנישן און לומדישן יחוס, וואָס האָט זיך געצויגן פון מהר״ל מפּראַג, דורך דעם גרויסן בעל־מקובל ר׳ יוסל דובנאָ, ביז זיין זיידן ר׳ בן־ציון. זיין גייסטיקן יחוס־בריוו האָט שמעון געצויגן אָט טאַקע פון דעם זיידן, וואָס איז געווען ראש הישיבה און האָט איבער אַ האַלב יאָרהונדערט געזאָגט אַ שיעור פאַר לומדים און שאַרפע קעפּ.

ר׳ בן־ציון האָט געלעבט ווי אַן אַסקעט, יומם ולילה גע־לערנט, געווען אַ פעלז פון אמונה און בטחון — די אייזערנע עלעמענטן פון יידישע שפּייכלערס, וואָס זענען איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור.

שמעון האָט ביים זיידן געלערנט ש״ס און פּוסקים, אַן עילוי געוואַקסן — אויפן זיידנס שטייגער — ביז אונטער דער גמרא אין בית־המדרש האָבן זיך פאַרגנבעט די השכלה־ביכ־לעך... זיי זענען געווען דער אָנהויב פון זיין אינערלעכן גייס־טיקן שטורעם, וואָס האָט געפורעמט זיין פּערזענלעכקייט. ער ווערט וואָס אַמאָל מער אַריינגעצויגן אינעם משכילישן געדאַנ־קען־גאַנג און מיט דעם — דער צווייפל אין זיין נשמה...

שמעון גייט איבער פון דער גמרא צו וועלטלעכע לימו־דים און ווי פריער, אין בית־המדרש, ווייטער דער זעלבער מתמיד. ער שטודירט די רוסישע ליטעראַטור און ווערט מיט־געריסן פון די סאָציאַלע אידייען אינעם קינסטלערישן שאַפן.

ער אַסאָציאירט די אידעאַליסטישע רוסישע יוגנט, וואָס איז אַוועק אין פאָלק ווי אַן אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן סאָ־ציאַלער אומגערעכטיקייט — מיט דעם משכילישן קאַמף פאַר

דער פרייהייט פון געדאַנק (אינדיווידועלע פרייהייט) אין דער יידישער סביבה.

ווי אַנדערע פון זיין דור, האָט אויך שמעון געזוכט און געבלאָנדזשעט... די פייערלעך פון אייראָפּע זענען געווען פאַר־פירעריש. ער ווערט שטאַרק פאַרכאַפּט פון ראַציאָנאַליסטישן פּאָזיטיוויזם, באַקענט זיך מיט רענאַנס שאַפן, וואָס ווערט אים גייסטיק זייער נאָענט (זייער ביידנס לעבנס־וועג פאַרמאָגן עפּעס א גייסטיקע קרובהשאַפט).

שמעון ווערט וואָס אַמאָל טיפער אַריינגעצויגן אין משכי־לישן שטראָם. ער ווערט אַ פריידענקער, אַן אויסגעשפּראָכע־נער אינדיווידואַליסט און טעמפּעראַמענטפולער קעמפער קעגן אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער.

דובנאָוו דערציילט אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד: זיין זיידע האָט אים איינמאָל פאַר די ימים־נוראים געפרעגט וואו ער גייט דאַווענען. ווען שמעון האָט געענטפערט, אַז ער גייט נישט מער, איז דער אַכציק־יאָריקער זקן געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, מיט אַ ציטערנדיקער שטימע, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום אייניקל:

„שמעון, עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט אַזוי ווי דער נביא אויסרופן: כ׳וועל גיין און זיך אומקערן צו מיין ערשטן מאַן, ווייל דעמאָלט איז מיר בעסער געווען ווי היינט".

שמעון האָט דעם זיידנס ווערטער קיינמאָל נישט פאַר־געסן. ער האָט זיי אין די שפּעטערדיקע יאָרן טיפער און אַנ־דערש באַנומען, ווען ער האָט געזוכט אַ סינטעז צווישן אַלטן און נייעם יידנטום.

אויך דער זיידע, וואָס האָט נאַטירלעך שטאַרק געליטן פון אייניקלס „שלעכטע דרכים", האָט דערבליקט דעם אינער־לעכן געראַנגל אין שמעונס נשמה... ער האָט מיט פינף יאָר שפּעטער עס באַטאָנט — שמעון איז שוין דאַן געווען אַ שריי־בער מיט אַ נאָמען אין דער יידישער וועלט — ווען אַדאַנק שמעונס קאָרעספּאָנדענץ אין דער פּעטערבורגער פּרעסע, האָט נאַטשאַלסטוואָ געמוזט אָפּרופן אַ גזירה קעגן יידן. ר׳ בן־ציון האָט זיך דאַן געווענדט צום אייניקל מיט די ווערטער: „שמעון, כ׳האָב געהערט, אַז דו האָסט געטאָן אַ גוטע זאַך, זיך אָנגע־נומען פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק. האָסט זיך דערמיט גע־

קויפט עולם־הבא. די חכמים זאָגן: „יש קונה עולמו בשעה אחת" (מיט איין טאָט קען מען זיך איינשאַפן אומשטערבלעכ־קייט). כ'מיין אָבער אַז דיין נשמה איז קיינמאָל נישט פרעמד געווען צו אונדזער פאָלק. זאָל דיר גאָט העלפן דו זאָלסט ווייטער אַרבעטן פאַרן וואויל פון פאָלק".

שמעונען איז זייער נאָענט געווען די נשמה פון זיין זיידן, נאַטירלעך, נישט די דאָגמע און ריטואַל, נאָר דער לעבעדיקער גייסט פון אוהל־התורה. אויך דער וועלטלעכער אייניקל האָט געשטרעבט זיך אויסצולעבן יומם ולילה אין זיין אוהל־התורה...

פעטערבורג

אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן האָט שמעון דובנאָוו זיך באַזעצט אין פעטערבורג און אָנגעהויבן זיין פובליציס־טישע, ליטעראַרישע און געשיכטלעכע אַרבעטן. געלעבט האָט ער דאַן אָן וואוינרעכט און אין דער גרעסטער מאַטעריעלער נויט, דערפאַר אָבער, די גרויסע רייכע ביבליאָטעקן, די סביבה פון שרייבער, און אונטער דער האַנט — די רוסיש־יידישע פרעסע, אין וועלכער ער האָט אָנגעהויבן זיין שטענדיקע מיטאַרבעט.

זיין ערשטע גרעסערע אַרבעט „צו דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון יידישן געדאַנק" האָט ער אָפּגעדרוקט אין וואָכנבלאַט „רוסקי יעווריי". דער יונגער היסטאָריקער זעט דאַן צוויי פאַראַלעלע וועגן אין דער יידישער געשיכטע — פון ר' עקיבאן — דעם שטרענגן, דאָגמאַטישן דיסציפּלין („רבניזם") און פון אלישע בן אבויהן — דעם פרייען געדאַנק („די רעכט פאַרן פרייען דענקער"). ער באַטאָנט, אַז ווען אלישע־אחר וואָלט געלעבט אין ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָלט ער פריי געקענט אַרויסברענגען זיינע אידייען און נישט ווערן דערפאַר אַרויסגעוואָרפן פונעם יידישן פאָלקס־בונד (דאָס זעלבע — אויך ביי אוריאל אַקאָסטאַ און שפּינאָזע). דובנאָוו זעט דאַן אין משכילישן קאַמף קעגן יידישן פאַנאַטיזם אַ היס־טאָרישן המשך פון אלישע־אחרס.

אין זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען קעמפט ער דאַן זייער שאַרף קעגן טראַדיציאָנעלן חינוך, וואָס איז געצילט, לויט זיין מיינונג, צו מאַכן אַלע זין פון פאָלק פאַר רבנים. ער

גרייפט זייער שטאַרק אָן דעם טראַדיציאָנעלן לעבנסט־שטייגער. דער אינהאַלט ווי די פאָרם פון זיין שרייבן זאָגט דאָן עדות, אַז ער איז אין געפאַנגענשאַפט ביי דער קעמפערישער השכלה.

אין 1882 האָט דובנאָוו אָנגעהויבן זיין מיטאַרבעט — ווי אַ וויסנשאַפטלער און פובליציסט — אין גרעסטן דאַן רוסיש־יידישן וואָכנבלאַט „וואָסכאָד". אין די פינף און צוואַנציק יאָר פון זיין מיטאַרבעט אין דעם אָרגאַן, האָט ער שטאַרק משפיע געווען אַ גאַנצן דור יידישע אינטעלעקטואַלן, געהאָלפן זיי — און זיך! — צו באַפרייען זיך פון דער אַסימילאַטאָריש־משכילישער אַנטי־טעזע, מיט וועלכער ער אַליין איז געווען דורכגעדרונגען אין זיין יוגנט.

דער איבערברוך...

דער בונטאַר קעגן בית־המדרש האָט דורכגעמאַכט אַ נייעם קריזיס. ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין דער אַלמעכטיקייט פון השכלה און פון פילאָזאָפישן ראַציאָנאַליזם בכלל. סקעפּטיש פרעגט ער זיך אַליין: „צי איז טאַקע דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד אַזוי אַלמעכטיק? און וואָס פאַר אַ ראָל שפילן די אינסטינקטן, געפילן, דאָס האַרץ?"... עס מאַטערט אים פאַסקאַלס בארימט וואָרט וועגן האַרץ און שכל („דאָס האַרץ האָט זיין שכל הישר, וואָס דער מוח וועט קיינמאָל נישט קענען פאַרשטיין").

נישט נאָר דער גלויבן אין דער גבורה פון שכל, אויך דער גלויבן אין גראַדליניקן פראָגרעס האָט זיך אָנגעהויבן איינברעכן — ביי דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ — אונטערן רושם פון די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן.

די אַסימילאַטאָרישע אַנטי־טעזע (וואָס האָט געריסן לעבעדיקע שטיקער פון דער רעליגיעזער טעזע) האָט זיך גענומען איינברעכן אונטערן דרוק פון די געשעענישן. און דובנאָוו הויבט אָן אַ טיפע רעוויזיע פון זיין פריערדיקן אני־מאמין. ער זעט איין קלאָר, אַז די יידישע אינטעליגענץ האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין די סינאָנימען פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אוניווערסאַליזם:

„קאָסמאָפּאָליטיזם וואָס פאַרלייקנט בעצם די פּסיכישע און עטישע יסודות פון נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט, איז אַ פאַלשע און שעדלעכע קאָנצעפּציע. זי גראָבט אונטער די שעפערישע טעטיקייט און אַנטוויקלונג פון פאָלק, און דער־פירט צו פאַרוויסטונגען אין אים. אַנדערש איז אָבער אוני־ווערסאַליזם: אַ קאָנצעפּציע וואָס אָנערקענט, אַז דער יחיד איז אַ גליד פון זיין פאָלק און פאָלק איז א גליד פון דער פעלקער־משפּחה. דער אוניווערסאַליזם וויל זען צווישן די פעלקער אַזאַ פאַרבינדונג און סאָלידאַריטעט ווי עס הערשט צווישן די באַזונדערע גלידער אין יעדן פאָלק".

זיין נייעם צוגאַנג ברענגט דובנאָוו אַרויס אין א ציקל אַרטיקלען א. ג. „אַלגעמיינער בליק אויף דער געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן". דער היסטאָריקער הויבט ארויס צוויי שטראָמען וואָס פליסן פּאַראַלעל אין דער יידישער געשיכטע: אַ נאַציאָנאַלער און אַן אוניווערסאַלער. אָט די צוויי שטרע־מונגען קרייצן זיך און באַאיינפלוסן זיך קעגנזייטיק... אָפּהענ־גיק פון צייט און געשעענישן אין יידישן ווי אין אַלגעמיינעם לעבן — פאַרנעמט אַמאָל די ערשטע, און אַמאָל די צווייטע די העגעמאָניע און בכורה אין דער ליטעראַטור און אין לעבן.

כאַראַקטעריסטיש: אין זיינע ליטעראַרישע רעצענזיעס און אָפּשאַצונגען ברענגט דובנאָוו אויך צום אויסדרוק זיין נייע איינשטעלונג צום יידישן לעבנס־שטייגער. אַזוי צום ביישפּיל, ביים אַנאַליזירן קאַרל עמיל פראַנצאָזס א בוך, וואָס שילדערט דאָס יידישע לעבן אין גאַליציע מיט א סך וואַרעמקייט און אינטימקייט — פאַרענדיקט „קריטיקוס" (דובנאָווס ליטעראַ־רישער פּסעוודאָנים) זיין איבערזיכט מיט פאָלגנדע, טיף־באַ־דייטנדיקע ווערטער:

„אייך דוכט זיך (נאָכן פאַרענדיקן דאָס בוך — י. ק.) ווי איר וואָלט נאָך א לאַנגן וואַנדער־וועג געקומען צוריק אַהיים, דערזען די היימישע נאָענטע און ליבע בילדער... און איר האָט אַלץ פאַרשטאַנען. דעם נעכטן און דעם היינט, זייער זין און זייער צוזאַמענהאַנג".

נאָך אַ לאַנגן גייסטיקן וואַנדער־וועג — וואָס האָט גע־פירט דורך טעזע און אַנטי־טעזע — איז דובנאָוו „געקומען

צוריק אַהיים״ — מיט אַ סינטעזע. געקומען מיט אַ נאַציאָ־נאַל־וועלטלעכער אויפפאַסונג פון דער יידישער געשיכטס־פילאָזאָפיע — אַ פונדאַמענט פאַר זיין גרויסן מאָנומענטאַלן בניך, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו בויען — די וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק.

די פאָרגייער

דובנאָוו דער היסטאָריאָגראַף, האָט געהאַט זיינע פאָר־גייער (מיר רעדן דאָ וועגן דער לעצטער תקופה) אין דייטש־לאַנד, אָנהויבנדיק פון לעאָפּאָלד צונץ, גייגער, מרדכי יאָסט — צו דערמאָנען די וויכטיקסטע — וועלכע האָבן אָנגעהויבן וויסנשאַפטלעך פאָרשן אונדזער עבר — ביז פּראָפעסאָר גרעץ מיט זיין פונדאַמענטאַלער, פיל־בענדיקער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

דובנאָוו האָט מיט טיפער אנערקענונג אָפּגעשאַצט זייערע אויפטוען און דערגרייכונגען אויפן געביט פון יידישער היס־טאָריאָגראַפיע, אָבער אויך אָנגעוויזן אויף זייערע קאַרדינאַלע פעלערן אין זייער אויפפאַסונג פון היסטאָרישן יידנטום.

אין דער אַנטי־היסטאָרישער תקופה פון 19־טן יאָרהונ־דערט איז נישט מעגלעך געווען אַן אָביעקטיווער קריטישער חוש בנוגע דער עוואָלוציע פון א נאַציאָנאַלער קולטור.

אין דעם דור פון די „אויפקלערער״ איז דאָך דער גאַנ־צער געשיכטלעכער פּראָצעס פון קולטור־אַנטוויקלונג באַ־טראַכט געוואָרן אויבנאויפיק און נישט וויסנשאַפטלעך.

פאַר די יידישע היסטאָריאָגראַפן פון יענעם דור איז דאָס יידנטום געווען בלויז אַ רעליגיעזער קיבוץ. יידישע געשיכטע איז באַטראַכט געוואָרן פון אַ שטאַנדפונקט, וואָס האָט אַוועק־געשטעלט אינעם צענטער דעם גאַנג (און אַנטוויקלונג) פון דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור. אַפילו די תקופות האָט פּראָפעסאָר גרעץ איינגעטיילט ווי אַ רעגיסטער פון לי־טעראַטור: — תלמוד, אמוראים, נשיאים, ריש־גלותא׳ס, גאו־נים און אַזוי ווייטער. די ביבלישע תקופה האָבן זיי בכלל מורא געהאַט צו אַנאַליזירן וויסנשאַפטלעך.

דער הויפּט־פּעלער זייערער איז אָבער באַשטאַנען אין דער פאַלשער קאָנצעפּציע, אַז אַ פאָלק אָן אַ טעריטאָריע איז — אַ חוץ קולטור־שאַפונג — נאָר דער פּאַסיווער אָביעקט פון געשיכטע, אָבער נישט איר שעפער. אַלס רעזולטאַט פון דער הנחה איז זייער גאַנצע יידישע געשיכטע־שרייבן וועגן דער דיאַספּאָראַ, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעגיסטער פון רעלי־גיעזער ליטעראַטור און מאַרטירערטום...

די מזרח־אייראָפּעאישע תקופה, דער אויפשוואונג און די ראָמאַנטיק פון דער חסידות־באַוועגונג איז — ביי גרעצן בפרט — באַטראַכט געוואָרן דורך די ברילן פון אַ דייטשן ייד מיט זיין ביטול־באַציאונג צום „אָסט־יודע".

קלאָר, די לעבעדיקע, קאָנקרעטע יידישע נאַציע מיט אירע סאָציאַלע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע ראַנג־לענישן האָט אין זייערע ווערק קיין תיקון נישט באַקומען. דאָס האָט געגעבן דובנאָוו — אַליין אַ קינד פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום — וועלכער האָט אין יידנטום געזען נישט בלויז אַ רעליגיעזן קיבוץ, נאָר אַ פאָלקס־אינדיווידואַליטעט מיט אַן אומגעהויערער, רייכער, סאָציאַל־היסטאָרישער און גייסטיק־קולטורעלער ירושה. ער האָט געזען פאַר זיך דאָס פאָלק מיט זיין אינדערוואָכן און שבת־קודש; געזען דעם טאָג־טעג־לעכן געראַנגל אויפצוהאַלטן אַ שעפעריש־לעבעדיקע פאָלקס־עקזיסטענץ אין די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען, וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז געהאַט. און דאָס פאָלק איז אין אַלע צייטן געווען דער שעפער פון זיין אייגענעם גורל.

נאָך מער: דובנאָוו האָט די יידישע געשיכטע אויפגענו־מען ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער וועלט־געשיכטע, וואָס באַוועגט זיך נישט גראַדליניק, נאָר קרייזאַרטיק. ער האָט די יידישע היסטאָריאָגראַפיע באַפרייט פון אירע מעטאַפיזישע עלעמענטן, באַנוצנדיק זיך מיטן ביאָ־סאָציאָלאָגישן מעטאָד; מיט די אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען און וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען — אַלס רוי־שטאָף פאַר זיין געשיכטלעכן בנין. ער האָט אָרגאַניש פאַרבונדן די באַזונדערע תקופות (מיט אַלע זייערע ליכט־ און שאָטן־זייטן) און זיי אַרויפגעצויגן אויף דער קייט פונעם גרויסן געשיכטלעכן פּראָצעס.

זיין היסטאָריאָזאָפיע

יעדע נאַציע, שרייבט דובנאָוו, מאַכט דורך אין איר אַנט־וויקלונג דריי פאַזן:

א) די ערשטע פאַזע — די קלאַן־פאַרבינדונג. ווען ביי די מיטגלידער פון א שבט שאַפט זיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך, גלויבונגען, נייגונגען, דעות און נטיות, וואָס קאָנסאָלידירן זיך דורך אַ דורותדיקן פּראָצעס.

ב) די צווייטע פאַזע — דער שבט גייט איבער פון מאַטעריעלער צו גייסטיקער קולטור. די געמיינזאַמע שפּראַך ווערט אויסגעפיינערט און טראַנספאָרמירט אין א קולטור־אינסטרומענט. ביי דעם שבט (אָדער שבטים) וואַקסט אויס די נויטווענדיקייט פון א מלוכהש־בירגערלעכן פאַרבאַנד, פון א פּאָליטיש לעבן מיט אַ באַשטימטער דיסציפּלין פון רעכט און פליכטן. בעת דער דאָזיקער פאַזע קומען אויף נייע שטרעבונגען, אינטערעסן, נטיות און דער באַגריף — פאָטערלאַנד.

ג) אין דער דריטער פאַזע פורעמט זיך אויס די קולטור־היסטאָרישע אָדער גייסטיקע נאַציע. די גייסטיקע שאַפונגען וואַקסן אויס און זיי באַרייכערן דעם יחיד מיט נייע אידייען און עמאָציעס. זיין מאָראַלישער באַוואוסטזיין ווערט פאַרטיפט, די פריערדיקע פרימיטיווע רעליגיע דערהויבט זיך צו אַ פולן וועלט־באַנעם מיט הויכע עטישע אידעאַלן. די גלידער פון פאָלק ווערן דאַן צעמענטירט נישט נאָר דורך א געמיינזאַמען גורל, נאָר אויך דורך אידעאַלן, דורך קאַמפן, ליידן און מסירת־נפש פאַר זיי.

גייסטיקע גבורה הויבט אָן פאַרנעמען דאָס אָרט פון פיזישער. עס קומט אויף העראָאיזם, וואָס ווערט באַהויכט דורך היסטאָרישע טראַדיציעס און זיי באַגייסטערן אויך די קומענדיקע דורות... עס פורעמט זיך אויס אַ נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, וואָס ווערט דער גייסטיקער פאַנצער פונעם פאָלק... די צוקונפט פון דעם־אָ־פאָלק — אויף אַ לענגערן אָפשניט פון געשיכטע — ווערט שוין דאַן אָפהענגיק נישט אַזוי פון זיין פיזישער פויסט, ווי פון זיין גייסטיק־מאָראַלישער, דורך וועלכער ער באַשיצט זיין ווייטערדיקן קיום.

אַלע פעלקער איז אויסגעקומען דורכצומאַכן גרויסע נסיו־נות, וואָס האָבן באַדראָט זייער עקזיסטענץ. דאָס פאַרלירן די פּאָליטישע און טעריטאָריאַלע באַזע ווערט אין אַלגעמיין באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן נסיון. די געשיכטע ווייסט טאַקע צו דערציילן פון פיל פעלקער, וואָס האָבן דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן (אויפגעגעבן זייער עקזיסטענץ), אָבער בלויז פון איין אוניקום־פאַל אין דער וועלט־געשיכטע, ווען אַ פאָלק האָט פאַרלוירן זיין מלוכה, פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד, צע־שפּרייט געוואָרן איבער אַלע קאָנטינענטן און גראַד אין דער צעשפּרייטונג דער־גרייכט די העכסטע מדרגה פון אַ קולטור־נאַציע — דאָס יידישע פאָלק.

איז דאָס אַ היסטאָרישער נס? — ניין, ענטפערט דובנאָוו. די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק האָט געגעבן אַן איבערגעוויכט די גייסטיקע עלעמענטן, וואָס האָבן צעמענ־טירט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און דורך דעם פאַרפאַנ־צערט דעם אינסטינקטיוון ווילן אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט אין אַלע געשיכטלעכע באַדינגונגען... אַ קאָנדענסירטער איבערבליק פון דובנאָווס היסטאָריאָגראַפיע וועט דאָס אויבן דערמאָנטע בולט אילוסטרירן.

פון סעמיטישן וואָרצל...

פון אוראַלטן וואָרצל — בני־תרח — בני־אברהם — וואַקסט אויס דער שטאַם־עמבריאָן פון פּאַסטוכער־לייט: בני־ישראל. זייערע לעבנס־באַדינגונגען אין מעסאָפּאָטאַמיע, מצרים, און סיני־מדבר — לייגן אַ שטאַרקן חותם אויף דעם כאַראַקטער פון די שבטים, וועלכע עס קומט אויס צו ראַנגלען זיך אי מיט נאַטור־כוחות, אי מיט אַנדערע שבטים און פעלקער.

דאָס איינגעמען כנען האָט די שבטים ענגער צוזאַמענגע־שלאָסן. אָבער זייערע באַציאונגען זענען נאָך געבליבן לויז...

אין דער שופטים־תקופה ווערט שוין אויסגעפורעמט דער סקעלעט פון ראַסן־אָרגאַניזם, וואָס ווערט אַרומגענומען מיט דער רייף פון טעריטאָריע און איינהייטלעכער מלוכה.

אין דער תקופה פון די מלכים — שאול, דוד און שלמה — פאַרשווינדט (פון אויבערפלאַך) דער סעפּאַראַטיזם פון די

שבטים. עס איז דאָן פאַרגעקומען די פּאָליטישע פאַראייניקונג פון דער נאַציע. ווי ביי אַנדערע פעלקער, וואַקסן אויך דאָ אויס גרויסמאַכט־אַמביציעס, אויסצוברייטערן די גרענעצן און אונטערטעניק מאַכן די שכנים... אָבער ביי יענע פּאָליטישע כוחות־פאַרהעלטענישן אין מיטל־אַזיע קען דאָס יידישע פאָלק נישט ווערן קיין דעראָבערער...

עס הויבן זיך אַרויס צונויפגעשטוקעוועטע גרויסמאַכטן — אשור, בבל — וועלכע נעמען איין די וועלט... אין דער קריטי־שער צייט רייסט זיך צוריק אַרויס אויפן אויבערפלאַך דער אַלטער סעפּאַראַטיזם פון די שבטים. דער העפטיקער גערעַנגל פאַר העגעמאָניע רייסט אויף די פּאָליטישע איינהייט פון פאָלק. פון איין מלוכה — ווערן צוויי: מלכות־ישראל און יהודה. צו דעם דאָזיקן אינערלעכן גערעַנגל קוקן זיך צו די רויבערישע אשור און בבל, וועלכע לויערן איינצושלינגען ביידע — ישראל און יהודה...

בעת דעם גרויסן מלוכהש־פּאָליטישן קריזיס קומט פאַר אין פאָלק אַן אינעווייניקסטער אָפּקלויב. (אַ דערשיינונג, וואָס חזרט זיך אָפּט איבער אין אונדזער געשיכטע), די שוואַכערע עלעמענטן אַסימילירן זיך מיט די אַרומיקע שכנים און פאַר־שווינדן פון יידישן האָריזאָנט... (די געשיכטע מיט די עשרת השבטים...). די וועלכע ווייזן אַרויס נאַציאָנאַלע שטאַנדהאַפ־טיקייט פאַרפאַנצערן זיך גייסטיק.

די גייסטיקע פירער פון פאָלק — די נביאים — האָבן אין אָנבליק פון די פּאָליטישע סכנות פראָפּאַגירט איבערצורוקן דעם צענטער אויפן גייסטיק־עטישן און סאָציאַלן געביט. עס הויבט זיך אָן פורעמען דער גייסטיקער טיפּ פון דער נאַציע. („די דריטע פאַזע"). דער נאַציאָנאַלער מאָנאָטעאיזם (יעהאָוואַ דער גאָט פון ישראל) ווערט — דורך אַ לאַנגזאַמען פּראָצעס פון נביאישער דערציאונג — אַן אוניווערסאַלער (יעהאָוואַ דער גאָט פון דער גאַנצער מענטשהייט). דאָס פאַרבונדן דעם נאַ־ציאָנאַלן מיטן אוניווערסאַלן עלעמענט ווערט אַרומגעוועבט מיט הויכע עטישע און סאָציאַלע אידעאַלן — אַ פאַנצער צו פאַר־היטן דאָס פאָלק פון אומקום... אינעם פאָלק ווערט דורך די נביאים איינגעפלאַנצט דער געדאַנק אַז די גייסטיקע נאַציאָ־

נאַלע קולטור איז דער קערן און די מלוכה איז דער שאָלעכץ אַרום קערן.

ווען די רויבערישע גרויסמאַכטן האָבן פאַרניכטעט די מלוכה און דעם פאָלק פאַרטריבן קיין בבל, ווערט שוין זיין עקזיסטענץ באַזירט אויפן פרינציפ פון קולטור־אויטאָנאָמיע. דאָס פאָלק ווערט אַן עם־הספר, אַ גייסטיקע נאַציע, וואָס זאַמלט אויף זיינע פריערדיקע אוצרות און שאַפט נייע. שפּעטער, ביים אויפבויען צוריק דאָס לאַנד פאַרנעמען שוין די גייסטיקע עלעמענטן דעם אויבן־אָן אין פאָלקס־לעבן.

פלוצלינג — אַ נייע סכנה! די העלענישע קולטור — פאַר וועלכער געטער און פעלקער האָבן קאַפּיטולירט — אַטאַקירט די נאַציאָנאַלע יידישע קולטור. דער געראַנגל צווישן יודאַאיזם און העלעניזם האָט אויף אַ ווייל אַ טרייסל געטאָן דאָס קליינע, יידישע אינדזעלע... אָבער, עס בלייבט שטיין פעסט אויף די אייגענע פיס.

עס ברעכט אויס אַ קולטור־קאַמף אינעם פאָלק גופא צווישן די עלעמענטן פון אַסימילאַציע (צדוקים) און נאַציאָנאַלער קולטור (פרושים). אַדאַנק דער וויזיאָנערישער איינשטעלונג פון די פרושים (אַז דער קיום פון פאָלק ליגט אין אָפּהיטן אַן אייגענעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן שטייגער) — בלייבט גאַנץ דער שטאַם, ווען די נאַציע איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט בעת דעם צווייטן חורבן...

דער שארית הפליטה שטעלט אויפסניי אויף — נאָכן חורבן — זיין קולטור־אויטאָנאָמען צענטער. דער שטאַם הויבט־אָן באַגייט צו ווערן מיט נייע צווייגן און בלעטער — זיינע ווייטערדיקע שאַפונגען וואָס ווערן ווייטער דער פאַנצער פאַר קיום.

אַ נייע ערד־ציטערניש אין די ציטן פון בר־כוכבא־אויפשטאַנד. דאָס פאָלק ווערט צעזייט איבער דריי קאָנטינענטן: עס וואַנדערט מיטן פעלקער־שטראָם. און שפּעטער, ווען דער איסלאָם דעראָבערט דעם אָריענט און דאָס קריסטנטום — דעם מערב — הענגט ווידער איבער דעם צעדריבלטן פאָלק די שווערד פון אונטערגאַנג... די פירער פון פאָלק זוכן אַ שליסל אין דער געשיכטע: — וואוהין פירט אונדז דער גורל? און גע־

שיכטע ענטפערט: — וועט איר אָפּהיטן די נאַציאָנאַלע קולטור, וועט איר האָבן קיום!

— זעט, זאָגט געשיכטע, וואָס איז געוואָרן מיט די מעכ־טיקסטע וועלט־אימפּעריעס — אשור, בבל, פּערסיע, דאָס אַלטע רוים — זיי האָבן פאַרמאָגט אַ ריזיקע מיליטערישע מאַכט, אָבער גייסטיק שוואַך געווען און דערפאַר — אונטערגעגאַנגען... — —

דאָס פאָלק הערט זיך צו צום בת־קול פון געשיכטע און קאָמפּענסירט די אָנגעוואָרענע מלוכהשע עלעמענטן מיט גייס־טיק־קולטורעלע.

די שעפערישע ענערגיע פון פאָלקס־לעבן טראָגט זיך איבער דורך בבל, שפּאַניע, דייטשלאַנד, פּוילן. אין יעדן נייעם צענטער פונעם פאָלקס־לעבן שאַפט ער און זאַמלט זיינע גייס־טיקע אוצרות און ווערטן אין וועלכע דאָס רעליגיעזע גיסט זיך פולשטענדיק צונויף מיטן נאַציאָנאַל־קולטורעלן, וואָס איז כולל: פילאָזאָפישע, פּאָליטישע, סאָציאַלע, משיחישע און עטישע אידייען.

דאָס פאָלק שאַפט קולטור און ווערט אַליין געפורעמט פון אָט־דער קולטור, וואָס מאַניפעסטירט זיך אין אַן אייגנאַרטיקן, אויטאָנאָמען, נאַציאָנאַלן שטייגער־לעבן. דאָס ווערט דער לעבנס־יסוד פון אַלע תקופות אין אונדזער געשיכטע, אָנהויבנ־דיק פון די תנאים, אַמוראים ביז — די פאַרצווייגטע רעליגיעזע, סאָציאַלע, פילאַנטראָפּישע און חינוך־אינסטיטוציעס ביים מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום.

דאָס איז דער קווינטעסענץ פון דובנאָווס היסטאָריאָזאָפיע, וואָס ער האָט שקיצמעסיק צוזערשט געצייכנט אין זיינע „בריוו פון אַלטן און נייעם יידנטום" און שפּעטער באַנוצט אַלס לייט און ציגל פאַר זיין מאָנומענטאַלן, געשיכטלעכן בנין.

עס איז פאַר אים כאַראַקטעריסטיש די אויסערגעוויינלעכע זאָרגפעליקייט און פּיעטעט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו זיין ווויסנשאַפטלעכער אַרבעט. אַלס אילוסטראַציע: — דובנאָוו דער מתנגד בן מתנגד האָט מיט חסידישן ברען געזוכט און געפאָרשט דעם ריזיקן חסידות־פאָלקלאָר. (אַ חוץ די משכילישע אַנטי־חסידות־ליטעראַטור). צענדליקער יאָרן האָט ביי אים גענומען אויף אויפצוזאַמלען דעם גאַנצן מאַטעריאַל, אַלע פּרטים פון דער חסידישער באַוועגונג און אירע פירער. ווי אַ וויסנשאַפט־

לער האָט ער געפּאָרשט די גייסטיקע און סאָציאַלע סיבות פון אָט דער פאָלקס־באַוועגונג, וועלכע ער האָט איינגעשלאָסן, ווי אַ רינגעלע אין דער קייט פון אונדזער היסטאָרישן פּראָצעס.

מיט פּאָעטישער עמפינדלעכקייט האָט ער אויפגעכאַפּט די שטילע טריט פון בעל־שם אין די קאַרפּאַטן־בערג און איז נאָכ־געגאַנגען די טריט פון זיינע ראָמאַנטישע תלמידים און נאָכ־פאָלגער... ווען די משכילים האָבן דובנאָוון געפרעגט הלמאי ער גיט אָפּ אַזוי פיל מי און צייט פאַר דער „חסידישער פינצ־טערניש”, האָט ער זיי — אויף זיין שטייגער — געענטפערט מיט היינעס אַ פּאַראַפראַזע וועגן ליבע פון וועלכער „עס ווערט טונקל אין קאָפּ אָבער וואַרעם אין האַרץ...”

די משכּילישע אינטעליגענץ האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט פאַרראַטן זיינע אַמאָליקע יוגנט־אידעאַלן. דובנאָוו האָט זיי געענטפערט מיט אַ ציטאַטע פון וויקטאָר הוגאָ ווענען מען האָט, בשעתו, ענלעכס פאַרגעוואָרפן. דער פּאָעט האָט דעם באַשולדיקער זיינעם (אַ מאַרקיז) געענטפערט מיט די ווערטער:

— „דער האָריזאָנט האָט זיך געענדערט, מאַרקיז, אָבער נישט די נשמה. אינעווייניק אין מיר האָט זיך גאָרנישט גע־ענדערט, אָבער אַלץ אַרום מיר. — מאַרקיז, די געשיכטע האָט זיך צו מיר באַוויזן און כ'האָב באַגריפן דעם געזעץ פון דורות. איך בין פאַרבליבן מיטן זעלבן בליק, איך זע אָבער אַן אַנדער הימל...”

אויך צו דובנאָוון האָט זיך די (יידישע) געשיכטע באַוויזן! ער האָט געגלייבט אין פּאַסקאַלס באַרימטע וואָרט: „דער דויער פון דער יידישער געשיכטע איז גלייך צום דויער פון דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע”.

דובנאָוו האָט אנערקענט זיינע פריערדיקע בלאָנדזשענישן. זיי האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן:

— זאָל יעדער פון אונדז, פלעגט ער באַטאָנען, האָבן דעם מוט און כוח צו זאָגן מיט די ווערטער פון מאַרק אורעליוס — „איך האָב אַמאָל געבלאָנדזשעט, אָבער גייענדיק צום אמת און חכמה וועל איך נישט דערלאָזן, אַז די אַלטע בלאָנדזשענישן זאָלן מיר פאַרשטעלן דעם וועג”.

ער האָט באַקעמפט די פאַרגליווערטע דאָגמאַטישקייט און

אומטאָלעראַנץ צום פרייען געדאַנק און די קריכערישע אַסימי־לאַציע וואָס פאַרלייקנט דעם ייד אינעם מענטש, מיינענדיק אַזוי אַרום געפעלן צו־ווערן די גוים... די עמאַנציפּאַציע האָט אונדז געבראַכט דעם הויקער פון אַסימילאַציע אין דער נייער צייט (אַ הויקער, וועלכן מען מוז אַראָפּוואַרפן פון זיך!), אָבער אויך געבראַכט פרייהייט, אויפגעלעבט דעם פרייען מענטש אינעם ייד, דעם ייד פאַרבונדן מיט דער וועלט, מיטן גורל פון איר פאָרשריט. אונדזער גאַנצע עקשנותדיקע עקזיסטענץ איז פאַר־בונדן מיטן גלויבן אין דער וועלט — טראָץ אירע אַלע דורכ־פאַלן!... „פאַרבונדן מיטן פּראָגרעס אָדער רעגרעס פון דער מענטשהייט און נישט מיט אירע דעגענערירטע טיילן". (די „דעגענערירטע טיילן" האָבן אָבער באַוויזן אויסצוראָטן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק... — י.ק.)

✽

ווען אויף דער וועלט איז פינצטערער געוואָרן און ביי דער פאַרצווייפלטער יידישער אינטעליגענץ האָט זיך אַרויס־געריסן אַ רוף: „צוריק אין געטאָ!" — האָט זיי דובנאָוו גע־ענטפערט: — אויף וויפיל דאָס באַדייט צוריק צו יידישער קול־טור און יידישקייט, גייט עס דאָך אַריין אין פּראָגראַם פון אונ־דזער נאַציאָנאַלער וועלטלעכקייט. אָבער צום מיטלאַלטערלעכן געטאָ און זיין יידישקייט וועט דאָס פאָרגעשריטענע יידנטום זיך קיינמאָל נישט אומקערן... אַנטוישן זיך אין דער וועלט הייסט איבערחזרן דעם זעלבן טעות, ווי די דעאיסטן אין 18־טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן געמשפּט רעליגיע לויט אירע קירכ־לעכע פאָרמען און דער אוממענטשלעכער אויפפירונג פון אירע פאָרשטייער. זיי האָבן נישט געוואָלט געדענקען, אַז אין־איין־און דעם זעלבן יאָרהונדערט זענען אין נאָמען פון אָט דער זעלבער רעליגיע אַרויסגעטרעטן צוויי הייסע גלויביקע: דער איידעלער קעמפער יאָהאַן הוס און דער גרויס־אינקוויזיטאָר — טאָרקוועמאַדאָ. דער ערשטער האָט געקעמפט פאַר דער דער־הויבונג פון עטישן געפיל צו די העכסטע הויכן... דער צוויי־טער האָט מיט פייער און בלוט עוקר מן השורש געווען די איבערצייגונגען פון אַנדערש־גלויביקע. ער האָט דערפירט רע־ליגיע צום טיפסטן אָפּגרונט... דאָס באַווייזט אַז יעדער אמת

און הויכער אידעאַל קען ווערן אַ קללה דורך פאַרדאָרבענע און פינצטערע הענט...

די לעצטע ווערטער זענען אויף אַזאַ טראַגישן אופן באַשטעטיקט געוואָרן אין אונדזער עפּאָכע...

דובנאָוו דער פּובליציסט

זייענדיק זיין גאַנץ לעבן אַ וויסנשאַפטלער, איז ער אָבער נישט געווען קיין אָפּגעשלאָסענער קאַבינעט־מענטש. דובנאָוו איז אויך געווען אַ פּלאַמיקער פּובליציסט און האָט גאַנץ ליידנשאַפטלעך רעאַגירט אויף אַלע עקסצעסן פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די שאַרפסטע פיילן האָט ער אָפּגעשפּאַרט פאַרן אַסימילאַטאָרישן לאַגער, וואָס האָט זיך אַזוי אומווירדיק געוואָרפן אין די אָרעמס — נישט תמיד צעשפּרייטע — פון די שטאַרקערע... און זיך איינגערעדט, אַז דורך אַדאָפּטירן אַן אַנדער פאָלק און קולטור, דינט ער דער מענטשהייט... אַלס אילוסטראַציע ברענגט דובנאָוו דעם וועלט־באַרימטן ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג בראַנדעס.

אַט דער דענישער שריפטשטעלער האָט געשריבן וועגן פאַרשידענע שרייבער — נישט זעלטן צווייטראַנגיקע — געהאַלטן לעקציעס וועגן קולטור־פּראָבלעמען און אַקטיוו געווען אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דענעמאַרק. אָבער, צו זיין יידישן שטאַם מיט זיינע אוצרות, האָט ער זיך נישט געוואָלט באַקענען.

דער בולגאַרישער רב ד״ר ערענפּרייז האָט פאַר געאָרג בראַנדעסן אַנטפּלעקט די עקזיסטענץ פון אַ העברעאישער און יידישער ליטעראַטור (וואָס איז אים לגמרי נישט געווען באַקאַנט). דער רב האָט אים דערציילט וועגן יידישן לעבן, די נייע שטרעמונגען, ראַנגלעניש, און דערגרייכונגען — „אָבער איך בין אַ דענער!״ — האָט בראַנדעס אויסגערופן. „מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך באַמיט צו שרייבן פאַר דער פרייהייט פון דענעמאַרק, און איך וועל עס טאָן מיטן בלוט פון מיין האַרצן ביזן לעצטן אָטעם...״

— לאָמיר עס קלאָר מאַכן, שטרייכט אונטער דובנאָוו: געאָרג בראַנדעס, וואָס זיין ווירקלעכער נאָמען איז געאָרג מאָ־

ריס קאַהען, א כהן טאַקע, אַן אָפּשטאַמלער פון די יהודהשע כהנים האַלט פאַר זיין הייליקן חוב „צו מיען זיך ביזן לעצטן אָטעם" פאַר דענעמאַרק און פילט נישט, אַז ער האָט אַ חוב צו צאָלן זיין שטאַם, דעם אומעטום געפלאָגטן און געיאָגטן, אָפּט דערפאַר, וואָס ער וויל נישט־נאָר אויפגעבן זיין עקזיס־טענץ, נאָר איז פול מיט דראַנג נאָך ווידעראויפלעבונג.

„בראַנדעס אָבער האַלט פאַר זיין ערן־זאַך צו דינען מיט אַלע כוחות נישט דעם אין־בלוט־אָפּגעגאַנגענעם פאָלק, מיט וועלכן ער האָט אַ שטיקל קרובהשאַפט, נאָר דעם פאַרהעלטניש־מעסיק, גליקלעך־רואיקן דענעמאַרק... ער האָט זיך אויסגע־לערנט אַזוי פיל אַלטע און נייע שפּראַכן, אָבער נישט די יידישע שפּראַך און אויך נישט דאָס לשון פון זיינע אור־אבות מיט די אוניווערסאַלע שאַפונגען".

דובנאָוו האָט געשליידערט אין דער אַסימילאַציע טראַגישעביישפּילן פון דייטשלאַנדס שטיפקינדער... ער דערמאָנט דעם דייטש־יידישן פּאָעט לודוויק יאַקובאָווסקי, וועלכער האָט אין זיינעם אַ ראָמאַן אַרויסגעבראַכט די צעבראָכענע לעבנס פון די יידישע אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיטן נאַ־ציאָנאַלן געפיל. פון יידנטום אַוועק און אין גערמאַנטום נישט אַריין... (די טירן זענען געווען צוגעקלאַפּט פאַר זיי...).

א צווייטער דיכטער בערטאָלד אויערבאַך האָט ערשט אויפן טויטן־בעט געמאַכט זיין (יידישן) חשבון־הנפש: „אָט אַזוי האָסטו אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן, ווי א דייטש, צוגעטראָגן א גאַנצן שיכט קולטור דעם דייטשן פאָלק און געבליבן אַן אויסעוויי־ניקסטער".

די יאַקובאָווסקיס און אויערבאַכס — אַנצורופן נאָר אַ פּאָר — האָבן נישט געזוכט קיין ליבע און באַפרידיקונג אין דער אַרבעט פאַרן אייגענעם פאָלק. זיי האָבן שווער געהאָרעוועט צו באַפרייען זיך פון יידישן נאָמען און גורל... געקלאַפּט אין פרעמדע טירן, אנשטאָט צו עפענען אַ טיר צום אייגענעם שטאַם... („וואָס גיסטו מיר דייטשלאַנד פאַר מיינע רייכע גע־שאַנקען?" — רופט אויס יאַקובאָווסקי. „וואָס שענקסטו דיינע קינדער? — ביים לעבן אַ הויפן זאַמד און זאַמד אויך צום באַ־גראָבן"...)

*

ליבשאַפט, לאָיאַליטעט צים יניקה פון אייגענע קוואַלן, פון אייגענער געשיכטע. קינדער דאַרפן האָבן זיידעס און באָבעס, דאַרפן האָבן הינטער זיך געשיכטע פון דורות. אַלס יידן האָבן זיי הינטער זיך א הונדערט דורות, אַלס דייטשן — דער ערשטער דור...

— אָבער פאַרוואָס נישט קולטור־פּלוראַליזם? האָט מען דובנאָוון געפרעגט. און כדי צו באַווייזן, אַז אַסימילאַציע איז נישט קיין קולטור־פּלוראַליזם (אָדער דואַליזם), ברענגט דובנאָוו אַ ביישפּיל פון אונדזער אַן אַלטער געשיכטע, וואָס איז פאָרגעקומען אין שומרון.

שומרון איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון דער פעניקישער קולטור. דער קעניג אחאב און די דינער פון בעל האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון נאַציאָנאַלן גאָט יעהאָוואַ. זיי האָבן נאָר לעבן יעהאָוואַן אָוועקגעשטעלט בעל און נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז מען קען נישט צונויפמישןביידע קולטן. אַז יעהאָוואַ איז דער סימבאָל פון נאַציאָנאַלער קולטור־עוואָלוציע און בעל — פון אַסימילאַציע.

אליהו און זיין פאַרטיי — די נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ פון יענער צייט — האָט פאַרשטאַנען די גאַנצע סכנה (און אומזין) פון אַזאַ דואַליזם, און ער האָט זיך געווענדט צו די קעגנער:

— ביז וואַנען וועט איר אַרומשפּרינגען צווישן ביידע שוועלן? צווישן די טעמפּלען פון יעהאָוואַ און בעל? אויב יעהאָוואַ איז גאָט — גייט נאָך אים; אויב בעל איז — טאָ גייט נאָך בעל״.

מיט שטאַרקן פּאַטאָס און טעמפּעראַמענט שרייט דובנאָוו אויס צו די יידיש־אַסימילאַטאָרישע עלטערן:

— „אייערע קינדער וועלן אייך דאַרפן אָנקלאָגן פאַרן הויכן געריכט פון דער יידישער געשיכטע. איר האָט פון זייער צונג אַרויסגעריסן שפּראַך און קולטור. וועגן יידישקייט מיט זיי נישט גערעדט; און ווען יאָ דערמאָנט, איז וועגן עפּעס אָפּגעלעבטס, ביי וועלכעס עס האַלט זיך די פינצטערע מאַסע, אָבער נישט די געבילדעטע, וואָס נעמען איבער די רייכע קולטור פון הערשנדן פאָלק. אייערע קינדער האָבן געלערנט פּוש־

קינען און נישט געוואוסט וועגן דער פּאָעזיע פון תהילים, שיר־השירים, יהודה הלוי, אָדער פון דער נייער יידישער און העב־רעאישער ליטעראַטור...

„זיי האָבן געלייענט און געלערנט די געשיכטע פון אַלע פעלקער, אָבער נישט פון אייגענעם פאָלק... קעגן אַזעלכע ווי איר האָט דער נביא געדונערט: „די זין דיינע און טעכטער זע־נען אַוועקגעגעבן געוואָרן צו אַן אַנדער פאָלק...״

איך האָב געבראַכט אייניקע ציטאַטן פון דובנאָווס פובלי־ציסטישער פעדער צו ווייזן ווי צאַפּלדיק־פריש עס קלינגען אָפּ זיינעביישפּילן און אַרגומענטן. און זייער אַקטועלקייט! — עס ליגט דאָך ממש אויף זיי דער טוי פונעם היינט! פון יענער צייט — ווען ער האָט עס געשריבן — ביז היינט, זענען וועלטן חרוב געוואָרן! די ערד איז געוואָרן אויסגעווייקט מיט בלוט — מיט אַזוי פיל יידיש בלוט! — אָבער דער פּראָבלעם פון אַסימילאַציע איז נישט געוואָרן פאַרעלטערט, און ער גייט נישט אַראָפּ פון אונדזער סדר־היום.

— איר זוכט אַן אינהאַלט, אַן אידעאַל? — פרעגט דובנאָוו די אָפּגעפרעמדטע יידן, — אָט האָט איר אַ קאָנקרעטן אידעאַל וואָס וועט אייך צוריקפירן צו אַ נאָרמאַלן לעבן. מען קען צו אייך אָנווענדן די ווערטער פון אונדזער גרויסן לערער:

— „דאָס געבאָט וואָס איך גיב דיר איז נישט אומצוטריט־לעך פאַר דיר און איז נישט ווייט פון דיר... — — — נאָענט פון דיר איז די זאַך און פון די לעפצן דיינע און פון דעם האַרץ דיינעם איז געווענדט עס מקיים צו זיין״...

(דברים ל, י״א י״ד).

*

די יידישע אַסימילאַטאָרן האָבן געפּרואווט אָפּשלאָגן זיינע טענות מיטן אַרגומענט, אַז יידן דאַרפן זיך נישט האַלטן פאַר אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק, נאָר דאַרפן זיך צונויפגיסן מיט די אַרומיקע, מער רייכערע און קולטורעלע פעלקער. אויף זיי, האָט דובנאָוו צוריקגעשליידערט זיינע שפּיציקסטע פיילן:

— „עס דאַרפן רויט ווערן פאַר בושה די וואָס וואַגן צו זאָגן, אַז דער וועטעראַן פון דער געשיכטע, פאַר וועמענס אויגן ס׳איז דורכגעגאַנגען גאַנץ אייראָפּע פון באַרבאַריי ביז ציווי־

ליזאַציע; דער וועלכער האָט פאַרבייגייענדיק אַ וואָרף געטאָן: דער מענטשהייט צווי רעליגיעס און זיך ווייטער געגאַנגען שטאָלץ זיין אייגענעם וועג, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק מוז פאַרלירן זיין אינדיווידואַליטעט און זיך אַסימילירן מיט פעלקער פון אַ יינגערער און וויניקער אויסגעפּראוווטער קולטור...״

*

דובנאָוו דער פּובליציסט האָט מלחמה געהאַלטן אויף רעכטס און אויף לינקס. געקעמפט האָט ער נישט נאָר מיט די וואָרטזאָגער פון אַסימילירטן לאַגער, נאָר אויך מיטן ציוניס־טישן.

ער האָט זייער שאַרף אַטאַקירט דעם אָרטאָדאָקסאַלן ציוני־סטישן אידעאָלאָג — ד״ר פּינסקער, וועלכער האָט פאַרטיי־דיקט די פאַלשע הנחה, אַז דאָס יידנטום האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי אַ פאָלק נאָכן פאַרלירן די אייגענע מלוכה; — פון דאַמאָלסט אָן, האָט פּינסקער געשריבן, פירט דאָס פאָלק אַ הינטיש־קנעכטיש לעבן, אויסגעהוילט פון כבוד און יעדן אי־דעאַל. בעת אַנדערע פעלקער האַלטן טייער זייער לעבן צוליב זייער גייסטיק־מאָראַלישן אינהאַלט״...

(זע „בריוו פון אַלטן און נייעם יידנטום״, ז׳ 196)

— „מען דאַרף האָבן מוט, — שרייט אויס אָן אויפגערעג־טער דובנאָוו, — פאַרצוואַרפן אַ פאָלק, וואָס קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר וואָגלט עס אַרום און גייט אויף קידוש־השם צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פון זיין פּאָן; אַ פאָלק, וואָס באַווייזט וואונדערלעכע גבורה פון מאָראַלישער הויכקייט כדי אויפצו־האַלטן זיין גייסטיקן אידעאַל, איז אָט דאָס פאָלק קען זיך נישט פאַרגלייכן מיט אַנדערע „אין גייסטיק־מאָראַלישן אינהאַלט?״

— „ווי אַנדערש, — באַמערקט דובנאָוו, — האָבן די גרוי־סע גייסטער — נישט־יידן — געקוקט אויפן מאַרטירער־פאָלק:״ ער ברענגט אַ ביישפּיל — אַ ציטאַטע פון ענגלישן פּאָעט לאָרד בייראָן, (פון זיינע „יידישע מעלאָדיעס״), וואו דער געפּייניקטער ייד זאָגט צום אינקוויזיטאָר:

— „וואָלט איך געווען, ווי דו זאָגסט, פאַלש אין האַרצן, וואָלט איך איצט נישט אומגעבלאָנקעט ווייט פון גליל: ווען איך

וואָלט זיך נאָר אָפּגעזאָגט פון דער אמונה פון מיינע אבות וואָלט איך גלייך אָפּגעטרייסלט פון זיך די קללה פון דורות".

„אויב זיין געדרודפט אין דער וועלט מיינט — לויט דיר — זיין אָפּגעשטויסן פון הימל — טאָ לעב זיך דו מיט דיין אמונה און איך וועל שטאַרבן מיט מיינער... אין גאָטס האַנט איז מיין האַרץ און האָפענונג, אין דיינער — נאָר מיין לאַנד און לעבן, וואָס איך בין מקריב אין זיין נאָמען..."

דער נישט־ייִד — בייראָן — האָט מיט זיין פּאָעטישן חוש דערשפּירט די אינערלעכע שיינקייט און שטאָלצע אומאָפּהענגי־קייט פון ייִדישן גייסט און זיין שטאַנדהאַפטיקייט. ער האָט געוואוסט, אַז צווישן די אויבערשטע שיכטן פון שפּאַנישן אדל זענען פאַראַן פיל, וואָס שטאַמען פון געוועזענע מאַראַנען (וועל־כע האָבן זיך געשמדט כדי פּטור צו ווערן פונעם ייִדישן גורל...), אָבער דער גרויסער פּאָעט האָט זיך אין זיינע וואַנדערונגען אויך געטראָפן מיט די אור־אייניקלעך פון די אַרויסגעטריבענע שפּאַנישע ייִדן, וואָס פאַרקויפן אַלטוואַרג און גרינוואַרג אויף די מערק אין מיטל־אַזיע, נאָר דערפאַר, וואָס זייערע אור־על־טערן האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זייער אמונה... זיי האָבן דאָך אויך געקענט זיין שפּאַנישע אדל־לייט! — קען מען פאַר־וואַרפן דעם ייִדישן פאָלק, אַז „עס קלאַמערט זיך אין אַ לעבן אָן אידעאַלן, אויסגעהוילט פון ווירדע, אָן אַ גייסטיק־מאָראַ־לישן אינהאַלט?..."

*

דובנאָוו האָט געוואוינט אַ געוויסע צייט אין אָדעס, און דאָרט געוואָרן אינטים באַפריינדעט מיט אחד העם און מיט פיל אַנדערע פון „חכמי־אָדעס". (צו וועלכע עס האָבן געהערט: ביאַליק, ראַווניצקי, מענדעלע, בן־עמי און אנד.). ער האָט מיט אחד־העמען געפירט אַ גרויסן וויכוח — בכתב און בעל־פּה — אַרום חיוב־הגליות אָדער שלילת־הגליות. דער שטרייט פאַר־מאָגט די פרישקייט פון אונדזער היינטיקער פּובליציסטיק אַרום דער אַקצעפּטירונג פון אַ נאַציאָנאַל־ייִדיש לעבן אין דער דיאַס־פּאָראַ.

דובנאָוו האָט באַטאָנט, אַז גלות איז אַ שטענדיקע דער־שיינונג, אַ געשיכטלעך־געגעבענע און כאָטש „אין יעדן ייִדנס

האַרץ איז דאָ אַ הייס געפּיל פאַר א״י. אָבער ביי דער גרויסער מערהייט פון פאָלק רירן זיך נישט די פיס פון אָרט...״ אונדזער אַלעמענס חוב איז צוצוגעבן חיזוק און קראַפט דעם נאַציאָנאַלן לעבן אין גלות. ער האָט אויך אין שאַרפע ווערטער אונטער־געשטראָכן די אוממעגלעכקייט צו העברעאיזירן דעם גלות... אַז געווינען וועלן פון דעם נאָר די לאַנד־שפּראַכן (וועלכע וועלן אַרויסשטויסן סיי העברעאיש און יידיש).

עס איז נויטיק דאָ צו באַמערקן, אַז דובנאָוו איז אין דער שפּראַכן־פראַגע געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון מאָניזם. (ער האָט זיינע ווערק געשריבן אין רוסיש). ווען מענדעלע און אחד־העם פלעגן טענהן צו אים, אַז נאָר אין אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך קען אויפגעהיט ווערן זיין גייסטיקע ירושה, פלעגט זיי דובנאָוו ענטפערן מיט הלצה: „ווען מען לעבט אָפּ אַזאַ לאַנגע צייט מיט אַ גוייש ווייב און מען האָט מיט איר אַ כאָפּטע קינדער איז נישט אַזוי לייכט זיך צו גטן...״

ערנסט גענומען, איז זיין שטאַנדפּונקט געווען: „בכל לשון שאתה שומע״ — נישט שפּראַך נאָר אינהאַלט באַשטימט די נאַ־ציאָנאַל־קולטורעלע אָנגעהעריקייט פון אַ שרייבער.

קען איך אויך דעם אָרט נישט אויפנעמען די דיסקוסיע צי יידישער אינהאַלט אין ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש אָדער רוסיש — פון אַ ווערק — קען צוגערעכנט ווערן צו דער יידישער ליטעראַטור. (אָדער אַפילו: ליטעראַטור ביי יידן). די געשיכט־לעכע דערפאַרונג לערנט אונדז — און איך וועל נעמען טאַקע דובנאָוון אַליין אַלס ביישפּיל — אַז די ווערק זיינע וואָס זענען אַרויס אין רוסיש און דייטש, זענען ווי פאַרגעסן געוואָרן! און גראַד די, וואָס זענען אין די נאַציאָנאַלע שפּראַכן, זענען פאַרבליבן לעבעדיק און פריש. זיי זענען געוואָרן אַן אינטעגראַ־לער טייל פון די גייסטיקע פאָלקס־אוצרות.

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, אַז הגם דובנאָוו האָט גע־האַלטן פון פּרינציפּ „בכל לשון שאתה שומע״, האָט ער אין באַצוג צום יידיש־לשון טיף געגלויבט אין זיין נאַציאָנאַל־שע־פערישער ראָל פאַרן קיום פון יידישן פאָלקס־לעבן. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ער געזען אַ שטאַרקן כלי־זין מחזק צו זיין די נאַציאָנאַלע שעפערישקייט. זיין ליבלינג־שרייבער איז געווען שלום־עליכם. און פון זיין ערשטער דערציילונג אַן

(„דאָס מעסערל”) האָט ער פּאַראויסגעזען זיין פּאָטענציעלע קינסטלערישע קראַפט. (ביים שרייבן די ווערטער קומט אויפן זכרון דובנאָווס רירנדער הספד וועגן שלום־עליכמען אין 1916: „וויפיל חכמה עס איז געווען פאַרבאָרגן אין דער מענטשלעכער פשטות פון זיינע געשטאַלטן”).

דובנאָוו — דער מענטש...

איך האָב אויספירלעך אַנאַליזירט דובנאָווס וויסנשאַפטלעכע ווערק און זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף זיין פּובליציסטישער טע־טיקייט. איין געביט — זיין פּאָליטישע אַקטיווויטעט — לאָז איך אַרויס — עס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

איך קען אָבער נישט פאַרענדיקן אָט די מאָנאָגראַפישע אָפּהאַנדלונג אָן איניקע באַמערקונגען וועגן זיינע פּערזענלעכע מידות, וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ אָרעאָל אַרום זיין פּער־זענלעכקייט.

ער האָט זיכער געוואוסט זיין אייגן ווערט, אָבער ווי יעדער עכטער, גרויסער מענטש, האָט ער זיך געהאַלטן באַשיידן, מיטווירדיקער פשטות. נישט אַרויסגערוקט אויבן־אָן זיין פּערזאָן און זיין „איך”. פון זיין גאַנצן וועזן האָט אַרויסגעשטראַלט פשטות.

אין פּערזענלעכע באַציאונגען איז ער געווען אַן עכטער „דזשענטעלמאַן”. אַ שאַרפער פּאָלעמיקער לשם־שמים, זיך איינ־געשטעלט פאַר זיינע אמתן און פּרינציפּן, אָבער קיינמאָל פּער־זענלעך קיינעם נישט אַטאַקירט. אַלע, וואָס זענען געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט און אים פּערזענלעך געקענט, דערציילן אַזוי פיל גוטס וועגן אים. (און וועגן זיין טיפער מענטשלעכקייט).

מען זאָגט געוויינלעך, אַז אַ שווער לעבן רופט אַרויס אינעם מענטש כאַראַקטער־קאָמפּלעקסן. דובנאָווס לעבנס־שטייגער איז אַן אָפּלייקענונג פון דער הנחה...

שווער איז געווען זיין לעבן, יאָרן פול מיט נויט, שווערע איבערלעבונגען, ראַנגלענישן... אָבער פונקט, ווי זיין זיידע, (ר' בן־ציון), האָט ער עס אויפגענומען מיט טיפן אויסדויער און בטחון. די מקורבים זיינע האָבן אים באַצייכנט אַלס צדיק אין שענסטן, עטישסטן און מענטשלעכסטן זין פון עם וואָרט.

איבער פערציק יאָר האָט ער געלעבט אין פעטערבורג, אַן עדות געווען פון די ליידן און האָפענונגען, וויזיעס, חלומות פון רוסישן יידנטום...

ביים אויסברוך פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערע־ניש, ווען אַזוי פיל ניכטערנע קעפּ זענען פאַרשיכורט געוואָרן — האָט ער ווי נביאות געזאָגט, אַז אויף דעם באָדן פון באָלשע־וויזם וועט קיין יידיש לעבן און קולטור נישט געדייען... נאָך אַ צייט פריער איז פון זיין פעדער אַרויס די באַדייטנספולע וואָרנונג וועגן צווייערליי אינקוויזיציעס אין רוסלאַנד: —

— די אינקוויזיציע פון רעכטלאָזיקייט פאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך און די פּאָגראָם־אינקוויזיציע פאַר דער אויסערגעוויינ־לעכער פּאַרטיליקונג... ממש נביאיש זענען זיינע ווערטער (גע־שריבן בעת די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד):

— „אַ פאָלק קען נאָך וואוינען אויף דעם באָדן, וואָס איז אויסגעווייקט אין זיין בלוט, אָבער נישט זייט ביי זייט מיט זיינע מערדער". (אָט די ווערטער רופן אַרויס אַ סך אַסאָציאַ־ציעס וועגן די פּרואוון פון א יידיש לעבן אויפן באָדן פון אונ־דזער שעכט־הויז...)

אין 1922 איז דובנאָוו אַוועק פון לענינגראַד; פאַרלאָזן די שטאָט, אין וועלכער ער איז אָנגעקומען „מיט אַ סך מחשבות אין קאָפּ און אַזוי פיל פייער אין האַרצן". דורך דער צייט האָבן זיך זיינע גייסטיקע שטורעמס איינגעשטילט; דער קערפּער איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט (צוליב די שווערע הונגער־יאָרן אין רוס־לאַנד בעת דער רעוואָלוציע), פיזיש מיד, אָבער גייסטיק פריש — און מיט באַנייטע כוחות — האָט דובנאָוו גענומען פאָרזעצן אין בערלין זיין וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע טעטיקייט.

ער שרייבט איבער זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" וואָס ווערט איבערגעזעצט אין אַנדערע שפּראַכן. ער פאַרענ־דיקט זיין גרויס ווערק וועגן דער געשיכטע פון חסידיזם; שרייבט אָן אַ וואָגיק ווערק „פון זשאַרגאָן צו יידיש" און גיט אַרויס לערן־ביכער פאַר דער יידישער שול.

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען דער האַריזאָנט איז פינצ־טערער געוואָרן, האָט דער היסטאָריקער געזוכט אַ באַשייד פאַר זיין צייט: „וואוהין גייען מיר?" און ער ענטפערט: — „די ליניע פון דער געשיכטע איז אַוועק אין אַ ריכטונג, וואָס פירט צום

אויסגאַנגס־פּונקט פון פינצטערן עבר. דער קרייז האָט זיך געשלאָסן. דער סוף איז זיך צוזאַמענגעקומען מיטן אָנהויב: ווהין פירט עס? — צו א בין־השמשות, אָדער צו אַ נייער תקופה?..."

דער ייד אין דעם היסטאָריקער האָט אויפגעהאַלטן זיין בטחון — „מיר זענען דאָך קינדער פון אַן אַלט פאָלק. מיר הויבן דאָך נישט אָן איצט דעם ערשטן אַקט פון אונדזער געשיכטלע־כער דראַמע. טאָ לאָמיר זען צי מיר האָבן עפּעס ענלעכס נישט דורכגעלעבט פריער".

פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג האָט ער באַקומען דרינגענדע בריוו און ווענדונגען פון אַ ריי ישובים צו קומען זיך באַזעצן ביי זיי. ער האָט געהאַט אַ וויזע קיין אַמעריקע, אָבער זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן — נישט בלויז צוליב זיין טיפן עלטער, נאָר: „א יידישער שרייבער דאַרף פאַרבלייבן מיט זיינע ברידער אין אַן עת־צרה און טיילן זייער גורל".

אין אָנהויב פון חורבן בלויז געלעבט דורך דעם אימפּעט פון זיין ארבעט, און צו זיך אַליין געזאָגט: „צי איז דאָס נישט אויסטערליש, ווען אַ וועלט גייט אונטער?... ניין, דאָס זאָגט עדות וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון גייסט, וואָס באַוועגט אונדז צו זוכן אַ רעטונג אין גייסט, אין דעם, וואָס איז נישט צעשטערבאַר אין פייער פון חורבן"...

*

ער איז אומגעקומען אין ריגע (לעטלאַנד), און עס זענען דאָ פאַרשידענע ווערסיעס וועגן זיין לעצטן גאַנג...

אין ווערסיע: אויף דער נאַכט פון 7־טן אויפן 8־טן דע־צעמבער 1941, האָבן די געשטאַפּאָ־רוצחים אומגעבראַכט אַ העלפט פון ריגער געטאָ. דובנאָוו איז מיט הויכער היץ אַרויס־געטריבן געוואָרן אויף דער גאַס (פון אַ מושב־זקנים) און נישט קענענדיק שנעל איינשטייגן אין אויטאָבוס איז ער אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן דורך אַ לעטישן „שוצמאַן". (ווי געזאָגט, זענען אויך דאָ אַנדערע ווערסיעס וועגן זיין אומקום).

נאָך פאַר דעם האָט מען דעם גרייז־גראָען היסטאָריקער געטריבן אויף אַ פאַרהער אין געשטאַפּאָ, וואו מען האָט אים

געפֿייניקט עטלעכע טעג און נאכער אַרויסגעלאָזט. ער האָט וועגן די פֿאַרהערן נישט געוואָלט רעדן, נאָר בלויז באַמערקט, אַז אַזעלכע אוממענטשן זעט ער אין זיין לעבן צום ערשטן מאָל...

*

דורך זיינע מאָנומענטאַלע היסטאָרישע אַרבעטן, האָט דובנאָוו אונדז איבערגעלאָזן אַ שליסל נישט בלויז צום עבר, נאָר אויך צום הוה און עתיד... און געלערנט האָט ער אונדז, אַז די גאַנצע יידישע געשיכטע איז אַן אומאויפהערלעכע מלחמה פֿאַר קיום־האומה. אין דעם שטעקט אי טראַגיזם, אי דערהויבענער העראָאיזם... אויך באַטאָנט: — אַז אונדזער היסטאָריש לעבן איז נישט אָפּהענגיק פון יענע דרויסנדע כוחות, וואָס דריקן אונדז, נאָר פון אונדז אַליין, פון אונדזערע קאָנקרעטע מעשים, וועלכע מוזן זיין באַהויכט מיט פּערזענלעכן אידעאַליזם און קרבנות־גרייטקייט.

ער האָט אונדז געלערנט, אַז אונדזער פֿאָלק פֿאַרמאָגט די אייגנשאַפֿטן פון פויגל און בוים: פון פויגל — וואָס וואַנדערט פון אָרט צו אָרט, פון לאַנד צו לאַנד. און פון בוים — וואָס קען זיך איינוואָרצלען אינעם נייעם באָדן, שלאָגן טיפֿע וואָרצלען און אויפסנייַ זיך באַדעקן מיט צווייגן און גרינע בלעטער...

— געלערנט, אַז נאָך דער טראַגישער שקיעה פון דער מזרח־אייראָפּעאישער תקופה — דעם גרעסטן חורבן אין אונדזער געשיכטע — וועט קומען אַ נייע תקופה פון ווידער־אויפבוי; און פון אונדזערע אָנשטרענגונגען וועט זיין אָפּהענגיק מיר זאָלן קאָנען זיין די יורשים און בויער פון אונדזער היסטאָרישער עוואָלוציע, וואָס פֿאַרבינדט — אין איין גאָלדענער קייט — דאָס אַלטע און נייע יידנטום.

צווייטער טייל

מאָנאָגראַפיעס און עסייען

באָריס פּאַסטערנאַק — דער גרויסער שווייגער פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור

אויפן ערשטן סאָוויעטישן שרייבער־קאָנגרעס (1934) האָט איסאַק באַבעל דערקלערט, אַז ער איז דער שעפער פון אַ נייעם זשאַנער אין דער ליטעראַטור — דער זשאַנער פון שווייגן...

פּאַסטערנאַקס פּאָעטישע וואָרצלען

זיינע וואָרצלען שטעקן טיף אינעם באָדן פון פּושקין און לערמאָנטאָוו, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט די ערשטע שטאָקן פונעם גייסטיקן בנין אין רוסלאַנד. נישט לאַנג־וואַרטנדיק זענען צוגעקומען די העכערע גאָרנס — די עפּאָכע־מאַכנדיקע, גרויסע רוסישע פּראָזע און פּאָעזיע.

שנעל יאָגנדיק, איינער נאָכן אַנדערן — ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן — זענען זיי געקומען, די גרויסע רוסישע גייסטער און האָבן פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט זייערע אַנטדעקונגען פון דער מענטשלעכער נשמה בכלל, און פון דער רוסישער בפרט.

— אָן זיי, האָט ריכטיק באַמערקט מאַסאַריק, וואָס וואָלטן מיר דען געוואוסט פונעם רוסישן מענטש? „רוסלאַנדס פּאָעטן זענען אירע דענקער, אָן זיי איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין דאָס רוסישע לעבן".

ווי אַ לעבעדיקער וואולקאַן האָט זיך דער שעפערישער פייער פונעם רוסישן זשעני אַ ריס געטאָן אין נייַנצנטן יאָר־הונדערט. זיין מעכטיקער פלאַם האָט דורכגעלויכטן די רוסישע

נשמה, ווי דעם פּייזאַזש פון דער רוסישער נאַטור. אָפּט,ביידע צוזויפגעגאָסן אין פּרעציזער האַרמאָניע.

עס איז זיכער נישט לייכט צו דערקלערן די גרויסע שפע פון רוסישע קינסטלער אין יענער עפּאָכע. ווער ווייס צי וועט מען בכלל געפינען אַ שליסל צו דער מיסטעריע פון שעפערישן פייער, וועלכער רייסט זיך אַרויס מיט אַזאַ אימפּעט אין געוויסע עפּאָכעס און פאַרגיסט מיט זיינע פייער־צונגען דעם גאַנצן אַרום.

אַזאַ דערשיינונג האָבן מיר געהאַט אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע, ווען דער מענטשלעכער זשעני האָט זיך אַזוי עשירותדיק צעלויכטן אין מאָלעריי, אַרכיטעקטור, אָדער אין נײַנצנטן יאָר־הונדערט — אין דער גרויסער שפע מוזיקאַלישע גאונים און ליטעראַרישע ריזן (די לעצטע — ספּעציעל אין רוסלאַנד).

ווען מען הויבט אָן אויסרעכענען די גרויסע צאָל גייסטער אינעם רוסלאַנד פון פאַריקן יאָרהונדערט — פאַרכאַפּט אַזש דער אָטעם: פּושקין, גאָגאָל, לערמאָנטאָוו, דאָסטאָיעווסקי, טור־געניעוו, טאָלסטאָי, טשעכאָוו און נאָך אַנדערע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די רוסישע ליטעראַטור צו די הימאַ־לאַיען־שפּיצן פון דער וועלט־ליטעראַטור, אין אַ פאַרהעלטעניש־מעסיק זייער קורצער צייט.

מיטן טויט פון אַנטאָן טשעכאָוו האָט זיך געדוכטן, אַז ס'איז אַוועק דער לעצטער פון די ריזן — דער לעצטער רינג האָט זיך אָפּגעריסן פון דער גרויסער גייסטיקער קייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פּושקין־לערמאָנטאָוו.

דאָס איז אָבער געווען אַ טעות. מיט אַ נייער לאַווע זענען אַרויסגעקומען אַזעלכע פּאָעטישע פייער־שפּריצן, ווי אַלעקסאַנ־דער בלאָק, סערגעי יעסענין, אַלעקסאַנדער מאַיאַקאָווסקי און באָריס פּאַסטערנאַק — צו דערמאָנען נאָר די „גרויסע פיר" פּאָעטישע ריזן וועלכע זענען אַריין אין פּרדס פון דער רו־סישער ליטעראַטור אין דער גרויסער איבערברוך־עפּאָכע.

*

סערגעי יעסענין, שטאַמענדיק פון פּויערים, איז געקומען אין דער רוסישער דיכטונג, ווי אַ פּויער־פּאָעט־נביא. ער האָט דאָס רוסישע דאָרף און די פּויערישע לאַנדשאַפט אַריינגעבראַכט אין דעם צענטער פון דער רוסישער דיכטונג און מיט אַ זעל־

טענער פּאָעטישער קראַפט באַלעבט און פאַרמענטשלעכט די נאַטור. מער נאָך: ער האָט אַרויפגעלייגט אַ דאָרפיש־פויערישן חותם אויפן גאַנצן קאָסמאָס און געזונגען וועגן זיך — „כ'בין פון דאָרף דער לעצטער פּאָעט״.

אין זיינע לידער מאָלט ער דעם ריאַזאַנער דאָרף, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, די פויערישע כאַטע, די איקאָנע און טאַטע־מאַמע „וואָס שפּייען זיך אויס אויף אַלע מיינע לידער״. ער דערציילט וועגן זיין זיידן, וואָס איז נישט געווען צופרידן ווען דער זעכצניאָריקער סערגעי האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער... לסוף אים אָנגעזאָגט: „אויב עס ציט — שרייב וועגן קאָרן, ליין, נאָר וועגן שקאַפעס — מער״. (אונטערן וואָרט „שקאַפעס״ גע־מיינט — די שוואַר־פאַרהאָרעוועטע פויערים).

יעסענין האָט זיין פּאָעטישע גבורה געצויגן פון זיין דאָר־פישן יחוס־בריוו. ער האָט שטאַרק שטאָלצירט מיט זיין פויע־רישן אָפּשטאַם און דערמאָנט אַז:

— „אין דאָרפישן גרוב האָט געלעבט אַ יינגל
אין אַ פּראָסטער פויערישער שטוב,
און ער איז אויסגעוואַקסן, אַ פּאָעט געוואָרן״.

ער איז געוואָרן אַ ליריקער־בונטאַר מיט אַן אייגן פּנים, וואָס איז אָבער שפּעטער צעקרומט געוואָרן פון שטאָטישן לעבן. מיט שטאָלץ זינגט ער אויס: „ס'איז דער פאָטער מיין אַ פויער, נו, און איך — אַ פויעריונג״. און ווען ער איז אַפילו אַוועק אין שטאָט, איז ער ווייטער פאַרבליבן „פון דאָרף אַ טרוימער אין קרוין־שטאָט בין געוואָרן״.

ער האָט געטרוימט, אַז דאָס אַנדערשדיקע, שטאָטישע לעבן וועט „מיך אָנפילן מיט נייער קראַפט, ווי עס האָט פריער די ליבע רוסישע שקאַפע צום רום געבראַכט אין דיכטערישן האַפט״.

אין פעטערבורג האָט ער זיך באַקאַנט מיט בלאָקן, ביעלין און אַנדערע דיכטער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט (אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציע) אויף דער זייט פון „אָקטאָבער״. אין זיין פּאָעמע „אינאָניאַ״ (געווידמעט דעם נביא ירמיהו) שטורעמט יעסענין די הימלען:

„איך וועל פאַרן אומקום זיך נישט דערשרעקן... דאָס רעדט
לויט דער ביבל אַזוי, דער נביא יעסענין סערגיי... איך

וועל מיינע הענט צו לבנה אויסשפּרייטן, צעבייסן וועל זי, ווי אַ נוס, מיט די ציין. איך וויל נישט קיין הימלען אָן אַ לייטער... — — — צו דער וועלט אויף שקאַפּע נייער גואל פּאַרט, מאַכט — איז אונדזער גלויבן, אין אונדז — אונדזער וואָר".

זיין האָפערדיקייט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער פּאָעט האָט דערהערט (אין זיין פּאָעמע „רעקוויעם") דעם שאַלן פון אומקום; דערהערט דעם „אלילויאַ" — „אויפן אייגענעם לאַנדס אָפּשטאַרבן..." יעסענין, דער פּויער־פּאָעט האָט נישט געקענט מסכים זיין מיט דעם אַלעם, וואָס ער האָט געזען און געפילט אינעם „אָקטאָבער". די רעוואָלוציע האָט לייכט צעשטערט דאָס אַלטע, אָבער נישט געבויט דאָס נייע... דער דיכטער פירט זיינע אינערלעכע חשבונות מיט זיך און מיט דער צייט:

„איך שעם זיך, וואָס איך האָב געגלויבט אין גאָט
און ביטער איז מיר וואָס איך גלויב נישט מער..."

נאָך מער ווערט אָבער זיין לאַגע קאָמפּליצירט, ווען דער נייער רעזשים פאָדערט פון אים ער זאָל אויסרייסן דעם עבר פון זיין געדעכעניש און מיטגיין מיטן שטראָם פון דער רע־וואָלוציע, ער זאָל זיין לירע שטעלן אין דינסט פון „אָקטאָבער".

יעסענין זאָגט זיך אָפּ:

„דאָס גאַנצע האַרץ וועל איך אָפּגעבן דעם מאַי און אָקטאָבער און נאָר מיין ליבע לירע אָפּגעבן וועל איך נישט. — — איך וועל גיין אַליין צו אומבאַוואוסטע ענדן מיט מיין בונטאַרן־האַרץ אויף אייביק ווערן שטיל... ווען ס'וועלן שקר, אומעטום זיין פאַרביי, וועל איך באַזינגען מיטן גאַנצן וועזן פון פּאָעט דאָס זעקסטל פון דער ערד".

אין זיין געדיכט „דאָס אָפּגייענדיקע רוסלאַנד" **דערקלערט ער:**

„כ'באַשולדיק די סאָוועטן־מאַכט, און בין דערפאַר פון איר באַליידיקט, וואָס נישט דערזען איך האָב אין פרעמדער שלאַכט מיין יוגנט ליכטיקע און פריידיק... כ'בין נישט קיין נייער מענטש! צו וואָס פאַרהוילן? אין דער פאַרגאַנגענהייט מיט איין פוס איך שטעק, און

שטרשבנדיק דעריאָגן דעם רעגימענט פון שטאָל, איך גליטש
זיך אויס אין וועג, און מיטן צווייטן פוס — איך פאַל״.
(די איבערזעצונגען אין יידיש דורך עזרא קאַרמאַן.)

אין זעלבן ליד דערציילט ער וועגן זיין אומעט אינעם פריי־לעכן ברויזן. מיט סאַרקאַזם גיט ער איבער די טענות פון „פויערשער באַרוועס״:

„ס׳איז אונדז צום האַרצן דאָס לעבן מיט דער ראַטן־מאכט... נאָר איצט אַ שטיקל סיץ״...

און דאָן מיט טרויער:

„צו וואָס געגאַרן! איך בין פאַראורטיילט פון דער צייט צו זיין דאָס מיסט...״

יעסענין האָט זיך נישט געלאָזט רעגימענטירן. זיין לעבן אין דער קרוינשטאָט איז געווען פול מיט בענקשאַפט צום דאָרף. ער „באַגריסט פון דער ווייט אַ יעדע קו פון יאַטקע אויף דער שילד״. **ער איז זיך מודה אַז** „כ׳האָב פאַרגעסן נאָר, אַז איך בין אַ פויער און דערצייל עס איצטער אויס אַליין... בין איך דען נישט פרעמד צו מיין וואלד און פליין?״ **ער ברענגט אַרויס זיין טרויעריק געמיט** „ווי ס׳וואָלט וועד און וועמען דאָ באַדויערט, ווי ס׳וואָלט וועד פון היים זיך אָפּגעוואוינט״... **אין זיין גרויסער נאָסטאַלגיע צום דאָרף איז ער** „גרייט דעם עק פון יעדן פערד צו טראָגן, ווי דעם שלעפּ פון אַ כלהס חופה־קלייד״...

קעגן זיין ווילן איז ער אָפּגעריסן געוואָרן פון זיינע וואָרצ־לען, פון זיין דאָרפישן הינטערגרונט, וואָס איז געווען דער קוואַל פון זיין פּאָעטישער גבורה. ער איז געוואָרן אַ שטאָט־מענטש. אין אַ צילינדער־הוט און לאַקירטע שיך... „איך שטיי אין צי־לינדער, קיינער מיט מיר איז נישטאָ, איך בין אַליין, און אַ צעבראָכענער שפּיגל״. **אין זיין נידעריקן מצב־הרוח שעפּטשעט ער צו זיך און צו זיינע נאָענטע:** „פריינד, מיין פריינד, איך בין זייער און זייער קראַנק, און כ׳וויס נישט אַליין פון וואַנען אָט די קרענק, די טעמפּע״. **סימפּטאָמאַטיש איז זיין זאָג אין איי־נעם פון זיינע אויטאָביאָגראַפישע לידער:** „נאָר, אויב ס׳זענען שדים אין האַרצן געווען, איז הייסט, אַז מלאכים דאָרט האָבן געלעבט״. **היינט אָבער, איז אין האַרצן ביי אים פאַרבליבן בלויז ביטערניש:** — „פרייד, וואו ביסטו?״

יעסענין האָט איבערגעלעבט גרויסע, טראַגישע יסורים. ער האָט געפּרואווט פאַרגיסן זיין גרויסן צער, „די אויגן מיט ווײַן, כ׳זאָל נישט קוקן אין טראַגישן פּנים, אַנדערש טראַכטן אַ רגע כאָטש היינט". עס האָט אים גענאָגט אין האַרצן, ווען ער האָט געזען זיינע פויערים: „ס׳טוט זיי לייד, וואָס „אָקטאָבער" דער שטרענגער אָפּגענאַרט האָט זיי", און אַליין האָט ער אַ רעזיגנירטער געזונגען: „אַ פאַרפאַלענער כ׳בין, ווי איר אַלע, וועל צוריק שוין נישט קענען איצט גיין" („די שענקאַרסקע מאָסקווע").

יעסענין האָט געפּרואווט זיך פאַרשיכורן מיט פּאָעזיע און ...דעם ביטערן טראָפּן. און כאָטש ער האָט צוגעזאָגט „כ׳וועל זיך אַליין נישט נעמען דאָס לעבן — האָט ער נישט געהאַלטן וואָרט. און אַזוי לאַנג פאַרגאָסן זיין נשמה מיט אַלקאָהאָל אין דער „שענקאַרסקער מאָסקווע" — ביז ער האָט זיך אָנגעטרונ־קען צום טויט און זיך אויפגעהאָנגען, איבערלאָזנדיק אַ „לעצט־געלט"־פּאָעמע אָנגעשריבן — בוכשטעבלעך! — מיט זיין אייגן בלוט. ער איז דאַן אַלט געווען דרייסיק יאָר סך־הכל (1925).

— „יעסענין — שרייבט פּאַסטערנאַק — האָט זיך גע־האָנגען נישט דורכטראַכטנדיק אַפילו די קאָנסעקווענצן פון זיין טאַט, זאָגנדיק אין זיין אינערלעכן ווען: „ווער ווייס? אפשר איז דאָס נאָך נישט דער סוף? קיין זאַך איז נאָך נישט באַ־שטימט".

עס איז נויטיק דאָ אָנצואווייזן, אַז זיין פּסיכישער צוזאַ־מענבראָך איז אויך געווען פאַרבונדן מיט זיין אומגליקלעך פאַרהייראַט לעבן. ווי באַקאַנט האָט ער חתונה געהאַט מיט דער באַרימטער טענצערין איזאַדאָראַ דונקאַן און זיך באַלד מיט איר געגט. נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט טאָלסטאָיס אַ ווייטע קרובה און אויך מיט איר נישט גליקלעך געווען...

*

נאָך יעסענינס זעלבסטמאָרד האָט מאַיאַקאָווסקי מיט סאַר־קאַזם געפרעגט: „יעסענין, צי האָט אויסגעפּעלט טינט אויף דער וועלט אָנצושרייבן דיין געזעגענונגס־בריוו?... פאַרוואָס ביסטו געגאַנגען פאַרגרעסערן די צאָל זעלבסטמערדער? — — צי האָסטו פאַרלוירן דעם שכל־הישר?...

ווער, ווער, נאָר מאַיאַקאָווסקי האָט זיכער נישט געדאַרפט מוסרן יעסענינען. נישט בלויז דערפאַר, וואָס ער אַליין האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער קאָפּירט יעסענינסביישפּיל. (דאָס האָט ער אין 1925, אפשר נישט געקענט פאָראויסזען), נאָר בעיקר צוליב דעם, וואָס ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט פון יע־סענינס פּסיכישן צושטאַנד ערב זיין טראַגישן שריט. צי האָט מאַיאַקאָווסקי פאַרגעסן טאָקע, וואָס זיין קאָלעגע־פּאָעט אַלעק־סאַנדער בלאָק האָט געשריבן וועגן פּושקינס טויט? אָט די טיפערע סיבות האָבן דאָך גורם געווען די פריציייטיק־פאַרשני־טענע לעבנס פון פיל קינסטלער אין ראַטן־פאַרבאַנד...

אין זיין אַנאַליז פון פּושקינס טויט האָט בלאָק אַזוי גע־שריבן:

— „ס'איז נישט געווען בלויז די קויל פון ד'האַנטעס רעוואָלווער, וואָס האָט דערהרגעט פּושקינען. ער איז גע־שטאָרבן אויס מאַנגל אין לופט און מיט אים איז אויך אָפּגעשטאָרבן זיין עפּאָכע... זיי זאָגן אונדז: דאָ אויף דער ערד איז דאָ גליק. אָבער וואו איז דאָ פרידן, פרייהייט?... דער פרידן און פרייהייט, וואָס איז פון אונדז צוגערויבט געוואָרן — איז אַ נויטווענדיקייט פאַר אונדז! איך רעד דאָ נישט וועגן דער פרייהייט צו רעדן און אַרויסזאָגן ווערטער, נאָר די פרייהייט צו שאַפן, די באַהאַלטענע פרייהייט! דער פּאָעט שטאַרבט ווייל ער קען מער נישט אָטעמען...״

די ציטאַטע איז אַ שליסל אויך צו מאַיאַקאָווסקיס זעלבסט־מאָרד (1930).

זיין נאָענטער קאָלעגע, פּאַסטערנאַק, האָט זיין טראַגישן אַקט אַזוי כאַראַקטעריזירט: „ער האָט זיך דערשאָסן צוליב שטאָלץ, דערפאַר וואָס ער האָט עפּעס פאַראורטיילט אין זיך אַליין, אָדער נאָענט צו אים, צו וועלכעס זיין זעלבסטווירדע האָט זיך נישט געקענט אונטערגעבן״.

מאַיאַקאָווסקי און פּאַסטערנאַק זענען אַ ריי יאָרן געווען זייער אינטים, הגם זיי זענען געווען אַזוי פאַרשידנאַרטיק אין פּאָעטישן אויסדרוק, טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער. דער ער־שטער — שטורמיש, אימפּולסיוו און גאָר שטאַרק טומלדיק. (אין חברותא פלעגט ער אָפט שרייען אויף די העכסטע אָקטאַ־

וועס און קיינעם נישט צולאָזן צום וואָרט...). דער צווייטער — געלאַסן און רויק, מיט געמאָסטענע און קאָנטראָלירטע טענער און באַוועגונגען.

בעת דער רעוואָלוציע, הגם ביידע מיטן פּנים צום „אָק־טאָבער״, דאָך זיך געשטעלט אויף קעגנזעצלעכע פּאָליוסן.

מאַיאַקאָווסקי איז געוואָרן דער טרומפּייט פון דער נייער צייט. ער האָט געבערומט ווי אַ לייב און געשריבן פּאָעזיע „ווי די ווערטער וואָלטן אַרויסגעשאָסן געוואָרן פון אַ האַרמאַט״ (פּאַסטערנאַקס אַ באַצייכענונג). גאַנצע טיראַדעס האָט ער גע־האַלטן קעגן די שונאים, געדונערט קעגן זיי מיט קולות וברקים... זיין שטאַנדפּונקט איז געווען: אויב די רעוואָלוציע האָט מיט דינאַמיט אויפגעריסן דעם אַלטן שטייגער, דאַרף מען דאָס אויך פילן אין ליטעראַטור און קונסט, וועלכע דאַרפן אויך רעדן מיט דער שפּראַך פון פולווער... צו דעם צוועק האָט ער גע־האַלטן אין איין עקספּערימענטירן מיט שפּראַך־פאָרמען, געענ־דערט ווערטער און געשאַפן נייע, דורך וועלכע עס זאָל בולטער זיך הערן „דער געברום פון המון״.

בעתן בירגער־קריג האָט מען אַמאָל אַ פרעג געטאָן זיין מיינונג וועגן נעקראַסאָווס פּאָעזיע: — „איך ווייס נישט — האָט ער געענטפערט — איך וועל באַטראַכטן די פראַגע, ווען דער בירגער־קריג וועט זיין פאַרענדיקט...״ ער האָט געהאַלטן, אַז פּאָליטיק האָט די בכורה איבער קונסט און דאַרף דעריבער געלעזט ווערן פריער. דער רעזולטאַט (פון דעם) פאַר זיין קינסטלערישן שאַפן איז געווען זייער אַ טרויעריקער. ער האָט ממש דערטרונקען זיין אומגעהויערן טאַלאַנט אין אַ מבול פון פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַקאַטן...

פּאַסטערנאַק האָט שטאַרק געליבט מאַיאַקאָווסקיס פּאָע־טישן טאַלאַנט: „זיין טאַלאַנט איז געווען גיגאַנטיש אויף יעדער שטופע פון זיין אַנטוויקלונג. פון איין מאָל צום צווייטן איז אים שווער געווען צו דערקענען, ווי ער וואָלט אינגאַנצן אויפס־ניי געבוירן געוואָרן״.

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן שילדערט פּאַס־טערנאַק אַ ריי באַגעגענישן מיט מאַיאַקאָווסקין. נאָך אין 1914 האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף אַ ליטעראַרישער מסיבה פון יונגע אויפגייענדיקע פּאָעטישע שטערן. יעדער

פון די אַנווענזנדיקע האָט געדאַרפט עפּעס זאָגן וועגן זיך. עס האָבן גערעדט צוועטאַיעוואַ, סעווועריאַנין, באַלטשעקאָוו, מאַיאַקאָווסקי און אַנדערע. ווען עס איז געקומען די ריי אויף פּאַסטערנאַקן, האָט ער אָנשטאָט וועגן זיך, אָנגעהויבן רעדן וועגן מאַיאַקאָווסקין, וועמען ער האָט באַטראַכט ווי „אַן אויסנאַם־בירגער אין מלכות פון דיכטונג״.

— „מיר האָבן אַלע געפילט, אַז די נייקייט פון דער צייט איז געפלאָסן דורך זיין בלוט. אויך זיין פרעמדקייט איז געווען די פרעמדקייט פון אונדזער צייט, פון וועלכער אַ העלפט דאַרף נאָך דערפילט ווערן״. מיט פיעטעט האָט פּאַסטערנאַק זיך באַצויגן צו זיין קאָלעגע, אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין אייגענע גייסטיקע וועלט: „איך האָב אין אים פערזאָניפיצירט מיין גייסטיקן האָריזאָנט. מיט רעכט אים באַטראַכט, ווי דער גרעסטער פּאָעט פון אונדזער דור... דער גרעסטער פּאָעטישער גורל איז געווען פאַר אים רעזערווירט... איך האָב נישט געמאַכט קיין טעות״.

נאָך דער רעוואָלוציע זענען זיי זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעגאַנגען אין דער אָפּשאַצונג פון דעם קינסטלערס ראָל אין דער עפּאָכע. דער שעפערישער פּראָצעס — האָט פּאַסטערנאַק געטענהט — קען נישט באַפרוכפּערט ווערן פון טאָג־לאָזונגען און פּאָליטישע פּראָגראַמען. אויך פאַרן רעוואָלוציאָנערן דיכטער הויבט זיך די רעוואָלוציע נישט אָן מיט פּראָפּאַגאַנדעפּלאַקאַטן, נאָר מיטן קינסטלעריש־אינדיווידועלן אויסדרוק פון זיין וואָרט. ער האָט ציטירט סטעפאַן ספּענדערן, וועלכער האָט געשריבן:

„דער פּאָעט גיט דער געזעלשאַפט אַן אידעאַלע לעבנס־וויזיע און עס געהער נישט צו אים די השגחה צי דער פּאָליטישער גערטנער באַאַרבעט געהעריק דעם באָדן, ס׳זאָל פון פאַרזיי עפּעס אַרויסקומען״.

„אויב שוין יאָ אַ רעוואָלוציע אין דיכטונג — האָט פּאַסטערנאַק באַטאָנט — מוז עס אַרויסוואַקסן פונעם האַרץ, פון געמיט, אין דער אַבסאָלוטער, פולער גייסטיקער פרייהייט פונעם יחיד״.

פּאַסטערנאַק, דער מאָראַליסט, האָט געגלויבט זייער שטאַרק אין דער גבורה פון גייסט. (האָט פון אים נישט אַרויסגערעדט

דאָ די שטים פון זיינע אור־אבות? — י. ק.). ער פלעגט אָפּט דערמאָנען — רעדנדיק וועגן דער שליחות פון קינסטלער — דאָסטאָיעווסקיס ווערטער (ביי פּושקינס יאָרצייט): „איך רעד וועגן מענטש־פאַרברידערונג און נישט וועגן דער שווערד".

און גערעדט האָט פּאַסטערנאַק אין שטילע טענער וועגן מענטש און נאַטור. זיין שפּראַך איז נישט געווען „דער געברום פון המון", נאָר דאָס לירישע, פון געמיט און געפיל. ער האָט געזונגען וועגן אַ פויגל אויף אַ צווייג, אַ באַן־צוג, הייזער, גערטנער, אָדער גראָז צווישן פעלזן. זיין וואָרט איז געווען אַ שטילס, אָבער אָנגעלאָדן מיט אימאַזש און ענערגיע, ווי כוואַליעס „וואָס פאַלן אַריין איינס אין אַנדערן מיט דער קראַפט פון אַ וואַסער־פאַל". דער דיקטער פאַרמאַכט נישט די אויגן אויף די שטורעמס פון זיין צייט. אין דעם אַריינפיר צו זיינע פּאָעמעס „מיין שוועסטערס לעבן", זוכט ער צו באַשיצן זיך פון די צייט־שטורעמס מיט אַ פּאַלמע אין דער האַנט. מעג דער שטורעם אַפילו אַראָפּרייסן דעם דאַך, וועט ער ווייטער בלייבן זיצן אינעם הויז און שרייבן זיינע לידער. שטורעמס זענען צייטווייליקע דערשיינונגען און קונסט איז אייביק. ער וועט דעריבער אין הויף אַ געשריי־טאָן: „מיינע טייערע, וואָס פאַר אַ יאָר־טויזנט פייערט איר דאָרטן?... און זיך זיצן מיט עדגאַר עלען פּאָ און טרינקען וויין און רויכערן מיט לאָרד בייראָן..."

*

מאַיאַקאָווסקי פלעגט צייטנווייז אָן שום אויסערלעכע סיבות אַריינפאַלן אין טיפער מעלאַנכאָליע, זיך אויסזוכן אַן איינזאַם ווינקל און פאַרוועגן דאָרט התבודדות. „עפּעס — שרייבט פּאַסטערנאַק — פלעגט פאַרקומען אין אים, וואָס ער האָט מיט גרויס קינסטלערישקייט זיך באַמיט אויסבאַהאַלטן". זיין אויסערלעכע פרייע האַלטונג איז געווען אַ מאַסקע פאַר זיין אינערלעכער אומפרייהייט, וואָס האָט זיך געקריגט מיט זיין אומאָפּהענגיקייט און אָריגינעלקייט. עס האָט אויסגעזען אַזוי פּאַראַדאָקסאַל, אַז דער מענטש „וועמען דאָס לעבן האָט געגעבן פיל מער ווי אַנדערע, פלעגט רעדן ווי ער וואָלט נאָך נישט אָנגעהויבן צו לעבן". אין זיין איינזאַמקייט פלעגט ער בלייבן פלוצלונג דערשראָקן, ווי קינדער ווען זיי בלייבן אַליין אין אַ פינצטערן

צימער... „אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט ער אָנכאַפּן די האַנט אַפילו פון צופעליקע באַזוכער און זי האַלטן פעסט ווי ער וואָלט געוואָלט אויסמיידן צו בלייבן מיט זיך אַליין..."

מאַיאַקאָווסקיס אינערלעכע קריזיסן האָבן דערגרייכט זייער הויך־פונקט אין פרילינג 1930, ווען ער האָט אין זעלבסטמאָרד געזען די איינציקע „לעזונג" פון זיינע אינערלעכע ריסן...

דעם לעצטן שטויס צו זיין פּסיכישן צוזאַמענברוך האָט געגעבן זיין אומגליקלעכע ליבע מיט לידיאַ בריק. זי האָט זיך, אפנים, גוט אַמוזירט מיט זיין פאַרליבטקייט אין איר... אַקצעפּ־טירט און אים אָפּגעוואָרפן — אָפּהענגיק פון איר שטימונג... (בעת זיין זעלבסטמאָרד האָט זי פאַרבראַכט אין לאָנדאָן). לעבן אָן איר האָט אים אויסגעזען — אוממעגלעך, מיט איר — מער ווי אוממעגלעך...

די ידיעה פון מאַיאַקאָווסקיס זעלבסטמאָרד האָט אַלע זיינע קאָלעגן און פאַרערער טיף דערשיטערט. מען האָט הויך מורא־געהאַט צו רעדן וועגן די טיפע קריזיסן, וואָס ער האָט דורכ־געלעבט אין זיין גאַנצן „שטורעם־און דראַנג־פּעריאָד", ווען ער איז געווען דער גרויסער טרומפּייט און טרובאַדור פון דער רעוואָלוציע. פּאַסטערנאַק האָט זיין טויט אַזוי כאַראַקטערי־זירט: „פּונקט ווי מען האָט די פריערים אויפגעצוואונגען קאַר־טאָפל (אונטער דער הערשאַפט פון יעקאַטערינאַ דער גרויסער), אַזוי איז אויך מאַיאַקאָווסקי מיט כח אַריינגעפּירט געוואָרן. דאָס איז געווען זיין צווייטער טויט אין וועלכן ער איז נישט שול־דיק... ער האָט זיך אומגעבראַכט, ווייל ער האָט לענגער נישט געקענט אַזוי לעבן אונטער סטאַלינס רעזשים".

אין זיינע נאָטיצן האָט פּאַסטערנאַק פאַרצייכנט זיין לעצטן וויזיט ביי מאַיאַקאָווסקין (נאָך זיין זעלבסטמאָרד).

..."ער איז געלעגן מיטן פּנים צו דער וואַנט... אפילו אין זיין אייביקן שלאָף האָט ער עקשנותדיק געקעמפט צו באַ־פרייען זיך און אַוועקגיין. זיין געזיכט, פריש און יונג, האָט דערמאָנט אין דער צייט, ווען ער האָט גערעדט וועגן זיך, ווי „שיין אין זיינע צוויי־און־צוואַנציק יאָר"...

פאַרן דערשיסן זיך האָט ער אָנגעשריבן אַ צעטעלע מיט פיר שורות אין פערזן:

„ווי זיי זאָגן: דער אינצידענט איז געשלאָסן,
אין די טעגלעכע מיל־שטיינער, די ליבע־שיפל צעבראָכן.
שוין נישט נייטיק מער עוולות אויסצורעכענען,
שנאה, צער און וואונדן".
(אין אַ פרייער איבערזעצונג).

„דער טויט האָט אויסגעקאַרבט אויף זיין פּנים אַ מאַסקע, וואָס געלינגט אים זעלטן אויף אַנדערע. אַן אויסדרוק פון איי־נעם, וואָס הויבט איצט אָן צו לעבן און נישט ער ענדיקט. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט פּראָטעסט, ביטערניש..."

„אין צימער זענען געזעסן קאָלעגן, זיין מוטער, אַן על־טערע שוועסטער פאַרקלעמט אין צער... עס איז אַריינגעקומען זיין יונגערע שוועסטער, אָלגאַ, און פאַרוואָרפנדיק די הענט האָט זי אָנגעהויבן רופן אויפן קול: „וואָלאָדיאַ! וואָלאָדיאַ!" נאָך יעדן מאָל אויסשרייען העכער זיין נאָמען, האָט זי אַלעמען גע־מאַכט אויפציטערן מיט איר אויסגעשריי: „ער רעדט נישט! קיין ענטפער! וואָלאָדיאַ!"... זי האָט געחלשט, מען האָט איר אָפּגעמונטערט, קוים געקומען צו זיך, איז זי צוגעגאַנגען און זיך אָוועקגעזעצט נעבן ברודער, געשטעלט אים פאָדערונגען, און לסוף אָנגעהויבן רעציטירן זיינס אַ געדיכט:

„איך פיל, אַז מיין „איך" איז צו קליין פאַר מיר,
עמיצער וויל זיך עקשנותדיק אַרויסרייסן פון מיר.
העללאָ! ווער איז דאָרט? מאַמע? מאַמע?
דיין זון איז שרעקלעך קראַנק,
מאַמע! זיין האַרץ איז אויף פייער!
דערצייל זיינע שוועסטער".
(אין אַ פרייער איבערזעצונג).

„ביים רעציטירן האָט זי געקוקט אויפן ברודער, געוואַרט אויף זיין רעאַגירן, ווי ער וואָלט זיך טאַקע אַ לעבעדיקער צו־געהערט צו די פערזן"...

דורך אָט די סובטעלע, לירישע שטריכן וואַקסט אויס אַ לעבעדיקע אַטמאָספער אַרום מאַיאַקאָווסקיס טויט. אַן אומפאַר־געסלעך בילד געמאָלן דורך אַ ליריקער. די סאָוויעטישע מאַכט האָט מאַיאַקאָווסקין קאַנאָניזירט, באַערט אים מיט כיבודים און

אַ שוואַרצן מאַרמאָר־מאָנומענט. אָבער אַ פּאָעטישן מאָנומענט האָט אים געשטעלט פּאַסטערנאַק.

*

אַלעקסאַנדער בלאָק איז געשטאָרבן אינעם אָנהויב פון דער רעוואָלוציע (1921). זיין באַרימטע פּאָעמע „די צוועלף" האָט ביי די אָנהענגער פון „אָקטאָבער" בשעתו אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג. איוואַן בונין דערציילט אין זיינע מעמואַרן, וואָס עס פלעגט זיך טאָן אין זאַל בעת בלאָק פלעגט רעציטירן זיין פּאָעמע. די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָבן לאַנגע מי־נוטן נישט אויפגעהערט... (בונין אַליין האָט די פּאָעמע באַ־טראַכט פאַר אַ גרויסער פּראָפּאַנאַציע...).

בלאָק האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער רעוואָלוציע נאָך פיל פּאָעטישע אומוואַנדלונגען; אָנהויבנדיק פון דער ראָ־מאַנטישער שול, און שפּעטער די אַלטערנאַטיווע מאָטיוון, וואָס שפּיגלען אָפּ די אייביקע קאָנטראַסטן צווישן רעאַלן און אידעאַלן...

זיין גלאָריפיקאַציע פון באָלשעוויזם („די צוועלף") און אַפּאָלאָגעטיק פאַר דער איבערקערעניש, האָט זעלבסטפאַר־שטענדלעך אַרויסגערופן פיל פאַרביטערונג ביי די קעגנער. אָבער אַלע האָבן אין אים געזען דעם סובטעלן לירישן פּאָעט פון נייעם רוסלאַנד. זיינע קוואַליטעטן האָבן געוואָרצלט אין דער טיפקייט פון זיין פּאָעטישן פילן, וואָס האָט זיך מאַניפעס־טירט אין דער עשירותדיקער מעלאָדישקייט פון זיין פערז, וואַריאַציע פון ריטם און די באַהעפטונג פון לירישן סטיל מיט דעם מאַסן־לשון.

זיינע פּאָעמעס „די אומדערוואַרטעטע פרייד", „די ערד אונטערן שניי", „די שעהן פון דער נאַכט" און זיינע לירישע און ראָמאַנטישע דראַמעס „די רויז און דער קרייץ" א.א. האָבן אים אַרויסגערוקט אויף דער מזרח־וואַנט פון דער רוסישער דיכטונג — איינער פון אירע גרויסע מייסטערס.

פּאַסטערנאַק האָט שטאַרק געריימט בלאָקס דיכטערישע קראַפט: „ער האָט פאַרמאָגט אַלע קוואַליטעטן, וואָס מאַכן אַ גרויסן פּאָעט" — האָט ער געשריבן נאָך בלאָקס טויט. „אָן

אייגענע וועלט־קאָנצעפּציע, אַ פּאָעטישן אַריינבליק אין זאַכן און דערשיינונגען און אַן אומגעהויערן טאַלאַנט צו טראַנספּאָר־מירן אין דיכטונג אַלץ וואָס ער האָט באַרירט...״ אָבער פּונקט ווי מיט מאַיאַקאָווסקין, איז פּאַסטערנאַק זיך אויך פאַנאַנדער־געגאַנגען מיט בלאָקן אַרום אַ ריי פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און לעבן.

די פּראָבלעמען פון אַלט און ניי, יחיד און מאַסע און אַנ־דערע, וואָס זענען דאַן נישט אַראָפּ פון סדר־היום, האָט זיי שטאַרק צעטיילט. פּאַסטערנאַק האָט געטענהט, אַז דער קאַמף צווישן אַלטן און יונגן דור איז צופיל דראַמאַטיזירט געוואָרן. דער עלטערער דור — צי ער וויל גערן, אָדער נישט — נעמט דאָך איבער (אין פאָרם) געוויסע אייגנשאַפטן און נייעסן פונעם יונגערן. אָבער אין תוך גענומען, האָבן די־אָ־אייגנשאפטן אויך פריער געלעבט אינעם עלטערן דור. זיי האָבן נאָר געלעבט „אומלעגאַל״ — אַ פאַרבאָטן לעבן... אויך דער יונגער דור הויבט נישט אָן פון בראשית, ווי ער מיינט אין זיין ראַדיקאַ־ליזם. ער וויל, נאַטירלעך, זיך נישט מודה זיין, אַז ער נעמט איבער און אַנטוויקלט די ירושה פון די פריערדיקע דורות. אין סך־הכל איז אין דער „מלחמה״ צווישן דורות דאָ מער רויך ווי פייער...

נאָך שאַרפער איז געקומען צום אויסדרוק זייערע חלוקי־דעות וועגן אינדיווידואַליזם און קאָלעקטיוויזם און די ראָל פון דער פערזענלעכקייט אין דער געשיכטע:

— „מיר זענען די מיליאָנען אָן אַ צאָל,
פּרוואווט נאָר, וואַגט נאָר אונדז צו באַקעמפן״ —

האָט בלאָק פייערלעך פּראָקלאַמירט. און פּאַסטערנאַק האָט אים, ווי אומדירעקט, געמאַכט אַ צווישנרוף אין איינעם פון זיינע לידער, דערקלערנדיק:

„מיר זענען נאָר אַ פּאָר, אפשר דריי —
מענטשן פון דאַנעץ, וואָס ברענען מיט גיהנום־פייער
— אַמאָל זענען מיר געווען מענטשן,
היינט זענען מיר עפּאָכעס...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די ווינטן קלאַפּן פרימאָרגן אין שטרוי־סטויגן
— אין אַ רגע — דעם דאַך וועלן זיי דערגרייכן,
די שטורמישע קאָנפערענץ פון די בוימער,
דאָרטן, וואו ס'גייט אָן אַ שטענדיקע דעבאַטע
שטורעמדיק הויך איבער דעכער־שפּיצן״.

(פון בוך „טעמעס און וואַריאַציעס״
— אין אַ פרייער איבערזעצונג).

דער דיכטער זעט די צייט־פּראָבלעמען „ווי שטרוי צע־וואָרפן דורך אַ גרויסן שטורעם־ווינט איבערן פאַרם־הויף״.

די גרויסע, אייביקע דעבאַטע גייט ווייטער אָן אומגע־שטערט צווישן די בוימער, וואָס באַטראַכטן אייביקייטס־פּראָב־לעמען... זיי — די בוימער — זענען עדות פון צייט־שטורעמס, וואָס קומען, גייען אַוועק, און דאָס לעבן גייט אָן ווייטער...

מיט בלאָקן האָט פּאַסטערנאַק נישט באַוויזן צו פירן אַזאַ לאַנג־יאָריקן שטרייט ווי מיט מאַיאַקאָווסקין. בלאָק איז גע־שטאָרבן אין באַגינען פון „אָקטאָבער״, ווען אויף אים איז נאָך געלעגן דער פרימאָרגן־טוי...

ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, זענען אויך די אַנדערע פּריי־צייטיק אָפּגעטראָטן פונעם שלאַכט־פעלד, איבערלאָזנדיק פּאַס־טערנאַקן צו ראַנגלען זיך ביחידות מיט די שטורמישע כוואַ־ליעס, ווי אַ פעלז אין מיטן פון אַ צעשטורעמטן ים. ווי אַ לייכט־טורעם איז ער געבליבן שטיין אין דער רוסישער דיכטונג צו באַלייכטן מיט זיין אינערלעכער ליכט די פּושקין־לערמאָנטאָוו־טראַדיציע.

אָפיציעל איז טאַקע מאַיאַקאָווסקי געקרוינט געוואָרן פאַר דעם גרעסטן פּאָעט פון דער רעוואָלוציע, אָבער קינסטלעריש איז פּאַסטערנאַק אַריינגעדרינגען פיל טיפער אין איר עצם־מהות, ווי וועלכער עס איז אַנדערער סאָוויעטישער דיכטער. אַזאַ בר־סמכא ווי איליאַ ערענבורג האָט אַפילו באַטאָנט, אַז „פּאַסטערנאַק האָט געלייגט די אמתע יסודות פון דער סאָוויע־טישער ליטעראַטור און דערמיט דערקלערט זיך פאַרוואָס זיין שעפערישער שטראָם האָט אַרויסגערופן אַזעלכע פאַרביטערטע שטרייטן״.

וועל איך, דערווייל, דאָ שטעלן אַ פּונקט אַרום די שטרייטן און איבערגיין צו אַ ריי אַספּעקטן פון זיין קינסטלערישער פּער־

זענלעכקייט, צו די עלעמענטן און קוואַלן פון וואַנען זי האָט געצויגן די יניקה. (שורש, קינדהייט, יוגנט, סביבה א.א.וו.). די קורצע ביאָגראַפישע שטריכן, וועלכע איך וועל אַרויסהויבן, וועלן אונדז העלפן בעסער צו פאַרשטיין זיינע ווערק.

זיין שורש...

באָריס פּאַסטערנאַק איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע, אין 1890. זיין פאָטער לעאָניד האָט געשטאַמט פון אָדעס — פון דער באַרימטער „עיר ואם בישראל" וואָס איז דורך איסאַק באַבעל באַצייכנט געוואָרן „אונדזער גאָטס־פאַרכטיקע שטאָט" (באַבעל איז אויך אַן אָדעסער בן־עיר).

אונדזערע גרויסע „חכמי אָדעס" האָבן געשמט איבער די תפוצות ישראל, און לעאָניד האָט זיכער געהאַט קוואַלן פון וואַנען צו ציען נאַציאָנאַל־גייסטיקע יניקה. זיין עקסטרעמע אַסי־מילאַטאָרישקייט לאָזט זיך נאָר דערקלערן דערמיט וואָס בעת זיין שטודירן מעדיצין אין מאָסקווער אוניווערזיטעט — און שפּעטער בעת זיין פאַרהייראַט לעבן — איז ער געוואָרן פולשטענדיק אָפּ־געריסן פון יידישקייט און יידיש לעבן.

לעאָניד איז פון מעדיצין אַריבער צו מאָלעריי (שטודירט אין מינכען) און פון אָנפאַנג נישט געהאַט צו פאַרצייכענען וועל־כע עס איז מאָראַלישע אָדער מאַטעריעלע דערפאָלגן. אַן ענ־דערונג איז פאָרגעקומען ווען טאָלסטאָי האָט אים איינגעלאַדן (צוזאַמען מיט אנדערע מאָלער), צוצושטעלן צייכענונגען פאַר זיין לוקסוס־אויסגאַבע פון „קריג און פרידן".

נישט נאָר זיינע אילוסטראַציעס, נאָר אויך לעאָניד פער־זענלעך, האָט געמאַכט אַ גאָר גוטן איינדרוק אויפן גרויסן גאון און עס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן זיי אַ פריינדשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן קרוב צוואַנציק יאָר.

טאָלסטאָי פלעגט פון צייט צו צייט אַריינפאַלן אין פּאַס־טערנאַקס הויז און דער קליינטשיקער באָריאַ פלעגט פון אים נישט אָפּרייסן די אויגן. נאָך מער איז דאָס יינגל עקזאַלטירט געוואָרן פון טאָלסטאָיס קינסטלערישער פערזענלעכקייט, ווען די פּאַסטערנאַק־פאַמיליע איז איינגעלאַדן געוואָרן קיין יאַסנאַ פּאָליאַנאַ, וואו לעאָניד האָט געדאַרפט מאַכן אילוסטראַציעס צום

ווערק „תחית־המתים". (עס איז מיר אינטערעסאַנט געווען צו לייענען, וואָס טאָלסטאָיס טאָכטער, אַלעקסאַנדראַ, דערציילט אין אירע דערינערונגען וועגן דעם „יינגל מיט די טונקל־ברוינע אויגן, וואָס האָט זעלטן גערעדט און פלעגט פּלוצים פאַרשוואונדן ווערן צווישן די ביימער").

דער יונגער באַריאַ האָט טאָלסטאָיען ממש פאַרגעטערט. ער האָט אין אים געזען דעם טרעגער פון די געטלעכע לוחות־הברית. די אויסשטראַלונג פונעם גאון איז שוין קיינמאָל נישט פאַרשוואונדן פון זיין געפיל און באַוואוסטזיין. ער האָט שפּעטער געשריבן:

„טאָלסטאָי האָט זיין גאַנץ לעבן, און יעדער סעקונדע פון זיין לעבן, געקענט זען דערשיינונגען אין אַלע די־מענסיעס... דער גרויסער מאָראַליסט איז געבענטשט גע־וואָרן מיט דעם טאַלאַנט צו זען, ווי מיר זעען אַמאָל — און דאָס זייער זעלטן — אין אונדזער קינדהייט, דערשיי־נונגען און זאַכן אין מאָמענטן פון איבערגעוועלטיקטער פרייד, ווי אין טריאומף פון גרויסע גייסטיקע נצחונות".

עס איז עפּעס געווען סימבאָליש דער אופן ווען באַריס האָט צום לעצטן מאָל געזען טאָלסטאָיען. לעאָניד האָט דעם זון מיטגענומען אויף דער סטאַנציע אַסטאַפּאָוואָ צו מאַכן אַ טויטן־מאַסקע (טאָלסטאָי איז דאָרט געשטאָרבן): „ווי דער גורל וואָלט אויסגעקליבן אין דעם שייד־מאָמענט איבערצוגעבן דעם פאַקל פון דער גרויסער ליטעראַרישער טראַדיציע אין רוסלאַנד צום יונגן, קומענדיקן פּאָעט"...

באַריסעס מוטער, ראָזע, איז געווען אַ באַגאַבטע פּיאַנאָ־קינסטלערין. נאָך אַלס יונג מיידל, פּראָטעזשירט פון באַרימטן אַנטאָן רובינשטיין, איז זי אויפגעטרעטן מיט קאָנצערטן אין אַלע רוסישע הויפּט־שטעט, און צו צוואַנציק יאָר שוין געווען פּראָפע־סאָרין אין אָדעסער קאָנסערוואַטאָריע. כאָטש זי האָט נאָך דער חתונה אויפגעגעבן איר קאַריערע, איז אָבער באַריס אויפגע־וואַקסן אונטער די קלאַנגען פון מוזיק און געטרוימט צו ווערן אַ גרויסער קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט פון דער מוטער געירשנט זיין שטאַרקע ליידנשאַפט צו מוזיק, מיט וועלכער ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן נישט געשיידט...

*

אויף אַ זומער־דאַטשע האָט זיך די פּאַסטערנאַק־משפּחה געטראָפן מיטן קאָמפּאָזיטאָר סקריאַבין, (אגב, איז ער מאָלאָ־טאָווס אַ קוזין) און דער דרייצניאָריקער באָריס פלעגט פון דעם ווירטואָזס פּיאַנאָ־שפּילן אַריינפאַלן אין אַ דעליריום־צושטאַנד פון טיפער עקסטאַז. ער האָט דאַן (אויף דער דאַטשע) געהאַט אַן אומגליק־פאַל און מאַנאַטן געלעגן מיט אַ פאַרגיפּסעוועטער פוס. (זי איז שוין פאַרבליבן אַ קורצערע...).

די מוטער זיינע, אין וועלכער עס האָט זיך אַזוי האַרמאָ־ניש צונויפגעגאָסן מוזיק און לעבן, פלעגט דאַן יעדע פרייע מינוט שפּילן פאַר אים, באַמיענדיק זיך אַריינצוגעבן מוזיק אין זיין לעבנס־ריטם.

מיט זעקס יאָר שפּעטער האָט ער שוין געבראַכט זיינע אייגענע קאָמפּאָזיציעס צו סקריאַבינען, וועלכער האָט זיי שטאַרק געלויבט. דער מייסטער האָט אים פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע מוזיקאַלישע קאַריערע, אָבער באָריס, שטאַרק טאַלאַנ־טירט אין קאָמפּאָזיציע, איז געווען אומבאַהאָלפן אין דער טעכ־ניק פון שפּילן און אַפילו אין לייענען נאָטן („איך האָב גע־לייענט מוזיק — האָט פּאַסטערנאַק דערציילט — ווי אַ קינד, וואָס לערנט זיך „ספּעלן"). איררעַציאָנעל האָט ער דאַן, אין מייסטערס הויז, אָנגענומען זיין דעציזיע אויפצוגעבן מוזיק... ער האָט בעסער געוואָלט דעם „נישט־עלאָקווענטן אמת" פון רעאַלע פאַקטן, ווי די פאַרפירערישע אילוזיעס־פייערלעך...

„עפּעס אין מיר האָט געוויינט און עפּעס טריאומפירט" — האָט ער שפּעטער געשריבן וועגן זיין געזעגענונג מיטן מייס־טער. ער האָט געפילט, אַז אַפילו ווען ער וועט זיך מיט זיין „געליבטער" גטן וועט ער איר אָבער פון האַרצן קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן... און ווירקלעך האָט זיין „ערשטע ליבע" באַגלייט זיין גאַנץ לעבן און שאַפן. די מוזיקאַלישע קלאַנגען, זייער רייכקייט און פּרעציזקייט, זענען אַריין אין שעפערישן שטראָם פון זיין פּאָעזיע און פּראָזע.

פון דער מוטער האָט ער געירשנט מוזיק און פון פאָטער — די מאָלערישע פאַרבן, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט מוזיק אַריינגעגעבן אין זיין שאַפן. אויף דעם אָרט איז כדאי צוצו־געבן אייניקע שטריכן וועגן דער קינסטלערישער פּערזענלעכ־

קייט פון זיין פאָטער, וועלכער האָט פאַרקערט און געגלאַנצט אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן. אַריינגעפירט צו זיי האָט אים זיין הויכער פּאָסטן — דירעקטאָר פון דער מאָסקווער הויך־שול פאַר מאַלעריי, סקולפּטור און אַרכיטעקטור. אָבער נישט ווייניק האָט צושטייער געגעבן צו זיין דערפּאָלג אין די „הויכע פענצטער" זיין גלענצנדע מימיקרי, שאַרפזין, וויץ און אונטער־האַלטונג.

באַריס האָט פון פאָטערס לייכטקייט און באַרעדעוודיקייט ווייניק וואָס געירשנט. פון קינדוויז אָן איז ער געווען מער אַבסאָרבירט אין זיין אינערלעכער וועלט, ווי אין דער אויסער־לעכער. די באַהעמישע אַטמאָספער און די אינערלעכע האַר־מאָניע פון זיינע קינסטלער־עלטערן, וועלכע האָבן איינער דעם צווייטן דערגאַנצט, האָט אָבער אַ סך בייגעשטייערט צו דער אויספורעמונג פון זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט דאָס — אין די שפּעטערדיקע יאָרן — באַטאָנט אין אַ בריוו צו זיינע על־טערן (אין לאָנדאָן): „אַלץ וואָס איך בין, האָב איך אייך צו פאַרדאַנקען, אייער דערציאונג און איינפלוס, אַלץ — וואָס כ'האָב געירשנט פון אייך".

באַריס פלעגט אָפט דערמאָנען די לאַנגע שפּאַצירן, וואָס דער פאָטער פלעגט מאַכן מיט אים איבער די מאָסקווער גאַסן און איבער די באַרימטע בלומען־מערק, וואו זיי זענען ממש פאַרכישופט געוואָרן פון דעם דופט פון די איטאַליענישע נאַר־ציזן. אין בלומען האָבן זיי געזען דעם באַווייז פון אייביקער באַנייאונג. די ריינע ווייסקייט בעת זייער אָפּשוואַכונג איז גע־ווען ווי אַ צוזאָג פון אייביקן פרילינג... שפּעטער האָט באַריס געשריבן:

„עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן דאָס קעניגרייך פון בלומען אין נאָענטער שכנות מיט דעם מלכות פון טויט. דאָ אין גרינקייט פון דער ערד צווישן די ביימער פון בית־הקברות, צווישן די יונגע בלומען־שפּראָצן, וואָס גייען אויף פון די בייטן זענען אפשר קאָנצענטרירט די מיס־טעריעס פון פאַרוואַנדלונג, די גלגולים און סודות פון לעבן, וואָס מיר שטרעבן זיך אָן צו געפינען זייער באַ־שייד..."

די בלום, די נאַרציז בפרט (זיין ליבלינג), איז ביי אים

געגאַנגען געאַרעמט מיט מאָלערישע פאַרבן און באַגלייט דורך מוזיקאַלישע קלאַנגען. ווי זיין פאַרגייער דאָסטאָיעווסקי, איז אויך פּאַסטערנאַק שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון אַלטן גריכישן מיטאָס. אין בלומען האָט ער געזען די אַנוועזנהייט פון דער ערד־געטין: „די קוואַלן פון גריכישן מיטאָס דעמעטער האָבן אויסגעזען צו זיין גאָר נאָענט, ממש ביי דער האַנט". דער דופט, וואָס האָט געהאַנגען אין דער לופט ביזן פאַרשווינדן „האָט מיר עפּעס דערמאָנט און ערגעץ פאַרפירט..."

בעת אָט די שפּאַצירן פלעגט דער פאָטער אים ווייזן די קאָנטראַסטן פון מאָסקווע, וואו זייט ביי זייט מיטן נאַקעטן דלות — דער גרויסער וואוילטאָג פון דער נייער האַנדלס־אַריס־טאָקראַטיע. צו יענער צייט איז מאָסקווע געווען זייער ווייניק מאָדערניזירט. בעת פּעטערבורג האָט שוין געקוקט צום מערב, צו דער וועלט ווייטער פון זיך, האָט נאָך מאָסקווע געקוקט אין זיך, צו איר מיטלאַלטערלעכער געשיכטע.

אַ חוץ זיין ליידנשאַפט צו מוזיק (און בלומען), האָט באָריס פון זיין קינדהייט אָן אַרויסגעוויזן אַ ליידנשאַפט צו ביכער־לייענען. אין זיין פאָטערס רייכער ביבליאָטעק האָט ער זיך באַקענט מיט די קלאַסיקער פון דער אייראָפּעאישער און רו־סישער ליטעראַטור, אַריינגעזאַפּט אין זיך די מוזיק פון פּאָעזיע, באַזונדערס פון דעם שוין דאַן באַרימטן פּאָעט ערין מאַריע רילקע.

נאָך אַלס יינגל האָט באָריס געהאַט די געלעגנהייט צו באַ־געגענען זיך מיטן דיכטער אויף אַ וואָקזאַל אין טולע. רילקע איז דאַן עולה רגל געווען קיין יאַסנאַ פּאָליאַנאַ צו זען זיין פאַרגעטערטן טאָלסטאָי. דער איינדרוק וואָס דער פּאָעט האָט געמאַכט אויפן יינגל איז שוין זיין גאַנץ לעבן נישט פאַרווישט געוואָרן. אין די שפּעטערדיקע, רייפערע יאָרן האָט ער אין רילקעס פּאָעזיע תופס געווען די שליחות פון קינסטלער, דעם זין פון זיין עבודה. רילקעס גרויסע דיכטונג האָט באָריסן אַנט־פּלעקט די מאַגיק פון פערז און דעם רמז, סוד און דרוש פון קינסטלערישן אויסדרוק.

ווי סקריאַבין אין זיינע קאָמפּאָזיציעס, אַזוי האָט אויך רילקע אין זיין דיכטונג געפּרואווט קאָנסטרואירן דעם גאַנצן קאָסמאָס. פאַר אים איז דאָס געווען די העכסטע עבודת־

הקודש און באָריס האָט מיטן גרעסטן יראת־הכבוד אַרויפגע־קוקט צום גרויסן פּאָעט פון וועלכן ער האָט פיל געלערנט און באַאיינפלוסט געוואָרן — אויף וויפיל אין קינסטלער נעמט בכלל פון צווייטן.

*

נאָכן אויפגעבן זיין מוזיקאַלישע קאַריערע, האָט באָריס אָנגעהויבן שטודירן פילאָזאָפיע אין מאָסקווער אוניווערזיטעט. נאָכהער, אַוועק קיין מאַרבורג (דייטשלאַנד) צו שטודירן אין דער נייער שול פאַר פילאָזאָפיע אונטער דער אָנפירונג פון באַ־רימטן דענקער, פּראָפעסאָר הערמאַן קאָהען. במשך פון גאָר אַ קורצער צייט איז באָריס געוואָרן איינער פון קאָהענס באַ־ליבסטע תלמידים. אָבער אין אים האָט שוין דאַן געטליעט דער פּאָעטישער פונק. עס האָט אים מער געצויגן צום קינסטלע־רישן אויסדרוק, ווי צום פילאָזאָפישן אַנאַליז: „פילאָזאָפיע, -- האָט ער באַמערקט אין „דאָקטאָר זשיוואַגאָ“, — דאַרף זיין אַ טעם, אַ צומיש צו קונסט און לעבן. פאַרנעמען זיך בלויז מיט פילאָזאָפיע איז ווי עסן כריין“.

ער האָט באַשלאָסן צוריקצופאָרן אַ היים. (אַ זייטיקע סיבה איז אויך געווען — אַן אומגליקלעכע ליבע מיט זיינס אַ רוסי־שער שילערין מיט וועלכער ער האָט זיך געטראָפן אין מאַר־בורג...). צוריקוועגס איז ער אָפּגעטראָטן אין איטאַליע צו באַקענען זיך מיט די אייגנטימלעכקייטן פון לאַנד, מיט אירע מאָלערייען און סקולפּטורן. אין זיינע נאָטיצן האָט ער דאַן פאַרצייכנט: „פאַר מיר האָט איטאַליע קריסטאַליזירט דעם נאָך אומבאַוואוסטזיניקן אָטעם פון אונדזער וויגעלע“.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט „די ביבל, ווי אַ בוך פון בילדער, וואָס ענדערן זיך דורך דורות און תקופות“. אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס ער האָט געלערנט פון דעם באַזוך איז: „פאַר די רענעסאַנס־מענטשן איז מעגלעך געווען צו פאַר־אייניקן האַרמאָניש דאָס אַממיינסטן גייסטיקע מיט דער גרעס־טער, סענסועלער פרייהייט. זיי האָבן פולשטענדיק געגלויבט אין דער פיזישער וועלט און אין תחית־המתים“. (אַ מאָטיוו, וואָס ער וועט שפּעטער אַוועקשטעלן אינעם קאָנסטרוקציאָנעלן צענטער פון „זשיוואַגאָ“).

עטלעכע מאָנאַטן פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג איז פּאַסטערנאַק צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, וואו ער הייבט זיך אָן באַטייליקן אין קרייזן פון יונגע פּאָעטן. אויף איינער פון זייערע ליטעראַרישע מסיבות האָט ער פאַרגעלייענט זיינס אַן אַרבעט וועגן סימבאָליזם און אומשטערבלעכקייט. אַן עיקר־טעמע פון זיין שפּעטערדיקן שאַפן.

ער האָט נאָך באַוויזן צו געניסן פון לעצטן זומער פאַרן קריגס־אויסברוך „ווען עס איז נאָך געווען לייכטער צו ליבן ווי צו האַסן". צוליב זיין קורצערן פוס איז ער באַפרייט געוואָרן פון דער אַרמיי. מיט איראָניע פלעגט ער באַמערקן, אַז די פוס האָט אים פאַרהיט פון מיליטער אין דריי מלחמות.

נישט וועלנדיק בעתן קריג זיין אין מאָסקווע, איז ער אַוועק קיין אוראַל, ביי די גרענעצן פון אַזיע, וואו ער האָט גע־אַרבעט במשך פון קריג און גלייכצייטיק אָנגעהויבן זיין ליטע־ראַרישן שאַפן. די אוראַלער לאַנדשאַפט איז אַריינגעוואַקסן אין זיין געמיט און פאַרכאַפּט זיין אָטעם. דורך די דריי יאָר אויפן אוראַל האָט ער אַ סך געלערנט וועגן מענטש און נאַטור און ער האָט זיך נישט איינמאָל, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, זיך אומגעקערט צוריק — דיכטעריש — צו יענעם נאַטור־פּייזאַזש וועלכן ער האָט אַריינגעוועבט אין זיינע ווערק.

די מערץ־רעוואָלוציע האָט אים צוריקגעבראַכט קיין מאָסקווע, אָבער שוין אַלס פּאָעט מיט אַן אייגענעם דרך און סטיל. עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן די נייע פּאַזע אין זיין לעבן.

זיין פּראָזע און פּאָעזיע

צווישן די יאָרן 1915—1923 האָט פּאַסטערנאַק אָנגעשריבן עטלעכע דערציילונגען, וואָס האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמ־קייט פון די לייענער און קריטיקער.

די ערשטע געדרוקטע דערציילונג „דער צייכן פון אַפּע־לעס" שילדערט די איבערלעבונגען פון א יונגן פּאָעט, וועלכער זוכט זיין דיכטערישע אידענטיפיקאַציע. די דערציילונג איז געשריבן אין אַן אייגנאַרטיקן סטיל. דער מחבר גיט צוערשט אַזאַ אַריינפיר:

„זיי זאָגן, אַז ווען דער גריכישער קינסטלער אַפּעלעס
האָט איינמאָל אויסגעפונען, אַז זיין קאָלעגע צעאוקסיס איז
נישטאָ אין דער היים, האָט ער אָנגעצייכנט אויף דעו־
וואַנט אַ ליניע, זיין קאָלעגע זאָל טרעפן ווער עס איז ביי
אים געוועזן. צעאוקסיס האָט נישט געוואָלט בלייבן אַ
בעל־חוב, האָט ער אויסגערעכנט אין וועלכער צייט אַפּע־
לעס איז נישטאָ אין דער היים און איבערגעלאָזט דאַן זיין
צייכן — די ליניע וואָס איז געוואָרן דער אונטערשריפט
פון יעדער קונסט".

**דער העלד פון דער דערציילונג היינע (קיין שייכות מיט
היינריך היינע) זוכט זיין אָרט אין דער געזעלשאַפט. ער זוכט
צו אַנטדעקן די געזעצן פון קונסט. ער פאָדערט זיין רעכט
אַריינצודרינגען אין דער גרעסטער סכנה: „דאָרט, וואו דער
פייער ברענט אַמשטאַרקסטן". ער כאַראַקטעריזירט זיך אַליין
אַזוי:**

„יאָ, אוודאי פאַרנעם איך זיך מיט טעאַטער־שפּילן.
צי איז מיר נישט דערלויבט אויף אַ ווייל צו זיין באַ־
לויכטן פון דעם שאַרפן ראַמפּן־ליכט? צי באַגיי איך אַ
פעלער, אויב די מער געפערלעכע פלעצער פון לעבן —
בריקן און קרייצוועגן — זענען שטאַרקער באַלויכטן, ווי
די אַנדערע?... אויף אַזאַ בריק אָדער בינע, ווען אַ מענטש
כאַפּט דעם פייער־פלאַם און ווערט אָנגעצונדן, מאַכט עס
אים ממש משוגע!..."

**דער „צייכן פון אַפּעלעס" איז דער צייכן פון דעם קינסט־
לערס באַשטימונג: וואו איז זיין אָרט אין לעבן? פאַרוואָס דער־
לויבט מען אים בכלל צו עקזיסטירן? און וואָס באַשטייט זיין
פּאָעטישע אידענטיפיקאַציע — זיין „צייכן פון אַפּעלעס?".**

**היינע זוכט (צוזאַמען מיט זיין מחבר), זיין פּאָעטישן אויס־
דרוק און גורל, דעם „דיכטערישן אונטערשריפט", וואָס גיט
אים רעכט אויף עקזיסטענץ. ער זוכט די דערקענטעניש „פון
דער וואַקלדיקער שייד־ליניע צווישן דעם שאָטן פון דער ערד
און דאָס ליכט פון הימל"... עס איז אויף דעם אָרט נויטיק צו
באַמערקן, אַז** ליכט **ווערט אין דער דערציילונג אַרויסגעהויבן
ווי איינע פון די געשטאַלטן. און** סכנה **ווערט פאַרוואַנדלט אין
אַ** סטיכיע: **„איך שפּאַן ווייטער און דער כאַאָס הויבט זיך אָן"**

— אַ מאָטיוו וואָס מיר וועלן באַגעגענען אין פאַרשידענע וואַר־יאַציעס אין פּאַסטערנאַקס שאַפן.

פון זיין ערשטער שריפט אָן האָט פּאַסטערנאַק נישט אויפ־געהערט צו זוכן זיין „צייכן פון אַפּעלעס", זיין דרך אין קונסט און זיין ראָל אין דער געזעלשאַפט. ער האָט געגלויבט, אַז אַ שורה, אַ ליניע קען אַנטפּלעקן דעם קינסטלערס שם־המפורש, זיין גבורה צו קענען טראַנספאָרמירן אין דיכטונג אַלץ, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין געמיט און מחשבה; אויך דאָס שאָטנדיקע פון דער נשמה הויבט אָן, דורך זיין באַריר, צו גליען מיט אַ שניידנדיקער ליכט.

אין די „בריוו פון טולע", האָט פּאַסטערנאַק נאָכאַמאָל גע־פּרואווט צו דעפינירן די פונקציע פון דיכטונג און די אידענ־טיפיקאַציע פון פּאָעט. דער קינסטלער מוז שאַפן אַפילו ווען עס איז קעגן זיין ווילן, ווייל כוחות מחוץ זיין קאָנטראָל באַ־וועגן אים צו טאָן, אַפילו ווען דאָס איז פאַרבונדן מיט שטאַרקע געבורטס־ווייען. „אַלאָס! צו שרייבן מיינט זיך פייניקן, אָבער איך האָב נישט די קראַפט עס אָפּצושטעלן..."

אין די „בריוו פון טולע" איז דאָ אַן איינדרוקספולע דיכ־טערישע „תפילה־זכה", וואָס איז אָנגעלאָדן מיט פּאָעטישן פי־בער־גלי:

„צווי אַ זייגער"

„איך שווער צו דיר, אַז דער גלויבן פון מיין האַרצן
איז היינט שטאַרקער, ווי ווען עס איז פריער. די צייט
וועט קומען — ניין! וועגן דעם לאָז מיר רעדן שפּעטער.
אָ, נאַכט! צערייס מיך אויף שטיקער, פייניק מיך, פאַר־
ברען מיך אויף אַש, כ'זאָל פאַרגעסן די ווערטער פון פוריע
אָנגעגל'יט אין זשאַר פון געוויסן. אָ, משוגע־מאַכנדיקער
פלאַם פון ברענענדיקע אוילן, באַלייכט מיר דעם דנאָ פון
דער נאַכט..."

אויפן פּאָעט שווערט אַראָפּ די לאַסט פון קינסטלערישן געוויסן. עס שטיקט אים די פּיין פון אומבאַהאָלפנקייט, די חרפּה פון צוזען זיך, וואָס עס קומט אַלץ פאַר אונטער דער זון. דאָך ביי זיין גאַנצער פאַרצווייפלונג טויכט אויף פון די טיפענישן זיין אמונה אינעם מענטש און אין דער אוניווערסאַ־לער קולטור.

כדאי אפשר צו באַמערקן, אַז דער נאָמען טולע האָט פאַר פאַסטערנאַקן אַ באַזונדער קלאַנג — אַן עכאָ פון דער באַגעגע־ניש מיטן פאָעט רילקע אויף זיין וועג צו טאָלסטאָיען. די צוויי קינסטלער, וואָס האָבן זיך — די ערשטע — אַנטפּלעקט אויף זיין גייסטיקן האָריזאָנט.

אין די „בריוו פון טולע" געפינט זיך שוין — אין עמבריאָ־צושטאַנד — דער שפּעטערדיקער העלד יורי זשיוואַגאָ, וועמענס פרייד און האָפענונג האָט זיך דורכגעפלאָכטן מיט מע־לאַנכאָליע און צער. אויף איין אָרט אין דער דערציילונג פרעגט דער דיכטער: „ווי אַזוי קען מען זיין אַזוי מעלאַנכאָליש, בעת אין לעבן איז פאַראַן אַזוי פיל פרייד?" ער קומט צום געדאַנק, אַז טרויער און פרייד באַגלייטן זיך איינס דאָס צווייטע אין לעבן. אין דעם זיסטן פרוכט איז דאָ אַ ביטערער קערן, און צוזאַמען איז עס — לעבן.

אין די „בריוו פון טולע" איז נאָך נישטאָ קיין אָנוואונק אויף דעם צווייטן הויפּט־העלד פון „זשיוואַגאָ — לאַריסאַ. זי באַווייזט זיך צום ערשטן מאָל אין אַן אַנדער דערציילונג.

„די קינדהייט פון די ליווערס"

ליווער איז אַ נאָמען פון אַ בעלגישער פאַמיליע. (אויך לאַראַ איז טיילוויז בעלגיש). פאַרן ערשטן וועלט־קריג האָבן פיל בעלגישע אינזשעניערן געאַרבעט אויפן אוראַל און פאַס־טערנאַק האָט זיך מיט אייניקע פון זיי געטראָפן אין די קריגס־יאָרן.

דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג איז אָבער נישט דער אינזשעניער ליווער, נאָר זיין קינד זשעניע. דער דיכטער צייכנט נאָר אין קורצע שטריכן אירע עלטערן, זייער הויז אין דעם פאַרוואָרפענעם עק — פּערם: „דאָס הויז (וואו זשעניע איז געבוירן געוואָרן), איז פול געוועזן מיט באַהאָרטע פעלן, און פונקט ווי אירע שיפּעלעך האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך זייער ריח, אַזוי אויך אירע דעראינערונגען מיט יאָרן שפּעטער".

זשעניע איז נישט קיין געוויינלעך קינד. זי איז אַ קליי־נינקע פּאָעטין. זי לעבט דורך אַלע מיסטעריעס, וואָס די דער־וואַקסענע — אירע עלטערן בתוכם — האָבן שוין לאַנג פאַר־

געסן! — און, אפשר, גאָר קיינמאָל נישט געקענט... — צווישן איר און דער וועלט פון די דערוואַקסענע שטייען גרענעץ־ווענט וועלכע זי פּרוואווט דורכהאַקן מיט דער הילף פון איר פּאָעטי־שער פאַנטאַזיע. פאַר איר איז דאָס ווייטע שטעטעלע מאָטאָ־וויליקאַ, וואו איר פאָטער פאָרט אָפּט, דער פאָקוס פונעם אומ־באַקאַנטן לאַנד וואָס שרעקט און לאָקט...

אין זשעניע ליווער אַנטפּלעקט זיך פּאַסטערנאַק נישט נאָר פּאָר אַ באַגאַבטן דיכטער, נאָר אויך אַלס גרויסער קינדער־פּסיכאָלאָג. דורך זשעניעס אויגן קוקט ער אויף דער אַרומיקער וועלט, אויף די דערוואַקסענע, און אין איר אינערלעכער וועלט, וואו די גרענעץ צווישן רעאַלן און טרוים איז לגמרי פאַרווישט. מיט פרייד און עקזאַלטאַציע נעמט זי אויף יעדן פענאָמען, וואָס באַווייזט זיך אויף איר האָריזאָנט. איר באַוואוסטזיין איז באַ־גרענעצט, אָבער די מיסטעריע איז אָן אַ גרענעץ! אַרום און אַרום איז נייגיר און וואונדער, וואָס שפּייזט איר פּאָעטישע פאַנטאַזיע און פאַרשאַפט איר אַזוי פיל פרייד...

פלוצלונג האָט זיך אין איר לעבן באַוויזן אַ „פרעמדער" — דער איבערגאַנג פון קינד צו פרוי... עס הויבט זיך אָן איר פרויאישע דערוואַכונג. (עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן אַ ריי מאָמענטן פון סטעפאַן צווייגס דערציילונג „דערוואַכונג" און די פרויאישע דערוואַכונג פון פּאַסטערנאַקס זשעניע ליווער. איןביידע דערציילונגען איז דאָ דער „ברע־נענדיקער סוד", וואָס לאָקט און שרעקט אין איבערגאַנגס־עלטער).

זשעניעס שרעק פּנים אל פּנים מיטן נאַטור־געזעץ!... און געשען איז דאָס אַלץ אַזוי פלוצלונג! דאָס לעבן האָט אויפגע־הערט צו זיין אַ פּאָעטישער קאַפּריז, נאָר אָנגעהויבן פערמענ־טירן אין און אַרום איר...

פּאַסטערנאַק האָט זשעניעס פיזישע און גייסטיקע אַנט־וויקלונג געצייכנט אין סובטעלע, דינע שטריכן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאַרוואונדן איר מיט אַ גרעבערן פּענדזל־שטריך. מיט טאַקט איז געמאָלן איר דערוואַכונג ווען דער „פרעמדער" איז אַריינגעדרינגען אין איר וועלטל.

די קליינע פּאָעטין און איר מחבר טרעפן זיך אויף אַ גע־מיינזאַמען באָדן. דער פּאָעט און קינד האָבן דאָך צווישן זיך

אַ סך בשותפותדיקס.ביידע זענען פון דער נאַטור באַשאַנקען געוואָרן מיט פאַנטאַזיע, וואָס ווערט דער תוך פון זייער וועלטל. דאָס מעטאַפיזישע און איראַציאָנעלע פונעם קינד איז דאָך אַזוי נאָענט דעם דיכטער, ספּעציעל אַזאַ ווי פּאַסטערנאַק.

זשעניע, (ווי איר מחבר), האָט פיבערהאַפטע נשמה־איבער־לעבונגען. איר אינטואיציע און פאַנטאַזיע שטעלט אַוועק אין שאָטן די באַגרענעצטעווירקלעכקייט. די אַסאָציאַציעס פון איר אונטערבאַוואוסטזיין רעדן מער, ווי דירעקטער, קאָמוני־קירנדיקער לשון. זי ווייסט נישט פון קיין טויטער נאַטור, פון „שטיל לעבן". אַלץ איז באַוועגלעך און פול מיט לעבן. אַ זון־אונטערגאַנג, אַ וואָלקן, אַ טייך, אָדער אַ בוים.

דער דיכטער האָט זשעניעס נשמה־פּייזאַזש פאַרבונדן מיטן נאַטור־פּייזאַזש. זיי באַלעבן זיך קעגנזייטיק — איינס באַלייכט דאָס צווייטע. רעאַליסטישע באַשרייבונגען פון זאַכן פאַרקערפּערן — סימבאָליש — אַ ברייטע גאַמע עמאָציעס. ער מאָלט דערשיינונגען און איבערלעבונגען, וועלכע האָבן אויס־געזען צו זיין אוממעגלעך אויסצודריקן אין ווערטער. זיי מאַכן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיי דער ערשטער אויפגעדעקט און באַשריבן. דערביי איז זיין שפּראַך אַזוי עשירותדיק און מייס־טערהאַפט אָרקעסטרירט. אַפילו איינצלנע אינסטרומענטן מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פולן אָרקעסטער.

פּאַסטערנאַק גלויבט שטאַרק אין דער הערשאַפט פון איראַציאָנעלן אין דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, באַשטימענ־דיק זיין גאַנג אין לעבן, זיין נאַטור און זיין גורל. די אַנטוויק־לונג פון מענטש איז שוין אָבער אָפּהענגיק פון זיין אייגענעם ווילן, און דער מחבר גיט דעם לעצטן אַזאַ אָריגינעלן בילדע־רישן אויסדרוק:

„אויב מ'זאָל איבערגעבן אַ בוים זיין אייגענעם וואוקס, וועט ער ווערן בלויז צווייג. ער וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן אין זיינע וואָרצלען, אָדער זיך פאַרשווענדן אין אַן איינצלנעם בלאַט... אויך דער מענטש טאָר נישט דערלאָזן עס זאָל זיך אָפּשטעלן זיין אַנטוויקלונג. ער מוז פאַרהיטן, אַז זיין נשמה זאָל נישט אויסגעטריקנט ווערן און בלייבן טויטע צווייגן".

אין „די קינדהייט פון די ליוווערס" האָט פּאַסטערנאַק דער־

גרייכט קינסטלערישע פּערפעקציע. נישט קיין וואונדער דע־ריבער, וואָס דער רוסישער ליטעראַטור־קריטיקער פּרינץ מירסקי האָט וועגן דעם געשריבן, אַז עס איז אַ פּראָזע „וואו פּאָעזיע און מוזיק ווערן אין דער פולער מאָס אויסגענוצט. נישט נאָר די דערציילונג אַלס אַ גאַנצע, אויך זאַצן און ווער־טער זענען באַהויכט מיט מאַגיק".

כדאי צו באַמערקן דעם פּרעכטיקן אופן פון פּאַרוועבן פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען מיט נאַטור־בילדער. דער מחבר האָט די בערג און טאָלן פון דער מענטשלעכער נשמה אַרומ־געזוימט מיט די טאָלן און בערג פון דער נאַטור, און די לעצטע מאַניפעסטירט זיך (אין דער דערציילונג) אין אַלע אירע שטי־מונגען דורך די סעזאָנען פון יאָר.

אין זיין פּאָעטישער טיפקייט און טיפן הומאַניזם; אין זיין ליידנשאַפטלעכער ליבשאַפט צום רוסישן מענטש און רוסישער לאַנדשאַפט, איז פּאַסטערנאַק דער לעגיטימער יורש פון דער קלאַסישער פּושקין־לערמאָנטאָוו טראַדיציע אין דער רוסישער ליטעראַטור. במשך פון זיין שעפערישן לעבן איז ער געוואָרן דער סימבאָל, די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דער גייסטי־קער פאַרבינדונגס־ליניע צווישן מזרח און מערב. עס איז גוט באַקאַנט די דעבאַטע אין רוסלאַנד צווישן די מערבניקעס און סלאַוואָפילן וועגן דער מערב־קולטור און אירע ווערטן פאַר רוסלאַנד. קיין שום אַנדערער מאָדערנער רוסישער קינסטלער איז נישט אַריין אַזוי טיף אין דער מערב־אייראָפּעאישער קול־טור און זיך מיט איר אַסימילירט, ווי פּאַסטערנאַק.

דער גייסט פון עראַזמוס און לייבניץ — פון שענסטן איי־ראָפּעאישן הומאַניזם האָט געלאָזן אַזעלכע טיפע וואָרצלען אין זיין נשמה, אַז קיין שום טעראָר האָט זיי נישט געקענט פאַר־ניכטן. ער האָט געשטרעבט פאָרצוזעצן די טראַדיציעס פון די גרויסע רוסישע גייסטער ביי וועלכע די געזעצן פונעם מענטשלעכן האַרץ האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין לעבן. מען האָט זיך מיט זיי געדעכנט און די ליטעראַטור האָט וועגן זיי געקענט רעדן מיט אַן אייגן, פריי מויל. און ווען ער האָט איינגעזען, אַז ער קען שוין מער נישט רעדן מיט זיין אייגן מויל, איז ער דאַן געוואָרן דער גרויסער שווייגער פון דער סאָוויעטישער ליטע־ראַטור. אָבער דאָס איז געשען אין די דרייסיקער יאָרן, און

וועגן זיי — וועלן מיר שמועסן שפּעטער. דערווייל האַלטן מיר ביי דער פּאַזע ווען פּאַסטערנאַק איז —

דער באַזינגער פון דער רעוואָלוציע

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן (און פריער נאָך) איז פּאַסטערנאַק געווען שטאַרק געניגט צום קאָמוניזם, אפשר נישט אַזוי אידעאָלאָגיש, ווי סימבאָליש און מיטאָלאָגיש. מיט זיין גאַנצער פּאָעטישער ליידנשאַפט איז ער געווען אויף דער זייט פון די וואָס האָבן גערעדט וועגן אויסלייזונג פונעם מענטש. אין יענער צייט איז ער בלב ובנפש גרייט געווען — אויף זיין געביט — מיטצוהעלפן צו פאַרווירקלעכן דעם אי־דעאַל.

די פּאָעמעס, וואָס ער האָט אין יענער צייט געשאַפן, באַזינגען די העלדן פון דער רעוואָלוציע, זייער אידעאַליזם און מסירת־נפש.

„יאָר ניינצן הונדערט פינף" — אַ פּאָעמע, וואָס לעבט אויף די אַטמאָספער פון יענעם רעוואָלוציאָנערן יאָר; אַ קינסטלע־רישע קאָנצעפּציע פון די געשעענישן אין מאָסקווע און פּעטער־בורג —ביידע שטעט ווערן צונויפגעשמאָלצן, ווי זיי וואָלטן געבילדעט איין שטאָט — וואו דער פּאָליטישער און מאָראַלישער קלימאַט האָט באַקומען אַ קרעפטיקן פּאָעטישן אויסדרוק. די פערזן זענען אָנגעלאָדן מיט דינאַמיק און אַרומגעזוימט מיט שאַרפע ציין „וואָס בייסן די בלעטלעך".

אַ צווייטע פּאָעמע: „מאָסקווע אין דעצעמבער" אָטעמט מיטן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס פון דעצעמבער־אויפשטאַנד (1905). די מזרח־וואַנט אין דער פּאָעמע (און אין אַנדערע שאַפונגען) גיט דער דיכטער די רוסישע באַן־אַרבעטער, וועלכע זענען דאַן געשטאַנען אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אי פון אויפשטאַנד, אי פון די שפּעטערדיקע צאַרישע נקמה־אַקטן.

דער לייטענאַנט שמידט, וועלכער האָט אויף אַ קריגס־קרייצער געפירט דעם בונט קעגן צאַריזם איז באַזונדערס נאָענט צום האַרצן פון דיכטער. עס אימפּאָנירט אים שטאַרק דעם העלדס שטאַרקער כאַראַקטער און אויסגעשפּראָכענער אינדי־ווידואַליזם.

אין „פּרינץ פּאָטיאָמקין״ ברענגט דער פּאָעט ווידער אַרויס די גרויסע אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט, וואָס טראָגט אויס די גאַנצע לאַסט פון די געשעענישן. דער העלד מאַטון־שענקאָ איז געצייכנט אין אַ פיל גרעסערן פאָרמאַט, ווי עס איז זיין נאַטירלעכע גרויס. דורך די אויגן פון זיין העלד קוקט דער דיכטער אויפן גאַנג פון דער דראַמע, אין וועלכער דער גרויסער יחיד (און נישט די מאַסע), לייגט זיין חותם אויף די געשעענישן.

פּאַסטערנאַק האָט אין דער פּאָעמע „די שווערע קראַנק־הייט״ געפּרואווט אויך פורעמען דיכטעריש די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש. ער שילדערט דעם גאַנג פון „אָקטאָבער״, דעם הונגער און טיפוס, דעם בירגער־קריג, א.א.וו. די שיל־דערונג איז ערדיש, רעאַליסטיש, אָבער איבערן רעאַליסטישן בילד טורעמט די לענין־געשטאַלט, וואָס וואַקסט אויס צו אַ מי־טאָלאָגישן פאַרנעם. לענין איז האַרט און ברוטאַל, ווי עס זענען די מיטאָס־געטער, ווען זיי מוזן אויספירן אַ געשיכטלעכן מוז... דער דיכטער האָט געשאַפן אַ לעגענדאַרן לענין־פּאָרט־רעט, וועלכן ער צייכנט אַזוי:

„פון די אוראַלטע רוסישע וועלדער קריכן אַרויס פאָרמ־לאָזע „דראַגאָנס״, וועלכע כאַפּן זיך אומבאַמערקט אַריין אין שטאָט... פּלוצלונג האָט די פאָרמלאָזע מאַסע אָנגענומען די געשטאַלט פון לענינען, וועלכער וואַקסט אויס צו אַזאַ גרויס, אַז ער נעמט אַן די פאַרקערפּערונג פון גאַנץ רוסלאַנד״...

די פּאָעמע איז, אויב כ׳מאַך נישט קיין טעות, זיין איינ־ציקע, וואָס איז דירעקט פאַרבונדן מיטן קאָמוניזם. מיר באַ־געגענען זיך דאָרט מיטן קאָמוניסטישן פירער לעוו פּאָליוואַ־נאָוו, וועלכער ווערט אין אַ שפּעטערדיקן גלגול ווערן פּאַשאַ סטרעלניקאָוו. איצט איז ער מיטן גאַנצן ברען אויף דער צייט פון „אָקטאָבער״, מיט זיין טעראָר און כאַאָס, הונגער און עפּי־דעמיעס, וואָס ווערט באַצייכנט — „דער געשיכטלעכער מוז״.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּאַסטערנאַקס אינערלעכע ריסן, וואָס ער האָט די פּאָעמע געהאַלטן אין איין איבערמאַכן און קאָרעגירן (פון 1923 ביז 1928). אפנים, אין דעם דיכטער האָט עפּעס זיך געריסן און רעוואָלטירט קעגן „די שווערע קראַנק־

הייט״... ער האָט זיך אָבער דאָך דעצידירט אַרויסצוברענגען אין דער פאָרם, ווי מיר קענען עס.

פון 1928 אָן, ווייזט אויס, האָט דער לענין־כלאַראָפאָרם פאַרלוירן זיין קראַפט איבער פאַסטערנאַקן. פון דאַן אָן, באַמערקט זיך זיין דערווייטערונג פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע און נאָך מער — פון די שרייבער וועלכע גייען אין שפּאַן... עס איז דער אָנהויב פון דער פאַסטערנאַק־דראַמע, וואָס האָט דערגרייכט איר הויך־פּונקט אין 1958.

דער צופאַל האָט צונויפגעפירט זיין אידעאישן קריזיס מיט אַ פערזענלעך־פּריוואַטן — זיין פאַרהייראַט לעבן. דאָס לעצטע האָט זיך אָנגעהויבן — ווי ער אַליין דערציילט — מיט אַ קוריאָז: אין 1923 האָט ער זיך צום לעצטן מאָל געזען מיטן פאָטער (אין בערלין), וועלכער האָט אים געוואָרנט, אַז אַן עכטער „ערלעכער קינסטלער דאַרף אויסמיידן הייראַט״. פאַסטערנאַק האָט דאָס גאַנץ רואיק אויסגעהערט און קומענדיק צוריק קיין מאָסקווע גלייך חתונה געהאַט מיט דער יונגער מאָלערין לוריע... אַ פאָר יאָר שפּעטער — זיך געגט, און זיך פאַרליבט אין א פאַרהייראַטער פרוי זינײדא ניוהאוז. (איר מאַן איז געווען אָנפירער פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע און אַליין אַ גרויסער פּיאַניסט).

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן האָט פאַסטערנאַק פאַרצייכנט: „אין צוויי משפחות, אין מיינער און מיין פריינדינס, האָבן די ענדערונגען אַרויסגערופן קאָמפּליקאַציעס, וועלכע זענען געווען מאָראַליש דערדריקנדיק פאַר אַלע אָנטייל־נעמער״. ווי אַ מאָראַליסט האָט פאַסטערנאַק דורכגעלעבט דאַן שאַרפע זעלבסט־באַשולדיקונגען און פייניקונגען. ער האָט זיי געשילדערט אין דער פּאָעמע „די פינצטערקייט פון טויט״, אין וועלכער שוואַרצע מעלאַנכאָליע ווערט צונויפגעגאָסן מיט די העלסטע האָפענונגען.

פאַסטערנאַקס עלטערן האָבן פון דעם גאָר שטאַרק געליטן. און דאָס האָט, וואַרשיינלעך, מיטגעווירקט צו די פאַרשאַרפטע באַציאונגען צווישן פאָטער און זון, וועלכע זענען נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש דערווייטערט געוואָרן בישט נאָר געאָגראַפיש. פון אַלע ידיעות אין דער יידישער פרעסע ווערט קלאָר, אַז לעאָניד איז אויף עמיגראַציע

געוואָרן מער ייד. ווי טויזנטער אַנדערע אָפּגעפרעמדטע יידן, האָט אויך אים, ווארשיינלעך, דער אויפשטייג פון היטלעריזם — שפּעטער דער גרויסער יידישער חורבן — געמאַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלן ייד...

עס איז אינטערעסאַנט צו לייענען וואָס פּראָפעסאָר שי־מאַנאָווסקי (ער האָט איבערגעזעצט פּאַסטערנאַקס דערציילונ־גען אין ענגליש) גיט איבער פון זיינעם אַ באַזוך ביים אלטן פּאַסטערנאַק אין 1943. לעאָניד האָט דאַן געוואוינט אין ענג־לאַנד. זיין פרוי ראָזע האָט שוין נישט געלעבט און ער האָט געלעבט איינזאַם אין אַן אָפּגעזונדערטן ווינקל און צו זיינע 82 יאָר נאָך אויסגעזען אַ קינסטלער־עסטעט פון דער אַלטער רוסישער טראַדיציע:

„די אַטמאָספער אין צימער (לעאָנידס) איז געווען קינסטלעריש און אַריסטאָקראַטיש. פון וואַנט האָט מיט נאָבלקייט און ווירדע אַראָפּגעקוקט זיין אייגענער גרוי־סער פּאָרטרעט, (וואָס האָט אין ענלעכקייט דערמאָנט אַנאַטאָל פראַנסן) און זיינע צייכענונגען פון פּושקין, רילקע, טאָלסטאָי, איינשטיין און אויך פון פיל קאָמפּאָ־זיטאָרן — באַך, מענדעלסאָן, ראַכמאַנינאָוו א.א. — און זייער פיל פּאָרטרעטן פון דער פרוי און קינדער; סקעטשן און אילוסטראַציעס פון טאָלסטאָיס ווערק. אַלץ צוזאַ־מען האָט אַריינגעבראַכט אין צימער לעבעדיקע דעראי־נערונגען פון זיין פאַרגאַנגענהייט. אויך לעאָניד גופא, זיין פּנים, קליידונג, מאַניערן — אַלץ אין אים און אַרום — האָט אַקצענטירט דעם קינסטלער־עסטעט אין זיין ביחידות־ווינקל, וואָס האָט פאַרקערפּערט אַ שטיק לעבן פון אַלטן רוסלאַנד".

מיט פאָטער־שטאָלץ האָט לעאָניד גערעדט וועגן זיין זון, וואָס איז שוין דאַן געווען באַרימט אויך אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט איבערגעגעבן אַ ריי ביאָגראַפי־שע פּרטים פון באָריסעס קינדהייט, יוגנט, פון זיין פּאָעטישן שאַפן און לסוף צוגעגעבן:

„איך האָב שטענדיק געזאָגט צו באָריאַן: זיי ערלעך אין דיין קונסט — וועלן שונאים זיין קעגן דיר מאַכט־לאָז".

פון דעם איז בלויז די ערשטע העלפט מקוים געוואָרן. אָבער די צווייטע?... דער פאָטער האָט נישט פאָראויסגעזען, וואָס די צוקונפט האָט צוגעגרייט פאַר זיין זון...

צי האָט לעאָניד געשלאָגן זיך „על־חטא" אויף זיינע נאַציאָנאַלע זינד אַמאָל אין מאָסקווע? — עס זענען דאָ וועגן דעם פאַרשידענע ווערסיעס פון אינטערוויוען מיט אים, וועלכע איך לאָז דאָ אַרויס. קלאָר איז, אַז ער האָט דאָס געדאַרפט טאָן לכל הדעות.

זיין שטוב אין מאָסקווע איז געווען אַזוי רוסיפיצירט — ביז עקסטרעמער אַסימילאַציע — אַז מען האָט ביי אים גע־פייערט אַלע פראַוואָסלאַוונע חגאות, אַלע „טעג" פון זייערע הייליקע צדיקים מיט זייערע יום־טובים און טראַדיציעס. איז דען אַ וואונדער אַז פון אַזאַ שטוב און דערציאונג, איז דער מיסטיש־געשטימטער זון אינגאַנצן אַוועק פון יידישן גאָט, פאָלק און שטאַם?.. מער נאָך: ער איז געוואָרן מער רוס, ווי אַ פראַוואָסלאַוונער, געבוירענער מאָסקאָוויעץ... עס קען דע־ריבער זיין אַן אמת אין דער ווערסיע, אַז דער פאָטער האָט — אין זיינע לעצטע יאָרן — שטאַרק פון דעם געליטן. אין אים האָט דאָס „פּינטעלע ייד" שטיל געוויינט...

די פּאַזע פון טעראָר...

אין באָריס פּאַסטערנאַקס הויז אין מאָסקווע פלעגן פאָעטן זיך צוזאַמענקומען און פאָרלייענען זייערע שאַפונגען. אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט אָסיפּ מאַנדעלשטאַם פאָרגעלייענט זיינע נייע פּאָעמעס, אין וועלכע עס זענען געווען איראָנישע טענער וועגן סטאַלינען... קען מען זיך פאָרשטעלן די טויטע שטיל־קייט נאָך מאַנדעלשטאַמס לייענען, ווען דער עולם איז זיך מיט טויט־שרעק פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָפנדיק אויף אַ נס...

אָבער דער נס איז נישט געשען! צו סטאַלינען איז דער־גאַנגען די סאַטירע און מאַנדעלשטאַם איז אַרעסטירט געוואָרן.

פּאַסטערנאַק האָט — טראָץ דער פּערזענלעכער געפאַר — אינטערוועגירט פאַר מאַנדעלשטאַמען, אָבער אָן דערפאָלג. אַ צייט שפּעטער, וואוינענדיק אויף אַ זומער־דאַטשע, האָט זיך ביי פּאַסטערנאַקן איין מאָל שטאַרק צעקלונגען דער טעלעפאָן

— „מאָסקווע רופט!" — אויפן טעלעפאָן האָט גערעדט סטאַ־לין:

— ווי האָט איר געוואַגט — האָט ער געפרעגט פּאַסטער־נאַקן — צו אינטערווענירן פאַר מאַנדעלשטאַמען?

— איך בין תמיד פאַראינטערעסירט אינעם גורל פון אַ ברודער־פּאָעט — האָט פּאַסטערנאַק געענטפערט מיט טויט־שרעק...

— איז ער אַ גרויסער פּאָעט? — איז סטאַלין צוגע־שטאַנען.

— גרויסקייט אין דיכטונג איז נישט אַזאַ זאַך, וואָס לאָזט זיך מעסטן — האָט פּאַסטערנאַק פאַרזיכטיק געענטפערט — ס'איז פונקט ווי מען קען נישט מעסטן די שיינקייט פון אַ שיינער פרוי...

סטאַלין האָט מיט ירגזון איבערגעחזרט זיין פראַגע און געפאָדערט אַ קלאָרע תשובה.

— יאָ, ער איזווירקלעך אַ גאָר גרויסער פּאָעט — האָט ער געענטפערט סטאַלינען — איך האָב פון אים זייער אַ סך געלערנט און ער פאַרדינט יעטוועדע הילף. (די געשיכטע ווערט דערציילט ביי ראָבערט פּיין).

מאַנדעלשטאַם איז דאַן נישט אומגעבראַכט געוואָרן. אויף אַ שטיקל צייט איז ער כלומרשט געווען אויף דער פריי, פאַר־וואָרפן ערגעץ אין אַ פּראָווינץ־עק. מען האָט אים אויפסניי אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אַ לאַגער ערגעץ אין וולאַדי־וואָסטאָקער געגנט, וואו ער איז געשטאָרבן (1940).

די וואָס האָבן פּערזענלעך גוט געקענט מאַנדעלשטאַמען, שילדערן אים אַלס זייער אינטערעסאַנטן מענטש: אַ קליינ־געוואוקסיקער, אַ שטאַרק־נערוועזער, אָבער מיט אַן אומגע־הויערן מוט. קיין שום זאַך האָט אים נישט געקענט אָפּשרעקן, אַפילו נישט דער סטאַלין־טעראָר פון די שוידערלעכע דריי־סיקער יאָרן.

אין זעלבן יאָר ווען מאַנדעלשטאַם איז אַרעסטירט גע־וואָרן צום ערשטן מאָל, איז געשטאָרבן סטאַלינס פרוי, אויף גאָר אַ געהיימניספול אופן. (היינט ווייסט מען, אַז סטאַלין האָט איר דערשאָסן בעת אַ שיכרות־אָרגיע אין קרעמל).

די אָנגעזעענסטע סאָוויעטישע שרייבער האָבן דאַן צו־

גויפגעשטעלט אַ קאָלעקטיוון קאָנדאָלענץ־בריוו צו סטאַלינען. צווישן די אונטערגעשריבענע שרייבער זענען אויך געווען פילניאַק און קאַלצאָוו — שפּעטער אומגעבראַכט דורך דער סטאַלין־האַק...

פּאַסטערנאַק האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן די וואולגאַריטעט פון חניפהדיקן קאָנדאָלענץ־בריוו און האָט אַליין צוגעשריבן פאָלגנדעס: „איך טייל דעם מיטגעפיל פון מיינע קאָלעגן. אַ נאַכט פריער האָב איך אַ לענגערער צייט געטראַכט וועגן סטאַלינען פון שטאַנדפּונקט פון אַ קינסטלער. אין דער פרי האָב איך געלייענט די נייעס, וואָס האָט מיך אויפגעטרייסלט, פונקט, ווי איך וואָלט געווען דערביי און אַלץ אַליין געזען און דורכגעלעבט".

וואַרשיינלעך האָט סטאַלין דאָס אַלץ געלייענט און ס'האָט אפשר אַ שייכות מיט זיין טעלעפאָן־געשפּרעך אין ענין מאַנדעלשטאַם, ווי אויך מיט פּאַסטערנאַקס ניצול ווערן דאַן פון דער בלוטיקער האַק.

די אַטאַקע...

אויפן ערשטן קאָנגרעס פון אַל־סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד איז פּאַסטערנאַק שאַרף אַטאַקירט געוואָרן פאַרוואָס ער שטייט פון דער ווייטנס פון די סאָוויעטישע פּראָבלעמען. געראַטעוועט האָט אים בוכאַרין, וועמענס אויטאָריטעט האָט נאָך דאַן געגלאַנצט... מיט גרויס עלאָקווענץ האָט ער פאַרטיידיקט פּאַסטערנאַקס דיכטונג — און זיין לעבן! — פון דער גילאָטינע...

„פּאַסטערנאַק — האָט בוכאַרין דערקלערט — איז דער זינגער פון דער אַלטער אינטעליגענץ, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן די סאָוויעטישע אינטעליגענץ. אמת, ער שטייט פון דער ווייטנס פון דער דינאַמיק פון אונדזער צייט מיט אירע שלאַכטן און מלחמות. אָבער ער האָט דאָך טראָץ דעם איבערגעריסן מיט דער אַלטער וועלט, ריכטיקער: געוואָרן פון איר אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען... ער איז אַ וואונדערלעכער פּאָעט פון אונדזער צייט. הגם ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער וועלט און איז אַריין אין אַ פּערל־שאָל פון זיינע פּערזענלעכע

עמאָציעס, האָט ער דאָך אונדז געגעבן ריינע ליריק... פאַרגעסט נישט, אַז ער נעמט מאַטעריאַלן פון אונדזער געמיינזאַמער ירושה און פאַרוועבט זיי צוזאַמען מיט די באַוועגונגען פון דער נשמה, וואָס זענען דורכאויס פּער־זענלעכע". (**ציטירט לויטן סטענאָגראַפישן באַריכט**).

בוכאַרין האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די פּרעכטיקע אי־מאַזשן פון פּאַסטערנאַקס דיכטונג, אילוסטרירט מיט אַ ריי ציטאַטן און אַרויפגעפירט די דעבאַטע — און אַטאַקע — אויף אַ חברישן ניוואָ... ער האָט מיט זיין רעדע אויך צוגעגעבן קוראַזש פּאַסטערנאַקן גופא צו פאַרטיידיקן זיינע מיינונגען וועגן דיכטונג און זיין מוטיקע אַרויסטרעטונג איז באַגלייט געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן (לויטן באַריכט). כ'וועל נאָר ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פון זיין רעדע:

„אין משך פון צוועלף טעג האָב איך אויפן קאָנגרעס געפירט אַ שטומען געשפּרעך מיט אייך אַלעמען. מיר האָבן אויסגעטוישט בליקן, עמאָציעס און טרערן... — — איך האָב קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון דער פּאַרטיי. אָבער איך וועל זאָגן: זאָלסט קיינמאָל נישט אונטערגעבן דיין פערזענלעכקייט!... עס איז תמיד פאַראַן די געפאַר מיר זאָלן פאַרוואַנדלט ווער׳ן אין ליטעראַרישע פונקציאָנערן... — — — פּאָעזיע, (און פּראָזע), קומט אַרויס בעסער אָדער ערגער, אָפּהענגיק, צי מען קען עס פאַרהיטן פון פאַרקריפּלונג און פאַרניכ־טונג"... (**פון סטענאָגראַפישן באַריכט — ציטירט**).

פאַר אַזאַ רעדע האָט מען אין ראַטנפאַרבאַנד געמוזט צאָלן אַ גאָר הויכן פּרייז... און פּאַסטערנאַק האָט באַצאָלט! נאָכן קאָנגרעס איז ער געווען אין אַ מצב פון אַ נערוון־צוזאַמענברוך, באַגלייט מיט אינסאָמניאַ. אין דעם צושטאַנד איז ער געפאָרן צום אינטערנאַציאָנאַלן שרייבער־קאָנגרעס אין פּאַריז (קעגן פאַשיזם).

צו יענער צייט (1935) **האָט** אַנדרעי זשיד **און** מאַלראָ **נאָך געפלירטעוועט מיטן קאָמוניזם, און זיי, וועלכע האָבן פּאַסטערנאַקן פאַרגעשטעלט פאַרן קאָנגרעס אַלס „איינער פון די גרעסטע פּאָעטן פון אונדזער צייט", האָבן געזוכט זיין מיי־**

נונג וועגן דער סאָוויעטישער ליטעראַטור — אַ טעמע, וואָס ער האָט דורכאויס געזוכט אויסצומיידן...

אין פּאַריז האָט ער אויך געפּרואווט אויסצומיידן אַ צו־זאַמענטרעף מיט דער שטאַרק־טאַלאַנטירטער רוסישער, לירי־שער דיכטערין מאַריאַ צוויעטאַיעוואַ. ער האָט זיך געקענט מיט איר נאָך פון 1914. זי האָט געלעבט אויף עמיגראַציע אין פּאַריז און זיך געפונען אין אַן אומגליקלעכן מצב. איר מאַן האָט אין בירגער־קריג געקעמפט אויף דער זייט פון די „ווייסע". שפּעטער מיט דער פאַמיליע אַוועק קיין פּאַריז און געוואָרן אַ סאָוויעטישער שפּיאָן... צוויעטאַיעוואַ, ווי אַ רוסי־שע דיכטערין, האָט אין פּאַריז נישט געהאַט קיין לייענער־שאַפט, חוץ דעם האָט זי שטאַרק געבענקט צו לעבן אויף דער רוסישער ערד.

זי האָט אויסגעזוכט פּאַסטערנאַקן. ער האָט איר גע־וואָרנט פאַר די שוועריקייטן און ריזיקע. זי האָט זיך מיט אים נאָך קאָרעספּאָנדירט און אין 1939 מיט דער פאַמיליע זיך אומ־געקערט קיין ראַטנפאַרבאַנד.

איר מאַן איז באַלד דערשאָסן געוואָרן. איר זון איז שפּעטער געהרגעט געוואָרן אויפן פראָנט. די טאָכטער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, וואַרשיינלעך אויפן וויטן צפון... און זי אַליין האָט זיך פון גרויס צער אויפגעהאָנגען... „די טראַ־געדיע פון אָט דער פאַמיליע — האָט פּאַסטערנאַק געשריבן — האָט איבערגעשטיגן אַלץ וואָס כ'האָב זיך געקענט פאָר־שטעלן..."

דער טעראָר פון די דרייסיקער יאָרן איז כסדר געשטיגן. אין דער זעלבער צייט איז אויך געשטיגן פּאַסטערנאַקס דיכטע־רישע באַרימטקייט. זיין וואַקסנדיקער נאָמען האָט אים שטאַרק אַלאַרמירט. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער וועט זיך נישט לאָזן פון קיינעם דיקטירן און גיין אין שפּאַן...

אויפן שרייבער־קאָנגרעס אין מינסק (1936) איז ער וויטער אַטאַקירט געוואָרן דורך אַ ריי דעלעגאַטן. אַ געוויסער בעז־אימענסקי האָט אים באַשולדיקט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ אַרומצו־פאָרן און פאַרלייענען זיינע לידער פאַר די אַרבעטער. פּאַסטערנאַק האָט געענטפערט, אַז פּושקין איז אויך נישט אַרומגעפאָרן פאַר־צוליי'ענען, נאָר געפאָרן אין זיינע ווערק...

וואָס עס איבערראַשט אַממייניסטן פון זיין רעדע איז דער העלדישער זאָג: „איך וועל נישט איבערחזרן, וואָס איר האָט דאָ אַלץ גערעדט. איך וועל אָבער שטרייטן מיט אייך, כאָטש איר זייט די מערהייט... דער אויסגאַנג פון שטרייט — — פּאַר מיר גופא וואַג איך אפילו נישט צו האָפן! איך האָב אָבער נישט קיין ברירה, אַזוי לעב איך און כ'קען נישט אַנדערש". דערביי האָט ער אָנגעגריפן די, וואָס פּראָדוצירן פּערזן ווי סטאַכאַנאָווצעס — אַלס שונאים פון פּאָעזיע...

פּאַסטערנאַק האָט באמונה שלמה געגלויבט, אַז קונסט וועט איבערלעבן די פייערווערק פון פּאָליטישע שלאַכטן, און וועט פאַרבלייבן געטריי איר אייגנטלעכן מהות — צו געבן שיינקייט און גבורה דעם מענטש און דער וועלט. ער האָט דערמאָנט, וואָס טאָלסטאָי האָט אמאָל געזאָגט צו זיין פּאָטער: „לעאָניד, געדענק, אַלץ וועט אַוועקגיין און פאַרשווינדן, געלט, קעניגרייכן, אַלץ איז פאַרמשפּט, א חוץ אונדזער אַרבעט, וואָס וועט בלייבן. אַ קערנדל פון אמתער קונסט וועט שטענדיק לעבן".

איינמאָל איז מען צו פּאַסטערנאַקן געקומען ער זאָל זיך אונטערשרייבן אויף אַ פּאַפּירל... דער אינהאַלט איז געווען: אַז ער באַגריסט די עקזעקוציע איבער דעם גענעראַל טוכאַטשעווסקי און אַנדערע (וועלכע מען האָט דאַן אומגעבראַכט). זיין פרוי האָט געשוואַנגערט און מיט תחנונים געוויינט און געשריגן ער זאָל אונטערשרייבן...

„דעם טאָג, האָב איך באַטראַכט די „פּראָס" און „קאָנטראָס" פון מיינע שאַנסן לעבן צו בלייבן. איך בין געווען זיכער, אַז מיין ריי איז געקומען... כ'בין גרייט געווען".

שרייבער־קאָלעגן האָבן אים אָפּגעראַטעוועט דורך אויסבאַהאַלטן זיין אָפּזאָג אונטערצושרייבן. (אַן אַנדער ווערסיע — אַ פריינד האָט געפעלשט זיין אונטערשריפט...)

עס איז עד־היום אַ וואונדער, ווי אַזוי ער האָט אין יענע יאָרן אויסגעמיטן די גילאָטינע. ער אַליין האָט — אין די שפּעטערדיקע יאָרן — באַטאָנט אַז ער איז געבליבן לעבן דורך אַ סעריע נסים... עס זענען געווען ציי‌טן, ווען ער האָט געפילט, אַז די פּעטליע פאַרציט זיך אַרום זיין האַלדז און געטראַכט דאַן וועגן זעלבסטמאָרד, דעם באַשלוס אָבער אָפּגעלייגט אויף דער צוועלפטער שעה... אויפגעהאַלטן האָט אים דער שטראָם פון

ליבשאַפט און פאַרערונג — ס׳רוב פון סטודענטן פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, פאַר וועלכע דער נאָמען פאַסטערנאַק איז געווען אַ לעבעדיקע לעגענדע.

„אין יענע טעג האָבן מענטשן גערעדט וועגן אים, ווי מען וואָלט גערעדט, ווען מען טרעפט שעקספּירן אין גאַס״ — דערציילט אַן עד־ראיה פון יענער צייט. זיין רום איז געוואַקסן איבער רוסלאַנד, הגם וויניק האָבן אים געלייענט. זיין פּערזענלעכער אויסזען איז געווען ווי פון אַ פּאָעט־פּריסט. דער אויסדרוק פון זיין פּנים, די טונקעלע הויט, זיין קליידונג, אפילו זיין צוהינקען ביים גיין — ווי זיין גאַנצער אויסזען — האָט געהאָלפן שפּינען די לעגענדע — פאַסטערנאַק.

די סטודענטן — זיינע טומלדיקע חסידים — פלעגן אים רופן: „אונדזער פּאָעט״. זיי פלעגן מימיגראַפירן זיינע פּאָעמעס, געשריבן פאַרן שופלאַד. אין יענע יאָרן האָבן זיינע אָריגינעלע שאַפונגען זיך איינגאַנצן אויפגעהערט צו דרוקן. סיידן אַמאָל אין אַ יובל אַ פראַגמענט פון אַ דערציילונג אָדער אַ ליד. ער האָט אין זיין אייגענער פּערזאָן מקיים געווען דעם „נייעם זשאַנער״ — דעם זשאַנער פון שווייגן... — וואָס איסאַק באַבעל האָט נישט באַוויזן מקיים צו זיין.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט פאַסטערנאַק אין אַ סעריע פּאָעמעס „דער קינסטלער אין די דרייסיקער יאָרן״ געשילדערט זיין צושטאַנד, ווען „מיין צונג איז פון מיר אַרויסגעריסן געוואָרן״. אויסגעהאַלטן האָט ער זיך דאַן פון איבערזעצונגען (שעקספּיר, געטע, שילער, קלייסט, סווינבערן און אנד. — זענען דורך אים צוגעטראָגן געוואָרן צום רוסישן לייענער). ער האָט אויך איבערגעזעצט פון גרוזיניש — מיט דער הילף פון גרוזינישן פּאָעט פּאָאָלאַ יאַשווילי (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין 1937. — י. ק.).

אין די איבערזעצונגען האָט פאַסטערנאַק אַרויסגעבראַכט נישט נאָר די פּאָעטישע עשירות פון די גרויסע מייסטער, נאָר עס אויך באַפאַרבט מיט זיינע אייגענע עמאָציעס. און ווי קען דען זיין אַנדערש? — „ווען אַ גרויסער פּאָעט זעצט איבער נאָך אַ גרעסערן, מוז ער אָפּשפּיגלען זיין אייגענעם געמיט און מהות״.

ער האָט אויך אויסגענוצט פאָלקלאָר און לעגענדע איינצוהילן אין זייער לבוש זיינע אייגענע מחשבות און געפילן. אַזוי

אַרום האָט ער נאָך אויפן שוועל פון די דרייסיקער יאָרן איבער־געגאַסן די לעגענדע פון דער „הייליקער עליזאַבעט" אין צאַפּל־דיקער, אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק. (אַגב, איז די לעגענדע פאַרבונדן מיט דער שטאָט פון זיינע סטודענטן־יאָרן — מאַר־בורג).

„לאַנג, לאַנג צוריק — דערציילט פּאַסטערנאַק — אין יאָר 1230 פון אונדזער ערע — האָט אַ לעבעדיקע, געשיכטלעכע געשטאַלט, עליזאַבעט פון אונגאַרן, געטראָגן הילף די קראַנקע און אָרעמע און דערמיט זיך קעגנגעשטעלט דעם ווילן פון איר האַר — דער פּריסט קאָנראַד... דאָ נעמט לעגענדע איבער דעם אָרט פון געשיכטע: קאָנראַדס פאַרבאָט און שטערונג איז געווען פאַר איר אַזאַ פּיינלעכע זעלבסט־פאַרלייקענונג, (וואָס איז געווען איבער אירע כּוחות), אַז זי איז באַגאַנגען די זינד פון אומגע־האָרכזאַמקייט. די לעגענדע דערציילט, אַז אַ שניי־שטורעם האָט פאַרווישט און אויסבאַהאַלטן אירע טריט, ווען זי פלעגט ביינאַכט, בשתיקה, גיין צום נידעריקן שטאָט־קוואַרטאַל... איר ברויט איז דורכן שטורעם טראַנספאָרמירט געוואָרן אין בלו־מען".

פּאַסטערנאַק האָט צו דער לעגענדע צוגעגעבן אַזעלכע מוטיקע ווערטער: „אַזוי איז די נאַטור צייטנווייז געצוואונגען אָפּצונויגן פון אירע געזעצן, ווען אַ פאַרהאַסטער טיראַן וויל אויפצווינגען זיינע באַפעלן. נישט וויכטיק איז, וואָס די שטים פון נאַטור־געזעץ איז דאָ פאַרהילט אין אַ נס. אין אַ רעליגיעזער צייט איז דער נס דער צייכן פון אויטענטישקייט". צו שרייבן אַזוי אין סטאַלינס צייטן וועגן אַ טיראַן, האָט מען געדאַרפט פאַר־מאָגן אַן אומגעהויערן מוט...

אויב ער האָט דאָס געוואָגט בימי סטאַלין, איז שוין נישט קיין איבעראַשונג, ווען ער האָט נאָך סטאַלינס טויט אין זיינע עסייען אַרום די שעקספּיר־איבערזעצונגען געשריבן (וועגן „מאַקבעט"): „די פאַרברעכנס וואָס זענען געקומען איינס נאָכן אַנדערן — אַ סך גרויזאַמע פאַרברעכנס דורך אַ לענגערער צייט... ביז דער וואַלד האָט זיך פּלוצלונג אַ ריר געטאָן און איז אַוועק... און קיין נקמה־נעמער איז נישט אויפגעשטאַנען, וואָס זאָל זיין געבוירן פון אַ פרוי..." — — —

נאָכן קריג...

ווען דער שונא איז געשטאַנען ביי די טויערן פון מאָסקווע איז פּאַסטערנאַק פאַרבליבן אין שטאָט צווישן די ברענענדיקע מויערן (זיין פאַמיליע איז געוואָרן עוואַקואירט). ער האָט גע־הונגערט צוזאַמען מיט אַנדערע איינוואוינער, זיין גוף אויפגע־האַלטן פון קרישקעס שפּייז, וואָס סטודענטן האָבן אים געבראַכט, און די הויפּט־האָפענונג איז געווען, אַז אַ נצחון וועט מוזן ברענ־גען אַן ענדערונג, „אַזויפיל קרבנות קענען נישט גיין לאיבוד...״

ער האָט איבערגעלעבט דעם קריג, ווי דעם טעראָר פון די „דרייסיקער״, אָבער נאָך געהאַט פאַר זיך דעם טעראָר פון נאָכן קריג...

אויפן סאָוויעטישן שרייבער־קאָנגרעס אין 1948 איז ווידער געוואָען קעגן אים אַ שטאַרקע קאַנאָנאַדע: „פאַרוואָס שפּילן זיך מיר מיט איינעם, וועלכער האָט במשך פון אַזוי פיל יאָרן, זיך אָפּגע־זאָגט צו אַקצעפּטירן אונדזער אידעאָלאָגיע?״ — האָבן דעלעגאַטן געשליידערט אין אים זייערע גיפטיקע פיילן... „יעדער איינער, וואָס איבערזעצט שעקספּירן אין מלחמה־צייט, פאַרנעמט אַ קלאָ־רע פּאָזיציע״ — האָט מען אים פאַרגעוואָרפן פון פאַרשידענע זייטן. „מיר זענען ארומגערינגלט מיט שונאים, וואָס ווילן אונדז אַנטוואָפענען דורך אַריינגעבן אין אונדז דעם גיפט פון אַ פרעמדער אידעאָלאָגיע. ווי לאַנג וועלן מיר דאָס אַלץ טאָלע־רירן?״...

פּאַסטערנאַק האָט זיך אויך דאָס מאָל נישט אָפּגעשראָקן און פאַרגעזעצט זיינע געטע־ און שעקספּיר־איבערזעצונגען. אויף זיין מויל — אַ שלאָס — „דער זשאַנער פון שווייגן״... (בלויז אין 1943 באַוויזן אָפּצודרוקן — נאָך צען יאָר שווייגן! — אַ מאָגער ביכעלע מיט לידער און פּאָעמעס).

נאָך סטאַלינס טויט האָט פּאַסטערנאַק, צוזאַמען מיט אַנדע־רע געגלויבט, אַז ער קען שוין אַראָפּנעמען דעם שלאָס פון מויל און פרייער אָפּאָטעמען. אָבער ער האָט געמאַכט אַ טראַגישן טעות. עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן גרייטן די סצענע צו זיין זשיוואַגאָ־דראַמע...

„דאָקטער זשיוואַגאָ"

דאָס גרויסע פּראָזע־ווערק, האָט פּאַסטערנאַק אָנגעהויבן שרייבן באַלד נאָכן קריג. ער האָט איבערגעריסן די אַרבעט בעתן אַרעסט פון זיין מיטאַרבעטערין אָלגאַ איווינסקאַיאַ (1948) און ערשט נאָך איר באַפרייאונג (1953) פאַרענדיקט דאָס ווערק.

אין סאָוויעטישן זשורנאַל „זנאַמיאַ" האָט זיך אין 1954 באַוויזן פאָלגנדע נאָטיץ: „אין גיכן וועט דערשיינען פּאַסטערנאַקס אַ ראָמאַן — „דאָקטער זשיוואַגאָ" — אין וועלכן ער שילדערט דאָס רוסישע לעבן פון 1903 ביז 1929, מיט אַן עפּילאָג פון דער פּאַטערלענדישער מלחמה. דער הויפּט־העלד — יורי, אַ דאָקטער, דענקער, פאָרשער, און שעפערישער קינסטלער, האָט איבערגעלאָזן נאָטיצן און פּאָעמעס, וואָס וועלן אָפּשליסן דאָס ווערק. אַ טייל פון זיי דרוקן מיר אינעם היינטיקן נומער".

אַ קורצע צייט נאָכדעם, האָט פּאַסטערנאַק איבערגעגעבן זיין ווערק צום דרוק דעם זשורנאַל „נאָווי מיר"; אַ קאָפּיע פון דעם מאַנוסקריפּט האָט ער איבערגעגעבן דעם מאָסקווער פאַרטרעטער פון איטאַליענישן פאַרלעגער פעלטרינעלי, אַרויסצוגעבן דאָס בוך אין איטאַליעניש און אַנדערע שפּראַכן. סטודענטן פון מאָסקווער אוניווערזיטעט האָבן אויך פון כתב־יד איבערגעשריבן עטלעכע קאָפּיעס, וועלכע האָבן קורסירט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט.

נאָך אַ לענגערן אָפּהאַלט האָבן די רעדאַקטאָרן פון „נאָווי מיר" געמאָלדן פּאַסטערנאַקן, אַז זיי קענען דאָס בוך נישט אַרויסגעבן, ווייל „זיין גייסט דריקט זיך אויס אין אָפּוואַרפן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע".

דאָס וואָס ס'איז געשען ווייטער ארום „זשיוואַגאָ" איז דוכט זיך, אַלעמען גוט באַקאַנט, און כ'וועל דעריבער צוטרעטן צו באַהאַנדלען די פּראָבלעמען און די העלדן פונעם ווערק, ווי בכלל זיין אוֹת **און** אוֹר...

*

אויף אַ ברייטן לייוונט האָט זיך דער אויטאָר פאַרמאָסטן קינסטלעריש צו געשטאַלטיקן דעם גאַנצן קנויל פון מענטשלעכע באַציאונגען און דערשיינונגען פון דער לעצטער עפּאָכע אויפן שטח פון רוסלאַנד. ער האָט בכוונה אויסגעקליבן די

פאָרם פון אַ ראָמאַן, ווייל „עס רעדט גלייכצייטיק אויף פאַרשי־דענע פלאַכן און צו פיל מענטשן".

דער הויפּט־העלד, יורי, אַ שעפערישער קינסטלער, טרוימט צו שאַפן „אַ בוך מיט לעבנס־באַשרייבונגען... דאָס סאַמע אי־בערראַשנדע פון דעם, וואָס ער האָט שוין באַוויזן זיך אָנצוזען און דורכטראַכטן". ער טרוימט אַרויסצוברענגען „די דערהויבנ־קייט און שעפערישקייט, וואָס איז פאַרבאָרגן אין קונסט און אין ליבע".

יורי־פּאַסטערנאַק איז פריער פון אַלץ אַ פּאָעט. ביים גרייטן זיך אַ לענגערע צייט צום גרויס־פאַרמאָסטענעם פּראָזע־ווערק באַרואיקט ער דערוויל זיין טרוים מיט שרייבן פערזן, „ווי אַ מאָלער וואָס צייכנט אַ גאַנץ לעבן בלויז עטיודן, גרייטנ־דיק זיך אַלץ כסדר צו דעם גרויסן, פאַרטראַכטן בילד".

פּאַסטערנאַק האָט אָבער יאָ באַוויזן צו שאַפן זיין „גרויס פאַרטראַכטן בילד" מיט זיינע אַנטפּלעקונגען און מיסטעריעס. אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן האָט ער באַלויכטן די אינערלעכע צאַפּלענישן און נשמה־ספּאַזמען פון זיינע העלדן, וועלכע ער האָט געזען איינגעקלאַמערט אין די נעגל פון טויט, ווען זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק געריסן צום לעבן... מיט אַ פאַרפלאָמטער אומרואיקייט האָט דער דיכטער זיך צוגעקוקט צו דער קראַנק־הייט פון דער נייעסטער צייט, וואָס האָט געפאָדערט „צו פרייען זיך מיט דעם, וואָס ברענגט דיר אומגליק און צו בוקן זיך פאַר דעם וואָס דו האָסט נישט ליב...".

די העלדן פון ראָמאַן זענען פאַרקניפּט דורך אַ גורלדיקער קייט, וואָס פאַרפלעכט זייערע לעבנס און צייטנווייז זיי פאַרפלאָנ־טערט אין אַ קנויל... דער דיכטער אָבסערווירט „ווי אַ באַראָ־מעטער, וואָס גיט אַכטונג מיט פאַרפלאָמטער אומרו" — זייערע עמאָציעס און געראַנגלען, זייערע וואָרצלען אינעם לעבן און זייער אויסגעוואָרצלטקייט. די אילוזיעס ביים פּראווו צו אַנטלויפן פונעם שוואַרצן שאָטן פון דער ערד און דערגרייכן דאָס געטלעכע ליכט פון הימל...

דער מחבר ווייזט אונדז זיינע העלדן אין פאַרשידענע סיטו־אַציעס און ראָלן, אָפּהענגיק פון פּאָליטישן און אינטעלעקטועלן קלימאַט. ער ווייזט אונדז אַ סך מלחמות און שלאַכטן, וואו דער קריגס־העלד איז די מענטשלעכע נשמה. נישט אָפט איז קלאָר

די דעמאַרקאַציע־ליניע פון די קאָנפליקטן און די טיילונג פון די העלדן: „בלויז אין שלעכטע ביכער — באַמערקט דער מחבר — זענען די העלדן צעטיילט אין צוויי לאַגערן און קומען נישט אין קאָנטאַקט. אין דערווירקלעכקייט איז אַלץ אַזוי דורכגע־פלאָכטן...״ דאָס איז אויך חל אויף די ראָלן און זייער פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט: „וואָס פאַר אַ האָפענונגסלאָזער טויגעניכטס — באַמערקט זיינס אַן העלד — דאַרף מען זיין צו שפּילן אין לעבן בלויז איין ראָל, אָדער פאַרנעמען אין דער געזעלשאַפט נאָר איין פּלאַץ...״

אין „דאָקטער זשיוואַגאָ״ איז פּאַסטערנאַק אי רעאַליסט, אי ראָמאַנטישער פּאָעט. זייט ביי זייט מיט רעאַלע בילדער — געפינען זיך מיסטעריעזע פּאָעטישע וויזיעס פול מיט סימבאָליק און אָנ־וואונק. דאָס ווערק פאַרמאָגט פּאָעזיע און פילאָזאָפיע, אידייען און לעבנס־חכמה, גיהנום־בילדער און פרילינגס־טרוים, נאַטור־פּיי־זאַזשן, און פּייזאַזשן פון דער מענטשלעכער נשמה מיט אירע ריסן און צוזאַמענשטויסן. אייניקע פון די העלדן קענען אין געוויסע מאָמענטן איינשטיין בשכנות מיט די קלאַסישע גע־שטאַלטן פון דער רוסישער ליטעראַטור, ווי אליאָשאַ קאַראַמאַ־זאָוו, פּרינץ מישקין, ניעכליודאָוו, ראַסקאָלניקאָוו א.א., מיט דעם אונטערשייד, וואָס זיי זענען אריינגעפּאַסט אין דער ראָם פון אַן אַנדער צייט, און דורך דעם — אַן אַנדער אופן פון זען און באַ־טראַכטן די וועלט.

אין דעם גרויסן פּראָזע־ווערק האָט דער מחבר אַריינגע־פלאָכטן אַ סך מאָטיוון, געשטאַלטן און געשעענישן אין וועלכע דער לייענער ווערט — ספּעציעל אין אָנהייב — ווי פאַרפאַלן און פאַרפלאָנטערט... אָבער ביסלעכווייז הויבן זיך אָן — פאַרן אויפמערקזאַמען לייענער — אויסטיילן די מאָטיוון און פּראָבלע־מען, וועלכע קענען איינגעטיילט ווערן אין פאָלגנדע: א) ליבע און קונסט, ב) טויט און תחית־המתים, ג) מלוכה־רעגלאַמענ־טאַציע און אַבסאָלוטע פרייהייט, די ראָל פון דער אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט — אָנצורופן נאָר עטלעכע פון די הויפּט־ פּראָב־לעמען.

פון דער גאַלעריע געשטאַלטן טיילן זיך אויס די צוויי הויפּט־העלדן — יורי און לאַראַ, וועלכע זענען, ווי אַ לייכט־טורעם אינעם פינצטערן אַרום... בלתי־ספק פאַרקערפּערן זיי

עלעמענטן און שטריכן פונעם מחבר גופא. אָבער אויך פיל שטריכן וואָס האָבן אַבסאָלוט נישט קיין שייכות מיט פּאַסטערנאַקס לעבן (איז דען פּרינץ מישקין תמיד אידענטיש מיט דאָסטאָיעווסקין גופא?). צו דערמאָנען נאָר איין ביישפּיל: פּאַסטערנאַק איז קיינמאָל נישט פאַרנומען געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער. ער האָט נישט קיין אָנטייל גענומען אין זייערע קאַמפן און בכלל נישט געווען אין דער צייט פונעם בירגער־קריג אין יענע מקומות, וועלכע ער באַשרייבט אין בוך.

יורי איז אָבער אויטאָביאָגראַפיש דערמיט, וואָס דער מחבר זיינער האָט אין אים איבערגעפלאַנצט זיין אינטעלעקטועלן אומרו, זיין מאָראַלישע עמפּערונג קעגן דער „הערשאַפט פון ליגן", ווי אויך די אידייאישע ענדערונגען וואָס פּאַסטערנאַק האָט דורכגעמאַכט זינט דער רעוואָלוציע.

„מיר רעדן אויף באַזונדערע שפּראַכן — זאָגט דער העלד אין „זשיוואַגאָ" — איך בין געווען רעוואָלוציאָנעריש געשטימט, אָבער איצט בין איך איבערצייגט, אַז מיט געוואַלד־טאַטן וועט מען גאָרנישט אויפטאָן. דאָס גוטע מוז מען צוציען נאָר מיט גוטס". ווען לאַראַ זאָגט צו יורין: „האָסט זיך געענדערט, פריער האָסטו אַנדערש געאורטיילט די רעוואָלוציע, נישט אַזוי האַרב און וויניקער צעריצט..." — ענטפערט ער איר: „צו אַלץ אין דער וועלט מוז זיין אַ גרענעץ. עפּעס האָט דאָך שוין געדאַרפט דערגרייכט ווערן דורך דער צייט... אַ מענטש איז געבוירן צו לעבן, און נישט ער זאָל זיך כסדר האַלטן אין איין גרייטן צו לעבן... דאָס איז אַלץ וואָס זיי ווייסן און קענען טאָן..."

יורי־זשיוואַגאָ האָט פון אָנהויב פון דער רעוואָלוציע געגלויבט אין אירע אידעאַלן, געגלויבט אפילו, אַז דער סטאַלין־דרך איז דער איינציקער וועג פאַר רוסלאַנד (און דער אויסוועג פאַר דער וועלט), און דעריבער מקבל־באַהבה געווען דעם „אַי־בערגאַנגס־פּעריאָד". דער כלאָראָפאָרם האָט איינגעשלעפערט ביז ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען די „הערשאַפט פון ליגן".

„די קאָלעקטיוויזאַציע" — זאָגט איינער פון די העלדן אין ראָמאַן, „איז געווען אַ פאַלשער, נישט געלונגענער שריט. אָבער מען האָט נישט געטאָרט זיך מודה זיין אין דעם טעות... צו פאַרדעקן די דורכפאַלן האָט מען מיט אַלע טעראָר־מיטלען — — מיט דער אומפאַרגלייכלעכער ברוטאַליטעט פון דער יעזשאָוו־

שטשיזנע אָפּגעוואוינט מענטשן פון דענקען און אורטיילן...
מען האָט פאַרעפנטלעכט אַ קאָנסטיטוציע, וועלכע מען האָט
אפילו נישט געטראַכט אויף איין מינוט איינצופירן אין לעבן...״

אין נאָמען פון „הערשנדיקן ליגן״ איז אַלץ געכשרט געוואָרן: מאָרד, פאַרראַט, ליגן, צביעות; „אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט אַ באַשטימטן מאָראַליש־אינטעלעקטועלן, מענטשלעכן סדר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש און שטויב״... יורי פּאַסטערנאַק האָט דערפילט, אַז די־אַ־קאַטאַסטראָפע פון אַלע הומאַניסטישע ווערטן איז אַן אַלגעמיינע און אַ פּערזענלעכע: „זיין נאַקעטע נשמה, האָט אַ באַרויבטע געשווידערט און געציטערט די גאַנצע צייט, און זיך געצויגן צו אַ צווייטער נשמה, אויך אַזאַ נאַקעטע און עלנטע...״

יורי און לאַראַ אין זייער טיפער מאָראַליש־אינטעלעקטועלער עלנטקייט — באַגלייט מיט שוידערלעכע נויטן און סכנות — קלאַמערן זיך איינער אין צווייטן אויפצוהאַלטן אַ פונק פון לעבן. ער זאָגט צו איר:

„מיר ביידע זענען ווי אדם און חוה, וועלכע האָבן גאָרנישט געהאַט צו פאַרדעקן זיך בעת דעם יבראשית פון דער וועלט. מיר זענען אויך איצט אזוי נאַקעטע און היימלאָז ביים סוף פון דער וועלט. איך און דו זענען די לעצטע דערמאָנונגען וועגן דעם גאַנצן און גרויסן אָן־אַ־שיעור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט פון אדם און חוה ביז אונדז... לזכר די דאָזיקע פאַרשוואונדענע וואונדערלעכקייטן אָטעמען מיר, ליבן און וויינען, אונטערהאַלטן זיך און טוליען זיך איינער צום אַנדערן״.

דער קינסטלערישער פּראָצעס

דער פּראָצעס פון קינסטלערישן שאַפן פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין „זשיוואַגאָ״. פּאַסטערנאַק פּרואווט צו באַלייכטן פון אינעווייניק וואָס דער קינסטלער, דער פּאָעט, פילט אין די מאָמענטן ווען עס רוט אויף אים די שכינה פון אינספּיראַציע. „ער (יורי) האָט דערפילט די דערנענטערונג פון דעם, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס אינספּיראַציע. אין אַזעלכע מאָמענטן ווערט דער קינסטלער באַווירקט פון כוחות, וועלכע האָבן זיך ווי אויפן קאָפּ געשטעלט. נישט דער מענטש האָט דאַן די מאַכט צו געבן אויסדרוק זיין נשמה־צושטאַנד... זיין לשון — די היים פון

שיינקייט און זינלעכקייט, הויבט אָן דענקען און רעדן פאַר אים: זי פאַרוואַנדלט זיך אין מוזיק נישט אינעם זין פון אויסערלעכן הער־געזאַנג, נאָר פון אויפשטורעמען אין זיין מעכטיקן אינער־לעכן שטראָם. און דאַן: ווי ריזיקע טייד־ווען, וועמענס באַ־וועגונגען דרייען מיל־רעדער, שלייפן שטיינער — אַזוי שאַפט זיין שפּרודלדיקע שפּראַך — מיט דער קראַפט פון אירע אייגענע געזעצן — ריטם, פערז און אַנדערע פאָרמען, מער וויכטיקערע, ביז איצט נאָך נישט אָנערקענטע, באַטראַכטע און באַצייכנטע..."

יעדעס קונסט־ווערק, האָט פּאַסטערנאַק אַמאָל באַמערקט, איז אַ לעבעדיק און צאַפּלדיק וועזן. עס איז פול מיט באַוואוסט־זיין, מיט אַ קלאָרן געדאַנק, מיט (היינטיקע) בילדער און סצענ־קעס און עלעמענטן פון דער פאַרגאַנגענהייט... „אַ בוך איז אַ קוביסטיש פראַגמענט פון אַ ברענענדיקן געוויסן".

„דאָקטער זשיוואַגאָ" איז איבערפולט מיט אָט דעם „ברע־נענדיקן געוויסן". דורך זיין פייער ווערן דורכגעברענט די עמאָציעס, מחשבות און איבערלעבונגען פון די העלדן. זייער הילפס־גרייטקייט איינער פאַרן צווייטן, און זייער הילפס־לאָזי־קייט... די שעפערישע קינסטלערישע אינספּיראַציע און אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע, וועלכע באַווירקן זיך קעגנזייטיק...

אין אַ פּאָר קאַפּיטלען פונעם ראָמאַן — זיי געהערן צו די פּערל פון דער וועלט־ליטעראַטור — וויקלט דער דיכטער פאַ־נאַנדער צוויי פון זיינע הויפּט־מאָטיוון אין „זשיוואַגאָ": קונסט און ליבע. קונסט ווערט אינספּירירט און עקזאַלטירט דורך ליבע; און ליבע — דורך עסטעטישער שעפערישקייט. אָט די ביידע ליידנשאַפטן פון יורין ווערן אינעם ווערק צונויפגעגאָסן אין אַ שלימותדיקער האַרמאָניע.

וועגן ליבע האָט פּאַסטערנאַק ערגעץ באַמערקט אַז: „ס'זענען פאַראַן ציטן, ווען ליבע גייט אין אַ געוועט מיט דער זון"... ביי יורין קומט דאָס כסדר צום אויסדרוק בעת זיינע באַגעגענישן מיט לאַראַן... אין איר האָט ער געזוכט זיין רעטונג, זי זאָל מיט איר כוח פאַרטרייבן די קאָשמאַרן וואָס באַגלייטן אים טאָג און נאַכט; די קאָשמאַרן פון אַ וועלט וואָס ווערט באַהערשט דורך לונאַטיקער... ער זאָגט צו איר: — „מיר ביידע זענען, ווי אין שעקספּירס ראָמעאָ און יוליאַ, מיר שטייען אין בוך פון באַ־שערטקייט, אין איין שורה איינער נעבן אַנדערן".

לאַראַ גופא — די צווייטע הויפּט־העלדין — איז געשיל־דערט רעאַל און ערדיש און דאָך עפּעס ווי נישט פון דער וועלט. ווי זי וואָלט נישט געגאַנגען אויף דער ערד נאָר געשוועבט אַ פּאָר אינטשעס העכער... ווי יעדער שטאַרק־פאַרליבטער, זעט אויך יורי אין איר עפּעס אומגעוויינלעכס. נישט אַזאַ ווי אַלע אַנדערע... ווען ער הויבט אָן אויסטיילן אירע מעלות און אנדערשקייט — זעט זי אויס: „ווי מיט עלעקטרישן שטראָם אָנגעלאָדן מיט דער פולסטער ווייבלעכקייט אין דער וועלט. צוגיין צו איר נאָענט — וועט אַרויסשפּריצן אַ פונק וואָס וועט טויטן אויפן אָרט, אָדער דעם צימער־רוים באַליכטן..." עס איז פּאַר אים וויטאַקדיק „צו ליבן און איינזאַפּן איר עלעקטרי־ציטעט". נאָך שווערער קומט איר אָן: „זי האָט איגנאָרירט די טיפע, ווייבלעכע איבערלעבעניש, ווי זי וואָלט זיך אַליין באַ־שטראָפט דערפאַר וואָס זי איז אַזוי שיין..."

די לאַראַ, וואָס דרינגט אַריין אין זיין לעבן דערשיינט עפּעס, ווי אַ געטלעך ליכט פון הימל... זי איז אָבער דורך און דורך ערדיש. איר ליידנשאַפטלעכע ליבע צו יורין לאָזט נישט איבער דעם מינדסטן צווייפל...

פּאַסטערנאַק האָט געצייכנט זייערע ליבע־באַציאונגען אין די דינסטע פאַרבן. זייערע ליידנשאַפטן אַנטפּלעקן זיך אין זייערע בליקן, זשעסטן, געצוימטע געשפּרעכן, וועלכע יורי באַ־צייכנט אַלס „די נישט־רעאַליסטישע שפּראַך פון ליבע".

— „זיי האָבן געליבט איינער דעם אַנדערן נישט אַרומגעע־כאַפּט מיט תאווה־פלאַמען... זיי האָבן געליבט, ווייל אַזוי האָט געוואָלט דער אַלץ אַרום: די ערד אונטער זיי, דער הימל איבער זייערע קעפּ, די וואָלקנס איבער די ביימער. זייער ליבע איז אפשר מער געפעלן געוואָרן דעם גאַנצן אַרום, ווי זיי אַליין".

דער דיכטער איז דאָ געגאַנגען אין די פוס־טריט פון דער קלאַסישער טראַדיציע אין דער רוסישער ליטעראַטור, צו שיל־דערן ליבע־סצענעס מיט אַ רמז, מיט דעם „צייכן פון אַפּעלעס". די פיזיאָלאָגישע זייט פון זייערע ליידנשאַפטן איז מיסטעריעז פאַרהילט. הגם, דאָ און דאָרט שטויסן מיר זיך אָן, אַז זייערע ליידנשאַפטן זענען געוואָרן קאָנסומירט...

אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן באַמערקט פּאַסטערנאַק, אַז דאָס וואָרט „סעקס" און די גאַנצע ליטעראַטור אַרום דעם,

האָט אַ בייגעשמאַק פון אומדערטרעגלעכע באַנאַליטעטן. איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס ער האָט די „באַנאַליטעטן" אויסגעמיטן אין „זשיוואַגאָ"...

פּאַסטערנאַק האָט יוריס ליבע פאַר לאַראַן פאַרוואַנדלט אין פיל מער, ווי די ליבע צו אַ פרוי. זי איז פאַר אים דאָס גרויסע געזאַנג פאַרן גאַנצן באַשאַף פון קאָסמאָס, פאַר דעם באַשאַף פונעם מענטשלעכן לעבן — וואָס מיינט פאַר אים — געטלעך לעבן! ער מאָלט איר אין דימענסיעס פון די גרויסע רוסישע רחבותן מיט זייערע פאַרבן און קלאַנגען: —

„אַ פרילינג אָוונט, די לופט איז פול מיט קלאַנגען שטימען פון שטיפנדיקע קינדער פון נאָענט און ווייט. די דאָזיקע ווייטקייט — דאָס איז די מאָמעלע רוסלאַנד! די אומפאַרגלייכלעכע, די עקשנטע, די שטיפערקע און די מאַרטירערין; די וואַנזיניק־פאַרגעטערטע — אָ, ווי זיס איז צו לעבן אויף דער וועלט און ליב האָבן דאָס לעבן, צו זאָגן דעם לעבן, דער עקזיסטענץ: אַ דאַנק!... דאָס אַלץ איז לאַראַ. זי איז דער געשאַנק פון וואָרט און געהער, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך די פאַרבאָרגענע יסודות פון דער עקזיסטענץ".

לאַראַ, וואָס סימבאָליזירט דעם גרויסן שיר־השירים פאַרן לעבן, איז אַריינגעפירט געוואָרן אין לעבן פון דער ערגסטער זייט... זי איז פאַרברעכעריש־פריצייטיק געמאַכט געוואָרן פאַר אַ פרוי... „קענסט באַשולדיקן דעם יאָר־הונדערט אין איר נאָמען — זאָגט איר (געוועזענער) מאַן פּאַשאַ אַנטיפּאָוו — אין אירע אויגן — אַלע טעמים פון דער צייט! אַלע אירע טרערן און עוולות, אַלע אירע פאַרלאַנגען. די גאַנצע אָנגעזאַמלטע נשמה־דורשט און שטאָלץ איז געווען אָנגעשריבן אויף איר געזיכט".

זי, די געשענדעטע טאָכטער, פאַרקערפּערט אין דער צעבראָכענער און געשענדעטער וועלט דעם שענסטן הומאַניזם און די מיסטעריעזע קראַפט פון דער נאַטור.

*

ד"ר דזשאָנסאָן האָט געהאַט געשריבן אַז „די טרערן פון געליבטע געהערן צום גרויסן פּאַטישן בילאַנס, אָבער דזשאָן דאַננע האָט זיי צעשפּרייט איבער דער וועלט".

פּאַסטערנאַק האָט די טרערן אויפגעקליבן און זיי אַריינ־געגומען אין „זשיוואַגאָ" (אויך אין זיינע פּאָעמעס). זיי שיינען אַרויס פון יוריס און לאַראַס אויגן בעת זייער געזעגענונגען צעשיידונג אין וואַריקינאָ...

דער דיכטער האָט מיט אַ מעכטיקער, פּאָעטישער קראַפט געמאָלן יוריס פּסיכישן צושטאַנד נאָך לאַראַס אַוועקגיין, ווען „די נעכט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעג..."

די שילדערונגען אין ראָמאַן זענען דאָ כמעט אידענטיש מיטן רעאַלן לעבן. פּאַסטערנאַק האָט אין דעם בילד פאַרקער־פערט זיין פּערזענלעכע איבערלעבונג נאָכן אַרעסט פון איוויג־סקאַיאַ... (אין ראָמאַן ווערט דער אַרעסט נישט דערמאָנט). ער האָט וועגן דער געשעעניש אויך געשריבן אין אַ פּאָעמע („צע־שיידונג"), וואָס וויזט אָן אויף דער שרעקלעכער אומאָרדענונג, וואָס ער האָט געטראָפן אין איווינסקאַיאַס צימער נאָך דער רעוויזיע און איר אַרעסט... „ער איז אַריין אין טיר און געזען אַ הויז, וואָס ער קען נישט דערקענען. די צימערן אין פול־שטענדיקן כאַאָס". א.אַ.וו.

פון געמיט און זכרון האָט דער דיכטער קאָנסטרואירט אין דער פּאָעמע (און אין ראָמאַן) „די לוויה פון לעבן" — „די לעצטע באַגעגעניש ביים צעשיידן און געזעגענען זיך מיט אַלץ וואָס איז אים געווען נאָענט און טייער"... די צעשיידונג (מיט לאַראַן) איז געצייכנט אין סובטעלע, לירישע שטריכן מיט אַ טרער אויף „די באַגריפן און שטרעבונג צום לעבן, אַזוי ווי געוויסן האָט געלערנט".

פּאַסטערנאַק האָט דאָס טראַגישע בילד געמאָלן אַזוי לע־בעדיק און איינדרוקספול, ווי זיינע לירישע טענער וועגן מאַיאַ־קאָווסקיס זעלבסטמאָרד, ווען דער טויטער מאַיאַקאָווסקי איז אַפילו אין דער טרומנע לעבעדיק געוואָרן...

שאָטן־זייטן...

אויף דעם ראָמאַן ליגט דער חותם פון אַ פּאָעט, וועלכער איז נישט דיסציפּלינירט — און נישט איינגעאַרבעט אינעם געביט פון ראָמאַן־שרייבן. פּאַסטערנאַקס אומפּלאַנירטקייט אין דער קונסט פון פּראָזע־אַרכיטעקטור, אַנטפּלעקט זיך אין די טיילן פונעם ווערק, וואו דער מחבר קען נישט באַהערשן און

באַוועלטיקן דעם מאַטעריאַל מיט אַ געניטער מייסטער־האַנט, ווי מיר זעען עס ביי טאָלסטאָיען, ביי טאָמאַס מאַן און אנדערע גרויסע פּראָזע־קינסטלער. דער מחבר האָט אין אַ ריי קאַפּיטלען נישט געהאַלטן זיינע העלדן אין דעם פּרעציזן פאָקוס פון קינסטלערישער פּראָזע.

צו די שאָטן־זייטן געהער אויך די שוואַכע כאַראַקטערי־זאַציע פון די העלדן, און וואָס געוויסע פּאַסירונגען און פּרטים זענען נישט אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן אינעם ווערק און מאַכן דעם איינדרוק פון אומוואַרשיינלעכקייטן... צוליב די שאָטן־זייטן האָבן אייניקע קריטיקער פון דער מערב־וועלט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע באַגייסטערונג פאַרן ראָמאַן. אָבער אַפילו די שאַרפסטע קריטיקער (מחוץ דעם קאָמוניסטישן לאַ־גער) האָבן אונטערגעשטראָכן די ווערטן: אויב אַפילו עס איז פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט ווייניקער ווי אַ גרויסער ראָ־מאַן, איז עס אָבער פיל מער ווי אַ בוך!... אין דעם ווערק איז דאָ די עסענץ פון אַ גאַנצער וועלט־אַנשויאונג, פון אַ לעבנס־פילאָזאָפיע אַרומגענומען מיט אַ פּאָעטישן לבוש.

אין „זשיוואַגאָ" איז פאַרקערפּערט אַ לעבנס־באַנעמונג, וואָס איז דיסטילירט געוואָרן דורך אַ גרויסער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, און דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער עדמונד ווילסאָן איז זיכער גערעכט, ווען ער שרייבט: —

„קיינער וואָלט אין אַ טאָטאַליסטיש לאַנד נישט גע־קענט אָנשרייבן אַזאַ ווערק ווי „זשיוואַגאָ", און עס לאָזן לויז איבער דער וועלט, נישט פאַרמאַגנדיק דעם קוראַזש פון אַ זשעני". ער גלויבט, אַז דאָס ווערק וועט פאַרבלייבן „איינע פון די גרעסטע געשעענישן אין דער ליטעראַטור, ווי אין דער מאָראַל־געשיכטע".

און אַפילו אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא, האָט נישט קיין אַנ־דערער, ווי איליאַ ערענבורג — אין אַן אינטערוויו מיטן זשור־נאַליסט גערד רוזש דערקלערט (פאַרן שטורעם מיט דער נאָבל־פּרעמיע...): „זיין (פּאַסטערנאַקס) פּראָזע־ווערק איז אפשר נישט אויף דער ערד, אָבער תמיד גרויסע דיכטונג, פול מיט פּאָעטישן אימאַזש".

כ'האָב אויבן דערמאָנט אייניקע שאָטן־זייטן פון „זשיוואַ־גאָ". עס וועט מיר נאָך אויסקומען — שפּעטער — אויסצורע־

כענען (פון נאַציאָנאַל־יידישן שטאַנדפּונקט) — נאָך איניקע פּעלערן פונעם ווערק. אָבער איצט וויל איך אַנאַליזירן איניקע פּראָבלעמען, וועלכע ווערן דאָרט באַהאַנדלט; אויך די פּראָטאָ־טיפּן פון די הויפּט־העלדן, און אַ פּאָר מיסטעריעזע פּראָפּיל־געשטאַלטן פונעם ראָמאַן.

טויט און תחית־המתים...

די מיסטעריע פון טויט און ווידער־געבורט געהער צו די הויפּט־מאָטיוון אין „זשיוואַגאָ".

שוין אין אָנהויב פונעם ווערק באַקענען מיר זיך מיט יוריס אָנקל, דעם גרויסן הומאַניסט און אינטעלעקטואַל — קאָליאַ, וועלכער מעדיטירט איבער דעם זין פון לעבן און די מיסטעריע פון טויט. ער זאָגט אַרויס אָט דעם געדאַנק: —

„די מיסטעריע פון טויט האָט שוין טויזנטער יאָרן באַשעפטיקט די בעסטע מוחות. אַלס וועגנטועלע לעזונג פון דעם פּראָבלעם, האָבן מענטשן געשאַפן סימפאָניעס, אַנטדעקט מאַטעמאַטישע אומענדלעכקייטן און עלעקטראָ־מאַגנעטישע פּאָליעס. דער מענטש איז געגאַנגען פאָרויס מיט אַן אויפשוואונג פון גייסט".

יורי אַליין האָט וועגן תחית־המתים אַזאַ געדאַנק: — „ווי וואָלט זיך די וועלט אַהין־געטאָן מיט די אַלע מענטשן צונויפ־געזאַמלט פון טויזנטער יאָרן? — די וועלט איז נישט גענוג גרויס פאַר זיי".

דער קריטיקער און ביאָגראַף ראָבערט פּיין ווייזט אָן, אַז ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער אויטאָר האָט אָנגערופן זיין הויפּט־העלד „זשיוואַגאָ". אין רוסיש באַדייט עס: „דער טויי־טער וואָס איז אויסדערוויילט ער זאָל צוריק געבוירן ווערן". (אין פּראַוואָסלאַוונעם עוואַנגעליום באַגריסן די מלאכים די פרוי, וואָס עפנט דעם קבר מיט די ווערטער: „פאַרוואָס זאָלסטו זוכן די לעבעדיקע צווישן די טויטע?").

ווי פיל אַנדערע רוסישע שרייבער, איז אויך פּאַסטערנאַק שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די ווערק פון גרויסן רוסישן דענקער אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט ניקאָלאַי פיאָדאָראָוו. (ער איז בשעתו געווען ביבליאָטעקאַר און געשיכטע־לערער אין אַ מאָסקווער הויך־שול).

פיאָדאָראָווס ווערק פאַרנעמען זיך זייער פיל מיט טויט און תחית־המתים, ווי מיט דער אידעע פון אַבסאָלוטער פרייהייט. זיינע באַגריפן וועגן פרייהייט גייען אַריבער יעטוועדע גרענעץ פון אונדזער דענקען און פון די אָנגענומענע הנחות פון מענטשלעכן לעבן: —

„פרייהייט, אָן דער אַבסאָלוטער מאַכט איבער דער נאַטור־וועלט — האָט אויסגערופן פיאָדאָראָוו — איז ווי באַפרייען די פויערים און נישט געבן זיי קיין ערד. דער מענטש מוז ווערן דער האַר פון דער וועלט אינעם אַבסאָלוטן, געטלעכן זינען פון וואָרט. ער מוז קענען אַ סוף מאַכן צו דער מערדערלעכער היץ און טויטלעכער קעלט, צו די פאַרפלייצונגען, טריקענישן, הונגער און קראַנקהייטן".

דאָס אַלץ לאָזט זיך נאָך אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אונדזער דענקען און האָפענונג. אָבער פיאָדאָראָוו גייט אַ סך ווייטער: — „טויט, — זאָגט ער — מוז פאַרניכטעט ווערן און די מתים דאַרפן צוריק אַרויסגערופן ווערן צום לעבן, זיי זאָלן געניסן פון דעם, וואָס דער טויט האָט מיט כוח אַוועקגעריסן פון זיי..."

פיאָדאָראָוו האָט קיינמאָל נישט קלאָר געמאַכט די מעגלעכקייט: „אַז דער מענטש זאָל פאַרניכטן דעם כוח פון טויט איבערן לעבן" — ווי אַזוי ער שטעלט זיך דאָס פאָר צו דערגרייכן?... ער האָט נאָר אונטערגעשטראָכן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, אַז עס קען נישט זיין קיין אמתע, אַבסאָלוטע פרייהייט, אָן אַ נצחון איבערן מלאך המוות... (און אָן צוריקברענגען די טויטע צוריק צום לעבן...).

ווי מיר זאָלן זיך נישט באַציִען צו זיין פילאָזאָפיע און צו דער פראַקטישער זייט פון זיינע אידייען, איינס מוז מען זאָגן: זיי זענען עכט רוסיש! זיי אַנטשפּרעכן דער פסיכיק פונעם רוסישן מענטש, דעם: „ס'מוז אומבאַדינגט אַזוי זיין!"... דעריבער האָבן די רוסישע קלאַסיקער אַריינגעוועבט פיאָדאָראָווס געדאַנקען אין זייערע ווערק, זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי, אַפילו דאַן, ווען זיי האָבן נישט געמאַכט זיין עקסטרעמען אויספיר (פון תחית־המתים).

פּאַסטערנאַקס יורי — ווי פּיאָדאָראָוו — זוכט אויך אַב־סאָלוטע פרייהייט. ער וויל זיך נישט באַגנוגענען מיט דער פרייהייט רעגלאַמענטירט און באַגרענעצט דורך דער מלוכה. ער איז דער אומקאָמפּראָמיסלעכער בונטאַר קעגן יעטוועדער מלוכה־פאָרם. (נישט נאָר באָלשעוויסטישער). און דערפאַר איז זיין בונטאַרישקייט פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל! וואָס ער איז יאָ בכוח צו טאָן, איז צו מאַניפעסטירן, אַז ס׳איז דאָ אַן אַנדער לעבנס־אופן ווי דער הערשנדיקער (מיט זיין שנאה און פאַרניכטונג), און דאָס איז: ליבע, פרידן און פרייהייט! (וואָס איז פאַרקערפּערט אינעם לעבן און שטערבן פון „ד״ר זשיוואַגאָס״ הויפּט־העלדן).

פּראָטאָטיפּן

יורי איז לכל הדעות אַ סינטעטישע געשטאַלט. פיל מענטשן האָט פּאַסטערנאַק אַריינגענומען אין זיין ליטעראַרישן טייג, פון וועלכן ער האָט אויסגעקנאָטן די יורי־געשטאַלט.

ראָבערט פּיין האַלט, אַז אין יורין זענען פאַרקערפּערט שטריכן פון קינסטלערס פאָטער (לעאָניד), וועמען דער זון האָט געוואָלט פאַראייביקן (פּאַסטערנאַק האָט דעם ראָמאַן אָנגעהויבן שרייבן באַלד נאָך זיין פאָטערס טויט). אויך פון נעכלודאָוון (פון טאָלסטאָיס „תחית־המתים״) און פון... לענינען. אינטערעסאַנט זענען פּיינס באַמערקונגען וועגן דעם נאָמען יורי, וואָס איז מרמז אויף „יוראָדאָוויטי״ — דער הייליק־געט־לעכער נאַר מיט וועלכן עס איז מלא וגדיש דער רוסישער פאָלקלאָר. (דער „יוראָדאָוויטי״ סימבאָליזירט דעם הייליקן טרעגער פון געטלעכן וואָרט, וועלכער שרעקט זיך נישט־אָפּ פאַר קיינעם — אַפילו נישט פאַרן מלך — צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן...).

אַז פּאַסטערנאַק האָט טיפע פּאָעטישע וואָרצלען אינעם רוסישן פאָלקלאָר — אויף דעם זאָגט עדות זיין פּראָזע־ווערק. (און די פּאָעמעס זיינע). עס איז גאַנץ מעגלעך די סימבאָלישע אָנדייטונג פון די יורי־זשיוואַגאָ־נעמען, אָבער וויפיל יורי זאָל נישט כולל זיין די אָדער אַנדערע פּערזאָנען, איז ער פריער פאַר אַלץ אַן אויטאָביאָגראַפישער טיפּ, אין דעם זין, ווי כ׳האָב פריער אָנגעוויזן.

לאַראַ פאַרקערפּערט, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, דעם דיכטערס נאָענטע פריינדין — אַלגאַ איווינסקאַיאַ. האָט דאָך דער מחבר אַליין באַמערקט, אַז לאַראַ „פאַרקערפּערט אַ פרוי, וואָס לעבט נאָך און האָט מיך פיל געהאָלפן". אָבער אויך וועגן איר זענען פאַראַן, צווישן די קריטיקער, פאַרשידענע השערות. (זי זאָל באַשר פאַרקערפּערן לאַריסאַ ריינער, אַ רעוואָלוציאָנערע קעמפערין, וואָס איז יונגערהייט געשטאָרבן אין סיביר אויף טיפוס, און פּאַסטערנאַק, וועלכער האָט איר גוט געקענט, האָט איר טויט באַערט מיט אַ פּאָעמע).

וואַרשיינלעך איז אויך לאַראַ — ווי יורי — אַ סינטעטיש געשטאַלט, אין וועלכער עס זענען פאַרקערפּערט שטריכן פון פיל פרויען. דער מחבר האָט דאָך די לאַראַ־געשטאַלט אָנגעהויבן צייכענען אין דער יונגיטשקער זשעניען („די קינדהייט פון די ליוועֶרס") און איר פאַרענדיקט אין „זשיוואַגאָ".

לאָמיר אָבער אויף דעם אָרט אונטערשטרייכן, אַז כאָטש די העלדן פון ראָמאַן האָבן, ווי אַזעלכע, רעאַל קיינמאָל נישט עקזיסטירט, זענען זיי אין דעם ראָמאַן מער לעבעדיק (און רעאַל), ווי די מענטשן, וועלכע מיר זעען טאָג־טעגלעך אין גאַס.

אוודאי זענען זיי געצייכנט גרעסער, ווי מענטשן זענען עס אין זייער נאַטירלעכער גרויס אין רעאַלן לעבן. אָבער די דאָזיקע סטיליזאַציע נעמט נישט צו זייער נאַטירלעכקייט. פאַרקערט, עס אַקצענטירט נאָך שטאַרקער. זענען דאָך, כמעט, אַלע גרויסע העלדן פון דער רוסישער, ווי פון דער וועלט־ליטעראַטור, געצייכנט גרעסער ווי מענטשן זענען עס אין נאַטירלעכן לעבן, און עס אַפּעלירט צו אונדז דורך דער פּריזמע פון קונסט. „מען קען מער אויפגעטרייסלט ווערן — זאָגט יורי — פון דער קונסט אין „פאַרברעכן און שטראָף", ווי פון ראַסקאָלניקאָווס פאַרברעכן". דורך דער פּריזמע פון קונסט ווערט איצט דורכגעלויכטן פון אינעווייניק די מענטשלעכע נשמה מיט אַלע אירע טונקלקייטן און ריסן...

— „נישטאָ קיין פּלוראַליזם אין קונסט — באַמערקט פּאַסטערנאַק אין „זשיוואַגאָ" — די קונסט פון אַלטן מצרים, גריכנלאַנד און אונדזערע אייגענע דאָס איז אַלץ, מיין איך, איין און די זעלבע קונסט, וואָס בלייבט זיך געטריי דורך יאָרטויזנטער". דער דיכטער זעט די איינהייטלעכקייט פון קונסט דורך דער

גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע. זי איז אַן־אַלץ אַרומנעמענ־דיקע אידייע, אָדער לעבנס־דערקלערונג, וואָס לאָזט זיך נישט שפּאַלטן אין באַזונדערע ווערטער.

זיך געקריגט מיט געשיכטע...

יוריס שטיף־ברודער יעווגראַף איז איינער פון די מיס־טעריעזע פּראָפיל־פיגורן אין „זשיוואַגאָ". ער וואַקסט תמיד אויס — פּלוצלינג — ווי פון אונטער דער ערד. (אַ מין „משולח" פון אַנסקיס „דיבוק"). ער קומט שטענדיק צו דער צייט, ווי אַ מלאך הגואל, צו ברענגען הילף און רעטונג אין געפערלעכע, אָדער שווערע סיטואַציעס.

יורי באַצייכנט זיין באַוויזן זיך, ווי אַ „גורלדיקע אינ־טערווענץ", און דאָס איז ווירקלעך זיין מיסטעריעזע ראָל אין ראָמאַן. דער מחבר האָט אים געלאָזן אַ פאַרנעפּלטן, אַ מין „רואה ואני נראה". זיין קומען און פאַרשוואונדן ווערן וואַקסט נישט אָרגאַניש אַרויס פון דער אַקציע און ס'מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אומוואַרשיינלעכקייט...

מער ערדיש איז אַן אַנדערע מיסטעריעזע פּראָפיל־פיגור — וואַסיאַ. דאָס זעכצניאָריקע יינגל זעט אויס צו זיין פון כולו קדושה, — איינגעהילט אין אַ מיסטעריעזן לבוש — אַ מין מלאכל, וואָס איז צופעליק אַראָפּגעפאַלן אויף דער זינדיקער ערד... ער איז אָבער געשילדערט מער רעאַליסטיש ווי יעווי־גראַף, און אַך דעם לעצטנס גיהנום־פייער... ער שיינט צו זיין אַ מין קאָנטראַ־פּאָזע פון יוריס שטיף־ברודער, מיט מער הימ־ליש ליכט...

בכלל האָט פּאַסטערנאַק געפּרוווט אַריינבישופן אין ראָ־מאַן — און אין די פּאָעמעס — מלאָכישקייט און הימליש ליכט... אויך לאַראַ זעט אויס, טיילמאָל, נישט פון דער וועלט... אין אירע צוויי ווייסע הענט זעט דער דיכטער פליגל פון אַ מלאך. און אומעטום וואו זי קומט, ברענגט זי היילונג און געליי־טערטקייט... די טראַגישע געשעענישן, וואָס באַגלייטן איר לעבן זענען נישט בכוח צו צעשטערן איר אינערלעכע שלווה, ווי זי וואָלט געמאַכט אַ קרייז אַרום זיך, אַז דער גיהנום־פייער זאָל צו איר אינערלעכן וועזן נישט האָבן קיין צוטריט.

דורך לאַראַן זאָגט פּאַסטערנאַק אַרויס זיין פּאַראורטייל־לונג פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט: „דער שורש פון יעדן בייז, דער גרעסטער אומגליק אונדזערער — דערקלערט זי יורין — באַשטייט אין דעם, וואָס מענטשן טראַכטן, אַז נאָכגיין זייער אייגענעם עטישן געפיל, איז שוין אַרויס פון דער מאָדע. מען האָט אויפגעהערט גלויבן אינעם ווערט פון פּערזענלעכע מיינונגען. אַלע מוזן מיטזינגען אין כאָר!"...

רעדנדיק וועגן איר מאַן אַנטיפּאָוו גיט זי, צווישן אַנדערן, אַזאַ באַמערקונג: „ער האָט זיך געקריגט מיט געשיכטע". אָט דער זאָג דאַרף גענומען ווערן סימבאָליש נישט נאָר וועגן אַ יחיד, נאָר וועגן גאַנצע באַוועגונגען, קלאַסן און אידעאָלאָגיעס, וועלכע האָבן זיך געקריגט מיט געשיכטע... און מער פון אַלע — דער קאָמוניזם, וועלכער האָט געוואָלט איינרעדן די וועלט, אַז ער האַלט די געשיכטע ביי זיך אין וועסטל־קעשענע...

צוערשט די מלחמה האָט אַראָפּגעשוואָנקען אַלץ, וואָס איז געווען עטאַבלירט און פאַרבונדן מיט אָרדענונג. נאָכהער די רעוואָלוציע, וועלכע האָט „פון גאַנץ רוסלאַנד אַראָפּגעריסן דעם דאַך... דאָס מוטערל רוסלאַנד האָט נישט געקענט זאָט ווערן מיט רעדן. נישט בלויז מענטשן האָבן גערעדט, עס האָבן געשמועסט שטערן און בוימער, עס האָבן פילאָזאָפירט נאַכט־בלומען; שטיינערנע געביידעס האָבן אָפּגעהאַלטן נאַכט־מיטינגען..." (אַזאַ פּרעכטיקע, בילדערישע פּראָזע — ווי אין די לעצטע ציטירטע שורות, באַגעגנט דער לייענער זייער פיל אין דעם גרויסן פּראָזע־ווערק. ווער עס איז נאָר געווען אין יענער צייט אין רוסלאַנד געדענקט, ווי מען האָט דאַן „נישט געקענט זאַט ווערן מיט רעדן" — י.ק.).

נאָכדעם זענען די מענטשן אַנטשוויגן געוואָרן... ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט פון אומבאַוואוסטקייט, פון וואַנדערונגען און אויפטרייסלונגען באַגלייט מיט טויט, אומקום, בלוט־בעדער און גרויזאַמע אכזריותן אַרומגעהילט מיט דער פראַזע: „מיר בויען אַ נייע וועלט".

אין דעם צייט־שגעון זענען אַלע געוואָרן אַנדערש: — דאָס געוויסן איז נישט געווען ריין, יעדער איינער האָט געהאָט אַ גרונט צו פילן זיך שולדיק אין אַלץ, ווי אַ געהיימער פאַרברעכער... „אַנטיפּאָוו, — זאָגט לאַראַ, — וועלכער האָט

געהאַט אַ הערלעך, אָפן געזיכט, אָן רעטושירונג, איז געוואָרן אַן אויסדרוק פון אַ פּרינציפּ, פון כוחות — אומברחמנותדיק — אומבערעכנגעוודיקע... ער האָט זיך צוגעוואוינט צו זיי, ווי מען געוויינט זיך צו צו אַן אָפענער, נישט פאַרהיילטער וואונד...״

די דאָזיקע צייט האָט באַוויזן, אַז „איין מענטש איז צום אַנדערן אַ וואָלף״. איינער האָט דערהרגעט דעם צווייטן כדי אַליין נישט אומצוקומען... — — — — — —

דער עפּילאָג פון ראָמאַן...

פּאַסטערנאַק שילדערט אין דעם עפּילאָג פון „זשיוואַגאָ״ אַ צוזאַמענטרעף (בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה) פון יוריס חברים. ער פאַרצייכנט גאָרדאָנס און דודאָראָווס געשפּרעכן, זייער איבערבליק איבער די שטימונגען פון לאַנד:

„מיר (אין די לאַגערן) האָבן לאַנג נישט געוואוסט, אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן... פּלוצלינג — אַ פּאָר־שלאַג פריייוויליק צו גיין אין שטראָף־באַטאַליאָנען אויפן פראָנט... ווער עס וועט בלייבן לעבן האָט אַן אויסזיכט צו זיין פריי... מיר האָבן דורכגעמאַכט אַטאַקעס, מינעס און מאָנאַטן פון אַ שווערן הוראַגאַנישן מלחמה־פייער... אָבער אין פאַרגלייך מיט די שוידערלעכקייטן אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער איז דער מלחמה־גיהנום געווען אַ גליק...״

— „אַ וואונדערלעכע זאַך — ענטפערט אים דער חבר — נישט בלויז אין אָנבליק פון דיין קאַטאָרגע־גורל; בעת די גע־שעענישן פון די „דרייסיקער יאָרן״ — אַפילו אויף דער פריי — אַפילו אין וואוילשטאַנד פון אוניווערזיטעט־לעבן מיט בי־כער, געלט און באַקוועמלעכקייטן — איז די מלחמה געקומען ווי אַן אָפּפרישנדיקער שטורעם, ווי אַ שטראָם פרישע לופט, ווי אַן אָטעם פון דערלייזונג״.

די אַלע סכנות און גרויזאַמקייטן פון קריג „די סכנה פון טויט איז געווען אַ חסד אין פאַרגלייך מיט דער אוממענטש־לעכער ממשלה פון בלאָף״...

אין זעלבן עפּילאָג שילדערט דער מחבר טאַניאַן, אַ טאָכ־טער פון יורין און לאַראַן, וועלכע איז צוליב די געפאַר־וואַנ־

דערונגען פון אירע עלטערן געוואָרן אַ פאַרוואָרלאָזט, וואַגאַ־בונד־מיידל, און שפּעטער (בעתן קריג) מגולגל געוואָרן אַלס מאַ־ביליזירטע וועשין אויפן פראָנט.

דער מיסטעריעזער יעווגראַף האָט איר דערקענט און ער שמועסט מיט יוריס חברים וועגן איר לעבנס־גורל — ווי אַ סימבאָל פון דער עפּאָכע. דער מחבר ברענגט — דורך זיי — אַרויס דעם פאָלגנדיקן געדאַנק: —

„אַזוי האָט שוין עטלעכע מאָל געטראָפן אין דער געשיכטע: אַ זאַך וואָס איז דערהויבן פאַרטראַכט געוואָרן איז שפּעטער פאַרגרעבט געוואָרן אין דער ווירקלעכקייט. אַזוי איז רוים אַרויסגעקומען פון גריכנלאַנד, און די רו־סישע רעוואָלוציע — פון דער רוסישער אויפקלערונג.

נעם דעם פערז פון אַלעקסאַנדער בלאָק: „מיר די קינדער פון רוסלאַנדס שרעקלעכע יאָרן" — און וועסט באַלד זען דעם אונטערשייד פון זיין פּעריאָד און אונ־דזערן. ווען בלאָק האָט דאָס געזאָגט, האָט ער געמיינט מעטאַפאָריש: די קינדער זענען נישט געווען קיין קינדער, נאָר זין — די יורשים פון דער אינטעליגענץ. אין זיין צייט איז דער טעראָר נאָך נישט געווען אַזוי שרעקלעך. די „שוידערלעכע יאָרן" זענען פאַרשטאַנען געוואָרן פי־גוראַטיוו. איצט איז דאָס פיגוראַטיווע געוואָרן אַ בוכ־שטעבלעכע ווירקלעכקייט. די קינדער זענען קינדער, און דער טעראָר איז שרעקלעך. אין דעם באַשטייט דער אונטערשייד".

ווי אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע צו דאָס אויבנדערמאָנטע, איז דער פינאַל פון לאַראַס גורל, אין דעם לאַקאָנישן נוסח:

— „איינמאָל איז לאַריסאַ אַוועק פון שטוב און זי האָט זיך מער נישט צוריקגעקערט. וואַרשיינלעך האָט מען זי אין יענע טעג אַרעסטירט אויף דער גאַס און זי איז געשטאָרבן, אָדער פאַרפאַלן געוואָרן... פאַרגעסן געוואָרן אונטער אַ וועלכן־עס־איז נאָמענלאָזן נומער אין פאַר־לוירן־געגאַנגענע רשימות, אין איינעם פון די אומצאָ־ליקע, אַלגעמיינע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָדער אין אַזאַ פרויען־לאַגער אין צפון..."

דאָס ליכט פון נוצרי...

אין „זשיוואַגאָ" ווערט באַזינגען דאָס „נייע וואונדערלע־כע, וואָס דאָס קריסטנטום האָט געבראַכט". דער מחבר זעט אין נוצרי די מיסטעריע פון דער יחיד־פּערזענלעכקייט, ווען דאָס „מענטשלעך־יחידיש לעבן איז געוואָרן אַ געטלעכע דער־ציילונג"... פאַרשטייען מיר, אַז דער דיכטער מיינט דאָ נישט די אָרטאָדאָקסאַלע קירכע־רעליגיע, נאָר דעם אורשפּרינגלעכן קריסטנטום. ווייזט זיך אַרויס, אַז פּאַסטערנאַק האָט זיך מיט דעם נישט געוואָלט באַגנוגענען, נאָר ער האָט אָנגעטאָן די טאָגע פון אַ מיסיאָנער און איז אַרויס מיט אַזעלכע קלאָץ־קשיות: „לטובת וועמען איז די דאָזיקע פרייוויליקע מאַרטי־רערשאַפט? (פון די יידן — פאַרוואָס האָבן זיי נישט פאַנאַנדער־געלאָזן אָט דעם באַטאַליאָן (דאָס יידישע פאָלק — י.ק.), וועל־כער ווייסט נישט פאַרוואָס ער ווערט געשלאָגן?" ער גייט נאָך ווייטער: „דער נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט אַרויפגעלייגט אויף אים די אָפּטויטנדיקע (?! — י.ק.) נויטווענדיקייט צו זיין און בלייבן אַ פאָלק?"

פּאַסטערנאַק האָט דאָס אַלץ געשריבן נאָכן גרויסן יידישן חורבן! — ווען די ערד פון מזרח־אייראָפּע איז געווען אויסגע־ווייקט מיט יידיש בלוט... ווי אַזוי האָט ער דאַן געקענט אַרויס־ברענגען אַזאַ פלאַכע מיסיאָנערישע פראַזעאָלאָגיע?...

לויט ראָבערט פּיין, שטאַמט פּאַסטערנאַק פון די ספרדישע יידן, וועלכע זענען אין 18־טן י"ה אָנגעקומען קיין רוסלאַנד און דאַן אָנגענומען דעם פאַמיליע־נאָמען. ווי אַזוי האָט אַן אור־אייניקל פון די ספרדישע קידוש־השם־יידן געקענט קומען מיט אַ „פּאַר־לייג" „פאַנאַנדערצולאָזן אָט דעם באַטאַליאָן..."? ס'דערציילט טאָמאַס מאַן פון אַן אַנדער באַגאַבטן, אָפּגעפרעמדטן ייד — פראַנץ ווערפל, וועלכער האָט אויך געפלירטעוועט מיטן קריסטנטום (מיט רוים און מיט דער קאַטוילישער קירכע) און ער האָט מיט דער גרעסטער אַנטשלאָסנקייט אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון שמד (אין אַ צייט), „ווען דאָס יידישע פאָלק לעבט דורך אַזאַ מאַרטיראָלאָגיע". אָבער פּאַסטערנאַקן האָט די מאַרטיראָלאָגיע נישט געשטערט צו שרייבן אַזוי ווי ער האָט געשריבן...

איך גיי דאָ נישט פּאָלעמיזירן מיטן דיכטער און אויפווייזן,

ווי פרעמד עס איז אים דאָס ליכט, וואָס שיינט אַרויס פון דער יידישער געשיכטע... אַז גראַדע דער „אָפּטויטנדיקער" נאַציאָנאַלער געדאַנק (פון יידישן פאָלק) האָט געשאַפן אַזעלכע גייסטיקע און עטישע אוצרות, וואָס די קריסטלעכע פעלקער האָבן נישט געקענט שאַפן... און אַז דער יידישער „באַטאַליאָן" האָט צו גוט געוואוסט פאַרוואָס ער ווערט געשלאָגן!...

די איבערראַשונג איז ביי מיר, וואָס אַזאַ טיפער, ערנסטער דענקער און קינסטלער, ווי פאַסטערנאַק, ווענדט אָן צוויי מאָסן (לגבי קאָמוניזם און קריסטנטום): דעם קאָמוניזם משפט ער לויט זיין פּראַקטיק — אין ליכט פון זיין ווירקלעכקייט... (און נישט לויט זיין אידעאַלער־פּראַזע!); טאָ פאַרוואָס משפט ער נישט דעם קריסטנטום אויך אין ליכט פון זיין פּראַקטיק?... טאָקע (אין ליכט פון דער „קריסטלעכער" אויפפירונג אין היטלער־חורבן?...).

זיינע פאַרגלייכונגען פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט („יציאת־מצרים" און דאָס „קינד פון דער בתולה" צב"ש), האָט אויף זיך דעם שטויב פון די סאָפיסטיש־טעאָלאָגישע דיספּוטן אין מיטלאַלטער. און ס'וואָלט פאַרן גרויסן דיכטער בעסער געווען ער זאָל אָט דעם „אַנטיק" לאָזן ליגן אין שטויב פון די אַרכיוון...

משונהדיק זעט גאַר אויס אַזאַ „לאָגישער" געדאַנק אַרויסגעבראַכט דורך זיין לאַראַן, אַז אין דעם (יידישן) „מקריב זיין זיך איז דאָ אַן אינערלעכע שוואַכקייט, אַ היסטאָרישע מידקייט". לויט דער „לאָגיק" זענען די משומדים, וועלכע לויפן אַריבער פון אייגענעם שוואַכערן פאָלק צום שטאַרקערן, הערשנדיקן — „האַרן־פאָלק" — מענטשן אָן „אינערלעכע שוואַכקייטן און היסטאָרישער מידקייט"... דאַקעגן שוואַך און מיד זענען די, וואָס ראַנגלען זיך און קעמפן אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון פאָלק...

ווי געזאָגט, גייט מיר נישט דאָ אין פאָלעמיזירן, נאָר אין פאַרשטיין פאַסטערנאַקס „קריסטאָלאָגיע" (וואָס געהערט צו די שאָטן־זייטן פון ראָמאַן). ער האָט זיך שטאַרק צוגעטוליעט צום אָרטאָדאָקסאַל־פּראַוואָסלאַווענעם קריסטנטום כדי דערמיט זיך צו באַהעפטן אין גאַנצן מיטן רוסישן פאָלק... און ווייל ער איז נישט געווען קיין געבוירענער רוס (נאָר פון יידישן אָפּ־

שטאם), האָט ער געוואָלט ווייזן זיין הייסן רוסיציזם דורך געבן מיסיאָנערישע „עצות טובות" דעם יידישן פאָלק...

עס גייט נישט אין אָפּפרעגן, אָדער אָפּענטפערן אים, נאָר אין קלאָר מאַכן: אַז ביים באַהאַנדלען אין אַ ריי ערטער (אין „זשיוואַגאָ") דעם נאַציאָנאַל־יידישן אַספּעקט האָט אים געפעלט פאַרשטענדעניש (און טאַקט), ווי אויך דער טיפערער אַריינבליק אין דער יידישער געשיכטע.

עס האָט דאַן אויף אים נישט גערוט די שכינה פון אינספּיראַציע, אָט די קינסטלערישע אינטואיציע, וואָס קען פאַרטרעטן דעם מאַנגל פון וויסן.

דאָס איינציק־ריכטיקע, וואָס ער האָט באַמערקט אין שייכות מיטן יידישן אַספּעקט איז: „אונדזער מיטגעפיל (פון געוויסע קריסטן בעת מען שלאָגט יידן) קומט מער פון קאָפּ, מיט נישט אויפריכטיקייט, און מאָראַלישער דעגענעראַציע".

עס איז אָפּנים געווען אוממעגלעך, אַז פּאַסטערנאַק זאָל עס קענען פאַרזען (בעתן היטלער־חורבן) ביי די „קריסטוס־ליבנדיקע" פּראַוואָסלאַוונע...

די פּאָעמעס אין „זשיוואַגאָ"

דאָס גרויסע פּראָזע־ווערק האָט פּאַסטערנאַק באַזוימט מיט פינף־און־צוואַנציק פּאָעמעס, דורך וועלכע ער האָט געוואָלט געבן „מער קערפּער און וואַרעמקייט" דעם ראָמאַן.

דער גרעסטער טייל פון די פּאָעמעס זענען טעמאַטיש פאַרבונדן מיטן ראָמאַן; מיט עפּיזאָדן און פּאַסירונגען פון די העלדן און טיילווייז — מיטן מחברס פּערזענלעכן לעבן. ווי ער אַליין האָט דערציילט (אין אינטערוויוען) האָט ער זייער לאַנג געאַרבעט איבער די פּאָעמעס און זייער אַראַנזשירונג — וועלכע צו געבן פריער און וועלכע שפּעטער — האָפנדיק אַזוי אַרום צו דערגרייכן די קינסטלערישע שלמות פון טאָמאַס מאַן און רייד מאַריע רילקע — צוזאַמענגענומען.

אַ „צויבער־מעשהלע" איז איינע פון די הויפּט־פּאָעמעס, וואָס פאַרקניפּט דעם דיכטערס אויטאָביאָגראַפישע פּאַסירונגען (און שטריכן) מיט דער פּראָזע־שילדערונג און לירישן אינהאַלט פונעם ראָמאַן. די שאַפונג גופא פון אָט דער פּאָעמע, איז דראַ־

מאַטיש געשילדערט אין איינעם פון די פּאַטעטישסטע קאַפּיטלען אין ווערק. ער שילדערט עס אַזוי:

„פאַבריקע נאַכט האָט ער (יורי) געפּרואווט אויסדריקן זיינע געמישטע געפילן — פון ליבע, טרויער, קוראַזש און שרעק — מיט די פּשוטסטע ווערטער, וואָס גרענעצן זיך מיט דער האַרציקייט פון אַ וויג־ליד... פון די ווייטע ברייטקייטן, וואָס שפּרייטן זיך אויס פון יענער זייט פּענצ־טער, האָט ער אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, פלוצלונג דערהערט אַן אומעטיקן, קלאָגעדיקן קלאַנג... ביים סוף פון דער לאַנגע איבערן טאָל, האָט ער באַמערקט פּיר אויסגעצויגענע שאָטנס, וואָס זענען געשטאַנען מיט די מאָרדעס געווענדט אין דער ריכטונג צום הויז".

דער דיכטער שילדערט, ווי יורי האָט איבערן אויבערפלאַך פון זיין געדיכט געהערט דאָס פּאַטיקען פון גאַלאָפּירנדיקע פערדישע קאָפּיטעס „ווי מען הערט דאָס פון איינער פון שאָפּענס באַלאַדן", און לאַראַס אויפכאַפּן זיך מיט גרויס שרעק, ווען זי האָט דערהערט די וועלף וואָיען נישט ווייט פון זייער הויז:—

„ער האָט נישט באַמערקט, ווי לאַראַ איז אויפגע־שטאַנען פון בעט און צוגעקומען צום טיש. זי האָט אויסגעזען דאַר, מאָגער, און אין איר לאַנגער נאַכט־העמד, העכער, ווי זי איז געווען: „הערסטו אַ הונט וואָיען?" — האָט זי אויסגערופן אַ פאַרצווייפלטע — „וואָס פאַר אַ שלעכטער סימן, אַך, ווי שרעקלעך!"

אין דעם זעלבן קאַפּיטל באַשרייבט ער יוריס געבורטס־ווייען אַרבעטנדיק איבער זיינע פּאָעמעס. דער דיכטער מאָלט דעם שעפערישן פּראָצעס פונעם קינסטלער, ווען ער זוכט שלמות אין זיין אויסדרוק:—

„ער האָט געטרונקען „וואָדקאַ" און געשריבן וועגן לאַראַן. וואָס מער ער האָט געמעקט און איבערגעשריבן אַלץ מער איז די לאַראַ פון די פּאָעמעס דערווייטערט גע־וואָרן פון איר לעבעדיקן פּראָטאָטיפּ... די אינערלעכע באַשיידנקייט האָט אים אָפּגעהאַלטן אַרויסצושטעלן צו־אָפן דאָס פּערזענלעך־דורכגעלעבטע, דאָס פאַרגאַנגענע נישט־אויסגעטראַכטע. — ער האָט אויך נישט געוואָלט ווײַ־טאָן די דירעקטע העלדן פון באַשריבענעם און איבערגעלעבטן...

באָריס פּאַסטערנאַק — דער גרויסער שווייגער

דעריבער האָט ער דערהויבן דאָס ווייטאָקדיק־בלוטנדיקע פון פּערזענלעכן — צום אוניווערסאַלן און אַלמענטשלעכן דורך דעם איז פון זיך אַליין געקומען — אַ טרייסט פון לאַראַן, ווי אירס אַ ווייטער גרוס, ווי איר דערשיינען אין חלום און איר האַנט־באַריר אויף זיין שטערן. ער האָט ליב געהאַט דעם דאָזיקן דערהויבנדיקן חותם אויף זיינע לידער".

אין די דערמאָנטע קאַפּיטלען האָט זיך פּאַסטערנאַק דער־הויבן צו גאָר הויכע פּאָעטישע הויכקייטן. מיט דיכטערישער גבורה האָט ער געשטאַלטיקט דעם פּראָצעס פון קינסטלערס יצירה און פון אינעווייניק באַלויכטן די צעריסנקייט און מאָראַ־לישע קראַנקהייט פון זיין נשמה... דאָס טאָג־טעגלעכע אַנטקעגן שטעלן זיך, קען נישט דורכגיין אָן שאָדן פאַרן געזונט:—

„אַ נערוון־סיסטעם — דערקלערט יורי גאָרדאָנען — איז נישט קיין פוסטער קלאַנג. נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. עס באַשטייט פון פיזישע געוועבן אין גוף. אונ־דזער נשמה פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין רוים און געפינט זיך אין אונדז, ווי ציינער אין מויל. מען קען איר נישט פאַר־געוואַלדיקן אָן אויפהער און נישט ווערן דערפאַר באַ־שטראָפט".

*

די פּאָעמע „אויגוסט" איז פול מיט מיסטעריע. דער דיכטער דערמאָנט זיך אַ חלום, וואָס האָט — צוליב אַ באַשטימ־טער סיבה — אויסגעזען נביאותדיק... ער האָט געזען דאָן זיינע פריינד גיין אין אַ פּראָצעסיע, אָנהויב האַרבסט, דורך באַקאַנטע געגנטן הינטער מאָסקווע.

זיי האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום זיין קבר און דאָרט האָט ער געהערט פאַרויסזאָגן זיין צוקונפט דורך זיין אייגענער שטימע. ער האָט זיך געזעגנט מיט דער פרוי, וואָס איז געוואָרן „דער שלאַכט־פעלד פון זיין לעבנס־גוראַנגל", און געפילט, אַז צוליב אים וועט איר נאָך אויסקומען דורכמאַכן די טיפסטע דער־נידערונגען... און ווען ער זעט איין, אַז איר גוראַנגל גייט נאָך אַלץ אָן — פאַראורטיילט ער אַלע זיינע ווערק און זאָגט איר צו צו שווייגן...

די סיטואַציע וועלכע דער פּאָעט שילדערט, איז די אין

וועלכער ער האָט זיך געפונען אין 1948, נאָך איווינסקאַיאַס אַרעסט. (נביאותדיק קלינגט דאָס קעפּל „אויגוסט" — אַ מין פאַרגעפיל פון איר צווייטן אַרעסט — נאָך זיין טויט — אין חודש אויגוסט, 1960).

די פּאָעמע איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום עפּיזאָד פון „זשיוואַגאָ", הגם אין ראָמאַן איז יאָ דאָ אַן אָנדייטונג (אויף דער פּאָעמע), אין דער שילדערונג פון אַ וויינאַכט־באַנקעט צו וועלכן עס זענען אויף געפאָרן יורי און זיין כלה. בלתי ספק געהערט די פּאָעמע צו די שענסטע פּערל פון פּאַסטערנאַקס דיכטונג.

„פרילינג־פאַרפלייצונג"

עס איז שוין אַ סך מאָל געשטעלט געוואָרן די פראַגע: צי האָט טאַקע פּאַסטערנאַק געגלויבט, אַז „דאָקטער זשיוואַגאָ" וועט דערשיינען אין ראַטן־פאַרבאַנד? שווער צו געבן אַ קלאָרן ענטפער. אָבער אין איינער פון זיינע הויפּט־פּאָעמעס גיט אונדז דער דיכטער — אומדירעקט — אַן ענטפער (און אויפקלערונג) פאַרוואָס ער האָט געמוזט פאַר יעדן פּרייז אָנשרייבן אַזאַ ווערק ווי „זשיוואַגאָ", אפילו ער זאָל פון פאָרויס וויסן, אַז עס וועט נישט דערגיין צו דער ליכטיקער שיין..

אין דער פּאָעמע „פרילינג־פאַרפלייצונג" שילדערט ער אַ מיסטעריעזן רייטער, וועלכער גאַלאָפּירט איינער אַליין צו זיין איינזאַמען פאָרם אויפן אוראַל. (עס דערמאָנט אין יוריס רייטן צוריק אַהיים און זיין ווערן פאַרכאַפּט דורך די פּאַרטיזאַנער — אין ראָמאַן).

דער רייטער האָט דערהערט די שטים פון נאַכטיגאַל — אַן עכאָ פון זיין אייגענער שטימע אין וואַלד — אַ געמיש פון שרעק און אויסערגעוויינלעכער שיינקייט.

פאַר וועמען זינגט דער נאַכטיגאַל? אויף דעם ענטפערט נישט דער פּאָעט (אין דער פּאָעמע). ער גיט נאָר אַן אָנמערקונג אויף דעם עכאָ אין וואַלד און זיין האָפענונג, אַז זיין שטים וועט דער־הערט ווערן. און אויב אפילו נישט — מוז ער אויך ווייטער זינגען זיין ליד פון צער און פרייד. נאָך מער: אויב אפילו קיינער זאָל נישט בלייבן לעבן אויף דער ערד, און די וועלדער

און אַלע כוחות — וועלכע זענען שטאַרקער פאַר אים — וועלן אים נישט לאָזן זינגען, וועט ער דאָך, נישט אָפּשרעקן זיך פאַר קיינעם — ווייטער טראָגן צו דער וועלט זיין געטלעך־וואונדער־לעכן געזאַנג...

אין ראָמאַן גופא, ווען יורי רייט איינער אַליין, דערהערט ער דעם נאַכטיגאַלס געזאַנג, וואָס רופט:— „וואַך אויף!״ „וואַך אויף!״

„דאָקטער זשיוואַגאָ״ האָט געמוזט געשריבן ווערן, ווייל דער דיכטער האָט אויפגעוואַכט!... דאָס געזאַנג פון נאַכטיגאַל — מער ווי דאָס געזאַנג פון יעדן אַנדער פויגל — דריקט אויס אויפלעבונג — אַ רוף צו דער מענטשלעכער נשמה! און דאָס איז פּאַסטערנאַקס פּאָעטישער און הומאַניסטישער רוף...

*

ווי באַקאַנט, האָט ער זייער טייער באַצאָלט פאַר זיין רוף... אין פעברואַר 1959, האָט ער אָנגעשריבן אַ קורצע פּאָעמע „אַ בעסטיע אין אַ שטייג״. עס איז אַ בילדלעכע אָפּשפּיגלונג פון זיין מצב אין יענער צייט, אָפּגעשניטן פון אַלע וועגן, אָן קיינע מעגלעכקייטן אַרויסצורייסן זיך פון קלעם... זייענדיק אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן פרעגט ער אין טיפן צער:— „וואָס פאַר אַ געמיינע זאַכן בין איך באַגאַנגען? בין איך אַ מערדער? אַ גנב? איך, וואָס כ׳האָב די גאַנצע וועלט אויפגעצוואונגען טרערן צו פאַרגיסן אויף דער פּראַכט פון מיין לאַנד״.

דער פּאָעט פילט, אַז ער דערנענטערט זיך צום קבר, און ער פאַרענדיקט די פּאָעמע מיט אַ סאַלוט צו דער וועלט און צו דער צוקונפט פון דער מענטשהייט.

*

ער איז געשטאָרבן אָן געראַנגל פאַרן לעבן. דאָס פייער האָט געצאַנקט און איז שטיל אויסגעגאַנגען...

די לוויה איז פאָרגעקומען דעם 2־טן יוני (1960), אָן דער באַטייליקונג פון אָפיציעלע פאָרשטייער פון סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד (פון וועלכן ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן). עס האָבן זיך באַטייליקט פּויערים און סטודענטן. צוזאַמען אַן עולם פון אַ פּופצן הונדערט מענטשן (לויט ראָבערט פּיין). עס זענען אויך געקומען אייניקע שרייבער און קינסטלער (ס׳רוב אין עלטער

פון אַכטן צענדליק), וועלכע האָבן געבראַכן דעם אָפיציעלן באַיקאָט. באַטייליקט האָט זיך אויך די פרוי פון איליאַ ערענ־בורג (ער גופא איז געווען אין אויסלאַנד).

קיין פריסט האָט אין דער לוויה נישט אָנטיילגענומען. הגם ער איז אָנגעגאַנגען פאַר אַן אָרטאָדאָקסאַל־פּראַוואָסלאַוונעם...

די טרויער־רעדע האָט געהאַלטן דער קריטיקער וואַלענטין אַזמוס, וועלכער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „אַזוי לאַנג ווי אין רוסלאַנד וועט עקזיסטירן דיקטטור, וועט פּאַסטערנאַק פאַר־נעמען אַן אָרט צווישן די גרעסטע. ווייניק קענען זיך פאַרגלייכן צו אים אין דער ריינקייט און ערלעכקייט פון זיינע איבערצייַ־גונגען. ער וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אַ מוסטער, ווי אַזוי אַ מענטש האָט פאַרטיידיקט די אמתן אין וועלכע ער האָט הייליק געגלויבט".

„ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער איז גערעכט, און גע־האַלטן פון טאָלסטאָיס שטאַנדפּונקט, אַז מען קען נישט באַקעמפן מיט געוואַלד־טאַטן דאָס שלעכטס. — דאָס איז געווען זיין טעות! זיין נישט מסכים זיין מיט דער איצטיקער צייט — אַ פועל־יוצא פון זיין שטעלונג און פאַרלאַנג צו אַ געזעלשאַפט פון אַ העכערער אָרדנונג. ער איז געווען אַן אמתער דעמאָקראַט און אויפריכטיק געפאָלגט די העכסטע אידעאַלן פון קונסט, און פאַרקערפּערט הומאַניזם אין איר העכסטן אויסדרוק".

אַ יונגער סטודענט — נישט פרעגנדיק ביי קיינעם — האָט אָנגעהויבן רעציטירן אַ פּאָעמע פון „זשיוואַגאָ": „דאָס שרייען איז אַריבער, איך גיי ארויף אויף דער סצענע". אַן אַנדער סטו־דענט האָט דערמאָנט פּושקינס אַ פערז: „נישט גרינג איז צו לאַכן, אָבער אויך וויינען איז אַ פאַרברעכן — שרעקט זיך פאַר דערוועקן חשד דורך טרערן... אין אונדזער צייט, איר ווייסט — טרערן זענען אויך אַ פאַרברעכן. טרויערן נאָך אַ ברודער טאָר נישט אַ ברודער"...

צווישן עולם האָט מען אויך דערמאָנט איינע פון די לעצטע פּאָעמעס פון פּאַסטערנאַקן: „עס איז נישט פאַר דיר צוריקציען זיך אפילו אויף אַן אינטש... דו מוזט זיין לעבעדיק... נאָר לעבעדיק ביזן סוף..."

פּאַסטערנאַק איז געווען לעבעדיק ביזן סאַמע סוף! ער

האָט זיך נישט צוריקגעצויגן אפילו אויף אַן אינטש פון דעם וואָס ער האָט געגלויבט. אין אַ געוויסן זין אין ער געווען אַ צוגריי־טונג צו זיין הויפּט־העלד — יורי. ער האָט אים אָבער איבער־געשטיגן, ווען ער האָט זיך ביחידות קעגנגעשטעלט דעם מאָראַלישן פּאָגראָם... (נאָך דער נאָבל־פּרעמיע).

מען האָט פּאַסטערנאַקן באַגראָבן צוויי מאָל... אָבער זיינע ווערק האָט קיין כוח אין דער וועלט נישט געקענט באַגראָבן! זיין דיכטונג לעבט, ווייל אין איר איז אַ גרויסער קינסטלער געגאַנגען געאָרעמט מיט אַ גרויסן מענטש — און דאָס איז צו זיין גרויסן שבח.

וואַלטער ראַטענוי — דער סימבאָל פון א טראַגישן דור

„אַ פאַרבלאָנדזשעטער דור האָט געבעטן רעכט נישט פאַרן כלל, נאָר פאַרן יחיד, ער זאָל האָבן דאָס רעכט צו אַנטלויפן פון יידישן כלל. — רעכט פאַר יעדן ייד צו ווערן אויס ייד, אויב נישט מיט איין מאָל, איז לכל־הפחות אין עטלעכע דורות".

(א. גאָלאָמב).

ער האָט פאַרקערפערט די פילזייטיקע באַגאַבונג פון יידישן זשעני אין דייטשלאַנד, וועלכער האָט זיך מאַניפעסטירט אין אַזאַ גרויסער צאָל קינסטלער און אינטעלעקטועלע פון יידישן אָפּ־שטאַם.

ווען מיר גיבן אַ בליק אויף דעם צושטייער, וואָס דער יידי־שער זשעני האָט געגעבן צו דעם אויפבלי פון דער מערב־אייראָ־פעאישער קולטור זינט דער עמאַנציפּאַציע; אָנהויבנדיק פון משה מענדעלסאָן ביז סטעפאַן צווייג און וואַלטער ראַטענוי, אָדער פון היינריך היינע ביז יאַקאָב וואַסערמאַן — זעט מען פאַר זיך אַ בילד פון אַ פלעיאַדע יידן־אינטעלעקטואַלן און קינסטלער, וועלכע האָבן באַרייכערט די ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע אויף אַן אומגעהויערן אופן.

אָט די עשירות פון יידישן זשעני אין די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר, איז צוליב קרענקלעכער קנאה מצד פאַרשידענע נישט־יידישע קרייזן, אויסגענוצט געוואָרן אַלס א „באַוויז" פון יידישער וועלט־באַהערשונג, אַן אַרגומענט וואָס איז באַנוצט געוואָרן אי דורך די „קולטורעלע" אַנטיסעמיטן, אי דורכן זאָאָלאָ־גישן אַנטיסעמיטיזם פון אַלע פינצטערע כוחות אין דער וועלט.

ס'רוב פון דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ אין

מערב־אייראָפּע, האָט געגלויבט אין די פּאַרפירערישע פייערלעך פון דער שלעכט־אויסגעטייטשטער עמאַנציפּאַציע: „די רעכט פאַר יעדן ייד צו ווערן אויס ייד", צו באַשיצן זיך דורך אָננעמען די פאַרב פון דער אַרומיקער נישט־יידישער סביבה, נאָכקאָפּירן די שכנים, זייערע אייגנשאַפטן, און אָפּשינדן פון זיך, וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך, די זיבעטע יידישע הויט...

*

אין דער נאַטור־וויסנשאַפט ווערט ברייט באַהאַנדלט דער פענאָמען פון מימיקרי. אַ יחיד וואָס וויל נישט באַמערקט ווערן, זוכט זיך צו באַשיצן דערמיט, וואָס ער נעמט אָן דעם קאָליר פון דער אַרומיקער סביבה, ווי אירער אָן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל. די דאָזיקע דערשיינונג האָבן געפּרואווט נאָכקאָפּירן די אבות פון וואַלטער ראַטענוי — די נעכטיקע געטאָ־יידן, וועלכע האָבן גע־בעטן רעכט נישט פאַרן כלל, נאָר פאַרן יחיד, „ער זאָל האָבן דאָס רעכט צו אַנטלויפן פון יידישן כלל".

אין אָנהויב ניינצנטן יאָרהונדערט איז שמד באַטראַכט גע־וואָרן פאַר א זיכערן רעטונגס־שיפל אַריבער צו שווימען אויף יענער זייט... היינריך היינע האָט עס באַצייכנט: „אַן איינטריטס־קאַרטע צו דער אייראָפּעאישער קולטור", און דער פאָטער פון באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר פעליקס מענדעלסאָן־באַרטאָלדי, האָט בשעתו דערקלערט, אַז ער האָט אָפּגעשמדט זיינע קינדער צוליב אַ „סאָציאַלער נויטווענדיקייט פאַר געבילדעטע מענטשן".

די שמד־עפּידעמיע ביי די זין און טעכטער פון דער יידיש־דייטשישער גביראָקראַטיע האָט אָנגענומען אַזאַ מאַסשטאַב אין יענער צייט, אַז דער דייטשישער קייזער האָט מורא געקראָגן פאַר דעם גרויסן דעפיציט פון דער מלוכה־קאַסע צוליבן מאַסן־שמד, פאַרלירנדיק דעם ספּעציעלן „יידישן שטייער"...

אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט זיך פאַרקלענערט דער מאַסן־כאַראַקטער פון שמד, אָבער נישט דער כאַראַקטער פון אַסימילירן זיך מיטן דייטשישן פאָלק, פון מימיצירן די שטריכן און התנהגותן פון דער „בלאָנדער ראַסע". אָט דער מימיקרי־פּראָצעס האָט געבראַכט אין די בעסטע צייטן פון יידיש־דייטשישן שידוך טרויעריקע רעזולטאַטן! ווען דער אַסימילירטער ייד האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין ווירקלעך דערגרייכט די העכסטע

פּערפעקציע פון שוץ־מימיקרי, האָט ער ערשט הינטער זיינע פּלייצעס דערפילט דעם חוזק־שמייכל פון זיינע פריינד און שכנים...

דער טראַגישער טעות פון דער אַסימילאַציע באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס זי מיינט, אַז מיט נאָכקאָפּירן די שכנים און מיטן אָפּזאָגן זיך פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור ווערט זי אַ באַשטאַנדטייל פון אַן אַנדער פאָלק. פאַקטיש געשעט אָבער אַנדערש: קאָפּירן קען מען נאָר גוט דאָס אויסערלעכע, און נישט דאָס אינערלעכע. דאָס וואָס איז נאַטירלעך ביים נישט־ייד האָט אין מימיקרי באַקומען דעם עלעמענט פון גראָטעסק און איז געוואָרן אַ ציל־ברעט פאַר די גיפטיקסטע פיילן... דער אַסימי־לירטער ייד, וואָס האָט פּרעטענדירט פאַר די שכנים צו זיין עפּעס אַנדערש — האָט אַרויסגערופן צו זיך מער חוזק און פאַראַכטונג — טאַקע צוליב זיין שוץ־מימיקרי!

עס האָט נישט געהאָלפן דאָס אַנגעמען דעם קאָליר פון אַרום מיט דעם ריינעם אַרישן נאָמען — זיין אמתער נאָמען איז אויפ־געדעקט געוואָרן דורך די „קולטורעלע" שכנים, וועלכע האָבן אויסגעפונען זיין יידישן שטאַם. דאָס האָט דערפירט צום פּאַטאָ־לאָגישן יידישן זעלבסט־האַס און שפלות־קאָמפּלעקס ביי פיל אסימילאַטאָרן.

*

וואַלטער ראַטענוי האָט נישט געהערט צו די אַסימילאַטאָרן, וועלכע פּרוּוון אויסבאַהאַלטן זייער יידישן אָפּשטאַם דורך פאַר־שידענע מאַסקעס. פאַרקערט, זיין ערשטן עסיי האָט ער אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „איך בין אַ ייד". ער איז געווען איינער פון די יחידים, וועלכע האָבן אָפּן געזוכט אַ לעזונג פון זייער יידיש־קייט־קאָמפּלעקס; אַ קאָמפּלעקס, וואָס האָט פיל פון זיין קלאַס דערפירט צום באַקאַנטן פּאַטאָלאָגישן זעלבסט־האַס — דעם שענדלעכן א.ג. יידישן אַנטיסעמיטיזם.

אין זיין עסיי „מלוכה און יידנטום" שרייבט ער: „עס קומט אָן אַ מאָמענט אין לעבן פון יעדן דייטשישן, יונגן ייד, ווען ער הויבט אָן פילן, און ס'קומט צו זיין באַוואוסטזיין דער פאַקט, אַז ער איז אריינגעקומען אין דער וועלט, צוליב זיין אָפּשטאַם, ווי אַ בירגער פון דער צווייטער מדרגה". וואָס פאַר אַ לעזונג לייגט

אָבער ראַטענוי פּאָר? אין זיין באַרימטער עסיי (באַרימט אין טרויעריקן זין — י.ק.) „שמע ישראל", גיט ער אַן עצה די דייטשישע יידן צו ווערן פולשטענדיק איינס מיטן דייטשישן פאָלק דורך צופּאַסונג. „די צופּאַסונג", שרייבט ראַטענוי, „דאַרף נישט זיין אין דעם זין פון דאַרווינס מימיקרי־טעאָריע, נאָר אויף אַן אופן, אַז די ראַסן־אייגנשאַפטן, די גוטע אָדער שלעכטע, וואָס וועלן זיי נישט געפעלן, זאָלן באַזייטיקט ווערן". ראַטענוי גלויבט נישט אין שמד אַלס לעזונג פון יידישן פּראָבלעם, ווייל „אויב אַ העלפט פון די דייטשישע יידן וועלן זיך שמדן, וועט ווערן דאַן אַ שאַרפער אַנטיסעמיטיזם קעגן משומדים".

אין ראַטענויס צייטן איז שוין שמד נישט געווען קיין אייזערנער בריק אריבערצוכאַפּן זיך אויף יענער זייט פון יידישן גורל... דאָך האָבן נישט געפעלט קיין אָפּטריניקעס אין אַסימילאַטאָרישן לאַגער צוליב קאַריעריזם, אָבער צו זיי האָט נישט געקענט גערערן אַזאַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט ווי וואַלטער ראַטענוי. ער האָט דעם געדאַנק פון שמד אָפּגעוואָרפן צוליב פאַרשידענע טעמים. איינע פון זיי איז בלי ספק געווען אַ מין בראַוואַדאָ, צו ווייזן זיינע פריינד, אַז ער טראָגט דעם מאַנטל פון דער יידישער רעליגיע, הגם דאָס איז די גרעסטע מניעה צו זיין פּאָליטישער קאַריערע.

„איך וועל נישט איבעררייסן מיט דער רעליגיע פון מיין קינדהייט", האָט ער מיט אַנטשלאָסנקייט דערקלערט דער פרוי הינדענבורג, און עס מאָטיווירט אויף אַ ווירדיקן אופן: „ווען איך שמד זיך וואָלט איך דערמיט אונטערגעהאַלטן די אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט דורך די מאַכט־אָרגאַנען באַגאַנגען לגבי יידן". עס איז כדאי דאָ צו דערמאָנען אַז אין קייזערלעכן דייטשלאַנד האָט אַ ייד נישט געקענט ווערן אַ העכערער באַאַמטער, אָדער אין פרידנס־צייט אפילו נישט קיין אונטער־אָפיציר.

ראַטענוי האָט לויט זיינע אויסערגעוויינלעכע באַגאַבונגען און איינפלוסן געקענט ווערן אויסערן־מיניסטער אין קייזערלעכן דייטשלאַנד. זיינע מקורבים האָבן דעריבער זיין שמד־אָפּזאָג נישט געקענט אַראָפּשלונגען און פלעגן צווישן זיך זאָגן: „ער וויל אונדז דערמיט ווייזן זיין קרבן"...

עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו באַטראַכטן ראַטענויס באַשלוסן און האַנדלונגען פון איין אַספּעקט — בראַוואַדאָ. זיין

גאַנצער מהות איז געווען — ווי מיר וועלן זיך באַלד איבערצייגן — אויסגעפילט פון אינערלעכע בלוטיקע ריסן און סתירות, און דעריבער קען מען אָן איבערטרייבונג זאָגן, אַז ער פאַרנעמט אין דער גרויסער פלעיאַדע באַגאַבטע, אַסימילירטע יידן — דעם אייגנאַרטיקסטן אָרט.

*

וואַלטער ראַטענוי האָט געהאַט דעם „יחוס־בריוו" פון עטלעכע דורות אַסימילאַציע. ער פלעגט זיך יחוסן, אַז זיינע אור־אבות האָבן שוין געוואוינט אין בערלין בעת דער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע.

עס וועט זיין איבעריק צו דערמאָנען, אַז ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ היים, וואָס איז געווען כעמיש ריין פון יידישקייט. זיין שול, זיינע חברים און די גאַנצע סביבה פון זיין קינדהייט און יוגנט איז געווען הונדערט־פראָצענטיק אַריש.

זיין פאָטער, עמיל ראַטענוי, האָט פאַרקערפּערט דעם אויפ־שטייג פונעם יידישן גרויס־אינדוסטריעלער און פינאַנס־מאַגנאַט אין דער טעכנאָלאָגישער, אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. ער האָט געהערט צו דעם טיפּ מענטשן, וועגן וועלכע סטענדהאל האָט אַזוי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אין זיין אַנעקדאָט וועגן נאַפּאָ־לעאָנען — „ביים הערן די שענסטע אָפּערע פלעגט נאַפּאָלעאָן מאַכן זיינע אַריטמעטישע חשבונות וועגן זיינע באַטאַליאָנען און האַרמאַטן..."

עמיל ראַטענוי האָט שטאַרק מצליח־געווען און איז נתעשר געוואָרן פון אַ פּאַטענט אויסצוניצן עלעקטריציטעט פאַר מאַסן־פּראָדוקציע. פון דער נאַטור איז ער געווען דורך־און־דורך אַ ראַציאָנאַליסט, און אין דעם גייסט האָט ער זיך באַמיט צו דער־ציען דעם שטאַרק־באַגאַבטן זון. די פרוי זיינע איז געווען פונקט דער היפוך — אַ ראָמאַנטישע נאַטור מיט קינסטלערישע נייגונ־גען און באַגאַבונגען.

ביידע עלטערן האָבן געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף וואַלטערן, וועלכער האָט פון קינדוויַיז אָן אַרויסגעוויזן זיינע פעאיקייטן און פאַראינטערעסירונגען אין עקאָנאָמיק און פילאָ־זאָפיע ווי מיט קונסט און ליטעראַטור. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין נאַטור, וואָס ער האָט נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום

נישט געוואָלט קומען צום גרייטן צו די אינטערנעמונגען פון זיין דערפאָלגרייכן פאָטער. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ פּראָ־ווינצער שטעטל און אָנגעהויבן אויף דער אייגענער האַנט צו פּראָדוצירן; פאַרדינענדיק פון דעם קיום אויף חיונה...

נאָך זיבן יאָר זיך אָפּמאַטערן אַלס אינדוסטריעלער, האָט ער זיך גענומען צו ליטעראַטור און אָנגעהויבן פאַרקערן אין קינסטלערישע קרייזן. צווישן זיינע פריינד זענען געווען האָפּ־מאַנסטאַל, דעמעל, הויפּטמאַן, האַרדען, אין וועמענס זשורנאַל („די צוקונפט״) ער האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן, און געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין עסיי „שמע ישראל״.

אָט דער עסיי האָט טאַקע צו יענער צייט אַרויסגערופן גרויס אויפרעגונג אין די יידיש־נאַציאָנאַלע קרייזן, צוליב איר פאָרם און אינהאַלט. הגם ראַטענוי הויבט אָן דאָרט מיט די ווערטער „איך בין אַ ייד״ — איז דאָס פאַר אים נישט קיין פּאָן, וועלכע ער טראָגט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, נאָר אַן אויסדרוק פון שפלות, וואָס „אין דער מיט פון דייטשן לעבט אַ פרעמדע, איזאָ־לירטע ראַסע פון מענטשן״, און „מיין פאָלק איז די דייטשישע און נישט קיין אַנדערע״.

אַ פאָלק, האָט ער געגלויבט, קען מען אַדאַפּטירן, זיך אויס־קלויבן אַזאַ וואָס געפעלט. אָבער וואָס טוט מען מיטן אָפּשטאַם? מיט די ראַסן־אייגנשאַפטן? ווי אַזוי קען מען באַזייטיקן די אייגנ־שאַפטן פון בלוט, וואָס געפעלן זיי נישט? ווען עס וואָלט כאָטש מעגלעך געווען זיך צו באַזאָרגן מיט לענגערע פיס און קורצערע נעזער, און דער עיקר: מיט זיידעס, וועלכע האָבן געפירט דועלן און געגאַנגען אויף יאַגד... וואָלט אפשר לייכטער אָנגעקומען „די איינטריטס־קאַרטע״. אָבער אַזוי ווי דאָס איז נישט מעגלעך — וואו איז די לעזונג?...

וואַלטער ראַטענוי האָט סימבאָליזירט די טראַגישע גע־שפּאָלטענע פּערזענלעכקייט פון אָפּגעפרעמדטן ייד. אויסערלעך — שלאַנק, הויך, מיט אַ טיפער באַס־שטימע, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון מענלעכער, מאַסיווער גבורה; פון אַ מענטשן, מיט רואיק געמאָסטענע באַוועגונגען פון אינערלעכער האַרמאָ־ניע — אָבער דאָס איז געווען אַ פאַלשער איינדרוק. דער וואָס האָט אים נענטער דערקענט, האָט באַמערקט עפּעס אַ מיסטער־

יעזע אינערלעכע שוואַכקייט, אַ טאָפּל־נאַטור פון אַ טיפן, טראַגישן פאַרנעם.

סטעפאַן צווייג, וועלכער איז געווען מיט אים נאָענט באַ־פריינדעט, גיט וועגן זיין טאָפּל־נאַטור אַזאַ כאַראַקטעריסטיק: „זיין אויסערלעכע רואיקייט האָט מאַסקירט אַן אינטענסיווע, אינערלעכן אומרו, אַ טויטע איינזאַמקייט, וואָס האָט אַרומגע־רינגלט זיין אינערלעך לעבן... ער איז געווען אַלזייטיק געבילדעט און באַגאַבט. מיט לייכטקייט פלעגט ער איבערגיין פון איין טעמע צו אַ צווייטער און בליצן מיט חריפות און בקיאות אויף יעדן געביט. זיין מוח איז געווען פּרעציז, ווי ביי אַן אַלזייטיקן זשעני. זיין געדאַנק איז געווען אָפּגעטאָקט, ווי ער וואָלט עס אַרויסגעלייענט פון אַן אומזעבאַרן בוך... אין זיין אָנוועזנהייט האָט מען זיך געפילט ווי אַן איגנאָראַנט. אפילו זיין שיחת־חולין האָט געשפרודלט מיט בילדערישקייט, וויציקייט, מיטן יידישן שאַרפזין און חכמה".

„צוזאַמען מיט זיין גרויסער מאַטעריעלער עשירות האָט ראַטענוי פאַרגעשטעלט מיט זיך תורה־וגדולה אויף איין אָרט. זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזן אַ גרויסע מאַכט, און אַ דאַנק זיינע אייגענע פעאיקייטן, איז ער שנעל געשטיגן אויפן לייטער פון אינדוסטריעלן און קאָמערציאָנעלן לעבן. ער איז געווען אין דער אָנפירונג פון אַ הונדערט קאָנצערנס, און דאָך, ביי דעם גאַנצן רום און עשירות, איז ער געווען איינער פון די עלנטסטע מענטשן אויף דער וועלט. זיינע דינאַמישע אויסערלעכע אַקטי־וויטעטן זענען געווען אַ דעקל פאַר זיין נערוועזיטעט, פאַר זיין אינערלעכן אומרו און אומצופרידנקייט מיט זיין לעבן...

„מיינע אַנדערע פריינד, שרייבט סטעפאַן צווייג, ווי ווער־האַרן, עלען, באַזאַלגעטעטע און אַנד. זענען נישט געווען אפילו אַ צענט־חלק קלוג ווי ער, נישט פאַרמאָגט קיין הונדערטסטל פון זיין אוניווערסאַלן וויסן, אָבער זיי זענען געווען זיכער מיט זיך, רואיק אין זיך. איך האָב זעלטן ווען געקענט אַזוי שטאַרק דערשפירן די טראַגעדיע פונעם ייד (ריכטיקער: פונעם יידישן אַסימילאַטאָר — י. ק.), ווי אין זיין פּערזענלעכקייט. ביי זיין גאַנצער גייסטיקער און מאַטעריעלער עשירות איז ער געשטאַנען אויף אַ נישט זיכערן באָדן" (סטעפאַן צווייג — „די וועלט פון נעכטן").

ווייסן מיר אויסגעצייכנט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען

זיין „אינערלעכער אומרו און טויטע איינזאַמקייט". ביי אַלע זיינע מעלות־טובות און איבערפלוס פון גייסטיקער און מאַטער־יעלער רייכקייט, האָט זיך דער באָדן געוואַקלט אונטער זיינע פיס.... אין דער נשמה — אַן אומזיכערקייט. דאָס „פינטעלע ייד" פון וועלכן זיינע אבות האָבן אים געוואָלט באַפרייען, האָט געווירקט — אפילו דאַן, ווען ער האָט זיך ווענן דעם נישט אָפּ־געגעבן קיין חשבון. דער יידישער גייסט פון וועלכן ער האָט געוואָלט מיט אַלע כוחות אַנטלויפן איז געפלאָסן אין זיין בלוט, האָט געלעבט אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין — ווען ער האָט עס געפּרואווט אָפּטויטן אין באַוואוסטזיין. דער ליבלינג פון די באַהעמיקער, פאַר וועמען עס האָבן זיך געעפנט אַלע טירן פון דער בערלינער אַריסטאָקראַטיע, האָט אינערלעך געבלוטיקט פון פּסיכישע וואונדן...

צווישן צוויי וועלטן...

ראַטענוי האָט זיך אויסגעלעבט אין צוויי וועלטן: אין בילאַנסן פון האַנדל און אינדוסטריע, און אין עסטעטיק און פילאָזאָפיע.

אין עטלעכע ווערק זיינע („מעכאַניזם פון אינטעלעקט", „קריטיק פון דער צייט" א.א.), פּראָפּאַגירט ער סאָציאַלע רעפאָר־מען פון א.ג. „גילדען־סאָציאַליזם" (אָפּשאַפן רעכט אויף ירושה און אומגלייכהייט פון פאַרמעגן).

פון אַנהויב, האָבן זיינע קעגנער און שונאים פון זיין אייגע־נעם קלאַס אין גאַנצן איגנאָרירט זיין שרייבן. מען האָט אים געוואָלט אָפּטויטן דורך אַ פאַרשווערונג פון פאַרשוויגן. אונטער פיר אויגן, האָט מען אים, ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ בריוו צו אַ פריינד, אַ פרעג געטאָן: „פון וואַנען נעמסטו נאָך צייט אויף שרייבן אָט דעם אומזין?" „ווען איך וואָלט זיי דערקלערט, אַז דאָס איז מיין לעבן — וואָלטן זיי מיך געשיקט צו אַ פּסיכיאַטאָר..." אין דעם פּעריאָד האָט מען זיין שרייבן באַטראַכט אַלס „דילעטאַנ־טישע אין זעכצן קעגנשטאַנדן. אמת, אַ דערטרעגלעכער ביזנעס־מאַן — וויציק, קאַלט — דאָס איז וואָס די מענטשן ווילן איך זאָל זיין".

ווען ער האָט אָבער ווייטער פאַרגעזעצט זיין שרייבן אין דעם גייסט, האָט מען זיך שוין נישט געוואָלט מער באַגנוגענען

מיט איגנאָרירן זיין שריפט. די אויפגערייצטקייט קעגן אים איז פון סאַלאָן און דירעקטאָרן־ביוראָ אַריבער אין דער עפנטלעכ־קייט — אַ שושקען זיך הינטער זיינע פּלייצעס פון איין זייט, און פון דער צווייטער — גיפטיק־בייסיקע גאַס־פּאַמפלעטן אין וועלכע מען האָט אים פאַרגעשטעלט ווי אַ היפּאָקריט. זיין יידישער אָפּ־שטאַם האָט צוגעהאָלפן פאַנאַנדערבלאָזן דעם פייער.

די האַנדלס־מאַגנאַטן און די באַראָנען פון דער אינדוסטריע, האָבן באַטראַכט פאַר אַ קלאַסן־פאַרראַט, וואָס ראַטענוי, דער מיליאָנער, פּראָפּאַגירט אַ מער־ראַדיקאַלע פּאָליטיק, ווי די פּאַר־איינס־אַגיטאַטאָרן פון זיינע פאַבריקן... זיי האָבן אים באַשול־דיקט, אַז זייענדיק אַזאַ שיינער בעל־דרשן (פון דעם „גילדן־סאָציאַליזם"), האָט ער פּערזענלעך אויסגענוצט די פּריווילעגיעס וואָס זיין פּאָטערס פּאָזיציע האָט אים געגעבן, ווערנדיק גאַנץ עלעגאַנט באַצאָלט אַלס דירעקטאָר פון טוצן קאָנצערנס.

ראַטענויס טאָפּל־לעבן האָט צוגעשטעלט אַ סך אַמוניציע זיינע שונאים: „אַ רייכער מענטש, וואָס וואוינט אַליין אין דעם שענסטן ווילע־פּאַלאַץ זאָל אַטאַקירן לוקסוס — איז היפּאָקריזיע" און זיין פּרינציפּ איז, האָבן זיי געזאָגט, „משפּט מיך לויט מיינע ווערטער און נישט לויט מיינע מעשים". אַ פאַבריקס־דירעקטאָר און מיליאָנער זאָל שרייבן ביכער וועגן נשמה־זאַכן, האָט אויס־געזען אין זייערע אויגן נישט נאָר קאָמפּראָמיטירנדיק, נאָר ממש פּאַטאָלאָגיש...

די סתירות אין וועלכע ראַטענוי איז באַשולדיקט געוואָרן זענען אַרויסגעוואַקסן פון דער געשפּאָלטנקייט פון זיין פּערזענ־לעכקייט. זיי האָבן אָבער געדינט אַלס אַ ציל־ברעט פאַר אַלע זיינע שונאים און דעמאַגאָגן. אין דער ערשטער ריי — די אַנטי־סעמיטן.

ראַטענוי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ געטרייעם חשבון פון זיין לאַגע. פון זיינע פאַרעפנטלעכטע בריוו צו אַ פריינד, זעט מען בולט, אַז ער האָט זיך קיין איין סעקונדע נישט געגאַרט ער זאָל קענען אַנטוואָפענען זיינע שונאים דורך זיין דזשענטלמענישקייט. אָבער אָנשטאָט אויפצונעמען מיט זיי דעם קאַמף און מיט ווירדע פאַרטיידיקן זיינע אידייען און איבערצייגונגען — האָט ער אויס־געקליבן דעם וועג פון שפלות און פּאַטאָלאָגישן יידישן אַנטי־סעמיטיזם. ער האָט זיך אַליין דערנידעריקט און דעם שטאַם

זיינעם אויף אַ שענדלעכן אופן, צושרייבנדיק דער „בלאָנדער ראַסע״ די אייגנשאַפטן פון קוראַזש און העלדנמוט, און דער „טונקעלער ראַסע״ — פחדנות. ער אליין, האָט ער צוגעגעבן, ווי אַ מענטש פון דער טונקעלער ראַסע, קען זיך דעריבער נישט פאַרגלייכן מיט דער בלאָנדער ראַסע „וואָס ווייסט נישט פון דעם באַגריף פחד...״

איך האָב נישט בדעה צו קאָמענטירן פאַרן יידישן לייענער דעם פאַרזשאַווערטן בילבול אויפן יידישן פאָלק, אַרויסגענומען פון אַנטיסעמיטישן אַרסענאַל. און אוודאי איז איבעריק צו דער־מאָנען דאָ — נאָכן היטלער־חורבן בפרט! — דעם „העלדנמוט״ פון דער „בלאָנדער ראַסע״.

ווי יעדן יידישן אַסימילאַטאָר איז אויך אים נאָכגעגאַנגען זיין יידישער שאָטן. אָבער אין פאַל־ראַטענוי איז נאָך צוגעקומען דער פסיכישער קנויל, דער פאַראַדאָקסאַלער קאָמפּלעקס פון זיין ספּעציפישער טאָפּל־נאַטור און געשפּאָלטענער פערזענלעכקייט. פון איין זייט האָט ער געגאַרט צו לעבן אין אַ וועלט פון רוחניות און מיסטעריע; זיין נשמה האָט זיך געריסן צו אַ העכערן ניצוץ פון גייסט (אָן עכאָ אפשר פון זיינע יידישע, זיידעשע דורות), פון דער צווייטער זייט — די האַנדלס־בילאַנסן מיט מאַכט־אַמביציעס און רום. צווישן די צוויי וועלטן האָט געצאַפּלט אַ נאַקעטע, איינזאַמע נשמה...

„באַטראַכט מיין לעבן, האָט ער געשריבן צו אַ פריינד, צו קענסטו נאָך איינעם, וואָס זאָל זיין אַזוי איינזאַם?...״

מיט גרויס פאַרצווייפלונג, וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן פון אַ זייטיקן אויג, האָט ער געפּרואווט באַפרייען זיך פון זיין אינער־לעכן איזאָלאַציע־קלעם: „וואו איך טו זיך אַ דריי, שרייבט ער אין „די מלוכה און די יידן״, זע איך שאָטנס פאַר זיך, איך זע זיי אומעטום, אפילו ווען איך גיי איבער די טומלדיקע בערלי־נער גאַסן... וואָס איז דען געבליבן פאַר מיר צו האָבן אינטערעס, אַז אַלץ איז שאָטן און טרוים?״...

*

אין „יוד־זיס״ גיט לעאָ פויכטוואַנגער אַזאַ כאַראַקטעריסטיק וועגן דער יידישער ביטול־באַציאונג צו מאַכט: „אַלט און יונג, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע, האָבן געוואוסט צו וואָס מאַכט

דערפירט דעם מענטש... אָט די אַנונג איז צו זיי געקומען נישט דורכן באַוואוסטזיין, נאָר דורך זייער געפיל און בלוט, דורך עפּעס אַ מיסטעריעזן וויסן, וואָס די יידן האָבן דאַן (אין מיטל־אַלטער) פאַרמאָגט. דאָס איז געווען דער זין פון ספר דורך וועלכן זיי, די מאַכטלאָזע, האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער וועלט... זיי זענען אַזוי לאַנג געזעסן צווישן די פעלקער אויף דער ערד און געזען די ווערטלאָזיקייט פון מאַכט... אָט דער מיסטעריעזער וויסן האָט געבראַכט אויף זייערע ליפּן דעם איראָנישן שמייכל, וואָס האָט נאָך שטאַרקער אויפגערייצט זייערע שונאים״.

זינט דער עמאַנציפּאַציע האָבן יידן־יחידים באַקומען אַ צוטריט און תאווה צו מאַכט־פּאָזיציעס.

אין מערב־אייראָפּע האָבן אייניקע יידן (אָדער פון יידישן אָפּשטאַם), אָנגעהויבן שפּילן אַ באַדייטנדיקע פּאָליטישע ראָל אין זייערע וואוינלענדער. צווישן די־אָ־יחידים האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט די פּאָזיציע פון וואַלטער ראַטענוי.

פון איין זייט האָט ער פאַראַכטעט דעם וועג צו מאַכט, און פון דער צווייטער — נאָכגעפאָלגט עס מיט קלוגשאַפט און מיט זיין באַוואוסטער דינאַמישער אַרבעטסזאַמקייט...

*

אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ראַטענוי מיט זיין גאַנצן פּאַטריאָטישן ברען זיך אַריינגעוואָרפן צו העלפן דייטשלאַנד געווינען דעם קריג. ער האָט זיינע פענאָמענאַלע, אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דער רעגירונג אויף אַזאַ וויכטיקער פראָנט־סטראַטעגישער פּאָזיציע ווי צו אָרגאַניזירן דעם רוי־מאַטעריאַל פאַר דער דייטשישער קריגס־מאַשין.

שפּעטער האָט ער דעם באַוואוסטן ביאָגראַף עמיל לודוויג דערציילט, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען — אַלס ייד — מצד די פּרייסישע אַרמיי־יונקערס. „איך, אַ פּריוואַטער בירגער און אַ ייד, האָב פרייוויליק, טאַקע פון מיין אייגענעם ווילן, געגעבן מיין דינסט דער מלוכה... איך האָב נישט דערוואַרט צו קריגן אַ דאַנק פאַר מיין אַרבעט, אָבער קיין איין דייטש איז נישט אויסגעשטאַנען, דורך צענדליקער יאָרן אַזאַ שנאה, ווי איך בין אויסגע־

שטאַנען אין אָט דער צייט... דער שטאַרקסטער כאַראַקטער האָט פון דעם געקענט ווערן צוזאַמענגעבראָכן..."

*

די מענטשלעכע פּסיכיק איז זייער אַ קאָמפּליצירטער מעַ־כאַניזם. און אַזאַ דערשיינונג, ווי ראַטענוי, פּאָדערט אַ באַזונדער שטודיום, אַ באַזונדער קאָמפּליצירטן שליסל צום מעכאַניזם פון זיין פּסיכיק. אַלע, וועלכע האָבן אים נאָענטער געקענט, דערציילן וועגן זיין אויסערגעוויינלעכער קלוגשאַפט און שאַרפזין. ער איז געווען אַ גלענצנדער באַאָבאַכטער פון מענטשן, און דאָך, ביי זיין טיפער מענטשן־קענטעניש, פלעגט ער, טיילמאָל, ארויסווייזן אַזאַ נאַאיוויטעט, אַזאַ תמימותדיקע באַציאונג צו שאַנטאַזשיסטן און ברודיקע נפשות, וועלכע האָבן אים אויסגענוצט אויף דעם נידערטרעכטיקסטן אופן...

ער האָט שפּעטער וועגן דעם געשריבן:

„לויט מיין נאַטור בין איך נישט געווען פאַרדעכטיק אויף קיינעם. אַן העפלעך וואָרט האָט אויפגעשלאָסן מיין האַרץ. איך האָב געהאַט צוטרוי צו מענטשן און זיך פאַר זיי אויפ־געעפנט... שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז איך ווער אויס־גענוצט ווי אַ געצייג... געפילט זיך באַליידיקט, געטראָטן, און מיין כבוד פאַרראַטן... איך בין ווייטער גרייט צו העלפן, אָבער נישט צו ווערן געהאַלטן פאַר אַ שוטה... פאַרוואונדעטע ווירדע היילט זיך לאַנגזאַם... עס האָט גענומען צייט ביז איך האָב זיך אַליין געפונען".

קיין פולן צוטרוי האָט ער, נאָך דער דערפאַרונג, נישט ארויסגעוויזן אפילו צו די נאָענטסטע פריינד. עס פלעגט אָפּט טרעפן, אַז אין מיטן פון אַן אינטימען געשפּרעך האָט ער עפּעס אויסבאַהאַלטן אונטער אַ שלייער. ער האָט זיך געהאַלטן אין רעזערוו. האָבנדיק אויפן געדאַנק, אַז זיין פּערזאָן איז פאַר די שונאים זיינע, ווי אַ רויטער טוך אין אַן אָקסן־קאַמף...

*

זיין פּאָליטישער אויפשטייג איז פאָרגעקומען אין אַן עפּאָכע וועגן דער גרויסער, פּראָפּאָרציאָנעלער אָנטייל פון די יידן אין די פרייע פּראָפעסיעס האָט אָנגעטראָפן אַ ווידערשטאַנד דורכן אַגרע־סיוון אַנטיסעמיטיזם מצד דעם קריסטלעכן מיטל־קלאַס, וועלכער

האָט אינעם יידישן אינדוסטריעלער און פינאַנסיסט געזען אַ צו־פעאיקן קאָנקורענט. די אַנטי־יידישע העצע איז געווען אַ דאַנק־באַרער מאַטעריאַל פּטור צו ווערן פונעם יידישן קאָנקורענט.

די אַסימילאַטאָרישע אידייע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ווערטלאָזן פּאַנצער! פאַרקערט, דער אויפגעפלאַקערטער אַנטי־סעמיטיזם האָט אין דער אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ געצילט זיינע גיפטיקסטע פיילן... זיי האָבן אויף אַן אומצווייי־דייטיקן אופן מאַניפעסטירט און געוואָרנט, אַז די האַניק־מאַנאַטן פון דער עמאַנציפּאַציע־אַסימילאַציע האָבן זיך — אידעאָלאָגיש — געענדיקט מיט אַ גרויסן קראַך! ממש באַנקראָט אויף דער גאַנצער ליניע!...

אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס די חסידי אומות־העולם האָבן געמוסרט דער יידישער אַסימילאַציע פאַר איר נאַציאָנאַלער דע־זערציע... אַלס אילוסטראַציע זאָל דינען די עפנטלעכע דיסקוסיע (1902) צווישן ראַביי פון האַמבורג פּאַול ריגער און דעם אַנטראָ־פּאָלאָג און עטנאָגראַף היינריך דריסמאַן. דער לעצטער נישט קיין ייד — האָט אויפגעוויזן די אַסימילאַטאָרן, אַז דורך זייער פאַר־לייקענען די עטניש־יידישע שטריכן, דערנידעריקן זיי זיך און ברענגען אויך שאָדן די יידן אין דייטשלאַנד (און אין אַנדערע לענדער). ער האָט אין דער דיסקוסיע אונטערגעשטראָכן די שפלות־קאָמפּלעקסן פון די יידן, וואָס פאַרלייקענען זייער נאַציאָ־נאַלע אינדיווידואַליטעט און טראָגן נישט מיט קיין אויפגעהויי־בענעם קאָפּ די ראַסן־שטריכן פון אַזאַ גרויס פאָלק מיט אַזאַ רייכער געשיכטע.

דער נישט־ייד דריסמאַן האָט פאַראורטיילט דעם קולטור־שמד פון די אַסימילאַטאָרן און זייער פּראַקטיק פון מימיצירן פרעמדע, עטנישע שטריכן. היות דאָס האָט זיך זיי נישט גע־קענט איינגעבן (צו קענען אָנגיין פאַר דעם, וואָס זיי זענען נישט), האָט זיך דעריבער אַנטוויקלט ביי זיי אַ מין נעווראָזע, אַ פּסי־כישער דעפעקט, וואָס דריקט זיך אויס אין באַטראַכטן די נאַטיר־לעכע עטנישע אייגנשאַפטן און דעם אינסטינקט פון אייגענעם בלוט, ווי אַן הויקער, טאַקע ממש אַ מום!... ס׳רוב פון זיי פלעגן ביים באַהאַנדלען די יידן־פראַגע זיך צוריקציען אין אַן אינערלע־כער תפיסה, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אַרום זייערע נשמות...

ראַטענוי האָט נישט געהערט צו אָט דער קאַטעגאָריע. ער

האָט נישט פאַרלוירן דאָס לשון ביים הערן דעם טערמין „ייד". פאַרקערט, ער האָט זייער אַ סך געשריבן וועגן יידישן פּראָבלעם און אין זיין שרייבן אַנטפּלעקט זיין נעווראָזע: „ווען איך עקזאַמיניר זיך אַליין גרונטלעך, האָט ער געשריבן, זע איך אַז מיר טוט מער ווי דאָס האַרץ, ווען מען טשעפּעט די פרייסן, ווי ווען מען פאַרטשעפּעט יידן..." די ערשטע רעאַקציע ביים יידישן לייענער איז: ווי אַזוי האָט ער געקענט אַרויסברענגען אָט די ווערטער? וואָס פאַר אַ יידיש בלוט האָט ער געהאַט אין זיך?...

ווען מען באַרואיקט זיך אַ ביסל פון דער ערשטער רעאַקציע און מען דרינגט אַריין טיפער אין זיין נעווראָזע, אַנטפּלעקט זיך דאָ די פּסיכישע קראַנקהייט פון אַ גאַנצן דור (ריכטיקער: עטלעכע דורות) אָפּגעפרעמדטע, פאַרבלאָנדזשעטע יידן, וועלכע זענען אַ חוץ יידישקייט־נעווראָזע, באַשאָנקען געוואָרן מיט געניאַליטעט און טאַלאַנט אין אַלע אויסדרוקן פון מענטשלעכן גייסט.

עס געהער צו די פּאַראַדאָקסן פון געניאַליטעט, וואָס אַזאַ ליכטיקער קאָפּ ווי, למשל, יאַקאָב וואַסערמאַן, וועלכער האָט געקענט אַזוי טיף אַריינדרינגען אין דער מענטשלעכער נשמה, און פון אינעווייניק באַליכטן אירע טיפסטע און פאַרבאָרגנסטע טונקלקייטן, האָט געקענט אַרויסווייזן אַזאַ נאַאיוויטעט און נעמען די ראָל פון אַ שדכן אין אַ יידיש־דייטשישן קולטור־שידוך... מיט אַזאַ קינדערשער תמימות האָט ער געגלויבט, אַז פון דעם זיווג וועט אַרויסקומען אַ קינד מיט אַלע מעלות־טובות אין דער וועלט, ווייל עס וועט פאַרמאָגן יידישקייט און דייטשישקייט...

וואָס פון דעם „שידוך" איז געוואָרן, געהער שוין צו אַן אַנדער אָפּהאַנדלונג. וואָס גייט נישט אַריין אין דעם עסיי...

אמת, נישט וואַסערמאַן און נישט ראַטענוי — קיינער פון אונדז! — האָט נישט געקענט פאַראויסזען די גאַז־קאַמערן! אָבער ראַטענוי האָט אין לויף פון זיין קאַריערע געהאַט פיל געלעגנהייטן צו טרעפן זיך מיט די „מוסטערן" פון דער „בלאָנדער ראַסע" ביי וועלכע די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור איז געווען נישט מער, ווי אַ דינער שיכט שמינקע — אַ מאַסקע פאַר די חיהשע אינסטינקטן... ער איז געווען אַ בן־בית אין פּרווידס פּסיכאָ־אַנאַליטישער טעאָריע, און אין זיינע באַציאונגען מיט די „קולטורעלע" יונקערס און אַנדערע פון דער „פיינער" געזעלשאַפט, האָט ער נישט איין מאָל אָבסערווירט — טייל מאָל געווען דער

עדות, און דער קרבן — ווי אַזוי די חיה אינעם מענטש האָט גע־נומען די בכורה איבער זיין פאַרשטאַנד און מאַניערן... טראָגן דעם אַלעם, האָט ער מיט אַזאַ קנעכטישקייט געקניט פאַר זיין געטשקע — פרייסנטום און דער בלאָנדע ראַסע... דאָס איז אַ טיפּישער ביישפּיל פון אחד־העמס „עבדות מתוך חירות״־באַציי־כענונג פאַר דער יידישער אַסימילאַציע אין מערב־איראָפּע אין די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר. ראַטענוי האָט זיין פריי־סישקייט אַזוי כאַראַקטעריזירט: „אויב איך וואָלט אפילו פאַר־טריבן געוואָרן פון דער דייטשישער ערד, וואָלט איך נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ דייטש און נישט קיין אַנדערער...״ „איך און מיינע אבות זענען דערנערט געוואָרן פון דייטשישן באָדן און גייסט״...

*

אין די לעצטע יאָרן פון זיין פרי־פאַרשניטענעם לעבן, האָט זיך אַ ביסל געענדערט זיין בלינדע פאַרגעטערונג פון דער „בלאָנדער ראַסע״, ווי אויך זיין באַציאונג צום יידנטום. בנוגע דעם לעצטן איז עס אפילו געקומען צום אויסדרוק אין זיין צוריק־ציען פון פאַרקויף דעם דערמאָנטן שענדלעכן עסיי („שמע־ישראל״). ער האָט אַליין אויסגעקויפט די גאַנצע אויפלאַגע „אימפּרעסיעס״, און געזאָרגט אַז אין זיינע געזאַמלטע ווערק זאָל דער עסיי נישט ארייגענומען ווערן.

מעגלעך, אַז דאָס איז געווען נאָר אַ טאַקטישע האַנדלונג, ווייל פונקט ווי פריער, איז ער דאָך ווייטער פאַרבליבן דער פּרינציפּיעלער, עקסטרעמער אַסימילאַטאָר, אַ דייטש פון מאָזע־סעס גלויבן (און געפלירטעוועט מיטן קריסטנטום...).

אין באַצוג צום קריסטנטום האָט ער, אין אַן עפנטלעכער דיסקוסיע, באַטאָנט, אַז הגם דער נייער טעסטאַמענט האָט זיין גרונט־לערע גענומען פון אַלטן, זענען דאָך אָבער זיינע אַקצענ־טירונגען אַנדערש.

אָט דעם זאָג האָט אויסגענוצט אַ געוויסער פאָן קורט פאַל־קענשטיין, וועלכער האָט געפרעגט אין אַ בראָשור, הלמאי ער, ראַטענוי, מאַכט נישט דעם קאָנסעקווענטן אויספיר פון זיין אַק־צענטירן יעזוסעס לערע און אָננעמען דעם קריסטנטום?

ראַטענוי, האָט אים געענטפערט מיט זיין גלענצנדער פע־דער, און געמאַכט אַ גרונטלעכן אַנאַליז פון יודאַאיזם, און פון

דער עוואָלוציע, וואָס די יידישע רעליגיע האָט דורכגעמאַכט פון אַ נאַציאָנאַלער ביז אַן אוניווערסאַלער. ער האָט אים אויפגעוויזן, אַז יודאַאיזם איז נישט קיין קירכע מיט אַ פּויפּסט א.א.וו., און וואָס שייך יעזוסן, האַלט ער, אַז ער דאַרף צוזאַמען מיט שפּינאָזען איינגעגלידערט ווערן צווישן די חכמי־ישראל, און אַנדערע גרויסע יידישע גייסטער.

עס געהער אָבער אויך צו די פּאַראַדאָקסן פון דער ראַטענוי־געשטאַלט, וואָס פון איין זייט קען ער פאַרטיידיקן — מיט גלאַנץ און טיפער ערודיציע — די יידישע אמונה און אירע גייסטיקע מאַניפעסטאַציעס, און פון דער צווייטער זייט — אָנשרייבן אַ פּעליעטאָניסטישע קאַריקאַטור וועגן יידישן גייסט אין זיין תלמודישער אויסשטראַלונג. אין זיין פעליעטאָן האָט ער געשריבן:

„ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער זיך דערלויבט דעם לוקסוס אָפּצולייגן אין אַ זייט אַ שטיק ריינעם מח־שטאָף און אין אַ פאַרזיגלטן קריג עס אַראָפּגעלאָזט אויפן באָדן פון ים. צולייגנדיק צו אים אַ ספר".

„במשך פון צוויי טויזנט יאָר זענען מח און ספר געבליבן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און אָנגעהויבן אינעווייניק פערמענטירן ... אין רעזולטאַט, האָט דער מח־שטאָף דורך דער גאַנצער צייט געהאַלטן אין איין טראַכטן די זעלבע געדאַנקען"...

ווען מיר נעמען אַראָפּ די פעליעטאָניסטישע אַקסעסואַרן, באַקומט זיך די אויסגעדראָשענע הנחה פון די קריסטלעכע פּרעדיקער, אַז יודאַאיזם האָט זינט דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום פאַרלוירן זיין לעבעדיקן גייסט, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זאַפּטלאָזן מח־שטאָף, וואָס איז געוואָרן אומשעפעריש און אַנעמיש.

איך האָב אויף אַן אנדער אָרט (אין מיין דובנאָוו־אָפּהאַנדלונג), באַהאַנדלט אויספירלעך די געשטאַלטיקונג פון יידישן גאַנג אין דער וועלט — זיין וויזיע, לערע, גייסט און לעבנסשטייגער — אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק. און אַז דער יידישער גייסט איז אין גלות נישט געוואָרן כולו מח־שטאָף, אויף דעם זאָגט עדות אַזאַ בר־סמכא, ווי צינבערגס „די געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן".

אפילו אין די מיטלאַלטערלעכע געטאָס, טראָץ דער אומ־

נאָרמאַלקייט און מוראדיקער ענגשאַפט פונעם יידישן לעבן, האָט דאָך פולסירט אַ נשמהדיק לעבן, מיט האַרץ, געפילן און אינ־סטינקטן... און אויב דער פרייער געדאַנק איז ביי אונדז אין געוויסע פעריאָדן געווען אין קלעם, פאַלט אויך די הויפּט־שולד אויף דער אַכזריות פון דער קריסטלעכער ליבע וואָס האָט גע־פּלאָגט און פאַרפאָלגט דאָס יידישע פאָלק און צוגענומען ביי אים די פרייע לופט צו אָטעמען...

די יידן אין די מיטלאַלטערלעכע געטאָס — ביי דער גאַנצער אײַנזײַטיקייט און פאַרשמעלערונג פון זייער לעבן — האָבן פאַר־מאָגט מער אינערלעכע שלמות און זעלישע רו, ווי די אַסימי־לירטע יידן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם פּראָצעס פון נאַציאָ־נאַלער סטערעליזאַציע...

ביי אַלע זיינע באַמיאונגען האָט דער אַסימילירטער ייד נישט דערגרייכט זיין צוזאַמענשמעלצונג מיטן נישט־ייד. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט יאָ באַוויזן איז אָפּצורייסן זיך פון יידישן באָדן און בלייבן באָדנלאָז (מען קען פאַרמאָגן אַ סך „ריעל־עס־טייט" און זיין באָדנלאָז...). געבליבן הענגען אין דער לופט און ביי יעדער געלעגנהייט געוואָרן דערמאָנט פון וואַנען ער שטאַמט...

*

ראַטענוי האָט דורכגעמאַכט אַ טראַגישע דערפאַרונגס־שול ביז ער האָט זיך אַליין געפונען און דערקענט.

אין זיינע ווערק האָט ער אויפגעעפנט טיר און פענצטער צו אַלע ווינקעלעך פון זיין נשמה און ארייַנגעלאָזן דאָרט טאָג־ליכט... בלויז איין טייל פון איר — די יידישע סובסטאַנץ, האָט ער געלאָזן אין אַ נעפּל, פאַר זיך אַליין און פאַר אנדערע

ער האָט זיך און אַנדערע כסדר דערמאָנט, אַז ער איז אַ ייד. צומאָל איז אין דעם געווען אַ געוויסע שטאָלץ, וואָס פאַר אים עפענען זיך אַלע טירן, וואָס זענען פאַר אַנדערע יידן פאַר־מאַכט. עס איז אָבער נישט געווען קיין נאַציאָנאַלע שטאָלץ, נאָר אַ פּערזענלעכע, דורך ווערן אַ פּריווילעגירטער פון זיין ראַסע...

*

ווען ער האָט אין נאָך־מלחמהדיקן דייטשלאַנד אָנגענומען דעם פּאָסטן פון אויסערן־מיניסטער, האָט ער באַלד דערפילט, אַז ער שפּילט זיך מיט פייער...

דער ווערסאַלער טראַקטאַט, די קאָנטריבוציעס, די פראַגע פון רור־געביט — דאָס איז געווען דינאַמיט פאַר די נאַציאָנאַ־ליסטיש־שאָוויניסטישע כוחות אין דייטשלאַנד קעגן דעם אויס־סערן־מיניסטער. ראַטענוי, ווי אַ ייד, איז געווען אַ גאַר־גינסטי־קער ציל־ברעט פאַר אַלע פינצטערע כוחות פון לאַנד.

יעדן טאָג פלעגן ווערן אויסגעגאָסן אין רייכסטאַג עמערס שמוץ אויף ראַטענוין. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין דייטש־לאַנדס פאַרשפּילן דעם קריג, אין דער אינפלאַציע, אין רואינירן דעם מיטל־קלאַס, אין פאַרקויפן דאָס לאַנד צו די באָלשעוויקעס — און אין וואָס נישט? מען האָט געבלבולט קעגן אים — אין וואָרט און אין שריפט — איבערן גאַנצן לאַנד. איבער די גאַסן פלעגן באַנדעס אַרומגיין און כאָראַל אויסזינגען: „שיסט אים! ראַטענוי, דער שמוציקער יידי!" יעדן טאָג פלעגן אָנקומען וואָרע־נונגען, אַז ס'גרייטן זיך אַטענטאַטן אויף אים.

ראַטענוי איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן זיך אַליין, וואָס ער האָט אין דער דעמאָלטדיקער קריטישער לאַגע פאַר דייטש־לאַנד אָנגענומען דעם פאָרטפעל פון אויסערן־מיניסטער. אמת, פאַרן געבן זיין הסכמה, האָט ער זיך שטאַרק געוואַקלט. אַ ריי פאַקטאָרן האָבן אים באַוואויגן צו דעצידירן זיך אויף יאָ: 1) זיין שטאַרקער דייטשישער פּאַטריאָטיזם; 2) ער האָט צו דער קאַריערע אַרויפגעקוקט נאָך אין קייזערלעכן דייטשלאַנד. איצט איז די מניעה שמד — אָפּגעפאַלן; 3) זיין אינערלעכע איינזאַמקייט און איזאָלאַציע; אויך דער פאַקט, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין פאַמיליען־לעבן; 4) ער האָט זיך געלאָזט איבערצייגן, אַז אין דעם מאָמענט, איז ער דער איינציקער און פּאַסיקסטער מענטש אַרויס־צושלעפּן דעם דייטשישן וואָגן פון דער בלאָטע...

*

מיט יעדן טאָג איז געשטיגן די געפאַר פאַר זיין לעבן. די גאַנצע אַטמאָספער איז פול געווען מיט דער נאַציאָנאַליסטישער פאַרשווערונג קעגן אים. די רעגירונג האָט אים פאָרגעלייגט אַ וואַך. ער האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט, זיך באַגנוגנט מיט טראָגן אַ רעוואָלווער, ווי דאָס וואָלט אים געקענט באַשיצן פון אַן אַטענטאַט...

אין דער גרויסער סכנה פאַר זיין לעבן, איז אים איינגעפאַלן

אַן אויסטערלישער געדאַנק — צו רעדן מיט זיינע שונאים און זיי איבערציִיגן אין זיין שטאַרקן פּאַטריאָטיזם פאַר דייטשלאַנד... ער האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו די וואָרענונגען פון זיינע פריינד, און מיט זיין בראַוואַדאָ זיך פאַרלאָזט אויפן גורל און אויפן כוח פון זיין אינטעלעקט צו איבערציִיגן די שאָוויניסטן מיט... לאָגיק.

ער איז ממש געגאַנגען דעם טויט אַנטקעגן! נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף אַ דאַטע צו באַגעגענען אים...

דעם 24־טן יוני 1922, איז ער געפאָרן אין אַ פרימאָרגן צום אויסערן־מיניסטעריום, כמעט אין אַן אָפענעם אויטאָ. אויפן וועג האָבן אים אָפּגעוואַרט די מערדער און מיט גראַנאַטן און רעוואָלווער־שאָסן צעלעכערט זיין קערפּער. דער נאַציאָנאַליס־טיש־שאָוויניסטישער לאַגער (אַ פריערדיקע אויפלאַגע פון דייט־שישן נאַציזם), האָט געיובלט נאָכן איינגעגעבענעם אַטענטאַט, וואָס איז אין תוך געווען דער פּראָלאָג פון דעם גרויס־צוגיקן, נאַציסטישן, שפּעטערדיקן וועלט־אַטענטאַט.

דער שאָס אין ראַטענוין איז געווען געצילט אין דער דאַן־אָקאָרשט אַנטשטאַנענער דייטשישער דעמאָקראַטיע, וואָס איז גע־בוירן געוואָרן מיט אַ שטאַרקער אַנעמיע. עס איז געווען אַ שאָס אין ראַטענוין, דעם ייִד, אַן אַלאַרם און וואָרענונג־סיגנאַל, וואָס עס דערוואַרט דעם ייִדישן פאָלק — און די גאַנצע וועלט! — אויב די דזשונגל־חיות וועלן באַקומען מאַכט אין זייערע הענט...

*

אַ פּאָר ווערטער נאָך, וועגן דער האַלטונג פון ראַטענויס מוטער נאָכן אַטענטאַט (זיין פאָטער האָט שוין דאַן נישט געלעבט). זי האָט דאַן אָנגעשריבן פאָלגנדן בריוו צו דער מוטער פון ערנסט טעטשאָוו, איינער פון די באַטייליקטע מערדער:

„אין אומבאַשרייבלעכן טרויער, שרייבט זי, גיב איך דיר מיין האַנט, דיר, פון אַלע פרויען, וואָס נויטיקט זיך איצט אַממייסטן אין רחמנות. זאָג דיין זון, אַז איך וועל אים פאַר־געבן, אויב גאָט וועט אים נאָר מוחל זיין... אויב ער וועט פאַר אַן ערדישן ריכטער אָפנהאַרציק זיך מודה־זיין אין זיין שולד און וועט תשובה־טאָן צו גאָט... וואָלט ער געקענט מיין זון, וואָלט ער גיכער אויסגעדרייט דעם רעוואָלווער צו זיך־

אַליין, איידער צו אים... ער איז דאָך געווען דער איידלסטער מענטש וואָס די ערד האָט געטראָגן. וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט אים מיין זון געטאָן?... זאָלן אָט די ווערטער דיר ברענגען זעליקע רו..."

דער רירנדיקער בריוו און די מחילה־ווערטער פון ראַטענויס מוטער וואָלט דאָ געדאַרפט ברייט קאָמענטירט ווערן פון אַ ריי שטאַנדפונקטן, באַזונדערס אין ליכט פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו... איך גלויב אָבער, אַז דער יידישער לייענער וועט אַליין מאַכן די געהעריקע קאָמענטאַרן.

*

עס דאַרף נאָך געשריבן ווערן די געשיכטע פון די ראַטענוי־דורות, פון די געניאַלע און טראַגישע יידן, וועלכע האָבן געאָטעמט אין אַן אַטמאָספער פון „מאָראַלישער נויט" (מאַקס נאָרדויס אַן אויסדרוק). די רייכע גאַלעריע אַסימילירטע דייטשיש־יידישע שרייבער, זייערע בלאָנדזשעניש און נאַציאָנאַלע אויסגעוואָרצלטקייט בכלל, און וואַלטער ראַטענויס בפרט — איז סימבאָליש פאַר דער גאַנצער אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ, זינט דער עמאַנציפּאַציע.

די עקזאַלטירטע, עקזאָטישע יידישקייט פון בענדזשאַמין ד'איזראַעלי

דער אומגעוויינלעכער לעבנס־גאַנג פון ד'איזראַעלין איז אַ גלענצנדער מאַטעריאַל פאַר אַ פּסיכאָלאָגישן שטודיום, ווי פאַר אַ קינסטלערישן ווערק, וועגן יידישן און ענגלישן לעבן אין נײַינצנטן יאָרהונדערט.

דער קינסטלער האָט דאָ פאַר זיך אַ דאַנקבאַרן שטאָף פאַר דינאַמישער אַקציע, עפּישע באַשרייבונגען און פּסיכאָלאָגישע רעפלעקסן; און אַן הויפּט־העלד, וואָס אינטריגירט דעם לייענער פון אָנהויב אָן — זינט זיין באַווייזן זיך אויף דער סצענע — ביזן סוף, ווען דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ... בכלל קען די גאַנץ־פּיקאַנטע, עקזאָטישע פאַבולע געבן גלענצנדע מעגלעכקייטן פאַרן ראָמאַניסט, אָדער דראַמאַטורג.

*

אַ יידיש יינגל, אַן אייניקל פון איטאַליעניש־יידישע אימי־גראַנטן אין לאָנדאָן, מאַכט די גרעסטע פּאָליטישע קאַריערע אין לאַנד — ער ווערט פּרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד!

אָט די אויסערגעוויינלעכע געשיכטע ווערט נאָך אינטערע־סאַנטער דערמיט, וואָס זייענדיק אָפּגעשמדט דורך זיינע עלטערן יונגערהייט (צו דרייצן יאָר), און פּראַקטיצירנדיק פרום די קריסטלעכע רעליגיע זיין גאַנץ לעבן — אידענטיפיצירט ער זיך מיטן יידישן פאָלק, מיט וועלכן ער איז רעליגיעז געעגט...

נישט נאָר, וואָס ער גייט נישט אַוועק אויף די שענדלעכע וועגן פון רוב מנין משומדים, וועלכע האָבן אין זייער קריכע־רישקייט צום קרייץ באַשמוצט און געבלבולט אויף זייער שטאַם, נאָר ער פאַרטיידיקט ליידנשאַפטלעך זיין פּראָ־סעמיטיזם און זיין

עקזאַלטירונג פון דער יידישער ראַסע. און לאָמיר דאָ צוגעבן, אַז בענדזשאַמין ד׳איזראַעלי האָט מיט אַ זעלטענעם מוט געקעמפט — דירעקט און אומדירעקט — פאַר דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין ענגלאַנד.

*

בענדזשאַמין קומט אַרויס פון אַ שטוב, וואָס האָט געהאַט איבערגעריסן די לעצטע פעדים מיטן יידישן לעבן און מיט יידישקייט. זיין פאָטער, יצחק ד׳איזראַעלי, איז לויט דער טרעפלעכער באַצייכענונג פון זיין זון, געווען „אַ ליידיקער בלאָט צווישן אַלטן און נייעם טעסטאַמענט״. זיין מוטער, פאַרסמט מיט מאַזאָכיסטישע פאַראורטיילן קעגן אַלץ, וואָס איז יידיש — אַ גיפטיקע יידישע אַנטיסעמיטקע און נאַר פאַרמעל — פון מאָזעסעס גלויבן...

פון אַזאַ היים זאָל אַרויסקומען אַ קינד מיט אַ שטאַרקן געפיל פאַרן יידישן פאָלק און מיט אַזוי פיל ווירדע און שטאָלץ פאַר זיין כבוד, געהער צו די זעלטנהייטן אין אונדזער געשיכטע.

אייניקע פון ד׳איזראַעליס ביאָגראַפן גלויבן, אַז זיין טיפּיש־יידישער אויסזען, האָט גורם געווען זיין עקזאַלטירן די יידישע ראַסע. אָבער דאָס איז ווייט נישט באַגרינדעט! די טיפּיש־יידישע שטריכן, האָבן ביי אַ ריי אַסימילאַטאָרן געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג, אַרויסגערופן אַ פּאַטאָלאָגישן זעלבסט־האַס און מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקסן מיט אַלע באַגלייט־דערשיינונגען פון יידישן אַנטיסעמיטיזם...

ד׳איזראַעלי אַליין האָט אין זיינע מעמואַרן באַגרינדעט זיין פּראָ־סעמיטיזם מיט מיסטעריעזע כוחות:

> „טראָץ דער פיינטלעכער אַטמאָספער אין מיין עלטערנס הויז צו יידישקייט, שרייבט ער, האָבן עפּעס מיסטעריעזע כוחות מיך דיקטירט, נישט נאָר צו רעספּעקטירן, נאָר אויך צו פאַרטיידיקן דאָס יידישע פאָלק און באַווירקן לויט מיינע כוחות די עפנטלעכע מיינונג לטובת אים״.

אין די מעמואַרן דערציילט ער, אַז זיין זיידע האָט געשטאַמט פון איטאַליע, און געהערט צו אַ ספרדישער משפּחה, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דער אינקוויזיציע און אַלס לויב צו גאָט אָנגענומען דעם פאַמיליע־נאָמען: ישראל.

דער היסטאָריקער סעסיל ראָט דערציילט וועגן די ערשטע

שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע יידן אין לאָנדאָן, אַז ער האָט אויף זייער אַלטן בית־עולם געזען אַ מצבה מיט אַזאַ אויפשריפט:

„אביגיל, די אַלמנה נאָך גאַספּאַר מענדעס פורטאַדאָ פון פּאָרטוגאַל, איז נאָך די שרעקלעכע פּייניקונגען אין פּאָרטוגאַל אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד צו זוכן שוץ פאַר אירע קינדער, וועלכע הייסן איצט: אברהם, יצחק, יעקב, רבקה, רחל און יהודית, וועלכע זי האָט מגדל געווען כדת ישראל״.

ווען מיר גראָבן צו די וואָרצלען פון בענדזשאַמינס אבות אין ענגלאַנד, קומען מיר צו צו זיין זיידן נפתלי באַשעווי (פון דער מאַמעס צד), דער ערשטער ענגליש־געבוירענער ייד, וואָס איז צוגעלאָזט געוואָרן צו אַדוואָקאַטור (ער איז אויך געווען פּרעזידענט פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס״). אַ ברודער זיינער איז געווען איינער פון די גרעסטע אַרכיטעקטן אין יענער צייט, און אַ קוזין — אַ באַרימטער מאָלער, וועלכער איז גראָדע געווען אַן אָרטאָדאָקסישער ייד און פלעגט יעדן טאָג גיין מיטן טלית און תפילין אין שול אַריין.

ווי מיר זעען, איז אין דער משפחה געווען אַ סך באַגאַבונג, וועלכע איז, וואַרשיינלעך, אַריין אין שמעלץ־טאָפּ ביים שאַפן דעם געניוש — בענדזשאַמין ד׳איזראַעלי.

זיין פאָטער, יצחק ד׳איזראַעלי, האָט געלערנט וועלטלעכע לימודים אין אַמסטערדאַם (יידישע דערציאונג — גאַנץ ווייניק), און צוריקקומענדיק קיין לאָנדאָן, האָט אים לגמרי נישט געצויגן צו פאַרנעמען זיך מיט זיין פאָטערס געשעפטן, נאָר צו ליטעראַטור. זיין ערשטלינג, „קוריאָזן אין דער ליטעראַטור״, האָט געהאַט אַן אומגעהויערן דערפאָלג, און וואַרשיינלעך, איז ער געווען דער ערשטער אייראָפּעאישער ייד פון דער נייער צייט (א חוץ משה מענדעלסאָן), וועלכער האָט דערגרייכט דאָן די מזרח־וואַנט פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור (1791).

זיין באַציאונג צו רעליגיע איז געווען אַ פאַרעווע. אַ געוויסע צייט האָט ער געהערט — פאָרמעל — צו דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער סינאַגאָגע, אָבער בעת אַ קאָנפליקט מיט דער אָנפירונג פון באָאַרד — איז ער פון איר אַרויסגעטראָטן. היות, ער האָט זיך אין קיין אַנדער סינאַגאָגע נישט אָנגעשלאָסן, האָט עס אין יענער צייט באַדייט, אַז ער האָט זיך אַליין באַזייטיקט פון יידישן כלל, הגם שטייענדיק פון דער וויטן, האָט ער ווייטער

באַהאַנדלט אין זיינע שריפטן יידישע פּראָבלעמען (וועגן משה מענדעלסאָן, וועגן רעפאָרם אין יידישן חינוך און אַנדערע פראַגן). פּאַקטיש איז ער אָבער געשטאַנען אויפן גרענעץ צווישן יידנטום און קריסטנטום (מער גענויגט צום לעצטן...). די קינדער האָט ער געלאָזט מלען, און דער עלטערער זון בנימין איז אַריינגעפירט געוואָרן בברית של אברהם דורך זיין פעטער, דעם מוהל דייוויד לינדא — אַ זייל פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער סינאַגאָגע.

בנימין איז אויסגעוואַקסן מיט טיפּיש־יידישע שטריכן: די נאָז, די אויגן, די האָר, די זשעסטיקולאַציעס — קיינער האָט נישט געקענט מאַכן קיין טעות בנוגע זיין אָפּשטאַם. ער איז אין גאַנצן ענלעך געווען צום זיידן (נאָך ווען ער האָט געהייסן), ווען ער האָט שפּעטער אין זיינע מעמוארן אַזוי פאַרערט.

כמעט ביז זיין בר־מצווה האָט בנימין באַקומען — אויפן שפּיץ מעסער — אַ יידישע דערציאונג. דער פאָטער האָט אים נישט געוואָלט „באַלעסטיקן" מיט צופיל יידישקייט, וועלנדיק זיינע קינדער זאָלן הענגען — ווי ער אַליין — צווישן ביידע וועלטן... אָבער זיין פריינד שאַראָן טורנער האָט אים איבער־צייגט אין דער צוועקמעסיקייט פון טויפן די קינדער...

אַ רעטעניש איז נאָר, וואָס דער שמד פון בנימינען איז פאָרגעקומען אַ צען טעג נאָך דער טויפונג פון די יונגערע. דאָס ווערט אויסגעטייטשט דורך סעסיל ראָט, אַז בנימין האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם אַקט ביז מען האָט אים איינגעבראָכן... אָבער דאָס איז נישט מער ווי אַ השערה. קלאָר איז: אַזוי לאַנג ווי דער זיידע האָט געלעבט, איז די שמד־פראַגע נישט געקומען אין באַ־טראַכט, אָבער תיכף נאָך זיין טויט, ווען עס האָט זיך צוגערוקט בנימינס בר־מצווה, איז ער — מיט גוטן אָדער מיט בייזן — אַריינגעפירט געוואָרן בברית „טשוירטש אָף אינגלאַנד"...

שווער צו זאָגן, ווי אַזוי די משפּחה האָט עס אויפגענומען... באַוואוסט איז נאָר, אַז בענדזשאַמינס באָבע (פון פאָטערס צד), איז געווען אַ יידישע אַנטיסעמיטקע. איר גאַנץ לעבן האָט זי נישט מוחל געווען איר מאַן פאַר זיין אויסגעשפּראָכענעם יידישן נאָמען, און אונטער איר ווירקונג, האָט דער זון (יצחק) שפּעטער געענדערט פון: ד׳איזראַעל אויף ד׳איזראַעלי. יצחק האָט נאָכן אָפּשמדן די קינדער נישט אויפגעהערט זיך צו „פאַרנעמען" מיט

יידישע פּראָבלעמען, געשריבן גיפטיקע עסייען קעגן „רבנישן יידנטום", וואָס האָט פאַקטיש געמיינט קעגן היסטאָרישן יידנטום...

*

ד'איזראַעלי דערציילט, אַז זיין באָבע האָט געשטאַמט פון אַ ספּרדישער משפּחה — אבן־שאַפּרוט. עס שטעלט זיך די פראַגע: מיט וואָס קען מען דערקלערן אָט דעם מאַזאָכיסטישן, יידישן זעלבסט־האַס ביי די אור־אייניקלעך פון די שפּאַנישע קידוש־השם יידן? פון וואַנען נעמט זיך די נאַציאָנאַלע אַטראָפּירונג ביי אַזוי פיל ספרדישע קהילות?

פּראָפעסאָר העשל האָט אין זיינער אַ גרעסערער אָפּהאַנד־לונג („די גאָלדענע תקופה פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום"), אַרויסגערוקט דעם געדאַנק (וואָס ווערט אויך אונטערגעהאַלטן דורך אַנדערע), אַז די נאַציאָנאַלע וועגעטאַציע פון די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע קהילות אין אַ ריי לענדער, איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די ספרדישע יידישקייט איז געווען אַן אַריסטאָקראַ־טישע אָן טיפע וואָרצלען אין פאָלקישקייט.

די ספרדישע יידן האָבן נאָכן גירוש שפּאַניע אויפגעבויט אין זייערע נייע וואוינלענדער — פּרעכטיקע סינאַגאָגעס, אָבער עס האָט אין זיי געבלאָזן אַ קעלט! זייער יידישקייט איז געווען אַ פאַרפרוירענע, אָן וויטאַליטעט און בויטיקער לעבנס־טעמפּעראַ־טור... זייער גייסטיקע עקזיסטענץ איז כסדר אָנגעגריפן געוואָרן דורך דער רעליגיע און קולטור פון זייערע שכנים. אַסימילאַציע, שמד האָט געקענט מאַכן אַזאַ גרויסן חורבן אין זייערע קהילות, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין טיפע יידישקייט־וואָרצלען! עס האָט זיי פאַרפעלט נאַציאָנאַלן אָטעם און מסירת־נפש פאַר יידישע ווערטן און אידייען.

איך מיין, אַז דער געדאַנק דאַרף אַ ביסל קאָרעגירט ווערן. אָט ווייסן מיר, אַז די מזרח־אייראָפּעאישע יידישקייט האָט יאָ געהאַט טיפע וואָרצלען אין פאָלקישקייט און ווי זעט זי היינט אויס נאָכן חורבן? צי זעען מיר אין די נייע וואוינלענדער עפּעס אַ גרויסן מסירת־נפש פאַר יידישע ווערטן און אידייען? ווערט דען נישט אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ כסדר אָנגעגריפן, און דער ווידערשטאַנד איז אַזאַ שוואַכער?...

וואָס שייך דעם יידישן אַנטיסעמיטיזם — באַשטייט די טראַ־

גערדיע אין דעם, וואָס אָנשטאָט זיך צו ווערן פסיכיש, מאָראַליש קעגן דעם סם פון די אַנטיסעמיטן, און אויסדרייען זיך מיט פאַר־אַכטונג צו די פאַרלוימדער פון יידישן פאָלק — דרייען זיי זיך — די קרבנות — אויס מיט ביטול און פאַראַכטונג צו זיך אַליין. צו זייערע אייגענע ברידער און שוועסטער...

בענדזשאַמינס אבות זענען געווען — ווי די יידישע אַנטי־סעמיטן אין אונדזער צייט — קרבנות! זיי האָבן זיך פאַרסמט מיט דעם גיפט פון שפלות און פאַראַכטונג, וואָס יידישע שונאים האָבן פאַרזייט אין זייער פסיכיק! נאָר דערפאַר זעען זיי אַלע שיינקייטן פון דער וועלט ביי די שכנים און אַלע העסלעכקייטן — אינעם יידישן לעבן...

עס איז דאָ אַ מיינונג — באַגרינדעט דורך אַ ריי באַווייזן — אַז די העסלעכע זעלבסט־פאַראַכטונג פון אונדזערע אייגענע יידישע אַנטיסעמיטן, איז פאַרבונדן מיט אַ שענדלעכער איינרעדע־ניש, אַז מיט נאָכזאָגן און אָקצעפּטירן די אַנטיסעמיטישע בלבולים, קויפן זיי זיך איין ביי די „קולטורעלע" שכנים, וועלכע וועלן זיי אויסטיילן אַלס „בעסערע יידן"... ביישפּילן וועט דער לייענער אַליין געפינען פון נאָענט און ווייט...

*

ביז זעכצן יאָר האָט בענדזשאַמין זיך געלערנט אין אַ שול. נישט איינמאָל מיט די פויסטן געמוזט פאַרטיידיקן זיין נאָמען און זיין כבוד... דער שמד גופא איז פאַר זיינע שול־חברים געווען ווייניק איבערצייגנדיק.

פון שול איז ער אַוועק מיט דער מיינונג, אַז זי האָט אים גאָרנישט געלערנט וועגן זיך און זיין אידענטיפיקאַציע. ער האָט ערשט אין זיין פאָטערס גרויסער ביבליאָטעק (25 טויזנט ביכער) גענומען פאָרשן און זוכן זיין יידישן אָפּשטאַם, און צו זיין פאָטערס שטוינונג — גאָר שטאַרק זיך צוגעכאַפּט צו יודאַאיסטישע טעמעס און בפרט צו די מאָטיוון פון משיחיזם אין דער יידישער געשיכטע.

זיין פאָטער האָט געזוכט פאַר אים תכלית און געשיקט אים לערנען אַדוואָקאַטור. אָבער בענדזשאַמין, קומענדיק פון אַ ליטע־ראַרישער היים, האָט געטרוימט צו ווערן אַ שרייבער — און טאַקע אַ גרויסער קינסטלער!

צו ווערן מאַטעריעל אומאָפּהענגיק פון פאָטער, האָט ער

אָנגעהויבן שפּעקולירן אויף דער בערזע מיט אַקציעס, און באַלד פאַרלוירן אַ ריזיקע סומע. ער האָט זיך נאָך דעם צענדליקער יאָרן געראַנגלט צו דעקן, אָדער אויסבאַהאַלטן זיך פון די בעלי־חובות... דאָס איז אָבער פאַר אים נישט געווען קיין שטערונג פאַר זיינע ליטעראַרישע אַמביציעס אין וועלכע ער איז ביים אָנהויב פּאַטראָניזירט געוואָרן דורך אַן ענערגישער פרוי — סאַראַ אָסטין.

זיין ערשט ווערק „וויוויאַן גריי" איז דערשינען אַנאָנים אין 1826. דער מחבר האָט פאַרטרעטירט זיינע אַמביציעס אויף אַן אומצוויידייטיקן אופן. אָבער זייענדיק אומבאַקאַנט האָט ער זיך דערלויבט ווייניק וואָס צו מאַסקירן די אויטאָביאָגראַפישע עלעמענטן.

דאָס ווערק האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג! שפּעטער איז אויך אויפגעדעקט געוואָרן דער נאָמען פון יונגן, אומבאַקאַנטן מחבר, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן מצד דער קריטיק ווי אַ קוריאָז.

צו יענער צייט איז די ענגלישע ליטעראַטור, לויט דער באַצייכענונג פון קאַרלייל, געווען „אַ בלאָטיקער אָקעאַן און די מאַמע פון טויטע הינט..."

אין די דרייסיקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט, האָבן טעניסאָן, בראַונינג, קאַרלייל בלויז פאַרזייט די זוימען פון זייער שפּעטערדיקער באַרימטקייט. אין דעם מצב האָט דער אַמביציע־זער ד'איזראַעלי, באַלד אין זיין אָנהויב, געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ נביא און אויסלייזער פון זיין לאַנד... דער גרויסער דער־פאָלג פון זיין ליטעראַרישן ערשטלינג האָט געשפּייזט זיינע אַמביציעס צו ווערן באַרימט און טאַקע באַלד צו דערגרייכן די מזרח־וואַנט פון דער ענגלישער ליטעראַטור.

דער יונגער מחבר האָט צו יענער צייט אָנגעהויבן ליידן פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער קראַנקהייט (היינט הייסט עס: אַן אָנציג־דונג אין מח), וואָס האָט אים פיזיש און פּסיכיש פאַרצערט. ער האָט זיך אָפּט געפונען אין אַ גאָר שטאַרקער דעפּרעסיע, און דאָקטוירים האָבן אים געראָטן אַ רייזע קיין אויסלאַנד. אויב די קראַנקהייט איז געווען די ערשטע סיבה ער זאָל אַרויספאָרן, זענען די בעלי־חובות געווען די צווייטע סיבה...

צוערשט איז ער אַרומגעפאָרן אויפן קאָנטינענט און תיכף באַשלאָסן צו פאָרן אין מיטעלן מזרח און זען ירושלים.

זיין פֿאָטער איז צוליב דעם געוואָרן אויסער זיך! „וואָס זוכט ער צו געפֿינען אויף די חורבות פֿון ירושלים?״ — האָט ער מיט ירגזון געפֿרעגט. „זאָל ער לייענען רייזע־ביכער און זען, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר דאָס היינטיקע ירושלים״.

דאָס האָט אָבער נישט געהאַט קיין ווירקונג אויפֿן זון, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין רייזע דורך שפּאַניע — דורכצומאַכן אויפֿסניי דעם וועג פֿון זיינע שפּאַניש־ספֿרדישע אור־על־טערן — פֿון שפּאַניע דורכן גאַנצן מיטל־מזרח קיין ירושלים, וואו עס איז אַמאָל געווען די גלאָריע פֿון זיין פֿאָלק...

די רייזע האָט אים אינספּירירט צו צוויי ווערק: „אַלראָי״ און „טאַנקרעד״. אין ערשטן ווערק האָט ער געשאַפֿן אַ ראָמאַן באַזירט אויף דער געשיכטלעכער לעגענדע פֿון אַ יידישן העלד אין מיטלאַלטער, וועלכער איז מיט זיין שווערד געגאַנגען אויסלייזן זיין פֿאָלק און צוריק אויפֿשטעלן זיין אומאָפּהענגיקייט אין יהודה.

ד׳איזראַעליס אַלראָי איז אַ נייע אויפֿלאַגע פֿון אַ יהודה המכבי אין 12־טן יאָרהונדערט, און דער מחבר האָט אין זיין טאָג־בוך פֿאַרצייכנט אַז „אלראָי דריקט אויס זיין אידעאַלע אַמביציע״...

צי האָט ווירקלעך ד׳איזראַעלי געהאַט אַזאַ אַמביציע צו ווערן אַ נייער יהודה המכבי? אַ פֿאַרווירקלעכער פֿון אַ משיחישער אידייע אויפֿצושטעלן מלכות יהודה פֿאַרן יידישן פֿאָלק? ניין, אַזעלכע פֿאַנטאַסטישע אַמביציעס האָט ער זיכער נישט געהאַט ביים שרייבן דעם ראָמאַן. גראָד אין דער צייט האָט ער דאָך באַשלאָסן צו נעמען זיך צו פּאָליטיק, צו ווערן אַ דעפּוטאַט, און אפֿשר נאָך העכער שטייגן! דאָס זענען געווען רעאַלע אַמביציעס, וואָס האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן שייכות מיט ווערן אַ פֿירער פֿון יידישן פֿאָלק, מיט חלומות פֿון מיליטערישע דעראָבערונגען... מען קען נאָר זאָגן, אַז דער אויטאָביאָגראַפֿישער עלעמענט אין „אלראָי״, איז אַ רמז אויף דעם מחברס אַמביציעס, צו ווערן אַ פֿירער פֿון אַ באַוועגונג (אַן ענגלישע), און נישט צו ווערן געפֿירט דורך אַנדערע... עס איז אָבער סימפּטאָמאַטיש זיין שרייבן אויף אַ מאָטיוו פֿון נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק, און ווי ער אַליין האָט דערקלערט, האָט ער אין אידענטיפֿיצירן זיך מיט אַלראָין געזוכט „דעם אויסער־

געוויינלעכן, געשיכטלעך־ראָמאַנטישן פאַל פון אַ פאָלק פון וועלכן איך בין ממשיך מיין נאָמען און מיין בלוט...״

פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז „די וואונדערלעכע געשיכטע פון אלראָי״ אַ שוואַך, אָרעם ווערק. די אומנאַטירלעכקייט פון דער אַקציע, די גוזמאות, די באָמבאַסטישע שפּראַך, די אַנעמישקייט פונעם הויפּט־העלד (וועלכער דאַרף לויט דער שילדערונג זיין אַ צווייטער נאַפּאָלעאָן), און די שטאַרקע בלוט־אָרעמקייט פון אַלע העלדן — אָט די אַלע חסרונות גיבן דאָס ווערק אַן אָרעמקייט־צייגעניש...

„טאַנקרעד״

אינעם צווייטן ווערק, „טאַנקרעד״, האָט דער מחבר געשטאַלטיקט זיינע אידייען און פילאָזאָפיע; זיין דעמאָלטדיקע גאַנצע וועלט־ אנשויאונג — די גלאָריפיקאַציע פון דער יידישער ראַסע.

דער מחבר פירט אַוועק דעם הויפּט־העלד, וועמען עס מאַטערן טעאָלאָגישע פּראָבלעמען, צום הר־סיני, ער זאָל דאָרטן זוכן אַ באַשייד פון דער גרויסער וועלט־מיסטעריע... ביי יענעם באַרג איז אַ מחנה שקלאַפן טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַ דיסציפּלינירטן פאָלק, וועלכער איז איינער אַליין געשטאַנען מיט זיין אומזעבאַרן גאָט אין מיטן פון אַ באַרבאַרישער וועלט... און גאָט האָט אים צוגעזאָגט צו באַהאַנדלען די פעלקער פון דער וועלט, לויט דעם ווי זיי וועלן זיך באַציען צום יידישן פאָלק... (נאָכן קישענעווער פּאָגראָם, אין 1903, האָט ווינסטאָן טשוירטשיל אויף אַ פּראָטעסט־מיטינג דערמאָנט אָט דעם זאָג).

ד׳איזראַעלי שילדערט אין „טאַנקרעד״ ווי אַזוי די עגיפּטיאַנער, אַסיריער, פּערסיער, גריכן און רוימער, האָבן נישט געקענט באַגרייפן די יידישע מיסטעריע. זיי, די שטאַרקסטע אין דער וועלט, וועלכע האָבן אַלע פעלקער געשטעלט אויף די קני, האָבן עס נישט געקענט דערגרייכן מיט די יידן. פאַרשפּילטערהייט האָבן די יידן זיך אָפּגעזאָגט צו אַקצעפּטירן פאַקטן און זיך שטעלן אויף די קני...

דער מחבר פירט ארום זיין הויפּט־העלד אַרום באַרג סיני, וואו עס איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פון זיין שטאַם, און דער

העלד ווערט אַזוי אַריינגעצויגן אין זיינע שטימונגספולע מעדי־טאַציעס, אַז ער ווערט אַליין אַ באַשטאַנדטייל פון דער מיסטע־ריע אין וועלכער עס ווערט אויפגעלעזט זיין פּערזענלעכקייט... ער פאַלט אַריין אין אַ דעלוריע־צושטאַנד, און דאַן דערהערט ער, פלוצלונג, די שטים פון זיין מוטער, באַגלייט מיטן צוברומען פון זיין פאָטער:

„ווי קומט דאָס קינד פון די בריטישע אינדזלען, אַ זון פון דעם ציוויליזירטן און מאָדערנעם אייראָפּע אין אַראַבישן מדבר? וואָס טוט ער דאָרט?...״ **און דער מחבר ענטפערט:** „צי איז ער טאַקע אַ פרעמדער אויפן הר־סיני? האָט ער ווירקלעך צו אים קיין שייכות נישט?... ניין, ער האָט יאָ אַ רעכט צו זיין דאָרט, וואו עס איז געווען זיין נאַציאָנאַלע קינדהייט... אויף יענעם אָרט האָט שטאַרקער אָנגעהויבן קלאַפּן דער פולס פון זיין שטאַם. נישט צוליב קוריאָזיטעט איז ער צום באַרג געקומען, נאָר צוליב אַן אינערלעכן דראַנג, צו זיין דאָרט, וואו עס איז געשטאַנען דאָס גייסטיקע וויגעלע פון זיין פאָלק״.

און גייענדיק אַזוי, דורך דעם געשיכטלעכן וועג, צוריק צום בראַשית פון זיין יידישער וועלט, זעט ער, בולטער, די טיפע וואָרצלען, וואָס זיין פאָלק האָט געלאָזן אין דער וועלט־געשיכטע. ער פילט זיך שטאָלץ, וואָס זיין ראַסע האָט שוין מיט אַזוי פיל טויזנטער יאָרן צוריק געלערנט דער וועלט, אַז זי קען אינערלעך נישט דעראָבערט ווערן דורך פייער און שווערד, נאָר דורך העכערע, עטישע אידייען: „אויפן הר־סיני, שרייבט **ד׳איזראַעלי,** האָבן די שווער־אַרבעטנדיקע מאַסן אין ענגלאַנד באַקומען אַ רו־טאָג יעדער וואָך. משהס געזעצגעבונג איז געוואָרן דער וועג־וויייזער פאַר דער ציוויליזירטער וועלט״, **און ער, ווי אַ קינד פונעם יידישן פאָלק, איז געקניפּט און געבונדן מיט דעם באַרג, וועלכער האָט אַ גאַר־שטאַרקע חזקה אויף זיין נשמה...**

ד׳איזראַעלי האָט אין מויל פון זיינער אַן העלדין אַריינ־געלייגט פלאַמיקע ווערטער וועגן דעם חוב, וואָס די וועלט איז שולדיק דעם יידישן פאָלק: „מיר האָבן געראַטעוועט, **זאָגט זי,** די מענטשלעכע ראַסע פון באַרבאַריזם און מיט וואָס האָט איר אונדז דערפאַר באַצאָלט? מיט די שרעקלעכסטע פאַרפאָלגונגען! אויב איר וואָלט באמת אַליין געגלויבט אין דעם, וואָס איר פרע־

דיקט, וואָלט איר דאָך אויף די קני געדאַרפט שטיין פאַר אונדז!...״

אין „טאַנקרעד״ זענען פאַראַן שטעלן, וואָס זענען פאַרן יידישן לייענער באַזונדערס פּיקאַנט. איך מיין די ערטער, וואו דער מחבר ווייזט אַרויס זיין פאַראַכטונג צו משומדים... מיט דעם בייסיקסטן סאַרקאַזם דערציילט דער מחבר וועגן דער נע־בעכדיקער, שיטערער קאָנגרעגאַציע פון ענגלישן בישאָף אין ירושלים: „פינף יידן האָבן זיי אָפּגעשמדט פאַר צוואַנציק פיאַס־טער אַ וואָך...״ די שאַרפסטע פיילן האָט ער איבערגעלאָזט פאַר די „וואָס פאַרלאָזן דעם יידישן פאָלק צוליב סאָציאַלער פּחדנות״.

ווען זיינע פּאָליטישע אָפּאָנענטן האָבן אים פאַרגעוואָרפן זיין אייגענעם שמד (אין וועלכן ער אַליין איז נישט שולדיק גע־ווען), האָט ער זיי געענטפערט: „איר זאָגט משומד? אָבער קריסטנטום — אין זיין בעסטן פאָרם איז דאָך אַ יידישע רעלי־גיע! אין אייער צעמישונג וועגן אמתן כאַראַקטער פון קריסטנ־טום האָט איר פאַרגעסן, אַז דאָס האָט איר פון באַרבאַרן זיך געטויפט אויף דער יידישער רעליגיע״.

אינעם ענטפער קומט צום אויסדרוק ד׳איזראַעליס שלאָג־פערטיקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפע פעדער און צונג. און אַ פּרינציפּ האָט ער געהאַט נישט צו בלייבן שולדיק דאָרטן, וואו ער קען באַצאָלן... ער האָט געצאָלט אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ און אָפט נאָך — מיט פּראָצענטער!...

ווי אַ גוטער סטראַטעג האָט ער געוואוסט, אַז די בעסטע פאַרטיידיקונג איז — אָנגריף. און דאָס האָט ער אָפּגעהיט ביי יעדער פּאַסיקער געלעגנהייט: „ווער איז דער פּאָפּולערסטער ענגלישער פּאָעט? — דער זיסער באַזינגער פון ישראל״. „דאָס גוטע ביי די קריסטן, האָט ער אַ שטאָך געטאָן זיינע אָפּאָנענטן, איז דאָך גענומען פון יידן... דורך די געזעצן פון סיני ווערט באַשיצט דאָס לעבן און אייגנטום פון ענגלאַנד...״

*

ד׳איזראַעליס ביאָגראַפן האָבן אָפט אוועקגעשטעלט די פראַגע: „וואָס זענען די טיפערע סיבות פון זיין עקזאַלטירן אויף די העכסטע טענער די יידישע ראַסע?״ (וועגן זיין באַגריף פון ראַסע — וועט נאָך אויסקומען צו רעדן).

בלתי ספק, אַז ס׳האָבן גורם געווען אַ ברייטע גאַמע מאָ־טיוון און סיבות. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין זיין בלוט האָט מיט אַ געהעכערטער טעמפּעראַטור געווירקט אַ שטאַרקער יידי־שער געפיל און שטאָלץ (ווי עס באַטאָנען זיינע ביאָגראַפן), אָבער צו דעם האָבן אויך שטאַרק געווירקט מאָטיוון פון פּאָליטישן כאַראַקטער (און אויסרעכענונגען...).

ער האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען די פּאָליטישע מאַכט אין ענגלאַנד איז פעסט געלעגן אין די הענט פון דער אַריסטאָ־קראַטיע. איבער פינף הונדערט יאָר, איז זי געשטאַנען ביים מאַכט־רודער, און ביי אַלע אומוואַנדלונגען און איבערקערענישן — פון פּאָליטישן, רעליגיעזן און סאָציאַלן כאַראַקטער — די מאַכט נישט אַרויסגעלאָזן פון אירע הענט. די דאָזיקע לאַגע האָט דעם יונגן ד׳איזראַעלין נישט געקענט געבן וועלכע ס׳איז האָפענונגען אויף אַ גרויסער פּאָליטישער קאַריערע... אין קאָנסערוואַטיוון ענגלאַנד האָט דאָן אַ ייד — אפילו אַ געשמד־טער — נישט געקענט דורכברעכן די באַריערע פון זיין אָפּשטאַם און פאַרנעמען אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט.

ד׳איזראַעלי האָט דאָס אַלץ גוט געוואוסט, און נישט קענענדיק זיך לעגיטימירן מיט אַ פּאַספּאָרט פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, האָט ער באַשלאָסן זיך פּאָרצושטעלן מיט אַ יחוס־בריוו פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע. ער האָט באמת־דיק געגלויבט, אַז ער האָט אין זיך אַ סך מאַראַניש בלוט, און ס׳איז נישט וויכטיק, צי דער היסטאָריקער סעסיל ראָט איז גע־רעכט אָדער אומגערעכט בנוגע ד׳איזראַעליס טעות (אין זיין ספרדישן יחוס־בריוו), וויכטיק איז זיין איבערצייגונג, אַז דורך זיינע ספרדישע אור־אבות געהער ער צו דער אַריסטאָקראַטיע פון יידישן פאָלק... זיין עקזאַלטירטע ראָמאַנטיק, וואָס האָט געשפּייזט אָט די איבערצייגונג, האָט אפשר נישט ווייניקער ווי זיינע אינטעלעקטועלע קוואַליטעטן, משפיע געווען זיין לעבנס־ריטם און די פאָרמירונג פון זיין כאַראַקטער.

קודם־כל האָט ד׳איזראַעלי באַשלאָסן אויסצוזוכן די אַלטע צווייגן פון זיינע אור־אבות, צו דערוויזן זיין אָפּשטאַם פון די ספרדישע יידן, וועלכע ער האָט אויסגעשטעלט דעם גרעסטן און אַריסטאָקראַטישסטן יחוס. ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער: דאָס יידישע פאָלק איז די אַריסטאָקראַטישסטע פון אַלע פעלקער!

והאַ־ראיה — „גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו איין ראַסע — צו דער יידישער!...“ „ווען אייערע עלטערן זענען אַרומגעגאַנגען אין די וועלדער טאַטואירטע און נאַקעט, האָט ער צוגעוואָרפן זיינע קעגנער, זענען מיר שוין געוועז פילאָזאָפן, און אַז איר האָט געדאַרפט האָבן אַ רעליגיע האָט איר אויסגעבאָרגט ביי אונדז“. טאָ ווער זשע האָט מער יחוס: „מיר — צו זיי?“ קלאָר אַז מיר! און ער, ד׳איזראַעלי, מיט זיין טיפּיש־יידישן אויסזען און ספרדישן הינטערגרונט, געהער לכל־הדעות צום גרעסטן יחוס. און „זיי, די קריסטן, לאָזט נאָר נישט זייער שלעכטס צו ווערן אמתע אַריסטאָקראַטן — דאָס הייסט: יידן“...

זיינע שונאים האָבן געמאַכט פון אים שיילאָק־קאַריקאַ־טורן... ווען ער האָט קאַנדידירט צום פּאַרלאַמענט האָט מען אויף זיינע וואַל־מיטינגען אים נאָכגעשריען: „שיילאָק!“ „אַלטע שמאַטעס!“ (אַן עפּיטעט, אַז יידן טראָגן נאָר אַלטע לאַכעס...).

אפשר דערפאַר האָט די באַרימטע דיכטערין עמאַ לאַזאַרוס (אויך פון ספרדישן אָפּשטאַם), געזען אין ד׳איזראַעלין די טראַ־געדיע פון שיילאָקן אין 19־טן יאָרהונדערט, די טראַגעדיע פון דעם, וועלכער האָט קולטיווירט די פּאָזע פון ייד, וואָס ווייזט אַרויס געדולד און אויסדויער און „מיט פאַרביסענע ליפּן, אָן וואַקלונגען איז ער מקבל דערנידערונגען, באַליידיקונגען, זאַמ־לענדיק גלייכצייטיק ענערגיע צוריקצושלאָגן און נקמה נעמען“.

ד׳איזראַעליס שונאים זענען נישט געווען איבערקלייבעריש אין מיטלען. „ווי אַזוי רעדט מען אַרויס זיין נאָמען?“, האָט אויף אַ וואַל־מיטינג געפרעגט אַן אַנטיסעמיטישער אָפּאָנענט. און „וואָס איז זיין פּראָגראַם, אויף וואָס האָט ער בדעה צו שטיין?“ — „אויפן קאָפּ“, האָט ד׳איזראַעלי צוריקגעשלאָגן...

ער האָט מיט זיין טיפּן רבנישן שטערן, שוואַרצע ברע־נענדיקע אויגן, און פּעך־שוואַרצע האָר — צוליב זיין יידישן אויסזען (און אָפּשטאַם), נישט געליטן פון קיינע קאָמפּלעקסן. ער האָט אינערלעך זיך געפילט פריי און ווירדיק. אמת, ער האָט באַקומען אַ סך שטאַרקע קלעפּ ביז ער האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון זיין קאַריערע. ער האָט געליטן אַ ריי וואַל־מפּלות, אָבער געהאַט אין זיך דעם כוח זיי איבערצוווינדן מיט הומאָר: „איך באַטראַכט זיך נישט פאַר געשלאָגן“, פלעגט ער אַ זאָג טאָן צו די שונאים נאָך אַ וואַל־מפּלה. „איך זאָג ווען

זיך, ווי יענער באַרימטער איטאַליענישער גענעראַל, וועלכן מען האָט אויף דער עלטער געפרעגט ווי אַזוי איז ער געווען אַזוי זיגרייך? —דערפאַר, וואָס איך בין אין מיין יוגנט תמיד געשלאָגן געוואָרן״, האָט ער געענטפערט... (ד׳איזראַעלי איז דאַן אַלט געווען קוים דרייסיק יאָר).

אַלע זיינע ביאָגראַפן באַטאָנען, אַז ער וואָלט אַ סך פריער געקענט רעאַליזירן זיינע פּאָליטישע אַמביציעס, ווען ער וואָלט געגאַנגען אויפן וועג פון אָפּאָרטוניזם. אָבער ער האָט געוואָלט זיגן אַלס ד׳איזראַעלי — אַזוי ווי ער איז: דער שרייבער און עקזאַלטירער פון דער יידישער ראַסע. פּונקט ווי זיין העלד טאַנקרעד, האָט אויך זיין מחבר געוואָלט אויסגעפינען פאַר זיך אַליין: „וואָס איז פליכט און וואָס איז גלויבן?״ ער האָט זיך נישט געוואָלט אָנשפּאַרן אויף אַנדערע מענטשן, ווייל „די מענ־טשן האָבן בכלל אַזוי ווייניק געוואוסט וועגן זיך, זיי זענען נאָר אויף אַ העלפט געבוירן געוואָרן״...

*

ער איז אַריין אין פּאַרלאַמענט און געהאַלטן זיין ערשטע רעדע (1837). געוויינלעך ווערט זי אויסגעהערט מיט קורטואַזיע דורך אַלע דעפּוטאַטן, אָבער ד׳איזראַעלין האָט מען „פריווי־לעגירט״ און געמאַכט אַזאַ קאַצן־מוזיק, אַז מען האָט זיינס קיין וואָרט נישט געקענט הערן. צום סוף פון זיין רעדע האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די טומלער: „איך זעץ זיך איצט אַוועק, אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז איר וועט נאָך אַ סך הערן פון מיר״.

ער האָט געהאַלטן וואָרט! זיינע רעדעס אָנגעלאָדן מיט אויפרייס־שטאָף פלעגן ווירקן ווי עקספּלאָזיעס... זייענדיק פון דער נאַטור אַ געבוירענער בונטאַר, און ווי אַלע בונטאַרן — אַמביציעז, און שטאַרק איינגעגלויבט אין די אייגענע כוחות — האָט ער פאַר יעדן פּרייז געוואָלט, אַז די א.ג. העכערע געזעל־שאַפט, אויב זי וויל אים נישט פאַרשטיין, אָבער צוהערן זיך צו אים — זאָל זי מוזן!

ער האָט צו גוט געוואוסט, אַז געבורט און גוטע פאַרבינ־דונגען מיט דער „געזעלשאַפט״ זענען אַ פאַרבאַדינג צו אַ פּאָ־ליטישער קאַריערע, און ביידע זאַכן האָבן אים געפעלט. געבליבן איז אים נאָר זיין פּאַטעטישע אידענטיפיקאַציע מיט זיין עקזאַל־

טירטער יידישע ראַסע — אַלס הויפּט־געווער קעגן דעם נאָבל־קלאַס... זיין יידישקייט איז געווען אַ צו־להכעיס די שונאים! צווישן „טאָריס" און ראַדיקאַלן, עוואַנגעליסטן און „קוויקערס", האָט ער געפאָכטן מיט זיין ראַסע־שווערדל... „מיר זענען דאָך אַלע מסכים", זאָגט זיין העלדין אין „טאַנקרעד", „אַז איין העלפט פון קריסטנטום פאַרגעטערט אַ יידישקע, און די צווייטע העלפט — אַ ייד... איך וועל דיר נאָר שטעלן איין פראַגע — האָט זי צוגעגעבן — וועלכע ראַסע שטייט העכער: די וואָס ווערט פאַר־געטערט, אָדער די, וואָס דינט צו איר?..."

נישט נאָר ד'איזראַעלי, אויך זיין פרוי האָט זיך אַזוי אי־בערגענומען מיט איר מאַנס ראַסע־עקזאַלטאַציע, אַז זי איז איין מאָל אַריינגעקומען צו איינעם פון די ראָטשילדס (ביים געבורט פון אַ זון), און אַ זאָג געטאָן צו דער מוטער: „אָט דאָס ניי־געבוירענע ליכטיק קינד קען אַמאָל זיין דער קומענדיקער משיח, וועלכן מיר דערוואַרטן יעדן טאָג. ווער ווייסט? דו קענסט אַמאָל זיין די אויסדערוויילטע פון די פרויען..." די תמימותדיקע פרוי האָט משיחן דערוואַרטעט אַזש פון דער רייכסטער יידישער באַנקירן־פאַמיליע — די ראָטשילדס!

*

מיט דעם נאָמען לייאָנעל ראָטשילד איז פאַרבונדן דער קאַמף פאַר יידישע רעכט אין ענגלאַנד.

פיר מאָל איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין פאַרלאַמענט אַלס דעפּוטאַט (פון לאָנדאָן), און יעדעס מאָל באַזייטיקט גע־וואָרן פון פאַרלאַמענט צוליב דעם קריסטלעכן אָפּזאָג פון דער דעפּוטאַטן־שבועה: „לויטן אמתן גלויבן פון אַ קריסט".

אין נאָמען פון פאַרלאַמענט, האָט לאָרד עטלי דערקלערט, אַז יידן קענען נישט פאָדערן די רעכט צו זיין דעפּוטאַטן אַזוי לאַנג, ווי זיי וועלן נישט אָנערקענען דעם נייעם טעסטאַמענט...

ד'איזראַעלי האָט אים געענטפערט מיט אַ טעמפּעראַ־מענטפולער רעדע: „אויב רעליגיע איז אַ גאַראַנטיע פאַר גוטער אויפפירונג, האָט איר די אַבסאָלוטע זיכערקייט אין באַצוג צו יידן, וועלכע פרעדיקן אַן אמתע רעליגיע" — „וואו איז אייער קריסטלעכקייט, האָט ער געדונערט, אויב איר גלויבט נישט אין זייער יודאַאיזם?"

מיט זיין גאַנצער אָראַטאָרישער קראַפט האָט ד׳איזראַעלי געקעמפט פאַר יידישע רעכט: „גלייכע רעכט פאַר אַלע בירגער אָן אונטערשיד פון גלויבן!" האָט ער אויסגערופן — „ווער זענען עס די וועלכע פּראַקטיצירן די יידישע רעליגיע? — זיי זענען פון זעלבן פאָלק, וואָס אָנערקענען דעם איינציקן גאָט, פונקט, ווי די קריסטן"; און ווענדנדיק זיך צו די יידן־פּרעסערישע דעפּוטאַטן האָט ער אויסגעשריגן: „יאָ! ווי אַ קריסט, וויל איך אויף זיך נישט נעמען די אחריות צו באַזייטיקן פון פּאַרלאַמענט די, וועלכע געהערן צום פאָלק און רעליגיע פון וועמענס שויס מיין האַר און רעטער איז געבוירן געוואָרן".

ער האָט אויפגעוויזן מיט געשיכטלעכע ראיות, אַז דורך רדיפות וועט מען קיינמאָל אין דער וועלט נישט אויפצווינגען די יידן צו גלויבן אין נייעם טעסטאַמענט: „זיי האָבן איבערגע־לעבט די פּרעהס און צעזאַרס און זיי וועלן אויך אייערע גזרות איבערלעבן". ער האָט געוואָרנט און אַפּעלירט צו זייער גע־וויסן: „וואו האָט איר געזוכט פרייד און צער, טרויער און טרייסט, אויב נישט אין די ווערטער פון די יידישע נביאים און פּאָעטן?" ער האָט געלויבט דעם יידישן אתה בחרתניזם, ווייל „דורך זייער געשיכטע, פּאָעזיע און געזעצן, זענען יידן גע־וואָרן גאָטס אויסדערוויילטע... האָט נישט די קירכע, די רוימיש־קאַטוילישע, ווי די פּראָטעסטאַנטישע, געמאַכט די געשיכטע פון די יידן די פּאָפּולערסטע און הייליקסטע? — זייט דאַנקבאַר די יידן, די היטער פון דער טראַדיציע, פאַר אָפּהיטן דעם רע־ליגיעזן עלעמענט..."

אָבער די אַלע שיינע ווערטער האָבן נישט געהאָלפן! בלויז איין דעפּוטאַט — לאָרד בענטניק — האָט אים געשטיצט, און געפּאָדערט אָפּצושאַפן דעם קריסטלעכן אָפּזאָץ פון דער דעפּוי־טאַטן־שבועה. פון די איבעריקע — האָבן אפילו ד׳איזראַעליס פריינד געוואָרנט אים, ער זאָל נישט באַדראָען זיין אייגענע קאַריערע דורך פאַרטיידיקן דעם ייד ראָטשילד. אָבער זיין ענטפער איז געווען: „וואָס פאַר אַ קאָנסעקווענץ עס זאָל נישט זיין פאַר מיר, וועל איך עס ווייטער פאַרזעצן".

צען יאָר האָט געדויערט זיין קאַמף, ביז ער האָט דורכגע־בראָכן די וואַנט, און ראָטשילד האָט ווי אַ ייד געקענט אָפּגעבן אַ דעפּוטאַטן־שבועה. ביז דאַן האָט ד׳איזראַעלי נישט דורכ־

געלאָזט קיין איין געלעגנהייט ער זאָל נישט אויפהויבן די פראַגע פון יידישע רעכט. פּאַטעטיש קלינגען עד היום זיינע ווערטער, וועלכע ער פלעגט מיט אַזאַ ליידנשאַפט שליידערן אין זאַל ביים סוף פון זיינע „יידישע רעדעס”: „אויב איר האָט נישט פאַרגעסן, וואָס איר זייט שולדיק אָט דעם פאָלק, אויב איר זענט דאַנקבאַר פאַר דער ליטעראַטור, וואָס ער האָט אייך געגעבן — כאַפּט די ערשטע געלעגנהייט און קומט אַנטקעגן זייערע גערעכטע פאָדערונגען”.

ד'איזראַעליס קאַריערע האָט געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג לטובת דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין ענגלאַנד. אין אים האָט מען געזען די פאַרקערפּערונג פון יידישן געניוש, און די וועלכע זענען נאָר נישט געווען פאַרגיפטעט פון אַנטי-יידישע פאָראורטיילן, פלעגן באַטאָנען, אַז פון יידן קענען דאָך אַרויסקומען אַנדערע ד'איזראַעליס...

די היסטאָריקער אונטערשטרייכן אויך זיינע איינפלוסן אויף דער ענגלישער קעניגין (וויקטאָריא), וועלכע איז פון אָנהויב נישט געווען גינסטיק געשטימט צו יידן — אפילו נישט צו געשמדטע, ווי ד'איזראַעלי — אָבער אונטער זיין ווירקונג, האָט זי געענדערט איר איינשטעלונג צו יידן בכלל און צו ד'איזראַעלין בפרט (ווען מען באַשטימונג אַלס פרעמיער-מיניסטער זי האָט אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם). די ענגלישע יידן האָבן נישט פאַרגעסן זיין מוטיקן זאָג: „איך בין שטאָלץ, וואָס מיינע אבות האָבן אָנגענומען דעם נאָמען ד'איזראַעלי, וואָס סימבאָליזירט, אַז דער נאָמען ישראל וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין”.

די לייענער האָבן דאָ אַ מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן דעם נישט-געשמדטן ייד וואַלטער ראַטענוי מיט דעם געשמדטן ד'איזראַעלי (זע מיין אָפּהאַנדלונג וועגן ראַטענוי). ראַטענוי האָט אויף טריט און שריט געציטערט פאַר זיין יידישן שאָטן. תמיד מורא געהאַט פאַר „וואָס וועלן זיי (די קריסטן) זאָגן”. ד'איזראַעלי האָט פאַר „זיי” נישט מורא געהאַט, הגם, ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אַנגליקאַנישער קירכע (אָפּט איז ביי אים פאַרנעפּלט די שייד-ליניע צווישן יודאַאיזם און קריסטנטום). זייענדיק אַליין אַ קריסטלעכער נעאָפיט, האָט ער געשליידערט זיינע סאַטירישע פיילן אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט: „וואָס ווייסט די קריסטלעכע וועלט וועגן עטיק און טעאָלאָגיע?” — האָט ער

אַ פרעג געטאָן אין פּאַרלאַמענט — „ווי לאַנג איז דען זינט זי איז געווען באַרבאַריש?...״

*

אומגעהויער זענען ד׳איזראַעליס פאַרדינסטן פאַר דער בריטישער אימפּעריע. ער איז געווען אַ שטאַטס־מאַן פון גרויסן פאַרנעם און אויך אין פּאָליטיק זיך באַנוצט מיט אינטואיציע און וויזיאָנער־ישקייט. אַ קלאַסישער ביישפּיל איז זיין דינאַמישע האַנדלונג, ווען ער האָט אויף אַ בליץ־שנעלן אופן איינגעקויפט פאַר דער ענגלישער רעגירונג אַ העלפט אַקציעס פון סועץ־קאַנאַל. אמת, צו רעאַליזירן דעם פּלאַן האָט אים פיל געהאָלפן באַראָן ראָטשילד, וועלכער האָט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק ד׳איזראַעליס וויזיאָנערישקייט אין פּאָליטיק.

בכלל איז צווישן די צוויי מענטשן געווען אַן אינטימע פריינדשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן. עס איז נויטיק דאָ אונטערצושטרייכן, אַז ד׳איזראַעלין האָט שטאַרק אימפּאָנירט ראָטשילדס ווירדיקע האַלטונג לגבי זיין יידישער אמונה (מיט שטאָלץ האָט ער זיך קעגנגעשטעלט די „עצות טובות״ און שטאַרקן דרוק פון פאַרשידענע זייטן, ער זאָל צוליב אַ דעפּוטאַטן־בענקל זיך אונטערשמדן...). ד׳איזראַעלי האָט געגלויבט, אַז אַ ייד דאַרף תמיד בלייבן אַ ייד, נישט זיין קיין פאַרעווער (ווי זיין פאָטער), נאָר מיט ענטוזיאַזם פאַר זיין ראַסע און אמונה. פון דער איינשטעלונג זיינער ווערט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער האָט פאַר די „בעסערע״ משומדים אָפּגעשפּאָרט די גיפטיקסטע פיילן פון זיין סאַטירע. דער אָפּגעשמדטער ד׳איזראַעלי האָט בתכלית השנאה נישט געקענט פאַרטראָגן קיין משומדים!... קלינגט עס נישט ווי אַ קוריאָז?...

אַז מען רעדט שוין וועגן ד׳איזראַעלי־קוריאָזן, וויל איך דאָ באַמערקן, אַז ס׳קורסירן אַרום אָן אַ שיעור קוריאָזן אַרום זיין לעבן און בפרט אַרום זיין פּאָליטישער קאַריערע. זיינע ביאָגראַפן האָבן פאַרצייכנט עס זאָל בלייבן לדור דורות די קוריאָזיטעט פון זיין לעבן... אין מיין אָפּהאַנדלונג קען איך זיי נישט אַריינעמען אָבער אַן אויסנאַם מאַך איך פאַר איין קוריאָז מיט אַ טיפערן יידישן אונטערשלאַק...

אין 1851 האָט ד׳איזראַעלי אָנגעהויבן באַקומען בריוו פון אַ פרוי, וויליאַמס ברידזשעס, אַ רייכע אלמנה פון יידישן אָפּ־

שטאַם. זי האָט אין די בריוו אויסגעדריקט איר פאַרערונג און דאַנקבאַרקייט פאַר זיין פאַרטיידיקן די יידישע ראַסע און אויך דערציילט איר ביאָגראַפיע: איר פאָטער איז געווען אַ ייד, אברהם מענדעס־דע־קאָסטאַ. זי איז שוין דערצויגן געוואָרן אין קריסט־לעכן גייסט דורך איר נישט־יידישער מוטער, אָבער זי איז, פונקט ווי ד׳איזראַעלי, שטאָלץ מיט איר יידישן שורש, א.א.וו.

נאָך אַ לענגערער קאָרעספּאָנדענץ האָבן זיי זיך געטראָפן — זי איז ספּעציעל געקומען קיין לאָנדאָן, און די פּערזענלעכע באַ־געגעניש האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט איר פאַרערונג פאַר אים. זי איז שוין דאַן געווען אין טיפן עלטער, זייער רייך, און האָט צוגעזאָגט איבערצולאָזן פאַר אים אַ טייל פון איר פאַרמעגן — האָט ער דאָך אוודאי געהאַט אַ גרונט יאָרן־לאַנג אונטערצוהאַלטן איר מיט זיינע וואַרעמע בריוו און פריינדשאַפט. ווען זי איז געשטאָרבן (1863), האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט איר גאַנץ פאַרמעגן אָפּגעשריבן ד׳איזראַעלין, און דאָס האָט אים טאַקע גע־געבן די מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון זיינע בעלי־חובות (פון זיינע אַמאָליקע בערזע־שפּעקולאַציעס), און אויסלעבן זיינע לעצטע יאָרן אָן מאַטעריעלע זאָרגן.

ד׳איזראַעלי האָט איר פאַר דער ירושה באַלוינט, מיט דער־פילן איר וואונטש, זי זאָל האָבן איר קבר נעבן זיינעם.

סעסיל ראָט, וועלכער ברענגט דעם קוריאָז, מאַכט נישט פון אים קיינע פּירושים. אָבער ווען מען איז מצרף דעם עפּיזאָד מיט צענדליקער אַנדערע (ארום ד׳איזראַעליס לעבן), ווערט בול־טער די מאַגנעטישע און היפּנאָטישע ווירקונג, וואָס זיין פּערזענ־לעכקייט האָט געהאַט אויף פיל, ווייטע, אָפּגעפרעמדטע קינדער פון יידישן שטאַם...

*

„דער וואָס וויל מענטש זיין, האָט שעללי געשריבן, דאַרף קענען הערשן איבער דער אימפּעריע פון זיין „איך״. ער דאַרף אויפשטעלן זיין טראָן און באַהערשן די אַנאַרכיע פון זיין האָפע־נונג און שרעק״.

ד׳איזראַעלי האָט נישט געקענט באַהערשן די אַנאַרכיע פון זיינע עמאָציעס — זיי האָבן געהערשט איבער אים! דערפאַר איז ער מער געווען פאַרצווייפלט ווי דערהויבן...

ער האָט גוט געקענט זיינע שטאַרקייטן און שוואַכקייטן, זיין אַראָגאַנץ און צאַרטקייט, זיין שטאַרקן עגאָאיזם און זיין טיפן געפיל פאַר יושר און מענטשלעכקייט. צו זיינע שוואַכקייטן אין דער יוגנט האָט געהערט זיין קליידן זיך, ווי אַ „דענדי" — דאָס האָט אויך צוגעשטעלט גענוג אַמוניציע זיינע שונאים... אין זיין יוגנט, האָט ער מיט קנאה־שנאה אַרויפגעקוקט צו דער אַריס־טאָקראַטיע, און ערשט אויף דער עלטער, זייענדיק מיט איר אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט — אין דער פּאָליטיק און אין געזעלשאַפט — געזען איר פוסטקייט און דעגענערירונג... וואַרשיינלעך, האָט ער דאַן געשאַפן זיין באַרימטן אַפאָריזם: „יוגנט — איז פעלער, רייפקייט — איז קאַמף, עלטער — איז באַדויערן" (ער שמט עד היום פאַר דעם גרויסן מייסטער פון אַפאָריזמען, וועלכע קור־סירן אַרום אין דער ענגלישער שפּראַך).

ד׳איזראַעלי האָט אַלץ געטאָן כדי באַרימט צו ווערן ביים לעבן. דאָס איז געווען זיין טרייב־קראַפט, דער אינערלעכער פייער, וואָס האָט כסדר געפלאַקערט. פון אָנהויב האָט ער עס געזוכט דורך ליטעראַטור, אָבער ווען ער האָט געזען ווי ער דריקט זיך אויס, אַז „די פּאָעטן וועגן וועלכע מיר רעדן היינט אַזוי פיל — וואָס זענען זיי געווען ביים לעבן?... ס׳רוב האָבן דאָך געלעבט אומגליקלעך, פאַרצווייפלט, פול מיט ספקות און מיט אַ סך שאָטן... זייענדיק נישט דערשאַצט, נישט אָנערקענט, פלעגן זיי אַריינגעצויגן ווערן אין קליינלעכע פּליאָטקעס און אינטריגעס... איז די באַרימטקייט נאָכן טויט טאַקע אַ קאָמפּענסאַציע פאַר זייער טרויעריקן לעבן?..."

ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן אויף נאָכן טויט, נאָר שוין ביים לעבן ווערן באַרימט! דעריבער האָט ער זיך איבערגעוואָרפן פון ליטעראַטור אויף פּאָליטיק (נישט אַוועקוואַרפנדיק נאָך אין גאַנצן דאָס ערשטע), און עס איז גאַנץ מעגלעך, ווען זיין ענערגיע וואָלט נישט צעטיילט געוואָרן צווישן פּאָליטיק און ליטעראַטור, וואָלט ער זיכער אָנגעשריבן עפּעס דויערהאַפטיקס, וואָס מיר רופן: אומשטערבלעך.

אויך אין פּאָליטיק האָט ער אַריינגעבראַכט די שעפערישע עלעמענטן פון וויזיע, אינטואיציע און רייכער פאַנטאַזיע. אַדאַנק זיי האָט ער געלייגט די פונדאַמענטן פון דער בריטישער אימ־פּעריע. אַריינגענומען אין דער ענגלישער קרוין דעם פּערל —

אינדיע. און מען קען אויך זאָגן, אַז די אידייע פון דער „וועל־פעיר־סטייט״ און פון שאַפן אַ בריטיש קאָמאַנוועלט — איז אויך זיינס אַ קינד...

*

איינע פון זיינע בעסטע ליטעראַרישע ווערק איז „קאָנטאַריני פלעמינג״. דער הויפּט־העלד, ווי זיין מחבר, ליידט פון דעם קאָנפליקט צווישן זיינע פּאָעטישע און פּאָליטישע אַמביציעס (ער ליידט אויך פון דעם וואָס ער פילט זיך האַלב־פרעמד אינעם לאַנד פון זיין געבורט).

דער מחבר האָט דאָס ווערק באַטיטלט: „אַ פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן״. דאָס איז אַ ריכטיקע באַצייכענונג, ווייל ער פּסיכאָלאָ־גירט איבער (זיינע) ליידנשאַפטלעכע אַמביציעס... די פאָרמירונג פון העלדס כאַראַקטער איז געשטאַלטיקט לויטן מחברס אייגענער אומצופרידענער נשמה. דער לייענער פילט דעם העלדס מעכ־טיקע תאוות, טרוימען און ספקות, האָפענונג און פאַרצווייפלונג, אַט די געהיימנישפולע ליידנשאַפטן, געפילן און שטימונגען, וואָס פערמענטירן אין זיין פּסיכיק (היינט ווערט אַזאַ מענטש, ווי קאָנ־טאַריני, באַצייכנט אַלס נעוראָטיקער...). דער העלד פילט אין זיך דעם כוח צו קענען באַווירקן מענטשן, און ער רייסט זיך מיט אַזאַ שטאַרקער אַמביציעזקייט צו אַ גרויסן טאַט:

„איך האָב געהאַט די איבערצייגונג צו יענער צייט, דער־קלערט קאָנטאַריני, אַז דאָס לעבן קען ווערן אומדערטרעגלעך, אויב כ׳וועל נישט זיין איינער פון די גרויסע״. דאָס איז דאָך ד׳איזראַעליס ליטעראַרישע ביאָגראַפיע אָן אַ מאַסקע!...

אין דעם ווערק גייען מיר מיט מיטן מחבר, אין זיינע פיינ־פולע זוכענישן בעת זיין יוגנט, צו געפינען זיין גורל און באַ־שטימונג. מיר אָבסערווירן זיין בייראָנישע בונטאַרישקייט, זיינע פאַרצווייפלטע אַרויספאָדערונגען, וועלכע דער אויטאָר וויל באַ־צייטנס געשטאַלטיקן אַזוי לאַנג: „ווי איך קען נאָך דערמאָנען אַזוי געגנוי דעם עבר און עס לעבעדיק מאַכן. איך וויל עס נאָך טאָן כל־זמן זכרון איז מיר נאָך געטריי און די טוי־פרישקייט פון דער יוגנט האַלט זיך נאָך אויף די בלומען פון געדאַנק״ (די לעצ־טע שורה איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ד׳איזראַעליס געבלימלטן סטיל).

אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק, האָט ד׳איזראַעלי געשאַפן אַ נייעם זשאַנער אין דער ענגלישער ליטעראַטור; ער האָט אַריינגענומען פּאָליטישע טעאָריעס און געשאַפן אַ כאַראַקטעריזאַציע פון פּאָליטישע געשטאַלטן (וועלכע זענען נאָר לייכט געוואָרן מאַסקירט) און פון באַקאַנטע פיגורן.

זיין ווערק „די נייע גענעראַציע״ (1844), האָט צוליב דער ברילִיאַנטענער כאַראַקטעריזאַציע פון באַוואוסטע מענטשן. געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג אין אַ ריי לענדער. אַן אַנדער ווערק, „סיביל״, אָדער „צוויי פעלקער״, ווערט נאָך עד־היום ציטירט. עס איז באַזונדערס באַרימט דער פּאַראַגראַף אין וועלכן דער הויפּט־העלד ווערט אינפאָרמירט (דורך אַ פרעמדן), אַז די ענגלישע קעניגין, וויקטאָריאַ, רעגירט איבער צוויי באַזונדערע פעלקער: די רייכע און די אָרעמע...

דער מחבר שילדערט דעם שוואוילטאָג און לוקסוס פון די רייכע קלאַסן און גיט אויך רירנדיקע באַשרייבונגען פון אַרבעטער־לעבן (בעת די „הונגעריקע פערציקער״ יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט). ער שילדערט די געדאַנקען, געפילן, דערציאונג און געזעצן ביי ביידע פעלקער, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט צוויי פיינטלעכע וועלטן. ער מאָלט מיט געדיכטע פאַרבן דעם באָדן אויף וועלכן עס איז דאַן אין ענגלאַנד אַרויסגעוואַקסן די „טשאַרטיסטן־באַוועגונג״.

*

ל. טהירינג האָט אַמאָל באַמערקט אַז: „וואָס עס מאַכט דעם קינסטלער, איז זיין גבורה צו געשטאַלטיקן די פּיין, וואָס מיר אַלע פילן״. מען טאָר נישט אַרויסלאָזן פון אויג די עפּאָכע ווען „סיביל״ איז געשריבן געוואָרן. אין יענער צייט איז דאָך ד׳איזראַעלי געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן געפּרואווט אויפוועקן דעם געוויסן אַנווייזנדיק אויף די צוויי באַזונדערע פעלקער... (די אַנדערע שרייבער ווי: טעניסאָן, בראַונינג, דיקענס, קאַרלייל, האָבן דאַן ערשט געפּרואווט — יעדער אויף זיין אופן — צו ווערן דער געוויסן פון ענגלאַנד).

*

איך האָב פריער באַמערקט, אַז ביי ד׳איזראַעלין איז אָפט

פאַרנעפּלט געוואָרן די שייד־ליניע צווישן יודאַאיזם און קריסטנ־טום. ווען מען לייענט זיינע ווערק (און רעדעס), שטויסט מען זיך אָן אויף שטעלן, וואָס באַווייזן, אַז ער האָט געוואָלט געניסן פון ביידע וועלטן...

ביי זיין גאַנצער עקזאַלטאַציע פון יודאַאיזם, קען ער אויך באַדויערן „וואָס מיליאָנען יידן האַלטן נאָר פון איין טייל פון זייער רעליגיע און נישט פון אַנדערן" (געמיינט דעם נייעם טעס־טאַמענט). אויך אין זיין בוך וועגן לאָרד דזשאָרדזש בענטניק, רעדט ער אין אַ ריי ערטער, ווי אַ מיסיאָנער, אויפוויייזנדיק וואָס קריסטנטום האָט אַלץ געטאָן פאַר יידן... אמת, טעאָרעטיש איז זיין קריסטנטום נישט די קירכלעכע, נאָר עפּעס אַ מין עטישער מאָנאָטעאיזם, וואָס איז כולל ביידע טעסטאַמענטן... ער ווערט אָבער צייטנווייז אין זיינע אַרויסזאָגונגען שטאַרק מטושטשדיק און פול מיט סתירות (ווי צום ביישפּיל, ווען ער באַמערקט אין „טאַנקרעד", אַז „קריסטנטום איז יודאַאיזם פאַר דער מאַסע, אָבער אַלץ יודאַאיזם"). דער היסטאָרישער דועל צווישן די ביידע רעליגיעס, די ימים יידיש בלוט, וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט פאַרגאָסן אין נאָמען פון קריסטנטום, ווערט ביי אים פאַרווישט דורך פאַרנעפּלטע ווערטער און געדאַנקען.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו זוכן גראַדליניקייט ביי אַזאַ מין נאַטור ווי ד'איזראַעלי. אָט האָט ער געקענט אין די אויבן־דער־מאָנטע ווערק — צייטנווייז — אָנטאָן די טאָגע פון אַ מיסיאָנער, און אין אַן אַנדער ווערק („סידאָניע") — זיין דער גרויסער מליץ־יושר פאַר דער יידישער ראַסע: „דער פאַקט איז, זאָגט סידאָניע, אַז מען קען נישט פאַרניכטן אַ ריינע ראַסע און דאָס האָט געפּלעפּט די מצרישע, אַסירישע, און רוימישע אימפּעראַטאָרן, ווי די קריסטלעכע אינקוויזיטאָרן". ד'איזראַעלי הויבט אָן אויף אַזוי ווייט צו עקזאַלטירן די יידן, אַז זיי ווערן ביי אים די פאַרקערפּערונג פון אַלץ וואָס איז גייסטיק אין דער נאַטור: „מאַכט איז נישט די שווערד און פאַנצער, נאָר אידייען וואָס זענען הייליק... און אין מלכות פון אידייען זענען יידן אויסגעטיילט געוואָרן". פון דעם גייט ער איבער צו קאָנקרעטע געשיכטלעכע ביישפּילן: „דער גרעסטער געזעצגעבער איז געווען משה רבינו. דער גרעסטער אַדמיניסטראַטאָר — שלמה המלך. דער גרעסטער רעפאָרמאַטאָר — יעזוס... וועלכע נאָך ראַסע אויף דער וועלט, האָט אַרויסגע־

געבן אַזעלכע פערזענלעכקייטן?״, אָבער באַלד ווערט ער אַליין פאַרפּלאָנטערט אין דעם באַגריף „ראַסע״.

אין „סידאָניע״ באַמערקט ער, אַז די געמישטע ראַסעס זענען פאַרשוואונדן געוואָרן און די ריינע (די יידישע), איז געבליבן טראָץ אַלע פאַרפאָלגונגען. אָבער וואָס מיינט ביי אים דער באַגריף ראַסע? אַן ענטפער געפינען מיר אין זיין בוך „ענדימיאָן״, וואו אַן העלד זאָגט: „שפּראַך און רעליגיע שאַפט נישט קיין ראַסע, נאָר איין זאַך שאַפט עס: בלוט״. סידאָניע באַמערקט אַזוי: „אַלץ איז ראַסע, עס איז דער שליסל צו געשיכטע״.

דער געפערלעכער פּלאָנטער מיט ראַסע, „ריינע״ און „גע־מישטע״ איז אַן אַבסורד פון וויסנשאַפטלעכן (און געשיכטלעכן) שטאַנדפּונקט, און עס איז דינאַמיט פון סאָציאַל־פּאָליטישן אַספּעקט!

די „ריינע״ ראַסן־טעאָריע איז דאָך אין אונדזער עפּאָכע אַ ממזר פון נאַציזם! אוודאי האָט ד׳איזראַעלי געמיינט פּונקט דאָס פאַרקערטע פון די נאַציסטן (ביי אים איז די יידישע ראַסע די אַריסטאָקראַטישסטע). אָבער יעדע ראַסיסטישע טעאָריע איז פאַלש און געפערלעך!

ביים יידישן פאָלק קען אַ קריסט ווערן אַ ייד — דורך מגייר זיין זיך — הגם ער איז פון אַן אַנדער ראַסע. און אַ ייד, וואָס שמדט זיך ווערט אויס ייד...

ביי ד׳איזראַעלין האָט די ראַסע־דאָקטרינע ממש אָנגענומען אַ מאַניע־כאַראַקטער! עס האָט אים אַ פריינד אַמאָל אַ פרעג געטאָן: „וועגן וואָס האָסטו נעכטן ביינאַכט רעפערירט?״ — „ווי תמיד, וועגן ראַסע״, האָט ער געענטפערט. און נאָך אַ בלימל: ווען אַ קינד איז געבוירן געוואָרן ביי די ראָטשילדס האָט ער צום פאָטער געשריבן: „איך האָף, אַז ער וועט ראָו זיין פאַר זיין הייליקער און ריינער ראַסע...״

*

ד׳איזראַעליס „יידישקייט״ איז הימל־ווייט פון אונדזער לע־בעדיקער יידישקייט (אין אַלע אירע פאַרבן פון רעגנבויגן — פון נטורי־קרתא ביזן סעקולערן סעקטאָר). זיינס — איז אַן עקזאַל־טאַציע פון אַ שיינעם נעכטן, אָבער אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן... זיין „יידישער ראַסע־בחרתניזם״ (וואָס ער האָט אַזוי טומלדיק רעקלאַמירט!), איז געווען אַ צו־להכעיס זיינע שונאים, און ער

האָט עס אַזוי איבערגעזאַלצן, אַז ס'איז שווער צו נעמען אויפֿן גומען... זיין עקזאַלטירטע „יידישע ראַסע" איז אַן עקזאָטיש געוואוקס אַן וואָרצלען אין אונדזער פאָלקישן לעבן, במילא איז עס אַן אָפּגעריסענער, פאַרטריקנטער בלאַט פון אונדזער שטאַם. אונדזער יידישקייט און זיינע געהערן דעריבער צו צוויי באַזונדערע וועלטן...

ד'איזראַעלי איז אָבער אַן אויסערגעוויינלעכער פענאָמען, נישט נאָר צוליב זיין געניאַליטעט, נאָר בעיקר צוליב זיין פאַרטיידיקן מיט זיין פלאַמיקן וואָרט און שריפט דעם יידישן כבוד און יידישע רעכט. ווי אַן אָפּגעשמדטער ייד, פאַרנעמט ער אַן אוניקום־פּאָזיציע — אַ ביז־גאָר בכבודיקע! — אין דער נישט־בכבודיקער געשיכטע פון אונדזערע אָפּטריניקע... און כאַראַקטעריסטיש איז דאָך, וואָס נישט די יידן האָבן זיך געקלאַמערט אין ד'איזראַעלין, נאָר ער אין דעם יידישן פאָלק.

מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געקענט „באַרימען" מיט אונדזערע משומדים... און די פּאָר געציילטע אויסנאַמען דאַרפן טאַקע אַרויסגעהויבן ווערן (למשל, דער פּראָפעסאָר כוואָלסאָן, דער הייסער ליטווישער ייד, וועלכער האָט „אויסגעטוישט דאָס רענדל" און דאָך געבליבן אין האַרצן אַ ייד, און פאַרטיידיקט דאָס יידישע פאָלק מיט אַלע זיינע כוחות).

*

ווי אויסטערליש עס איז דער גאַנג פון דורות! פון טיף־אַסימילירטע עלטערן און אור־עלטערן, האָט זיך באַוויזן אַן אייניקל און אויף זיין אויסטערלישן אופן זיך באַטראַכט פאַר אַ שטאָלצן ייד! וואָס פאַר אַן אַנטוישונג האָבן איבערגעלעבט זיינע עלטערן, וועלכע האָבן דורך שמד געוואָלט אים „באַפרייען" פון יידישקייט־פּראָבלעמען! זיי האָבן נישט פאָראויסגעזען, אַז אין אים וועט זיך אָפּרופן די שטים פון יידישע דורות און ווערן די טרייב־קראַפט פון זיין עקזאַלטירטער, עקזאָטישער, יידישער נאָסטאַלגיע... עס איז גאַנץ מעגלעך אַז ער האָט אין געוויסע מאָמענטן געזוכט דעם וועג צוריק אַ היים... צום עכטן, יידישן שורש... ער איז אָבער ווי אַן אָפּגעריסענער בלאַט פון שטאַם, געטראָגן געוואָרן דורך די שטורעם־ווינטן פון פּאָליטישן לעבן, ביז ער איז אין גאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן דורך די שטורמישע כוואַליעס פון דער ענגלישער הויך־פּאָליטיק...

ערנעסט העמינגוועי — דער דיכטער פון דער „פארלוירענער גענעראַציע“

ער איז דערשינען אויפן ליטעראַרישן האָריזאָנט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און תיכף געוואָרן די סענסאַציע פון דער ליטעראַרישער וועלט.

עס איז נישט קיין צו אָפטע דערשיינונג דער אויפקום פון גרויסע קינסטלער. זיי קענען זיך באַווייזן אויפן האָריזאָנט, ווי מעטעאָרן, אָבער זיי פאַרשווינדן נישט, ווי די לעצטע — אָן אַ שפור אין חלל אַריין. די „איליאַדע“ וועט תמיד פאַרבלייבן אויפן האָריזאָנט פון אונדזער גייסטיקן לעבן; און „האַמלעט“ ווערט אויך נישט צוגעדעקט דורך דעם שטויב פון צייט. קונסט באַוועגט זיך פאָרויס, און בלייבט כסדר אין פאָדערגרונט. איר דויערהאַפטיקייט ווערט באַשטימט דורך אַן האַרבן שופט: די צייטלאָזע צייט!

צי וועט העמינגוועיס שאַפן האָבן אַ דויערהאַפטן ווערט? — שווער צו זיין זיכער אין דעם. מיר קענען נאָר אָפּשאַצן, וואָס ער איז געווען אין אונדזער צייט; זיין אָרט אַלס קינסטלער אין דעם פעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

*

אין אונדזער עפּאָכע פאַרנעמט העמינגוועי אַן אָרט צווישן די גרויסע קינסטלער, וועלכע האָבן געשטאַלטיקט די נעוורּאָזע פון היינטצייטיקן מענטש, זיינע נשמה־ריסן, זיין אַגאָניע, און די חיה אונטער זיין הויט...

פון דער יונגער פּלעיאַדע שרייבער אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט זיך העמינגוועי אויסגעטיילט מיט זיין באַזונדערן דרך און סטיל. ער איז אַריין אין דער ליטעראַטור, ווי דער באַזינגער פון דער פאַרלוירענער גענעראַציע, פאַרלוירן פאַר זיך

און פאַר דער געזעלשאַפט; אַ גענעראַציע, וואָס האָט אָנגעוואוירן די ווערטן פון לעבן, דעם גלויבן אינעם מענטש, און געפירט אַן אומזיניקע (אָדער וואַנזיניקע) עקזיסטענץ.

העמינגוועי איז געוואָרן דער קינסטלערישער אויסדרוק פון אָט דעם דור, וואָס האָט נישט געלעבט, נאָר בלויז עקזיסטירט. ער איז געוואָרן דער קינסטלערישער עדות פון זיינע פסיכישע קאָנפליקטן, וועלכע ער האָט געפורעמט אין זיינע ווערק. ווי ביי אַנדערע קינסטלער, האָט אויך זיין פערזענלעך לעבן צוגעשטעלט ליים און ציגל פאַר זיינע בעלעטריסטישע בנינים. דאָס באַקענען זיך מיט די וויכטיקסטע געשעענישן אין זיין לעבן — גיט אַ שליסל צו זיין שאַפן.

*

ערנעסט העמינגוועי איז געבוירן געוואָרן אין 1898, אין טשיקאַגאָ. זיין פאָטער, ד"ר קלאַרענס, איז געווען אַ ליידנ־שאַפטלעכער ספאָרטלער, און האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט יאַגד און פיש־פאַנג, ווי מיט זיין מעדיצינישער פּראַקטיק.

זיין מוטער, אַ צאַרטע קינסטלערישע נאַטור, האָט זיך אויס־געלעבט אין דער וועלט פון מוזיק און פון נישט־פּראַקטיצירנ־דער דיכטונג. צווישן די עלטערן איז אָנגעגאַנגען אַ שטילע מלחמה אַרום דער דערציאונג פון ערנעסטן. בעת די מוטער האָט אים געוואָלט אַריבערציען אויף איר זייט און אים געלערנט טשעלאָ־שפּילן; פלעגט דער פאָטער אים מיטנעמען אין די שכנותדיקע מיטשיגונער וועלדער, געגעבן אים אַ יאַגד־ביקס, און געלערנט אים פּראַקטיצירן. קלאָר, אַז ערנעסט האָט זיכער געוואָלט זיין מיטן פאָטער...

ווען די גרויסע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן (1914), איז ערנעסט נאָך געזעסן אויף דער שול־באַנק. ווען אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין קריג, האָט ער — צוזאַמען מיט אַנדערע שילער — וואָלונטירט אין דער אַרמיי, באַטראַכטנדיק דעם קריג, ווי אַ פוטבאָל־מעטש צווישן "ווייל"־דרוזשינעס... ער איז אָנגענומען געוואָרן אַלס סאַניטאַר פון רויטן קרייץ און איז תיכף אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן איטאַליענישן פראָנט.

דער 8־טער יולי, 1918, איז געווען איינער פון די „שטילע טעג" אויפן פראָנט, ווען אַן עסטרייכישע באָמבע האָט אויפגעריסן

זיין אַמבולאַנס־פּאָסטן, דערהרגעט אַ פּאָר סאַניטאַרן גלייך אויפֿן אָרט, און העמינגוועיען שווער פֿאַרוואונדעט.

„איך האָב געפֿילט — האָט ער שפּעטער געשריבן — אַז איך שטאַרב, געפֿילט מיין נשמה, אָדער עפּעס אַ זאַך ציט זיך אַרויס פֿון מיין קערפּער, ווי מען ציט אַרויס אַ טיכעלע פֿון מיין קעשענע... עס איז אַרומגעפֿלויגן און געקומען צוריק, און איך בין נישט געווען מער טויט".

ער איז אָפּגעלעגן לאַנגע מאָנאַטן אין שפּיטאָל און נאָכהער צוריקגעקומען קיין טשיקאַגאָ מיט אַ מיליטערישער אויסצייכענונג און אַ פֿאַרלאַטעטער קני. די פֿיזישע וואונד האָט זיך ביי אים, ווי ס'איז פֿאַרהיילט. אָבער נישט די פּסיכישע... היות דער אויפֿרייס איז פֿאָרגעקומען אין אַ שטאָק־פֿינצטערער נאַכט, האָט ער יאָרן נאָך דעם מורא געהאַט אין דער פֿינצטער צו פֿאַרמאַכן די אויגן, מורא געהאַט, ווי ער דריקט זיך אויס, „די נשמה זאָל נישט אַרויס פֿון קערפּער און זיך שוין נישט מער צוריקקערן".

ער פֿלעגט ביינאַכט נישט אויסלעשן די ליכט און געליטן פֿון דער קראַנקהייט, וואָס איז באַקאַנט א.נ. טראַאומאַ־נעוורויזע, וועלכע צווינגט דעם חולה, ער זאָל נישט אויפֿהערן טראַכטן פֿון דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט בעת דעם פֿאָרפֿאַל, און לעבן אין כסדרדיקן פּחד. דאָס ווירקט אין אַ געאָמעטרישן כּופל־מע־כאַניזם פֿון שרעק: איין פּחד וואַקסט אַרויס פֿון צווייטן, זיי כּופֿלען און קייטלען זיך, ביז דער גאַנצער נערוון־סיסטעם ווערט איינ־געבראָכן.

העמינגוועי האָט לאַנגע יאָרן געקעמפּט מיט אָט דער קראַנקהייט. ער פֿלעגט ספּעציעל גיין אין די סכּנהדיקסטע ערטער, צו פֿאַרזיכערן זיך, אַז ער האָט מער נישט מורא. אָבער אויסגעהיילט האָט ער זיך דאַן, ווען ער האָט די טראַאומאַ איינ־געשפּאַנט אין זיין ליטעראַרישן שאַפֿן, און די קראַנקהייט טראַנס־פֿאָרמירט אין קונסט. ער האָט זיך געראַטעוועט אַ דאַנק זיין שטאַרקן ווילנס־קראַפֿט, באַגלייט פֿון זיין געפֿיל און באַוואוסטזיין, אַז ער איז באַרופֿן צו קינסטלערישער שעפֿערישקייט אין דער ליטעראַטור.

וועגן זיין געמיט־צושטאַנד קומענדיק פֿון פֿראָנט, גיט העמינגוועי אַן אויטאָביאָגראַפֿישע שילדערונג אין איינער פֿון זיינע ערשטע דערציילונגען (פֿון בוך: „אין אונדזער צייט"); ער שיל־

דערט דעם יונגן בחור קרעבס, וועלכער איז גלייך פון שול־באַנק אַוועק אויפן פראָנט און נאָכן קריג צוריקגעקומען אַ היים, וואו אַלץ איז געבליבן אין זעלבן צושטאַנד, די פאַמיליע, די פריינד, „קיין זאַך האָט זיך אין שטאָט נישט געביטן אַ חוץ, וואָס די יונגע מיידלעך זענען אויפגעוואַקסן".

(„אין אַ זעלנערס היים")

אָבער קרעבס האָט זיך געביטן. נישט בלויז דער פינאַלער טויט, נאָר אויך די שטופנווייזע קליינע טויטן אויפן שלאַכט־פעלד האָבן אים נישט געגעבן קיין רו.

אין אַנדערע דערציילונגען, פון אויטאָביאָגראַפישן כאַראַק־טער, שילדערט ער דעם העלד ניק אַדאַמס, זיין קינדהייט און יוגנט אויפן פאָן פון דער מיטשיגונער לאַנדשאַפט. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם לעבן פון די אינדיאַנער (וועלכע האָבן געהאַט אַ לאַגער אין די וועלדער), געהאַט דאָרט זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אַלקאָהאָל און ליבע... געווען אַן עדות פון אַ דרינגענדער קייזער־שניט אָפּעראַציע דורכגעפירט מיט אַ קיך־מעסער. (און מיטן זעלבן מעסער האָט זיך דער אינדיאַנישער מאַן אין זעלבן טאָג איבערגעשניטן די האַלדז־אָדערן).

ניק אַדאַמס האָט, ווי יעדער יוגנטלעכער, דערוואַרט פון לעבן זון און פרייד, אָבער זיך אַנגעשטויסן אויף אַכזריותקייט און גראָבהויטיקייט... ער הויבט אָן האַסן דעם מין מענטש און טראָגט די שנאה אויך אַריבער צו דער אַרומיקער נאַטור — ווי אַ מיטבאַטייליקטע אין דער פאַרשווערונג קעגן לעבן...

*

העמינגוועי איז אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן אָנגעקומען קיין פּאַריז, ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ קאַנאַדער צייטונג.

גאַנץ מערב־אייראָפּע און פּאַריז בפרט, איז דאַן געווען אַ מקום־מיקלט פאַר אַמעריקאַנער טוריסטן, און בפרט פאַר דער יוגנט, וואָס האָט געקעמפט אויף די שלאַכט־פעלדער פון אייראָפּע און האָט געצויגן, נאָכן קריג צוריק אַהין, וואו מען איז געווען פריי און הפקר ווי דער ווינט, דערצו אַ שטאָט, וואָס האָט צוגעזאָגט: „חי־געלעבט!"

אין די טויזנטער זענען זיי געקומען קיין פּאַריז, זיך באַזעצט אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, וואו די לופט איז פול געווען מיט

קונסט, דזשאַז און לעצטן טאַנגאָ. מ׳איז געקומען ווי אמעריקאַ־נער קאָרעספּאָנדענטן צו שיקן אַ היים פּיקאַנטע, סאָציאַלע פּליאָטקעס.

די מער באַגאַבטע, האָבן אויך געשיקט דערציילונגען פון פּאַריזער לעבן, לידער, עסייען. געפירט ליבעס און אַ סך גע־טרונקען, זוכנדיק אין אַ צעלאָזן לעבן אַנטשפּאַנונג („עסקייפּיזם״) פון די מלחמה־קאָשמאַרן.

די מער ערנסטע, האָבן אויך געטראַכט וועגן העכערן תּכ־לית, עקספּערימענטירט מיט נייע טעאָריעס פון קונסט און ליטעראַטור. געווען אפילו אַזעלכע, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז די ישועה פון דער וועלט ליגט אין... אַפּוואַרפן פונקטאַציעס — און דערמיט אָנגעהויבן אַ נייע ריכטונג אין דער ליטעראַטור. מען האָט פאַרלוירן די אמונה אין רעליגיע, האָט מען אין נייע קונסט־פאָרמען געזוכט אַ במקום־רעליגיע.

אין אָט דער פּאַריזער אַטמאָספער איז אַריינגעפאַלן דער יונגער העמינגוועי. דורך אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון שערוואוד אַנדערסאָן איז ער געוואָרן אַן אַריינגייער אין דעם ליטעראַרישן סאַלאָן פון גערטרוד שטיין, וועלכע איז געווען דאַן אַ שם־דבר אין די פּאַריזער קונסט־קרייזן. מיט גערטרוד שטיינס מיינונגען, האָבן זיך גערעכנט שרייבער און מאָלער, אָפּערע־זינגער און באַלעט־טענצער. איר הויז איז געווען אַ זאַמל־פּונקט פאַר אויפ־גייענדיקע שטערנס, און ס׳איז געווען אַ זכיה צו ווערן אַ בן־בית ביי איר.

העמינגוועיס ערנסטע באַציאונג צו דער שרייבערישער פּראָפעסיע, זיין שטאַרקער ווילן צום לערנען און אַרבעטן איבער זיך (בעת אַנדערע קאָרעספּאָנדענטן האָבן געפּטרט זייער לעבן אין די קאַפעען), האָט צוגעצויגן איר אויפמערקזאַמקייט, און זי האָט זיך פאַרנומען מיט זיין איינטריטס־קאַרטע אין דער ליטע־ראַטור. קודם־כל האָט זי אים געראָטן אויפצוגעבן זשורנאַליס־טיק און זיך ערנסט נעמען צו בעלעטריסטיק: „אויב דו וועסט אַרבעטן פאַר אַ צייטונג, האָט זי געוואָרנט, וועסטו קיינמאָל נישט זען קיין זאַכן, נאָר ווערטער, וועלכע וועלן דיר אין ערגעץ נישט פירן״.

זי האָט זיך ערנסט פאַרנומען צו העלפן אים, אויפמערקזאַם געלייענט און קריטיקירט זיינע אַרבעטן, געוויזן אים ביישפּילן

פון אַנדערע שרייבער, און אילוסטרירט די מערקווירדיקע קרובה־שאַפט צווישן אַ קינסטלער און אַ קינד: „אַ קינד זעט דאָס פּנים פון דער מאַמען אַנדערש, ווי אַנדערע, ער זעט פון דער נאָענט, און דאָס פּנים פון דער מאַמען זעט אים אויס צו זיין זייער לאַנג. זיכער זעט ער נאָר אַ טייל פונעם פּנים און קען נאָר די שטריכן פון דעם טייל. אויך אַ דערוואַקסענער, ווען ער איז מיט עמיצן נאָענט, זעט ער נאָר, ס׳רוב, איין טייל פון אים, דאָס איבעריקע דאַרף ער אַליין קענען רעקאָנסטרואירן דורך וויזיע. אָבער אויב די וויזיע איז נישט קיין קלאָרע, דאַן קומען אַרויס נאָר פלאַכע, שטאַמלדיקע ווערטער״.

העמינגוועי האָט איר געפאָלגט און אויפגעגעבן זשורנאַליס־טיק. ער האָט אויפגענומען איר קריטיק און אָנווייזונגען און זיך געלאָזט פון איר משפיע זיין. בעת איינעם פון אירע גע־שפּרעכן (ריכטיקער, מאָנאָלאָגן, ווייל בעת איר רעדן פלעגט ער וויניק עפענען דאָס מויל...), האָט זי אַ זאָג געטאָן צו אים: „איר זייט אַ פאַרלוירענע גענעראַציע״ — אַ באַצייכענונג וואָס ער האָט שפּעטער פאַראייביקט אין דער ליטעראַטור.

העמינגוועי האָט אויך געלערנט פון די אָנווייזונגען פון זיין יוגנט־פריינד, דעם שרייבער שערוואוד אַנדערסאָן. עס האָט זיך אים באַזונדערס איינגעשניטן אין זכרון די אָנווייזונג וועגן קונסט פון וואָרט־אינסטרומענט, און דעם קינסטלערס גערעגנגל אויסצו־פיינערן אים ביז פּערפעקציע.

„יעדער וואָרט־קינסטלער, האָט אַנדערסאָן באַמערקט, ווערט צייטנווייז שטאַרק אויפגערעגט צוליב דער באַגרענעצטקייט פון זיין מעדיום. ווען אַ קינסטלער אָפּערירט מיט ווערטער, וויל ער פילן זייער טעם אויף די ליפּן, זייער פּערפיום פאַר די נאָז־לעכער, זייער עפעקט פאַרן אויג, און זייער מוזיקאַלישן טאָן פאַר די אויערן. ער וויל פילן די ווערטער, וואָס שפּרינגען אַרויס פון זיין פּען, ווי עס פילט איינער, ווען ער צערטלט די באַקן פון זיין געליבטער״.

העמינגוועי האָט גענומען ערנסט די אַלע אָנווייזונגען. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער תּלמיד איז איבערגעוואַקסן זיינע לערער...

*

אין 1926, איז דער יונגער העמינגוועי ממש איבערנאַכט געוואָרן וועלט־באַרימט דורך זיין ווערק „די זון גייט אויך אויף". („דהי סאַן אַלסאָ רייסעס". אין די שפּעטערדיקע אויפלאַגעס, און אין פילם, איז עס באַקאַנט א.נ. „פיעסטאַ").

דער נאָמען איז, גענומען פון קהלת, און דער מחבר האָט, ווי אַ מאָטאָ, געבראַכט פון דאָרט פאָלגנדיקע פסוקים:

„אַ דור פאַרגייט, און אַ דור קומט, און די ערד באַשטייט
אויף אייביק... און די זון גייט אויף, און די זון גייט אונטער
און יאָגט צו איר אָרט אַ וואו זי גייט אויף... דער ווינט גייט
קיין דרום און פאַרדרייט זיך קיין צפון: רונד אַרום, גייט ער,
און צו זיינע געדרייען קערט זיך אום דער ווינט..."

(יידיש: יהואש)

איבער די פסוקים האָט דער מחבר געבראַכט גערטרוד שטיינס זאָג: „איר זייט אַ פאַרלוירענע גענעראַציע".

וואָס איז העמינגוועי אויסגעוועזן מיט דעם מאָטאָ? ער האָט דורך אים געוואָלט באַצייכענען דעם פּסיכישן צושטאַנד פון די העלדן אינעם ווערק, וועמענס לעבן איז פּונקט אַזוי אָן אַ ציל און אָן אַ זין, ווי ס'איז דאָס קומען און אַוועקגיין פון דער זון, פון די טייכן, און פון ווינט מיט זיינע געדרייען.

די העלדן זענען קרבנות, פיזישע, אָדער פּסיכישע אינוואַ־לידן. דער נאַראַטאָר (דאָס ווערק איז געשריבן אין ערשטן פּערזאָן), דזשייק באַרנס, איז געקומען פון פראָנט אַ בעל־מום (אימפּאָטענט). ער פּרואווט פאַרגיסן זיין וואונד מיט אַלקאָהאָל און מיט אַ באָהעמישן לעבן, וואָס איז פאַקטיש אַ וועגעטירנדיקע עקזיסטענץ.

נאָך דראַסטישער קומט עס צום אויסדרוק ביי ליידי אַשלי ברעט — אַן אַנדער מלחמה־קרבן. איר ערשטער מאַן איז גע־שטאָרבן אויפן שלאַכט־פעלד, דער צווייטער, אַן ענגלישער מאַטראָז (פון יחוסדיקן אָפּשטאַם), איז אַרויס פון קריג מיט אַן איינגעבראָכענעם נערוון־סיסטעם — אַזוי אַרום זענען אירעביידע הייראַטן צעשאָסן געוואָרן אויפן פראָנט. איר ליבע מיט דזשייק באַרנס קען נישט קאָנסומירט ווערן, זוכט זי אויך צו פאַרגיסן אירע וואונדן דורך שכרות און אויסגעלאַסנקייט. פאַרמעל האָט זי אַ חתן, און זיי שטייען ביידע אין אין דעם האָטעל־באַרדעל — אַ סימבאָלישער אָנוואונק אויף איר אויפפירונג.

עס איז צווישן די העלדן אויך דאָ אַ ייד (די באַצייכענונג „ייד" באַטאָנט דורכן מחבר), ראָבערט קאָהן, אַן אומסימפּאַטי־שער טיפּ, אַ טאַלאַנטלאָזער שרייבער, איינער פון די פּאַרשווינען, וואָס רופן ארויס צו זיך אַנטיפּאַטיע.

עס איז מיר נישט באַקאַנט העמינגוועיס באַציאונג צו יידן, און אוודאי שאָקירט אַזאַ „יידישער" רעפּרעזענטאַנט, וועגן וועלכן דער מחבר באַמערקט סאַרקאַסטיש, אַז „ער האָט פאַרמאָגט אַ וואונדערבאַרע קוואַליטעט אַרויסצוברענגען דאָס שלעכטע פון יעדן מענטש". דאָס אונטערשטרייכן זיין יידישן אָפּשטאַם און די באַצייכענונג פון קאָהנס נאָכלויפן די אשלי ברעט — „ער האָט געקוקט אויף זיין געליבטע, ליידי ברעט, ווי זיין לאַנדסמאַן, ווען ער האָט געזען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד" — רופט אַרויס ביי אונ־דזער היינטיקער סענסיוויטעט, אַ נישט־געשמאַקן נאָך־טעם.

מיר קענען זייער גוט די מינדערווערטיקייטס קאָמפּלעקסן פון אָט די קאָהנס, זייער קריכערישקייט ביים ווערן איינער פון „זיי" און ווי אַזוי „זיי" קוקן אויף אים ווען ער גייט זיין דאָס וואָס ער איז נישט... זיינע „פריינד" זאָגן עס אים אָפן: „צי מיינסטו טאַקע, אַז דו געהערסט צו אונדז?... ווייסטו דען נישט, אַז מיר ווילן דיך נישט האָבן אין אונדזער חברותא?..." סימפּטאָ־מאַטיש איז וואָס כלפּי־חוץ ווערן זיי נאָך אַלץ — לײדער! — באַטראַכט אַלס „פאָרשטייער" פון דער יידישער ראַסע, הגם זיי האָבן שוין פון זיך לאַנג אַראָפּגעשונדן די זיבעטע, יידישע הויט.

אָבער אומאָפּהענגיק פון דעם, איז דאָך אויך קאָהן איינער פון דער פאַרלוירענער גענעראַציע (בעלעטריסטיש איז ער אַמ־קרעפּטיקסטן כאַראַקטעריזירט); איינער פון די קריגס־קרבנות, וועמענס אַרט־לעבן זעט אויס צו זיין, ווי נאָך אַ שיפּס־ברוך, ווען די פּאַסאַזשירן יאָגן זיך אין דער לעצטער סעקונדע צו ראַטעווען, וואָס עס לאָזט זיך נאָר... און דאָס איז דאָך נישט חל בלויז אויף אַ פּאָר עקסצענטרישע פּאַרשוינען, נאָר אויף אַ גאַנצן דור, וואָס האָט דורכגעמאַכט די זעלבע איבערלעבונגען און דער־פאַרונגען.

דזשייק באַרנס, וועלכער זעט טיפער, ווי די אַנדערע דעם גאַנצן פּאַרנעם פון זייער טראַגישער עקזיסטענץ, זאָגט צו ליידי ברעט: „מיר גייט נישט אָן, וואָס ס׳קומט דאָ פאָר, אַלץ וואָס איך וויל וויסן איז: ווי אַזוי קען מען לעבן מיט דעם? יעדער פירט

זיך טאַקע אויף שלעכט, אָבער גיב זיי נאָר אַ ריכטיקן שאַנס און זיי וועלן ווערן אַנדערש״.

דזשייק באַטראַכט איר נישט ווי סתם אַן הפקר־צעלאָזענע מויד, נאָר ווי אַ קרבן פון אַ גלאָבאַלן קריג. וואַרשיינלעך איז זי אַמאָל געווען אַן אָרענטלעך, באַלעבאַטיש מיידל, געטרוימט און געגלויבט אין ליבע און אין הייראַט. און ווען דאָס אַלץ איז צעשאָסן געוואָרן — איז זי געבליבן ביי סעקס... ווען אַלץ האָט געפּלאַצט אין איר און אַרום איר און זי איז געבליבן מיט גאָרנישט — האָט זי אָנגעהויבן גלויבן אין גאָרנישט... געבליבן ביי דעם דעוויז: „לעב מיט דעם, וואָס די אינסטינקטן זאָגן דיר אונטער אַזוי לאַנג ווי דו קענסט נאָר״. לעבט זי אין אַ וועלט פון באַנאַליטעטן, אויסגעלאַסנקייט, שכרות און ציניזם. אָבער אונטער דעם גאַנצן ציניזם און בראַוואַדאַ — טליעט אַ מענטשלעכער פונק, וואָס וועט ביי אַ פּאַסיקן מאָמענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פלאַם. און דאָס געשעט בעת די פיעסטאַ־פייערונגען אין שפּאַניע (בעלעטריסטיש — דאָס שטאַרקסטע אין בוך).

דער מחבר לאָזט אויפפלאַקערן דעם פונק, אין דער ליבע צווישן ברעט און דעם יונגן מאַטאַדאָר ראָמעראָ. ער שילדערט, ווי זי איז מתפלל אין קירכע פאַר דער נייער פאַזע אין איר לעבן... אָבער איר תפילה איז נישט אָנגענומען געוואָרן. זי אַליין פילט, אַז זי איז צופיל דעגענערירט, זי זאָל קענען אָנהויבן אויפסניי אַ ריין, דערהויבענעם לעבן. אינעם פייער פון אירע ראַנגלענישן ווערט אויסגעשמידט איר אידייע פון זעלבסט־אָפּפערונג, צו ברענגען פאַר אַ קרבן איר אויפגעפלאַמטע ליבע און ראַטעווען ראָמעראָן פון זינקען מיט איר... זי פאַרלאָזט אים בשתיקא און קערט זיך אום צוריק צום תהום...

העמינגוועי האָט אין דער נאָך־מלחמהדיקער, דעמאָראַליזירטער וועלט געטראָפן אַן אינפלאַציע פון מאָראַל און פון אַלע אַנדערע מענטשלעכע ווערטן. ער האָט געבענקט נאָך סטאַביליטעט, נאָך די הומאַניסטישע ווערטן פון ליבע, פריינדשאַפט, גלויבן און זעלבסט־אָפּפערונג, וועלכע זענען געלעגן צעשאָסן אונטער די חורבות פון קריג...

*

דאָס ווערק איז בשעתו געווען אַ ליטעראַרישע סענסאַציע.

דער אויטאָר האָט באַקומען די גרעסטע רעפּוטאַציע, וואָס אַן אַמעריקאַנער שרייבער האָט ווען עס איז געהאַט. יינגלעך און מיידלעך האָבן אָנגעהויבן קאָפּירן די שפּראַך און התנהגותן פון די העלדן, און שרייבער — זיין סטיל, טעכניק, און מאַנעריזמען.

דער לייענער פון בוך האָט דערפילט, אַז דער מחבר האָט זיך גוט צוגעהערט צו די דזשייקס, בּרעטס, קאָהנס, און בילס, אויפגעכאַפּט זייער לעבנס־ריטם צוזאַמען מיט דעם אַראָמאַט פון זייער לשון. די געשטאַלטן אַנטפּלעקן זיך נישט אַזוי אין פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען, ווי אין דיאַלאָג, אָפט, מיט האַלבּ פאַרענדיקטע זאַצן. אין געוויסע ערטער זענען דאָ איבער־חזרונגען פון נישט־דערזאָגטקייטן, וועלכע בלייבן ווי הענגען אין חלל, און רופן זיך אָפּ מיט אַן עכאָ.

כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין סטיל זענען די ריטמיש־איבער־געבראָכענע זאַצן מיט דורכגעלאָזטע ווערטער — דאָ און דאָרטן — וואָס שאַפן אין די אויסגעפורעמטע דיאַלאָגן אַן איבערגאַנג פון וואָרט — צו בילד, געפיל און שטימונג.

נאָכן דערשיינען פון דעם בוך האָט מען פון העמינגוועיַן דערוואַרטעט דאָס גרויסע ווערק וועגן די פאַרוויסטונגען בעתן קריג גופא. ער האָט אָבער אַ צייט אויסגעמיטן צו שרייבן וועגן קריג מאָמייווירנדיק, „איך האָב זיך אַזוי לאַנג געפונען אונטערן איינדרוק פון קריג, אַז כ'האָב צען יאָר וועגן דעם נישט געקענט שרייבן. די מלחמה־וואונד אינעם שרייבער פאַרהיילט זיך אַ סך לאַנגזאַמער, ווי ביים נישט־שרייבער". ערשט אין 1929, איז זיין מלחמה־בוך דערשינען א.נ. „געזעגענונג מיטן וואָפן" („פעירוועל טו אַרמס").

אויף אַ ברייטער קאַנווע האָט העמינגוועי געצייכנט דעם קריג און זיינע גרויסע פאַרוויסטונגען. מען קען זאָגן, אַז דער גאַנצער ראָמאַן איז איין גרויסע סעריע פון מענטשלעכע מפּלות, וואָס זענען געקומען איינס נאָכן אַנדערן אויף אַלע אָפּשניטן פון לעבן: די שרעקלעכע, מבולדיקע רעגנס, די כאָלערע־מגפה, די גרויסע מיליטערישע מפּלות, קעטערינס טויט און די טויטן פון אַנדערע — אַלץ צוזאַמען שאַפט אַ געשלאָסענע קייט פון אונ־טערגאַנג...

די גרויסקייט פון דעם ווערק ליגט אין דער דראַמאַטי־זאַציע פון די קאָנפליקטן. עס איז אַן אומאויפהערלעכער

גערא‎ַנגל צווישן די איינגעפונדעוועטע ווערטן מיט כאַאָס און אומקום; און צווישן די הויפּט־קעמפּער — איז די צייטלאָזע ליבע, וואָס ראַנגלט זיך מיט צייט און נעגל פאַר עקזיסטענץ און וויל אפילו אונטער מלחמה־באַדינגונגען נישט קאַפּיטולירן.

פרעדעריק הענרי און קעטערין באַרקליי גלויבן אפילו אין שאָטן פון טויט — אין דער ראָמאַנטישער ליבע פון די פרידלעכע צייטן, ווי אַרויסגענומען פון ביבלישן שיר־השירים... אָבער די צייט־באַדינגונגען זענען געווען מער צוגעפּאַסט צו קהלת און איוב — ווען דער מענטש מיט אַלע זיינע דערגרייכונגען איז פאַרמשפּט געווען אָפּגעמעקט צו ווערן פון דער ערד... אונטערן האָגל פון קוילן אויפן פראָנט, האָט הענרי געזען די דעגענערירונג און פאַרוויסטונג פונעם מענטש, געזען די אינטעלעקטועלע פאַרפירערישקייט פון די הויכע, קריגס־לאָזונגען, דעם פּחד פאַרן טויט, און די נישט־העראָאישקייט פון די העלדן בעת מפּלות. ער זאָגט:

„איך בין שטענדיק געווען גלייכגילטיק צו די ווערטער: גלאָריע, הייליקייט, העלדישקייט און קרבן. מיר האָבן זיי געהערט שטייענדיק אונטערן רויש פון רעגן, געלייענט זיי אויף די וואַנט־פּראָקלאַמאַציעס. איך האָב אָבער נישט געזען מער קיין הייליקייט. די קרבנות אויפן פראָנט זענען געווען, ווי די פּי אין די שעכט־הייזער פון טשיקאַגאָ, מער נישט, וואָס דאָ איז גאָרנישט געטאָן געוואָרן מיטן פלייש, מען האָט עס בלויז געבראַכט צו קבורה".

הענרי מאַכט דעם לעצטן סך־הכל פון זיינע פראָנט־חברים: אַלע זענען אומגעקומען. יעדער האָט באַקומען זיין גזר־דין, טויט, דערהרגעט... „קענסט אויך אויף דעם רעכענען, ווייל די וועלט צעברעכט יעדן איינעם, און די וועלכע זי צעברעכט נישט — דערהרגעט זי. אָן אונטערשיד ברענגט זי אום די זייער גוטע, די זייער איידעלע און די זייער בראַווע. און אויב דו געהערסט נישט צו קיינעם פון זיי, זיי זיכער, אַז זי וועט דיך אויך דערהרגענען, אפשר נישט מיט אַזאַ שנעלקייט".

אונטער הענריס פיס האָט געזונקען דער באָדן. איבער זיין קאָפּ — בלייענע הימלען, אָן אַ ליכט־שטראַל... צו ראַטעווען זיך, פּרוּווט ער מיט זיין קעטערין צו מאַכן אינדיווידועל אַ סעפּעראַטן שלום, „אַ געזעגענונג מיטן וואָפן". ער וויל מאַכן

אַ קרייז ארום זייער לעבן, אָפּגעזונדערט פון דעם אַרום — אַ מין אינדזל פון אינדיווידואַליזם.

אָבער אַ מענטש איז נישט קיין אינדזל, ער קען נישט וואַרפן אַ גט צו דער וועלטס פּיס, און זיך מאַכן „שבת פאַר זיך". ער איז אַ שותף צו דער וועלט און אויב זי איז שלעכט, מוז ער העלפן איר אויסצובעסערן. צו דעם אמת וועט העמינגוועי זיך נאָך אומקערן אין אַ שפּעטערדיקן ווערק.

אין „געזעגענונג מיטן וואָפן", האָט דער מחבר אַרויסגע־הויבן אין זיינע אימאַזש־ווערטן אויך די פּראָפיל־פיגורן, ווי צב"ש דער פּריסט, וועמענס אַקציעס זענען אויפן פּראַנט גאַר שטאַרק געפאַלן... יעדן טאָג האָט ער געדאַרפט געבן זיין ברכה צו דערמאָרדן דעם לא־תרצח און צוזאַמען מיט דעם זענען אויך געפאַלן די איבעריקע פון די „עשרת הדברות"... ווי אַ פעלדז שטייט דער פּריסט אין מיטן פון אַ צעשטורעמטן ים און לאָזט זיך פון דער סטיכיע נישט אַראָפּשווענקען. בלויז העגרי פאַר־שטייט זיין צער און ער טרייסט אים דערמיט וואָס: „מיר טוען קיינמאָל נישט די זאַכן וואָס מיר ווילן טאָן, ווי אַנשטענדיק מיר זאָלן זיך נישט וועלן אויפפירן".

דער מחבר האָט זיינע געשטאַלטן געצייכנט רעאַליסטיש, אָבער דעם רעאַליזם באַהויכט מיט סימבאָלן, וועלכע גיבן צו אַ פערטע און פינפטע דימענסיע די האַנדלונגען און שטימונגען פון די העלדן. סימבאָליק איז אויך פאַראַן אין די נאַטור־שיל־דערונגען און דערשיינונגען. פיל געשעענישן אויפן פראָנט ווערן באַגלייט מיט רעגנס: די גרויסע מפּלות ביי קאַפּאָרעטאָ, קומען פאָר בעת מבולדיקע רעגנס און אַזוי אויך קעטערינס טויט. אַזוי אַרום סימבאָליזירט רעגן — מפּלות, שרעק, אונטער־גאַנג און טויט. בערג, טייכן און וועלדער — סימבאָליזירן נאָסטאַלגיע, פייניקונגען און בענקשאַפט. לאַנגע האָר סימבאָלי־זירט פּרויאישע פשטות און נאַטירלעכקייט (די אידעאַלע פרוי קעטערין האָט לאַנגע האָר, דאַקעגן די דעגענערירטע ברעט — קורצע האָר). אויך געשיר, נייע קליידער, און פרילינג זענען ביי אים סימבאָלן פון נאַטירלעכער פרויאישקייט (זע זיין דער־ציילונג „אַ קאַץ אין רעגן").

אין דער קאָנסטרוקציע פון ראָמאַן האָט דער מחבר אַרויס־געוויזן זיין גרויסע אַרכיטעקטור־מייסטערשאַפט: די שילדערונג־

גען פון די העלדן, די פיין־געשניצטע דיאַלאָגן, די דראַמאַטי־זירטע איבערלעבונגען און געשעענישן, ווי די ראַמעאָ און דזשוליע מאָטיוון, זענען באַהויכט מיט סובטעלע שטימונגען און עמאָציעס, וועלכע וויברירן און קלינגען־אָפּ אין לייענערס גע־מיט, ווי אַרויסגערופן דורך אַ שטילן גלעקל.

די נאַטור, די לאַנדשאַפט — ווי אַן הינטערגרונט, איז גע־צייכנט בצימצומדיק, אויף וויפיל עס איז נויטיק צו אַנטוויקלען די אַקציע. ווייל דער עיקר גייט אים אינעם לעבעדיקן מענטש, אין דעם אַקטיוון העלד. אין געוויסע מאָמענטן ווערט אויך די לאַנדשאַפט — ווי דער מענטש — אַן אַקטיווער העלד און גע־שילדערט פסיכאָלאָגיש, ווי אַן אַנטיילנעמער אין די האַנדלונגען און באַציאונגען צווישן מענטשן. די נאַטור אַקאָמפּאַנירט זייער לעבנס־ריטם, ווי זייער אומקום...

עס איז בלתי־ספק, אַז דאָס ווערק האָט געקענט פאַרנעמען דעם אויבן־אָן פון דעם זשאַנער אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווען רעמאַרק וואָלט זיך מיט אַ יאָר פריער נישט מקדים־געווען מיט זיין „אויפן מערב קיין נייעס״.

צאַרנדיקע טענער...

כמעט אַלע העמינגוועיס הויפּט־העלדן זענען אין געשטאַלט — העמינגוועי גופא אין פאַרשידענע מאַסקעס.

אין זיינע ערשטע ווערק, האָט ער, ווי אַ בונטאַר זיך איזאָ־לירט אויפן אינדזל פון באַהעמישן אינדיווידואַליזם, אָפּוואַרפנ־דיק פון זיך, יעדוועדער אחריות פאַר דעם צושטאַנד פון דער וועלט, באַשולדיקנדיק די עלטערן פון דער „פאַרלוירענער גע־נעראַציע״, פאַר דער פאַרוויסטונג פון די הומאַניסטישע ווערטן בעת און נאָך דעם קריג.

אין לויף פון יאָרן איז די „פאַרלוירענע גענעראַציע״ עלטער געוואָרן, און מער מיושבדיק... די וואָס האָבן אין די קריטישע יאָרן (פון זייער פאַרלוירנקייט), זיך אַליין נישט פאַרניכטעט, האָבן זיך געוואָרפן אויף פּאָליטיק, קונסט, אָדער רעליגיע.

די וועלט האָט דורכגעמאַכט אַ פרידלעכע פּאַוזע — די „האָניק־חדשים״ פון זשענעווער שלום און אַנטוואָפענונגס־קאָנ־

פערענצן, ווען ס׳האָט אויסגעזען, אַז אַלץ וועט צוריק סטאַבי־ליזירט דורך שלום ושלווה...

פלוצים, אַ נייער קאַטאַקליזם! — דער קראַך אויף דער ניו־יאָרקער בערזע, באַגלייט מיט אַן אומגעהויערן ווירטשאַפט־לעכן וועלט־קריזיס, וואָס האָט צעטרייסלט די יסודות פון „סטאַ־ביליזירטן" לעבנס־סדר.

אַלס רעזולטאַט פון דעם צוזאַמענברוך, האָבן אָנגעהויבן אָפּהילכן אין דער וועלט־ליטעראַטור צאָרנדיקע טענער פון סאָ־ציאַלן פּראָטעסט און גרעאַנגל. די קינסטלער, וועלכע האָבן נאָך אַנומלט זיך אויסגעלעבט אַלס עסטעטיקער און שאַרפע אינדי־ווידואַליסטן, איזאָלירט פון סאָציאַלער אחריות, האָבן אויפגע־געבן זייער איזאָלאַציע און אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מחנה פון די צאָרנדיקע. צווישן זיי איז אויך געווען ערנעסט העמינגוועי.

אין זיינע ווערק פון יענער צייט: „צו האָבן און נישט צו האָבן" („טו העוו ענד נאָט טו העוו"), „דער געווינער נעמט גאָר־נישט" („דהי ווינער טייקס נאָטהינג") — אָנצורופן נאָר אַ פּאָר — ווערן שוין די דורכפאַלן און דעגענערירונג פונעם מענטש אָפּגעשפּיגלט אין גאָר אַנדערע סיטואַציעס. אויך אין זיי פאַר־נעמט דער מאָטיוו פון טויט אַ צענטראַלן אָרט, אָבער שוין נישט, ווי אַ רעזולטאַט פון קריג, נאָר פון אַ פרידלעכער וועלט, וואָס קאָן נישט צוליב איר סאָציאַל־פּאָליטישן קלימאַט איינשטעלן נאָרמאַלע פאַרהעלטענישן צווישן אָרעם און רייך, מאַן און פרוי, יחיד און כלל.

פון בעלעטריסטישן שטאַנדפּונקט איז העמינגוועיס סאָציאַ־לער רעאַליזם אַמבולטסטן געפורעמט געוואָרן אין בוך „דער געווינער נעמט גאָרנישט". באַלד אין דער ערשטער דערציילונג איז פאַרפיקסירט די שטימונג, וואָס גיט דעם הויפּט־טאָן צום גאַנצן ווערק.

עס איז אַ געשיכטע פון איינעם, וועלכער האָט געפונען אַ צעבראָכענע שיף. אינעווייניק געפינען זיך אַ סך אוצרות, אָבער ער קען נישט צוקומען צו זיי. ער האָט נישט קיין שליסל צו זייער טיר, און ער קען זי אויך נישט אויפברעכן. דער גע־ווינער באַקומט נישט זיין פרייז...

ווען מיר נעמען די דערציילונג סימבאָליש, אויפֿן פּאַן פֿון אונדזער צייט, ווען דער מענטש האָט ביי דעם טעכנאָלאָגישן פֿאָרשריט אַרויסבאַקומען אַזוי פֿיל אוצרות (און סודות) פֿון דער נאַטור, און אין דער זעלבער צייט, איז די וועלט באַדראָט פֿון אַטאָם און וואַסער־שטאָף באָמבעס, וואָס זענען מסוגל דעם כדור־הארץ צוריק צו פֿאַרוואַנדלען אין ביבלישן תוהו־ובוהו — זעט דען אונדזער וועלט נישט אויס, ווי אַ צעבראָכענע שיף מיט אוצרות צו וועלכע דער מענטש האָט נישט קיין צוטריט?...

*

אין מיטן די דרייסיקער יאָרן איז דער אייראָפּעאישער האָריזאָנט שטאַרק פֿאַרטונקלט געוואָרן: דער פֿאַראויסמאַרש פֿון נאַציזם, דער שפּאַנישער בירגער־קריג און די אַקס — היטלער־מוסאָליני און פֿראַנקאָ האָבן אָנגעזאָגט אַ שווערן געוויטער...

העמינגוועי, וואָס האָט שוין צו יענער צייט בולט מאַניפֿעסטירט זיינע סאָציאַלע, צאָרנדיקע טענער, איז ווי פֿיל אַנדערע שרייבער און קינסטלער, געפֿאָרן קיין שפּאַניע. זיין רייזע איז אָבער מער געווען פֿאַרבונדן מיט דערשפּירן דעם ריח פֿון טויט (מיט וועלכן זיינע נאָז־לעכער האָבן תמיד געאָטעמט...), ווי מיט דעם סאָציאַל־פּאָליטישן כאַראַקטער פֿון די שלאַכטן.

אין שפּאַניע האָט ער איצט דעם טויט געזען נישט דורך דעם אָקסן־קאַמף ביים רינג (ער האָט אים אויסגעפּירלעך באַשריבן אין זיין בוך „דער טויט ביי טאָג" — מיר וועלן צו דעם ווערק זיך נאָך אומקערן). אויך נישט, ווי אַ רעזולטאַט פֿון קראַנקהייטן, פֿאַרפֿאַלן אָדער פֿאַרצווייפֿלונג — נאָר צוליב פּאָליטישן אידעאַליזם, וועלכן ער האָט געשטאַלטיקט אין זיין באַרימטן ווערק — „פֿאַר וועמען דער גלאָק קלינגט" („פֿאָר הום דהי בעלל טאָללס").

אונטער אָט דעם נאָמען האָט העמינגוועי פֿאַרעפֿנטלעכט זיין ווערק וועגן שפּאַנישן בירגער־קריג, און ווי אַן אַריינפֿיר־מאָטאָ געגעבן פֿאָלגנדע ציטאַטע פֿון ענגלישן דיכטער, דזשאָן דאָן: „קיין מענטש איז נישט קיין אינדזל. יעדער מענטש איז אַ שטיק פֿון קאָנטינענט, אַ טייל פֿונעם אַלגעמיינעם. אויב אַ זאַמד־שטויב ווערט אָוועקגעוואַשן פֿון אַ ים־כוואַליע ווערט אייראָפּע קלענער. דער טויט פֿון אַ מענטש פֿאַרקלענערט מיך, ווייל

איך בין אַ טייל פון דער מענטשהייט. דערפאַר פרעג נישט קיינמאָל פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט. ער קלינגט פאַר דיר״.

דער הויפּט־העלד, ראָבערט דזשאָרדאַן, אַ יונגער אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַל האָט יאָרן לאַנג געלעבט אין שפּאַניע און גוט געקענט דאָס לאַנד, די מענטשן, זייער קולטור און לשון. אָבער איצט געפינט ער זיך אין שפּאַניע נישט צו שטודירן, נאָר צו קעמפן פאַר דער ווירדע פונעם מענטש. זיין קאַמף באַטראַכט ער, אגב, אַלס המשך פון אַ פאַמיליע־טראַדיציע, ווייל אויך זיין עלטער־זיידע האָט געקעמפט פאַר פרייהייט בעת דעם בירגער־קריג אין אַמעריקע.

ראָבערט איז נישט קיין פּאַרטיי־מענטש און איז תמיד געווען ווייט פון פּאָליטיק. ער האָט שטענדיק געגלויבט אַז „מענטשן דאַרפן איבערגעלאָזט ווערן אַליין און קיינער דאַרף זיך נישט מישן אין יענעמס לעבן״. אָבער איצט, ווען די פרייהייט פון מענטש אין שפּאַניע — פון דער גאַנצער וועלט — איז אין סכנה, איז ער גרייט זיך „יאָ צו מישן״ און געבן זיין צושטייער צום קאַמף. דערפאַר געפינט ער זיך, מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, הינטער די פאַשיסטישע ליניעס און גרייט זיך אויפצורייסן אַ וויכטיקע סטראַטעגישע בריק.

די אַקציע שפּילט זיך אָפּ סך־הכל אין דריי מעת־לעתן, אָבער דער מחבר האָט פּראָזשעקטירט, רעטראָספּעקטיוו, אַ ריי בילדער פון בירגער־קריג מיט גרויזאַמקייטן און פאַרברעכנס אויף רעכטס און אויף לינקס... ער לויכט דורך נישט בלויז די פּאָליטישע זייט פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע, נאָר אויך די טיפע איבערקערעניש, וואָס זי האָט גורם געווען אינעם גאַנצן לעבנס־שטייגער און אין דער פּסיכאָלאָגיע פון פאָלק.

אויף דעם אָרט איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די רעפאָרמאַציע האָט קיין שפּאַניע נישט דערגרייכט. די מאַכט פון דער קירכע איז פאַרבליבן דעריבער אומבאַגרענעצט. בעתן בירגער־קריג, האָט דאָס פאָלק געצאָלט פאַר אַלע זינד און פאַרברעכנס פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און קאָרומפּירטער מאָנאַרכיע.

ראָבערט גיט זיך וועגן דעם אַלעמען אָפּ אַ דין־וחשבון. ער זוכט צו פאַרשטיין די פאַרשידענע עלעמענטן פון זיינע פּאַרטיזאַנישע מיטקעמפער; יעדן פון זיי באַזונדער מיט זיין האַלטונג, לאָיאַליטעט, מוט און קרבנות־גרייטקייט. מיר לייענען דאָרט

וועגן ציגיינער, וועלכע האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין בירגער־קריג און האָבן בכלל נישט געוואוסט צוליב וואָס מען שלאָגט זיך. זיי האָבן נאָר געהערט, אַז אין מלחמה מעג מען פריי הרגענען (ווי אין די אַלטע צייטן...) און מען ווערט דערפאַר נישט באַשטראָפט. אָבער דאָס זענען אויסנאַמען. דאָס פאָלק, ווי אַ גאַנצער — האָט יאָ געוואוסט צוליב וואָס מ׳שלאָגט זיך און דאָס קומט צום אויסדרוק אין די געשפּרעכן צווישן די פּאַר־טיזאַנער מיט ראָבערטן.

העמינגוועי, וועלכער האָט זיך יאָרן געראַנגלט מיט דעם פּראָבלעם פון פּחד אין מענטשלעכן לעבן, האָט דעם מאָטיוו אַריינגעפלאָכטן אויך אין דעם ווערק. דער פּחדן — אַ פּאָמי־ליאַרער העלד אין זיין שאַפן — איז דאָ פאַרקערפּערט אין פּאַבלאָ, דער געוועזענער אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנקע. אייגנטלעך, איז ער זייער ווייט פון פּחדנות! (ער האָט דאָס באַשטעטיקט אין זיינע פריערדיקע אַקציעס), אָבער לויט זיינע אימפּולסן וויל ער שטענדיק זיין אויף דער זייט פון די זיגער... ווען זיינע פויערי־שע אינסטינקטן האָבן דערשפּירט אַ מפּלה, איז ער גרייט צו פאַרראַטן זיינע חברים און איבערלויפן צום שונא. דאָס אייג־ציקע, וואָס האַלט אים אָפּ פון טאָטאַלן פאַרראַט, איז זיין רעס־פּעקט און באַוואונדערונג פאַר דער קרבנות־גרייטקייט פון די פּאַרטיזאַנער בכלל און זיין פרוי פּיליאַר בפרט. ווען זי וואַרפט אים פאָר פּחדנות, ענטפערט ער איר: „אויב אַ מענטש קען פאַר־אויסזען די רעזולטאַטן פון אידיאַטישקייט, צוליב זיין פּראַקטישן חוש, קען מען אים דערפאַר אָנרופן פּחדן? עס איז נישט קיין פּחדנות צו וויסן פאָראויס דאָס, וואָס איז נאַריש”.

העמינגוועי האָט דראַמאַטיזירט די רעאַגירונגען פון יעדן טיפּ אין אָגבליק פון געפאַר. די אינדיווידועלע שטריכן פון יעדן העלד באַזונדער, פון די באַציאונגען צווישן זיי און צו דער אידייע פאַר וועלכער זיי קעמפן מיט מסירת־נפש — פון דעם שאַפט ער די גרויסע דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין פאַרשי־דענע דימענסיעס בעתן שפּאַנישן בירגער־קריג.

דער מחבר האָט געגעבן — רעטראָספּעקטיוו — אַ ריי שיל־דערונגען פון פערוועזע עקסצעסן, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן פון ביידע לאַגערן. ער איז דערפאַר באַשולדיקט געוואָרן (דורך די קאָמוניסטן), אין סימפּאַטיזירן מיט די פאַשיסטן. דער אמת

איז, אַז קינסטלעריש האָט ער זיך פאַרהאַלטן נייטראַל, געוואָלט פאַרשטיין, אָבער נישט משפטן. העמינגוועי האָט אויף דער באַשולדיקונג אין פראַנקאָ־סימפּאַטיעס געענטפערט: „איך האָב באַשלאָסן, קאַלט ווי אַ שלאַנג, צו שרייבן אמתדיק וועגן זאַכן, אַזוי, ווי איך האָב זיי געפילט״.

פרויען־טיפּן

די צוויי פרויען־טיפּן פון ווערק, פּיליאַר און מאַריאַ, זענען פּאָרטרעטירט דורך אַ ריי פּראָפיל־צייכענונגען. פּיליאַר, אַ פול־בלוטיקע, עולם־הזהדיקע פרוי האָט פאַרמאָגט, ביי איר גאַנצער פּראַקטישקייט, אַן אַן ערך אידעאַליזם און מסירת־נפש פאַר דער רעפּובליק. איר קרבנות־גרייטקייט פאַר דער אידייע פאַרנעפּלט אָבער נישט איר זאָרג פאַר דעם לעבעדיקן, ליידנדיקן יחיד. וויפיל מענטשלעכקייט און וואַרעמקייט ווייזט זי אַרויס פאַר דער יונגער מאַריאַן — אַ קרבן פון די פאַשיסטישע געוואַלד־טאַטן.

העמינגוועי האָט אין דער קורץ־אָטעמדיקער ליבע צווישן מאַריאַן און ראָבערטן, געפּרואווט שאַפן אַ נייע אויפלאַגע פון דער ראָמאַנטישער ראָמעאָ און דזשוליע־ליבע ביי הענרי און קעטערין מיט דעם אונטערשיד, וואָס מאַריאַס ליבע זוכט נישט קיין איזאָלאַציע פון דער וועלט (ווי קעטערינס), פאַרקערט, זי אינספּירירט ראָבערטן ער זאָל ביזן סוף אויסטראָגן זיין מיסיע און באַצאָלן דערפאַר מיט זיין לעבן.

קעטערין, ליידי ברעט, און מאַריאַ — דריי ליטעראַרישע מאַסקעס פון איין־און־דער זעלבער פרוי אין פאַרשידענע סיטואַציעס און לעבנס־פּעריאָדן. די ערשטע איז אַפירמאַציע פון ליבע און לעבן. די צווייטע איז — נעגאַציע. די דריטע פאַרבינדט איר יחידישן לעבנס־ריטם מיטן געזעלשאַפטלעכן געראַנגל און מסירת־נפש פאַר אידעאַלן.

העמינגוועי, דער מאָדערנסטער שרייבער פון אונדזער עפּאָכע, איז אין באַצוג צו דער מאָדערנער פרוי געווען זייער קאָנסערוואַטיוו. ער האָט אידעאַליזירט די אַמאָליקע פרוי מיט איר הכנעה, פאַרגעבונג, געדולד און אַקצעפּטאַציע, און האָט נישט געזען קיין גוטס אין דער היינטצייטיקער פרוי מיט איר ראַפינירטער פאַלשקייט און אָפּנאַרעריי, צוליב וועלכער זי איז

נישט בכח איינצוהאַלטן נישט בלויז ליבע, נאָר אפילו נאָרמאַלע, געזונטע פאַרהעלטענישן מיטן מאַן.

ווי אַן אילוסטראַציע צו זיין איינשטעלונג וועל איך ברענגען אַ קורצע ציטאַטע פון זיין „פינפטן קאָלום“, וואו ער שילדערט די אַמעריקאַנער מיידלעך בזה הלשון:—

„זיי זענען אַלע די זעלבע: קעמפס, קאָלעדזשעס, געלט אין דער פאַמיליע... פאַסירונגען מיט מענער, אַבאָרטן, אַמביציעס. צום סוף געהייראַט און זיך איינגעאָרדנט, אָדער זיך איינגעאָרדנט אָן הייראַט. זיי עפענען געשעפטן, אָפיסעס; אַנדערע שרייבן, שפילן אויף אינסטרומענטן, אַנדערע גייען צו דער בינע, אַנדערע צו פילמען“. און דאָ גיט דער מחבר אַזאַ שטאָך וועגן זייער פילאַנטראָפּישער אַרבעט: „זיי האָבן עפּעס אזוינס, וואָס הייסט „די יונגע ליגע“, איך רעכן, אַז די בתולות אַרבעטן פאַר דעם, אַלץ לטובת הכלל...“

העמינגוועיס פרויען־טיפּן געהערן צו פאַרשידענע קאָנטינענטן און נאַציאָנאַליטעטן, אָבער פון זיי אַלע איז נאָר די אַמעריקאַנער פרוי די, וואָס זוכט די הערשאַפט איבערן מאַן. דער מחבר זאָגט וועגן איר אַזוי: „זיי זענען די האַרטסטע און די גרויזאַמסטע... אַליין האָבן זיי זיך פאַרהאַרטעוועט און זייערע מענער האָבן זיי ווייך געמאַכט“ („דאָס קורצע גליקלעך לעבן פון פראַנציס מאַקאָמבער“).

אין פריער דערמאָנטן „פינפטן קאָלום“ גיט די מורישע מיידל, אַניטאַ, אַזאַ דעפיניציע וועגן אַמעריקאַנער פרויען: „אָנשטאָט בלוט, גיב אריין פאַרב אין קערפּער, ווייסטו וואָס עס באַקומט זיך דאַן? — אַן אַמעריקאַנער פרוי...“

אין זיין בוך „מענער אָן פרויען“ (אין די דערציילונגען פעלן אויך נישט קיין פרויען), שילדערט העמינגוועי אַן אַמעריקאַנער פרוי, אַ שטומע, וועלכע (מיט דער הילף פון איר מאַן), האַלט זיך די גאַנצע צייט פון איר רייזע, אין איין באַקלאָגן אויפן „אומגליק“ פון איר טאָכטער, וואָס האָט זיך איינגעליבט אין אַ שווייצאַריער. ווי אַ רעפרען, חזרט זי כסדר איבער: „די אַמעריקאַנער מענער זענען די בעסטע“. אינטערעסאַנט איז אָבער דער פינאַל פון דער דערציילונג — דער אומדערוואַרטעטער סוף אין סטיל פון אָ. הענרי. פאַרן אָנקומען קיין פאַריז, דערציילט זי די שכנים־פּאַסאַזשירן, אַז זי גייט וואוינען סעפּאַרירט פון איר

אַמעריקאַנעם מאַן... אַזוי הייסט עס, זעען אויס די „אידעאַלע" פאַרהעלטענישן אין דעם היינטצייטיקן פאַמיליען־לעבן אין אַמעריקע.

ביים לייענען, האָט זיך מיר דערמאָנט אַ פאַלינעזישע לע־גענדע, וואָס סימבאַליזירט די צייטלאָזע מלחמה צווישן די געשלעכטער. די לעגענדע דערציילט:

אדם איז זיך איינער אליין געזעסן אין גן־עדן און נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן... האָט ער געבעטן ביי גאָט ער זאָל אים געבן אַ ווייב. און גאָט האָט אים צוליב־געטאָן און געשאַפן חוהן. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען, אַרומרייסענישן, ביז אדם האָט געבעטן גאָט ער זאָל איר צונעמען... זיין בקשה איז דערפילט געוואָרן. אָבער אָן חוהן, האָט ער זיך איצט דערפילט מער איינזאַמער, ווי פריער. טאַקע שלעכט געווען מיט איר, אָבער אָן איר איז נאָך ערגער... האָט ער געבעטן ביי גאָט, ער זאָל צוריק אומקערן חוהן אין גן־עדן. אָבער, ווי נאָר זי האָט זיך צוריק באַוויזן אין גן־עדן האָט זיך פאַר אדמען אָנגעהויבן דער אמתער גהינום... חוה האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיטן שלאַנג און זיין גיפט אַריינגעלאָזן אין אדמען... פילנדיק אַז ער וועט עס נישט אַריבערטראָגן, איז ער געפאַלן דעם רבש"ע צו די פיס און געבעטן: „באַשטראָף מיך גאָטעניו מיט וואָס דו ווילסט נאָר, נאָר נעם איר צו". האָט אים גאָט אַזוי געענטפערט: „דאָס וועט טאַקע זיין דיין שטראָף, דו זאָלסט דאַרפן מיט חוהן אָפּלעבן דיינע יאָרן..."

אין חוהס טעכטער (די אַמעריקאַנער פרוי בפרט), האָט העמינגוועי געזען די רעאַליזאַציע פון אדמס קללה... נאָך איבערטנס און שאָוס ליטעראַרישע מלחמות פאַר דער עמאַנצי־פאַציע פון דער פרוי, איז געקומען העמינגוועי און געוויזן, וואָס די מאָדערנע, עמאַנציפּירטע פרוי האָט פאַרלוירן. זי איז שוין מער נישט פעאיק אויף עכטער ליבע, נאָר בלויז אויף סעקס, זי האָט אָנגעוואוירן אפילו די באַזונגענע פרויאישע אינטואיציע און אַנדערע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן.

אינעם קאָמפּלעקס סעקס־ליבע קומט ביי העמינגווייען צום אויסדרוק די באַציאונג פונעם העלד צום לעבנס־ריטם. נישט בלויז אַפירמאַציע אָדער נעגאַציע צו די ווערטן פון ליבע —

נאָר צום לעבן בכלל. דער דיכטער באַזינגט שיר־השירימדיק די ראָמאַנטישע ליבע אין דער קאָנצעפּציע פון ניינצנטן יאָר־הונדערט, וואָס איז שוין אפילו דאַן געווען מער רעאַל אין דער ליטעראַטור, ווי אינעם לעבן.

אַגב, ענדיקן זיך נישט זיינע ראָמאַנען מיט דעם אַמערי־קאַנעם סאַכאַרין־זיסן „העפּי־ענד". איינער פון די פּאַרטנערן שטאַרבט פּריצייטיק, אָדער פּלוצלונג. אין זיין ווערק „טויט ביי טאָג", זאָגט ער צו אַ פרוי: „מאַדאַם, אַלע מעשיות אויב זיי פאַרציען זיך צו לאַנג ענדיקן זיך מיטן טויט. און דער וואָס וועט עס באַהאַלטן פון דיר, איז נישט קיין אמתדיקער דערציי־לער. באַזונדערס דאַרפסטו וויסן, אַז אַלע מאָנאָגאַמיע־געשיכ־טעס ענדיקן זיך מיטן טויט... אויב צוויי מענטשן ליבן ווירקלעך איינער דעם צווייטן קען נישט זיין קיין גליקלעכער סוף".

העמינגוועי האָט, טיילמאָל, אויף אַ מיסטישן אופן געגלויבט אין דער אומשטערבלעכקייט פון עכטער ליבע. אין „די גרינע בערג פון אַפריקע" זאָגט ער: „מיטן טויט פון איינעם (פון די געליבטע), מוז נאַטירלעך די ליבע זיך אָפּשטעלן. די פאַרגאַנ־גענע ליבע איז אָבער נישט טויט. אויב די פרוי שטאַרבט וועט דער מאַן טרויערן נאָך איר, אָבער די ליבע וואָס ער האָט דער־פאַרן בלייבט ווייטער אַן אינטעגראַלער טייל פון אים; עפּעס וואָס איז פאַרוועבט אין זיין נשמה... און אפילו ווען זי טוישט דיר אויס אויף אַן אַנדערן, בלייבט עס עקזיסטירן, ווייל ס'איז געוואָרן אַ טייל פון דיר, וואָס קען נישט אַוועקגענומען ווערן..."

קריטישע באַמערקונגען

עס האָט איינער פון העמינגוועיס קריטיקער ריכטיק באַ־מערקט, אַז זיינע טיפּן, הגם אונטער פאַרשידענע נעמען, רע־פּרעזענטירן זיי אָבער, נאָר אַ קליינעם טייל פון די מענטשן, וואָס מיר קענען, ווייל זייך וועלט איז אַ שמאָלע. „זי איז געזען דורך אַ מענטש, וואָס איז צוגעדריקט צו אַ וואַנט, און דורך דער וואַנט זעט ער נאָר אַ טונקעלן שטראַל ליכט. זיין וויזיע איז דעריבער עקסצענטריש, עס לאָזט דורך דעם גרעסטן טייל פונעם לעבן, וואָס מיר זעען מיט אונדזערע אייגענע אויגן... עס איז עפּעס נישט אונדזער וועלט".

עס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן טענות קעגן אים, הלמאי, ער, דער אינטעלעקטואַל, האָט אין זיין שאַפן פאַראורטיילט אינ־טעלעקטואַליזם. העמינגוועי האָט ווירקלעך אויסגעמיטן אין זיינע ווערק (ווי אין פּריוואַטן לעבן), די אינטעלעקטועלע וועלט. זיינע העלדן זענען, כמעט, אַלע פּראָסטע חי־וקימס: יעגער, פישער, מאַטאַדאָרן, שענק־מוידן, גאסן־פּרויען און פיל אַנדערע וועלכע געהערן נישט צום גאַר גרויסן יחוס... דאָס שטעלן זיך מיטן פּנים צום פאָלקס־מענטש איז שוין היינט צו טאָג אַן אַלגע־מיינע דערשיינונג אין דער קונסט, און העמינגוועי איז אין דעם נישט קיין אויסנאַם.

פיל וואָגיקער איז אָבער די טענה קעגן זיין עקזאַלטירן דעם מאָרד איבער חיות ווי אַ ספּאָרט ביים רינג, אָדער יאַגד. העמינגוועי האָט מיט אַ וויסנשאַפטלעכער פּרעציזקייט אָבסער־ווירט טויט און געוואַלד־טאַטן (די עלעמענטן וואָס דאָמינירן אין זיין שאַפן), געפאָרשט זיי אויפן שלאַכט־פעלד, און ווען די מלחמות זענען אַריבער, איז ער אַוועק צו די אָקסן־קאַמפן כדי צו זען דעם טויט ביים רינג.

אין „טויט בייטאָג" באַשרייבט ער מיט אַלע פּרטים די אָקסן־קאַמפן, און איז אַזוי באַגייסטערט פון מאַטאַדאָרס געשיקטקייט און מוט, אַז ער זעט ביי אים „אַ רעליגיעזן עקסטאַז", און ביים הרגענען דעם אָקס לעבט ער אפילו איבער אַ געפיל „פון טריאומף איבערן טויט", אַ רעבעליע קעגן טויט „ווען דער מענטש נעמט זיך אַליין גאָט־אייגנשאַפטן" — און ווי דער מחבר דריקט זיך אויס — „הרגענען ריין וואָס גיט דיר עסטעטישן שטאָלץ און פאַרגעניגן".

אין אונדזער (יידישער) לעבנס־באַנעמונג איז נישטאָ קיין אָרט פאַר דעם ספּאָרט „פון הרגענען ריין", און די פילאָזאָפיע פון אַזאַ „עסטעטישן שטאָלץ" רופט אַרויס אַ ווידערגעפיל. וועגן דעם פאַרגעניגן פון מאָרד ביים יאַגד, האָט אפילו אַזאַ אָפּגע־פרעמדטער ייד, ווי וואַלטער ראַטענוי (וועלכער איז זיכער געווען מער דייטש ווי ייד), באַמערקט „ווען אַ ייד באַרימט זיך, אַז ער האָט הנאה פון יאַגד, ווייס איך, אַז ער איז אַ ליגנער".

העמינגוועי האָט נישט קיין יידישע מענטאַליטעט און ער האָט ביי זיינע העלדן געזוכט מענלעכקייט, פאַרהאַרטעוועטקייט (אין „טויט ביים רינג" אָדער אויף יאַגד). ער האָט געגלויבט,

אַז די תאווה פון מאָרד איז — לויט זיין אויסדרוק — „איינע פון די גרעסטע פאַרגעניגנס פון דער מענטשלעכער ראַסע", און דאָס איז די סיבה פון פיל מלחמות. און אַז בכלל איז די מענטשלעכע נאַטור פון קינדווייז אָן געגויגט צו בלוט־דורשטיקייט און רציחה — האָט ער בעלעטריסטיש געשטאַלטיקט אין אַ דערציילונג, וואו אַ פּאָטער האָט מיטגענומען זיין ייִנגל אויף אַ קונסט־אויס־שטעלונג און געוויזן אים דאָס באַרימטע בילד, ווי נעראָ וואַרפט די קריסטן צו די לייבן אויף דער אַרענע.

„ווי אַזוי האָסטו געקענט, שרייט אויס די פרוי צום מאַן, ווייזן אַזאַ צאַרטע נשמהלע אַזאַ גרויזאַם בילד? ווי אַזוי האָט ער רעאַגירט? וואָס האָט ער געזאָגט?"

— ער האָט געזאָגט: „טאַטע, זעסט, אָט דער אָרעמער לייב האָט נישט באַקומען קיין איין קריסט"...

דער מחבר וואָלט לייכט געקענט ברענגען אילוסטראַציעס פון אַ צעיושעטן פּובליקום ביי אַ באָקס־מעטש, און אויפוויזן אַז בלוט־גיריקייט, רציחה און געוואַלד־טאַט זענען געוואָרן די קען־צייכנס פון אונדזער צייט. אָבער איין זאַך איז אויפּווייזן און אַ צווייטע — גלאָריפיצירן און באַזינגען מיט הויכע, עקזאַל־טירטע ווערטער, ווי דער מחבר טוט עס.

די אויפפירונג פון העמינגוועיס נאַטוראַליסטישע העלדן, איז נישט בלויז אַ רעזולטאַט וואָס זיי זענען נישט עטיש. פיל ערגער איז, וואָס זיי פילן נישט צו דעם קיין מינדסטן פאַרלאַנג. זייער שולחן־ערוך באַשטייט פון גוט עסן, אַ סך טרינקען, מאָ־מענטן פון מאָרד און געוואַלד־אַקט, דער ספּאָרט־פאַרגעניגן פון הרגענען, און אַ סך סעקס... איך באַטאָן: אַ סך סעקס. נעמט אַזאַ בוך ווי „צו האָבן און נישט צו האָבן" („טו העוו ענד נאָט טו העוו"), געפינט איר דאָרט פיל מער סעקס, ווי די קינסטלע־רישע זייט פונעם ווערק האָט עס געפאָדערט (אגב, קינסטלעריש איז דאָס איינע פון זיינע שוואַכסטע ווערק).

העמינגוועי האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט וועגן אַ געוויסן זשורנאַל, אַז ער „קאָמבינירט געשמאַקע שפּייז מיט סעקסאָלאָ־גיע, צו מאַכן דיר הונגעריק איןביידע". צי האָט ער אין איינעקע ווערק אַליין נישט צוגעזינדיקט דערמיט?...

און נאָך אַ וויכטיקע טענה צו אים: ער האָט אין זיין שאַפן נישט פאַרנומען קיין שטעלונג צו די „גרויזאַמקייטן און

גרוילן פון דער וועלט״ (די געצײלטע אויסנאַמען — באַשטעטיקן דעם כּלל). דער מחבר מאַכט אָפּט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געזעסן אין אַ לאָזשע און מיט אַ לאָרנעטע באַטראַכט די גרויליקע שוי־שפּיל, וואָס גייט אָן אַרום אים אין דער וועלט. אפילו דאָרט, וואו ער האָט געהאַט אַ פעסטע מיינונג וועגן גוטס און שלעכטס, האָט ער עס אויך נישט אַרויסגעוויזן אין אַ קינסטלערישער געשטאַלטיקונג אין זיינע ווערק. ער האָט, למשל, מיט אַ גאַנץ ברייטער האַנט געשטיצט די לאָיאַליסטן אין שפּאַניע (געקויפט פון זיין אייגן געלט אַמבולאַנסן פאַר 40 טויזנט דאָלאַר), אָבער אינעם ווערק וואו ער שילדערט דעם בירגער־קריג, האָט ער עס אינטעלעקטועל נישט מאַניפעסטירט און קינסטלעריש האָט ער זיך פאַרהאַלטן נייטראַל.

איך קען נישט מסכּים זיין מיט דער הנחה אַז „דער קינסטלער דאַרף אָנטיילנעמען אין די לעבנס־געשעענישן, ווי אַ סוחר, וואָס האַנדלט מיט סחורות און נישט ווי אַ פּרעדיקער, וואָס מישט זיך אין די קאָנפליקטן פון ווערטן״. עס איז פאַלש און שעדלעך צו מיינען, אַז דער קינסטלער קען זיין אין דער ראָל פון אַ באָטאַניקער אין דער וועלט פון פלאַנצן, פאַר וועמען אַלע ריחות זענען גלייך...

ער האָט אַ דערציילונג וועגן אַ מאַטאַדאָר, וואָס האָט באַקומען אַ מעלדונג פון דער בית־עולם־פאַרוואַלטונג איינצוצאָלן 20 דאָלאַר און דערמיט פּראָלאָנגירן זיין מאַמעס קבר. דער העלד באַקומט עטלעכע וואָרענונגען, און הגם ער איז פאַרמעגלעך, וויל ער דאָך נישט באַצאָלן. זיין מוטער ווערט אַרויסגענומען פון קבר און אַריבערגעפירט אין עפנטלעכן מיסט־גרוב. אַ פריינד מוסרט אים: „וואָס פאַר אַ בלוט האָט דער מענטש, וועלכער דערלאָזט אַזעלכעס צו זיין מאַמען? האָסט נישט פאַרדינט צו האָבן אַ מאַמע!״ „עס איז מיין מאַמע, האָט דער מאַטאַדאָר געענטפערט, זי איז מיר איצט טייערער ווי פריער״. ביים לייענען איז מיר אויפן געדאַנק געקומען דער פאַרגלייך מיט אשס מאָטקע גנב, וואָס פאַר אַ באַציאונג מאָטקע האָט געהאַט צו זיין מאַמען, און ער איז דאָך פאַררעכנט צום „דעק״ און דער מאַטאַדאָר צו דער „עליטע״...

שילדערן דעם פאָלקס־מענטש — אדרבא! נח פאַנדרע איז אויך אַ פאָלקס־מענטש, אָבער מיט וואָס פאַר אַ נשמה! דער

דערמאָנטער מאַטאַדאָר, האָט דאָך עפּעס אין גאַנצן קיין נשמה נישט. איז דאָס דער נאַטוראַליסטישער מענטש? איז ער געווען די וויזיע פון זשאַן זשאַק רוסאָ?

העמינגוועי האָט אונדז געוויזן עקסצענטרישע טיפּן, וועלכע זענען אַ קלײנער טייל פון די מענטשן וואָס מיר קענען, און דעריבער, איז עס נישט אונדזער וועלט וועלכע מיר זעען מיט אונדזערע אייגענע אויגן... ער האָט אַ דערציילונג „אַן אַלפּינישע אידיליע" (פון בוך „מענער אָן פרויען"), שילדערט ער דאָרט אַן אַלפּינישן פויער, וואָס האָט צוליב די טיפע שנייען נישט געקענט אַוועקפירן צו קבורה זיין פאַרשטאָרבענער פרוי. ליגט זי אַ פאַרפרוירענע אין שייער, און ביינאַכט, ווען ער גייט אַריין אַהין אַרבעטן, צינדט ער אָן אַ לאַמטערנע און הענגט זי אָן אויפן מויל פון דער פאַרשטאָרבענער.

אין אונדזערע אויגן איז עס אַ גרויסער חילול־המת אָט די אויסטערלישע „אידיליע", און ס'איבערצייגט מיר ווייניק אַזאַ באַגרינדונג: היות דאָס ווייב פלעגט אים דאָך צולײכטן בעת זי האָט געלעבט פאַרוואָס זאָל זי עס נישט טאָן אויך טויטערהייט?... ביי מיר האָט דער נאָמען „אידיליע" זיך עפּעס אַסאָציאירט מיט פּרצעס אידיליע „שלום בית", הגם איך האָב געפילט, אַז מען קען זיי ביידע נישט פאַרגלייכן אָן אַ יידישלעכן: להבדיל...

די קריטישע באַמערקונגען טאָרן אָבער נישט פאַרשטעלן און פאַרמינערן, נישט נאָר העמינגוועיס קינסטלערישע גבורה (וואָס קומט צום אויסדרוק אינעם רובֿ פון זיינע ווערק), נאָר אויך די פאַקטאָרן, וועלכע האָבן גורם געווען די אויספורעמונג פון זיין אינערלעכער וועלט. ווייל דער קינסטלער ווערט באַ־ווירקט און געפורעמט פון אַ באַשטימטער ספערע, וואָס ער זעט פאַר זיך — רעאַל און וויזיאָנעריש. זיין שאַפן איז דעריבער אַן אָפּשפּיגלונג פון אויסערלעכע און אינערלעכע עלעמענטן; פון מצב־הזמן און מצב־הרוח.

אַזאַ ווערק, ווי דער „טויט ביי טאָג", האָט העמינגוועי גע־שריבן נאָך דעם ריזיקן קראַך אויף דער ניו־יאָרקער בערזע, ווען עס האָט אויסגעזען, אַז ס'פאַלט איין דער גאַנצער עקאָנאָ־מישער סדר־העולם, און מיט אים — אַלע מענטשלעכע ווערטן. דער קינסטלער האָט געזען זיינע העלדן אין אַ וועלט, וואָס קראַכט און גייט אונטער, דערפאַר — זיין טיפער פּעסימיזם. מיר

געדענקען, אַז פון זיין פריסטער יוגנט, ווען ער האָט נאָר אָנגע־הויבן שטעלן זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, איז ער שוין געוואָרן דורכגעדרינגען מיטן קהלת־גייסט און געקענט זאָגן מיט די ווערטער פון קהלת: „איך האָב ווידער געזען אַלע רויבערייען אונטער דער זון". פון דעם איז דאָך בלויז אַ קאַצן־שפּרונג צו די אָנווייזונגען און עצות פון קהלת: „פריי זיך בחור אין דיין יוגנט און לאָז וואוילגיין דיין האַרץ אין דיינע בחורישע טעג". און איך שטעלע ווייטער: „נישטאָ בעסער פאַרן מענטשן, ווי ער זאָל עסן און טרינקען און זיך לאָזן וואוילגיין פאַר זיין מי... וואָרום וויפיל יאָרן דער מענטש זאָל נישט לעבן זאָל ער אין זיי אַלע זיין פריילעך: און זאָל געדענקען די טעג פון פינצטער־ניש... זיי וועלן זיין פיל. אַלץ וואָס געשעט איז נישטיק".

(יידיש: יהואש)

העמינגווע׳י האָט קהלתעס פּובליציסטיק טראַנספאָרמיר׳ט אין בעלעטריסטיק, געפורעמט אויפן פאָן פון אונדזער צייט. ער האָט פאַקט באַהאָפטן מיט סימבאָל און געגעבן אַ קינסטלערישן הותם די גאַנצע היינטיקע מענטשלעכע עקזיסטענץ, וואו אילו־זיעס צעגייען זיך ווי רויך, און אויב ס׳באַווייזט זיך ערגעץ וואו דער אָפּבילד פון אַ רעגנבויגן, דערמאָנט ער אינעם מבול... און אַז יעטוועדע האָפענונג איז נאָר אַ מיראַזש, די שיינענדיקע זין מוז אויך פאַרגיין...

אַזאַ יאוש האָט, וואַרשיינלעך, איבערגעלעבט דער גרויסער גאון טאָלסטאָי, ווען ער איז אין טיפן עלטער אַנטלאָפן פון זיין פרוי און היים, און די גאַנצע וועלט האָט געפרעגט: „פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן?" איך מיין אַז דעם טרעפלעכסטן ענטפער האָט געגעבן סטעפאַן צווייג אין זיין גלענצנדיקן עסיי וועגן טאָלסטאָיען:

„דער מעכטיקסטער פון אונדז אַלעמען, שרייבט צווייג, איז אַזוי פלוצלונג אָרעם געוואָרן אין פרייד. וואָס איז געשען? און די שרעקלעכסטע תשובה איז — גאָרנישט. גאָרנישט איז מיט אים געשען. אָדער אייגנטלעך — נאָך שרעקלעכער — דאָס גאָרנישט. אַ שפּאַלט האָט זיך געעפנט אין דער טיף, אַ שמאָלער, שוואַרצער שפּאַלט און ווי מיט צוואַנגען קוקט אַריין דאָס אויפגעטרייסלטע אויג אין דער דאָזיקער לערקייט... ווער עס האָט נאָר איינמאָל אַריינגעקוקט אין דעם דאָזיקן

אומבאַשרייבלעכן תהום, דער קען שוין מער נישט אָפּוועגדן זיין בליק... דאָס לאַכן ווערט פאַרפרוירן אין מויל... ער קען שוין גאָרנישט זען, נישט טראַכטנדיק וועגן דאָזיקן ניהיל..."

אין דאָזיקן תהום האָבן אַריינגעקוקט אויך העמינגוועיס העלדן...

דער טשעמפּיאָן...

איך האָב פריער אונטערגעשטראָכן די טיפע שייכותן צווישן העמינגוועיס שאַפן און זיין פּערזענלעכן, שטורמישן לעבן. עס איז בלתי־ספק, אַז ער גופא איז אונטער פאַרשידענע ליטע־ראַרישע מאַסקעס איינער פון די צענטראַלע העלדן. וואָס עס איז מער כאַראַקטעריסטיש — איז זיין באַרימטקייט צווישן אַזעלכע, וואָס האָבן אים קיינמאָל נישט געלייענט (זיינע פילמירטע ווערק האָבן פיל בייגעשטייערט צו זיין באַוואוסטקייט).

מיר איז נישט באַקאַנט נאָך אַ שרייבער פון אונדזער צייט, אַרום וועמען עס זאָלן זיך וועבן אַזוי פיל לעגענדעס און מעשיות, ווי אַרום העמינגוועיען. זיינע שאַרפע חסידים — זייער צאָל — לעגיאָן — האָבן אַרום זיין שטורמיש לעבן געשאַפן דעם אָרעאָל פון טשעמפּיאָן־מיטאָס. זיין יאַגד און פיש־פאַנג, זיין גבורה און קוראַזש האָט געשמט נישט נאָר ביי די שרייבער. מען האָט אַרויפגעקוקט צו אים ווי צו אַ מאָדערנעם הערקולעס. ער אַליין האָט אַכטונג געגעבן, אַז לעגענדעס וועגן אים זאָלן נישט אויפ־הערן צו קורסירן... און טאָמער האָט אַ קריטיקער געפּרואווט עפּעס אָפּדינגען פון זיין מיטאָס (דער שרייבער מאַקס איסטמאַן), האָט זיך העמינגוועי מיט אים אָפּגערעכנט אויף אַ גאַנץ פּראָזאַ־אישן אופן... און אויך די מעשה איז צעלייגט געוואָרן אויף טעלערלעך אין די ליטעראַרישע קיבעצאַרניעס.

זיין אַרבעטסזאַמקייט און ענערגיע איז ווירקלעך געווען פענאָמענאַל! יעדער סעקונדע האָט ער אויסגענוצט אויף שריי־בערישע אָדער ספּאָרט־אַקטיוויטעטן. אַ בן־בית געווען ביי די אָקסן־קאַמפן אין שפּאַניע (דאָס לאַנד געקענט בעסער ווי זיין היים), ביים פיש־פאַנג אין גאָלפשטראָם, אויף יאַגד אין די אַפריקאַנער דזשונגלס, ווי אין די פּאַריזער קאַפעען.

בעתן צווייטן וועלט־קריג האָט ער נאָך אַמאָל וואָלונטירט זיך געשטעלט אין דינסט פון אַמעריקאַנער פלאָט און בעת דער אינוואַזיע פון די אַליאירטע אין נאָרמאַנדיע — ווי אַ קאָרעס־פּאָנדענט, זיך מיטגעכאַפּט אויף די געפערלעכסטע פּאָזיציעס. ער פלעגט מיט זיין מיליטערישן „דזשיפּ" אַרומפאָרן אין אַלע פייערן און איינמאָל אזוי ווייט אַוועק פאָראויס פון דער אַרמיי, אַז ער האָט באַלד טעלעפאָנירט מען זאָל אים אַרויסשיקן טאַנקן, ער זאָל נישט דאַרפן אָפּטרעטן פון זיינע פאַרנומענע פּאָזיציעס... אין גענעראַל־שטאַב איז שפּעטער אָנגעגאַנגען אַ פּלוגתא צי ער דאַרף דערפאַר אויסגעצייכנט ווערן, אָדער געשטעלט ווערן פאַר אַ שטאַנד־געריכט (פאַר עובר זיין די זשענעווער קאָנווענשן וועגן קריגס־קאָרעספּאָנדענטן).

וועגן העמינגוועיס העלדישער האַלטונג אויפן פראָנט גיט איבער דער שרייבער קאַאוליע אַזאַ עפּיזאָד:

אַ גרופּע אָפיצירן און קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך איינמאָל געזעצט עסן אָוונט־ברויט אין אַ שייער. אויפן פראָנט האָט דאַן אויסגעזען צו זיין שטיל. פּלוצלונג האָט אַן עקספּלאָזיע אַ טרייסל געטאָן דעם שייער, אַרויסגעריסן די פענצטער, צע־בראָכן די לאָמפּן א.א.וו. אַלע האָבן זיך אינסטינקטיוו אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, אַ חוץ העמינגוועין, וואָס איז געבליבן זיצן רואיק ביים פענצטער און פאַרגעזעצט זיין עסן. אויף דער טענה הלמאי ער איז געבליבן זיצן אין דער סכנה? — האָט ער רואיק געענטפערט: „וואו איז מענטשלעכע ווירדע?"

נישט קיין וואונדער וואָס זיין מוטיקע האַלטונג האָט ווייטער געהאָלפן שפּינען די העמינגוועי־לעגענדע ביים יונגן דור. דער „אַלטער" האָט אויפן פראָנט געהאַט די געלעגנהייט פון דער נאָענט צו אָבסערווירן די נייע, יונגע גענעראַציע, וועלכע האָט געקעמפט פיל שווערער ווי די פריערדיקע, געהאַט מער פאַרלוסטן, און דאָך נישט געוואָרן, אזוי צו זאָגן, „פּראָ־פעסיאָנעל פאַרלוירן". דער קריג האָט דעם יונגן דור געטראָפן מער רייף און סטאַביל, און דערפאַר האָט ער, אפשר, נישט דורכגעמאַכט דעם מאָראַלישן צוזאַמענברוך, ווי דער פריער־דיקער.

*

העמינגוועי האָט וועגן צווייטן וועלט־קריג געשריבן אין זיין בוך „איבערן טייך און אין די ביימער״. זיין העלד איז דאָ אַ מידער, קראַנקער אַמעריקאַנער פּאָלקאָווניק, וועלכער פּרוּווט נאָכן קריג אַריינצוכאַפּן זיין לעצטע ליבע מיט דער יונגער מיידל רענאַטאַ. ווען זי בעט אים ער זאָל איר נאָך דערציילן פון זיין קריגס־העלדישקייט, ענטפערט ער איר: „זיי מיר מוחל, טאָכטער, אַ סך פון דעם, וואָס איך דערצייל איז אפשר נישט יושרדיק, אָבער מער אמתדיק, ווי די זאַכן וואָס דו לייענסט אין די קריגס־מעמואַרן פון די גענעראַלן. ווען אַ מענטש באַקומט אַ מעדאַל, אָדער מער, ווערט דער אמת שווער פאַר אים...״

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט דערציילט ער איר, אַז ער האָט אין זיין לעבן נאָר עטלעכע מאָל געזאָגט ליגן. ווען זי באַמערקט אים, אַז דאָס מוז זיין די סיבה, וואָס ער האָט נישט אַוואַנסירט, ענטפערט ער: „ווען איך וואָלט געזאָגט אַזוי פיל ליגנס, ווי די אַנדערע, וואָלט איך געוואָרן נישט נאָר אַ געוויינלעכער גענעראַל, נאָר באַהאָנגען אויך מיט דריי שטערנדלעך...״

העמינגוועי האָט אַ פּנים געטראָגן אַ בייז האַרץ אויף דער מיליטערישער אָנפירונג און געפּרוּווט זיך אָפּרעכענען מיט איר דורך אַ ריי בייסיקע באַמערקונגען...

אין דעם ווערק זענען פאַראַן פיל אינטעלעקטועלע מעדיטאַציעס און שיינע געדאַנקען וועגן קונסט. זיינע העלדן פון ערשטן וועלט־קריג — הענרי און קעטערין — האָבן מיט אַ באַזונדער הנאה אונטערגעשטראָכן זייער איגנאָראַנץ אין קונסט און דאָס איז מצד זיינע קריטיקער אויפגעכאַפּט געוואָרן אַלס באַווייז פון העמינגוועיס אַנטי־אינטעלעקטואַליזם. אומדירעקט האָט העמינגוועי אין דעם ווערק אָפּגעוואָרפן דעם חשד. אויך אין אַנדערע ערטער האָט ער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אונטערגעשטראָכן, אַז בעת זיין שאַפן האָט ער געהאַט פאַר די אויגן, ווי אַן הינטערגרונט, אַ לאַנדשאַפט פון סעזאַן, אַ בילד פון רובענס, פון מאַנעט און אנד. „איך האָב זיך געלערנט שרייבן, האָט ער באַמערקט, דורך גיין צו די קונסט־גאַלעריעס און שטודירן מאָלערייען״ (פאַרביטערט איז ער אָבער געווען קעגן די שרייבער, וועלכע האָבן געוואָלט ווייזן זייער אינטעלעקטועלן ניוואָ און פאַראַדירט מיט ערודיציע און וואויל־געלערנטקייט).

דאָס בוך „איבערן טייך" — איז אומברחמנותדיק אַראָפּגעריסן געוואָרן פון דער קריטיק. כמעט אַלע קריטיקער האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ דורכפאַל, און די בייסיקע צווישן זיי, האָבן באַטאָנט אַז „דער אַלטער אָדלער קען שוין מער נישט פליען נאָר בלויז קלאַפּן מיט זיינע פליגל". נישט לאַנג וואַרטנדיק, האָט דער אַלטער אָדלער זיי אַלעמען איבעראַשט מיט זיין ווערק —

„דער זקן און דער ים".

דאָס איז העמינגוועיס לעצט פאַרעפנטלעכט בוך, קליין און ווינציק אין כמות, אָבער גרויס אין איכות. ווי באַקאַנט האָט דער מחבר פאַר דעם ווערק באַקומען דעם פוליצער פרייז (1953), און די נאָבעל־פּרעמיע (1954). (איך מיין, אַז די שוועדישע אַקאַדעמיע האָט ביים געבן אים די נאָבעל־פּרעמיע גענומען אין אַכט זיינע פריערדיקע גרויסע, קינסטלערישע דערגרייכונגען, און דאָס קומט, וואַרשיינלעך, פאַר אויך ביי אַנדערע נאָבעל־פרייז געווינער).

אין דעם ווערק איז דאָ אַ סך שיינקייט, צאַרטער ליריזם, און אַנדערע פיינקייטן פון העמינגוועיס מאָדערנער דערציילונגסקונסט. אַפילו זיין פּעסימיזם איז דאָ אַרויסגעקומען געלייטערט און דערהויבן. אָבער לאָמיר קודם־כל זיך אָפּשטעלן אויפן סוזשעט, וואָס נעמט אַרום אַ פּשוטע געשיכטע פון אַן אַלטן פישער, סאַנטיאַגאָ.

שוין פיר און אַכציק טעג זינט סאַנטיאַגאָ איז אָפּגעשווימען פונעם ברעג און פאָרט איינער אַליין מיט זיין פאַנג־שיפל אויפן אָקעאַן, אָן הצלחה עפּעס צו פאַנגען.

פון נישט־דערעסן איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און ווערנדיק אַ ביסל „מיסטיש" געשטימט, האָט ער זיך אָנגעהויבן דערמאָנען זיינע יונגע יאָרן, ווען ער איז געווען דער טשעמפּיאָן אויפן ים און זיין פיש־פאַנג איז דורך אַלעמען באַוואונדערט געוואָרן. און נישט נאָר אויפן ים — ער איז דאָך אויך געווען דער טשעמפּיאָן אין אַטלעטיק און אין יאַגד. זיין קוראַזש און העלדישקייט פּנים־אל־פּנים מיט די לייבן איז געווען אַ שם־דבר איבער דער וועלט.

אָבער דאָס אַלץ איז געװען אַמאָל... היינט איז ער אַלט און אָפּגעשוואַכט, פאַרלאָזן פון גאָט און פון לייט; און זינט ס'מזל האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן, איז אפילו זיין געטרייסטער לערן-ייִנגל מאַנאָלין אַוועק פון אים צו אַ מער מזלדיקן בעל־הבית.

דער אַלטער סאַנטיאַגאָ געהערט אָבער נישט צו די וואָס גיבן זיך אונטער. ער גלויבט, אַז אַ מענטש טאָר נישט רעזיגנירן צוליב מפּלות. ער טאָר נישט קאַפּיטולירן, נאָר קעמפן אפילו ווען ער ווייסט, אַז ער וועט פאַרשפּילן. ווייל פאַרשפּילן דורך קאַמף און ווירדע גיט שוין אַליין צו אַ געוויסן אָרעאָל פון נצחון — ווערנדיק געשטאַרקט אין די געבראָכענע ערטער.

מיט אַזעלכע מעדיטירונגען פאָרט זיך אַרום אויף זיין שיפל דער הונגעריקער סאַנטיאַגאָ. פּלוצלונג, אויפן 85־טן טאָג, האָט זיין האַרפּון פאַרהאַטשיקט אַ ריזיקן שפּיז־פיש (אַ מאַרלין). עס איז דער גרעסטער פיש־פאַנג פון זיין לעבנס־פּראַפּעסיע — אָבער, ווי ציט מען אים אַליין אַרויף אויפן שיפל?

דער פאַרהאַטשיקטער קרבן שטעלט דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד. מיט אַלע זיינע כוחות קעמפט ער צו באַפרייען זיך פון שונא. ער לאָזט זיך בשום אופן נישט אַרויפציען אויפן שיפל, נאָר שווימט מיט ביי זיין זייט געפאַנגען דורך האָק און שטריק.

ביסלעכוויז פאַרלירט דער שפּיז־פיש זיינע כוחות און סאַנטיאַגאָ קריגט מיטלייד מיט אים. עס מאַטערט אים דער געוויסן: צי זענען דען נישט אַלע באַשעפענישן ברידער? קינדער פון איין טאַטן, און די נאַטור איז זייער מוטער? און וואָס פאַר אַ יחסן איז דער מענטש, אַז סך־הכל איז ער ווינציק קעגן די פיש און חיות?... דאַנקען גאָט, טראַכט ער זיך, וואָס זיי זענען נישט אַזוי אינטעליגענט ווי מיר, וועלכע הרגענען זיי. צי איז טאַקע נישט קיין זינד זיי אומצוברענגען?...

סאַנטיאַגאָ ראַנגלט זיך מיט דער סטיכיע און מיט זיין געוויסן... ער זוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין מאָרד. „איך האָב עס געטאָן צו דערהאַלטן מיין לעבן. אַ חוץ דעם: הרגעט דאָך איינער דעם צווייטן אויף אַ געוויסן אופן — אַזוי איז שוין דער סדר־העולם... און איך האָב דאָך אים אומגעבראַכט צוליב זעלבסט־פאַרטיידיקונג" — פּרוּווט דער אַלטער זיך פאַרענטפערן. „ניין",

ענטפערט אים דער געוויסן, „האָסט אים דערמאָרדעט צוליב שטאָלץ, צו באַווייזן זיך פאַר קאָלעגן, אַז דו ביסט נאָך נישט קיין אויסגעשפּילטער...״

בעת דער אַלטער האָט אַזוי געפירט זיין אינערלעכע מלחמה, האָבן דערווייל די היי־פיש („שאַרקס״) דערשפּירט דעם ריח פון בלוט פון פאַרהאַטשיקטן פיש. סאַנטיאַגאָ האָט העראָאיש געקעמפט מיט זיי, אָבער דעם פיש האָבן זיי אויפגעגעסן און ער איז אָנגעקומען צום ברעג בלויז מיטן סקעלעט און מיט אַ קהלת־פסוק: „וואָס האָט דער מענטש פאַר אַ נוץ פון דער גאַנצער מי זיינער, וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון?״...

העמינגוועי האָט אין דעם לעצטן ווערק געמאַכט אַ קינסט־לערישן סך־הכל פון זיין דורכגעמאַכטן שעפערישן לעבנס־וועג. דער אַלטער סאַנטיאַגאָ און זיין פאַך, זענען דאָך נאָר מעטאַפאָרן פאַרן קינסטלער אַרויסצוברענגען זיין פערזענלעכן געראַנגל — און דעם געראַנגל פון מין מענטש בכלל — מיט זיין געוויסן און מיט די נאַטור־כוחות.

סאַנטיאַגאָ פאַרקערפּערט דעם פּשוטן עמך־מענטש, וועמענס לעבן איז דורכגעדרינגען מיט אינערלעכער דיסציפּלין, אמונה און בטחון: „בטחון, זאָגט סאַנטיאַגאָ, איז אַ חוב פאַרן מענטש. אָן דעם וואָלט די פיזישע קראַפט און קוראַזש פון דער בעסטיע אַריבערגעוואויגן די אינטעליגענץ פונעם מענטש, וועלכער וואָלט געליטן מער מפּלות ווי נצחונות״.

דער דיכטער, וועלכער האָט ביי אַזוי פיל העלדן פון זיינע ווערק רעדוצירט די מענטשלעכע געשטאַלט צו פויסט און מוסקול־פּרינציפּ, האָט ענדלעך דערזען און אַרויסגעהויבן דעם צלם־אלוהים, די עטיש־גייסטיקע וואַליאָרן פונעם מענטש, און טאַקע דעם אַלטן יידישן בטחון פון אַשס הייליקן שניידערל.

„וועגן דער נשמה״, האָט העמינגוועי זיך אַמאָל אויסגעדריקט, „טראַכטן נאָר טויגעניכטסן. צוליב וואָס פּרוּוון איר ראַטעווען, אַז אונדזער אויפגאַבע איז צו פאַרלירן איר אויף אַן אינטעליגענטן אופן״. ס׳רוב פון זיינע העלדן האָבן טאַקע פאַר־לוירן די נשמה (און ווייט נישט אויף אַזאַ אינטעליגענטן אופן...), און נאָר געציילטע האָבן געזוכט אַ רעטונג אין גייסט (צו זיי געהער דעם דאָקטאָרס פרוי, וואָס האָט געזאָגט צו איר מאַן: „דער וואָס

הערשט איבער זיין גייסט איז גרעסער, ווי דער וואָס נעמט איין אַ שטאָט" — פון בוך „אין אונדזער צייט").

כדאי אויף דעם אָרט צו דערמאָנען העמינגוועיס אַריינפיר צו זיין ווערק „די שנייען פון קלימאַנדזשאַרא". ער דערציילט דאָרט, אַז דער מערבדיקער הויך־פּונקט פון דעם באַרג ווערט גערופן „דאָס הויז פון גאָט", און נאָענט פון דעם פּונקט געפינט זיך אַ לעאָפּאַרד־סקעלעט. „אומדירעקט, שרייבט דער מחבר, האָט דער לעאָפּאַרד געזוכט „דאָס הויז פון גאָט", ער איז אומגעקומען ביי דעם פּרואוו צו זוכן אַ תיקון פאַר זיין נשמה און אַלע וואָס וועלן דאָס פּרואוון וועלן טיילן דעם זעלבן גורל. אָבער די זוכענישן וועלן נישט זיין לאיבוד... אויך דער לעאָפּאַרד, וואָס איז פאַרפרירן געוואָרן אויף יענעם פּונקט איז געבליבן אין דער אייביקייט, במילא, געבליבן אומשטערבלעך"...

אין דעם גייסט נעמען מיר אויף סאַנטיאַגאָס גערנגל. דירעקט האָט ער ווי דער לעאָפּאַרד געזוכט שפּייז פאַרן גוף, אומדירעקט — אַ תיקון פאַר דער נשמה, אַ זין פאַר זיין לעבן. ווייל לעבן מיינט — קאַמף, לעבן מיינט שטרעבן, האָפן און גלויבן...

*

וועגן אַלץ וואָס העמינגוועי האָט געשריבן, האָט ער אַליין דורכגעלעבט: קריג, אָקסן־קאַמף, פיש־פאַנג, יאגד א.א.וו. אומעטום האָט ער געזען דעם מענטש אין קאַמף, אין אויסערלעכן ווי אין אינערלעכן גערנגל. ער איז אַליין געגאַנגען פאָראויס פאַר זיינע העלדן, זיך אידענטיפיצירט מיט זיי, אַליין געווען דער הויפּט־העלד פון זיינע ווערק און טיילמאָל איז שווער צו זען די דעמאַרקאַציע־ליניע פון זיין לעבן און פון זיין שאַפן.

ער האָט געוואָלט געניסן פון דער גאַנצער עולם־הזהדיקייט, וואָס אַ מענטש קען אַריינכאַפּן אינעם לעבן, נישט אָפּגעלייגט עס אויף שפּעטער, נאָר שוין, איצט, ווייל מאָרגן קען זיין צו שפּעט... ווי ער דריקט זיך אויס דורך דעם העלד ראָבערט דזשאָרדאַן:— „כ'נעם אָן, אַז מען קען פּונקט אַזוי דורכלעבן אַ לעבן, אַ פולס, אין משך פון זיבעציק שעה, ווי אין זיבעציק יאָר". און אויף אַן אַנדער אָרט: „דו האָסט איצט — און „איצט" — איז דיין גאַנץ לעבן... וויפיל יאָר דאַרף מען דורכלעבן דו זאָלסט דאָס פאַר־

שטיין? — — — דאָס גוטע לעבן מעסט מען נישט מיט קיין ביבלישער מאָס..."

העמינגוועי האָט דאָס פאַרשטאַנען און גענומען פונעם לעבן, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט... גענומען, אָבער אויך געגעבן מיט אַ סך טאַלאַנט און מיט אַ ברייטער האַנט. ער האָט גענאָסן דוכט זיך פון אַלע ערדישע תענוגים און דאָך ביי דעם אַלעם — ביי זיין אומגעהויערן דערפאָלג און באַרימטקייט — אָפט אַזוי איינזאַם געווען! אַזוי ביים אָנהויב פון זיין לעבן, און אַזוי ביים סוף, ווען ער האָט דערגענטערט מיט זיין אייגענער יאַגד־ביקס...

פאַרוואָס איז סטעפאַן צווייג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד ?...

(פען־פּאָרטרעט)

פון דער פּלעיאַדע יידיש־דייטשישע שריפטשטעלער האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט דאָס לעבן און שאַפן פון סטעפאַן צווייג.

אויף זיינע ווערק ליגט דער חותם פון אַ סובטעלן שרייבער און קינסטלער; אַן אינטעלעקטואַל מיט אַ סך ערודיציע און קולטור; פון אַ וועלט־רייזנדן, וואָס האָט אויסגעמאָסטן לענדער און קאָנטינענטן, און געזען מענטשלעך לעבן אין די פאַרשידנ־סטע אויסדרוקן און וואַריאַציעס. צו דעם איז ער געבענטשט געוואָרן מיט אַ וואונדערלעכן אויג און אויער, צו זען, צו הערן, און אויפכאַפּן די דינסטע וויברירונגען פון דער מענטשלעכער נשמה, אין וועלכער ער האָט אַזוי טיף געקענט אַריינדרינגען. זיינע שאַפונגען פאַרמאָגן די סובטעלע לייכטקייט פון אַן אַרטור שניצלער און די פּסיכאָלאָגישע קאָמפּליצירטקייט פון אַ זיגמונד פרויד, וועמענס איינפלוסן זענען שטאַרק קענטיק אין צווייגס ווערק.

אין זיינע דערציילונגען האָט צווייג געמאָלן דאָס ראָמאַנ־טישע און רעאַליסטישע. זיין ווירקונגס־ספערע האָט אַרומגע־נומען טרוים און רעאַליטעט. ער פלעגט זוכן די אַסאָציאַציעס פון אינערלעכע איבערלעבונגען מיט אויסערלעכע פּאַסירונגען. און געזוכט האָט ער נישט אין דעם אויבערשטן, העל־באַלויכ־טענעם שטאָק, נאָר אין די פינצטערסטע לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער נשמה; אונטער דעם גלאַטן אויבערפלאַך, האָט ער געפּרואווט אויפדעקן טראַגישע סיטואַציעס פון זיינע העלדן; אויפדעקן די עלעמענטן, וועלכע זענען די טרייב־קראַפט פון מענטשלעכן גורל, פון גייסט און אידייען: „פליסט דאָך גייסט

אַרויס פון בלוט און פוןליידנשאַפט שאַפט זיך ענטוזיאַזם, שרייבט ער ערגעץ, די דאָזיקע עלעמענטן זענען די טרייב־קראַפט פון שיקזאַלן און אידייען״.

צווייג איז געווען פון די געציילטע קינסטלער, וועלכע האָבן אַזוי טיף אַריינגעקוקט אין דער נשמה פונעם קינד און געזען דעם צוזאַמענשטויס פון קינדס וועלטל מיט דער וועלט פון די דערוואַקסענע. ווי אַ זעלטענער ווירטואָז האָט ער אויסגעשפּילט אין זיין שאַפן די וויברירונגען פון יעדן קלאַנג און טאָן, ווי אויך די אַלגעמיינע פּסיכישע צעטרייסלונג, וואָס צביעות און ליגנס רופן אַרויס אין דער קינדערשער נשמה (אַלס אילוסטראַציע — די דערציילונג „דערוואַכונג״).

צווייג האָט טיף געגלויבט אין דער שליחות פונעם קינסט־לער, און אין כוח פון דיכטערישן וואָרט אויפצוהייבן דאָס לעבן צו העכערע הויכן. גלייכצייטיק איז ער געווען אַ ראַציאָנאַליסט און געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען אויף דער מאַכט פון לאָגיק — אַלס פאַקטאָר אין דער דערהויבונג פונעם מענטש; און געגלויבט האָט ער אַזוי לאַנג אין אַ וועלט פון הומאַניזם, ביז אַ שוואַרצער שטורעם (פון נאַציסטישן קאַטאַקליזם), האָט אים פאַרטריבן פון זיין היימלאַנד און דערפירט צום אָפּגרונט. אין 1942 האָט ער אין בראַזיל אויסגעטרונקען, צוזאַמען מיט זיין יונגער פרוי, דעם בעכער פון סם...

נישט ווייניק זעלבסטמאָרדן זענען פאָרגעקומען אין יענע טראַגישע יאָרן, וועלכע האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן אָפּ־קלאַנג, אָבער סטעפאַן צווייגס טראַגישער אַקט, האָט אַרויסגע־רופן אַ טיפן עכאָ אין דער וועלט. אומעטום האָט מען געפרעגט: „פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן?״ מען האָט געזוכט אַן ענטפער אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך „די וועלט פון נעכטן״, מען האָט געזוכט אַ באַשייד אינעם בוך פון זיין ערשטער פרוי (פרידעריקאַ צווייג), און אין די אָפּהאַנדלונגען פון זיינע נאָענטע פריינד און פאַרערער. אָבער זיי, פונקט ווי זיין געזעגענונגס־בריוו צו דער וועלט, גיבן נישט קיין גענוגנדיקע שיין צו באַלייכטן די פינצ־טערע מיסטעריע.

אין אַ בריוו צו זייגעם אַ פריינד, אַ פּאָר וואָכן פאַרן זעלבסט־מאָרד, האָט צווייג געשריבן: „אַלץ וואָס איז געשען קען אפשר העלפן די קומענדיקע גענעראַציעס, אָבער נישט אונדזערע. די

וואָס זענען רואיק אַוועק, זענען אפשר די קליגסטע. זיי האָבן געהאַט אַ קיילעכדיק לעבן, און מיר הענגען, ווי שאָטנס איבער זיך..."

צווייג איז אין יענער צייט אַרומגעגאַנגען מיט אַ בלוטיקער וואונד אין האַרצן, וואָס איז געוואָרן שטערבלעך אומהיילבאַר אין אָנבליק פֿון די שוואַרצע פֿראָנט־ידיעות, אָנהויב 1942. זיין אויסגעטרוימטע אייראָפּע — דאָס מלכות פֿון ווערהאַרן, רילקע און ראָמען ראָלאַן — האָט בעתן נאַציסטישן פּאַראויסמאַרש אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן. עס איז אים אויך נאָכגעגאַנגען דער שאָטן פֿון דער יידישער טראַגעדיע, וועלכע האָט אים באַ־גלייט פֿון עסטרייך ביז בראַזיל... פֿון אָט די צוויי אַספּעקטן וועלן מיר באַהאַנדלען אין די ווייטערדיקע שורות זיין לעבן און שאַפֿן.

*

סטעפֿאַן צווייג איז געבוירן געוואָרן אין ווין ביי יידישע עלטערן, וועלכע האָבן שוין געהאַט הינטער זיך דעם „סטאַזש" פֿון אַ פּאָר דורות אַסימילאַציע. דער הויפּט־עלעמענט פֿון זיין דערציאונג איז געווען די דייטשע קולטור. יידישע קולטור — אפילו נישט אויף קיין רפואה! במילא, קיין אידענטיפֿיצירונג מיטן יידישן פֿאָלק און מיטן יידישן לעבן און שאַפֿן. די גאַנצע דערציאונג אין יענער סביבה האָט געהאַט איין ציל: קאַריערע! די פּערזענלעכע דערגרייכונגען, דאָס שטייגן אויפֿן סאָציאַלן לייטער, איז געווען אַן אומבאַדינגטער תנאי אַקצעפּטירט צו ווערן אין דער „העכערער געזעלשאַפֿט".

די היים־אַטמאָספֿער פֿון צווייגס עלטערן איז געווען די זעלבע, ווי אין ענלעכע היימען פֿון אַסימילירטן יידישן מיטל־קלאַס אין ווין. אין דער קרוין־שטאָט האָט זיך דאַן דער אַנטי־סעמיטיזם נישט מאַניפֿעסטירט אין ברוטאַלע פֿאָרמען. יידן האָבן פֿאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין ווירטשאַפֿטלעכן, ווי אין קולטורעלן לעבן, מען האָט זיי אַרויסגעזען אין דער העכערער געזעלשאַפֿט. און אויב עס איז, דאָ און דאָרט, יאָ געקומען צום אויסדרוק „יודע־פֿאַביע" האָט דער אַסימילירטער ייד געגלויבט, אַז די שנאה קעגן יידן איז אַ רעזולטאַט פֿון דער נישט „קולטו־רעלער" האַלטונג מצד די יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך נישט „באַפֿרייט" פֿון די געטאָ־שטריכן... אָבער דאָס איז נישט נוגע זיי,

וועלכע האָבן שוין באַקומען די „איינטריטס־קאַרטע" צו דער „בעסערער" נישט־יידישער געזעלשאַפט.

אַנדערע האָבן אין שמד געזען דעם ראַדיקאַלסטן מיטל פטור צו ווערן אי פון אַנטיסעמיטיזם, אי פון יידישן גורל... נישט ווייניק עלטערן האָבן טאַקע באַצייטנס אָפּגעשמדט זייערע קינ־דער, מורא האָבנדיק, אַז זיי וואָלטן, אפשר, שפּעטער אַלס דער־וואַקסענע נישט געהאַט דעם מוט עס אַליין צו טאָן... געמישטע חתונות זענען אויך געווען אַ סגולה. ביי אַ סך — דער סימן מובהק פון פולער עמאַנציפּאַציע. בכלל גענומען, האָבן זיי אויפגענומען די בירגערלעכע עמאַנציפּאַציע, ווי אַ באַפרייאונג פון יידישקייט, און — אַזוי האָבן זיי געגלויבט — אויך פון יידישן שיקזאַל מיט אַלע זיינע באַגלייט־דערשיינונגען...

די דרייפוס־אַפערע האָט זיי געטראָפן, ווי אַן אַטאָם־באָמבע! קאַפּיטאַן דרייפוס איז געווען פון דער זעלבער אַסימילירטער סביבה, ווי זיי אַלע. אַ מענטש מיט אַ הויכער קאַריערע, מיט אָפענע טירן פאַר זיך אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. דער פאַקט וואָס אין פראַנקרייך — דאָס וויגעלע פון עמאַנציפּאַ־ציע, דער צענטער פון דער אינטעלעקטועלער אייראָפּע — האָט געקענט פאָרקומען אַזאַ קאַלטבלוטיק־אַנטיסעמיטישער אַקט — האָט אַרויסגערופן אַ צערודערונג ביי די אַסימילירטע שיכטן, וועלכע האָבן זיך דערפילט, אויף אַ ווייל, אומהיימלעך. כ׳באַטאָן אויף אַ ווייל, וואָרום דער דרייפוס־שטורעם איז ביסלעכוויז שטיל געוואָרן, און זיין שפּעטערדיקע רעהאַביליטאַציע האָט באַוויזן דעם זיג פון „פראָגרעס" און „פאַרנונפט".

בלויז יחידים פון דער אַסימילירטער יידישער אינטע־ליגענץ האָט די דרייפוס־געשעעניש נאַציאָנאַל באַווירקט זייער וויטערדיק לעבן. צו זיי האָט נישט געהערט די סביבה און היים פון סטעפאַן צווייג.

*

נאָך זיצנדיק אויפן שול־באַנק האָט דער יונגער צווייג זיך אויסגעטײלט מיט זיין סטיל און ערודיציע. זיין ליטעראַרישער דעביוט מיט אַ ביכל לידער איז נישט אַריבער אומבאַמערקט. כדאי דאָ אונטערצושטרייכן די ליטעראַריש־פולסירנדיקע אַטמאָ־ספער פון ווין, די שטאָט, וואו פּאָליטישע ירידה איז קאָמפּענסירט געוואָרן מיט אַ ברויזנדיק קולטור־לעבן, מיט טעאַטער־גלאַנץ

און מוזיק. די גאַנצע לופט איז פול געווען מיט קונסט, און מיט יונגע אויפגייענדיקע „שטערנס" גלייך פון דער שול־באַנק.

דער שרייבער סטעפאַן צווייג איז ערשט געוואָרן גוט באַקאַנט, ווען ער האָט אַריינגעפירט אין דער דייטש־רעדנדיקער וועלט דעם בעלגישן דיכטער עמיל ווערהאַרן. צווייגס קלאַסישע איבערדיכטונג האָט געבראַכט ביידע אַ גרויסן דערפאָלג: ווערהאַרן איז באַרימט געוואָרן איבער אייראָפּע מיט זיינע גרויס־דיכטערישע שאַפונגען, און מיט זיין אידייע פון אַ פאַראייניקטער אייראָפּע, און גלייכצייטיק איז אויך געשטיגן די רעפּוטאַציע פון זיין איבערזעצער, וועלכער האָט פון גרויסן בעלגישן פּאָעט אַ סך געלערנט. צווייג אַליין דערציילט, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט געהאַט אויף זיין ליטעראַרישער אַנטוויקלונג דאָס לערנען זיך ביי די גרויסע, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן און אַרבעטן איבער זיך.

צווייג איז אויך שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דעם באַרימטן פראַנצויזישן שרייבער, און גרויסן אייראָפּעער — ראָמען ראָלאַן.

נישט דאָ איז דער אָרט זיך אָפּצושטעלן ברייטער, וואָס דער נאָמען ראָמען ראָלאַן האָט באַדייט אין דער אייראָפּעאישער וועלט ערב און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווי באַקאַנט, איז דאַן נישט נאָר די פּאָליטישע וועלט, נאָר אויך די אינטעלעקטועלע און קינסטלערישע וועלט געווען געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן. שרייבער וועלכע האָבן יאָרן לאַנג געפּרעדיקט פּאַציפיזם, זענען ממש איבער נאַכט געוואָרן די הויף־זינגער פון פּרייסישן מיליטאַריזם און שאָוויניזם, אָדער פון צד שכנגד. בלויז געציילטע זענען געגאַנגען קעגן שטראָם, און איינער פון זיי איז געווען — ראָמען ראָלאַן.

ראָלאַן איז פון פראַנקרייך אַוועק אין דער נייטראַלער שווייץ, און דאָרט אַרויס אין קריג קעגן דער משוגעת פון מיליאָנען... אַליין אַ פיזיש־קראַנקער, תמיד זיך געראַנגלט מיט אַ כראָנישן הוסט, אָבער אין זיין פאַרצערטן גוף, וואָס האָט געמוזט רוען נאָך יעדן שנעלן טריט, האָט געשטעקט אַן אומגעהויערע גייסטיק־מאָראַלישע גבורה. ער האָט נישט אויפגעהערט צו פּראָפּאַגירן זיין טיפן גלויבן אין הומאַניזם, געוועקט האָפענונג אויף אַ פרידלעכער וועלט, און אמונה אין הומאַניסטישע ווערטן. „אָן אַ

גלויבן", האָט ער געשריבן אין „זשאַן קריסטאָף", „קען מען נישט לעבן, פונקט ווי מען קען נישט אָטעמען אָן לופט".

צווייג האָט מיט דעם גרעסטן יראת־הכבוד זיך באַצויגן צו אים און מער נאָך, ווי פון דעם גרויסן קינסטלער, איז ער באַצויבערט געוואָרן פון דער גרויסער עטישער פערזענלעכקייט. נאָך פאַרן קריג פלעגט צווייג עולה־רגל זיין צו זיינע לערער און פריינד אין בריסל און פאַריז, און זיך געפילט דאָרט אַ בן־בית. דאָס האָט געלייגט אַ חותם אויף זיין ליטעראַרישן שאַפן. די איב־טימע פאַרבינדונג מיט ראָלאַנען בעתן קריג האָט אים סטימו־לירט אָנצושרייבן זיין דראַמע „ירמיהו".

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס צווייג האָט אין יענעם פעריאָד אויסגעקליבן אַ ביבלישע טעמע פאַר זיין דראַמע. אין ירמיהו דעם נביא, האָט ער געהאַט פאַר זיך דעם גרויסן מענטש, וועלכער האָט אין זיין צייט רעוואָלטירט קעגן דעם אומזין פון מלחמה. און נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: ירמיהו, וועלכער איז אין די צייטן פון קריגס־שיגעון פאַרשריגן געוואָרן פאַר אַ פחדן, אַנטפּלעקט זיך פאַרן פאָלק (אין דער טראַגישער שעה פון זיין מפלה), אַלס גרויסער העלד. ער איז דער גרויסער טרייסטער, וואָס מוטיקט די צעשלאָגענע (און דערשלאָגענע) מחנות. מיט זיין פלאַמיקן טרייסט־וואָרט דערהאַלט ער דאָס פאָלקביים לעבן, און ער באַווייזט נאָך דעם גרויסן וואונדער, וואָס די באַזיגטע ווייזן זיך אַרויס צו זיין גייסטיק־שטאַרקער, ווי די זיגער...

נאָך פאַרן קריג האָט זיך צווייג געראַנגלט מיטן פּראָבלעם פון גייסטיקער גבורה אינעם לעבן פון פעלקער: „אין דעם כסדו־דיקן קאַמף, באַמערקט ער, צווישן געוואַלד־טאַט און פרייען יחיד — לערנט אונדז די געשיכטע, אַז דער יחיד קען באַזיגט ווערן דורך געוואַלד, אָבער זיין גייסט לעבט ווייטער".

ביים אויסוואַל פון דער טעמע האָט אויך געווירקט — מעג־לעך אומבאַוואוסטזיניק — דער יידישער מאָמענט. אַ טיף־פאַר־באָרגענע סטרונע האָט וויברירט און אָנגעמערקט זיין בלוט־קרו־בהשאַפט מיט דעם פאָלק, וואָס איז דורך אַנדערע פעלקער כסדר באַזיגט געוואָרן, און דאָך זיי איבערגעלעבט אַ דאַנק עפּעס אַ מיסטעריעזער קראַפט — די קראַפט פון אַ שטאַרקן לעבנס־ווילן!

דער דיכטער האָט די שלוס־סצענע פון דער אָראַטאָריע

פאַרוואַנדלט אין אַ הימן צו דעם גורל פון די באַזיגטע. פּאַטעטיש רופט ער אויס:

„וואַנדער־פאָלק, גאָטס פאָלק, שטיי אויף! קוק אין דער ווייטקייט קוק נישט צוריק... די וואָס זיצן האָבן די היים, אָבער די וואָס וואַנדערן האָבן די וועלט... מיר וואַנדערן דורך פעלקער, מיר וואַנדערן דורך דורות, דורך אומענדלעכע וועגן פון ליידן און פּיין, יענע וואָס האָבן אונדזער רוקן געבויגן, זענען פאַרשוואונדן מיטן שטראָם פון צייט... מען קאָן אַ מענטש טויטן, אָבער נישט דעם גאָט, וואָס לעבט אין אים, מען קען אַ פאָלק אונטעריאָכן, אָבער נישט אומברענגען זיין גייסט".

פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז „ירמיהו" אַ שוואַכע דראַמע. מען דאַרף זי אָבער אויפנעמען אויפן פאָן פון יענער צייט, ווען יעדער פּאַציפיסטישער אַרויסטריט איז היסטעריש פאַרשריגן געוואָרן אַלס פאַרראַט — גראָד דאַן האָט צווייג אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און כאַראַקטער! — אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אים אין זיין ווייטערדיקן לעבן און שאַפן אַזוי שטאַרק געפעלט...

*

קיין סך יידישע מאָטיוון קען מען אין צווייגס ווערק נישט געפינען. צווישן די געציילטע געהער זיין באַאַרבעטע לעגענדע א.נ. „די באַגראָבענע מנורה".

דער דיכטער זוכט אַ זין אין דעם געשיכטלעכן גורל פון יידישן פאָלק: „אפשר האָט גאָט חרוב געמאַכט זיין בית־המקדש און אַרויסגעטריבן אונדז פון די היימען, מיר זאָלן אָפּוועגדן אונדזער געדאַנק פון זעבאַרן און בלייבן געטריי דעם אומזעבאַרן... ער האָט געצייכנט אונדזער וועג תמיד צו זיין אויף די פיס, קוקן מיט אומעט אויף צוריק און ווערן די וויזיאָנערן פונעם וועג פאָרויס..."

דער מחבר זוכט אַ באַשייד פון דעם פּראָבלעם פון פיזישער און גייסטיקער גבורה: „זענען דען די העלדן פון שווערד — אין אַ געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו — שטאַרקער געווען ווי די העלדן פון גייסט?"... און וועגן דער צעשפּרייטקייט פונעם יידישן פאָלק, דאָס וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד גיט ער אַזאַ באַטאָנונג: „מיר וואַנדערן איבער אַן אַלטן וועג, זאָגט דאָרט דער רב ר' אליעזר צום קינד. מיר האָבן זיך אַמאָל באַזעצט אויף לאַנד און געגלויבט, אַז אונדזערע וואַנדערונגען האָבן זיך

שוין פאַרענדיקט... מיר האָבן געהאַט פרידן אין לאַנד, ביז ס'איז אָנגעקומען פון מזרח אַ שטאַרקערער פאָלק און פאַרכאַפּט אַלץ, וואָס קען נאָר אָנוועקגעפירט ווערן און דאָס איבעריקע פאַר־ניכטעט... פון דאַן אָן באַוועגן מיר זיך פון אָרט צו אָרט... און טראָגן אונדזער צעשפּרייטקייט, זענען מיר מער געאייניקט, ווי ווען ס'איז אַנדער פאָלק... אין לעצטן סך־הכל, איז גייסט שטאַרקער פון מאַכט, און נאָר דערפאַר האָבן מיר איבערגעלעבט די, וואָס האָבן זיך פאַרלאָזט נאָר אויף מאַכט" („די באַגראָבענע מנורה").

דער דיכטער האָט דערשפּירט דעם אָנקומענדיקן חורבן און געזוכט אַ טרייסט־וואָרט צו שטאַרקן דאָס פאָלק. ער האָט אַ טרייסט־וואָרט געפונען אין דער באַטאָנונג אַז: „מיר זענען די טרעגער פון וועלט־געוויסן". מיר לעבן מיט דער איבערצייגונג, וואָס פליסט אין אונדזער בלוט, געפיל און מחשבה, אַז „נישט זיי, נאָר מיר זענען די גערעכטע". „זיי", מיינט ער די גיפט־פאַרשפּרייטער, די אַלע שוואַרצע כוחות פון דער וועלט, וואָס ווילן אונדז פאַרלענדן...

צווייגס זאָג: אַז מיר זענען געוואָרן דער באַראָמעטער און טרעגער פונעם וועלט־געוויסן, שליסט זיך אָן אין אַן אַנדער טעזע, וואָס איז לעצטנס געקומען צום אויסדרוק ביי אייניקע — נישט־יידישע — שרייבער, וועלכע באַצייכענען די דערשיינונג פון אַנטיסעמיטיזם אַלס אויסדרוק פון פּסיכישער צעשפּאָלטנ־קייט. דער עטיש־רעליגיעזער לעבנס־באַנעם, וואָס זיינע אור־זיידעס האָבן איבערגענומען פון יידן בעת דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום — דריקט אויפן אונטערבאַוואוסטזיין און צוימט זיינע חיהשע אינסטינקטן. לאָזט ער דעריבער אויס זיין זאַאָ־לאָגישע שנאה צו די, וואָס באַאומרואיקן דעם א.ג. געוויסן פון דער קריסטלעכער וועלט... גיי איך דאָ נישט אַריין אין דעם עצם ענין פון אַזאַ מין אויסטייטשונג פון אַנטיסעמיטיזם. איך האָב עס געבראַכט בלויז ווי אַן אגב־אורחאדיקע באַמערקונג. און נאָך דער קליינער דיגרעסיע — צוריק צו אונדזער אָפּ־האַנדלונג וועגן צווייגס לעבן און שאַפן.

*

נאָכן ערשטן וועלט־קריג, האָט צווייג זיך באַזעצט אין זאַלצבורג, די שטאָט פון די באַרימטע מוזיקאַלישע פעסטיוואַלן.

זיין הויז איז דאַן געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט פאַר דער אינטעלעק־טועלער און קינסטלערישער עליטע פון איראָפּע. אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך („די וועלט פון נעכטן”), דערמאָנט ער נעמען פון פיל באַרימטע שרייבער און קינסטלער מיט וועלכע ער האָט זיך אָפּט געטראָפן אין זיין הויז אויפן שוועל פון די דרייסיקער יאָרן. אין יענעם פעריאָד איז צווייג געווען זייער שעפעריש אין אַ ריי זשאַנערן. ער האָט געשריבן דערציילונגען, עסייען, און מאָנאָגראַפיעס, באַזונדערס וועגן היסטאָרישע געשטאַלטן, דורך וועלכע ער פּרואווט צו דערפילן דעם פּולס פון אַן עפּאָכע און די איינפלוסן פון דער אינדיווידועלער פּערזענלעכקייט אויפן גאַנג פון דער געשיכטע.

צווייג הויבט אָן דאַן צו שאַפן אַ סעריע מאָנאָגראַפיעס א.נ. „בויער פון דער וועלט”. מיט טיפער פּסיכאָלאָגישער אַריינדרינגונג אין דעם מהות, גייסט און סטיל פון די גרויסע מייסטערס — צייכנט ער די פּאָרטרעטן פון באַלזאַקן, דיקענסן און דאָסטאָיעווסקין. ער פּרואווט צו פאַרקערפּערן אידייען דורך די גרויסע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן, זייערע איינפלוסן און חותם אויף דער עפּאָכע. אין די דאָזיקע גלענצנדע אָפּהאַנד־לונגען מאַניפעסטירט זיך צווייג מיט אַ שאַרף אויג און אויער פאַר די סובטעלסטע פּסיכישע ניואַנסן; מיט זיין גרויסער ערו־דיציע, באַלאַנסירט דורך וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג.

אַ באַזונדער פּיעטעט האָט צווייג אַרויסגעוויזן אין זיין גרויס־פאַרמאָסטענער אַרבעט וועגן באַלזאַקס לעבן און שאַפן. איבער דרייסיק יאָר האָט ער געטראָגן ליים און ציגל, וועלנדיק אויפבויען אַ גרויסן מאָנומענט פאַרן מייסטער, וועלכער האָט אויף אַזאַ קינסטלערישן אופן אויפגעכאַפּט אַלע פיזישע און גייסטיקע מאַניפעסטאַציעס פון זיין תקופה (אַן איבערגאַנגס־צייט, ווען די אַריסטאָקראַטיע האָט אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון דער היסטאָרישער אַרענע).

צווייגס פאַרמעסטונג איז געווען אַ גרויסע, אָבער פון באַלזאַק־מאָנומענט האָט ער בלויז באַוויזן אויפצושטעלן דעם פונדאַמענט און ביי דעם געבליבן שטיין.

פון צווייגס פּעדער זענען אַרויס אַ ריי מייסטערהאַפטע מאָנאָגראַפיעס וועגן ראָלאַן און קלייסט, מאַריע אַנטואַנעט און פושע, עראַזם און טאָלסטאָי — צו דערמאָנען נאָר אייניקע פון;

זיי. אין די אַלע פּאָרטרעטן זענען פֿאַראַן אַלע מעלות פֿון צוויגן (ווען די חסרונות וועלן מיר רעדן שפּעטער), ווי למשל, פּסי־כאָלאָגישע פּאַרטיפּטקייט, וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען און קינסטלערישע אינטואיציע, וואָס גיט ווירקלעך מער צו דערקע־נען אַ מענטשן, ווי אַלע דאָקומענטן אין דער וועלט.

*

אַלס ביאָגראַפֿער האָט צווייג געזוכט און געגישטערט אין די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך. ער האָט זיך איינגעשאַפֿט אַ גרויסע קאָלעקציע פֿון כּתב־ידן, אַריינצודרינגען אין קינסטלע־רישן וואַרשטאַט, צו זען דעם רוי־שטאָף אינעם פּראָצעס פֿון אָפּקלויב. ער האָט אין די מאַנוסקריפּטן געזוכט אַ שליסל צו דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט און באַזונדער פֿון אַזעלכע קאָמפּליצירטע גאונים, ווי דאָסטאָיעווסקי און טאָלסטאָי.

אָט איז דער פּענאָמען דאָסטאָיעווסקי. אַ פּרוידיסט אין זיין ליטעראַרישן מעטאָד, נאָך איידער די וועלט האָט פֿון אַזאַ נאָמען געהערט, און ער איז — ווי קיינער ביז אים — אַריינגעדרונגען אַזוי טיף אין דער מענטשלעכער נשמה. זיינע באַדינגונגען האָבן אים, ליידער, נישט דערלויבט איבערצושרייבן, פּוצן און רייניקן זיינע אַרבעטן. דאַקעגן טאָלסטאָי האָט אין גליקלעכערע מאַ־טעריעלע באַדינגונגען זיבן מאָל איבערגעשריבן אַזאַ ווערק ווי „קריג און פֿרידן" און יעדן זאַץ און סילאַבע קאָרעגירט און נאָכקאָנטראָלירט. ווען ער האָט געהאַלטן ביי דער באַשרייבונג פֿון די באַוואוסטע קאַמפֿן ביי באָראָדינאָ, איז ער במשך פֿון צוויי טעג אַרומגעפֿאָרן דאָרטן מיט אַ מאַפּע אין דער האַנט, אויסגעפֿאָרן די ווייטסטע מרחקים, צו רעדן מיט לעבנגעבלי־בענע מענטשן, געגישטערט אין די אַרכיוון, אין בריוו, און אין דאָקומענטן, און אַזוי אַרום צונויפֿגעקליבן דעם אויטענטישן רוי־שטאָף פֿאַר זיין גיגאַנטישער אַרבעט.

צווייגס מאָנאָגראַפֿיעס פֿון די דערמאָנטע קינסטלער, גיבן אַ שליסל בעסער צו פֿאַרשטיין די פֿאַרשידענע וועלטן, וואָס ליגן הינטער זייערע ווערק. אַזוי, למשל, זענען די פֿאַמיליעס ביי טאָלסטאָיען פּאַראייניקט און גליקלעך. מיר זעען אַ פּאַטרי־אַרכאַלע וועלט באַשטראַלט מיט זון־ליכט, ליבשאַפֿט, און אַ פֿעסטן באָדן אונטער די פֿיס.

טאָלסטאָיס זין ליבן זייערע פאָטערס, אָבער דאָסטאָיעווס־קיס — דערמאָרדן זיי! זייערע פאַמיליעס זענען צעריסן און די קינדער, אפילו פון דער א.ג. געזעלשאַפט, ווערן נישט דער־צויגן דורך זייערע עלטערן (דימיטריס מאַמע איז אַנטלאָפן פון מאַן, ווען דאָס יינגל איז קוים אַלט דריי יאָר און ער ווערט גאָכגעקוקט דורכן משרת גריגאָרי, שפּעטער דורכן עלטער־פע־טער מיוזאָף). צי קען מען זיך גאָר פאָרשטעלן ביי טאָלסטאָיס העלדן אַ קאַראַמאַזאָוו־טיפּ?

יעדער גרויסער ראָמאַניסט שאַפט זיך אַן אייגענע וועלט, וואָס האָט ביז זיין שאַפן פריער נישט עקזיסטירט; און אַזוי אויך דאָסטאָיעווסקי, וועלכער האָט מיט זיינע טיפן און אימאַזשן גע־צוואונגען די לייענער צו זען די וועלט אויף אַן אַנדער אופן: מיט אַ נייעם בליק און אויסטייטשונג, מיט פאַנטאַסטישע טיפּן און זייערע פּאַסירונגען. ער האָט מיט אַ זעלטענער קינסטלערישער גבורה אַרויסגעהויבן די וויכטיקייט פון „דאָס האַרץ" ווי אַ קעגנזאַץ צום „קאָפּ", און ווי ער דריקט זיך אויס: „וואָס מער מח — אַלץ מער נודנעקייט"... זאָסימאַ דריקט אויס דאָסטאָ־יעווסקיס איבערצייגונג אַז „דאָס פאַרלאָזן זיך אויפן אינטעלעקט פירט לאָגיש צו פאַרברעכן". און וועגן די וואָס פאַרלייקענען גאָט — „אָפּוואַרפן גאָט, זאָגט זאָסימאַ, וועט די וועלט, אין רע־זולטאַט, אין בלוט זיך באָדן..." נישט דער טיפער מח, נאָר דאָס אומרואיקע האַרץ האָט די בכורה.

צווייג האָט טיף געגראָבן צו זוכן די סיבות פון טאָלסטאָיס רעבעליע, ווען ער איז (אין רעזולטאַט פון דעם), אַנטלאָפן פון זיין היים; און עס איז אויך אינטערעסאַנט ווי אַזוי צווייג איב־טערפרעטירט טאָלסטאָיס ווידוי. ער זאָגט וועגן דעם:

„יעדער, וואָס דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן, טוט עס מיט אַ כוונה פון טעאַטראַלישקייט. ער שטעלט זיך אַוועק אויף דער בינע, ער זעט אַ פּובליקום פאַר זיך און ער נעמט אָן אַ געוויסע פּאָזע, אויסרעכענענדיק דעם עפעקט פון יעדוועדער באַוועגונג. אין יעדער אויטאָביאָגראַפיע, באַמערקט צווייג, איז דאָ דער אינערלעכער געראַנגל צווישן דעם חשק צו אַנטבלויזן די נשמה און אַ קעגנווילן (צו באַהאַלטן דאָס פאַרבאָרגענע). דאָס לעצטע מאַניפעסטירט זיך אין פאָרם פון חרפּה און „חרפּה" איז אין סתירה צו אויפריכטיקייט... מיט אַ געשליפן צינגל

באַמיט זיך דער חרפּה־געפיל צו איבערצייגן אונדז מיר זאָלן זיך פאַר דער עפנטלעכקייט נישט אַרויסשטעלן אדם־נאַקעט. מעג דער קינסטלער ביי זיך באַשליסן צו זיין ווי אויפריכטיק, וועט דאָך דער בושה־אינסטינקט אַזוי לאווירן, אַז ער זאָל געוויסע שטריכן אידעאַליזירן... און וויפיל מען זאָל נישט פאַרקלאַפּן די טיר פאַר פאַלשקייט וועט עס דאָך אריינדרינגען דורך די קלענסטע שפּאַרונקעס".

צווייג דערפירט זיין געדאַנקען־גאַנג צו אַזאַ עקסטרעם: די קונסט פון ווידוי (אין די אויטאָביאָגראַפיעס), אין קלאַפּן זיך „על חטא", זענען אָפט ליגנס באַהאַלטן! מען איז זיך מתוודה אויף איין זינד, כדי צו פאַרדעקן דערמיט אנדערע, מער שרעקלעכע... אַממיינסטן וויל מען אויסבאַהאַלטן פון די לייענער דאָס, וואָס קען אויסשטעלן צום נאַר, אַרויסרופן איראָנישן געלעכטער... ער גיט אַט די ביישפילן: זשאַן זשאַק רוסאָס זעלבסט־אַנטפּלעקונגען וועגן זיין סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט און אונטערגעוואָרפענע קינדער האָבן געצילט צו פאַרמאַסקירן זיין אימפּאָטענץ... און טאָלסטאָיס ווידוי — וועגן זיין אויסגעלאַסנקייט, גנבות און הולטאַישקייט — האָט געזוכט צו פאַרדעקן זיין קאַרגשאַפט לגבי דעם גרויסן בן־דור זיינעם, דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט זיך כסדר געראַנגלט מיט נויט און אָרעמקייט.

אַנאַליזירנדיק טאָלסטאָיס פּסיכיש־וואולקאַנישע אויפטרייסלונגען, וועלכע האָבן דערפירט צו זיין רעבעליע, שטעלט זיך צווייג אָפּ אויף דער צווייטער פאַזע פון טאָלסטאָיס לעבן, ווען ער האָט געזוכט פאַר זיין לעבן אַן העכערן זין, אַן עטישן אינהאַלט (אין זיין ערשטער קינסטלערישער פאַזע האָט ער נאָר געמאָלן דאָס לעבן). אָבער טאָלסטאָיס גרויסער קריזיס איז בעיקר, גלויבט צווייג, אַ מעטאַמאָרפאָזע פון דעם קלימאַקטעריום, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אויפן שוועל פון עלטער.

ביי פרויען איז שוין אויסגעפאָרשט געוואָרן די פּסיכישע ענדערונגען אינעם קלימאַקטעריום־פּעריאָד („טשעינדזש אָף לייף"), אָבער ביי מענער — נאָך נישט. ווייל אויך אינעם מאַן, באַטאָנט צווייג, מאַכן דורך די קרעאַטיווע אָרגאַנען דעם שווערן האַרבסט. אין אָרגאַניזם ווערט אַן אומרו, עפּעס ווי אַ שונא דערנענטערט זיך... דער קערפּער הויבט אָן ספּאָנטאַניש באַוואָפענען זיך צו זעלבסט־פאַרטיידיקונג. פונקט ווי ביי בעלי־חיים,

איידער עס הויבט זיך אָן די ווינטער־קעלט באַשיצט די נאַטור זייערע קערפּערס מיט אַ געדיכטער פעל — אַזוי טוט אויך דער מענטשלעכער גייסט ביי דער דערנענטערונג פון אַלטקייט. די פיזישע ענדערונגען רופן אַרויס פאַרענדערונגען אין דער פּסי־כיק און אין דער שעפערישקייט.

דער קלימאַקטעריום, באַמערקט צווייג, האָט בלתי־ספק באַאיינפלוסט רעליגיעזע, פילאָזאָפישע און פּאָעטישע טראַנספאָר־מאַציעס און סובלימירונגען, וואָס זענען אַ במקום פאַר די רעדו־צירטע חושים פון סעקסועלן לעבן...

איך האָב זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף צווייגס עסיי וועגן טאָלסטאָיען ניט בלויז צוליב זיין געדאַנקען־גאַנג און איינג־אַרטיקער אינטערפּרעטאַציע, נאָר אויך צוליב אילוסטרירן דעם טיפן איינפלוס פון פרוידיזם אויף צווייגס שאַפן. צווייג האָט אין זיינע עסייען וועגן די מייסטער פון דער וועלט זיך באַנוצט מיטן פרוידיסטישן מעטאָד דורך וועלכן ער האָט געזוכט צו אַנט־פּלעקן דעם קריטישן פּעריאָד אויפן שוועל פון עלטער, הגם ניט ביי אַלע מאַניפעסטירט זיך עס אַזוי וואולקאַניש ווי ביי טאָלסטאָיען.

*

צו זיין פופציקסטן געבוירן־טאָג האָט צווייג פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטן בוך „די היילונג דורך גייסט“. אין דעם ווערק האָט דער מחבר געצייכנט דריי פּען־פּאָרטרעטן, וואָס זענען פאַראייניקט דורך אַ געמיינזאַמען ציל — היילן דורך גייסט.

די פּערזענלעכקייטן זענען: מערי בעקער, די גרינדערין פון דער „קריסטשען סייענס“, וואָס וויל היילן קראַנקע דורך רעלי־גיעזן עקסטאַז און טיפן גלויבן; מעסנער — דורך פאַרשטאַרקן דעם ווילן; און זיגמונד פרויד — דורך זעלבסט־דערקענונג, דורך באַזייטיקן די דריקנדע פּסיכישע קאָנפליקטן. דער גרונט־מאָטיוו פון דעם עסיי־בוך איז: כאָטש די דערמאָנטע דריי זענען געגאַנ־גען מיט פאַרשידענע וועגן, אָבער פאַראייניקט האָט זיי איין געמיינזאַמע אידייע — היילונג דורך גייסט. וואָס שייך פרוידן, הגם צווייג האָט זיך באַטראַכט פאַר זיינס אַ תּלמיד (און פריינד), און האָט זיך באַנוצט אין זיין שאַפן מיטן פּסיכאָאַנאַליז־מעטאָד, האָט ער דאָך געהאַלטן, אַז זיין לערער איז צו איינזייטיק...

*

איך האָב אין צווייגס אָפּהאַנדלונג וועגן דאָסטאָיעווסקין גע־זוכט אַן ענטפער און באַשייד צו די ריסן און סתירות פון אָט דעם גרויסן שרייבער, וועלכער איז אַזוי גרונטלעך אַריינגעדרינגען אין די פינצטערסטע לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. מיט וואָס קען מען אָבער דערקלערן, וואָס דער גרויסער גאון פון דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט זיינע אַנטדעקונגען פון דער מענטשלעכער נשמה — זאָל שרייבן וועגן יידן מיט אַזאַ היסטעריע?...

איך מיין דאָ זיין טאָג־בוך, וואו ער רעדט וועגן דער „אינ־טערנאַציאָנאַלער יידישער קאָנספּיראַציע" און, אַז „אַלע יידן פון אייראָפּע צוזאַמענגענומען וועלן אונדז נישט באַזיגן, הגם אין אונדזער לאַנד פילן זיי זיך אַן מיט אונדזער בלוט און שוויס"... אָט די שפּראַך איז דאָך אַ פאַרשפּייז פון היטלעריזם. עס איז כאַראַקטעריסטיש דער ענטפער, וואָס דאָסטאָיעווסקי האָט גע־געבן די יידישע לייענער, ווען זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם שענדלעכן, אַנטיסעמיטישן לשון זיינעם: „איך בין נישט קיין אַנטיסעמיט", האָט ער מיט צאָרן געשריבן און דערביי אויס־געמיטן צו ענטפערן, פאַרוואָס ער נוצט דעם באַליידיקונג־טער־מין „זשיד" אַנשטאָט דעם נייטראַלן „יעווריי". אויב אַזוי שרייבן (ווי ער האָט געשריבן אין זיין טאָג־בוך), הייסט נישט וואולגאַ־רער אַנטיסעמיטיזם, דאַן איז בכלל נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם אויף דער וועלט...

אַפּנים, אַז אפילו דער גרויסער קינסטלער, וועלכער קען דערזען די דעמאָנישסטע עלעמענטן אינעם אָפּגרונט פון דער מענטשלעכער נשמה, פאַרזעט זיי אין זיין אייגענער... ווייסן מיר דאָך אַז אין איין און דעם זעלבן מענטשן קען וואוינען גאָט און דער טייוול.. און פון דער זעלבער פּעדער, וואָס האָט געקענט שרייבן די אויבן דערמאָנטע גיפטיקע שורות, זענען דאָך אויך אַרויס די פּערל, וועלכע באַצירן די רוסישע (און וועלט) ליטע־ראַטור.

וויפיל פּנימער פאַרמאָגט עס אַ מענטש? אָט זעען מיר דאָס־טאָיעווסקין אין זיין גיגאַנטישער גרויסקייט, דער וועלכער באַ־זינגט די גרויסע מיסטעריע פון קאָסמאָס. ווי ער זאָגט עס דורך זיין העלד מאַקאַר דאָלגאָרוקי: „צי אַ קליין פייגעלע זינגט, אָדער די שטערן שיינען אין זייער אָרביט ביינאַכט — אַלץ איז

אַ טייל פון דער זעלבער מיסטעריע". און אָט פויזעט ער שוין אין די בלאָטעס פון לעבן און קוקט אַרויף צום גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם אַלס רעטער פון דער וועלט: "יעדער גרויס פאָלק, שרייבט ער, גלויבט און מוז גלויבן — אויב ער וויל בלייבן לעבעדיק — אַז נאָר ער טראָגט אין זיך די רעטונג פון דער וועלט; אַז ער לעבט כדי צו שטיין אין שפּיץ פון די פעלקער, צו פאַראייניקן זיי אין אַן איינס און פירן זיי צום ענדגילטיקן ציל" (דאָסטאָיעווסקיס "טאָג־בוך" — יאַנואַר 1877).

עס איז באַקאַנט, אַז ווען מען האָט דאָסטאָיעווסקין געפרעגט צי ער גלויבט אין גאָט האָט ער געענטפערט: "איך גלויב אין רוסלאַנד", דוכט זיך אַ פראַזע, אָבער זי זאָגט אַזוי פיל וועגן זיין מיסטישער פאַרקנסונג צו זיין פאָטערלאַנד... (דאָס לעצטע האָט אַרומגענומען אי דעם גרויס־רוסישן נאַציאָנאַליזם, אי די פּראַוואָסלאַווע אמונה).

לאָמיר דאָ דערמאָנען דאָסטאָיעווסקיס אָנפאַל אויפן קאַטאָליציזם, ווען ער זאָגט דורך זיין העלד מישקין ("אידיאָט"): "ראָמאַן־קאַטאָליציזם איז ערגער פון אַטעאיזם. אַטעאיזם אַליין פּרעדיקט גאָרנישט, אָבער קאַטאָליציזם פּרעדיקט אַ צעדרייטן קריסטוסן... אַן אַנטי־קריסטוס! דער ראָמאַן־קאַטאָליציזם גלויבט, אַז אָן אַן אוניווערסאַלער שטאַט־מאַכט קען די קירכע זיך נישט אויפהאַלטן אויף דער ערד... דער פּויפּסט האָט פאַרכאַפּט די ערד און גענומען די שווערד. צו דער שווערד האָבן זיי צוגעגעבן: ליגנס, אינטריגע, אָפּנאַרעריי, פאַנאַטיזם, אַבערגלויבנס און מעשים רעים..."

וועל איך זיך נישט אַריינמישן אין דעם שטרייט צווישן די קריסטלעכע רעליגיעס און פּסקענען ווער ס'איז גערעכט... הגם מיר וואָלטן אויך "עפּעס" געקענט זאָגן וועגן דעם. און אוודאי האָבן מיר אַן אַנדער בליק (און אָפּשאַצונג), וועגן דעם געדאַנקענגאַנג פון דאָסטאָיעווסקיס איוואַן קאַראַמאַזאָוו און זיין גרויס־אינקוויזיטאָר צי: "דער מענטש קען טאַקע אָרגאַנזשירן יושרדיק זיין אייגענע אויפפאַסונג פון קריסטוסן" און: "אַזעלכע מענטשן האָבן שוין לאַנג פּראָקלאַמירט, אַז ס'איז מער נישטאָ קיין פאַרברעכן און מער קיין זינד"... אָבער צו באַהאַנדלען דאָס אַלץ, וואָלט אונדז אַראָפּגעפירט פון דער אייגנטלעכער טעמע — צווייגס מאָנאָגראַפישע אַרבעטן.

*

איך האָב פריער דערמאָנט צווייגס גרויסע מעלות, וועלכע מאַניפעסטירן זיך אין זיינע מייסטערהאַפטע מאָנאָגראַפיעס, אָבער אין אַ טייל פון זיי אַנטפּלעקן זיך אויך גרויסע אָרגאַנישע חסרונות — אַ פּועל־יוצא פון אַ שלעכט־פאַרשטאַנענער קינסטלערישער נייטראַליטעט...

צווייג האָט געוואָלט זיין אָביעקטיוו אין זיינע מאָנאָגראַפיעס. אָביעקטיוו זיין הייסט אָבער נישט — באַדינגונגסלאָז! אומקריטיש אין די געצייכנטע פּאָרטרעטן. אָביעקטיוו זיין — מיינט אויך האָבן אַ קריטישן צוגאַנג אין דער אָפּשאַצונג — לאָמיר זאָגן — פון דער קעניגין מאַריע אַנטואַנעט, צי פון דעם איטאַליענישן דעגענעראַט קאַזאַנאָוואַ, אָדער — פון דעם באַוואוסטן היסטאָרישן אינטריגאַנט (פון נאַפּאָלעאָנס צייטן), דעם פּאָליציי־מיניסטער פושע. עס איז בפירוש נישט גענוג צו שילדערן זיי, מען דאַרף זיי אויך אָפּשאַצן און נישט נאָר פּסיכאָלאָגיש, נאָר אויך פּאָליטיש.

צווייג האָט זיכער געלערנט ביי זיין פאַרערטן לערער ראָמען ראָלאַן, אַז ליטעראַטור און פּאָליטיק טרעפן זיך אין אונדזער עפּאָכע אויף אַ בשותפותדיקן באָדן און ס'איז שעדלעך פאַר דער ליטעראַטור (ווי פאַר דער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט), צו איגנאָרירן, אָדער אויסמיידן אָנצונעמען אַ פּאָליטישע שטעלונג צו דער שאַנדע פון אונדזער צייט — אין אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס...

צווייג האָט געוואָלט בלייבן „אָביעקטיוו" — דורך שווייגן. ווען מען האָט אים פאַרגעוואָרפן הלמאי ער רעדט נישט הויך צו זיינע מיליאָנען לעזער איבער דער וועלט, וועגן די פינצטערע כוחות, וואָס ווילן באַהערשן די וועלט, און טאַקע מיט זיין גלענצנדער פעדער קעמפן קעגן די ראַסן־פאַרפאָלגונגען! — האָט צווייג געענטפערט אויף דעם מיט זיין עסיי: „עראַזם דער ראָטערדאַמער".

אין עראַזמען האָט צווייג געזען אַ זעלבסט־פּאָרטרעט, אַן ענלעכן טעמפּעראַמענט און וועלט־אַנשויאונג. עראַזם — דער ערשטער קאָסמאָפּאָליט אין אייראָפּע, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קעמפן מיט געווער פאַר דער רעפאָרמאַציע. מען האָט דערפאַר

געהאַט צו אים שאַרפע תרעומות און זיין ענטפער איז געווען: „דאָס וואָרט איז די געווער פונעם גייסט".

צווייג איז געשטאַנען אין הינטערגרונט — ווי אַ זייטיקער אָבסערוואַטאָר — בעת די בייזע כוחות האָבן געזאָרגט צו אַקו־מולירן די איראַציאָנעלע פּאָליטישעליידנשאַפטן, וואָס זאָלן פלאַקערן מיט שנאה קעגן די אַלע דערגרייכונגען פון הומאַניזם. ער האָט נישט געקענט ווערן קיין קעמפער אפילו בעת דעם אויטאָ־דאַ־פע איבער ביכער אין נאַצי־דייטשלאַנד, אָדער, בעת דעם פערמאַנענטן יידן־פּאָגראָם, באַגלייט מיט דעם היטלעריס־טישן פאָרויסמאַרש איבער דער וועלט. ער איז געבליבן פאַר־גליווערט ביי זיין פאַציפיזם פונעם ערשטן וועלט־קריג און נישט געקענט אונטערשיידן די ענדערונגען פון דער צייט, צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה. מיט אַלע זיינע חושים האָט ער געהאַסט בלוט־פאַרגיסונג און קריג — אפילו צו פאַר־טיידיקן זיך! און אפילו דאַן, ווען עס האָט שוין געברענט דער באָדן אונטער זיינע פיס...

„מענטשן רעדן אַזוי לייכט וועגן באָמבאַרדירונגען, האָט צווייג געשריבן, ווען איך לייען ווי הייזער פאַלן איין, פיל איך, ווי כ'פאַל איין צוזאַמען מיט זיי". און זיין קאַסטעלאַ זאָגט: „ווען מען פאַרברענט לעבעדיקערהייט אַ מענטשן, ווערט נאָך דערמיט קיין אידייע נישט פאַרטיליקט. עס הרגעט נאָר דעם מענטשן!"

אַ גאַנץ לעבן האָט ער געגלויבט אין אַ פרידלעכן אויפבוי פון אַ הומאַניסטישער וועלט. זיינע שאַפונגען זענען באַשטראַלט געווען מיטן שיין פון ווערהאַרענס און ראָלאַנס גייסטיקער אייראָפּע. אָבער דאָס אַלץ איז אין די ענדע דרייסיקער יאָרן פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין חורבות. און אונטער זיי — דער מאָראַליש־גייסטיקער צוזאַמענברוך פון זיין רעליגיע! צו דעם אַלעם — די יידישע טראַגעדיע.

— עס האָט זיך ביי אים אין יענער צייט אָפּגערופן דער יידישער פונק — דאָס פּינטעלע ייד, וואָס האָט אין זיין גאַנצער עקזיסטענץ (ביז די פינצטערע יאָרן), נישט געהאַט קיין באַדיי־טונג... נאָך זיין מוטערס טויט (אין ווין), האָט צווייג געשריבן: „אַמאָל פלעגט זיך אין מיין מוטערס סאַלאָן טרעפן די אינטעלעק־טועלע און קינסטלערישע עליטע... און היינט איז זי געשטאָרבן

איינזאַם און באַגראָבן געוואָרן, פונקט ווי אַ הונט... עס איז דער יידישער גורל, אונדזער גורל!... צי זענען מיר טאַקע צוריקגעפאַלן צום מיטלאַלטער? יאָ, מיר זענען. מיר, יידן, זענען שטענדיק די ערשטע און די לעצטע צו פילן די שווערע קלעפּ פון יעדן באַרבאַריזם"...

ערשט איצט האָט ער זיך אידענטיפיצירט עפּנטלעך מיטן יידישן פאָלקס־גורל! מעגלעך, אַז אויך פריער פלעגט זיך אין אים אָפּרופן די שטים פון בלוט, דער פונק פון יידישע דורות, וואָס האָט געטליעט אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין. זיין ערשטע פרוי, פרידעריקע, גיט אין איר בוך אָנדייטונגען וועגן דעם. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס זי דערציילט וועגן די וויינאַכט־פייערונגען, ווען צוויג פלעגט זיך דערפילן, עפּעס, ווי אומבאַקוועם און אַוועקפאָרן פון דער היים... זי — די קאַטוילין — האָט עס אָנגענומען פאַר קינסטלערישע קאַפּריזן, זיין נישט קענען זיך משמח־זיין מיטן קריסטמעס־בוים... אָבער פאַר מיר איז עס בלי־ספק, אַז די ירושה פון דורות האָט געהאַט עפּעס דאָ וואָס צו זאָגן... מיר קענען זייער גוט זיין ראַציאָנאַליזם און זיין לעבנס־באַנעמונג, ווי אַ וועלט־מענטש. מיר קענען דעם אָפּגעפרעמדטן ייד, דעם דורך־און־דורך אַסימילירטן, מיט זיין קאָסמאָפּאָליטישער איינשטעלונג. אָבער ווייסן מיר דען אַלץ פון זיינע אינערלעכע נשמה־ריסן?...

ווען צוויג האָט אין לאָנדאָנער יידישן טעאַטער געזען די אויפפירונג פון „דיבוק" האָט ער דאָן אַזוי באַמערקט: „אַט די דאָזיקע יידן מיט די פלאַמיקע אויגן — זיי זענען אונדזערע ברידער. איך וואָלט אויך געדענקט און געבעטן ווי זיי, ווען אונדזערע עלטער־זיידעס וואָלטן זיך נישט צוגעפּאַסט צו דער אייראָפּעאישער קולטור"...

אַ טייערן פרייז האָבן זיינע עלטער־זיידעס באַצאָלט פאַר אָט דער אַסימילאַטאָרישער „צופּאַסונג!" און געטאָן האָבן זיי עס דאָך כדי דעם אייניקל זאָל וואויל און גוט זיין, צו באַפרייען אים פון יידישן יאָך און גורל! — וואָס פאַר אַ איראָניע פון דער געשיכטע...

און אַזוי איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אַ באַגאַבטער אייניקל פון יידישע דורות, פון וועלכן זיינע אבות האָבן צוגענומען די נאַציאָנאַלע וויטאַמינען. זיי האָבן אים דערצויגן ווי אַן אייראָ־

פֿעער און קאָסמאָפּאָליט. און ווען ער איז אויסגעוואַקסן — אינ־טעלעקטועל און קינסטלעריש — איז ער געוואָרן דער אַפּאָסטאָל פֿון הומאַניזם, פֿון דער אייראָפּעאישער קולטור און פֿעלקער־פֿאַרברידערונג.

אָבער אין 1942, איז דאָס אַלץ געלעגן אונטער חורבות!...
אַ שרעקלעכע אומרואיקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם פֿאַריתומטן אייראָפּעער. צו ראַטעווען זיך פֿון פֿאַרצווייפֿלונג — האָט ער גע־פּרואווט מאַכן אַ קרייז אַרום זיך, אויפֿגעשטעלט אַ נעסט אין לאָנדאָן און שפּעטער אין בראַזיל. אָבער דער קרייז און די נעסט האָבן נישט געהאָלפֿן! ער האָט זיך פּסיכיש כסדר געפֿונען אין דער ברענענדיקער וועלט פֿון וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט איזאָלירן. אין האַרצן האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער וואָרעם פֿון יאוש, וואָס האָט אים פֿאַרצזקט... און פּונקט, ווי ער פֿלעגט אַמאָל רייזן פֿון איין לאַנד אין צווייטן, זוכנדיק זעלישע רו, אַזוי האָט ער צו זיין זעכציקסטן לעבנס־יאָר נישט געזען פֿאַר זיך קיין אַנדער מעגלעכקייט פֿון רו, ווי אין אָפּרייזן און עמיגרירן פֿון לעבן...

אויף זיין מצבה וואָלט געדאַרפֿט צוגעשריבן ווערן: „אזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט דאָס לעבן פֿון אַ באַגאַבטן דיכטער מיט אַ סך קולטור און טאַלאַנט. פֿון אַן אָפּגעפֿרעמדטן ייד, אַן אייניקל פֿון דער שלעכט־פֿאַרשטאַנענער עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט משה מענדעלסאָן און זיך נאָך נישט פֿאַרענדיקט מיט סטעפֿאַן צווייג..."

דאָס געוויין פון געשענדעטן מענטש...

(וועגן עריך מאַריאַ רעמאַרקס ביכער: „א פונק פון לעבן" און „אַ צייט צו ליבן און אַ צייט צו שטאַרבן")

נעבן דאַכאַוער געוועזענעם קאָנצענטראַציע־לאַגער הענגט אַ טאָוול מיט פאָלגנדיקן אויפשריפט:

„דאָס איז אמת. לאָמיר זען, אַז דאָס זאָל
שוין מער קיינמאָל נישט געשען"....

נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט אין דער וועלט געמאַכט אַ גרויסן רושם אַ פאַציפיסטיש בוך — „אויף מערב קיין נייעס" — פון דעם דאַן נאָך יונגן, דייטשישן שרייבער עריך מאַריאַ רעמאַרק.

נאָכן צווייטן וועלט־קריג איז רעמאַרק ווידער געקומען מיט צוויי קינסטלערישע ווערק אין וועלכע ער האָט געפּרואווט געבן אַ בעלעטריסטישן אויסדרוק דעם גרעסטן פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע און עס איז אים קינסטלעריש געלונגען (בעיקר — אין „אַ פונק פון לעבן"), צו געשטאַלטיקן אַ ברוכ־טייל פון דער „אַנטמענטשונג" — פון די מעשים תעתועים בעתן חורבן.

אונדזער יידישע חורבן־ליטעראַטור האָט געזוכט אַלערליי פאָרמען און אויסדרוקס־מיטלען אַרויסצוברענגען — טיילמאָל — אויסצושרייען! — דעם גיגאַנטישן פאַרנעם פון דער יידישער טראַגעדיע בכלל, און דעם פערווערזן פּראָצעס פון אונדזער פינ־צטערער עפּאָכע בפרט. עס האָבן אונדזערע פּראָזאַאיקער און פּאָעטן געפּרואווט שאַפן בעלעטריסטישע חורבן־דאָקומענטן, וואָס זאָלן זיין בכוח צו רעדן צו אונדזער דור און צו די קומענ־דיקע דורות. אייניקע פון זיי איז מער געלונגען, אַנדערע —

וויניקער — אָבער אפילו די קינסטלעריש־געלונגענע „איכהס" זענען דאָך אויס אַזוי בלאָס אין פאַרגלייך מיט דעם רעאַל־געשעענעם...

די מענטשלעכע שפּראַך, וואָס איז געצערטלט און געאיידלט געוואָרן דורך דורות, פאַרמאָגט נישט קיין ווערטער, וואָס זאָלן קענען ארומנעמען און אויסדריקן דאָס אַלץ, וואָס איז מחוץ דעם גבול פון ווערטער און לשון. דעריבער זענען פאַראַן אַזוי פיל דורכפאַלן אין אונדזער קינסטלערישער חורבן־ליטעראַטור.

רעמאַרקן איז אָבער, אין אַ געוויסער מאָס, יאָ געלונגען צו צייכענען דאָס בילד אין אַזאַ פאָרעם, וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק און געפיל זאָל עס קענען אויפנעמען. קודם־כל האָט ער אויסגעמיטן צו באַשרייבן גענעראַליזירטע געשעענישן, אי־בערלעבונגען און פייניקונגען, ווי בכלל גרויסע צאָלן:—

...„עמאָציעס ווערן נישט שטאַרקער דורך צאָלן. עס גייט נישט אַריבער די צאָל פון איינס. איינער — און דאָס איז גענוג — אויב איינער פילט עס... הונדערטער זענען געפאַלן און מען האָט גאָרנישט איבערגעלעבט, און דאָ איז געשטאָרבן איינער מיט וועמען מען האָט אפילו נישט געהאַט קיין נאָענטע שייכות און מען האָט געפילט — ווי טויזנטער וואָלטן אומגעקומען".

רעמאַרק, דער קינסטלער, ווייסט, אַז די רעאַלע געשעענישן פאַרמאָגן אַ פיל טיפערע אויסמעסטונג אין זייער פילזייטיקייט, ווי זיי שיינען צו זיין אויבערפלעכלעך. דער פאַקט באַשטייט נישט בלויז פון זיין אויסערלעכער פאַסירונג, ווי ער האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט פאַרן אויג און אויער, נאָר בעיקר פון זיין אינערלעכן קערן און פון די דינקייטן, וואָס וועבן זיך אַרום אָט דעם קערן. די אינערלעכע וועלט פון אַ געשעעניש איז פאַרן קינסטלער מער אמתדיק ווי איר פאַקטישע פאַסירונג אין דער אויסערלע־כער וועלט.

„מעלערן"

דער מחבר צייכנט אויף אַ ברייטער קאַנווע אַ קאָנצענ־טראַציע־לאַגער אין דייטשלאַנד — „מעלערן". ער האָט בכיוון אויסגעקליבן צו מאָלן אַ „הומאַניסטישן" לאַגער אויפן דייטשישן באָדן, וועלכער געפינט זיך נישט ווייט פונעם קריגס־פראָנט,

און טאַקע ביים סוף פון קריג (פרילינג 1945), ווען די גאַר אָפטע באַזוכן פון די ענגלישע און אַמעריקאַנער באָמבאַרדיר־אַעראָ־פּלאַנען האָבן געריטעט צו די תלינים גאַנץ קלאָרע דיבורים...

אין קאָנדענסירטע שטריכן צייכנט רעמאַרק די אַלגעמיינע באַדינגונגען אינעם לאַגער, אָבער ער קאָנצענטרירט זיך בעיקר אויף אַ געמעל פון באַראַק 22 פון „קליינעם לאַגער", וואָס איז דורך דער קאָמענדאַנטור געריפן געוואָרן — די חסד אָפּטיילונג". דער „חסד" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אָפּגעשוואַכטע און אומפּעאיקע צו אַרבעט, פלעגן דאָ קענען שטאַרבן מיט אַ „נאַטיר־לעכן" טויט (ד.ה. אויסגיין פון הונגער, דורשט, און עפּידעמיעס).

דער מחבר האָט אויסגעקליבן אַלס אַ ראַם צו זיין בילד — אַ „נאָרמאַלן" אַרבעטס־לאַגער, וואו מענטשן שטאַרבן „נאַטיר־לעך" — אָן גאַז־קאַמערן, און אין דער ראַם אַריינגעשטעלט דאָס בילד פון אַ קליינער גרופּע מיט אַ לאַנג־יעריקן „לאַגער־סטאַזש", וועלכע האָט אויסגעהאַלטן לענגער פון אַנדערע, נישט דערפאַר, ווייל מען האָט דער גרופּע געגעבן מער צו עסן און ווייניקער פּייניקונגען, נאָר ווייל די עטלעכע מענטשן האָבן זיך, ווי אַ גרופּקע, געהאַלטן צוזאַמען און אַ דאַנק דעם איינגעהאַלטן אַ פאַרצווייפלטן רעשטל פון פאַסיוון ווידערשטאַנד.

טראָץ די מוראדיקע עינויים דורך אַזוי פיל יאָרן, האָבן זיי דאָך נישט פאַרלוירן דעם לעצטן פונק פון לעבן. זיי האָבן נאָך אפילו פאַרמאָגט אַ טראָפּן הומאָר און זיך געקרוינט מיטן נאָמען: „וועטעראַנען".

דער מחבר שילדערט יעדן איינעם פון זיי מיט זיין באַזונ־דערן געמיט־צושטאַנד און כאַראַקטער. אפילו אין זייער סקע־לעטן־צושטאַנד, איז נאָך אַלץ געבליבן סימנים פון אינדיווידואַ־ליטעט און ביי איניקע — אפילו אַ שטאַרק בולטע כאַראַקטער פאַרב.

זייער צאָל פלעגט יעדן טאָג ווערן קלענער. אָבער די געבליבענע האָבן מיט זייער עקזיסטענץ גופא אויפגעהאַלטן די לעצטע האָפענונג ביי טויזנטער אנדערע. די „וועטעראַנען" זענען צוליב זייער אויסדויער גופא, צוליב זייער פעאיקייט אויס־צוהאַלטן די שוידערלעכסטע, אוממענטשלעכע באַדינגונגען גע־וואָרן — דער דינאַמאָ פון לעבן אינעם לאַגער. יעדער פון זיי האָט געקעמפט אויפצוהאַלטן אין זיך דעם לעצטן פונק. „שוין

דערמיט וואָס מיר שטאַרבן נישט אַזוי גיך, ווי דער שונא וואונטשט זיך — שטעלן מיר אים אַ ווידערשטאַנד".

רעמאַרק צייכנט פון „קליינעם לאגער" אַ ריי געשטאַלטן פון פאַרשידענע פעלקער און פּאָליטישע אָנשויאונגען. ער מאָלט דעם טויט פון אַ יחיד, וועלכער וויל פאַר דער גסיסה זיך דווקא מתוודה זיין פאַר אַ גלח (אַ וואונטש, וואָס האָט אין יענע באַדינ־גונגען אויסגעזען אויסטערליש...), און אַרום דעם, אַ מאַקאַבריס־טישן סקעלעטן־בילד פון די „וועטעראַנען" וועלכע מעדיטירן אינעם אָנבליק פון דער ווידוי־סצענע צי מען קען האָבן אַ גלויבן נאָך אין גאָט? און צי מען ליידט ווייניקער אויב מ'גלויבט אין עפּעס?

דער געשפּרעך קומט פאַר אין ווינציקע ווערטער. די שטי־מונג וואַקסט אַרויס פון די צווישן־טענער, וועלכע מען הערט פון די לעבעדיקע מתים... פון נישט דערזאָגטע ווערטער, און פון צווישן די שורות, וואַקסט אַרויס אַן אומפאַרגעסלעך בילד פון האַס און ליבשאַפט, גלויבן און אבערגלויבנס, פון באַגערן, פון אַנונגען און טונקעלע וואונטשן, וועלכע פלעכטן זיך אַרום דעם פאַרפּייניקטן, גוססדיקן קרבן מיט זיין דערשטיקטן, טרערנלאָזן, שטילן געוויין...

און אָט איז אַן אַנדער קרבן: אַ יידישער זקן מיט אַ באָרד צוליב וועלכער די רוצחים האָבן אים כסדר געפּייניקט. אין זיין מסירת־נפש נישט צו לאָזן זיך אַראָפּנעמען די באָרד איז דאָ דער מאַרטירערישער קידוש־השם פון יידישע דורות פאַרן צלם אלוהים און צלם האדם. זיין העראָאישער ווידערשטאַנד נישט נאָכצוגעבן די נאַציס, האָט געגעבן לעבנס־קראַפט און לעבנס־ווילן די העראָאישע פּאַסיווע ווידערשטענדלער.

אַלס קאָנטראַסט צום יידישן זקן מיט זיין רייכער לעבנס־דערפאַרונג פון אַלע טויט־לאַגערן, איז דער דרייצן־יעריקער קאַרל פון טשעכיע, וואָס טראָגט שוין אויף זיינע יונגע פּלייצעס די צייכנס פון לאַגער־לעבן — די אינסטינקטיווע זעלבסט־אויפ־האַלטונג, וואָס האָט אים געלערנט, אַז: „אויסשניידן פּריש לעבער פון אַ טויטן איז בעסער ווי שטאַרבן..."

דער מחבר באַקענט אונדז מיט אַ גאַלעריע טיפּן — וועטע־ראַנען, און פון זיי הויבט ער אַרויס אַ צענטראַלן העלד — נומער

509 (אויף וויפיל עס קען בכלל זיין אַ רייד וועגן אַן הויפּט־העלד אין אַ קאָלעקטיוון טויט־לאַגער).

מיט אַ כוונה האָט רעמאַרק צוגענומען ביי אים דעם נאָמען און רופט אים כסדר ביים נומער. ער, דער נומער 509, איז אַמאָל געווען אַ מענטש — פרידריך קאָללער האָט ער געהייסן. ער האָט דעמאָלט מיט ליידנשאַפט און אידעאַליזם געקעמפט פאַר אויס־געשפּראָכענע אידייען: הומאַניזם, פרייהייט פון יחיד, טאָלעראַנץ, דעמאָקראַטיע און סאָציאַלן יושר. פאַר דעם האָט ער באַצאָלט מיט מוראדיקע טאָרטורן דורך דער ס.ס. און געשטאַפּאָ, במשך פון צוועלף יאָר.

דורך דער צייט האָט ער אַרויסגעריסן פון זיין זכרון און געמיט דעם פאַרביקן אַמאָל. ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מענטשלעך וועזן — ער האָט עס אפילו מער נישט געוואָלט זיין! אין די גיהנום־באַדינגונגען וואָלט דאָס אים פולשטענדיק פאַר־ניכטעט! ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נומער, זיך אַליין אַזוי גערופן, און אַזוי געלאָזט זיך רופן דורך אַנדערע.

נומער 509 איז אַ סינטעטיש געשטאַלט אין וועלכער דער מחבר האָט געזוכט צו פאַרקערפּערן דעם אומצעשטערבאַרן „צלם האדם". ער איז דער סימבאָל פון דעם לעצטן רעשטל ווידערשטאַנד קעגן די מערדער, דורך אים האָט דער דיכטער אַרויסגעבראַכט זיין טיפן גלויבן אינעם מענטש; ווייל אפילו ווען ער איז שוין טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַ נומער, וועט ער ביזן לעצטן פונק פון זיין לעבן נאָך איינהאַלטן זיין מענטשלעך געשטאַלט.

*

רעמאַרק האָט אין אַ „פונק פון לעבן", געזוכט צו פאַר־קניפּן מעלערן מיט אוישוויץ, מיידאַנעק און אַנדערע טויט־לאַגערן. ער געפינט דעם קשר נישט נאָר אין די טראַנספּאָרטן וועש און מלבושים, וואָס קומען אָן פון די פאַרגאַזטע, נאָר אויך אין יענע שאָטנס, וואָס זענען מיטגעקומען און זענען פאַרקערפּערט אין די אויפשריפטן פון די פאַנאַנדערגענומענע גאַז־לאַגערן אין פוילן (זיי זענען אין פרילינג 1945, שוין נישט געווען טעטיק...). דער מחבר שילדערט די ווענט פון באַראַק 22, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פון פוילן און אויף זיי זענען אויסגעקריצט געווען אַ ריי נעמען פון די פריערדיקע איינוואוינער... —

„... חיים וואָלץ, 1942. דער פֿאַרמשפּטער אומצוקומען האָט מיט אַ ראַס אַרומגענומען זיין נאָמען. ער האָט געהאָפֿט, אַז זיינע קינדער וועלן זיך אפשר אָפּראַטעווען און קיין אַנדערע נעמען וועלן שוין צו דעם נישט צוגעשריבן ווערן. אָבער אונטער דער ראַס זענען צוגעקומען נאָך צוויי נעמען: „**ראובן וואָלף און משה וואָלף**" און נעבן דעם, אויסגעקריצט מיט אַן אַנדער האַנט: „**אַלע פֿאַרגאַזט**". אויף אַן אַנדער וואַנט איז אויסגעקריצט: **לייבוש און פֿאַמיליע** און דערנעבן דער אָנהויב פון „קדיש": **יתגדל ויתקדש...**" — — —

אויף אַן אַנדער אָרט אַזאַ צושריפט: „שרייב צו לאה סאַנד — ניו־יאָרק". אָבער קיינער פון די באַראַק־איינוואוינער האָט קיין ניו־יאָרק נישט צו וויסן געגעבן. קיינער פון זיי איז נישט געבליבן לעבן... אין אַ צווייטןווינקל אַזאַ אויפשריפט: „יוסף מאיר רעזערוו־אָפיציר, באַזיצער פון ערשטן און צווייטן קלאַס „אַייזערנעם צלם". ער האָט אפנים געמיינט, אַז לגבי אַזאַ מענטש מיט מעדאַלן האָט מען אָפּגעטאָן אַ גרעסערע אומרעכט ווי מיט אַנדערע..." (**לייזער ראַן האָט אויך געהאַט באַשריבן ענלעכע אויפשריפטן אויף די ווילנער געטאָ־ווענט: „משה און חיה געזעגנען זיך מיט דער וועלט.. פֿאַרגעסט נישט, ווי מיר זענען געשטאָרבן! — — — ...„מיר ווילן נישט שטאַרבן, מיר מוזן שטאַרבן, גאָט אין הימל פֿאַרוואָס קומט עס אונדז?... — — — „ווייך נישט, מאַמע, מען וועט נקמה נעמען!..." און אַזוי זענען אויף די ווענט געגאַנגען אויפשריפטן אויסגעקריצט מיט בליי, אָדער אַ טשוואָק, מיט די נעגל, ציין, בלוט — — מיט האס, קללה, און האָפענונג...**).

עס האָבן די געשפּענסט־בילדער פון מיידאַנעק־אוישוויץ **אַריבערגעשפּרייזט** קיין מעלערן **און גערופן נאָך נקמה, געמאָנט חשבון ביים געוויסן פון דער וועלט...**

עס איז כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז די געשעענישן גופא, וועלכע רעמאַרק שילדערט, זענען לרוב באַקאַנט פון אַנדערע מקורות. אָבער דאָס אייגנאַרטיקע ביי אים איז דאָך נישט, וואָס ער דערציילט, נאָר ווי **אַזוי ער דערציילט עס. די פֿאַרב וועלכע ער באַנוצט ביים שילדערן איינצלהייטן. די פּסיכאָלאָגישע פֿאַרטיפֿונגען אין די תהומים פון דער מענטשלעכער נשמה. זיין קינסטלערישע אינטואיציע ביים אַריינדרינגען און געבן אַזאַ טיפֿע אויס־**

מעסטונג דעם גיהנום פון יידישן חורבן — אַט דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זיין בוך אַרויסגעהויבן. דער לייענער שפירט דעם לעבע־דיקן צאַפּל פון יעדער שורה, ער אָטעמט מיט דער אַטמאָספער פון מעלערן. ער זעט פאַר זיך די לעבעדיקע „וועטעראַנען"־סקעלעטן, און לעבט איבער יענע צייט, וואָס דער שרייבער קאַ־צעטניק האָט באַצייכנט „אַז דאָרט האָט זיך יעדע רגע געדרייט אויף רעדלעך פון אַן אַנדער צייט־מאָס. מען האָט דאָרט געאָ־טעמט לויט אַנדערע נאַטור־געזעצן — נישט די געזעצן פון אונ־דזער ערד — מיר זענען געווען אויף אַן אַנדער פּלאַנעט מיטן נאָמען אוישוויץ".

ווי אַן אילוסטראַציע פון רעמאַרקס שילדערן און דורכלאָזן דורך אַ קינסטלערישן פילטער באַקאַנטע געשעענישן, וויל איך ברענגען זיינס אַ קורצע באַשרייבונג פון אַ נאַציסטישער „וויסנ־שאַפטלעכער" עקספּעדיציע, וואָס איז געקומען אין לאַגער נאָך קרבנות...

אין דער חורבן־ליטעראַטור איז פיל געשריבן געוואָרן וועגן די־אָ „וויסנשאַפטלער" מיט זייערע „קרוליקעס־עקספּערימענטן" און טויט־איינשפּריצונגען.

די אַלטע לאַגער־איינוואוינער האָבן זיי שוין גוט געקענט און געוווּסט, אַז די, וועמען זיי פירן אַוועק, ווערן שפּעטער איבערגעגעבן אַלס מתים אין קרעמאַטאָריום... אָבער די ניי־געקומענע האָבן פון דעם נישט געוווּסט. און ווען דער בלאָק־קאָמענדאַנט, האָט אויסגעשטעלט אַ געשפּענסטער־פּראָצעסיע פון האַלב־טויטע און אויסגעהונגערטע מענטשן (פון וועלכע די ס.ס. האָבן געדאַרפט אַרויסנעמען די קרבנות), און האָט צו דער מאַסע אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ אײדעלן לשון: „מענטשן, איר דאַרפט זיין אין שפּיטאָל! איר דאַרפט האָבן זופּ, פלייש און נאַרהאַפטיקע שפּייז. די וואָס נויטיקן זיך אין דעם אַמשטאַרקסטן, זאָלן אַרויס־גיין פאָרויס" — האָט די מאַסע זיך אָנגעהויבן רוקן פאָרויס:—

„...509 האָט איינעם, קוים באַמערקבאַר, געגעבן אַ וואונק מיטן ברעם. דער תלין פון לאַגער, וועבער, האָט עס יאָ באַמערקט און דאָס האָט געחתמעט זיין גורל...

דער מחבר שילדערט אים, ווען ער שטייט צום לעצטן מאָל מיט זיינע חברים (דאָן האָט עס אַזוי אויסגעזען), מיט וועלכע

ער האָט אַזוי פיל דורכגעמאַכט צוזאַמען, און פּלוצים דערפילט ער דעם ליידיקן שטח, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום אים, עפּעס אַן אומזעבאַרער רינג, וואָס איזאָלירט אים... ער דערפילט זיך אין דער איינזאַמקייט פון אַ צום־טויט־פאַרמשפּטן ביי דער תליה... צווישן אים און זיינע חברים קומט פאָר אַ דיאַלאָג אָן ווערטער. מען קוקט זיך בלויז אָן, אָבער דאָס איז גענוג אויף צו דערפילן דעם געמיט־צושטאַנד און מחשבות פון דעם, וועלכער וועט באַלד נישט זיין... און פון די, וואָס וועלן בלייבן:—

„ווען אַ דונער וואָלט אים (509), אויפן אָרט דערהרגעט, וואָלט עס געווען דערטרעגלעכער. אָבער עס איז פאַר אים געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן דעם לעצטן בליק וואָס האָט ווערטערלאָז געזאָגט: „פאַרוואָס מיר?, נאָר מיר?" — אויף איין זייט — און „דאַנקען גאָט, נישט מיר, נישט מיר" — אויף דער אַנדערער"...

אָט די טראַגישע סצענקע איז אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל דראַמאַטישקייט און אַטמאָספער — אַ בילד וואָס שמידט צו צו זיך מיט זיין קינסטלערישער קראַפט. די טיפע פסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונג, די געדעמפּטע ביי־טענער, וועלכע קלינגען אָפּ ווי אַ קול דממה דקה אין לייענערס געמיט, שאַפן פון ווערטער און שורות — אַן אומפאַרגעסלעכע טראַגישע קאָמפּאָזיציע.

לאָמיר דאָ באַטאָנען, אַז, ס'רוב, אַנאַליזירן מיר נישט אונדזערע מאָטיוון, האַנדלונגען, פלענער און מחשבות ראַציאָנעל מיט דעם באַוואוסטזיין, ווי עס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דער ליטעראַטור. אַלץ וואָס מיר טראַכטן אין ווערטער, איז קוים געדעקט דורך די פיר דימענסיעס פון עמאָציע, זכרון, באַדערפעניש און אימאַזש. ווער רעדט שוין פון די געהיימנישפולע וואונטשן, אַסאָציאַציעס, טרוימען— דער גאַנצער איראַציאָנעלער קאָמפּלעקס פון אונדזער פסיכיק, וואָס מאַכט דורך אַ ברענענדיקע אינטענסיווקייט אין אונדזער אונטערבאַוואוסטזיין — ווערט נאָר אַנאַליטיש באַטראַכט און באַלויכטן אין דער ליטעראַטור. אַזאַ קינסטלער, ווי רעמאַרק, האָט דורך אַ בליק, דורך אַן אומבאַדייטנדיקן צופאַל, וואָס דאַרף, דוכט זיך, פאַרשווינדן אין אַ רגע, אויסגעשמידט גורלדיקע שייכותן פון מענטשלעכע וועזנס, זייערע אימפּולסן און רעאַגירונגען, וואָס ווערן געוואָרפן אויפן וואָג־שאָל צווישן לעבן און טויט...

פאַרברעכן און שטראָף...

דער פּראָבלעם פון פאַרברעכן און שטראָף — פון נקמה נעמען — דער גליענדיקסטער באַגער ביי די פאַרפּייניקטע — ווערט באַהאַנדלט אין פאַרשידענע וואַריאַציעס: קעגן וועמען זאָל אַלץ אָנגעווענדט ווערן דער חשבון פון צאָלן?... באַשטראָפן נאָר די הויפּט־תּלינים? און וואָס איז מיט די אַלע מיטבאַטייליק־טע — אַקטיווע און פּאַסיווע — אינעם פאַרברעכן? וואָס פאַר אַ שולד טראָגט דאָס דייטשישע פאָלק? וואָס זאָל מען טאָן מיט דער אַרמיי, וואָס האָט מיט היטלערס „זשעני" געזוכט צו פאַר־שקלאַפן די וועלט? און מיט דער יוגנט, וואָס איז דערצויגן גע־וואָרן אין היטלער־גייסט?

ווי אַן אַנטי־נאַציסטישער שרייבער, ברענגט רעמאַרק בולט אַרויס זיין גרויסע באַשולדיקונג קעגן דער גאַנצער דייטשישער פאַרניכטונגס־מאַשין (אין אָדער אָן אַ מונדיר), עס איז פאַר אים קלאָר אַז: ...„מיטן מאָמענט ווען זיי האָבן אָן אַ משפּט דערמאָר־דעט דעם ערשטן ייד האָבן זיי געבראָכן דעם געזעץ פון לעבן. אויך די אַרמיי איז שולדיק! זי האָט נאָך ביים אָנהויב נישט געהערט צו די באַנדיטן און האָט אין איין טאָג אַלץ געקענט אָפּשטעלן. אָבער איר אָנפירונג האָט געטראַכט: „וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן אַ פּאָר יידן אין פאַרגלייך מיט אַ גרויס דייטש־לאַנד..."

ווען רעמאַרק קומט אָבער צו צו דער שולד פון דער ציוו־ווילער באַפעלקערונג, ווערט ער ווייניקער זיכער. אפשר האָט זי ווייניק געוואוסט?... „גאָט ווייסט וויפיל זיי ווייסן וועגן אונדז, און זיי אַליין זעען נישט אויס צו זיין איצט גליקלעך". „איצט" — האָט געענטפערט נומער 7105 — און וואָס איז געווען פריער?..."

דער מחבר האָקט אָפּ דעם געשפּרעך אין מיטן. מען שפּירט, ווי ער וואָלט עפּעס מורא געהאַט אויפצוּוויקלען אָט דעם טראַגישן קנויל און שילדערן נישט בלויז דעם טייל, וואָס האָט געפּייניקט און געמאָרדעט, נאָר אויך דעם, וואָס האָט „בלויז" גערויבט, אָדער „נאָר" גענאָסן פון רויב... אָבער די לעצטע זענען, כמעט, געבליבן אַ ליידיק בלאַט אין דעם ווערק (וואָס האָט זיך באַגרענעצט בלויז מיט דעם שטח פון לאַגער). מאַנכעס

מאָל באַמערקט דער מחבר, אַז מחוץ דעם לאַגער איז לגמרי נישט געווען קיין שום אָפּאָזיציע קעגן רעזשים: „אויסנווייניק איז יעדער געווען באַהאַלטן, פאַר זיך, צעשטויבט און צעשפּרייט אָן פאַרבינדונגען. אין דעם לאַגער גופא איז מען געווען צו־זאַמען, דאָס האָט געמוטיקט, געגעבן קוראַזש און געהאָלפן אויפ־האַלטן אַ פונק פון לעבן.

*

פיל ברייטער און טיפער ווערט דער פּראָבלעם פון שולד באַהאַנדלט אין זיין צווייטן מלחמה־ווערק „אַ צייט צו ליבן און אַ צייט צו שטאַרבן״. רעמאַרק שילדערט אין דעם בוך שוין נישט דעם לאַגער, נאָר דעם פראָנט (און אַ שטאָט אין דייטשלאַנד נאָך אַ באָמבאַרדירונג).

מיר טרעפן דאָרט יוסף פינגער דעפּאַרמירט און אויסגע־קרומט דורך די „טרופּ־פירער״, פאַר וועלכע עס איז געווען אַ „זונטיק־פאַרווייַלונג״ צו צינדן שוועבעלעך אונטער די נעגל... (זיי האָבן עס גערופן „קריסטמעס־ליכט״).

דער הויפּט־העלד, גרעבער, האָט אויפן שלאַכט־פעלד אָפּט געפילט די פינצטערניש, און קומענדיק אַ היים אויף אורלויב, ווענדט ער זיך צו פּאָלמאַנען נאָך דער וואָר: „זאָג מיר דעם אמת, איך וויל וויסן, בין איך טאַקע פאַרמישט אין די פאַר־ברעכנס פון די לעצטע צען יאָר?...״

פּאָלמאַן, וועלכער פאַרקערפּערט אין ווערק דעם, לעצטן רעשטל פון מענטשלעכקייט, פון טאָלעראַנץ און הומאַניזם אין דייטשישן פאָלק, ענטפערט אים לאַקאָניש: „פאַר ווייניקער האָקט מען דעם קאָפּ אַראָפּ...״

גרעבער: „האָסט אונדז (אין קלאַס) געלערנט רעליגיע. קלער מיר אויף, אויף ווי ווייט בין איך אַ שותף צו די מאָרדן?... כ׳וויס, מיר דאַרפן דעם קריג פאַרשפּילן, בכדי מאָרד, שקלאַ־פעריי — — די גאַנצע באַנדע זאָל אונטערגיין... אָבער וואו הויבט זיך אָן מיין שולד?״

פּאָלמאַן: „— שולד? ווער ווייסט וואו עס הויבט זיך אָן און וואו עס ענדיקט זיך. עס הויבט זיך אָן אומעטום און עס ענדיקט זיך אין ערגעץ נישט...״

גרעבער: „קענען מיר זיך באַהאַלטן אונטערן תירוץ, אַז

מיר האָבן געהאַנדלט לויט באַפעלן? נישט סתם באַפעלן, נאָר טאַקע צוואַנג!"

פּאַלמאַן: "די ערשטע קריסטן־מאַרטירער האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן קיין שום צוואַנג און טעראָר".

גרעבער: "מיר זענען נישט קיין מאַרטירער... אונדזער מיטבאַטייליקונג אין מאָרד איז קאָמפּליצירט".

פּאַלמאַן: "באַטייליקן זיך אין מאָרד — וואָס ווייסטו וועגן דעם? ביסט יונג געווען, און זיי האָבן דיך אָפּגעסמט מיט ליגנס, נאָך איידער דו האָסט אַליין געקענט אָפּשאַצן. אָבער מיר (די עלטערע) — מיר האָבן עס געזען און דערלאָזט עס זאָל געשען. פאַרוואָס? — — — האַרצלאָזיקייט, גלייכגילטיקייט, עגאָאיזם, אָדער גאָר פאַרצווייפלונג... ווי אַזוי האָט דאָס אַלץ געקענט ווערן אַזאַ פאַרשפרייטע מגפה? איך טראַכט וועגן דעם יעדן טאָג... איך וויל דיר נישט געבן קיין איינעם פון די ענטפערס, וואָס זענען נישט מער ווי פוילע תירוצים — אַזעלכע זענען פאַראַן גאָר אַ סך — גלאַטיקע, איבערצייגנדע, אָבער אַלץ נישט מער ווי תירוצים..."

גרעבער: "אויך פון דער קירכע?"

פּאַלמאַן: "יאָ. די קירכע איז געווען אין אַ גוטער לאַגע. זי האָט נעבן דעם פּסוק: זאָלסט ליב האָבן דיין שכן; זאָלסט נישט מאָרדן, אַוועקגעשטעלט באַקוועם אַן אַנדער פּסוק: גיב צעזאַרן, וואָס געהער צו אים, און צו גאָט — וואָס געהער אים... אַ גוטער פּרעדיקער־אַקראָבאַט קען דורכפירן כלערליי שטיק".

איך האָב געבראַכט אייניקע ציטאַטן פון דעם דיאַלאָג, וואָס דאָס "אַנדערע דייטשלאַנד" פירט מיט זיך אַליין, מיט איר אייגענעם געוויסנס־ביסן. רעמאַרק האָט די פראַגע פון שולד פון דייטשישן פאָלק, און באַזונדערס פון דער קירכע, אויפגעהויבן מיט אַ סך יאָרן פריער ווי אַנדערע דייטשישע שרייבער. און אין קעגנזאַץ צו האָכהוטן, וועלכער שפּיצט צו די הויפּט־שולד צום ראש פון דער קאַטוילישער קירכע, קומט עס ביי רעמאַרקן צום אויסדרוק אין באַשולדיקן אַלע קירכעס, וועלכע האָבן זיך אַזוי "באַקוועם" איינגעאָרדנט מיט זייער צוויי טויזנט־יאָריקן פּסוק פון "ליב האָבן דיין שכן" און אַזוי געטריי געדינט דעם נייעם צעזאַר...

*

רעמאַרק האָט מיט אַ שטאַרקן פּראָזשעקטאָר דורכגעלויכטן די קרבנות פון נאַציסטישן חורבן און אויך די תלינים, ביי וועל־כע עס איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרמעסטונג, ווער עס וועט איבער־שטייגן אין פייניקונגען, סאַדיזם און מאָרד, וואָס האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ גרעסערן „יחוס־בריוו” פון דייטשישן פּאַטריאָטיזם...

דער מחבר ווייזט אונדז דעם ס.ס.־מאַן שטיינברענער, וועלכער האָט שוין אַלס פערצן־יעריקער יינגל זיך „אויסגע־צייכנט” אין נאָכיאָגן און מסרן יידן. ער איז טאַקע „אויסגע־וואַקסן” צו איינעם פון די נאַציסטישע גדולים — אַ מנוול פון דער ערשטער מדרגה! אָבער דער תלין הייני האָט אים גע־פּרואווט איבערשטייגן אין „דערפינדערישקייט”. זיין „דערפינ־דונגס־אידייע” איז געווען אָנצוגיסן אין האַלדז פון קרבן ספּירט און עס אָנצונדן, ס׳זאָל ברענען ווי אַ לעבעדיקער שטורקאַץ... „גיסט אַ טראַכט, באַמערקט דער מחבר, וויפיל מיליאָנען יאָרן האָט די נאַטור געדאַרפט אַרבעטן צו באַשאַפן אַזאַ אויסוואורף־עקזעמפּליאַר”. אָבער וואָס איז וועגן די אַנדערע דייטשן, די „גוטע”? און רעמאַרק ענטפערט: פון אָנהויב קריג, האָבן אויך זייער פיל פון די „גוטע” דייטשן געגלויבט, אַז די שונאים האָבן אָנגעוואָרפן דייטשלאַנד דעם קריג.. במילא, איז זי דער „קאָזאַק הנגזל”. עס איז געוואָרן פאַרן גאַנצן פאָלק אַ „מלחמת־מצווה” פאַרן פאָטערלאַנד. אַלט און יונג האָבן זיך געשטעלט צום דינסט פון פירער.

אַזוי לאַנג ווי דייטשלאַנד איז געווען דער זיגער איז אַלץ געווען אין אָרדענונג. אויב „עפּעס” האָט נישט אויסגעזען צופיל „הומאַניטאַר” — האָבן די גרעבערס און גרעטכענס פאַרדעקט עס מיט דעם פּסוק פון „לעבנס־רוים” פאַר דייטשלאַנד. דערמיט איז פאַרקוקט און געדעקט געוואָרן דער צעווילדעטער מאַסן־מאָרד פון דער ס.ס. „זיכערהייטס־דינסט”. עס איז געווען אַ נויטווענדיקייט „אָפּצוראַמען” די שטערונגען צו דייטשלאַנדס „לעבנס־רוים”: „גרעבער האָט וועגן דעם אַלעם זייער גוט גע־וואוסט. אָבער לעבעדיקע שטורקאַצן איז געווען אַ נייעס... ער האָט אָבער וועגן דעם נישט געוואָלט וויסן! פונקט, ווי הונדער־טער אַנדערע, האָט ער געזוכט צו באַרואיקן זיין געוויסן מיט דער „באַדויערנדיקער נויטווענדיקייט”.

ווען דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן ליידן מפּלות אויף די פראָנטן, האָבן אפילו די „בעסערע" דייטשן נאָך אַלץ געטראַכט: „אָבער זייערע לענדער זענען חרוב געוואָרן און נישט אונדזער דייטשלאַנד". זיי האָבן געגלויבט, אַז זייערע אייגענע היימען זענען אַ זיכערער אינדזל „די היים — איז זיכערקייט, באַקוועמ־לעכקייט און האָפענונג". ווען די גרעבערס זענען געקומען אויף אורלויב אַ היים און דערזען זייערע באָמבאַרדירטע שטעט און חרוב־געוואָרענע היימען, דאַן איז זייער אינדזל פון האָפענונג מאָמענטאַל איינגעזונקען געוואָרן. „איך האָב געזען, זאָגט גרע־בער, טויזנטער חורבות און קיין איינע נישט געזען. אָבער היינט, דאָס אייגענע חרוב־געוואָרענע איז גאָר עפּעס אַנדערש, ווי די איבעריקע. די שטאָט האָט מער נישט אויסגעזען די, וואָס כ'האָב דערוואַרט. עס האָט אויסגעזען — רוסלאַנד".

די מלחמה איז שוין דאַן געווען אומעטום, אפילו אין מוח און אין האַרצן. „פריער איז אַלץ געווען אַזוי קלאָר און איצט איז אַלץ צעמישט". גרעבער האָט שוין איצט אין זיין אייגענעם פאָטערלאַנד זיך דערפילט אַלט און ציניש, אָן אַ גלויבן און ציל. ער האָט געפילט גלייכגילטיקייט און מורא, עפּעס אַן איביקע האָפענונגסלאָזיקייט. ער האָט דערשפּירט אַז „ער איז נישט קיין אויסנאַם. ער איז אויך געכאַפּט אין דעם אַנאַנים, וואָס בינדט אים אוממיטלבאַר צוזאַמען מיט אַנדערע".

רעמאַרק מאָלט דאָס חרוב־געוואָרענע אין אַלע דימענסיעס — אַ חורבן פון אַלע מענטשלעכע הייליקייטן. אויך אין דער קירכע האָט דער געקרייציקטער יעזוס פאַרלוירן אַ פוס בעת אַ באָמבאַרדירונג. עס איז געווען אין דעם עפּעס סימבאָליש, ווי מען וואָלט געקרייציקט אַן אַמפּוטירטן...

דער מחבר פּרוּווט אַנאַליזירן די פּסיכיק פון די דייטשן, וועלכע האָבן נאָך געוואַגט צו מאַכן אַן אינערלעכן חשבון, אי אויפן פראָנט און אין הינטערלאַנד, אין זייערע היים־שטעט. זיי האָבן שוין קלאָר געזען, אַז דייטשלאַנד האָט דעם קריג פאַר־שפּילט. אָבער וואָס וועט זיין נאָכן קריג? צי זענען דאָ גענוג ריינע כוחות מיט וואָס אָנצוהויבן אויפסניי? „מען דאַרף זיך נישט מאַכן לייכטער דורך אונטערגעבן זיך יאוש און פאַר־צווייפלונג" — פּרוּווט פּאָלמאַן זיך טרייסטן. ווען איינער ווערט אויף אַ ווייל פאַרצווייפלט צוליב זיין אייגן לאַנד, דאַרף ער

גלויבן אין דער וועלט. אמת, די וועלט האָט דורכגעמאַכט אַ לענגערן עקליפּס, אָבער עס שטייט נישט אויף אַן אָרט, און פינצטערניש קען נישט לאַנג דויערן. הומאַניזם איז תמיד דורכ־געגאַנגען דורך אַנגריפן און צוריקציען זיך. עס איז דורכגעגאַנ־גען ספּאַזמעס אין לויף פון דער געשיכטע און מען דאַרף גלויבן און האָפן — אַנדערש איז נאָר זיך אויפצוהענגען...

רעמאַרק וויל גלויבן אין דייטשלאַנדס מאָראַלישן אויפבוי. האָט דען די אור־קריסטלעכע קירכע נישט אָנגעהויבן מיט עט־לעכע פישער, מיט אַ פּאָר צדיקים, וואָס זענען געבליבן לעבן אין די קאַטאַקאָמבעס? ער מיינט אַז פון די צדיקים, וואָס זענען איבערגעבליבן פון נאַציסטישן סדום, וועט מען אָנהויבן אויפסניי. איז עס טאַקע אַזוי פּשוט, ווי ער שטעלט זיך פאָר? איז דען היטלער־סדום טאַקע חרוב־געוואָרן אין דייטשלאַנד? וויפיל מיליאָנען האָבן זיך איבערגעפאַרבט אויף „דעמאָקראַטיש" און „פרייהייטס־ליבנדיקע מענטשן"? וועלן זיי העלפן בויען דאָס „אַנדערע דייטשלאַנד"?...

רעמאַרק פילט, אַז אין דער פראַגע פון אַ נייעם דייטשלאַנד שטייט ער פאַר אַ גרויסן פראַגע־צייכן. ער פּרוּווט גלויבן, אַז עס וועט זיין פונקט, ווי אין דער נאַטור, וואו אַרויסגעריסענע בלעטער און צווייגן, אויב זיי האָבן נאָר אַ שטיקל וואָרצל, וואָס זאָל זיך אָננעמען אין באָדן, קענען זיי אויפסניי זיך פאַנאַנדער־וואַקסן און בליען. ער איז אָבער ווייט נישט זיכער אויף וויפיל דאָס וועט זיך לאָזן אָנווענדן לגבי דעם „נייעם" דייטשלאַנד — וואָס עס וועט דאָרט צוריק אַרויסוואַקסן...

פון איין זייט לאָזט ער פאָלמאַנען פאַנטאַזירן וועגן דעם צומאָרגנס נאָכן קריג, און וואָס מען וועט דאַרפן אויפבויען אויף די חורבות פון דייטשישן סדום. און פון דער צווייטער זייט לאָזט ער דעם הויפּט־העלד, גרעבער, אַרויסברענגען זיין סקעפּ־טיציזם און פאַרצווייפלונג: „גרעבער האָט געהאַט דעם געפיל ווי איינער, וואָס האָט נאָך אַ לאַנגן אומזיכערן פּראָצעס לסוף באַקומען דעם אורטייל צו וועלכן ער איז געווען גלייכגילטיק: פאַרמשפּט, אָדער אַ באַפרייאונגס־אורטייל — אַלץ איינס... מיר זענען אַלט. מיר האָבן געזען צו פיל שמוץ, — — — עס איז לייכטער צו שטאַרבן ווי צו לעבן"...

דאָס קאַפּל פון דעם בוך („אַ צייט צו ליבן און אַ צייט צו

שטאַרבן״) איז קהלתדיק. און אין דעם גייסט זענען אין בוך פאַראַן פיל מעדיטאַציעס. דער מחבר לייגט אָבער אַ סך האַפּע־נונגען אויף די פּאַלמאַנס — דער קליינער שארית הפליטה פון „אַנדערן דייטשלאַנד״, און אויף אַ טייל פון דעם נייעם, יונגן דור. צי וועלן זיי אָבער האָבן אין זיך גענוג כוחות אויסצורייניקן דאָס לאַנד פון די פאַרברעכערישע, פּסיכאָפּאַטישע עלעמענטן פון מאָנסטרועלן היטלער־דייטשלאַנד? אָט די עיקר־פראַגע פירט אונדז צוריק צו רעמאַרקס ערשטן באַהאַנדלטן חורבן־בוך — „אַ פונק פון לעבן״.

אין דעם ווערק פאַרנעמט אַן „אָנגעזעענעם״ אָרט דער לאַגער־קאָמענדאַנט, וועבער. מיר האָבן אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור, און לעצטנס אויך אויף די פּראָצעסן אין דייטשלאַנד (שוין אָפּגערעדט פון אייכמאַן־פּראָצעס), אַ סך געהערט און גע־לייענט וועגן אָט די מאָנסטערס אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און קרעמאַטאָריומס.

וועבער איז אַ רעאַליסטישע געשטאַלט. אָבער פונקט ווי נומער 509, אויך אַ סינטעטישע פיגור. וועבער פאַרקערפּערט די אַלזייטיקייט פון דער היטלעריסטישער, מאָנסטרועלער, פאַר־ניכטונגס־מאַשין. זיינע טאָרטור־מעטאָדן זענען ביי אים געוועזן איינגעטיילט מיט דער דייטשישער סיסטעמאַטישקייט אין „קאַ־פּיטלען״. ער איז אין דעם נישט געווען קיין אויסנאַם. זיין קאָלעגע, דער תלין ברויער, האָט אויך געהאַט זיינע „קאַפּיט־לען״ אין „איבערדערציען״ די לאַגער־איינוואוינער. דער „זעקסטער קאַפּיטל״ פון זיין „דערציאונג״ איז באַשטאַנען אין געבן זיינע קרבנות צו עסן כסדר געזאַלצענע הערינג אָן אַ טראָפּן וואַסער, און נאכהער זיי צובינדן צו אָנגעגליטע רערן, הענגענדיק ביי די פיס מיטן קאָפּ אַראָפּ...

*

וועבער און נומער 509, וועלכע פאַרקערפּערן צוויי פאַר־שידענע און קעגנזעצלעכע וועלטן, האָבן צווישן זיך די לעצטע פאַרמעסטונג, וואָס וואַקסט אויס צו אַ סימבאָלישער הויך פון אַ קאָסמישן פאַרנעם. דער קאַמף איז נישט צווישן צוויי מענטשן, נאָר אַ פאַרמעסטונג צווישן דזשונגל־חיה און מענטש; אַ פאַרמעסטונג צווישן גלאָבאַלן מאָנסטער־פאַרברעכנס פון איין זייט און שענסטן הומאַניזם — פון דער צווייטער.

נומער 509, ווי יעדער גרויסער הומאַניסט, האָט תמיד גע־טראַכט מיט וואָס ער קען העלפן דעם מענטש און דער וועלט זי זאָל ווערן בעסער. ער האָט אפילו לגבי זיינע טויט־שונאים געטראַכט אין קאַטעגאָריעס פון נוצלעכקייט פאַר דער צוקונפט. גלויבנדיק אַז „נקמה וועט צוריקברענגען נקמה" און דעריבער מוז מען קומען צו דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט מיט מער פּאָזיטיווס, ווי סתם נקמה־נעמען. „אַ מענטש מוז האָבן עפּעס מער ווי שנאה, עפּעס מער קאָנסטרוקטיווס, ווייל שנאה אַליין איז נישט גענוג אויף אָנצוהויבן אויפסניי". אָבער נומער 509 גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אָנווענדן לגבי די וועבערס הומאַניטאַריש־קייט און חסד, מיינט איבערצולאָזן די גאַנגרענע פון נאַציזם אין דעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם. ער ווייסט אַז צו קענסער מוז מען אָנווענדן כירורגיע און דאָס איז חל לגבי די אַלע גרעסערע און קלענערע וועבערס, וועלכע קענען אויף דער פריי צוריק פאַרסמען די לופט צו אָטעמען.

רעמאַרק האָט דעם געשיכטלעכן וועלט־געראַנגל צווישן הומאַניזם און באַרבאַריזם פאַרקערפּערט אין אָט דעם לעצטן טויט־קאַמף (בעת דער באַפרייאונג) צווישן וועבערן און נומער 509. דראַמאַטיש און פולבלוטיק בעלעטריסטיש איז געמאָלן דער געראַנגל אין וועלכן נומער 509 האָט געפילט אַז „זיינע אויגן דאַרפן (אין לעצטן בליק) אויסהאַלטן לענגער ווי וועבערס, ער מוז אים איבערלעבן. דאָס איז ביי אים געווען אַזוי וויכטיק און אַנטשידן, ווי די ווערטן אין וועלכע ער האָט געגלויבט, צוליב וועלכע ער האָט געליטן און געקעמפט". עס איז נישט געווען קיין פערזענלעכע נקמה קעגן אַ יחיד, נאָר דער חשבון פון געשיכטע, דער היסטאָרישער חשבון מיט עמלקן...

פאַראַן אין בוך שטאַרק־ווירקנדע בילדער פון פערזענ־לעכע נקמה־אַקטן, וועלכע טראָגן אויך אַ סימבאָלישן כאַראַקטער. די באַשרייבונג, ווי אַזוי דער „וועטעראַן" לעהמאַן בויערט מיט אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק אין זיין גאָלדענעם צאָן פאַרן טויט, — דער צאָן זאָל שפּעטער נישט אַריינפאַלן אין דייטשישע הענט — קריצט זיך שטאַרק איין אין זכרון און אין געמיט־צושטאַנד פון לייענער. זייען אַקט וואַקסט אויס פיל מער, ווי אַ פערזענלעכער אופן פון נקמה־נעמען.

*

אין גוטע ווערק זענען אָפט פאַראַן געוויסע עפּיזאָדן, וואָס שאַפן דעם פאַנטאַסטישן קערן פון דער פאַבולע הגם ביים לייע־נען געהערן זיי נישט צו די קאַפּיטלען וואָס גלאַנצן אַרויס פון בוך. צו דער קאַטעגאָריע געהער די צייכענונג פון רות האַלאַנד. זי איז אַ יידיש מיידל, וואָס איז צו זיבעצן יאָר פאַרשלעפּט גע־וואָרן צו די דייטשישע זעלנער־באַראַקן, בעת אירע עלטערן זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן.

דער מחבר שילדערט איר ביים סוף פון קריג, אַ קראַנקע, פּסיכיש און פיזיש. די קאַשמאַרפולע דעראינערונגען פון איר פּרויאישער דערנידערונג עקבערן איר כסדר: צי איז מעגלעך טאַקע אַלץ צו פאַרגעסן? צי קען מען אָנהויבן דאָס לעבן אויפס־ניי? ווען די איבערלעבונגען אין די קאַזאַרמעס נישט גאַנגרע־ניזירן יעדן פּרוּוו פון אַ ניי לעבן?...

רעמאַרק פּרוּווט געבן אַן ענטפער, אַז די מאָראַלישע אויפ־פירונג אין לאַגער קען נישט געמאָסטן ווערן מיט די מאָראַלישע געזעצן אויף דער פריי. אָט זענען דאָרטן מענטשן גע־צוואונגען געוואָרן צו טאָן די שענדלעכסטע אַרבעטן און אַפילו צו מאָרדן. זענען זיי שולדיק אין דעם וואָס זיי האָבן געטאָן טעראָריזירטערהייט? מיט וואָס פאַר אַ מאָס זאָל מען אָבער מעסטן זייערע מעשים?

„דאָס וואָס ס'איז געשען דאָרטן (אין לאַגער), קען נישט באַטראַכט ווערן מיט נאָרמאַלע מאָסן", זאָגט רעמאַרק. „זיי, די תּלינים האָבן געזוכט צו דערנידעריקן זייערע קרבנות, כדי צו טרעטן און שפּייען אויף זייער מענטשלעכקייט. אָבער דורך דעם האָבן זיי נישט דערנידעריקט זייערע קרבנות נאָר זיך אַליין".

אָט דער טראַגישער פּראָבלעם ווערט בעלעטריסטיש באַ־האַנדלט אויך דורך אַ צווייטן נישט־יידישן שרייבער פון אונ־דזער חורבן־ליטעראַטור — דזשאָן הוירסי (אין זיין בוך „די וואַנט"). און זיין אויספיר איז (בעת ער רעדט וועגן די יידישע פּאָליציאַנטן אין געטאָ), אַז זיי האָבן נישט געטאָרט ווערן קיין געצייג אין די הענט פון טייוול און באַלד ביים אָנהויב געדאַרפט זיך אָפּזאָגן פון דער שענדלעכער אַרבעט. די מער אָנשטענדיקע, באַמערקט ער, האָבן אַזוי טאַקע געטאָן, און די וואָס האָבן נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע, האָבן שפּעטער זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע געשלעפּט צום אומשלאַג־פּלאַץ.

רות האַלאַנד האָט קיינעם נישט אומגעבראַכט! — אַ חוץ, אפשר, זיך אַליין... און דאָס וואָס זי האָט געטאָן געצוואונגענערהייט וועט נאָך לאַנגע יאָרן אויף דער פריי „ווי בליי באַשווערן איר נשמה, אָבער נישט חרוב מאַכן".

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז אַ חוץ קאַ־צעטניק און רעמאַרק, האָט כמעט קיין איין שרייבער פון אונדזער חורבן־מאַרטיראָלאָגיע נישט אַרויסגעבראַכט מיט אַזוי פיל פּסיכאָלאָגישער פאַרשטענדעניש און דורכדרינגונג דאָס בילד פון די פרויען־קרבנות אין נאַציישן גיהנום, אי די שווידערלעכקייט פון זייערע איבערלעבונגען, אי דעם טראַגישן קנויל אַרום דעם... רעמאַרקס קינסטלערישע פיינקייטן ביים פאַנאַנדערבינדן דעם קנויל, די דינקייטן וועלכע ער באַנוצט ביים צייכענען, זאָגן עדות וועגן די קוואַליטעטן פון זיין ווערק. און לאָמיר דאָ באַמערקן נאָך אַ וויכטיקן מאָמענט: רעמאַרק האָט אין בעלעטריסטישע פאַרבן געמאָלן דעם פּסיכישן צושטאַנד נישט נאָר פון קרבן, נאָר אויך פון זיין תליין (אין דער חורבן־ און מלחמה־ליטעראַטור האָט מען זיך כמעט נאָר אָפּגעשטעלט אויף די ליידן און אומקום פון די פאַרפייניקטע, און — בעלעטריסטיש — זייער וויניק אויף די פייניקער).

אין „אַ פונק פון לעבן" צייכנט דער מחבר די סאַדיסטישע הענקער אין אַ פּיראַמידע־פאָרם: אויבן — די שפּיצן — די אויבער־שטורם־פירער, ביז אונטן — די האַנטקעס, די „קאַפּאָס", וועלכע האָבן אין לאַגער באַקומען מאַכט אין דער האַנט. און דער מחבר באַטאָנט אַז „מאַכט, צו פיל מאַכט בכלל — ביי וועמען עס זאָל נאָר נישט זיין! — איז גורם אַלדאָס שלעכטס..."

יידישע קרבנות־געשטאַלטן פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין רעמאַרקס חורבן־בוך. דער קינסטלער צייכנט אינדיווידועלע יידישע טיפּן (לעבענשטיין, ראָזן, גאָלדשטיין — צו דערמאָנען נאָר עטלעכע נעמען). יעדער פון זיי מיט זיינע באַזונדערע אייגנאַרטיקייטן און טיפּישע שטריכן. עס איז קענטיק, אַז דער מחבר האָט זיי געזען דורך און דורך מיט אינטואיציע, אַריינגעדרינגען אין די חדרי־חדרים פון זייער פּסיכיק, וועלכע ער האָט געשטאַלטיקט אין אַלע מאַניפעסטירונגען.

פון אינדיווידועלע יידישע טיפּן איז רעמאַרק אַריבער צום

גאַמענלאָזן, יידישן קאָלעקטיוו — די צוזאַמענגעשלעפּטע מיליאָ־נען פון אָקופּירטן אייראָפּע געפירט צו דער עקידה...

דער געמעל פון אַ ניי־געבראַכטן טראַנספּאָרט יידן אויפן לאַגער־פּלאַץ, וועלכער גראָבט זיך איין — ווי אין אָקאָפּעס — אין דעם שמוציקן לאַגער־באָדן, זוכנדיק שוץ אין דער ערד נעבן לאַגער, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין די לעצטע רעטונג — איז אַ מאַקאַבריש בילד געמאָלן פון אַ גרויסן מאָלער, אַ בילד וואָס דערשיטערט אַלע אונדזערע רמ״ח איברים! די פּלאַסטישע באַשרייבונג פון דער פּסיכישער טראַנספאָרמאַציע, ווען אַן המון ווערט דורך דער טיפסטער דערשיטערונג און פאַרצווייפלונג אַ געשלאָסענע מחנה מיט אַן אינערלעכן כוח אויסגעשמידט אינעם פייער פון גיהנום — איז אַ געמיש פון רעאַליזם מיט טיפער סימבאָליק.

די שילדערונג פון דער זעלבער עדה, מיט די גוססדיקע אויף די אַקסלען גייענדיק זייער לעצטן וועג פאַרן אומקום, און דער קדיש וואָס ווערט בציבור אויסגעוויינט בעתן טויט־מאַרש, געהערט צו די גיהנום־בילדער, וואָס דאַנטע האָט נישט געקענט אויספאַנטאַזירן... וועלכער ייד וועט עס אין דעם מאַקאַברישן בילד נישט זען די פּנימער פון זיינע נאָענטסטע?

רעמאַרק באַנוצט נישט אין זיינע ווערק קיין הויכע טענער. ער קלאַפּט נישט אין די הימלען, און לעסטערט נישט גאָט... זיין קינסטלעריש וואָרט האָט זיך שטיל געטובלט אין דעם עמק־הבכא און דאָרט האָט עס באַקומען פאַרב, קלאַנג, עקספּרעסיע און וויטאַליטעט. זיינע בילדער פאַרמאָגן אַזאַ שילדערונגס־קראַפט, וואָס מאַכן גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. דער יידישער לייענער, וואָס וועט אין די חורבן־בילדער, געצייכנט מיט אַזאַ קינסטלערישער גבורה, נישט זען דאָרטן זיינע אומגע־בראַכטע טאַטע־מאַמע, און נישט הערן פון צווישן די שורות זייער געוויין, דער האָט קיין האַרץ נישט, קיין יידיש האַרץ אוודאי נישט!

אויפן פאָן פון דער גרויסער „פאַרשווערונג פון פאַרשוויגן" וואָס די פרייע וועלט האָט געמאַכט בעת און נאָכן גרויסן יידישן חורבן, גלאַנצן שטאַרק אַרויס רעמאַרקס חורבן־ווערק, באַזונדערס „אַ פונק פון לעבן", מיט זיין שאַרפער אָנקלאַגע קעגן די אַלע, וועלכע זענען אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן מיטשולדיק...

אין דעם בוך איז פאַרקערפּערט דער קינסטלעריש־סובליי־מירטער אויסגעשריי (מען קען אויסשרייען דעם צער אין די דינסטע טענער) פון אַ שווער־פאַרוואונדעטן מענטשלעכן געוויסן.

אין דעם בוך האָט דער מחבר אַריינגעגעבן דאָס געוויין פון געשענדעטן מענטש בכלל און פון אונדזער אויסגעשאָכטענעם פאָלק בפרט.

דער מחבר אַליין איז אין קיין לאַגער נישט געווען. ער האָט געלעבט אין דער שווייץ און בלויז אָפּגענומען גרוסן פון גיהנום. אויפן סמך פון שמועסן מיט די קרבנות און עדות פון די לאַגערן; אויפן סמך פון כראָניק האָט ער געשאַפן קינסטלערישע דאָקו־מענטן פון אונדזער טרויעריקער צייט מיט איר מאָראַלישער ירידה, מיט איר טייוולאָנישער פאַרניכטונגס־מאַשין פון איין זייט און פון קידוש השם והאדם — פון דער צווייטער.

דורך מאַסן־סצענקעס און אינדיווידועלע טיפּן מיט זייער פּיין, הונגער, יסורים און לעצטן „פונק לעבן", האָט ער קינסט־לעריש געשטאַלטיקט די געפאַלנקייט און דערהויבנקייט פון יחידים און קאָלעקטיוון אין זייער גורל־געראַנגל ערב דער עקֵידה... די פּסיכאָ־טעכניק פון דער צוויי־פּיסיקער בעסטיע און דאָס מענטשלעך־דערהויבענע פון געפּייניקטן און געמאָרדעטן ייד און מענטש, האָט רעמאַרק געגעבן אַ בעלעטריסטישן תיקון אין זיינע איכה־ווערק.

דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו—דער פּרעטענדענט אויף שעקספּירס טראָן...

(פּען־צייכענונג)

געוויינלעך קומען שרייבער אַריין אין דער ליטעראַטור מיט שטילע טריט. בערנאַרד שאָו איז אַריין מיט געשמידטע פּאַד־קאָוועס, מען זאָל גוט הערן זיינע טריט אויף זיין וועג צו דער וועלט, וועלכער ער איז געגאַנגען איינצונעמען מיטן כוח פון זיין וואָרט. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַן אייגנאַרטיקער סטראַטעגיע כדי צו באַקומען דעם אויער פון דער וועלט — מיט אַ כיוון אָוועקגעשטעלט געדאַנקען מיטן קאָפּ אַראָפּ, צו ציען די אויפ־מערקזאַמקייט צו זיך, מען זאָל אים אויסהערן, אַפּלאָדירן, אָדער אַרונטעררייסן, אַבי נישט ווערן פאַרשוויגן און איגנאָרירט.

אָט די סטראַטעגיע האָט אים אָבער אין די ערשטע יאָרן ווייניק געהאָלפן! אַלע זיינע באַמיאונגען אַרויסצורופן אַ שטורעם אַרום זיין שרייבן האָבן אָנגעטראָפן אַ בלינדע וואַנט. די קריטי־קער האָבן אים פאַרשוויגן און זיין שרייבן איז דאַן צום „אויער פון דער וועלט" נאָך נישט דערגאַנגען. און טאָמער האָט אים ווער יאָ באַמערקט און אָנגעריסן פאַרן אויער פאַר זיינע חוצפּהדיקע געדאַנקען — איז שאָו פון דעם געווען מלא שמחה! דאָס האָט אים געגעבן אַ גלענצנדע מעגלעכקייט אָפּצוענטפערן און טאַקע באַווייזן זיינע שאַרפע נעגל — אָבער וועגן דעם שפּעטער.

עס איז אויף דעם אָרט כדאי צו דערמאָנען אין וואָס פאַר אַ שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען אים איז אויסגעקומען דאַן צו לעבן: „די הויפּט־סיבה פאַרוואָס איך האָב אַדאָפּטירט ליטע־ראַטור, האָט שאָו מיט איראָניע שפּעטער געשריבן, איז וואָס דער אויטאָר ווערט קיינמאָל נישט געזען פון זיינע קליענטן... ער

דאַרף זיך נישט אויספּוצן ווי אַ דאָקטער, אַ בערזע־הענדלער אַ־ן סוחר. אפילו אַ מאָלער מוז זיך טרעפן פּנים אל פּנים מיט זיין מאָדעלקע״.

ער האָט ווירקלעך אין די ערשטע צען יאָר פון זיין וואוינען אין לאָנדאָן (1876־1886), נישט בלויז צוגעהונגערט, נאָר אויך אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן ווי אַ שלעפּער. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט, וואָלט פיליכט אויפגעגעבן זיינע שרייבערישע אַמבי־ציעס און זיך גענומען צו אַ באַשעפטיקונג, וואָס זאָל אים דער־מעגלעכן אַ נאָרמאַלע, מענטשלעכע עקזיסטענץ — אָבער נישט שאָו! ער האָט צו שטאַרק געגלויבט אין זיך, אין זיין שרייבערישן באַרוף און אָרט אין דער ליטעראַטור, ער זאָל אויפגעבן זיינע אַמביציעס און זיך נעמען צו אַן אַנדער אַרבעט. „דער אמתער קינסטלער, זאָגט טאַנער אין שאָוס „מענטש און איבערמענטש״, וועט גיכער לאָזן הונגערן זיין ווייב און קינד, ווי גיין טאָן אַן אַרבעט מחוץ זיין קונסט״. שאָו האָט זיך באַטראַכט אַלס קינסט־לער באַלד ביי זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרואוון. דורכפאַלן און באַליידיקונגען האָבן אים נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט זיך אַליין געמוטיקט מיט אַ יאַפּאַניש ווערטל, אַז „דער נצחון געהער דעם, וואָס קען אויסהאַלטן איין פערטל שעה לענגער באַליידי־קונגען״.

ווען ער האָט נאָך לאַנגע שלאַכטן און געראַנגלען ענדלעך געוואונען זיין אָרט און הויכע רעפּוטאַציע אין דער ענגלישער (שפּעטער אויך וועלט) ליטעראַטור, האָט ער באַוויזן אַן אַן ערך איבערצושטייגן די איינפלוסן פון זיינע ליטעראַרישע קאָלעגן און מיטצייטלער אין יענעם פּעריאָד; צי דאָס איז געווען וועלס, גאָלסוואָרטי אָדער טשעסטערטאָן — דערמאָנענדיק נאָר עטלעכע נעמען, וועלכע האָבן בשעתם אַזוי שטאַרק געגלאַנצט אין דער ליטעראַרישער וועלט.

*

עס איז שוין היינט געשיכטע, אי שאָוס מלחמות, אי זיינע נצחונות און דעראָבערטע פּאָזיציעס אין דער דראַמאַטורגיע. אָבער מיט וואָס פאַר אַ כוח האָט ער באַוויזן צו דערגרייכן זיינע ליטעראַרישע נצחונות? מיטן כוח פון דער בייטש! אין דער בייטש האָט געשטעקט זיין קינסטלערישע גבורה! דורך איר

האָט ער דערהאָבערט דעם אויער און אויג פון דער וועלט. דורך איר האָט ער אויפגעצוואונגען מיליאָנען מענטשן צו זען און באַטראַכטן סאָציאַלע דערשיינונגען אַנדערש, ווי זיי האָבן עס געטאָן פריער.

ווען איך זאָג די בייטש, מיין איך מיט דעם נישט, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, די בייטש פון פאַסן לעדער — נאָר פון ווערטער, פון סאַטירע, שאַרזש, הומאָר און איראָניע — די שטאַרקסטע און ווירקזאַמסטע אינסטרומענטן פון דער ליטעראַטור אַלס טרייב־קראַפט פון מענטשלעכן פּראָגרעס. די בייטש פון סערוואַנטעס און גאָגאָל, מאָליער און סוויפט; די איראָניע און סאַרקאַזם פון אַנאַטאָל פראַנס, אָדער דער הומאָר פון אונדזער שלום עליכם און פון אַמעריקאַנער מאַרק טווען (און נאָך פון פיל אַנדערע), האָבן אַזוי פיל בייגעשטייערט אָפּצורוימען פון וועג אָפּגעלעבטע פאָר־מען. און ווי האָט אַנאַטאָל פראַנס באַמערקט: „לערן די מענטשן צו לאַכן פון שלעכטע און נאַראָנים, וועלן זיי אויסמיידן אַרייג־צופאַלן אין דער שוואַכקייט פון האַסן זיי״.

בערנאַרד שאָו האָט די בייטש געמאַכט פאַר זיין עיקר כלי־זיין. עס האָט ריכטיק באַמערקט זיין ביאָגראַף, העסקעט פּירסאָן, אַז פאַר שאָן איז הומאָר און סאַטירע געווען די פּאָעזיע פון לעבן — אַ באַרעכטיקונג און באַלוינונג. דעריבער האָבן אָט די עלע־מענטן פאַרנומען ביי אים דעם קאָמפּאָזיציאָנעלן צענטער פון זיין שאַפן, און אויב ער האָט נישט תמיד געקענט געבן הויכע קוואַ־ליטעט, האָט ער עס קאָמפּענסירט מיט קוואַנטיטעט...

נישט מיטן כוח פון זיינע איבערצייגונגען, אידייען און גלויבן, האָט שאָו באַוויזן צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון מיליאָנען (וועלכע ער האָט געצוואונגען אים אויסצוהערן אײדער זיי טראָגן אַרויס אַן אורטייל איבער זיינע מיינונגען), נאָר מיטן כוח פון זיין בייסיקער פעדער, וואָס האָט געווירקט ווי דינאַמיט אונטער די יסודות פון דער הערשנדיקער מאָראַל און קאָנווענציאָנעלן לעבנס־שטייגער.

*

ער האָט זיך באַוויזן אויפן ליטעראַרישן האָריזאָנט אין אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אין דער אידייען־וועלט האָבן פערמענטירט נייע געוואַגטע געדאַנקען פון

איבסענס דראַמען — די דראַמע מיט אידייען און סאָציאַלער סאַטירע. אין יענער צייט האָט ניטשעס „זאַראַטוסטראַ" פון איין זייט און מאַרקס „קאַפּיטאַל" — פון דער צווייטער, געהאָלפן צעאַקערן דעם באָדן פאַר שאָוס אויפשטורעמדיקע פּיעסן. איך זאָג אויפשטורעמדיקע, ווייל מיר קענען היינט קוים זיך פאָרשטעלן, וואָס ס'האָט באַדייט אין פּוריטאַנישן, אַלטן, קאָנסערוואַטיוון לאַגער, ווען דער העלד דזשעק טאַנער קומט גראַטולירן ווײלעט וויטפּילדן פאַר איר ציווילן מוט צו ווערן אַ מוטער אָן הייראַט... („מענטש און איבערמענטש"). אָדער וואָס פאַר אַ שטורעם עס האָט אַרויסגערופן די פּיעסע „מרס. וואָרענס פּראָפעסיע", וואָס באַהאַנדלט דעם פּראָבלעם פון ווייסן שקלאַפןהאַנדל. אַז די צענזור האָט דאַן די פּיעסע פאַרווערט צו שפּילן — דער פאַרבאָט איז ערשט אַראָפּגענומען געוואָרן אין 1924 — איז נישט קיין איבערראַשונג פאַר אונדז צוקוקנדיק זיך, וואָס ס'טוט זיך היינט נאָך אָפּ מיט דער צענזור לגבי ביכער מיט סעקס־פּראָבלעמען.

שאָו האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם פאַרבאָט און געפּרוווט אים אויסמיידן דורך שפּילן די פּיעסע פאַר אַ געקליבענעם עולם אין אַ קליינעם זאַל (דאָס איז געווען דערלויבט). אויף צומאָרגנס האָט ער באַקומען אַזאַ פּרעסע־קוויטש, פון וועלכן ער האָט זיך וואָס שנעלער געדאַרפט אָפּטראָגן פון לאָנדאָן... אויב ער האָט געמיינט, אַז ער וועט מיט דער פאָרשטעלונג האָבן מער מזל אין ניו־יאָרק, האָט ער באַלד איינגעזען זיין טעות. אין ניו־יאָרק איז אַרום דער פּיעסע פאָרגעקומען אַזאַ ספּעקטאַקל: די אָרטיקע אונטערוועלט האָט זיך דערוואוסט, אַז די פּיעסע באַהאַנדלט אירן אַ בלאַטן ענין, און האָט דעריבער צו דער פּרעמיערע אויסגעקויפט די טייערסטע בילעטן און אויסגעפילט דעם זאַל. די פּאָליצײ האָט זיך דערוואוסט פון דעם, און אין מיטן דער פאָרשטעלונג, איז די גאַנצע טרופּע מיט דער אונטערוועלט־"פּני" אָפּגעפירט געוואָרן גלייך פון טעאַטער אין „חד־גדיא" אַריין...

ווי כ'האָב דערמאָנט פריער, האָט שאָו זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיינע פאַרבאָטן, אָנפאַלן אָדער דורכפאַלן. ער האָט מלחמה געהאַלטן מיטן צענזאָר לאַנגע יאָרן און אים לסוף מנצח געווען. כאַראַקטעריסטיש איז אַזאַ עפּיזאָד, וואָס שאָו גיט איבער

וועגן זיינע שטריטן מיטן צענזאָר. דער לעצטער האָט אים אַמאָל גערופן צו זיך און אויפגעפּאָדערט אויסצומעקן פון זיינס אַ פּיעסע דאָס וואָרט אויסגעלאָסנקייט. „אָבער דאָס וואָרט, האָט שאָו גע־טענהט, ווערט דאָך יעדן זונטיק באַנוצט אין קירכעביים פּרעדיקן פאַר פרויען און קינדער, פאַרוואָס איז עס דאָרטן נישט טריף?״

„אויף דער בינע מיינט דאָס וואָרט אַלץ און אין קירכע מיינט עס גאָרנישט״, האָט אים דער צענזאָר געענטפערט. אין אַ געוויסן זין איז ער גערעכט געווען...

נישט בלויז מיט דער צענזור האָט שאָו געפירט אַ לאַנג־יעריקע מלחמה, נאָר אויך מיט זיינע קריטיקער. פון אָנהויב האָבן זיי אים אינגאַנצן פאַרשוויגן. שפּעטער, ווען זיינע פּיעסן האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און מען האָט זיי מער שוין נישט געקענט פאַרשוויגן, האָבן די קריטיקער אַראָפּגעריסן זייער קינסטלערישן ווערט, באשר, זיי זענען נישט קיין דראַמעס, נאָר געשפּרעכן און דיסקוסיעס, אָדער גאָר געשיכטלעכע לעקציעס. זיי האָבן אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער נוצט די בינע ווי אַ דעבאַטיר־קלוב, ווי אַ רעדנער־טריבונע, אָדער ווי זשורנאַליסטן נוצן צייטונגען. אין זיינע פּיעסן, האָבן זיי געטענהט, דיסקוטירט מען וועגן אַלץ אין דער וועלט — הייראַט, ליבע, רעליגיע, וויסנשאַפט, פּאָליטיק — אָבער דאָס אַלץ האָט מער א שייכות מיט פּובלי־ציסטיק, ווי מיט קונסט און ליטעראַטור.

שאָו האָט זיי געענטפערט, אַז ער איז קודם־כל אַ פּאָליטי־שער דענקער, און ער נוצט אויס די דראַמאַטישע פאָרם, ווי דער ווירקזאַמסטער פּראָפּאַגאַנדע־מיטל פון פּאָליטישע אידייען. ער האָט זיי באַשולדיקט אין אומערלעכקייט ביים אָפּשאַצן זיינע פּיעסן פון בונטאַרישן גייסט לגבי דער הערשנדיקער מאָראַל און אינסטיטוציאָנאַליזם, און אַז זיי זענען די פּירשפּרעכער פון וועסט־ענד (דער רייכער קוואַרטאַל אין לאָנדאָן), און דעריבער געפינט ער זיך מיט זיי אויף דיאַמעטראַל - קעגנזעצלעכע פּאָזיציעס.

עס זענען אין דעם שטרייט אַרויסגערוקט געוואָרן אויך אַנ־דערע מאָמענטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו די כאַראַקטער־שטריכן פון שאָוס פּערזענלעכקייט. די ביאָגראַפן זיינע, ווי: אַרטשיבאַלד הענדערסאָן, פרענק האַריס און העסקעט פּירסאָן, אונטערשטרייכן, אַז שאָו איז געווען אַ געבוירענער קלאָון און

איז אין זיין שרייבערישן גאַנג געוואָרן אַ סינטעז פון לץ און נביא, קאָמיקער און פּרעדיקער, קריטיקער און פילאָזאָף. אַט די עלעמענטן זענען טאַקע בולט אין אַלע זיינע ווערק, אָבער ווייט נישט אין קיין גלייכער פּראָפּאָרציע. נישט איין מאָל פלעגט דער קלאָון אין אים האָבן די אויבערהאַנט איבערן פּרעדיקער און פילאָזאָף... דעריבער האָבן פיל פון זיינע קריטיקער נישט גענומען ערנסט זיין פּרעדיקן און אפילו געצווייפלט אין זיין אויפ־ריכטיקייט (אַנדערע—אפילו אין זיין נאַרמאַלקייט...). אפילו שוין אין זיין טיפן עלטער, ווען זיין נאָמען אַלס דראַמאַטורג איז געווען באַצירט מיט סופּערלאַטיוון פון אַלע וועלט־טיילן, האָט זיך נאָך אַלץ געהערט אַזעלכע באַצייכענונגען וועגן אים אַלס „מאַקאַבערישן קלאָון" אָדער אַלס סינטעז פון „יעזוס און מעפיסטאָפעל".

גענומען האָבן זיך די מיינונגען פון דעם, וואָס ער פלעגט איבעררעַשן מיט זיין גייסטיקער אַקראָבאַטיק. און ווען ער פלעגט אפילו אליין זיך נישט שטעלן אויפן קאָפּ, איז אים גע־גאַנגען אין לעבן איינצורעדן אַנדערע — אָפט מיט דערפאָלג! — אַז זיי שטייען אויפן קאָפּ... די וואָס האָבן אים נענטער געקענט דערציילן, אַז אין די זעלבע צוואַנציק מינוט, איז ער קיינמאָל נישט געווען דער זעלבער מענטש. דאָ האָט ער געקענט רעדן ערנסט וועגן דער מענטשלעכער ראַסע און באַלד איבערגיין צו בורלעסק און חוזק און קענען אַריינוואַרפן זיינע צוהערער אין ספּאַזמעס פון לאַכן. דערמיט האָט ער נישט איין מאָל אַרויסגע־רופן קנאה און אפּלאָדיסמענטן ביי פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, אָבער זיינע אידייען־חברים און פריינד פלעגט ער, טיילמאָל, צוליב דעם פאַרשאַפן עגמת־נפש... כדי אים גרונטלעכער צו אַנאַליזירן, מוז מען אָבער זיך אָפּשטעלן אויף פאַרשידענע עטאַפּן פון זיין לעבן און שאַפן, אויף זיין שורש, קינדהייט און סביבה, וואָס האָבן געלייגט אַ חותם אויף זיין פּערזענלעכקייט.

*

דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו איז געבוירן געוואָרן אין דובלין, אין 1856, ביי עלטערן מיט קעגנזעצלעכע נאַטורן. ווי שאָו אַליין דערציילט, האָט זיין מוטער אין איר לעבן קיין וויץ נישט געמאַכט און פון איר האָט ער אָפּנים געירשנט זיין ערנסטקייט. דאַקעגן פון פאָטער האָט ער בירושה זיין הומאָר און סאַטירע. די מוטער איז געווען צוואַנציק יאָר יונגער פון פאָטער און זי האָט מיט אים

חתונה געהאַט נאָר כדי צו ראַטעווען זיך פון אַ מומע אַ מכשפה, ביי וועלכער זי האָט זיך אויפגעהאַלטן. די טראַגעדיע פון אָט דעם שידוך האָט זיך אַנטפּלעקט באַלד נאָך דער חתונה, ווען די פרוי האָט אַנטדעקט, אַז איר מאַן, דער „פּרינציפּיעלער אַבסטינענט", איז אַ געפערלעכער אַלקאָהאָליקער... אַלס בליץ־אַפּלייטער פון איר אומגליק — איר ליידנשאַפטלעכע ליבע צו מוזיק, און פון איר האָט בערנאַרד שאָו גערשנט זיין ליבשאַפט צו מוזיק און זיין וואונדערבאַרן אויער.

פירסאָן דערציילט, אַז ביזן סוף פון זיין לעבן פלעגט שאָו יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין אויסזינגען אָפּערעס, אָראַטאָריעס, באַלאַדעס און קאַנטשאַטאָס. אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען זיינע גלאַנצפולע, טיף־אַנאַליטישע עסייען וועגן קאָנצערטן און מוזיק בכלל. שאָו דער מוזיק־קריטיקער איז עד־היום נישט פאַרשאַטנט, און ווען מען לייענט זיינע אָפּשאַצונגען און איבערזיכטן פילט מען נאָך זייער פרישקייט באַגלייט מיט טיפער ערודיציע און שאַרפזין.

ווי באַוואוסט איז שאָו געווען אַ געבוירענער אַקטיאָר, טעאַטער איז געפלאָסן אין זיין בלוט. ווען ער פלעגט פאָרלייענען פאַר אַ טרופּע זיינס אַ פּיעסע, פלעגט ער יעדער ראָל אַזוי אויסשפּילן, אַז די אַקטיאָרן פלעגן בלייבן זיצן מוטלאָז, טראַכטנדיק, אַז זיי וועלן אפשר נישט קענען אויסשפּילן די ראָלן אַזוי עכט, ווי שאָו ביים פאָרלייענען... ער פלעגט זיי אויפהייטערן מיט זיין קלאָונישקייט און דערציילן פון זיין פאָטער, וועלכער האָט בעת אַ קלימאַקס פון די טראַגישסטע געשעענישן זיך קענען פאַנאַנדערלאַכן ווי אַ קינד, ווייל ווייץ און שאַרזש איז פאַר אים געווען די נשמה יתירה (א חוץ אַלקאָהאָל...).

פון קינדווייז אָן האָט שאָו אַרויסגעוויזן אַן אומגעהויערע קוריאָזיטעט אַלץ צו וויסן און פאַרשטיין. ער פלעגט צונויפזאַמלען אינפאָרמאַציעס וועגן אַלץ אין דער וועלט, און תמיד געשעפּט פון דער ערשטער קוועלע. פון דעם נעמט זיך, וואָס ער האָט שפּעטער געקענט רעדן מיט אויטאָריטעט, וועגן אַזוי פיל פאַרשידענע קעגנשטאַנדן אונטער דער זון. עס האָט אים שטאַרק געדינט זיין אויסערגעוויינלעכער זכרון, וואָס איז ערשט אין טיפן עלטער געוואָרן אָפּגעשוואַכט.

זיין דראַמאַטישער חוש האָט זיך שוין אַנטפּלעקט אין זיין

פריסטער יוגנט. דראַמאַטורגיע איז געווען אַן אינטעגראַלער עלעמענט פון שאָוויאַניזם — אומאָפּהענגיק פון דעם ווי אַזוי מען זאָל נישט אָפּשאַצן די אָדער אַנדערע פּיעסע פון זיין פּען. „איך שרייב דראַמעס, האָט ער דערציילט, ווייל איך קען זיך נישט דערמאָנען אַ צייט איך זאָל נישט האָבן דערפינדן סצענקעס און מענטשן. איך בין נישט קיין געשיכטע־דערציילער. זאַכן קומען צו מיר, ווי פּאַרטיקע סצענקעס מיט אַקציע און דיאַלאָגן, מיט זייער אייגענער וויטאַליטעט פון אַנטוויקלונג".

זיינע ביאָגראַפן דערציילן נסים ונפלאות וועגן זיין דראַמאַטישן חוש און רעזשיסאָרישן טאַלאַנט (ער האָט פיל פון זיינע פּיעסן אַליין רעזשיסירט און אויסגעשולט אַקטיאָרן פאַר זיינע דראַמעס). אָבער פּונקט ווי ביי אַנדערע באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן, איז אויך לגבי שאָון פאַראַן נישט ווייניק גוזמאות אין די מעשיות און לעגענדעס, וואָס קורסירן וועגן אים. ער אַליין פלעגט מיט סאַרקאַזם רייסן שטיקער פון אַזעלכע מעשיות אין זיינע ביכער־איבערזיכטן. אַלס אילוסטראַציע וועל איך דערמאָנען ווי אַזוי ער האָט אין אַ רעצענזיע וועגן אַ וואַגנער ביאָגראַפיע־בוך געגעבן אַזאַ סאַרקאַסטישע באַמערקונג וועגן אַבסורדאַלע מעשיות אינעם בוך: „דער סענסאַציאָנעלער אינצידענט וועגן דער פרוי, וואָס איז געשאָסן געוואָרן דורך פרייסישע זעלנער און וואַגנער האָט זיי געכאַפּט און באַשולדיקט, ווייזט זיך אַרויס צו זיין אַזוי אמתדיק, ווי מען האָט עס געקאָנט דערוואַרטן. דאָס הייסט: די פרוי איז נישט געשאָסן געוואָרן, די זעלנער האָט מען נישט געכאַפּט און וואַגנער איז דערביי גאַרנישט געווען... אָבער אַ חוץ דעם איז די גאַנצע געשיכטע געשטיצט אויף אמתע פאַקטן..."

*

די צעבראָכענע היים פון זיינע עלטערן (די מוטער איז אַוועק פון מאַן קיין לאָנדאָן), האָט געלייגט אַ שטאַרקן חותם אויף זיין גאַנץ לעבן. ער איז שוין פאַרבליבן אַן אויסגעוואָרצלטער און אינערלעך אַן אָפּגעזונדערטער אין יעדער געזעלשאַפט. ער האָט געוויינלעך געהאַט אַ סך קאָלעגן, אָבער מיט קיינעם נישט געוואָרן נאָענט און אינטים. ער האָט געהאַט צוויי שוועסטער און אויך מיט זיי קיין שום נאָענטקייט. יעדער פון דער שאָו־פאַמיליע האָט געלעבט פאַר זיך — אַן אויסגעצייכנטע אַטמאָספער פאַר עגא און

פאַרשאַרפטן אינדיווידואַליזם — אַ מין אַנאַרכיסטישע זעלבסט־באַשטימונג. צוליב זיין פאַטערס שיכרות איז בערנאַרד שאָו געוואָרן אַן אַבסטינענט און אַ נזיר. ער האָט נישט געטרונקען, נישט גערויכערט. אַ ניכטערער פלעגט ער אויף אַ שמחה אַרומ־דרייען זיך צווישן באַרוישטע קאָלעגן, זיך געפילט אַ פרעמדער און אַ שטערונג אין דער געזעלשאַפט.

ער איז יונגערהייט געוואָרן אַ וועגעטאַריער און פרום עס מקיים געווען זיין גאַנץ לעבן. עס האָט אַמאָל בעת זיינס אַ שווע־רער קראַנקהייט פּאַסירט, אַז די דאָקטוירים האָבן אים געוואָלט אויפצווינגען צו עסן פלייש. שאָו האָט אפילו צוליבן שטאַנדפּונקט פון פּיקוח נפש אָפּגעזאָגט צו עסן פלייש און מיט זיין שאָוויאַנישן הומאָר אויפגעוויזן, אַז דער אָקס, דער שטאַרקסטער צווישן די בהמות, איז אויך אַ וועגעטאַריער. און אַז בכלל האָבן די בהמות דאָס זעלבע רעכט אויף לעבן ווי מענטשן, און אויב עס זאָל אפילו דערגיין צו דעם, אַז ער זאָל שטאַרבן צוליב זיין וועגעטאַרישקייט, לאָזט ער איבער אַ צוואה, אַז נאָך זיין לוויה זאָלן נאָכגיין אַלע מינים: אָקסן, חזירים, שעפּסן, עופות, פיש, אַלע אָנגעטאָן אין ווייסן צום אָנדענק פון אַ מענטש, וועלכער האָט בעסער געוואָלט שטאַרבן, ווי עסן זיינע מיטבאַשעפענישן...

אויב די וועלט האָט נישט געזען די אָריגינעלסטע לוויה, איז עס בלויז צוליב דעם, וואָס שאָו האָט אָפּגעטאָן זיינע דאָק־טוירים מיט זייערע דיאַגנאָזן אויף טערקיש, און געבליבן לעבן — ער האָט אַלע זיינע דאָקטוירים איבערגעלעבט! און אַז מען רעדט שוין וועגן זיין וועגעטאַרישקייט, איז כדאי דאָ צו דערמאָנען אַן אַנדערן שאָוויאַנישן טריק. ווען זייענדיק אַ פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער־קריטיקער האָט ער אַמאָל פון דער בינע אַפּעלירט צום עולם, אַז ווען זיי ווילן אויסדריקן זייער פּראָטעסט קעגן אַ פאָר־שטעלונג וואָס געפעלט זיי נישט, אָנשטאָט וואורשטלעך זאָלן זיי בעסער וואַרפן אויף דער בינע קרויטלעך, ווייל פון וואורשטלעך קען ער צוליב זיין וועגעטאַרישקייט נישט געניסן... (איך ברענג עס דאָ ווי פעלד־בלימעלעך פון שאָוויאַניזם).

איך האָב שוין פריער דערמאָנט אין וואָס פאַר אַ מצב דער יונגער שאָו האָט געלעבט אין לאָנדאָן. ער דערציילט, אַז ער פלעגט ספּעציעל גיין אויף פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיע־אָוונטן כדי צו פאַרגעסן אין זיין הונגער. דער אמת איז, אַז ער איז אויך

געווען פון זיין יוגנט אָן הונגעריק אין וויסן. אַ ביכער־וואָרעם געווען און יומם ולילה געלייענט און געלערנט. ער האָט נישט דורכגעלאָזט די באַרימטע זונטיק־מיטינגען אין לאָנדאָנער „הייד־פּאַרק" וואו די הויפּט־אַטראַקציעס זענען דאַן געווען די טעמעס: אַטעאיזם, מאַרקסיזם און דאַרוויניזם. „אויף יענע מיטינגען, האָט ער שפּעטער באַמערקט, בין איך געוואָרן אַ פריידענקער נאָך איידער כ'האָב בכלל אָנגעהויבן דענקען..." און ער גיט צו וועגן זיין ערשטער אַנטוישונג אין לעבן, ווען ער האָט אויף די מיטינגען זיך דערוואוסט פון דאַרווינען, אַז „אַנשטאָט צו זיין דער יורש פון די ביבלישע אַראָפּגעפאַלענע מלאכים, איז ער גאָר דער ערשטער לייבלעכער יורש פון אַ מאַלפּע"...

שאָו איז אויף די „הייד־פּאַרק" פאַרזאַמלונגען געוואָרן אַ סאָציאַליסט, אָבער נישט קיין מאַרקסיסט. צו יענער צייט האָבן אין לאָנדאָן עקזיסטירט פאַרשידענע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע גרופּעס אָנגעפירט פון גרויסע פערזענלעכקייטן. איך וועל דערמאָנען אַזעלכע נעמען, ווי וויליאַם מאָריס, סידנעי אָליווער, גרעהעם וואַלאַס, אַננאַ ביזעט — די בעסטע אָראַטאָרין דאַן אין ענגלאַנד, איר לעבנס־געשיכטע איז אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל פאַר זיך. הענרי מייערס, הינדעמאַן — וועמען שאָו האָט שפּעטער פאַרקערפּערט אין אַ פּיעסע — און פיל אַנדערע טוער, וועלכע האָבן בשעתם געגלאַנצט אין לאָנדאָן.

פאַר שאָון האָט זיך געעפנט אַ ברייט פעלד פאַר אינטענסיווער טעטיקייט. ער ווערט איינער פון די הויפּט־רעדנער, און אַדאַנק זיין אַקטיאָרישן טאַלאַנט וואַקסט ער שנעל אויס צו אַ גלענצנדן אָראַטאָר. עטלעכע מאָל אַ וואָך, האָט ער במשך פון צוועלף יאָר גערעדט פון אַלע טריבונעס און גאַסן־„קאָרנערס". ער שרייבט פּאַמפלעטן, באַטייליקט זיך אין אַלע דעבאַטן מיט די פירער פון דער ענגלישער ליבעראַלער פּאַרטיי. ער איז דאַן באַטראַכט געוואָרן פאַרן שאַרפזיניקסטן דיסקוטאַנט פון זיין צייט. צוזאַמען מיט עטלעכע אַנדערע אינטעלעקטואַלן, ווערט ער דער גרינדער פון דער פאַביאַנישער געזעלשאַפט (פון וועלכער עס איז אַרויסגעוואַקסן די ענגלישע לייבאָר פּאַרטיי). כמעט יעדן טאָג שרייבט ער „בריוו אין רעדאַקציע", וואו ער פּאָלעמיזירט און רעאַגירט אויף אַלע דערשיינונגען און פּראָבלעמען, וואָס שטייען דאַן אויפן סדר־היום. ער איז טאָג און נאַכט באַטייליקט

אין צענדליקער אַקטיוויטעטן, וואָס יעדע פון זיי איז אַ פולע טאָג־באַשעפטיקונג. ער פּראָפּאַגירט זיינע איבערצייגונגען און צילן פון אַלע טריבונעס און גייט איבער פון זיי צו אַ נייער פאַר אים טריבונע — די דראַמאַטישע.

שאָו דער דראַמאַטורג

נאָך עטלעכע אומגעלונגענע פּרוּוון מיט דערציילונגען, האָט ער דערשפּירט, אַז זיין ליטעראַרישער אינסטרומענט קען נישט זיין די דערציילונג, וואו עס דאַרף פיל פּלאַץ אָפּגעגעבן ווערן פאַר פּסיכאָלאָגישע שילדערונגען און אַנאַליז, נאָר די דראַמע. אָבער אויך זיינע ערשטע פּיעסן האָבן אים נישט אַרויסגעהויבן מיט אַ רעפּוטאַציע פון אַ דראַמאַטורג — דאָס האָט ער ערשט דערגרייכט אין יאָרן אַרום. גראָד פון אָנהויב האָט ער זיך קונה־שם געווען מיט זיינע „פּען־פּאָרטרעטן און איבער־זיכטן", וועלכע זענען לכל הדעות די „שאַרפזיניקסטע און סטי־מולירנדיקסטע אונטערהאַלטונגס־עסייען אין דער ענגלישער שפּראַך". ער האָט געשריבן איבערזיכטן וועגן מאַלעריי, מוזיק, ביכער, טעאַטער, און שרייבנדיק וועגן אַקטיאָרן טוט ער איין מאָל אַזאַ זאָג: „אָבסערווירנדיק זיי ביים שפּילן, האָב איך געשאַפן אַזאַ אַקסיאָמע: עס זענען פאַראַן אַקטיאָרן, וואָס זענען אויף דער בינע צופרידן מיט זיך אַליין, און ווידער אַנדערע, וואָס פילן זיך גוט נאָר אין מאַסקעס, וועלכע זענען נישט ענלעך צו זיי..." אין זיינע איבערזיכטן איז שוין געווען דער עקסטראַקט פון שאָוויאַ־ניזם מיט זיינע עלעמענטן פון פילאָזאָפיע און פאַרוויילונג, סטי־מולירנדע קאָמעדיע געפּאָרט מיט קלאָאונישקייט און קריטיק.

אַלס טעאַטער־קריטיקער האָט ער שאַרף אַטאַקירט די מע־לאָדראַמאַטישע פּיעסן מיט וועלכע עס איז דאַן פול געווען די ענגלישע בינע (און נישט נאָר די ענגלישע). ער האָט מיט אַ שטאַרקער איבערצייגונגס־קראַפט פּראָפּאַגירט אַרויפצוברענגען איבסענס דראַמען אויף דער ענגלישער בינע און עס קומט אים דער קרעדיט, וואָס דער טעאַטער, אַלענפאַלס דער בעסערער אייראָפּעאישער טעאַטער, האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער בי־ליקער, סענטימענטאַלער דראַמע (אָדער מעלאָדראַמע), און אַריינ־געפירט די אידייאישע דראַמע מיט איר סאָציאַלער שאַרפזיניקער סאַטירע און נישט־קאָנווענציאָנעלער פילאָזאָפיע. „אַ דראַמע

מיט אידייען און פילאָזאָפיע, האָט ער געשריבן, גיט דעם מענטש אַ גלויבן און צווינגט אים צו טראַכטן און איבערטראַכטן".

דורך פּראָפּאַגירן איבסענס דראַמעס, האָט שאָו צוגעגרייט דעם באָדן און וועג פאַר זיך גופא צו דער בינע. ער האָט זיך ווייניק איבערגענומען, ווען איינע פון זיינע ערשטע פּיעסן איז אויסגעפייפט געוואָרן, אַ צווייטע — פאַרבאָטן דורכן צענזאָר, און אַ דריטע איז סתם דורכגעפאַלן, געשפּילט געוואָרן פאַר ליידיקע בענקלעך... אויב דאָס איז געווען ווייניק, האָט ער אַלס צולאָג געהאַט געברענטע צרות פון מענטשן, וואָס האָבן זיך גע־קלאָגט, אַז זיי דערקענען זיך אין אַ ריי טיפּן (פון זיינע פאַר־שטעלונגען) געוויזן אין אַ בורלעסק־שפּיגל, און זיי ווילן אים דערפאַר אָנגעבן אין געריכט... וויל איך זיך נישט אַריינמישן אין די טענות אויפצואווייזן ווער ס'איז גערעכט... זיכער איז, אַז שאָו האָט מיט זיין שאַרף אויג געקענט אָבסערווירן מענטשן און דראַמאַטיזירן זייערע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן מיט לע־בעדיקע פאַרבן. און וועגן טענות פון פּראָטאָטיפּן, האָבן מיר אַ סך געלייענט אויך ביי אַנדערע שרייבער, אַז שכנים האָבן זיך געקלאָגט, אַז זיי דערקענען זיך א. אַ. וו. דאָס איז פאַרבונדן מיט דער טעמע ליטעראַטור און לעבן, וועלכע איך קען אין די ראַמען נישט באַהאַנדלען.

*

ס'רוב פון זיינע פּיעסן האָט שאָו באַגלייט מיט לאַנגע אַריינ־פירן, אין וועלכע ער האָט אריינגעלייגט פיל מער אַרבעט און מי, ווי אין דער פּיעסע גופא. אָט די אַריינפירן זענען אויס צו זיין פּאָליטישע טראַקטאַטן פון זיינע דאָקטרינעס און אידייען, און די פּיעסע — ווי אַ דראַמאַטישע אילוסטראַציע צו זיי. די דאָזיקע פאָרם פון זיינע דראַמעס איז געוואָרן אַ גינסטיקער ציל־ברעט פאַר זיינע קריטיקער מיט זייערע אַרגומענטן, וועלכע כ'האָב אַרויסגעהויבן פריער.

אָבער ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צו דער דאָזיקער פאָרם פון דראַמאַטורגיע, איין זאַך איז בלתי ספק: מיט זיינע פּיעסן האָט שאָו אויפגעבראָכן טיר און פענצטער אויף דער בינע און אַריינגעלאָזן פרישע לופט. ער האָט דורך אונטערהאַלטונג געפּרעדיקט און געקעמפט פאַר פאָרגעשריטענע אידייען דורך

וועלכע ער האָט געהאָלפן אויפוועקן דעם סאָציאַלן געוויסן פון זיין דור. ער האָט דראַמאַטיזירט פאַרשידענע אַספּעקטן פון סאָציאַלן און צאַפּלדיקן כאַראַקטער. אַריינגעמענדיק אין דער שוי־שפּיל מאָדערנע פּראָבלעמען, האָט ער דערמיט באַוויזן צו באַנייען די קלאַסישע טראַדיציע און מעטאָדיק פון די גריכישע דראַמאַטורגן צו באַהאַנדלען דראַמאַטיש אויך די צאַפּלדיקע, הייסע געשעענישן פון טאָג און נישט בלויז די קילערע פראַגן פון דער אייביקייט. גלייכצייטיק האָט ער באַוויזן, אַז די טעמאַטיק פון ליבע, סעקס און אויסגעלאַסנקייט, זענען נישט די איינציקע קעגנשטאַנדן פּאַסיק פאַר אינטערעסאַנטער, דראַמאַטישער באַהאַנדלונג.

פון וואָס פאַר אַן אַספּעקט מען זאָל נישט צוגיין: צי די טעמע איז געווען די פילאָזאָפיע פון דער שעפערישער עוואָלוציע אָדער הויזווירטן, אייפערזוכט אָדער פּראָסטיטוציע — אויף יעדער פון זיי איז געלעגן דער חותם פון שאָוויאַנישן עקסטראַקט מיט זיין לייכטקייט און טיפקייט, הומאָר און סאַטירע מיט אַ צוגאָב פון קלאָון און נביא, וואָס האָט שאָון געמאַכט פאַר אַן אוניקום אין דער ליטעראַטור. ווי יעדע קינסטלערישע שאַפונג, טראָגן אויך זיינע דראַמען דעם חותם פון זייער שעפער, און ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, „קיינער קען נישט מאַכן דעם טעות און אָננעמען מייקל אַנדזשעלאָס בילדער פאַר רעמבראַנדטס אָדער פאַרקערט”.

זיין ערשטע דערפאָלגרייכע פּיעסע איז געווען „קאַנדידאַ”, וואָס האָט אים ממש איבערנאַכט באַרימט געמאַכט, און נישט נאָר רום געבראַכט, נאָר אויך מאַטעריעלע זיכערקייט און מעגלעך געמאַכט, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זשורנאַליסטיק, פון זיינע וועכנטלעכע אַרטיקלען און איבערזיכטן אין דער לאָנדאָנער פּרעסע (מיט איר באַשיידענער שכירות), און איבערגיין אין גאַנצן צו דער דראַמאַטישער קונסט.

*

דער הויפּט־העלד פון קאַנדידאַ — מאָרעל, אַ רעליגיעזער סאָציאַליסט, שוועבט אַרום אין די עולמות עליונים פון טעאָלאָגיע און עטיק. זיין געדאַנק איז אין גאַנצן פאַרנומען מיט פּראָבלעמען פון העכערן תכלית, מיט די גרויסע זאָרגן, ליידן

און צרות פון דער גאַנצער וועלט, איבערלאָזנדיק אויף די שוואַכע פּלייצעס פון זיין פרוי, קאַנדידאַ, די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און קליינע פּראָבלעמען פון זייער אייגענעם פאַמיליע־לעבן...

אָרעמקייט, דחקות אין דער אייגענער שטוב און מסירת־נפשדיקער אידעאַליזם פאַר אַנדערע, איז שאָון געווען גוט באַקאַנט פון צענדליקער ביישפּילן אין זיין נאָענטער סביבה, מיט וועלכער ער האָט זיך געטראָפן אין טאָג־טעגלעכן לעבן סיי אין לאָנדאָן און סיי אויף דער פּראָווינץ.

דער מחבר האָט זייער גוט געקענט דעם טיפּ, ווי מאָרעל, ווייל ער האָט זיך בעת זיין פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט אָפט געטראָפן מיט רעליגיעזע סאָציאַליסטן, גרויסע אידעאַליסטן, וועלכע פלעגן פלאַטערן יעדע נאַכט איבער די צעוואָרפענע לאָנדאָנער דיסקוסיע־קלובן, פאַרגעסנדיק אין ווייב און קינד און זייערע אייגענע מאַטעריעלע הצטרכותן.

קאַנדידאַ — אַן אידעאַלע געשטאַלט פון פרוי און מוטער, איז נענטער צום רעאַלן לעבן, ווי איר אידעאַליסטישער מאַן. און זי פאַרקערפּערט דעם נאָגנדיקן ספק און סקעפּטיציזם פון אונדזער עפּאָכע. זי ברענגט עס אַרויס אין אירע טענות צום מאַן. זי זאָגט צו אים:

„ס'איז קוים דאָ אַן אָוונט דו זאָלסט זיצן מיט מיר אין דיין היים. איך גלויב אַז דאָס וואָס דו פּרעדיקסט איז שיין און אמתדיק. אָבער וואָס איז פון דעם די פּעולה? צי נעמט ווער אין אַכט דיין לערע? אפילו ווען דיינע צוהערער מיינען בעת מעשה אויפריכטיק, אַז זיי זענען מיט דיר מסכים, ווען זיי גייען אָבער אַוועק טוען זיי פונקט דאָס פאַרקערטע וואָס דו האָסט זיי געלערנט. נעם אַלס ביישפּיל אונדזער אייגענע „קאָנגרעגיישאָן". פאַרוואָס מיינסטו קומען די מיטגלידער דיך הערן יעדן זונטיק פּרעדיקן וועגן קריסטלעכן סאָציאַליזם? — ווייל אַ גאַנצע וואָך זענען זיי פאַרטאָן אין געשעפטן (און אין כל עבֿרות שבעולם). האָבן זיי זונטיק אַ רו־טאָג — אויף אַ ווײַלע זיך צו פאַרגעסן, און באַקומען פרישע כוחות אָנצוהויבן מאָנטיק אויפסניי דאָס פריערדיקע לעבן... דיין פּרעדיקן איז פאַר זיי אַ פאָרשטעלונג — אַ ביסל נשמה־יתירהדיקייט נאָך דער עולם־הזהדיקער וואָך".

שאָו האָט די פּיעסע געשריבן אין זיין פערציקסטן לעבנסיאָר, ווען ער האָט דורכגעלעבט אַ שטאַרקן קריזיס, אַן אינער־

לעכן געראַנגל צווישן צווייפל און גלויבן, די מיקראָבן פון יאוש האָבן ביי אים אָנגעהויבן פאַרניכטן די קעמערלעך פון בטחון און אמונה... ער רייסט אַראָפּ מיט זיינע שאַרפע, סאַטירישע צייך די מענטשלעכע צביעות און מאָראַלישע פּחדנות. וועגן צביעות גיט ער אַ באַמערק, אַז דער גייסטלעכער וואָס קנעפּלט איבער דעם ווייסן קאָלנער פון פאָרנט אויף הינטן ווערט נאָך דערמיט נישט דער ערלעכער שטעל־פאַרטרעטער פון גאָט אויף דער ערד... דער מחבר פּרוּווט פאַרשטיין מענטשלעכע שוואַכ־קייטן און ווי ער דריקט זיך אויס: „אַ מענטש קען באַווייזן אַרויפ־צוקלעטערן צו די העכסטע הויכן, אָבער ער קען דאָרט לאַנג נישט וואוינען...״

שאָו, וועלכער איז געקומען פון אַ צעבראָכענער היים און נישט פאַרזוכט די צערטלעכקייט און ליבשאַפט פון אַ מוטער, האָט אין דער אויספּאַנטאַזירטער קאַנדידאַ געשאַפן אַ הערלעכע מוטער־געשטאַלט, געצייכנט מיט אַזאַ דין פאַרשניצטער פּעדער (ביים לייענען האָבן זיך געשפּינט אַנאַלאָגיעס מיט דער ליכטי־קער יידישער מאַמע־געשטאַלט אין שלום אַשס „וואַרשע״).

איך וויל אונטערשטרייכן, אַז זיינע פּיעסן באַהאַנדלען נישט — מיט קליינע אויסנאַמען — קיין אַבסטראַקטע פּראָבלעמען און פילאָזאָפיעס, נאָר קאָנקרעטע, אַקטועל־צאַפּלדיקע, וועגן פּאָלי־טיק און רעליגיע, וועגן קינדער און הייראַט אָדער גאָר וועגן סעקס און ווייסנשאַפט, געבורט און טויט, און פיל אַנדערע פּראָבלעמען וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער עפּאָכע.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז שאָו, וועלכער האָט אומ־ברחמנותדיק אָנגעגריפן און דיסקרעדיטירט דאָגמעס און איינ־געפונדעוועטע אינסטיטוציעס אויף וועלכע ער האָט געזען שימל פון יאָרהונדערטער, האָט קיינמאָל נישט אָנגעגריפן קיין פּער־זאָנען אין זיין שאַרפער קריטיק. אין פּאָלעמיק האָט ער דעם טראָפּ געשטעלט אויף תוך־זאַכן און נאָכגעגעבן נעבן־זאַכן. ער האָט אָבער מיט דער פאַרביסנסטער עקשנות געקעמפט פאַר דעם קערן פון זיינע איבערצייגונגען. פון די דאָזיקע מלחמות פלעגט ער ווייט נישט תמיד אַרויסגיין דער זיגער. עס פלעגט נישט איין מאָל טרעפן, דערציילט ער, אַז „כ׳האָב אויסגעזען ווי

אַן אַלטער הונט, וואָס איז געווען אין אַ געשלעג מיט אַנדערע און אָמערגסטן אָפּגעשניטן...״

נישט איין מאָל האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ בלינדער וואַנט פון פאָראורטיילן און מיט זיין קאָפּ געפּרואווט דורכהאַקן די וואַנט — און טאַקע דורכגעבראָכן! ער האָט דורך דעם געגעבן זיין באַדייטנדיקן צושטייער צו מאַכן די וועלט אַ פרייערע און ווי ווייט מעגלעך — אַ בעסערן פּלאַץ צום לעבן.

*

אין זיין דראַמע „מענטש און אויבערמענטש״, האָט שאָו אַרויסגעבראַכט זיין פילאָזאָפישע אויפפאַסונג און דאָקטרינע פון דער שעפערישער עוואָלוציע. עס זענען פאַראַן צוויי אופנים צו באַצייכענען, אַז אַ מענטש האָט אַ באַשטימטע פילאָזאָפיע:

א) ווען ער האָט אַן אַלגעמיין־אַרומנעמענדיקע פאָרשטעלונגס־בילד פונעם אוניווערס און דעם אָרט פון מענטש אין אים, איינשליסנדיק דעם וועג פאַרן יחיד און כלל צו דערגרייכן מער שלימות און צופרידנקייט;

ב) אַן אַלגעמיינע קאָנצעפּציע וועגן זין פון מענטשלעכן לעבן: גאָט, ליבע, שנאה, טויט, לעבן, אומשטערבלעכקייט — אַ געדאַנקען־גאַנג, וואָס נעמט אַרום אַלע אָדער אַ טייל אַספּעקטן פונעם העכערן תכלית און זין פון לעבן.

שאָו האָט געהערט צו דער ערשטער גרופּע און אין פיל פּיעסן אַרויסגעבראַכט זיין פילאָזאָפישן אני־מאמין (אין אַריינפיר צו די פינף סצענקעס פון „צוריק צו מתושלח״ און אין אַריינפיר־וואָרט צו דער גיהנום־סצענע פון „מענטש און אויבערמענטש״ און אין אַנדערע).

אין זיין פילאָזאָפיע האָט שאָו שאַרף קריטיקירט די אויפ־פאַסונג פונעם אוניווערס און יצירה ביי דאַרווין, באַטלער, און לאַמאַרק. מיט שאַוויאַנישער באַווירצונג רעדט ער וועגן דער פרוי, וואָס עקספּלואַטירט געוויסנלאָז איר סעקס־אַטראַקציע צוליבן ביאָלאָגישן ציל פון רעפּראָדוקציע. ער באַטאָנט דעם אָפּווער־קאַמף פון זשעני, וועלכער איז מקריב די אינטערעסן פון זיין פרוי און קינדער צוליב זיין העכערער שליחות („ער וועט גיין אויפן קרייץ, אָדער הונגערן ווי דאַרווין, וועלכער האָט אַ לעבן־לאַנג געפאָרשט ווערים און געלעבט אין דחקות״).

די צרה מיט שאָון איז אָבער געווען, וואָס מען האָט קיינ־מאָל נישט געוואוסט, וואו עס ענדיקט זיך ביי אים דער ערנסטער דענקער, און וואו עס הויבט זיך אָן שאָו דער קלאָון... זיין נייגונג צו פאַיאַצעווען האָט אַרויסגערופן חשד אפילו דאָרט, וואו ער איז געווען טויט־ערנסט.

אין מיטן ערנסטן פילאָזאָפירן, גיט ער אַ זאָג: „עס איז נישט געווען גוט באַרעכנט פון גאָט, וואָס ער האָט בעתן מבול איבערגעלאָזט פון יעדן מין אויף רעפּראָדוקציע. צוליב דעם זענען אַלע זייערע חסרונות צוריק אַרויסגעקומען אויף דער וועלט". דער עקספּערימענט מיטן בן־אדם האָט זיך ארויסגעוויזן פאַרן גרעסטן דורכפאַל...

צוליבן שפּילן דעם קלאָון פלעגט דער לייענער בלייבן צעמישט און נישט געוואוסט, ווי אַזוי צו פאַרשטיין אים. שאָו דערציילט, ערגעץ, אַז ער האָט איין מאָל נאָך אַ צירק־פאָרשטע־לונג שטאַרק געדריקט די האַנט פון פאַיאַץ. ווען דער לעצטער האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג, האָט אים שאָו באַרואיקט: „ס'איז גאָרנישט, אַן אַלטער קלאָון דריקט די האַנט אַ יונגערן"... אָבער אין אַן ערנסטן מאָמענט, רעדנדיק וועגן דעם באַגריף פון תחית־המתים, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אַ פריינד: „אין דעם זין ווי איר מיינט עס, נישט איך גלויב אין דעם און נישט איך ווינטש זיך עס. אן אייביקער דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו איז אומדענקבאַר... כ'האָב קיינמאָל נישט גע־גלויבט אין אַ פערזענלעכן תחית־המתים. דער יחיד פאַרשווינדט און די יצירה גייט אָן ווייטער. איך גלויב אין אַן אייביק לעבן, אָבער נישט פאַר סמיט, בראַון, ראָבינזאָן און אַנדערע. איך ווייס אַז מענטשן שטעלן זיך פאָר צו קאָנטינואירן אין דער אייביקייט דורך ווערן טראַנספאָרמירט אין עפּעס אַנדערש, ווי זיי זענען עס היינט — פאַר מיר איז דאָס אומדענקבאַר". אַוודאי האָט שאָו ערנסט געקענט רעדן — און מיט אַ סך שאַרפזין און פילאָזאָפי־שער באַזאַכטקייט — וועגן פּראָבלעמען פון העכערן תכלית. אָבער דעם ווייַן אָפט געמישט מיט צופיל וואַסער...

*

יעדער קינסטלער האָט אַ פרייע האַנט צו אינטערפּרעטירן היסטאָרישע געשעענישן, געשטאַלטן און זייערע האַנדלונגען,

מ׳קען נישט האָבן קיין טענות צו אים, אפילו ווען ער נוצט אויס זיין רעכט מיט אַ צו ברייטער האַנט. דאָס איז אויך געשען מיט שאָוס צעזאַר („צעזאַר און קלעאָפּאַטראַ״), וועלכער זעט אין געוויסע מאָמענטן שיעור נישט אויס ווי אַ תּהילים־ייִד... (און מיר האָבן אַ כּלל גדול, אַז דער הכּובש העולם איז קיינמאָל נישט געווען קיין כּובש את יצרו...). זיכער וואָלט זיך צעזאַר נישט דערקענט אין שאָוס שפּיגל. דאָס זעלבע קען מען אָבער אויך זאָגן וועגן שעקספּירס באַהאַנדלונג פון היסטאָרישע פּערסאָנאַזשן און געשעענישן. שאָוס דראַמע האָט באַלויכטן דורך אַ שטאַרקן פּראָזשעקטאָר־ליכט היסטאָרישע פיגורן און געוויזן, אַז זיי זענען פּונקט ווי מיטצייטלער, מענטשלעך אין אַלע זייערע שוואַכקייטן, און אַז דורך אַ הומאָריסטישער באַהאַנדלונג ווערן זיי אויך אינ־טערעסאַנט און שטאַרק לעבעדיק. דורך דעם האָט שאָו שטאַרק באַאיינפלוסט די מאָדערנע דראַמע.

אין „דאָקטערס דילעמע״ האָט שאָו דראַמאַטיזירט אַ ריי אַספּעקטן פון דער מעדיציניִשער פּראַקטיק, באַזונדערס פון די אָנפירנדיקע דאָקטוירים פון זיין צייט. נישט סתּם צוליב קוריאָ־זיטעט, נאָר צוליב זיין כראָנישן קאָפּ־ווייטיק, האָט ער אַ סך געלערנט וועגן דאָקטוירים. ער דערציילט, אַז ביז זיבעציק יאָר האָט ער כּסדר געליטן פון דער מחלה און דעריבער נאָכגעפאָרשט די הייל־מעטאָדן פון דער מעדיציניִשער פּראָפעסיע. ער האָט אַמאָל געטראָפן דעם באַרימטן אַרקטיק־פאָרשער, נאַנסען, און אים געפרעגט, צי ער האָט נישט אַנטדעקט עפּעס אַ מיטל קעגן קאָפּ־ווייטיק? נאַנסען האָט אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג און געענטפערט: „ניין״. „האָסטו געפּרוּווט אַזאַ מיטל צו דער־פינדן?״ האָט שאָו נישט אָפּגעלאָזט. באַקומענדיק אַ בייזן ענט־פער אַז: „ס׳איז נישט מיין פּראָפעסיע״, איז שאָו ערשט איצט אַרויס מיט זיין שאַוויאַנישן לשון: „אַ מאָדנע זאַך, דו האָסט אַוועקגעגעבן אַ גאַנץ לעבן צו אַנטדעקן דעם נאָרד־פּאָל, וואָס אינטערעסירט נישט קיינעם, דאַקעגן האָסטו גאָר נישט גע־פּרוּווט אפילו צו געפינען אַ מיטל קעגן קאָפּ־ווייטיק פון וועלכן יעדער מענטש ליידט״.

אין „דאָקטערס דילעמע״ איז די סאַטירע אַרויסגעקומען שאַרף און לעבעדיק, אַזוי אויך דער פּאָרטרעט פון קינסטלער דעביודאַט, אַ סינטעטיש געשטאַלט אין וועלכער ער האָט כּולל

געוווען אייניקע באַקאַנטע זיינע, וואָס האָבן ליב געהאַט צו באַרגן געלט... דעביודאַטס פרוי, זשעניפער, איז שוין נישט אַזוי בולט פאַרטרעטירט און שאָו האָט זיך פאַרענטפערט (צו לילאַ מעקאַרטי), אַז זי געהער צו דעם מין פרויען, וועלכע ער האַסט...
דער מחבר האָט ביים שרייבן די פיעסע געהאַט פאַר זיך צו־נויפגעזאַמלט אַ ריזיקן מאַטעריאַל פון אויטענטישע פאַקטן, וועל־כע ער האָט אָנגעטראָפן אין זיין שטודיום פון דער מעדיצי־נישער פּראָפעסיע און פון זיינע דערפאַרונגען אַלס לאַנג־יערי־קער פאַציענט ביי די גרעסטע ספּעציאַליסטן אין „האַרליי סטריט״, וועלכע זענען געווען אַזוי אומבאַהאָלפן אין געפינען אַ הייל־מיטל צו מיגרענע.

אין „מעדזשאָר באַרבאַראַ״ באַהאַנדלט שאָו די טעטיקייט פון דער „סאַלוויישן אַרמי״ און דעם פאַרברעכן פון אָרעמקייט, וואָס איז „די גרעסטע חרפּה פון אונדזער צייט״. שאָו האָט גע־האַסט אָרעמקייט (אַליין אַ געליטענער!...) מיט אַלע זיינע רמ״ח איברים. ער האָט אַמאָל אין אַ קירכע געהאַלטן אַ דרשה אויף דער טעמע און געזאָגט צו די גייסטלעכע: „גייט נישט אַרום מיט אַ טרויעריק פּנים צווישן אָרעמע לייט און קראַנקע, און זאָגט זיי נישט אַז דאָס איז גאָטס רצון, וואָס איז אַ חילול השם. זאָגט זיי מיטן לשון פון ביבל, אַז מען דאַרף עס אָפּשטעלן, ווייל עס איז אַ שרעקלעכע זאַך... זייער אייגענער ווילן איז גאָטס רצון״.

בעת זיינע פּאָליטישע מיטינגען אין „איסט־ענד״ האָט שאָו זיך געטראָפן מיט דער „סאַלוויישן אַרמי״, מיט אירע פּרעדיקער און פירער, באַזונדערס מיטן גענעראַל בוטה. אויפן סמך פון די באַקאַנטשאַפטן און אָבסערוואַציעס, האָט ער געשאַפן די פּיעסע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג אויף דער בינע (שפּעטער אויך אין פילם). אויף דעם אופן איז כדאי צו באַ־מערקן, אַז די אָנפירער פון דער באַוועגונג האָבן די פּיעסע באַטראַכט פאַר אַ גוטער פּראָפּאַגאַנדע און צו די פאַרשטעלונגען אויסגעבאַרגט זייערע אוניפאָרמען.

דער גרויסער דערפאָלג פון זיינע פּיעסן האָט פאַר שאָון ברייט געעפנט די טויערן פונעם ענגלישן טעאַטער. די אייגנ־טימער האָבן איינגעזען אַז אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן דראַמאַטיזירט דורך שאָון אָדער איבסען, נעמט מער אויס ביים עולם, ווי די פאַפּירענע פיגורן פון שונד און מעלאָדראַמע, וועלכע האָבן אַזוי

לאַנג באַהערשט די בינע־ברעטער פון איראָפּעאישן טעאַטער בכלל און ענגלישן בפרט. די נייע דראַמע מיט איר קאַמף פאַר פרויען־עמאַנציפּאַציע (איבסען), אָדער דער בונטאַרישער אויפֿברויז קעגן צביעות (שאָו), האָט אַ הויב געטאָן דאָס טעאַטער צו אידייאישע און קינסטלערישע הויכן.

דער רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט מיט וועלכן די־אָ דראַמעס זענען געווען באַהויכט, האָט מיטגעריסן יונגע מענער און פרויען צו וועלכע עס האָט שטאַרק אַפּעלירט די בייסיקע סאַטירע, וואָס האָט אַראָפּגעריסן דעם דאַך פון קאַנאָניזירטן לעבנס־שטייגער און קאָנווענציאָנעלער מאָראַל. דער פּרעדיקער פון אומפּאָפּולערע אידייען, האָט באַקומען אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דעם יונגן דור דורך דעם סאַטיריש־הומאָריסטישן אופן פון זיינע פּיעסן. עס האָט אימפּאָנירט זיין חכמה און שאַרפזין, זיין הומאָר ביים דראַמאַטיזירן אידייען און פילאָזאָפישע דאָקטרינעס, איבעריק צו באַטאָנען, אַז די פּראָפעסאָרן האָבן שאָון באַטראַכט — מיט 50־60 יאָר צוריק — פאַר אַן הײנטצייטיקן ירבעם בן נבט, וועלכער פירט אַראָפּ פון דרך הישר זייערע שילער.

ווען מען האָט שאָון אויף דער עלטער דערציילט, אַז זיין דראַמאַטישע קריטיק איז אַריין אין טעקסט־בוך פון די שולן, איז ער געוואָרן אויסער זיך! „אויב דאָס וועט נישט פאַרענדיקן מיך, האָט ער מיט שרעק באַמערקט, וועט שוין קיין זאַך אין דער וועלט עס נישט באַווייזן”... שאָו האָט געוואָלט, אַז ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג זאָל ער נאָך אַלץ זיין דער בונטאַרישער גייסט פון דער עפּאָכע. אין וועלן האָט ער זיך נישט געענדערט, אָבער די צייט האָט זיך געענדערט! און ווער האָט נאָך אַזוי פיל בייגעשטייערט צו דעם ווי שאָו גופא? ער האָט אויף דער עלטער געפּרואווט איבערחזרן — אפילו אָן וואַריאַציעס — די דאָקטרינעס, וואָס ער האָט פּראָפּאַגירט אין זיינע דרייסיקער יאָרן. ער האָט נישט געוואָלט אָנערקענען, אַז די צייטן זענען שוין אנדערע. עס איז געווען זיין טראַגעדיע אויף דער עלטער — זי איז אַ טראַגיש־מענטשלעכע! — וואָס ער האָט געפּרואווט אין זיינע אַכציקער און אפילו ניינציקער יאָרן צוריק אָנטאָן אַ לץ־מיצל, מען זאָל מיינען אַז עס איז נאָך דער אַמאָליקער שאַוויאַניזם, דער קלאָון און נביא... ער האָט נישט געקענט אָדער געוואָלט זען די געענדערטע צייט.

ווען מיר גייען צוריק צום פּעריאָד פון זיין אומגעהויערער שעפערישקייט און קינסטלערישער שטייגונג, דאַרף מען אונ־טערשטרייכן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג און אויסווירקונג זיינע דראַמעס האָבן געהאַט אויף אונדזער עפּאָכע. עס דאַרף אויך געזאָגט ווערן, אַז זיין דראַמאַטישע גבורה איז נישט בלויז גע־לעגן אין דעם בונטאַרישן גייסט און געוואַגטן געדאַנק פאַרקער־פערט אין זיינע פּיעסן, נאָר אויך אין דער פאָרם און לבוש אין וועלכע ער האָט איינגעהילט זיינע אידייען און איבערצייגונגען. זיין אָריגינעלע באַטאָנונג („שאָו דער מייסטער פון דער קרעפּ־טיקער באַטאָנונג״), די שאַרפזיניקע ווערטלעך און אַפאָריזמען, די אומאויסשעפּלעכע ביישפּילן און פאַקטן, זיין בליציקער מח און קראַפט מיט וועלכער ער האָט באַגרינדעט זיינע איבערצייי־גונגען און געדאַנקען, דער סטיל פון זיין פּראָזע — ער ווערט דאָך באַטראַכט אַלס גרויס־מייסטער פון דער ענגלישער פּראָזע! — אָט די אַלע עלעמענטן צוזאַמענגענומען האָבן געשאַפן דעם באַרימטן שאָוויאַניזם, וועלכער האָט אין זיין גייסטיקן בלי און רייפקייט פּעריאָד געבראַכט אים די־אָ ליטעראַרישע נצחונות און דערפאָלגן, וואָס זענען זעלטן ווען דערגרייכט געוואָרן דורך אַ שרייבער ביים לעבן!

זיין ביאָגראַף העסקעט פּירסאָן האָט געגלויבט, אַז שאָו איז דער באַדייטנדיקסטער ענגלישער דראַמאַטורג זינט שעקס־פּירן, אַז מען קען נישט געפינען אַ גרעסער מייסטערווערק פון קאָמעדיע, קלאָונישקייט און פילאָזאָפיע ווי אין זיין — „אַנדראָק־לעס און דער לייב״. גיי איך פון דעם גאָרנישט אָפּדינגען, נאָר בלויז באַמערקן, אַז זיינע דראַמעס, קאָמעדיעס, זענען מלא וגדיש מיט אַ סך קאָפּ־אַרבעט, אָבער מיט ווייניק האַרץ און געפיל. די נאַטור פון שרייבער אַנטפּלעקט זיך אין זיין שרייבן, און שאָו איז געווען דורך און דורך ראַציאָנאַליסט. פאַר אים זענען אַלע פּעלערן אין לעבן געווען נאָר צוליב מאַנגל אין פאַרשטאַנד. ער האָט געגלויבט, אַז דער אמת קען זיגן דורך באַווייזן אים מיט פאַסיקע אַרגומענטן, דעמאָנסטרירט אויף אַ ווירקזאַמען אופן — און טאַקע מיט טעאַטער אַלס טריבונע!

דאָס אינסטינקטיווע און עמאָציאָנעלע, די געפילן מיט זייערע צווישנטענער, די נויטיקייט אויך צו רעדן צו דער לאָגיק פון האַרצן, איז פרעמד געווען זיין מהות, און דעריבער האָט ער

געקענט אויף זיין שאַוויאַנישן שטייגער אַ זאָג טאָן, אַז „פּאַלן פון כראָנישער, לעבנס־לענגלעכער ליבע, די סענטימענטאַלע אָדער סענסועלע, דאַרף געשיקט ווערן צו אַ דאָקטער, אויב נישט צו אַ תלין...״ אויף אַן אַנדער אָרט: „איך באַטאָן מיין אינטעלעקטועלע איבערוואָג — דאָס איז אַלץ״. און וועגן האַרץ און געפילן? „מיין האַרץ קען נאָר די ביטערניש אויסצומישן זיך מיט די פריידן פון די מיט וועלכע איך בין אַ פרעמדער״.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז שאָו האָט נישט געשאַפן קיין איין גרויסע כאַראַקטער־ראָל, וואָס זאָל נישט זיין אַ באַדייטנדיקער טייל פון אים גופא. ער האָט איבערגעפורעמט לויט זיין געשטאַלט אפילו די היסטאָרישע העלדן (וועלכע ער האָט געמאַכט גאַנץ אינטערעסאַנט און אַקטועל). ווייל ער אַליין איז געווען אַ געבוירענער אַקטיאָר, האָט ער אין זיינע פּיעסן געשאַפן אַזאַ כאַראַקטער, וועלכן ער גופא האָט געקענט אַדאָפּטירן און פאַראייגענען. עס איז כדאי צו באַמערקן אַז הגם אַלס דראַמאַטורג, האָט שאָו אויך אָפּערירט מיט מיסטישע פיגורן, איז אָבער מיסטיציזם גופא אים לחלוטין פרעמד געווען. דאָס אַלעגאַריש־סימבאָלישע און דאָס מטושטשדיקע האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין זיין ראַציאָנאַליזם, כאָטש ער האָט, צייטנווייז, געקענט אַרויסווייזן אַ געוויסן מיסטיציזם אין גייסטיקע ענינים.

ווי באַקאַנט, זענען אַ ריי פּראָבלעמען פון זיינע פּיעסן דורכגעגאַנגען דורך דער פּריזמע פון זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען, דערפאַרונגען און אָבסערוואַציעס. זיינע פערזענלעכע מיינונגען קען מען אַרויסנעמען פון די אָפטע איבערחזרונגען אין מויל פון זיינע העלדן, אָדער דורך אַ ריי באַטאָנונגען פון אַ ספּעציפישן עפּיזאָד, איבערלעבונג און עמאָציע. ער האָט מזכה געווען די העלדן זיין אייגענע ענלעכקייט און שכל הישר. ווען מען האָט אים געפרעגט, צי אין זיינע פּיעסן איז פאַראַן אַ באַוואוסטזיניקער פּאָרטרעט פון זיך גופא, האָט ער געענטפערט: „ניין, א חוץ דעם כאַראַקטער פון ד. ב. שאָו אין אַלע פּיעסן״.

עס קורסירט אַרום ביי זיינע ביאָגראַפן אַ ווערסיע, אַז די באַרימטע טענצערין איזאַדאָראַ דונקאַן זאָל האָבן געזאָגט צו אים בעת אַ צוזאַמענטרעף „דו האָסט דעם שאַרפסטן קאָפּ און איך דעם שענסטן קערפּער, פון אונדז ביידע וואָלט דאָך אַרויסגעקומען דאָס פּערפעקטסטע קינד אויף דער וועלט״. זאָל שאָו איר האָבן

געגענטפערט „וואָס וועט אָבער זיין, אויב דאָס קינד וועט ירשהנען מיין שיינקייט און דיין חכמה?״...

עס איז בלתי ספק, אַז שאָו איז ווירקלעך געווען אַ זשעני אויף פיל געביטן: דראַמע, פילאָזאָפיע, קונסט, אַ געניאַלער סאַטי־ריקער און גלענצנדער מוזיק־קריטיקער. און כאָטש ער האָט באַאיינפלוסט: ליטעראַטור, רעליגיע, וויסנשאַפט, עקאָנאָמיק, אָבער דאָס, וואָס וועט פון זיין שאַפן אַמלענגסטן דויערן און ווירקן, איז זיין שעפערישקייט אַלס דראַמאַטורג און קונסט־קריטיקער.

ווי פיל אַנדערע גרויסע עסייאיסטן, האָט אויך שאָו זיך אַנטפּלעקט אין זיין קונסט־קריטיק, ספּעציעל וועגן מוזיק. אין דעם האָט ער געפונען זיין נשמה יתירה. און ביי זיין גאַנצן ראַציאָנאַליזם (בעל־פה און בכתב), פלעגט ער ביי די קלאַנגען פון מוזיק אַריינפאַלן אין אַ טראַנס און זיך פאַרלירן אין טאָג־חלומות. דאָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין זיין מוטערס הויז אין לאָנדאָן און אויך שפּעטער, ווען דער דראַנג צו אַ מוזיקאַ־לישער וועלט איז ביי אים געווען שטאַרקער ווי צו דער ביכער־וועלט. מוזיק האָט אים, לויט זיין אייגענער באַצייכענונג, גע־געבן דעם שליסל צו ליטעראַטור בכלל און פּאָעזיע בפרט. זי האָט פאַר אים ברייט געעפנט די טויערן נישט נאָר צו בעט־האָווענס, באַכס און מאָצאַרטס וועלט, נאָר אויך צו געטעס, הוגאָס, שילערס, טאָלסטאָיס און אַנדערע קינסטלער.

גראָד אפשר דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ נזיר, אַ וועגע־טאַריער און פוריטאַנער; דאָס וואָס אַנדערע לעבן דורך עמאָציאָ־נעל, געניסנדיק פון אַלע עולם־הזהדיקע פאַרגעניגנס, האָט שאָו געפונען אַלס קאָמפּענסאַציע אין קונסט און מוזיק בפרט. די קינסטלערישע וועלט איז געווען זיין היים. בעת זיינע רייזעס איבער דער וועלט, אייראָפּע בפרט, האָט ער אומאויפהערלעך באַזוכט די קונסט־גאַלעריעס און קאַטעדראַלן אין וועלכע ער האָט זיך געפילט ווי אַ בן־בית. אין זיינע עסייען האָט ער טאַקע אַרויסגעוויזן זיין טיפע ערודיציע אין מאָלעריי, אַרכיטעקטור, סקולפּטור, שוין אָפּגערעדט פון מוזיק.

עס וואָלט געווען צו פיל צו דערוואַרטן ער זאָל צוליב זיינע פילזייטיקע טאַלאַנטן נישט אַרויסרופן צו זיך קנאה־שנאה מצד אַנדערע פּרעטענדענטן אויף גרויסקייט... ער האָט זיי גע־

געבן געלעגנהייטן צוליב זיינע אויסגליטשונגען, וואָס האָבן זיך אין זיינע עלטערע יאָרן כסדר געמערט... ער האָט טאַקע שאַר־קירט פיל מאָל מיט זיינע אַרויסזאָגונגען און לויב־געזאַנגען פאַר די דיקטאַטאָרן און זייערע „גן־עדנס"... (מיר וועלן צו דעם זיך נאָך אומקערן), אָבער מען האָט נישט געטאָרט אויך פאַרגעסן, ווי אָפט ער האָט סטימולירט מיט זיין סאַטירע, שאַרפזין און הומאָר. „איך וויים נישט, האָט ער באַמערקט, צי בין איך געבוירן געוואָרן אומנאָרמאַל, אָדער צופיל נאָרמאַל..." ער האָט נישט געקענט טיילן די געשמאַקן, מיינונגען פון רוב מנין פון זיין דור און דערפאַר „געפילט זיך ווי אַ פרעמדער אויף דער ערד". עס דערמאָנט פירסאָן, אַז ווען מען האָט געפייערט שאָוס ניינציקסטן געבוירן־טאָג, האָט די „נאַציאָנאַל־באַנק" אין לאָנ־דאָן געמאַכט אַן אויסשטעלונג פון זיינע ערשטע אויסגאַבעס און כתב־ידן. שאָו איז פון אַ דאַטשע־אָרט ספּעציעל געקומען צו דער אויסשטעלונג, באַטראַכט די אויסגאַבעס, פאָטאָס און מאַנו־סקריפּטן און נאָכהער זיך געוואָנדן צום גרויסן פאַרזאַמלטן עולם מיט אַזאַ „רעדע": נו, מיינע הערן און דאַמען, איר האָט איצט געזען די חיה — אַ גוטן טאָג! און איז טאַקע באַלד אַוועק.

*

ער האָט במשך פון זיין גאַנץ לעבן קיין פיילן קיינמאָל נישט געזשאַלעוועט, אָבער די שאַרפסטע האָט ער אָפּגעשפּאָרט פאַר די ענגלענדער. איך קען זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיט ציטירן זיין סאַטירע מיט אירע שאַרפע ציין מיט וועלכע ער האָט זיך ממש איינגעביסן אין זיין ענגלאַנד. טראָץ דעם, האָט ער געקענט אָבער אַ זאָג טאָן שאָוויאַניש „די ענגלענדער זענען טאַקע אַ פאָלק פון אַמאַטאָרן, אַזוי זענען זייערע גענעראַלן און אַזוי זייערע שרייבער. דאָס דערקלערט פאַרוואָס מיר האָבן תמיד געוואונען אונדזערע מלחמות און געשאַפן די גרעסטע ליטעראַטור אויף דער וועלט".

ער האָט אויך נישט געזשאַלעוועט קיין גיפטיקע סאַטירע פאַר זיינע אירלענדער. זיי האָבן אים ווידער קיינמאָל נישט גע־וואָלט מוחל זיין, פאַרוואָס ער האָט פון זיין געבוירן־לאַנד אויס־געוואַנדערט קיין לאָנדאָן. ער גופא, האָט צענדליקער יאָרן נישט געוואָלט באַזוכן זיין געבוירן־שטאָט און לאַנד. „די שקאָטן, האָט ער באַמערקט, האָבן אַלע חסרונות און כ׳האָב זיי ליב. די

אירלענדער האָבן אַלע מעלות און כ'האָב זיי פיינט. ווי אַלע איר־לענדער האָב איך פיינט דאָס אירלענדישע און כ'וויל זיין פון דעם וואָס ווייטער".

ער האָט זיך שטאַרק קעגנגעשטעלט דער איירישער, נאַ־ציאָנאַליסטישער באַוועגונג, געוואָרנט די יונגע רעוואָלוציאָנערן נישט חרוב צו מאַכן דאָס אַלטע איידער זיי האָבן באַוויזן אויפ־צושטעלן דאָס נייע. און כדי נישט אויסצוגיסן דאָס אומריינע וואַסער צוזאַמען מיטן קינד האָט ער זיי רעקאָמענדירט... מוזיק. ערנסט גערעדט, האָט ער גאַנץ מוטיק פאַרטיידיקט זייער רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג.

שאָום שעקספּיריאַדע...

„עס איז נישט פאַראַן אַזאַ גרויסער שרייבער, זאָגט בער־נאַרד שאָו, אפילו נישט סער וואַלטער סקאָט, וועמען איך זאָל אַזוי פולשטענדיק פאַראַכטן — מיט דעם איינציקן אויסנאַם האָמער — ווי איך פאַראַכטע שעקספּירן! ווען איך פאַרגלייך מיין גע־דאַנק מיט זיינעם, איז די אינטענסיוקייט פון מיין אומגעדולד מיט אים צייטנווייז אַזוי גרויס, אַז ס'וואָלט געווען פאַר מיר אַ דערלייזונג אַרויסצוגראָבן אים און יבאַוואַרפן מיט שטיינער... איך ווייס דערביי ווי אוממעגלעך עס איז פאַר זיינע פאַרגעטערער צו פאַרשטיין אַ וויניק־נאַטירלעכער פאָרם פון אומווירדיקער באַהאַנדלונג און באַרואיקונג".

שרעקט זיך נישט פאַר שאָוס דראַסטישע ווערטער פון אויס־גראָבן שעקספּירן פון קבר און באַוואַרפן אים מיט שטיינער... עס איז בלויז אַ שפּראַכלעכע פאָרם פון אַ פאַרשלייערטער זעלבסט־רעקלאַמע. זיין מלחמה קעגן שעקספּירן האָט געהאַט מער רויך ווי פייער און איז ווייט נישט געווען לשם שמים... אפילו ווען מען זאָל מסכים זיין מיט זיינע ביאָגראַפן, אַז ער האָט מיט זיין שעקספּיריאַדע נישט בלויז געטראַכט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט צו זיך נאָר אויך צו איבסענען, בלייבט נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערט די שאלה פון א כשרן חזיר־פיסל...

בדרך כלל, האָט שאָו געפירט אַ ריינעם קאַמף קעגן לעבע־דיקע און טויטע אויטאָריטעטן. אָבער יעדער כלל האָט זיך זיין אויסנאַם, און פאַר אים איז דאָס געווען — שעקספּיר. ווען די

וועלט האָט געלייענט זיינע אָנגריפן אויפן גרויסן מייסטער, האָט עס פון אָנהויב אויסגעזען אַזוי אומגלויבלעך, אומפאַר־שטענדלעך, אַז מען האָט בלויז געקענט הויבן מיט די אַקסלען, שטוינען און פרעגן: ווי קומט עס צו אַזאַ קלוגן און שאַרפן קאָפּ אַזעלכע קליינלעכע און אומלאָגישע טענות? (אמת, שאָו האָט זיך אַ סך מאָל דערלויבט אויף פּאַראַדאָקסן, וואָס זענען צע־קריגט געווען מיטן שכל הישר... באַזונדערס, אין זיין גייסטיקן עקליפּס־פּעריאָד).

איך וויל דאָ אילוסטרירן מיט אייניקע ביישפּילן ווי אַזוי שאָו האָט געפירט זיין סטראַטעגישע מלחמה קעגן שעקספּירן מיט דער האָפענונג צו דעטראָניזירן אים און ווערן זיין ממלא מקומו. איך וועל אָנהויבן מיט זיין טשעפּן זיך צו „מאַקבעט". ווי באַקאַנט, איז מאַקבעט געגאַנגען צום טראָן דורך טייכן בלוט. דאָס איז זייער בולט אין שעקספּירס דראַמע, וואו מיר זעען אים אַרומגערינגלט מיט האַס און פאַראַכטונג דורך אַלע זיינע פריינד. ער ווערט פאַרפאָלגט פון געשפּענסטער און אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פאַרשווערונגען און רעבעליע קעגן אים. ער דערשפּירט לסוף, אַז פאַר אים זענען שוין אַלע שערי־־רחמים צוגעקלאַפּט אויף שלעסער, און דאַן הויבט ער אָן אַריינצוטראַכטן אין דער זינלאָזיקייט פון זיין מאַכטגיריקער עקזיסטענץ, און אין דער דעפּרעסיע באַמערקט ער, קהלתדיק, וועגן זיין לעבן: „אויס, אויס, קורץ ליכטל"...

שאָו כאַפּט זיך אָן אין די פיר ווערטער צושרייבנדיק דער־מיט שעקספּירן זיין בליק אויפן לעבן, ווי אַן אויסדרוק פון טיפן פּעסימיזם און שוואַרצן יאוש. און הגם שאָו האָט אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז שעקספּיר האָט דורך די ווערטער אָפּגעשפּיגלט מאַקבעטס פּסיכישן צושטאַנד און נישט זיין פּערזענלעכן, האָט עס אים נישט געשטערט אויסצורופן פּאַטעטיש, אַז „פאַר מיר איז דאָס לעבן נישט קיין קורץ ליכטל, נאָר אַן הערלעכער שטור־קאַץ, וועלכן איך האַלט אין דעם מאָמענט און וויל עס זאָל ברענען העל און ליכטיק, ווי ווייט מעגלעך, ביז איך וועל עס איבערגעבן צו די קומענדיקע דורות". אַ גאַנץ שיינע פראַזע. אָבער שיסן מיט איר אין מאַקבעטס אַ פאַרצווייפלטן יאוש־מאָ־מענט און עס צושרייבן דעם מחבר, אַז דאָס איז זיין פּערזענלעכער צוגאַנג צום לעבן, מיינט אויף פּראָסט מאַמע־לשון „קריכן אויף

די גלייכע ווענט", און שאָו האָט עס צייטנווייז נישט פיינט געהאַט...

אַ צווייטער ביישפּיל: שאָון געפעלט נישט שעקספּירס צעזאַר. „צעזאַר, שרייבט ער, איז נישט געווען אין שעקספּירן און נישט אין זיין עפּאָכע" און אַז „שעקספּיר האָט נאָר גוט געקענט די מענטשלעכע שוואַכקייטן, אָבער נישט געקענט די הומאַנישע גבורה פון אַ צעזאַר־טיפּ" און דאַן אַזאַ קרעסצענדאָ: „עס איז נישטאָ קיין איין זאַץ, וואָס שעקספּירס יוליוש צעזאַר זאָגט אַרויס, איך וועל שוין נישט זאָגן עס זאָל פּאַסן פאַר אים, נאָר אפילו עס זאָל זיך אַריינפּאַסן פאַר אַ דורכשניטלעכן טעמעני־באָס".

איבעריק צו דערמאָנען ווי אַזוי שאָוס קריטיקער האָבן אויף דעם שטות רעאַגירט. אַפילו זיינע ביאָגראַפן, וואָס געווייג־לעך, האָבן זיי געוואָלט אַ ביסל פאַרגלעטיקן און אָפּהאַקן די שאַרפע שפּיצן פון שאָוס אומזיניקייטן, האָבן אים דאָ אָנגעצויגן פאַרן אויער, און האַסקעט פּירסאָן האָט פונקט ביי פונקט אויפ־געוויזן, אַז שעקספּיר האָט פון דער ערשטער קוועלע שטודירט זיין צעזאַר אין פּערזאָן פון דער מלכה עליזאַבעט די ערשטע, וועלכע האָט געלעבט אין זיין עפּאָכע. אַז שעקספּיר האָט זייער גוט געקענט דעם טיפּ דיקטאַטאָר מיט אַלע זיינע „מעלות טובות". וואָס שייך שאָוס טענה, אַז „ברוטוס, אַן אמתער זשיראָנדיסט, איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין שעקספּירס קונסט אַ צוויי הונ־דערט יאָר פריער, ווי דער רעאַלער איז רייף געוואָרן..." — באַווייזט עס גיכער שעקספּירס זשעני, ווי עפּעס אַנדערש. דער אמת איז, אַז די ברוטוסעס, אַנטאָניס, קאַשוס און אַנדערע פּאָ־ליטישע אָפּאָרטוניסטן, זענען דאָ אין אַלע צייטן און תקופות. זיי האָבן געבליט אין אַלטערטום, ווי אין עליזאַבעטישן ענגלאַנד, אין רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך, ווי אין אונדזער צייט.

שעקספּירס זשעני האָט געצייכנט אָט די אַלע טיפּן פאַר אַלע דורות. זייער נאַטור איז געבליבן די זעלבע דורך יאָר־טויזנטער. און אַזוי אויך די באַמבאַסטישע ווערטער פון צעזאַרן „איך בין געקומען, איך האָב געזען, און איך האָב דעראָבערט" — דאָס איז דאָך אַזוי טיפּיש פאַר אַלע גרויס־מויליקע דיקטאַ־טאָרן פון אַמאָל און היינט.

אַ דריטער ביישפּיל: „די גרעסטע ווערק, באַטאָנט שאָו, ווערן געשריבן אין אַזאַ עלטער, וועלכן שעקספּיר האָט נישט

דערגרייכט". און ער גיט אַזעלכע "באַווייזן": בעטהאָווען האָט אָנגעשריבן זיין "ניינטע סימפאָניע" אין אַן עלטער, ווען שעקספּיר איז שוין אַן ערך זעקס יאָר געווען טויט, איבסען—זיין "בוי־מייסטער", ווען שעקספּיר איז שוין צען יאָר געווען טויט, איז דעריבער איז דאָך "קלאָר", אַז שעקספּיר קען נישט זיין דער גרויסער דראַמאַטורג, ווי מען האָט געמאַכט פון אים און ער זיצט אויפן טראָן על פּי טעות...

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל לענגער אויף עטלעכע בלימעלעך פון שאָוס שעקספּיריאַדע, כדי צו ווייזן ווי דער גרויסער בערנאַרד שאָו האָט געקענט ווערן אַזוי קליין ביים פירן אַ ליטעראַרישע מלחמה נישט לשם שמים... אומאָפּהענגיק פון דעם, צי שאָו האָט געזוכט דאָ נאָר זעלבסט־רעקלאַמע, אָדער אויך מער אויפמערקזאַמקייט פאַר איבסענען (ער האָט מיט זיין ווערק "דער קווינטעסענץ פון איבסעניזם" געפּרואווט זיינע אידייען צו פאַרבינדן האַרמאָניש מיט איבסענס) — דער פאַקט בלייבט אַזוי, ווי מיר האָבן אויבן אילוסטרירט. און קיינע פּשט־לעך פון דרייען מיטן גראָבן פינגער קענען דאָ גאָרנישט ענדערן. גערעכט איז פּירסאָן, ווען ער זאָגט, אַז די אומשטערבלעכע שאָדט נישט קיין בלאָטע. פאַרקערט, עס דעקט זיי נאָך בעסער צו און שיצט זיי פון די צייט־שטורעמס. אַ סך טראָנען זענען געפאַלן אין אונדזער צייט, אָבער ווען שאָו האָט געפּרואווט אַראָפּ־צוּוואַרפן שעקספּירן פון טראָן און אַליין זיך אַוועקזעצן אויף אים, איז ער אַרויס דער פאַרשפּילטער, און נישט שעקספּיר...

לאָמיר אָבער אויך זיין יושרדיק צו שאָון. כאָטש ער איז נישט קיין שעקספּיר, האָבן זיך אָבער די צוויי קינסטלער געטראָפן אויף אַ געמיינזאַמען באָדן. מיר האָבן אַקצענטירט שאָוס הומאָר אין זיין שאַפן און שעקספּיר איז באַקאַנט אַלס דער ערשטער ענגלישער דראַמאַטורג, וועלכער האָט שעפעריש געניצט הומאָר ביים אַנטפּלעקן די אייגנשאַפטן פון אַ ריי טיפּן, באַזונדערס פון די דיקטאַטאָרן, וועלכע ער האָט געהאַסט — ווי אַלע גרויסע הומאַניסטן — בתכלית־השנאה מיט דער שטאַרקסטער ליידנ־שאַפט. אוודאי זענען דאָ צווישן שעקספּירן און שאָון אומגע־הויערע אונטערשיידן און נישט בלויז אין קינסטלערישן קאַליבער און מעטאָד. שעקספּיר איז נישט געווען דער מאָראַליסט־פּרע־דיקער ווי שאָו. ער האָט נישט פּראָפּאַגירט קיין אידייען און

מאָראַל. ער איז געווען אַ קינסטלער און ווי אַזעלכער פּאָרטרע־טירט די מענטשלעכע נשמה אין אירע פאַרשידנסטע וואַריאַציעס. ווער נאָך ווי שעקספּיר, האָט אַזוי בולט אָפּגעשפּיגלט דעם מלאך מיטן טייוול אין איין און דעם זעלבן מענטש?... דערמאָנט זיך זיין באַרימטן זאָג „אַ טיגערס האַרץ איינגעהילט אין אַ פעל פון אַ פרוי״ (אגב, דער ערשטער האָט דעם זאָג גענוצט מאַרלאָו).

שאָו האָט נישט פאַרמאָגט שעקספּירס קינסטלערישע קרעפּ־טיקייט, הגם אין געוויסע דראַמען און געשטאַלטן אַנטפּלעקט זיך אויך שאָו, ווי אַ קינסטלער פון אַ באַדייטנדיקן פאַרנעם, און ווי יעדע גרויסע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, איז ער נישט תמיד געווען גרויס און קינסטלער אין לויף פון זיין לעבן און שאפן.

*

ווען מען האָט אים אויף דער עלטער געפרעגט, צי ער בענקט נאָך זיינע אַלטע פריינד, ווי צב״ש ה. ג. וועלס און אַנ־דערע? „איך בענק נאָך קיינעם נישט, אַ חוץ נאָך זיך אַליין״, האָט ער געענטפערט. „נאָך זיך?״ — האָט מען אים מיט שטוינונג איבערגעפרעגט: „יאָ, דער מענטש, וואָס איך בין געווען״. אין דעם ענטפער איז דאָ די טיפע טראַגעדיע נישט בלויז פון דעם יחיד שאָו, נאָר פון יעדן איינעם מענטש אויף דער עלטער מיט זיין טיפער נאָסטאַלגיע צו זיין אַמאָל, ווען ער איז יונג געווען, חלומות געהאַט... שאָו האָט עס נישט וויניקער איבערגעלעבט ווי אַנדערע. ער האָט נישט געוואָלט זיך באַגנוגענען מיט זיינע אַמאָליקע טריאומפן און לאָרבער־קרענץ, נאָר געוואָלט ווירקן ווייטער ביזן לעצטן הויך פון זיין לעבן, ווי אַ דראַמאַטורג, קרי־טיקער, אָראַטאָר, פילאָזאָף, פּאָליטיקער און אַ טוץ אַנדערע זאַכן מיט וועלכע ער האָט געגלאַנצט אין זיין רייפקייט־פּעריאָד.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ער אַליין האָט נישט גע־וואָלט אָנשרייבן זיין ביאָגראַפיע. „ניין־און־ניינציק פּראָצענט איז דאָך ביי מיר, ווי ביי יעדן איינעם און דעם איין פּראָצענט, וואָס טיילט מיך אָפּ פון אַנדערע, קען איך עס דען אויסגעפינען?״ און ער האָט באַלד צוגעגעבן שאָוויאַניש: „איך בין נישט פאַר־אינטערעסירט ביאָגראַפיש. איך האָב קיינעם נישט געהרגעט און אויך נישט געהאַט אַנדערע אַוואַנטוריסטישע פּאַסירונגען״.

ער האָט געהאַט טענות צו זיינע ביאָגראַפן, אַז זיי לעבן מיט די קאָנצעפּציעס פון נײַנצנטן יאָרהונדערט און זיי טיילן איין דעם מענטש אין באַזונדערע אָפּטיילונגען: רעליגיע, פּאָליטיק, וויסנשאַפט, קונסט, בעת אין דערווירקלעכקייט איז אין דער מענטשלעכער נאַטור אַלץ אויסגעמישט און צוזאַמענגעקניפּט.

*

אין זיין לעצטן פּעריאָד איז שאָו געוואָרן אַנטוישט אין אַלץ, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל ברען און ענערגיע פּראָפּאַגירט אין זיין ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד. אַמבולטסטן קומט די דאָזיקע אַנטוישונג דראַמאַטיש צום אויסדרוק אין זיין פּיעסע „צו אמת, עס זאָל זיין ריכטיק". אין דער דאָזיקער פּיעסע לעבן איבער אַלע העלדן אַ געפערלעכע אַנטוישונג און פאַלן אַריין אין יאוש. איינער נאָך דעם אַנדערן פאַרלאָזן זיי די פּרינציפּן און אידעאַלן מיט וועלכע זיי האָבן ביז איצט געלעבט. דער סערזשאַנט איז אַנטוישט אין זיין ליטעראַרישער און ביבל־אינספּיראַציע; דער אַלטער — אין דעם אייזערנעם געזעץ פון דעטערמיניזם אין אוניווערס. דער פּריידיקער אָ׳אָובריי חוזקט פון די מאָראַלישע פּרינציפּן, פון דעם אידעאַליזם, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק באַצויבערט אין די יונגע יאָרן...

— דער מענטש, זאָגן שאָוס כאַראַקטערן אין פאַרשידענע וואַריאַציעס, האָט זיין נשמה מלביש געווען מיט אידעאַליסטישן גלויבן, דער לבוש איז צעריסן געוואָרן און די נשמות זענען געבליבן נאַקעט אָדער אין שמאַטעס. „ווי אַזוי, פרעגט אָ׳אָובריי, וועלן מיר קענען פאַרטראָגן די נאַקעטקייט פון די נשמות, וואָס זענען געווען פאַרקליידט און פאַרשטעלט איינס פון אַנדערן דורך אַ שיינעם אָבער אוממעגלעכן אידעאַליזם וואָס האָט פאַרלייכטערט צו פאַרטראָגן איינעם דעם צווייטנס געזעלשאַפט? איך שטיי אין מיטן וועג צווישן יונג און אַלט, ווי איינער וואָס האָט פאַרשפּעטיקט דעם צוג: צו שפּעט פאַרן לעצטן און צו פרי פאַרן נאָענטסטן. פון נאַטור און גורל בין איך אַ פּריידיקער, איך בין דער נייער קהלת, אָבער אָן אַ תורה און אָן אַ גלויבן. דער קריג האָט ביידע אַרויסגעשאָסן פון מיינע הענט..."

די ציטאַטע רעפלעקטירט דעם פּסיכישן צושטאַנד פון שאָון

אין די דרייסיקער יאָרן פון הײנטיקן יאָרהונדערט. זײַן פילאָ־זאָפיע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אַלס רעאַקציע צום קריסטנטום פון איין זייט און מאַטעריאַליזם פון דער צווייטער האָט אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן. ביז 1914 האָט ער געגלויבט אין סאָציאַליזם, דער ערשטער וועלט־קריג האָט דעם אידעאַל אַרויסגעשאָסן פון זײַנע הענט, האָט ער זיך געפּרואווט ראַטעווען מיט דער פילאָזאָפיע פון שעפערישער עוואָלוציע, מיט דער אידיי פון ניטשעס „זאַראַטוסטראַ״, וואָס ער האָט אויף אַן אָריגינעלן אופן אַנטוויקלט אין זײַנע דראַמעס „צוריק צו מתושלח״ און „מענטש און אויבערמענטש״. אָבער אויך די אידיי און קאָנ־צעפּציע האָט נישט געקענט דערוואַרעמען דעם קהלתדיקן סקעפּטיקער. איז ער אויף די עלטערע יאָרן געבליבן מיט לייי־דיקע הענט, אָן אַן אינהאַלט און זין פון לעבן.

ער פּרוּווט מיט די לעצטע כוחות צו באַזיגן דעם וואָרעם פון ציניזם, וואָס עס נאָגט זײַן נשמה, ער זאָגט דורך זײַן פרײַדי־קער־העלד: „איך מוז געפינען דעם וועג צום לעבן פאַר מיר און פאַר אונדז אַלע, אַנדערש וועלן מיר אומקומען! נישט וויכטיק צי דער טאָג איז קורץ, די צייט איז שפּעט, מען דאַרף ווייטער פרײַדיקן!״ די דאָזיקע ווערטער זענען אָבער געווען נישט מער ווי די לעצטע פלעמלעך פון אַן אויסגעברענט ליכט.

אין זײַנע לעצטע יאָרן האָט שאָו זיך געראַנגלט מיטן שטן, אָבער דער לעצטער איז אָפט געווען שטאַרקער. אין רעזולטאַט — זײַנע פּלוידערײַען און פּאָליטישע אויסגליטשונגען, וואָס האָבן בשעתם אַרויסגערופן פאַרביטערונג און בייז בלוט.

ס'איז נאָך ביי אונדז אַלע פריש אין זכרון זײַנע באַגריסונגען צו די טאָטאַליטאַרע רעזשימען. און געקומען איז עס פון דער זעלבער פּעדער, וואָס האָט פאַרצייכנט די הערלעכע ווערטער, אַז „ציוויליזאַציע קען נישט עקזיסטירן אָן קריטיק״, אַז „דערצי־אונג הייסט נישט בלינדע געהאָרכזאַמקייט צו דער מאַכט״ און „קיין איין קרימינעלער יחיד קען נישט זײַן אַזוי פאַרברעכעריש, ווי אַ טאָטאַליסטיש־אָרגאַניזירטע מלוכה, וואָס לעגאַליזירט פאַר־ברעכנס און פאַרניכטעט די, וואָס וואָגן זיך קעגנצושטעלן און אויפדעקן דעם מאָראַלישן פּרצוף פון די לעגאַליזירטע פאַרברע־כער״. מיט זײַנע לויב־געזאַנגען פאַר דיקטאַטור — אין די יאָרן

פון פאַשיסטיש־נאַציסטישן פּאַראויסמאַרש — האָט שאָו נישט גאָר זיך נישט פאַרשאַפט קיין רום, נאָר ער האָט געשענדט זיין אייגענע הערלעכע פאַרגאַנגענהייט!

היינט, ווען זיינע באַגריסונגען צו די מושלים זענען שוין באַדעקט מיט אַ געדיכטן שיכט שטויב, איז אָביעקטיוו מעגלעך צו געבן אַן אַנאַליטישע אָפּשאַצונג פון אַ קינסטלער וואָס האָט זיך אַ לעבן־לאַנג געראַנגלט מיט דער קאָנסערוואַטיווער וועלט און איר געהאָלפן (מיט אַלע זיינע טאַלאַנטן) זיך צו ענדערן. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די וועלט בלייבט לעבעדיק נאָר דורך אירע גרויסע הערעטיקער, און בערנאַרד שאָו איז איינער פון זיי!

מיר קענען שוין היינט זען אויף וויפיל עס איז נישט מקוים געוואָרן די נבואה פון זיין ביאָגראַף, אַז „דער אָנדענק פון דעם מענטש גופא וועט איבערלעבן וואַרשיינלעך זיין ווערק״. דער שטויב פון צייט האָט אויך אים — ווי פיל אַנדערע גרויסע פערזענלעכקייטן — צוגעדעקט מיטן חותם פון שכחה. גראָד דורך אייניקע פון זיינע ווערק, באַזונדער פון די קלאַסישע קאָמעדיעס, ווערט זיין נאָמען אַרויסגעהויבן פון פאַרגעסנקייט. שוין נישט רעדנדיק פון „פיגמאַליאָן״, וואָס האָט אין אַ נייעם לבוש („מיי פעיר ליידי״) אין די לעצטע פּאָר יאָר ממש געשלאָגן אַ וועלט־רעקאָרד. אַ פּאָר אַנדערע פון זיינע פּיעסן זענען אַריין אין קלאַסישן רעפּערטואַר פון בעסערן טעאַטער (און אויך ווי אַ לימוד אין די מיטל־שולן פון פאַרשידענע לענדער).

אין מיין פען־צייכענונג פון שאָוס קינסטלערישער פּערזענלעכקייט האָב איך נישט געקענט אַריינעמען אַלע זיינע ווערק און אפילו זיך אָפּשטעלן און אַנאַליזירן די קלאַסישסטע פון זיי. איך האָב אָפּגעקליבן גראָד נישט די וועלכע מיר זעען פון צייט צו צייט אויף דער בינע און עקראַן, נאָר די ווייניקער (היינט צו טאָג) פּאָפּולערע פּיעסן פון שאָוס פעדער, וועלכע כאַראַקטעריזירן און באַלייכטן די שעפערישע עטאַפּן פון זיין דראַמאַטישער קונסט. איך האָב (אין שפּיגל פון זיין לעבן און שאַפן) געצייכנט אַ פּאָרטרעט פון אַ פילפאַרביקער אוניקום־פּערזענלעכקייט, פון אַ קינסטלער און קעמפער, וועלכער איז געגאַנגען פאָראויס פון זיין צייט... איך האָב געפּרואווט אַריינשטעלן דעם שאָו־פּאָרטרעט אין דער ראַם פון אַן עפּאָכע, פון וועלכער ער איז געווען איר שטורעם־פויגל....

„האַמלעט" — אַ דראַמע פון אונדזער צייט

(צו שעקספּירס 400־טן געבוירן־טאָג)

ער איז געבוירן געוואָרן אין
סטראַפאָרד־אָן־אַוואָן, ענגלאַנד,
דעם 23־טן אָדער 24־טן אַפּריל 1564.

אין ענגלאַנד האָט זיך שוין אין אָנהויב 1964 אָנגעהויבן די גרויסע שעקספּיר־פייערונגען — זיי וועלן היי־יאָר פאָרקומען אין דער גאַנצער קולטור־וועלט — אָפּצוצייכענען די פירהונדערט־יעריקע געבורטס־דאַטע פונעם גרויסן דראַמאַטורג און פּאָעט, וועמענס שאַפונגען זענען נישט פאַרדעקט געוואָרן דורך דעם שטויב פון יאָרהונדערטער.

כדי צו באַטייליקן זיך אין דער אָפּצייכענונג פון אָט דער וויכטיקער ליטעראַרישער דאַטע, האָב איך אָפּגעקליבן פון שעקספּירס טראַגעדיעס די „האַמלעט"־דראַמע — איינע פון זיינע גרעסטע ווערק, וואָס גייט נישט אַראָפּ פון די בינע־ברעטער.

פונקט ווי אַנדערע שעקספּיר־דראַמען, איז אויך האַמלעט געשפּילט געוואָרן אין פאַרשידענע אינטערפּרעטאַציעס. אַזעלכע גרויסע אַרטיסטן פון דער ענגלישער בינע, ווי לאָורענץ אָלי־וויער, אַלעק גאינעס, מייקל רעדגרייוו און פּאָול ראָדזשערס האָבן געהאַלטן, אַז מען קען נישט אויפפירן האַמלעטן אין אונדזער צייט, אויב מען גלויבט נישט, אַז מען האָט עפּעס וואָס מחדש צו זיין. יעדערע באַזונדערע קרעאַציע פון דער האַמלעט־געשטאַלט איז אַן אויסגעדריקטע מיינונג, אַ שיטה, אַן אויפפאַסונג פון רע־זשיסער, וועלכער קומט נישט צום פּובליקום און זאָגט: „נאָר דאָס האָט שעקספּיר געמיינט מיט האַמלעט", אַז נאָר אַזוי האָט דער דראַמאַטורג געזען די לייזונג פון די קנוילן אין דער דראַמע: פון גערטרודס אומצניעות, פון האַמלעטס משוגעת און פון זיינע באַציאונגען צו אָפעליאַן.

די רעזשי און שוישפּיל האָט געזוכט אַרויסצוברענגען דורך דער דראַמע די אינטימע מענטשלעכע קאָנפליקטן, צו קאָמוני־קירן איבערלעבונגען און דערפאַרונגען, וועלכע רירן אונדז אָן אַמטיפסטן, צו געפינען אַ שפּראַך פאַר דעם, וואָס לאָזט זיך גע־וויינלעך נישט אויסדריקן אין ווערטער. ווייל טעאַטער איז דאָך אין תוך איינע פון די בעסטע לאַבאָראַטאָריעס צו אַנאַליזירן די מענטשלעכע פּסיכיק און כאַראַקטערן, וועלכע מיר וואָלטן אַנדערש נישט געקענט אַדורכלייכטן אין זייער טיפן אינערלעכן מהות. אפילו נעגאַטיווע טיפּן און שוידערלעכע געשטאַלטן מיט וועלכע מיר וואָלטן נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא ווען מיר זעען זיי אויף דער בינע, לערנען מיר עפּעס וועגן זיי, און נישט נאָר וואָס מיר פאַרשטייען זיי בעסער, נאָר פלוצלונג באַמערקן מיר, אַז זיי זענען אַ טייל פון אונדז, אַ טייל פונעם רעאַלן אין אונדזער וועזן, פון וועלכן מיר האָבן עפּעס ווי אינסטינקטיוו זיך אָפּגעטרייסלט.

אַלץ וואָס מיר זוכן אין טעאַטער: דראַמע, הומאָר, שפּאַנונג, שרעק, מאָראַל, סאַטירע, מיסטעריע און געניאַליטעט, זענען פאַרקערפּערט אין שעקספּירס אומשטערבלעכע דראַמעס. בעת מיר קוקן זיך צו צום שוי־שפּיל פון זיינע כאַראַקטערן פילן מיר, אַז אין זיינע גרויסע טראַגעדיעס איז שעקספּיר אַ סך נענטער צו אונדז, ווי אין זיינע אַנדערע ווערק. מען קען אָן איבערטריי־בונג זאָגן, אַז קיין שום דראַמאַטורג האָט נישט געהאַט אַזאַ שליטה איבער אונדזערע טרערן און לאַכן ווי שעקספּיר. זיין קינסט־לעריש־פילפאַרביקער, פּאָעטישער אויסדרוק, זיין דראַמאַטישער אינסטינקט פאַר סוזשעטן, כאַראַקטערן, געפילן און האַנדלונגען, זיין קינסטלערישער פּראָזשעקטאָר פאַר די פאַרהוילענע קנייטשן פון דער מענטשלעכער נשמה קומט צום אויסדרוק אין זיינע אומשטערבלעכע דראַמעס און נאָך בולטער אין דער „האַמלעט״־טראַגעדיע, וואָס איינער פון זיינע קריטיקער האָט באַצייכנט אַלס די טראַגעדיע פון אינטעלעקטועלן אידעאַליזם.

*

דעם סוזשעט פון דער „האַמלעט״־דראַמע האָט שעקספּיר גענומען פון דעם דענישן שרייבער און היסטאָריקער זאַקסאָ גראַ־מאַטיקוס, וועלכער האָט די „האַמלעט״־לעגענדע אַרויסגעבראַכט

אין זיין גרויסן ווערק „די זאַגע פון דעניִשע מלכים". די זעלבע לעגענדע האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גלגולים און איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורכן פראַנצויזישן שרייבער בעל־פאַרעסט. אָבער אין זייערע באַשרייבונגען האָט די לעגענדע נישט פאַרמאָגט קיין רוח־חיים, עס איז געווען בלויז הויט און ביינער אָן לעבעדיקן, צאַפּלדיקן בלוט.

דורך שעקספּירס פען האָט די „האַמלעט"־לעגענדע באַקומען בלוט און פלייש — אַ רוח־חיים מיט פול־בלוטיקע כאַראַקטערן, וועמענס האַנדלונגען און אימפּולסן, אַמביציע און שטאָלץ, קנאה, אייפערזוכט, פאַרברעכן און כיטרעקייט — אַריינגעוועבט אין אַ ברייטער קאַנווע — פאַרוואַנדלט די „האַמלעט"־טראַגעדיע אין אַן אייביקער דראַמע פון מענטשלעכן וועזן; אַ דראַמע פון פיר טויזנט יאָר צוריק, און פון שעקספּירס צייטן, פּונקט ווי זי איז צאַפּלדיק־רעאַל אין אונדזער עפּאָכע. וואָרום די אַלע פּאָליטישע און גייסטיקע ערד־ציטערנישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער מענטשלעכער געשיכטע, האָבן ווירקלעך ווייניק וואָס געענדערט די מענטשלעכע פּסיכיק: האַס און ליבע, קנאה און פאַרברעכן, אַמביציע און שטאָלץ — אָט די טרייב־קרעפטן פון דער „האַמלעט"־טראַגעדיע — גייען קיינמאָל נישט אַראָפּ פון דעם סדר־היום אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

שעקספּיר, דער קינסטלער־דראַמאַטורג, האָט ווי זעלטן ווער פאַר אים און נאָך אים, אַזוי טיף אַראָפּגעטויכט אין די פאַרבאָרגנסטע קעמערלעך פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. ער האָט תופס געווען די ריסן און קנייטשן פון זיינע העלדן, די חיהשע אינסטינקטן און דערהויבענע מענטשלעכע געפילן; די נטיות און אימפּולסן, מחשבות און מעשים, וועלכע ער האָט אויסגעמייסטערט אין זיינע דראַמעס און אין „האַמלעט" בפרט.

*

לאָמיר פאַרגעסן אויף אַ ווייל די אָפּגעריבענע פראַזע „זיין אָדער נישט זיין", ווי אַ רעפלעקטאָר פונעם הויפּט־העלד און זיין כאַראַקטער. עס האָבן זיך קריטיקער אַזוי לאַנג אָנגעזעצט אויף האַמלעטס מעדיטאַציעס און געטייטלט מיטן פינגער: „זעט ווי דער מענטש איז צעקראָכן און אומפּעאיק אויף מעשים", אַז מיר האָבן אָנגעהויבן ווירקלעך גלויבן אין דעם. מיר זענען שוין

אַזוי זיכער אין דער ריכטיקייט פון דער פעסטשטעלונג, אַז האַמלעט איז מסוגל בלויז צו פילאָזאָפירן און פייניקן זיך מיט ספקות און מעלאַנכאָליע — אַז יעדע אַנדערע מיינונג זעט אונדז אויס שיעור נישט אַן אַבסורד.

לאָמיר זיך אָבער צוקוקן צו האַמלעטן דורך אַן אַנדער שפּיגל — די קרעאַציע פון לאָורענץ אָליוויער — וואָס זעען מיר דאָן?

דער יונגער פּרינץ מאַכט דורך אַ טיפן קריזיס נאָך דעם מאָרד, וואָס אַ געהיימע האַנט איז באַגאַנגען איבער זיין פאָטער. ער פילט אין אַלע זיינע רמ"ח אברים די גרויסע טראַגעדיע און זוכט נקמה צו נעמען אין די מערדער. דער נקמה־אַקט איז די אַקס אַרום וועלכער עס באַוועגט זיך די גאַנצע דראַמע און מיר דערוואַרטן אַז האַמלעט, דער גואל־הדם, זאָל אויספירן די נקמה. אָבער פאַר וואָס לייגט ער עס כסדר אָפּ? איז עס טאַקע צוליב דער שוואַכקייט פון זיין כאַראַקטער, נישט זייענדיק מסוגל צו רעאַליזירן זיין פּלאַן? ניין, מיר זעען אין דעם פּרינץ אַ געניוג שטאַרקן כאַראַקטער אויסצופירן זיינע באַשלוסן. ער וויל אָבער פאַרן דורכפירן דעם נקמה־אַקט האָבן אויף דער האַנט די הונ־דערט־פּראָצענטיקסטע באַווייזן פון זיין פעטערס שולד אין דעם פאַרברעכן. ווייל האַמלעט איז נישט בלויז דער גואל־הדם, נאָר אויך דער שופט־צדק און תלין אין איין פּערזאָן. ער איז דער ריכטער פון זיין צייט און פון אַלע צייטן קעגן די פאַרברעכנס וואָס ווערן באַגאַנגען אונטער דער זון. האַמלעט פּערזאָניפיצירט די באַרעכטיקטע שנאה קעגן יעטוועדער ברוטאַליטעט און הי־פּאָקריזיע. זיין האַס איז נאָך שטאַרקער קעגן די ראַפינירטע באַנדיטן, וועלכע מאָרדן און באַקומען נאָך אַלס באַלוינונג די קעניגלעכע קרוין.

דער יונגער פּרינץ האָט דערזען דעם פאַרראַט פון „פריינד" און היפּאָקריזיע פון זיין אייגענער מוטער, וואָס האָט תיכף נאָכן מאָרד פון איר מאַן געקענט גלייך חתונה האָבן, און מיט וועמען!... עס גייט אים נאָך די שטימע פון קבר, וואָס מאָנט חשבון און רופט צו מעשים פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט, ער זאָל ווערן דער גואל־הדם און אָפּצאָלן דעם פאַרברעכער מיט „נקמת דם השפוך". אָבער צוליב זיין שטאַרקער געוויסנהאַפ־טיקייט לייגט ער כסדר אָפּ זיין נקמה־באַשלוס ביז ער וועט האָבן

די פולסטע באַווייזן קעגן דעם שולדיקן אין פאַרברעכן. ער איז אומפּעאיק צו אַקטיווע מעשים ביז ער וועט וויסן צי דער רוח פון פאָטער איז פון הימל אָדער פון טייוול, וועלכער האָט דאָך געקענט אָנטאָן די מאַסקע פון זיין פאָטערס געשטאַלט כדי אים צו פאַרפירן... דער רוח איז האַמלעטס הויפּט־פּראָבלעם! און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אין שעקספּירס צייטן, אין עליזאַ־בעטישן ענגלאַנד האָבן רוחות געהאַט אַ רעאַלע באַדייטונג. דעריבער, אפילו נאָכן זעען זיך מיטן רוח פון פאָטער, צווייפלט ער נאָך אַלץ אין דער אידענטישקייט פון די פאַקטן... ערשט די אומגעריכטע פאָרשטעלונג אין דער דראַמע גיט אים די מעג־לעכקייט פעסטצושטעלן די קין־שולד פון זיין פעטער.

האַמלעטס משוגעת־ראָל איז אַ ציל־באַוואוסטע און גע־פּלאַנטע. עס איז אַ מיטל אָפּצוציען פון זיך די אויפמערקזאַמ־קייט פון מערדערס פאַרדאַכט, אַז זיין ראָל אין פאַרברעכן איז אויפגעדעקט געוואָרן דורך האַמלעטן. דער נקמה־נעמער טאָר נישט אומקומען פריער איידער ער האָט אויסגעפירט די שליחות פון זיין פאָטער. זיין פּאַסיווקייט איז אַ גוטע מאַסקע ערב דעם נקמה־אַקט און אַזוי זענען אויך די האַנדלונגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ פּסיכאָלאָגישע גאַנצקייט.

שעקספּיר האָט האַמלעטס משוגעת־ראָל אויסגענוצט פאַר נאָך אַ צוועק: דורך דעם מעדיום פון משוגעת, האָט ער אַרויס־געבראַכט ביטערע אמתן. דורך דער־אָ מאַסקע קומט שאַרפער צום אויסדרוק דער סאַרקאַזם, די בייסיקע סאַטירע פון האַמלעטס ליידנשאַפטלעכע מאָנאָלאָגן קעגן היפּאָקריזיע און די באַהאַלטענע געמיינקייטן פון דער א.ג. העכערער געזעלשאַפט. האַמלעט גיט אויף זיין הויכע פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט (צו וועלכער ער געהערט דורך געבורט), בכדי צו דערפילן די עטלעכע טויזנט־יעריקע נביאישע מאָנונג: „האָסט געהרגעט און ווילסט אויך ירשענען?" ער פאַרקערפּערט דעם געוויסן פון דער מענטשהייט, וואָס פלאַקערט אויף אין יעדן דור ביי מענטשן פון אַ טיף־מאָראַ־לישן און אינטעלעקטועלן אידעאַליזם. זיין אויפגאַבע איז פאַר־בונדן מיט זעלבסט־פּייניקונגען און זעלבסט־פאַרלייקענונג. עס איז אַ רוף און אַ וואָרענונג פאַר אַלע צייטן און דורות, אַז קיין שום פאַרברעכן טאָר נישט און קען נישט פאַרווישט ווערן אויב די וועלט וויל האָבן אַ מאָראַלישן קיום.

נאָר אין דער באַליכטונג איז די „האַמלעט"־דראַמע אייביק אַקטועל און מיטצייטלעריש. מיר קענען זי אינטערפּרעטירן אין ליכט פון אונדזער פינצטערער צייט מיט אירע שווידערלעכע פאַרברעכנס. דורך אַ טיפערער אויסמעסטונג, איז די „האַמלעט"־דראַמע אַן אַרויספאָדערונג צום וועלט־געוויסן און דער הויפּט־העלד — דער שליח־ציבור און מאָנער פון גערעכטיקייט פאַר אַלע דורות און תקופות — אונדזערע איינגעשלאָסן!

„האַמלעט" אויף דער בינע און עקראַן

יעדע איינע פון די גרויסע דראַמעס דאַרף קענען רעדן צו יעדן נייעם דור. באַזונדערס איז עס נויטיק אין דער היינטיקער צייט, ווען דער טעאַטער קומט מיט נייע פאָרמען (וועלכע עס איז אָפט שווער צו פאַרשטיין). ווי באַוואוסט, מאַכט די היינט־צייטיקע דראַמע אַדורך אַ טיפן קריזיס אויף וועלכן איך קען זיך אין די ראַמען פון דער אָפּהאַנדלונג נישט אָפּשטעלן. איך וועל נאָר דערמאָנען די לייענער, וואָס לאָורענץ אָליוויער האָט נישט לאַנג דערציילט, אַנעקדאָטיש, פון אַ געוויסן דראַמאַטורג, וועלכן אַ פרוי האָט געפרעגט ווי אַזוי ער שרייבט זיינע דראַמען? „גאַנץ פשוט, מאַדאַם", האָט ער איר געענטפערט, „אין ערשטן אַקט לאָז איך מיין העלד אַרויף אויף אַ בוים. אין צווייטן אַקט וואַרף איך אויף אים שטיינער. אין דריטן — נעם איך אים אַראָפּ פון בוים". אָבער איצט, באַמערקט אָליוויער, קען מען עס מער נישט טאָן. אונדזערע היינטיקע פּיעסן זענען שוין אין צוויי אַקטן און ענדיקן זיך מיט אַ גרויסן פראַגע־צייכן. ווייל מענטשן ווילן מער שוין נישט גלויבן אין אַ גליקלעכן סוף פון אַ דראַמע ביים דריטן אַקט. אַמאָל איז דאָס לעבן גופא געווען מיט דריטע אַקטן, מיט אַ גליקלעכן אָדער צופרידנשטעלנדיקן סוף אַלס לייזונג. דאָס עקזיסטירט שוין נישט מער. „מיר האָבן נישט, באַמערקט אָליוויער, היינט קיין לייזונג. מען קען נישט די מענטשן צוריק־שיקן אַהיים מיט זייערע געלייזטע פּראָבלעמען. זיי וועלן פשוט נישט גלויבן דיר..."

ביי דעם גרויסן קריזיס פון דער היינטצייטיקער דראַמע, קען מען בעסער אָפּשאַצן די איבערצייטלעכע עלעמענטן און די דראַמאַטישע גבורה פון דער שעקספּירישע דראַמע. און ווען איך רעד וועגן דער שעקספּיר־דראַמע, זע איך פאַר זיך די

גרויסע אויפפירונגען פון די אויבן דערמאָנטע ווירטואָזן־שוי־שפּילער, וועלכע האָבן אין זייערע גרויסע ראָלן אַריינגעבראַכט זייערע דערפאַרונגען און בינע־קונסט, טעכניק און דערגריי־כונגען. איך וויל זיך דאָ באַזונדער אָפּשטעלן אויף די אויפ־פירונגען פון דער שעקספּיר־דראַמע דורך לאָורענץ אָליוויער און זיינע אומפאַרגעסלעכע קרעאַציעס. אַמאָליקע צייטן, האָט ער דערציילט אין אַן אינטערוויו, האָט מען געקענט הערן אפילו ווען מען האָט גערעדט אין דער פינצטער. היינט אָבער מוז מען באַנוצן אַזאַ שטאַרקן ליכט פון וועלכן אירווינג (אַ באַרימטער שוי־שפּילער) וואָלט פאַרבלענדעט געוואָרן. „די אויערן פון די מענטשן זענען היינט פאַרטויבט פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע און גאַסן־פאַרקער. זייערע אויגן שפּייזן ערשט זייער געהער. זיי קענען בעסער הערן, אויב זיי קענען אויך זען".

אָליוויער האָט די שעקספּיר־דראַמע אויפגעפאַסט אַזוי, אַז דער היינטיקער פּובליקום זאָל עס קענען אויפנעמען און דורכ־לעבן. ער האָט אויך דורכן מעדיום פון פילם געפּרואווט אַריינ־ציען דעם מאַסן־צושויער אין שעקספּירס אויפשטורעמדיקע דראַמאַטישע פּערזן, די אויגן זאָלן שטאַרקן דעם געהער און שפּייזן זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט. וויל איך זיך דאָ אָפּשטעלן אין די ווייטערדיקע שורות אויף אָליוויערס — האַמלעט אויפן עקראַן.

זיין האַמלעט איז אַ קרעאַציע פון אַ פּרינץ־אַריסטאָקראַט, אַ טרוימער און פילאָזאָף, אַ טיף־גערעכטער און טיף־ליידנדי־קער, וואָס לעבט זיך אויס איינזאַם און עקסצענטריש פון דער ערשטער סצענקע, ווען ער באַווייזט זיך אויף דער עסטראַדע ביזן סוף זיינעם, ווען ער שטאַרבט פון דער פאַרגיפטיקטער שווערד. אָט די האַמלעט־קרעאַציע דאָמינירט איבער דער גאַנ־צער דראַמע: זיין פאַרוואָגלטקייט, צווייפל, עלנט, זוכענישן און פּייניקונגען ווען עס דערגייט צו אים די גרויסע קללה, וואָס שרייט פון זיין פאָטערס קבר אַרויס. זיינע אַנטפּלעקונגען, און ווי פון יעדער אַנטפּלעקונג בלייבט איבער אַ סוד, אַ הענגענדיקע מיס־טעריע, וואָס שוועבט אַרום די לעבעדיקע... און נישט נאָר די מענטשן ווי אויגן־עדות, אויך די ווענט וואָס ווייסן אַזוי פיל און שווייגן...

איך האָב דערמאָנט די הויפּט־ראָל, אָבער אויך די עפּיזאָ־

דישע און פּראָפּילאַרע זענען בולט געצייכנט און קינסטלעריש־דראַמאַטיש אויסגעשפּילט. ספּעציעל מוז אויסגעטיילט ווערן די אָפעליאַ־קרעאַציע (געשפּילט דורך דזשין סימאָנס) — דאָס פּאָע־טישע שעקספּיר־קינד, וואָס שפּילט אַזוי וואונדערלעך אויס די ראָל פון משוגעת... אָפעליאַס אַרויפקומען און טיילן בלומען פון אַ ליידיקן אָרעם. אירע צוויי פרעגנדיקע און דערציילנדיקע אויגן, וועלכע רעדן מיט אַזאַ וואַרהאַפטיקייט. טאַקע בעת איר שפּילן פילט מען, אַז נישט נאָר דאָס פּובליקום האַלט אײַן דעם אָטעם, נאָר אויך אַלץ וואָס געפינט זיך אין זאַל און אויף דער בינע.

*

די רעזשי איז געגאַנגען אויף דער ליניע פון שנײַדן די טעקסטן פון די מאָנאָלאָגן און געשפּרעכן. בעת אָט דער „כי־רורגיע" איז אָבער געווען אַ באַציאונג פון קינסטלערישער פּיעטעט צו אַלץ וואָס איז וועזנטלעך און לעבעדיק אין שעקס־פּירישן טעקסט. די רעזשי האָט שטאַרק געזאָרגט, אַז די שטימען, מימיק, קלאַנגען און פאַרבן זאָלן העלפן אַרויסברענגען די דינ־סטע ניואַנסן פון דער דראַמע. מען האָט געשפּירט די האַרמאָנישע איינהייטלעכקייט פון ווערטער, באַוועגונגען און אַקציע. עס איז שווער צו דערמאָנען זיך אָן אַנדער גרויסע, דראַמאַטישע אויפ־פירונג וואו דער הינטערגרונט, די דעקאָראַטיווע זייט זאָל שפּילן אַזאַ באַדייטנדיקע ראָל ווי אין לאָורענץ אָליוויערס „האַמלעט"־פילם. די מאַסיווע, לאַנגע קאָרידאָרן, די עסטראַדע מיט די טרעפּ ביים שטורעמדיקן ים, די פּאַנפּאַרן, די שטורקאַצן ביינאַכט — אַלץ צוזאַמען האָט בײַגעשטייערט אין שאַפן די אַטמאָספער פון קעניגלעכן פּאַלאַץ אין מיטלאַלטער און צוגעגעבן קאָלאָריט דער שטאַרקער דראַמאַטישער אַקציע.

אוודאי דאַרף אויסגעטיילט ווערן אָליוויערס האַמלעט־מאַסקע, דער אופן ווי ער האָט אויסגעשפּילט זיין טיפע דער־שיטערונג ווען דער רוח דערציילט אים פון הינטער דער מצבה וועגן שולדיקן אין מאָרד... זיינע פיינפולע באַמיאונגען אויפ־צודעקן דעם אמת, זיין משונהדיקע אויפפירונג, זיין איבעררייס מיט דער געליבטער אָפעליאַן — דאָס אַלץ וואָס דאַרף אים מאַכן אויסזען אומנאָרמאַל אין די אויגן פון דער וועלט — איז אויסגע־

שפּילט געוואָרן מיט קינסטלערישער שלמות ביזן סוף פון דער דראַמע.

בעת איך האָב זיך צוגעקוקט צו זיין אויסשפּילן דאָס טיפע, דערשיטערנדיקע פּונעם מענטשלעכן לעבן, פון דער וועלט בכלל מיט איר אכזריות, פּייַן און געלעכטער, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק ישראל שטערנס אַ זאָג: „די וועלט איז נישט גרעסער פון דיין האַרץ מיט איר געוויין און געלעכטער און דיין האַרץ איז נישט וויַנציקער ווי די וועלט״.

ווי תמיד, האָט אויך דאָ אַליוויערס רעזשי געלייגט גרויס אַכט אויף די מינדסטע קלייניקייטן („וויַיסן מיר דען גענוי וואָס איז גרויס און וואָס איז קליין אין לעבן״? — י.ש.), דאָך זענען פאַרבליבן אייניקע בלויזן און שוואַכע מאָמענטן אין דער אויפפירונג. איך וועל זיי אָבער דאָ נישט דערמאָנען, שוין צוליב דעם איך זאָל באַלאַנסירן די זייער פיל הערלעכע מאָמענטן פון דער פאָרשטעלונג, וועלכע איך האָב אויך נישט דערמאָנט...